STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00986

GRUNT-TENDENTSN FUN DER YIDISHER LITERATUR IN AMERIKE

B. Rivkin

Permanent preservation of this book was made possible by
David, Jon, Carmen, Judy, Abe & Alex
in honor of
the 50th anniversary of Melvin & Cynia Shimm, August 15, 1998

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ריווקין

גרונט-טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע

צונויפגעשטעלט פון

מינאַ באָרדאָ-ריווקין

איקוף פארלאג

1948

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער
הילף פון
דאָרע רייך

געדרוקט אין 2,100 עקזעמפּליאַרן.

Copyright 1948 by Minnie Rivkin, New York.
Printed in U. S. A. 400

אינהאַלט־פאַרצייכעניש:

ערשטער טייל

דער איראָפּעאישער הינטערגרונט:
ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — וואוהין? — — — — — 9
דער אַמעריקאַנישער הינטערגרונט — — — — — — — — 52
די איבערגאַנג־שטופּע — — — — — — — — — — — — — 105

צווייטער טייל

„כמו־טעריטאָריע — במקום רעליגיע" — — — — — — — 145

דריטער טייל

„נאַציאָנאַלע פאָרם — סאָציאַליסטישער אינהאַלט":
„נאַציאָנאַלע פאָרם" — — — — — — — — — — — — 191
ייִדישע „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע" — — — — — — — — — — 211
דער הויפּט־תנאַי פאַר סאָציאַליסטישער בויאונג — — — — — 223
אַ מעגלעכער טריאומף פאַר דער סאָוועטיש־ייִדישער
ליטעראַטור — — — — — — — — — — — — — — 232

פערטער טייל

די ליטעראַטור האָט פאָראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע — — — — 257
דרייסיק יאָר ליטעראַטור — — — — — — — — — — — 283
דווקא אַמעריקע ייִדישט די ייִדישע ליטעראַטור — — — — — 299
די צוויי בריקן וואָס די ייִדישע ליטעראַטור וואַרפט איצט
צו דער ייִדישער רעליגיע — — — — — — — — — — — 305
„אינזיכיסטן" — — — — — — — — — — — — — — 313
ז. ווײַנפּער אין דער ייִדישער פּאָעזיע — — — — — — — — 319

פינפטער טייל

נויטיק: קאָאָפּעראַציע צווישן דער אַמעריקאַנער ייִדישער
ליטעראַטור און דער סאָוועטישער — — — — — — — — —325
קאָאָפּעראַציע מיט סאָוועטישע שרייבער — די דערלייזונג
פון דער היגער ייִדישער ליטעראַטור — — — — — — — — 335

ביבליאָגראַפישער נאָטיץ

די עסייען וואָס גייען דאָ אַריין אין דעם בוך, זיינען געשריבן פון ב. ריווקין ע"ה און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין משך פון 1936־1945:

1. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין די „זאַמלביכער" פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק. ערשטער טייל אין 1936, צווייטער טייל אין 1938.

2. נאַציאָנאַלע פאָרם און סאָציאַליסטישער אינהאַלט, אין „יידישע קולטור", 1936 און 1938.

3. די ליטעראַטור האָט פאַראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע, אין „יידישע שריפטן", 1944, און אין „יידישע קולטור", 1945.

4. דרייסיק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין „טאָג", 1944 און 1945.

5. די אינזיכיסטן און ז. ווינפּער זיינען פון נאָכלאָז. דאָס איז אַ פראַגמענט־צוגרייטונג צו אַ גרעסערער אַרבעט.

6. קאָאָפּעראַציע מיט סאָוועטישע שרייבער, אין „איינקייט", 1944 און 1945.

גרונט-טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע

ערשטער טייל

דער אייראָפּעאישער הינטערגרונט

יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — וואוהין?

די פראַגע „וואוהין?" ווערט געפרעגט אַנשטאַט צו פרעגן „וואו?" — וואו האַלט עס מיט דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע היינט? דער „וואוהין" דאַרף מיר פאַרלייכטערן דעם ענטפער אויף „וואו". דער אויסקוק צו דער צוקונפט זאָל מיר העלפן צום איינבליק אין היינט.

דער „היינט" נעמט אַרום די אַלע יעניקע שריפטשטעלער, וואָס ווירקן אין דעם היינט. דאַרף איך אָנהייבן לכל־הפחות פון אַ צייטפּונקט מיט 25 יאָר צוריק — פון דעם צווייטן אָנהייב, וואָס די יידישע ליטע־ראַטור האָט דאָ אין לאַנד געהאַט מיט דעם אויפקום פון די „יונגע" — אַ פּעריאָד, וואָס איז אוודאי נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן, און אפשר איז עס נאָך צו פרי פאַר דעם.

ניט אויף צו פאַרשפּאָרן די שפּעטערדיקע אויספאָרשונגסאַרבעט, נאָר ווי אַן אַריינפיר צו איר, באַהעלף איך זיך מיט די פירנדיקע פראַגן „וואוהין?־וואו?" — דער „וואוהין" איבער דעם „וואו" באַטייט, אַז איך וועל זיין מער פאַראינטערעסירט אין די טענדענצן, אין די טרייב־קרעפטן, וואָס באַוועגן די ליטעראַטור פאָרווערטס, צוגרייטנדיק איר צו־קונפטיקן גאַנג, איידער אין דער געניויער פאַקטישער געשיכטע פון איר אַנטוויקלונג פאַרן לעצטן פערטליאָרהונדערט. פאַר די טענדענצן קאָן איך יוצא זיין מיט אילוסטראַציעס — אָפּשטעלנדיק מיין הויפּט־אויפ־מערקזאַמקייט אויף די שריפטשטעלער, דורך וועלכע די טענדענצן האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן, אָדער וועלכע האָבן די טענדענצן אַרויסגע־בראַכט. און איך בין ניט מחויב זיך צו פאַרהאַלטן צו לאַנג אויף יעניקע, וואָס מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען פון די טענדענצן געטראָגן געוואָרן. במילא, וועלן די פראַגן „וואוהין - וואו?" אַרויספאָדערן ביי מיר סוב־יעקטיווע ענטפערס; במילא וועלן מיינע סימפּאַטיעס־אַנטיפּאַטיעס, פאַרצוגן, ליבלינג־אידייען, ריקבליקן און אויסבליקן אַרויסגעפירט ווערן אין פאַראַד; און אַזוי זאָל עס פאַרשטאַנען ווערן.

אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען דער לעצטער פערטל יאָר־הונדערט פון דער יידישער ליטעראַטור וועט גענומען ווערן אונטער אַ

גרינטלעכער אויספאָרשונג, וועט דער הינטערגרונט אירער, אירע ביידע הינטערגרונטן — סיי אין אַמעריקע און סיי אין אייראָפּע — דאָך שוין דאַרפן זיין אויפגעלויכטן. איז דאָס דען געטאָן געוואָרן? קוים־קוים. בלויז די קליינע צאָל פּיאָנערן, וואָס זייערע געבוירנטעג, יאָרצייטן און יובלס זענען מער ווי איינמאָל געפייערט געוואָרן — בלויז זיי האָבן געהאַט וויפיל ניט איז די זכיה דערגרונטעוועט צו ווערן.

טריי צו מיין מעטאָד, וועל איך פון די ביידע הינטערגרונטן אַרויס־ציען בלויז די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געירשנט, און פּאַרוואַנדלטע, ווירקן זיי נאָך היינט און פורעמען די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. און איך הייב אָן די עקספּאָזיציע פון די געירשנטע טענדענצן מיט דער פראַגע: וואָס האָט געגעבן דעם געבוירנשטויס צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור? — דאָס איז די זעלביקע פראַגע, וואָס איבער־ברעכנדיק זיך אין באַוואוסטזיין פון יידישן שריפטשטעלער־פּיאָנער, האָט זי זיך ביי אים געפרעגט אַזוי: צו וואָס יידישע ליטעראַטור? וואָס איז מיין כוונה מיט איר? — אַ קאַרדינאַלע פּראַגע, וואָס אָפּענטפערנדיק אויף איר, האָט די פּיאָנערישע יידישע ליטעראַטור אַריינגעזויגן אין זיך אירע ערשטע צוויי הויפּט־טענדענצן.

פאַרוואָס גראָד האָט מען עס ביי יידן געדאַרפט פרעגן: צו וואָס ליטעראַטור? — ווייל ליטעראַטור, וואָס ליטעראַטור הייסט, איז געקו־מען צו יידן מיט אַ געוואַלטיקער פאַרשפּעטיקונג, ווען די אַרומיקע גרויסע וועלט איז שוין לאַנג באַזאָרגט געווען מיט ליטעראַטור, וואָס האָט שוין געהאַט אירע פעסטע איינגעשטעלטע פאָרמען. געקומען צו אַ פאָלק, ביי וועמען עס איז ניט געווען די נאַטירלעכע סביבה, וואָס פּראָדוצירט ליטעראַטור: ניט נאָר אָן אַן אייגענעם טעריטאָריעל־מלוכהשן לעבן, נאָר אויך אָן אַן אייגענעם פאַררונדעטן עקאָנאָמיש גע־זעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זאָל צווינגען די אינטעליגענץ צונויפצורעדן זיך מיטן פאָלק דורך ליטעראַטור; צו אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך דערצו גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז פאַררעכנט געווען ביי דער אינטעליגענץ פאַר אַ נבזה. די אינטעליגענץ צווישן זיך האָט געדברט און געכתיבהט לשון קודש און צום בעלהבית וועגן פריוואַט־געשעפט און צו דער וועלט וועגן געזעלשאַפטלעכן געשעפט האָט זי גערעדט—אין רוסלאַנד רוסיש און אין פוילן פויליש. און ועל כולם צו אַ פאָלק, וואָס לויט היסטאָרישער געוואוינהייט און לויט אינסטינקט איז עס געווען שטאַרק קעגן עצם ענין ליטעראַטור לשמה; אַ פאָלק אַ בעל תכלית; מיט אַ שאַרפן אינטעלעקט־טועלן אינטערעס אַלס פאַרויסגייער אויף אַלע זיינע לעבנסוועגן . . .

האָט דער פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור געהאַט פאַר זיין ערשטער און שווערסטער אויפגאַבע צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן ליטעראַטור אין די אויגן פון פאָלק — פאַר דעם פאָלקס תכלית־געפיל און באַוואוסטזיין. און אַ צווייטע, אפשר ניט קיין לייכטערע אויפגאַבע: צו שאַפן עפּעס ענלעכעס צו אַ נאַטירלעכער סביבה, וואָס רופט אַרויס באַדערפעניש אין ליטעראַטור. די ערשטע אויפגאַבע האָט דערפילט מענדעלע מוכר ספרים; די צווייטע — שלום־עליכם.

ווען מען שטודירט מענדעלעס ווערק אין זייער שטופנווייזן שטייגן צו אַלץ מער קינסטלערישקייט, לאָזן זיי פון זיך אָפּלערנען, ערשטנס: — אַז ניט נאָר זיין ערשט יידיש ווערק „קליינמענטשעלע״, נאָר אַלע זיינע ווייטערדיקע ווערק האָבן באַקומען זייער געבוירנ־שטויס פון דער אידייע פון תכלית. קיין איין ווערק, אַפילו ניט „שלמה ר׳ חיימס״, איז ניט געבאָרן געוואָרן פון ריינער כונה צו שאַפן ליטעראַטור. אַלע זענען זיי, אָן אויסנאַם, פאַרענטפערט און באַרעכטיקט דורך דער גרויס־תכליתדיקער אידייע צו העלפן דער יידישער עדה קעגן דער טיראַניי פון אינעווייניק און פון אויסווייניק — קעגן דער טיראַניי פון קהל־שטיבל, וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון דער יידישער גביראָקראַטיע, אויף וויפיל זי איז געווענדט געווען מיטן פנים צו דער יידישער גאַס (איר הויפּט־געשעפט האָט זי געפירט אויף דער רוסישער גאַס); קעגן דער טיראַניי פון גאַנצן רציחה־רעזשים, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם יידן פאַר דעם קרבן, קעגן וועמען אַלע זיינע אַנדערע קרבנות זאָלן זיך פילן ווי גליקלעכע. אַפילו „שלמה ר׳ חיימס״, וואָס קומט צו אַמנעענטסטן צו ריינער ליטעראַטור, איז אויך דיקטירט פון אַ תכלית־צוועק: אפשר וואָלט דער גייסטיקער צעמענט, וואָס האָט אַמאָל צונויפגעהאַלטן די יידישע עדה, אויך איצט איר קאָנען דינען צו פאַרשטאַרקן איר ווידערשטאַנד קעגן דער רשעות? די סאַמע געבורט פון דער יידישער ליטעראַטור דורך מענדעלען איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין תכליתדיקער פאָל־קיסטישער איינשטעלונג. מיט זיין איבערגאַנג צום פאָלקס לשון האָט ער איבערגעריסן מיט דער זיס ליבעראַלער משכילישער אינטעליגענץ, נאָכדעם ווי ער איז געוואָר געוואָרן — גיכער האָט ער עס דערפילט, ווי דערגאַנגען מיטן באַוואוסטזיין — אַז די „השכלה בת השמים״ איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי די אידעאַליזירונג פון דער לעבנס־פּראַקטיק פון דער אינטעליגענץ אין איר ראָלע פון אַן אייזדעלער משרתטע ביי דער יידישער גביראָקראַטיע, וועלכע איז גאָר ניט

געווען אַזאַ איידעלע משרתטע ביי דער צאַרישער אויטאָקראַטיע. ניט אומזיסט איז די ערשטע גילדענע פראַזע פון דער ערשט־געבאָרענער יידישער ליטעראַטור געווען: „קיין טאַנץ פאַרן עסן". אַנשטאָט דער משכילישער „ליכט־און־אויפקלערונג", וואָס מאַכט זיך ניט וויסנדיק וועגן אָרימאַנס מאָגן, ווערט דאָ אַרויסגערוקט דער פראָסט־פשוטער אָרימאַנסקער תכלית: ברויט! — גיב מיר ברויט, וועט מיר ליכטיק ווערן אין די אויגן!

צווייטנס, לאָזט זיך פון אַ שטודיום פון מענדעלעס ווערק אָפּלערנען, אַז די גרויס־תכליתדיקע אידייע איז ניט נאָר געווען די שטויס־קראַפט צו דער געבורט פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די טרייב־קראַפט צו איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג. דער סאַמע מעטאָד זיינער זאָגט עדות, אַז זיין קינסטלערישקייט שטאַמט פון זיין תכליתדיקייט אַרויס. דער משל, דאָס משל־פּראָדוצירנדיקע פאַרשטעלעניש דורך אַ מוכר ספרים, זענען פונקט צוגעמאָסטן צו מאַכן אַ תכליתדיקן געדאַנק דערציילעריש זיך באַוועגן. דאָס האָט דער בעל־תכלית אָנגענומען דעם קינסטלער ביי דער האַנט, אים געפירט און געלערנט, וואָס בולטער צו ווייזן, צו שילדערן, צו געשטאַלטן; וואָס געלויפיקער צו דערציילן — פאַר אַ שטאַרקערער פעולה; תכלית האָט זיך פאַרקינסטלערט פאַר אַ גרעסערן תכלית. בעת די תכלית־אידייע סטאַרטשעט נאָך אַרויס סקעלעטן־אַרטיק אין „קליינמענטשעלע" און די מעשה דערציילט זיך קוים, נעמט דער אידייען־סקעלעט אַלץ מער אָן אויף זיך קינסטלערישן לייב דורך דער „קליאַטשע", „מסעות", „פישקע", „ווינטשפינגערל"... דאָס האָט דער פאַרקינסטלערטער תכלית־קוק אַלץ ברייטער אַרומגענומען דעם כלל און אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אין דעם פרט. אָן דער פאַרקינסטלערונג וואָלט ניט געווען קיין אַרומנעמונג און קיין אַריינדרינגונג.

און נאָכפאָלגנדיק דעם תכלית־קוק, האָט מענדעלע דערווייל טועם געווען פון דער קינסטלערישער הנאה; ער האָט זיך אָנגענומען מיט דער שרייבערישער לופט. דער אַלטער יידישער ספר האָט דערפון ניט געוואוסט. ער איז געווען אַ געפאַנגענער ביי זיין שטרענגער כונה. דאָס איז געווען דער נייער מעטאָד — דער ליטעראַריש־קינסטלערישער, וואָס ניט נאָר דערלויבט ער, נאָר פאָדערט אַרויס פרייען שפּיל — דער מעטאָד האָט אַרויסבאַפרייט אַ דערציילונג־שילדערונג־טעכניק. און די בעלי־מליצה און זייער מאָגערער שיל־

דערער־דערציילער אין לשון קודש אַבראַמאָוויטש — איז, איבערגייענדיק צו ייִדיש אונטער דער מענדעלע־מאַסקע, געוואָרן אַ זאַפּטיקער קינסטלער. און צו מאַכן אַ סך־הכל, ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווארום איז דאָס אים אין לשון קודש ניט געלונגען? ווייל אויף מאַמע־לשון, זייענדיק געצוואונגען צו זוכן אַ פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פאַר ליטעראַטור, האָט מענדעלע געמוזט זיך אָנלאָדן מיט לעבעדיקן תכלית — צו דינען דעם פאָלקס־מענטשן — און דער תכלית־דינסט, אין פרייער איבונג, האָט אָנגעצויגן קינסטלערישקייט.

און עס בלייבט אַ גרונט־אמת וועגן דער יידישער ליטעראַטור, ווי עס איז געווען אין דער פּיאָנערן־צייט: זי מוז שטענדיק פאַרענטפערט און באַרעכטיקט ווערן. ווי זי וואָלט כסדר געווען אין דער בחינה פון געבאָרן ווערן. און די גרויס־תכלית־אידייע, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו איר אָנהייב, איז געבליבן די קראַפט, וואָס דערהאַלט זי ביים לעבן און באַוועגט זי צו אַלץ מער קינסטלערישקייט. און גרויס־תכלית מוז אָבער און ווידער גערופן ווערן צו הילף, כדי אַרויסצופירן זי פון אירע קריזיסן. און עס איז היינט קריזיס־צייט אין דער יידשער לטעראַטור . . .

און עס איז פאַראַן גענוג לעקציע צו לערנען פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור פון איר צווייטן פּיאָנער — שלום - עליכם. שלום־עליכם איז געקומען אויף דעם פאַרטיקן, פון מענעדעלען דורכגעאַקערט באָדן. הגם אָנגעהייבן האָט ער אויך ווי מענדעלע מעשה בעל־תכלית — פובליציסטיש־פעליעטאָניסטיש — אָבער די נויט צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן ליטעראַטור דורך תכלית איז שוין נישט געווען אַזוי שאַרף; איז אים לייכטער געווען דער איבערגאַנג צו שילדערונג - דערציילונג. אויך דאָ האָט אים מענדעלע געהאַט איינגעשפּאָרט אַ סך אַרבעט.ביידע האָבן געדעקט דעם זעלביקן שטח אין לאָקאַל און טיפּאַזש. די וואָלינער קליינשטעטלדיקע יידישע עדה איז שוין געווען אַרומגענומען — האָט שלום־עליכם נאָר געדאַרפט דערגאַנצן מענדעלעס קאַבצאַנסק מיט כתרילעווקע און דער פאָלקס־טיפּ איז שוין געווען אָפּגעפאָטאָגראַפירט — מיט זיין פנים, מיט זיין הילוך. אַפילו זיין אינעווייניק איז שוין געווען איינגעבראָכן: אָשר מעקלער פון „ווינטשפינגערל" איז אָן ספק דער טאַטע פון מנחם־מענדלען. און מענדעלעס „מענדעלע" איז אַוודאַי דער פאָרלויפער פון טביהן.

שלום־עליכם האָט אָנגעהייבן, וואו מענדעלע האָט אויסגעלאָזט. מענדעלע האָט דורך זיינע העלדן אָנגעוויזן דעם אַדרעס פון דעם

לעזער, דעם פאָלקס־מענטשן, צו וועמען די ליטעראַטור דאַרף זיין געווענדט. אָבער נישט גערעדט האָט ער צו אים פה־אל־פה, כדבר איש אל רעהו, נאָר אָביסעלע פונדערווייטנס, פון אויבן אַראָפּ, איבער דעם לעזערס קאָפּ. נאָר אים האָט ער געמיינט. איז געבליבן די צווייטע העלפט פון דער אויפגאַבע: דירעקט זיך ווענדן צו אים, געווינען, איינהאַלטן, פאַראינטערעסירן, פאַראינטריגירן מיט מעשה. פאַר דער אויפגאַבע איז שלום־עליכם געווען ווי געבאָרן: באַשאַנקען מיט דעם פאָלקס מענה לשון, בטבע אַ „זאָגער", און אַ ווערטל־זאָגער, מיט אַ פריילעכקייט, וואָס מאַכט לאַכן מיט דעם גוטן געלעכטער, וואָס לאָזט קיין בייזקייט ניט איבער, נאָר גיט צו געזונט — האָט ער געמאַכט דעם לעזער פאַר זיין העלד, וואָס ביידע רעדן זיי איין לשון. ניט מכוח דעם העלד האָט ער גערעדט, נאָר דער העלד איז זיין מיטשמועסער געווען.

און דערצו נאָך איז דער לעזער — דער העלד, דער פאָלקס־מענטש — געווען אַ מער אויפגעוועקטער, ווי אין מענדעלעס פּיאָנערן־צייט. זיכער האָט דער פּראָגרעס פון דער רוסישער האַנדלס־עקאָנאָמיק דערצו אַ סך בייגעטראָגן; דעם פאָלקס־מענטשן איז שוין פשוט טשיקאַווע געווען צו וויסן וואָס ליטעראַטור איז, כדי כאָטש ניט פאַרשעמט צו ווערן פאַר די קינדער, וואָס זענען געגאַנגען, אָדער גיכער זיך געריסן גיין, אין דער גימנאַזיע.

איז דורך שלום־עליכמען אַוועק אַ קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונג — פון דער ליטעראַטור אויפן לעזער און פון לעזער אויף דער ליטעראַטור; די ליטעראַטור האָט געמערט דאָס לעזערטום; דאָס לעזערטום — די ליטעראַטור. און אַזוי־אַרום האָט דורך שלום־עליכמען זיך איינגעשטעלט אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס דערפילט די געוויינלעכע עובדא פון קינסטלערישער ליטעראַטור: שפּיגלט־אָפּ די מענטשן, טוט זיי איבער, בעת זיי שפּיגלען זיך; געשטאַלטיקט זיי איבער. אַריינגענומען האָט ער זיי אין זייער יידישן לבוש, מיט באָרד און פאות, און אַרויסגעקומען זענען זיי פון זיינע הענט פונאַנדערגעקנעפּלטע, איבערגעטאָנענע, אַרומגעוואַשענע אין דעם וואַרימען שטראָם פון זיין הומאָר — מענטשן, ווי זיי וואָלטן, חס ושלום, קיין באָרד און פאות ניט געטראָגן. און ער האָט זיי צוגעפּירט צו גרונט־טיפּן, וואָס זענען גאָר נאָענטע קרובים צו אַלמענטש־טיפּן אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַנגעלייענט זיך מיט שלום־עליכמען, האָט דער ייד געקאָנט

בעמען קוקן אויף זיך אַליין מיט אַ מיטפילנדיקן פאַרשטענדניש־שמייכל, ווי אַנגעקוקט זיך אַליין מיט די אייגענע אויגן פונדערווייטנס; ער האָט געקאָנט לאַכן דורך טרערן אויף זיינע אייגענע אומגליקן — און דאָס איז דאָך די באַפרייאונג און די אויסלייזונג, וואָס גיט פולע פאַר־וואַנדלונג — און דאָס איז דאָך די העכסטע דערגרייכונג פון קינסט־לערישער ליטעראַטור.

מען קאָן געפינען געגנוג דירעקטע תכליתדיקייט ביי שלום־עליכמען, אָבער די דערהייבונג פון דער יידישער ליטעראַטור צו דער ראָלע פון אַ קינסטלערישער פאַרוואַנדלערן איז אַ גרויסער תכלית פאַר זיך גופא — אמת, אַן אומדירעקטער תכלית, אַ באַהאַלטענער, וואָס ווייזט זיך ערשט אַרויס אחר המעשה, ווען עס איז שוין פריער דאָ נאָטירלעכער באַדאַרף אין ליטעראַטור. שלום־עליכם האָט דעם באַדאַרף קינסטלעך אַרויסגערופן — טאַקע מיט דעם, וואָס אים, דעם ערשטן, איז געלונגען אַריינצורופן דעם ברייטן עולם אין דער ליטע־ראַטור. נאָך שלום־עליכמען האָט געגומען אויסזען, אַז ביי אונז איז אַלץ נאָרמאַל ווי ביי לייטן — הייבט אָן ווערן נאָרמאַל — ווי ביי אַ פאָלק מיט טעריטאָריע ,מיט אַ מלוכה, מיט אַן אָרגאַניש פאַר־צוויגטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס שלאָגט פון זיך אַליין אָפּ אַן אויבערשטע כוואַליע: ליטעראַטור, וואָס דאַרף ניט קיין קינסטלעכע אָנשפּאַרן, אויסוועניקסטע און אינעווייניקסטע, אויף צו האַלטן זיך. דאָס איז שלום־עליכמס אויפטו. אַ טעריטאָריעלאָז פאָלק — אין דעם זין, וואָס עס האָט ניט קיין אייגענע פאַרגרונדעטע געזעלשאַפט־לעכקייט, ווייל די יידישע גאַס פירט איר הויפּט־געשעפט אויף דער גויאישער — אַ טעריטאָריעלאָז פאָלק האָט דורך שלום־עליכמען באַ־קומען אַ כ מ ו ־ ט ע ר י ט אָ ר י ע ־ ליטעראַטור.

צו מענדעלעס גרויס־תכליתדיקער טענדענץ, וואָס שטאַמט פון דער ספּעציעלער קאָנדיציע ביי דער באַשאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור — דאָס וואָס זי האָט געדאַרפט פאַרענטפערט און באַ־רעכטיקט ווערן — איז צוגעקומען די פון שלום־עליכמען אַריינגע־בראַכטע כמו־טעריטאָריעלע ליטעראַטור־טענדענץ, וואָס קירצער וועלן מיר זי אָנרופן: די ל י ט ע ר אַ ט ו ר ־ ט ע נ ד ע נ ץ — ווייל די באַרייכערונג פון דער יידישער ליטעראַרישער פאָרם קומט געוויינ־לעך מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער כמו־טעריטאָריע־אילוזיע. ביידע קינסטלעך אַרויסגערופענע — קינסטלעך, ווייל די ערשטע איז די פרוכט פון באַוואוסטזיניקער באַמיאונג; די צווייטע, ווייל אונטער דער

כמו־טעריטאָריע איז דאָך קיין אמתע זיכערע טעריטאָריע נישטאָ —ביידע קינסטלעך־אַרויסגערופענע, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ווי די צוויי גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס באַקעמפן זיך צייטנווייז, אָבער אונטערשטיצן זיך גלייכצייטיק; וואָס ווען איינע פונקציאָנירט ניט ווי געהעריק, איילט די צווייטע צו דער רעטונג פון דער ליטעראַטור.

מיט 25 יאָר צוריק, ווען גרויס־תכלית אין דער יידישער ליטע־ראַטור פון אַמעריקע איז אויסגעביטן געוואָרן אויף קליינע תכליתימ־לעך, וואָס האָבן מיט זייערע טרוקענע דרשה־קולעכלעך געטריבן די ליטעראַטור אין אַ וויסטן קלעם, זענען אונטערגעקומען די „יונגע", מיט זייער גלאָריפיקאַציע פון ליטעראַרישער פאָרם, און האָבן די ליטעראַטור אַרויסגעפירט אויף אַ ברייטן שליאַך. און אין דעם איצ־טיקן קריזיס, ווען די ליטעראַטור דאָ איז געבליבן הענגען אויף משקולת, ווייל די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע האָט אָנגעוואָרן איר אָנ־שפּאַר אין לעזערטום, וואָס איז זיך צעקראָכן — דאַרף אונטערקומען גרויס תכלית און צוריקרופן דאָס אַלטע און צורופן נייעם לעזערטום.

די צוויי טענדענצן — די גרויס־תכליתדיקע און כמו־טעריטאָ־ריעלע — זענען געווען דער ענטפער, מיט וועלכן די פּיאָנערישע יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגערופן אויף דער פראַגע פון יידישן שריפטשטעלער־פּיאָנער: צו וואָס יידישע ליטעראַטור? דער „צו וואָס" האָט געבראַכט צו דעם „ווי אַזוי" — אַט אַזוי וועט די יידישע ליטעראַטור מעגלעך און נויטיק ווערן — דורך אַן אָנגעלאָדענער מיט גרויס־תכלית כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, וואָס פאַרבייט נאָרמאַלע לי־טעראַטור־פּראָדוצירנדיקע טעריטאָריע.

מיט די צוויי טענדענצן אַלס וועגווייזערס, לאָזט זיך שווין זי־כערער נאָכגיין דעם ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור.

י. ל. פּרץ האָט די ביידע טענדענצן אויפגעכאַפּט, און זיי פאַר־טיפט און פאַרברייטערט. לכתחילה אַן איבעריקן גלויבן אין דער שפּראַך און אַן באַרופס־באַוואוסטזיין אויף דער שפּראַך, האָט דאָס תכליתדיקע פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין זיין אויפמערקזאַמקייט, אַזוי ווי ביי מענדעלען און שלום־עליכמען. און ווידעראַמאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בעל־תכלית האָט אַרויסגעפירט דעם קינסט־לער אויף דער אַרענע; און פּרץ דער קינסטלער האָט זיך אָנגעלאָדן

אַלץ מער מיט יידישן ליטעראַטור־אינטערעס, מיט באַרופס־באַוואוסט־זיין פאַר דער יידישער ליטעראַטור — ביז צו אַ העכערן גראַד, ווי מענדעלע און שלום־עליכם. ווייל אין אַ גינסטיקערער סיטואַציע, ווי די ערשטע צוויי פּיאָנערן.

פּרץ האָט געהאַט פאַר זיך אַן אויפגעוועקטערן פאָלקס־מענטשן, ווי שלום־עליכם, און ווי מענדעלע אַוודאי — אַ פאָלקס־מענטשן, וועמען עס איז ניט נאָר טשיקאַווע געווען צו קענען זיך און די וועלט, און די ליטעראַטור האָט אים געדאַרפט דינען פאַר אַן אויגן־עפענער, נאָר ער האָט זיך שוין געגרייט צו אַקציע און האָט געמאָנט דערמונ־טערונג צו אַקציע. עס האָט זיך אויסגעטיילט דער אַרבעטס־מענטש, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען פון מחשבה למעשה; אַן אַרבעטער־באַ־וועגונג האָט זיך אויסגעפורעמט, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט אַלץ מער כוח, מוט און אַקטיוויטעט: די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַריינ־געצויגן אין זיך אַ פאָלקס־אינטעליגענץ; צום ערשטן מאָל אַן אינ־טעליגענץ, וואָס לעבט אין האַרץ און איין שפראַך מיט דער מאַסע; און די אינטעליגענץ האָט באַרעדעוודיק און בקול רם גענומען מאָנען פון דער ליטעראַטור — אין נאָמען פון דער אַרבעטערשאַפט — הילף אין איר דרייסטן קאַמף־פּאַרמעסט, און אין איר אייגענעם נאָמען: די מעגלעכקייט פול אויסצולעבן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַלע אירע אידייען, געפילן און צילן.

פּרץ איז אַנטקעגנגעקומען אָט די אַלע מאָנונגען פאַר דערמונ־טערונג, הילף אין פול אויסלעבן זיך. אָנגעהייבן האָט ער פון רעאַ־ליסטישע שילדערונגען, וואָס אָפּשפּיגלענדיק די מענטשן און דאָס לעבן, הייבן זיי אַרויס צו בולטקייט די סאָציאַלע מאָמענטן — די אָרעמקייט, די קעלער־שטוב אין דער גרויסער שטאָט, די איבלען פון פאַמיליען־לעבן, די עלנטקייט פון דער יידישער פרוי, פון יידישן קינד. דערנאָך האָט ער דירעקט גענומען העלפן דעם אַרבעטער־אינטעלי־גענט אין זיין אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע, אַטאַקירנדיק דאָס רעליגיעזע פאַרפירעניש, וואָס בענטשט דעם גבירס עולם הזה און קאָרמעט דעם אָרימאַן מיט עולם הבא, און צייטנווייז אָנרירנדיק מיט אַ מיטלייד־דיקן פינגער די וואונדן, וואָס עקספּלואַטאַציע ברענט אויס אין לייב און לעבן פון אַרבעטער — ספּעציעל פון דער אַרבעטער־פרוי. אַזוי אַרום האָט פּרץ דעמאָקראַטיזירט און אַפילו פּראָלעטאַריזירט דעם השכלה־דינסט פון דעם אינטעליגענט, דעם אַמאָליקן איידעלן נשמה־פאַרזאָר־

גער פון דעם שרדה, וואָס באַוועלטיקט מיט געלט די וועלט און יענע וועלט.

דאָס איז געווען דער אַזוי־גערופענער ראַדיקאַלער פעריאָד אין פרצעס שאַפן. און דאָ איז געשען אַן איבערברוך. האָבנדיק דעם אינטעליגענט פאַר זיין הויפּט־אַדרעס — אַפילו צום אַרבעטער האָט ער מערסטנס גערעדט אויפן אַדרעס פון אינטעליגענט — איז פרץ, דער ערשטער אַריינצופירן דעם אינטעליגענט אין דער יידישער ליטעראַטור, אויך געווען דער ערשטער אַריינצוברענגען פּראָבלעמען אין דער יידישער ליטעראַטור. צווייערליי פּראָבלעמען — וועגן תכלית און וועגן עצם ענין ליטעראַטור. די האַרבע פּראָבלעמען, וואָס אייניקע פון זיי זענען געווען איבער דער ראַדיקאַל־אויפקלערערישער השגה פון דאַמאָלסדיקן אינטעליגענט.

דאָס פּראָבלעם פון תכלית. פרצעס אַדרעסאַט — דער וואַרשע־ווער אינטעליגענט — האָט אויף דער פראַגע פון תכלית געענטפערט זייער איינפאַך: אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע, סטרייק, דעמאָנסטראַציע — ביז אין דער רעוואָלוציע אַריין. דער טיפערער און טיף־יידישערער אינטעליגענט פרץ האָט געפרעגט: אויב פון יידישן פאָלקס־מענטשן ווערט פאַרלאַנגט אַזויפיל אַקטיוויטעט — ביז צו באַטייליקן זיך אין מאַסן־אויפברויז פון רעוואָלוציע — וואו וועט ער נעמען כוח פאַר דעם? אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע זיינען נישט גענוג שפייזערנס מיט כוח, דער יידישער רעזערוואואַר דאַרף געעפנט ווערן — צו צאַפּן כוח פון די אַלטע יידישע נשמה־קוואַלן. עס איז פאַראַן גלויבן, פאַראַן בטחון, פאַראַן התלהבות, פאַראַן יום־טוב, פאַראַן אייביקער ניגון אין דער יידישער נשמה — אָט פון וואַנען שעפּן כוח! . . .

אָן זייער וויסן איז דאָס פּראָבלעם אויך געשטאַנען פאַר מענ־דעלען און שלום־עליכמען. ווען מענדעלע האָט אַרום אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער רוסישער ליבעראַלער אינטעליגענץ, אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין אַ באַלדיקער איבערקערעניש, וואָס זאָל שטירצן דעם צאַרישן רעזשים — וואָס דערמיט איז פאַר אים פאַרבונדן געווען די אויסלייזונג פון יידישן קבצאַנסק פון קבצנות — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן איבער זיין סאַטירישער פען: האַלט! מען וועט דאַרפן וואַרטן און אויסהאַרן. מען וועט דאַרפן מאָביליזירן די אַלטע יידישע אויסדויער־קראַפט. און ער האָט גענומען צוריק אָפּזוכן אין דער נשמה פון יידישן אָרימאַן די ליבטיקייט, וואָס האָט

אים געגעבן קראַפט אַלץ אויסצוהאַלטן און אויסצושטיין. און ער האָט אָפּגעפּרישט דעם שבת קודש פאַר שמואל דעם פּאַקענטרעגער. און ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיינע קינדהייט־זכרונות צו פייערן זיין אייגענעם שבת קודש — אַזוי אַז „שלמה ר׳ חיימס" איז ניט געוועזן הוילע קונסט, ווי מען וויל עס האָבן; עס האָט געהאַט אַ גרויסן תכליתדיקן הינטערגרונט, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווי די „קליאַטשע". און דאָס איז עס וואָס די פּראַלעטאַרישע אויסטייטשער באַצייכענען אַלס מענדעלעס רעאַקציע.

און ביי שלום־עליכמען, אַ חוץ זיין שבת קודשן און יום טובן, פון יידישע קינדערס־וועגן, וואָס איז זיין הויפּט־אויפּטו מיט מנחם מענדלען און טביהן? — ער האָט קינסטלעריש אינטואיטיוו אָנט־פּלעקט די פּסיכאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציע פון אַלט־יידישן גלויבן און בטחון אין דעם יידן וואָס פאַר זיינע אויגן. ביי מנחם מענדלען איז דאָס לייכטגלויביקייט, וואָס מאַכט אים זיך טראָגן אין דער לופטן מיט אַ קאָפּ־שווינדלערישער האַסטיקייט; ביי טביהן איז דאָס אייזערנע געדולדיקייט — בטחון — וואָס מאַכט אים זיך פעסט האַלטן אָן דער ערד, אַפילו ווען שטורעמס וואַרפן אים פון די פיס. ניט אויסזאָגנדיק עס זיך אַליין, דורך דעם קינסטלערישן מעטאָד פון אָפּשפּיגלען, גע־שטאַלטן און פאַרמענטשלעכן, האָט שלום־עליכם באַוויזן, אַז דער פאַר־צייטיקער יידישער כוח ווירקט נאָך אין דעם היינט.

פּרץ, אַנדערש פון שלום־עליכמען (און אויך פון מענדעלען), האָט ניט געוואָלט יוצא זיין מיט אַט דעם קינסטלערישן באַווייז. ער האָט געדאַרפט מער — ניט אַזוי דעם באַווייז, אַז דער כוח איז נאָך פאַראַן, ווי אַ צופלוס, אַן אָנשעפּונג פון פרישן כחו — פאַר דעם פאַרגרעסערטן באַדאַרף. אים איז נישט גענוג געווען דער כוח, וואָס באַפרייט זיך דורך קינסטלערישער שילדערונג — דורך אָפּשפּיגלונג־פאַרמענטשלע־כונג — אָט־די אומדירעקטע באַהאַלטענע תכליתדיקייט, וואָס איז פאַרוויקלט אין דעם עצם ענין ליטעראַטור. ער האָט אין באַוואוסט־זיניקער תכליתדיקייט זיך אַ קער געטאָן צום עבר — צום עבר וואָס איז נאָך דאָ און צום עבר וואָס איז שוין אַוועק. ער האָט זיך אַרויס־געלאָזט אין עקספּעדיציעס אויפצוזוכן די אייביקע יידישע נשמה־גבורה.

זיין ערשטע עקספּעדיציע האָט ער געמאַכט צו די חסידים און מקובלים. עס איז געווען רעאַליסטישע שילדערונג פון אידעאַליזירטער רעליגיעזיטעט. רעאַליסטיש, ווייל אַליין איז ער דאָך געווען דרויסן

פון אַלטן רעליגיעזן שטייגער — האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיין פריערדיקן רעאַליסטישן מעטאָד פון אַ דרויסנדיקן באַאָבאַכטער. אידעאַליסטיש, ווייל אויסן איז ער דאָך געווען אויסצוגעפינען די גיל־דענע פונקען, די ניצוצות, די אָפּשלאָגן פון אַן אַלטן יידישן נשמה־אוצר. אָט די רעאַליסטישע איינפּאַסונג פאַר אַן אידעאַליסטישן קרן איז גע־ווען אַ סתירה אין זיך אַליין, וואָס האָט אים אַלס קינסטלער, נאָך אַ קורצער ווילע, אויפגעהערט צופרידנשטעלן.

אין זיין צווייטער עקספּעדיציע האָט ער גענומען ציען ניצוצות פון דעם גלויבנס־אוצר, וואָס האָט אויפגעבלאַנקט אין אים גופא — אַן אָפּגעשייערטער פון רייבונגען, בעת זיין פען האָט זיך געריבן אַרום די חסידיש־מקובלישע טעמעס. ער האָט גענומען מאַכן פּרואוון צו פאַרפאַסן רעליגיעזיטעט. דאָס איז די „גאָלדענע קייט" — אַ פאַר־זוך צו פאַרהיינטיקן די חסידיש־רביאישע התלהבות. כולו שבת קודש זאָל זיין! קיין הבדל צווישן קודש און חול! — וועסט זיך איינ־שפּאַרן אין גלויבנס־עקשנות, וועט די וואָך ניט קומען. דער פאַרזוך האָט זיך איינגעגעבן — אינהאַלטלעך און קינסטלעריש — בלויז ביים ערשטן אויפטריט פון גלויבנס־העלד — ביי דעם זיידן. אָבער די פאַרהיינטיקונג האָט זיך ניט איינגעגעבן. די גלויבנס־העלדישקייט ווערט שוואַכער און שלאַפער פון דור צו דור. און עס שטעלט זיך אָפּ אַ האַמעטנע וואָך — אַ בלינד־פאַנאַטישע פינצטערע רעליגיעזיטעט ביי די חסידישע אייניקלעך־יורשים; און אַ בלינד־פאַנאַטישע אויפ־קלערעכץ — אַ פּוסטע ליכטיקייט ביי די ראַדיקאַלע אייניקלעך־יורשים.

עקספּערימענטן אין פאַרהיינטיקן רעליגיעזיטעט זענען אויך זיינע סימבאָליש־מיסטישע דראַמעס — „אין פּאַליש אויפן קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

פּרץ איז ווידער געבליבן ניט צופרידן, אי ווייניק רעליגיעזיטעט דערטראָגט זיך, אי ווייניק פאַרהיינטיקונג באַקומט זיך, אַ טונקלקייט בלייבט שטיין ווי אַ מחיצה וואָס דערלאָזט ניט, אַז די רעליגיעזיטעט זאָל זיך לאָזן פאַרווענדן פאַרן היינטיקן געברויך. דאָך די אָנרעגונג, דער זוכערישער ברען זענען וויכטיק — זיי שטעקן־אָן.

און דער אומדערמידלעכער, תמיד זוכנדיקער פּרץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ דריטער עקספּעדיציע. צום אוצר פון פאָלקס אָנגעזאַמלטער מאָראַל־ענערגיע איז ער אַוועק; דאָרט וואו דאָס פאָלק האָט דורך די צייטן זיך געשטרעקט אין מסירת נפש צו הייליקייט.

און פּרץ האָט געקליבן דימענט־שפּליטערס פון דעם אוצר, און גע־זוכט און געפונען פאַר זיי קינסטלערישע איינפאַסן, דיך־דינע געגוג, איידל־איינפאַכע, אויף איינצוהאַלטן די שפּליטערס, שיידל־רעמלעך פאַר דימענטן. דאָס זענען די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

אין אַט־די אַלע עקספּעדיציעס און עקספּערימענטן האָט פּרצן געדינט זיין באַהאַוונטקייט אין די ליטעראַטורן פון די פעלקער — פּוילישער, רוסישער, דייטשער —און אין ליטעראַטור־פּראָבלעמען בכלל. זיין זוכעניש נאָך נייע אינהאַלטן איז ביי אים באַגלייט געווען מיט בייטעניש פון פאָרמען — ווי מיר האָבן געזען — פון רעאַליס־טישער צו רעאַליסטיש־ראָמאַנטישער, צו ריין־ראָמאַנטישער, צו סימ־באָלישער. נאָוועלע, דראַמע, לעגענדע, סימבאָלישע מעשהלע (אין אַ קלענערן גראַד: ליד, ליד־באַלאַדע) זענען געווען זיינע זוך־געצייג. אויך דער אַדרעסאַט זיינער, דער אינטעליגענט, וועמען ער האָט אַריינ־געפירט אין דער יידישער ליטעראַטור סיי אַלס העלד און סיי אַלס לייענער — איז אַ באַהאַוונטער אין ליטעראַטור. ליטעראַטור־פּראָב־לעמען זענען פאַר פּרצעס לייענער געווען אַן עניך, צו וועלכן ער האָט געצאָלט פולן רעספּעקט. מיט אים האָט זיך געלאָזט שמועסן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען בפרהסיה (כלומרשט האַלטנדיק זיך מיט אים אַן עצה, אין דער אמתן אויסדיסקוטירנדיק זיי פאַר זיך אַליין, מיט דעם אינטעליגענט־לייענער אַלס פאַראינטערעסירטן צוהערער). דאָס האָט אַ סך פאַרגרינגערט פּרצעס אויפגאַבע. ער איז געווען דער ערשטער אויפצוהייבן פּראָבלעם־פראַגן וועגן דער יידישער ליטעראַ־טור — מיט דעם עיקר־פּראָבלעם וועגן אַ מעגלעכן סינטעז צווישן דער יידישער גרויס־תכליתדיקייט, דעם נביאיש־עטישן פּאַטאָס, פון וועלכן פּרץ אַליין איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער רעפּרעזענטאַנט, און דער פרייער גריכיש־קינסטלערישער סטיכיע, צו וועלכער ער, ווי אַ נאָר־וואָס פאַרליבטער אין קונסט, האָט זיך געפילט גאַנץ שטאַרק געצויגן (דער דיכטער־קינסטלער קאָנטראַסט, ווי דאָס פּראָבלעם האָט ביי פּרצן זיך אויספאָרמולירט).

פּרצעס „„פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען אַ פּרוב אויף אַ סינטעז צווישן די צוויי קאָנטראַסט־עלעמענטן — דעם גרויס תכליתדיקן נביאיש־עטישן און דעם פורעמדיקן גריכיש־קינסטלערישן. זיין פאָלקס־טימלעכע געשיכטע איז שוין כמעט אַ ספּעציעלע יידישע קונסט־פאָרם. די מאָראַלישע תכליתדיקייט איז דאָ ניט נאָר די מאָטיוו־קראַפט, וואָס

מאַכט די מעשה זיך דערציילן, נאָר זי איז אויך דער פּראָדוציר־מעטאָד, ווי אַזוי מאָראַלישער תּכלית פּראָדוצירט פון זיך מעשה, און די מעשה פּראָדוצירט פון זיך מאָראַלישן תּכלית. דאָ איז שוין געגעבן אַן אָנ־צוהערעניש, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט זיין גאַנץ אייגנאַרטיק, אַנדערש פון די ליטעראַטורן פון די פעלקער . . .

דער עיקר אָבער זעט זיך דאָ אַרויס, אַז דאָס איז געווען דאָס זוכן פון אַ נייעם טיפערן תּכלית, פון אַ קרעפטיקערער פּאָרענטפערונג און באַרעכטיקונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אין אָפּענטפער אויף אַ גרעסערן באַדאַרף אין כּוח — דאָס איז געווען, וואָס האָט אונטער־געשטויסן איר פאָרווערטס־באַוועגונג. פּרץ האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט דער קינסטלערישער פּאַרוואַנדלונג פון דער יידישער גלויבנס־קראַפט אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן. ער האָט באַוואוסט־זיניק זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונטערגרונט, כּדי דאָרט אַנצונעמען זיך מיט גלויבנס־קראַפט, פון ירושה־רעזערוואואַר — אויף צו פאַרוואַנדלען זי אין לעבעדיקן כּוח פאַר היינטיקן געברויך. און דאָס טאַקע האָט אָנגעטריבן זיין זוכעניש נאָך נייע ליטעראַרישע פאָרמען, כּדי איינצו־שפּאַנען זיי פאַר אַ טיכטיקערער אָנשעפּונג פון קראַפט. זעען מיר דאָ, אַז די גרויס־תּכלית טענדענץ האָט געשטיצט און געשטאַרקט די לי־טעראַטור־טענדענץ. און פאַרקערט אויך: דער פיינערער ליטעראַרישער אינסטרומענט האָט אָנגעצויגן אַ רייכערע קוואַליטעט־אינהאַלט, פאַר־מערנדיק די תּכליתדיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור. ביידע טענ־דענצן אין זייער סינטעז האָבן איינע די אַנדערע געדינט פאַר קעגנ־זייטיקער פאַרפיינערונג און באַרייכערונג. גרויס־תּכלית האָט אַרויס־געפּרעסט און זיך אַריינגעפּרעסט אין אַ קינסטלערישער פאָרם — מיט דעם ענד־רעזולטאַט: די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

ביידע טענדענצן — די גרויס־תּכליתדיקע און די ליטעראַטור־טענדענץ — האָבן דאָ אויסגעשיידט פון זיך אַ דריטע טענדענץ — די באַוואוסטזיניקע טראַנספאָרמירונג פון דער געירשנטער גלויבנס־ענערגיע אין מאָדערנער מאָראַל־ענערגיע דורך קינסטלעריש־ליטעראַ־רישע מיטלען — וואָס פאַר קורצקייט וועגן וועלן מיר זי אָנרופן: די ירושה־טענדענץ פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַז די דריטע טענדענץ איז ניט געווען קיין צופעליקע, נאָר אַן עיקרדיקע; ניט פון פּרצעס אַ קאַפּריז געבאָרענע, אָדער פון זיינע אינדיווידועלע אינטואיטיווע בייגונגען אַן אַרויסגעשפּרונגענע, נאָר אַזוי

צו זאָגן אַן איינגעבאָרענע דער יידישער ליטעראַטור, אַן אַרויסגע־שטויסענע פון די פונדאַמענטאַלע קאָנדיציעס פון איר עקזיסטענץ — איז צו זען דערפון, אַז אַן אַ זייט פון וואַרשעווער ליטעראַרישן שטראָם, אין מינסק, איז דער יונגער א. וואַלט־ליעסין, אומאָפּהענגיק פון פּרצן און אפשר נאָך פריער פון אים, צוגעשטויסן געוואָרן צו דעמזעלביקן פּראָבלעם און צו דערזעלביקער לייזונג פון פּראָבלעם פון ירושה־פאַר־וואַנדלונג. און מיט אַ וויכטיקן חילוק: פּרץ איז געווען אַן איינגע־לאַדענער פון דער אַרבעטער־אינטעליגענץ, וועלכע איז געקומען צו אים מאַנען ליטעראַרישע הילף אין צוגרייטונג פון אַ גרויסער אַרבעטער־אַקציע (אָדער פאָלקס־אַקציע אין ברייטערן זין פון וואָרט). אַנדערש מיט ליעסינען. ניט קיין איינגעלאַדענער, נאָר אַליין דער אינטעליגענט, וואָס האָט געטראָגן דעם סאָציאַליזם צו דעם אַרבעטער — דאָס האָט שוין במילא איינגעשטעלט די פאָרם פון זיין ירושה־פאַרוואַנדלונג — ניט דורך פאַרמיטלערשאַפט פון אינטעליגענט, נאָר דירעקטער, אויף דער קירצסטער ליניע צווישן אים, דעם פּאָעט, דעם טרעגער פון דער ירושה, און דעם אַרבעטער, וועלכער דאַרף די ירושה־ענערגיע גלייך פאַרווענדן אין אַקציע. דערפאַר איז אויך דאָס געציילג פון זיין ירושה־פאַרוואַנדלונג — ליד, וואָס דערלויבט דירעקטן רוף צו אַקציע — ניט מעשה, וואָס איז אין תוך אַן אינדירעקטער אַנוויז.

אָבער, ווי געזאָגט, איז ליעסין געשטאַנען אויסער פּרצעס וואַר־שעווער קרייז, און אויסער דער יידישער ליטעראַטור־סביבה בכלל; ער האָט פאַרלאָזן מינסק, איידער נאָך איין ליד זיינס איז געדרוקט געווען אין רוסלאַנד. הגם פאַרשפּרייט אין אָפּשריפטן און העקטאָגראַ־פיעס צווישן די רעוואָלוציאָנערע יוגנט־קרייזלעך, אָבער ניט צוגענג־לעכע פאַר דער ברייטער לייענערשאַפט, קאָנען זיינע מינסקער לידער ניט פאַררעכנט ווערן אַלס צוגעהעריקע צום היימישן ליטעראַטור־שטראָם. זיי דאַרפן גיכער צוגערעכנט ווערן צו ליעסינס הויפּט־ווערק אין אַמעריקע, וואו די לידער זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און וואו ליעסין האָט זיין ליד פאַרפולקאָמט, דערפירנדיק די ירושה־פאַר־וואַנדלונג דורך ליד צו אַ העכער מדרגה, וואָס דערנעענט זיך צו פאַקטישער ביי־באַשאַפונג.

אומקערנדיק זיך קיין וואַרשע צו פּרצן; — מאַנכע ווילן אָפּ־פרעגן, צי פּרץ קאָן באַצייכנט ווערן גענוי ווי דער איניציאַטאָר פון אַ נייער באַשטימטער ווענדונג אין דער יידישער ליטעראַטור; אָבער

אַז ער איז דער איניציאַטאָר פון אַ נייער ווענדונג צו ליטעראַטור, וועגן דעם קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין. ער איז געווען דער לערער, וועגווייזער און אינספּיראַטאָר צו ליטעראַטור.

פאַר זיין ערשטן פאַרדינסט דאַרף פאַררעכנט ווערן דאָס טאַקע, וואָס ער האָט צוגעבראַכט צו דער יידישער ליטעראַטור די אינטעליגענץ. אמת, נישט די גאַנצע אינטעליגענץ האָט אַנגענומען גאַנץ פּרצן. די מער פּראַקטיש־געשטימטע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט דערוואַרט פון ליטעראַטור דירעקטע הילף צו אַקציע, האָט, צום ביישפּיל, ניט אויפגענומען די „פאָלקסשטימלעכע געשיכטן". זיי זענען איר פאַרגעקומען ווי מאָדערניזירטע מעשיות פון אַ פאַרצייטיקן מוסר־ספר. פאַר ליטעראַריש־קינסטלערישע צוועקן, האָבן זיי צוגעגעבן, זענען די פאַרצייטיקע נשמה־אוצרות אפשר גענוג פאַרוואַנדלט, אָבער ניט גענוג, האָט זיך זיי געדוכט, פאַר מאָדערנעם געברויך. פאַר־אינטערעסירט, פאַראינטריגירט — יאָ, אָבער ווי צו פאַרנוצן זיי אין אַקטיוון קאַמף האָבן זיי ניט אַנגעהויבן וויסן. עס האָבן געדאַרפט קומען אינטערפּרעטאַטאָרס צו פאַרענדיקן דעם פּראָצעס פון פאַרוואַנד־לונג, אָבער ניט אַלע אינטעליגענטן זענען געווען ליטעראַטור־קריטי־קער און ניט אַלע האָבן געהאַט חשק דערצו.

אָבער ווען אַפילו ניט די גאַנצע אינטעליגענץ האָט אַנגענומען די גאַנצע פּרץ־ליטעראַטור; אַפילו ווען די פּראַקטיש־פּראָלעטאַריש־געשטימטע אינטעליגענץ האָט ניט געקאָנט געפינען אין זיינע לעצטע ווערק קיין דירעקטע אָנווייזונג צו אַקציע, אָבער פאַרכאַפּט אי זי געוואָרן פון זיי. אַ היפּשער טייל פון דער דעמאָקראַטישער אינטעלי־גענץ און נאָך מער פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ זענען ענדגילטיק דורך אים געוואונען געוואָרן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאָס איז גאָר אַ וויכטיקער געווינס, וואָרים ביז די אַרבעטער־שאַפט, די פאָלקסמאַסע, פאַרנעמט נישט דעם אויבנאָן אויף דער גע־זעלשאַפטלעכער אַרענע, איז דאָס די אינטעליגענץ, וועלכע לעבט מיט ליטעראַטור, די יעניקע, וואָס גיט איר צו אַ געזעלשאַפטלעך־פאַררונדעטן כאַראַקטער, וואָס דאָס איז עס, וואָס מאַכט די ליטעראַטור קוועלן מיט אַן אייגענער קוועליקייט.

פּרץ האָט צו אָט־דער קוועליקייט געגעבן אַ גרויסן צושטייער אַפילו מיט יענע ווערק זיינע, וואָס גיבן אויף פּראָבלעמען און לייזן זיי ניט, אָדער לייזן זיי האַלב. זיין באַוואוסטזיניק אויפגעבן זיך פּראָב־לעמען, וואָס האָט זיך געקרוינט מיט דער אַנצוהערעניש, דורך די

„פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", אויף אַן אייגענער יידישער קונסט־פֿאָרם, מיט דער אינטעליגענץ, אַלס פֿאַראינטערעסירטע צוהערערין, מיט דעם פֿאָלקס־לייענער, וואָס האָט איר נאָכגעפֿאָלגט — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אַן אַ שיעור בייגעטראָגן צו דער אויסקריסטאַליזירונג פֿון דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין פֿון דער יידישער ליטעראַטור. עס האָט זיך גע־נומען דוכטן, אַז מען קאָן אַריינוויינטשן און אַריינחלומען דער יידישער ליטעראַטור אַלץ וואָס וויגטשט זיך און חלומט זיך. האָט מען איר פֿריער פֿון אַלץ אַריינגעוואונטשן און אַריינגעחלומט — ליטעראַטור! מיר האָבן אַ ליטעראַטור ווי אַלע לייטישע פֿעלקער: די יידישע לי־טעראַטור וועט פֿאַרנעמען איר אייגענעם אָרט אין דער וועלט־ליטעראַ־טור! דאָס האָט אָנגעלאָדן דעם יידישן שריפֿטשטעלער מיט גרויס־באַרוף. די כמו־טעריטאָריעלע אילוזיע, וואָס פֿאַרבייט אונדז טערי־טאָריע, וואָס פּראָדוצירט ליטעראַטור — האָט אונטער פּרצעס השפּעה געפֿייערט איר גרעסטן טריאומף. נאָך קיינמאָל האָבן יידישע שריפֿט־שטעלער ניט געפֿילט אַזאַ זיכערקייט פֿון שטיין אויף אַ פֿעסטן באָדן, ווי ווען זיי האָבן זיך געזאַמלט אַרום פּרצן, אָנגעצייגענע פֿון זיין שעפֿעריש־אומרואיקער, זוכערישער, היציקער, בליציקער, אימפּעטיקער פּערזענלעכקייט. ער איז געווען די פֿאַרקערפּערטע יידישע ליטעראַטור־טעריטאָריע.

אַ ליטעראַטור, וואָס האָט דערגרייכט די טעריטאָריעלע מדרגה, האָט די גרויסע מעלה, וואָס זי מאַכט שאַפֿן ליטעראַטור דורך דעם פֿאַקט אַליין, וואָס ליטעראַטור איז דאָ. זי איז זעלבסטאַנרעגנדיק. דער שריפֿטשטעלער־יחיד דאַרף ניט וואַרטן אויף דעם שטויס פֿון דרויסן. ער דאַרף זיך ניט מאַטערן און פֿאַרשווענדן צייט, ווי ער וואָלט געווען אַן ערשטער אָנהייבער, צו פֿאַרענטפֿערן און באַרעכטיקן זיין באַשלוס צו ווערן אַ שריפֿטשטעלער. אים זיינען פֿאַרשפּאָרט די חבלי־לידה פֿון שריפֿטשטעלעריי. שריפֿטשטעלער ווערן געבאָרן דורך קעגנזייטיקער אָנשטעקונג.

אַ ליטעראַטור, וואָס איז בבחינת אַ טעריטאָריע, איז ווי אַ לע־בעדיקער אָרגאַניזם, וואָס וואַקסט, אַנטוויקלט זיך, צעגלידערט זיך, באַרייכערט זיך אין פֿאָרמען, אויספֿאָלגנדיק אייגענע געזעצן, ווירקט אויס אייגענע אימפּולסן, באַאיינפֿלוסט און ווערט באַאיינפֿלוסט, אייג־האַלטנדיק די אייגענע גאַנצקייט.

אַ ליטעראַטור־טעריטאָריע איז ווי אַ מלוכה פֿאַר זיך, וואָס שטעלט איין געזעצלעכע אויסטויש־באַציאונגען מיט אַנדערע מלוכות;

דער עיקר אָבער איז זי פאַרנומען מיט איינגעמען נאָך טעריטאָריע, מיט פאַרגרעסערן בסדר איר בירגערשאַפט — דאָס מיינט מיט פאַר־מערן דעם עולם לייענער; די ליטעראַטור־מלוכה וואַרט ניט די בירגער־לייענער זאָלן קומען זי פאַרבעטן צו זיך; זי צווינגט זיך אָפּט אַרויף איבער גוואַלד. אַגענטן צו דערפילן איר ווילן — שריפטשטעלער מעלדן זיך אויך ניט געבעטענע — זיי קומען פרייוויליק פון אַלע זייטן.

אָט די יידישע ליטעראַטור־מלוכה אין פּראָצעס פון ווערן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום י. ל. פרץ, וועלכער האָט אין זיין אייגענער פּערזאָן, אַלס איר קינפטיקער הויפּט, פאַרלויפיק דערפילט אַלע אירע פונקציעס. ווי זיי וואָלטן דערהערט זיין רוף פונדערווייטנס, האָט מיט אַמאָל זיך אַרום אים באַוויזן, אָנגעקומענע פון שטאָט און שטעטלעך, אַ גאַנצע מחנה שריפטשטעלער, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שפע ליטעראַטור. אין דער ערשטער ריי האָבן זיך אָפּגערופן: אברהם רייזען, שלום אַש, דוד פּינסקי, ה. ד. נאָמבערג — וועלכע האָבן גע־נומען אויף זיך די ערשטע „מלוכה־פליכט" — איינצונעמען נייע טע־ריטאָריע פאַר דער יידישער ילטעראַטור. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם קינסטלערישן אַנאַליז פון דעם עולם, אויפהייבנדיק און אויפ־לויכנדיק אים, שיכט נאָך שיכט, אַזוי אַרום פאַרמערנדיק די לייענער־אוידיענץ פון דער יידישער לטעראַטור.

אברהם רייזען האָט אויפגעטאָן פאַר ליטע — צילבאַוואוסט, באַ־רופסמעסיק — נאָכדעם ווי ער האָט שוין ליטע געהאַט פאַרלאָזן, וואָס שלום־עליכם האָט געטאָן פאַר אוקראַינע, אין נאַטירלעכן אָפּרוף אויף דער סביבה, אין וועלכער ער האָט נאָך געלעבט. רייזען האָט ליטע, דאָס ליטווישע קליינשטעטל אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור און קינסטלעריש פאַרוואַנדלט דעם ליטוואַק, דערהייבנדיק אים צום אַל־מענטשן. אַן אָרימאַן, אַן אָרימאַן פאַרן פרעמדן אויג, טרוקן, ווי די סקאָרינקע וואָס ער עסט, קאַרטאָפל מיט הערינג איז זיין מאָלצייט, אָבער אַ מענטש אַן עושר איז ער געוואָרן, ווי נאָר רייזען האָט זיך צו אים צוגערירט. ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן? ער האָט גענומען דעם ליטוואַקס האַרציקייט, די דימענטענע גוטסקייט, די וויכע שמייכל־דיקייט זיינע, וואָס לויכט גוט־שבתדיק דורך דער וואָך — אָט די גאַנצע רייך־אָרימע איינפאַכקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיין כאַראַקטער נאָך יאָרהונדערטער באַקלערן די וועלט מיט קאָפּ, קייענ־דיק דעם קאָפּ פון אַ הערינג — און מיט אָט די איידלסטע מעלות

פון ליטוואַק איז ער צוגעטראָטן צום ליטוואַק, און כהרף עין איז ער געוואָרן אויס ליטוואַק. אַ מענטש שטייט פאַר אייך, מיט וועלכן מען קאָן אויסרייזן אַ וועלט, און זיך ניט דאַרפן שעמען מיט אים — אַ וועלט־מענטש. און פון אָט דעם פאַרפיינערטן „צוגאַנג פון ליטוואַק צו ליטוואַק" האָט רייזען אויסגעאַרבעט זיין קינסטלערישן דערציילונגס־מעטאָד, וואָס דינט אים צו יעדער טעמע, צו יעדער גאַטונג מענטש, וואָס ער באַגעגנט אין דער גרויסער וועלט. עס איז אַ מעטאָד, וואָס לאָזט דערציילן דעם אמת אַזוי, אַז עס זאָל ניט קענטיק זיין די מינדסטע שפור פון פאַרפאַסונג; אַזוי אַז אַפילו אַ ליטוואַק זאָל ניט קאָנען זאָגן: פוסטע מעשיות! עס איז אמת, יעדעס וואָרט איז אמת; דורך אַ קנייטש לאָזט זיך דורכקוקן צום גאַנצן מענטשן, דורך אַ רגע ווייזט זיך דאָס גאַנצע לעבן; און דורך אָט די פונאַנדערגעעפנטע קנייטשן און פונאַנדערגעשפּאַלטענע רגעס באַוועגט זיך די דערציילונג. עס איז די באַטירלעכסטע טעכניק, וואָס לאָזט אַפילו דורך אַ מיקראָסקאָפּ נישט דערקענען די געמאַכטע נעט.

רייזען האָט זיין סוזשעט און זיין שעפערישן מעטאָד געמאַכט פאַר דעם קנין פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם גרונט־כלל — און מיט זיין ביישפּיל איז ער עד היום אַ דער־מאָנונג אָן דעם כלל — אַז קיין יידישער שריפטשטעלער קאָן קינסט־לעריש ניט שטייגן, סיידן ער וועט אויף וועלכן עס איז אופן קינסטלע־ריש מנצח זיין דאָס קליינשטעטל אין זיך; ווייל אַלע זענען זיי פון קליינשטעטלדיקער אָפּשטאַמונג. און די קליינשטעטלדיקע סימנים קלעפּן, אַפילו ווען זיי מאַכן עליות צו וועלט־פּראָבלעמען. עס איז קיין אויסנאַם ניטאָ. יעדער דאַרף זיך פונאַנדעררעכענען מיט זיין קליינשטעטל. נאָך מער: אַלע גרויסע וועלט־פּראָבלעמען וואַקסן ביי אונדז אַרויס פון דער ראַנגלעריי מיט קליינשטעטל. רייזען האָט גע־וויזן איין וועג, ווי אַזוי דער איבערגאַנג קאָן געמאַכט ווערן — צו קינסטלערישן געווינס. וואָס שייך זיין דערציילונגס־מעטאָד, איז עס ניט אָפּצושעצן — און עס איז ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן! וויפיל דער־ציילער ער האָט באַאיינפלוסט, אין זייערע ערשטע שריט, לערנענדיק זיי מיט ביישפּיל, אַז די בעסטע דערציילונג איז די, וואָס וועבט זיך פון דין־דינעם אמת אין איידלסטער איינפאַכקייט.

אויך אין ליד האָט רייזען נאָכגעפאָלגט זיין מעטאָד — דעם פאַר־פיינערטן „צוגאַנג פון ליטוואַק צו ליטוואַק" — וואָס אַנטפּלעקט גלייך

דאָס מענטשלעכע אין אים, און עס ווערט דורך דעם אַ ליד פּאַר אַלעמען.

פון אויבן־אויף איז רייזענס ליד ווייניקער צוגעבונדן צום לאַנדסמאַן, ווי די דערציילונג זיינע, אָבער אין תוך האָט רייזענס ליד אים נאָך מער אין זינען, ווי די דערציילונג. ווי רייזען וואָלט זיין ליד אויסגעפֿורעמט אויף דעם לאַנדסמאַנס קאָפּ, אָנגעמאָסטן עס אויף דעם לאַנדסמאַנס לעבנס־באַנעם — און דערנאָך אים משלח געווען. אָבער דער לאַנדסמאַן האָט איבערגעלאָזן זיין הויפּט־סימן: בילד און געפיל. און רייזענס ליד איז אַלעמאָל צוגעשפּאַנט צו אַ תכליתדיקן געדאַנק.

עס איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ גייענדיקע יידישע ליטעראַטור, און רייזענס דערציילונג און ליד זענען אַרויסגערופן געוואָרן פון איר גאַנג, און זיי האָבן זיך שוין ניט אַזוי געגוויטיקט אין פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג, אָבער אין ליד איז רייזען ווי צוריקגעטראָטן עטלעכע שריט צום אָנהייב — צו דעם תכלית, וואָס האָט געגעבן געבורט צו דער יידישער ליטעראַטור. ליד איז דערלויבט — יאָ, אָבער אַ ליד דאַרף עס זיין, וואָס קאָן אויפגענומען ווערן פון אויסגעשפּראָכנסטן בעל תכלית צווישן יידישע פאָלקס־מענטשן, דעם ליטוואַק, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין פוסטע פאַרפאַסונג, נאָר תוך־זאַכן גיב אים, דעם הוילן אמת. און לכתחילה איז ליד אים פאַרגעקומען נאָך פוסטער ווי די „פוסטע מעשה", אָבער זינגען פלעגט ער דאָך — איז עס אַ ליד, וואָס קאָן אַרויפגעכאַפּט ווערן פון אים אויף אַ ניגון ווי אַ פאָלקס־ליד, אָדער אויף דער מחשבה, ווי דאָס ליד פון פאָלקס־דיכטער פון אַ דור פריער:

„און אין טאַש אַ זייגערל, גייט עס פאַלש, צי טריי, — וועלכע שעה די כלה זען, ווייס איך סיי ווי סיי" — („דער חתן").

„אָרימעס לעבן! נאָר שטענדיק זיך מאַטערן, שטענדיק צו לעבן אין נויט: כוחות די יונגע, די פרישע צעפּטרן, זוכנדיק — טרוקענעם ברויט" — („אָרימעס לעבן").

רייזענס ליד האָט געירשנט פון פאָלקסליד זיין איינגעשטעלטקייט אויף אַן איינפאַכן ניגון, און פון פאָלקסדיכטער זיין באַלערנדיקן שטייגער, די אָנגעצילעוועקייט צו אַ שאַרפער לעבנסקלוגשאַפט — און פון ביידן האָט עס געירשנט זייער צוגעגלעכקייט צום עולם. אָבער עס איז פאַרט אַנדערש — ניט נאָר מיט דעם וואָס דער סטיל פון רייזענס ליד זעצט פאַרויס אַ גייענדיקע לעבעדיקע ליטעראַטור, נאָר אויך מיט דעם, וואָס דער פּאָעט פערזענלעך איז דאָ אין דעם ליד. און דאָס גוטע דערביי איז, וואָס דאָס פערזענלעכע, דאָס פריוואַטע פון פּאָעט קאָן גלייך ווערן

דאָס עולמשע, דאָס קהלשע. אין פולער איינפאַכקייט זינגט ער אַרויס, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן — וואָס עס טוט פּערזענלעך וויי אים, מערסטנס; וואָס עס דערפרייט אים, צייטנווייז; און וואָס עס טראַכט זיך אים ביי לייד און פרייד. אָבער וואָס ער פילט און וואָס ער טראַכט קאָן גלייך געטיילט ווערן פון צוהערער. און פאַרקערט אויך: גאַנץ נאַטירלעך, אומגעצוואונגען, האָט רייזענס ליד וואָס מען רופט היינט אַ סאָציאַלע איינשטעלונג — אויף דעם אַרימאַנס נויט. אָבער צו דער נויט איז דער פּאָעט ניט קיין זייטיקער — זי איז צוערשט פון אים דורכגעפילט געוואָרן. דער פּאָעט איז דער מיטפילנדיקער גרויסער ברודער פון דעם צוהערער.

האָט רייזענס ליד אָנגעשלאָגןביידע געזונטע גרונטן פון ליד — דעם עלטערן, דעם פאָלקסטימלעכן; און דעם אינגערן, דעם פּערזענלעכן, און דערמיט האָט רייזענס ליד געהאַט אַ גרויסע מעלה איבער דער ליד פון זיינע צייטגענאָסן אין דער אַלטער היים. דאָס ליטעראַרישע ליד פון זיינע צייטגענאָסן איז געווען אַן אַראָפּנידערן פון די הויכן צום פּאַפּיר. עס איז ווי אַ קאָפּירונג פון דער איינגעשטעלטער ליד־פאָרם אין די פרעמדע ליטעראַטורן. עס איז ווי אויפגעגעבן זיך אַ טעמע — מיט דער בפירושער פּעדאַגאָגישער כוונה מזכה צו זיין די יונגע יידישע ליטעראַטור מיט דער ליד־פאָרם. און ווי גוט עס זאָל ניט זיין — אין פערז, קלאַנג, בילד, איינפאַל און מיט די צוגעגעבענע יידיש־פאָלקסטימלעכע סימנים — בלייבט עס דאָך אַ ליטעראַרישע איבונג אויף אַ טעמע. פרוגס ליד אַוודאי אַזוי. די רוסישע ליטעראַטור הערט זיך הינטער זיין ליד. און אַפילו פרצעס „מאָניש" איז די באַאַרבעטונג פון אַ טעמע. עס טוט ניט אויף וואָס די מינדסטע פרצעס חסידישע מעשה טוט — עס פאַרוואַנדלט ניט די ירושה. ווייל אין תוך איז פרץ פערזענלעך ניטאָ דערביי. אויך די „דריי נייטעריגס" און „דאָס חופּה קלייד" זענען ליטעראַרישע קאָמפּאָזיציעס אויף אַרבעטער־פּריינטלעכקייט. אַן אויסגעשטודירטער ליטעראַטור־לערער קנעלט מיט דער יידישער ליטעראַטור. — עס האָט צוגעטראָגן צום וואוקס פון דער ליטעראַטור — עס האָט געשטאַרקט די ליטעראַטור־אילוזיע — אָבער עס איז גיכער געווען אַן אויפשוס צו דער קרוין פון בוים, ווי אַ שלאָגן וואָרצלען מיטן ליד אין באָדן.

עס איז דאָ גענוג פּעדאַגאָגיש־ליטעראַרישע כוונה אין רייזענס ליד. מען הערט אויך: — „רבותי! — דאָס איז אַ ליד — ביי לייטן!"

אָבער ער דער ערשטער — אין דער אַלטער היים— האָט געלאָזט הערן דורך ליד דעם נאַטירלעכן קול פון האַרצן. פערזענלעכער טאָן האָט טאַקע ביי אים געמיינט, וואָס עס איז פערזענלעך אים נוגע — ניט בלויז פאַר ליטעראַטור צוועקן — מיט דער דערמאָנטער אייגנשאַפט, וואָס דאָס פערזענלעכע איבערזעצט זיך ביי אים אייגנבליקלעך אין ליטוויש — עולמשן. און אַפילו ווען ער טראָגט אַריין אין ליד אַזאַ פערזענלעכן אייגנס צו וועלכן זיין לאַנדסמאַן האָט קיין שייכות ניט — אַן אייגנס וואָס שטאַמט פון זיין דערפאַרונג אין דער גרויסער שטאָט, אָדער דאָס אייגנס איז אַן אַנגענומענער מאָטיוו אין דער ליטעראַטור — ווי צום ביישפּיל דאָס ביסל צעלאָזנקייט, מיט וועלכער אַ גרויס־שטאָטישער יונגער בחור שטאָלצירט, דאָס ליבן זיך בפרהסיה, וואָס דאָס איז קעגן דעם ליטוואַקס געשמאַק — מאַכט רייזען עס גלייך צוגענגלעך פאַר דעם לאַנדסמאַנס השגה דורך אַ חכמה, מיט וועלכער ער פאַרשפּיצט דעם סוף פסוק פון ליד: — „זי פאַרזאָרגט זיך איצט מיט קושן אויף דעם גאַנצן קאַלטן לעבן״ — „אוי, מוז היינט אין הימל מלאכים זיין פיל! . . .״ — „אויב לעבן הייסט ווערן פון גליק כאַטש אַ קלאַנג, דאַן בין איך נאָך גאָר ניט געבאָרן . . .״ — נו, ווי באַלד אַ חכמה, וועט דער ליטוואַק עס שוין באַנעמען.

אַזוי, אַז נעמענדיק די מאָס פון זיין לאַנדסמאַן, האָט רייזען אויס־געפורעמט זיין ליד, און דער פורעם האָט אים געדינט לאַנג נאָכדעם ווי ער האָט שוין אויפגעהערט צו אַדרעסירן זיך מיטן ליד צום לאַנדסמאַן: עס איז נאָך עד־היום אַ תמימותדיק קלאַגן זיך פון האַרצן, וואָס כאַפּט אַריין ווען ניט ווען אַ טראָפּן פרייד פאַר אַ מציאה, מיט אַ מחשבה וועגן דער וועלט פאַר אַ מוסר השכל. און מיט דערזעלביקער כאַראַקטעריס־טיק: אייגנבליקלעכער איבערגאַנג פון רשות היחיד אין רשות הרבים. און מיט אַ צווייטער כאַראַקטעריסטיק: דער לאַנדסמאַן וועט עס פאַרט באַנעמען, אַפילו ווען ניט אַדרעסירט צו אים, נאָר צו דער וועלט.

דערמיט האָט רייזען איינגעשטעלט — אין אייראָפּע — דעם ערשטן ניט נאָכגעזונגענעם יידישן ליד־נוסח, וואָס שליסט שוין איין דעם אָנזאָג: יידישער פּאָעט, פריער פון אַלץ רעכן זיך אָפּ מיט דער קליין־שטעטלדיקייט אין דיין געמיט — שטאַמסטו פון ליטע, זאָל ליטע זיך אַרויסזינגען פון דיר! — דערנאָך מעגסטו זיך לאָזן מיט דיין ליד אויף גאָטס באַראָט אין דער וועלט אַרויס. און אַז מען וויל, קאָן מען אָט־די ליניע — פון קליין שטעטל — באַצייכענען ווי די רייזענשע טענדענץ

אין דער יידישער ליטעראַטור, הגם פון קליין שטעטל — פון קאַבצאַנסק און כתרילעווקע, בישט נאָר פון קוידאַנאָוו — שטאַמט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור. —`מיט דעם ליד־נוסח זיינעם איז רייזען, סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע, צו וועלכער ער געהערט מיט דער צווייטער העלפט פון זיין שאַפן — געוואָן דער וועגווייזער פאַר אַ היפשע צאָל פּאָעטן. דער רייזענשער איינפלוס לאָזט זיך נאָכשפּירן אַפילו ביי פּאָעטן, וואָס זייַנען שפּעטער הויך געשטיגן אויף זייער אייגענעם חשבון.

אָבער אַנדערש ווי רייזענס דערציילונג, האָט רייזענס ליד ניט געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער נאָכדעם ווי אַ פּאָעט האָט דערגרייכט אַ געוויסע הויך, ווייל עליה אין ליד גייט צוזאַמען מיט די נצחונות, וואָס דער פּאָעט האָלט אָפּ אין זיך — און אָפּהאַלטן אַ נצחון קאָן מען נאָר אויפן אייגענעם חשבון, און יעדער טוט עס אויף זיין אייגענעם אופן . . .

רייזען האָט זיין אופן, וואָס קאָן נאָכגעפאָלגט ווערן פאַר אַ ווײַלע, אָבער ניט אויף לאַנג. ער איז אַ מזלדיקער. ער איז באַשאָנקען מיט אַ לייכטן קינסטלערישן געמיט, וואָס פאַרשפּאָרט אים כמעט האַרעוואַניע, ראַנגלעריי און נצחונות. אין אַ מאָמענט גיט זיך אים דער אימפּולס צום ליד, צוזאַמען מיט דער ראַם, וואָס דאַרף איינפאַסן דאָס ליד; מיט דעם אינהאַלט, וואָס דאַרף איינגעפאַסט ווערן, מיט דעם אויסדרוקס מיטל — די ווערטער, די שורות, וואָס לויפן זיך צונויף אין סטראָפן: וואָס איז רייזענס אַ ליד? אַ רעיון, אין וועלכן עס איז איינגעראַמט אַ געפיל אָדער אַ בילד. און דאָס אַלץ שטעלט אים צו דער פאַרפיינערטער „צוגאַנג פון ליטוואַק צו ליטוואַק" — אָט־די איידעלע מעלה, וואָס רייזען האָט זיך אפשר צורעכט געמאַכט פון ליטוואַקס אַ חסרון, לייטערנדיק זיין געמיינטע „קורצזיכטיקייט" — זיין זען גיכער מיט קאָפּ, ווי מיט אויג. אָדער נאָך בעסער: אַ זען גלייכצייטיק מיט קאָפּ, אויג און האַרץ. עס איז ווי געזען מיט אַ דימענט אין אויג — אַ דימענטענער איינבליק, וואָס איז צוגלייך אי דורכגעטראַכט, אי דורכגעפילט, עס איז שאַרפע, שפּיציקע ראיה, וואָס דערזעט אַ שפּליטערל, קוקט דורך אַ שפּעלטעלע. עס כאַפּט ניט אַריין קיין בילד פון ברייטן פאַרנעם, קיין געפיל פון לאַנגן דויער. דערפאַר אָבער דורך אַ קנייטשעלע אין כאַראַקטער זעט עס דורך דעם גאַנצן מענטשן, דורך אַ רגעלע לעבן — דאָס גאַנצע לעבן.

רייזענס ליד, פּונקט ווי זיין דערציילונג, נעמט זיך אַרויס פון קנייטשעלעך און רגעס — פון אַ מאָמענטאַל אויפגעכאַפּטן שטריך, פון

אַן איינדרוק, וואָס דער געמיט האָט דערשפּירט אין אַן אויגנבליק. איר וועט געפינען, אַז זיין יעדעס ליד איז אַרומגעבויט אַרום אַ פונאַנדערגע־עפנטן קנייטש, אַרום אַ פונאַנדערגערעדטער שפּירונג. אַ גוט ליד ביי רייזענען איז, ווען ער נעמט אַ פאַרבילדלעכונג פון אַ קנייטש אָדער אַ שפּירונג, וואָס האָבן זיך אים געגעבן אין אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג, און ער פאָלגט זיי נאָך מיט אַ סעריע קנייטשעלעך און שפּירונגען, וואָס פאַרבילדלעכן די איבערלעבונג פאַרן כלל־אויג. אַזוי די לידער: „אַ געזינד זאַלבע אַכט", — „מאַי קאַ משמע־לן", — „גייט אַריין אַן אַרי־מאַן, מיד און איינגעבויגן", — „ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען, מיין קינד? ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט..."

די איבערגאַנגען אין רייזענס אַ דערציילונג — פון קנייטש צו קנייטש, פון שפּירונג צו שפּירונג — די דין־דינע רגעס — זענען אייגנטלעך רייזענשע ליד־מאָמענטן. נעמט ער זיי אַרויס פון טעקסט, מאַכט ער פון זיי לידער. לאָזט ער זיי שטיין, זענען זיי דערציילונג־שטאָף. זיין דערציילונג איז אַ קייט פון ניט געשריבענע לידער.

אָבער דער מעטאָד, וואָס דינט אים אַזוי גוט אין דער דערציילונג, וואָס דערלויבט אַ געלאָף דורך אַ המשך פון קנייטשן און רגעס, קאָן ניט אַלעמאָל דינען אין אַ ליד, וואָס דערלויבט ניט קיין ברייטן געלאָף. אַ ליד, ווי איינפאַך עס זאָל ניט זיין, מוז איינגעפּרעסט ווערן, מוז אויפגעהויבן ווערן, מוז געמאַכט ווערן צו שטייגן אויף טרעפּן פון טיף אין דער הויך. וואָס עס קאָן ניט גענומען ווערן מיט ברייט, דאַרף גענומען ווערן מיט טיף און הויך. ווי גייט דאָרט די גאַנגבאַרע פאָרמולע וועגן ליד (די פאָרמולע דעקט ניט די גאַנצע פּאָעזיע): — „אַ ליד איז דאָס געוויינלעכע אומגעוויינלעך אויסגעדריקט". דאָס געוויינלעכע איז כלל־אייגנטום. די אומגעוויינלעכע אויסדרוקסקראַפט — די שיינקייט, די בילדלעכקייט, דער וואָרט־עפעקט — איז דעם פּאָעטס יחידישער אייגנטום, וואָס דאָס איז עס, וואָס דאַרף געוואונען ווערן דורך פּערזענלעכער איבערלעבונג, דורך אינעווייניקסטן נצחון. גוט איז רייזענען. זיין פּערזענלעכע איבערלעבונג קאָן גלייך ווערן כלל־אייגנטום. זיי זענען, מערסטנס, אויף איין מדרגה. וואָס ער לעבט דורך פּערזענלעך איז אויך בצבור. איז אים פאַרשפּאַרט האַרעוואַניע, ראַנגלעריי און נצחון. זיין שורה האָט זייער אַן איינפאַכע אויפגאַבע: צו דערטראָגן די פּערזענלעכע איבערלעבונג, נישט געענדערט, צום רעיון פון ליד. אָט איז אַ גוטע, אַן אויסגעצייכנטע רייזענשע שורה נאָך די צוויי אויבן־ציטירטע שורות:

„ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען מיין קינד? ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט" — נאָך די צוויי שורות קומט אַ דריטע: „די קינדער זיי פלעגן נאָר זינגען האַם! האַם! און די פערטע: „און אָפטמאָל די מאַמע אַ קללה צום גראַם". — די שורה—די דריטע אָדער די פערטע — האָט בלויז ערלעך דערפילט אַ שליחות. די שפּראַך האָט פון זיך גאָרנישט צוגעגעבן, זי האָט גאָרנישט געשאַפן. זי האָט בלויז געדינט פאַר אַ וואָגן. עס איז איר אָנגעזאָגט געוואָרן: דין געטריי. דערפאַר מיטן געפעק — די איבערלעבונג — ביז צום רעיון פון ליד. האָט זי עס געטאָן. דאָס איז איר עכטקייט. און דאָס איז רייי־זענס איינפאַכקייט.

ווי איז אָבער, אַז די פּערזענלעכע איבערלעבונג איז ניט תיכף ומיד איבערזעצבאַר אין כלל־אייגנטום? ווי איז, דאָס טרעפט אַפילו ביי רייזענען, אַז דאָס ליד איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויף פּערזענלעכער אי־בערלעבונג? דאַמאָלס קאָן מען מיט איינפאַכקייט אַליין ניט יוצא זיין. דאַמאָלס ווען דער וואָרט־אויסדרוק איז ניט דערהויבן צו שטאַרקערן עפעקט; ווען די שפּראַך גיט ניט אַרויס נאָך אַמאָל אַזוי פיל, ווי פיל מען האָט אין איר אַריינגעלייגט; ווען דאָס ליד אַלס אַ בנין איז ניט קיין שטייגנדיקער געזאַנג — מוז צו דער שפּירונג, וואָס האָט געגעבן געבורט צום ליד, צוגעגעבן ווערן גלייכגילטיקער שטאָף אויף אויסצופילן די ליד־פאָרם. שורות, וואָס טראָגן שפּירונג, בינדן זיך מיט שורות ליידיקלעכע. אָט איז אַזאַ סטראָפע:

„מיין האַרץ האָט מיט ערלעכן שטרעבן געשלאָגן, —
איך האָב ניט געהאַט דאָס אויף וואָס צו באַניצן;
באַגייסטערטע ווערטער, אַז איך פלעג ווען זאָגן,
פאַרסמט פלעגן ווערן פון נאַרישע וויצן."

און ווייטער גייט „דאָס געטלעכע פייער די וועלט צו באַלערן" — דאָס איז וועגן זיין פּאָעטישן באַרוף — אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג, וואָס קאָן ניט ווערן קיין כלל־אייגנטום. רייזען אַליין וואָלט עס בעסער אָנגעשריבן אין פּראָזע.

און אין קאָנטראַסט זאָל דאָ געבראַכט ווערן אַ סטראָפע, איינע פון די רייכסטע אָנגעלאָדנסטע ביי רייזענען:

„און מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער ניט קיין קראַפט!..."

אויסגעצייכנט, יאָ? — ווייל דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פּערזענלע־כער איבערלעבונג בצבור. און די שורות האָבן געהאַט איין אויפגאַבע — צו באַוועגן זיך אויף דער אויבערפלאַך — אין אַ גלייכער ליניע — איבערצופירן די איבערלעבונג פון איין פּונקט צום צווייטן — פון איך צום צבור — צו פאַרבילדלעכן די איבערלעבונג — צו פאַראנשוילעכן פאַרן צבור דעם רעיון פון ליד. און די שורות האָבן עס דערגרייכט מיט דעם פּשוטסטן געוויינלעכסטן מיטל — וואָס קאָן זיין פּשוטער און געוויינ־לעכער, ווי אַ לאָמפּ מיט נאַפט? — איז דאָס רייזעניש פּערפעקט. די שפּראַך גופא האָט דאָ גאָרנישט גערדאַרפט אויפטאָן. דער רעיון איז געווען אַ פּאַרטיקער, אַ צוגעגרייטער, און געוואָרט פון דרויסן פון דער שפּראַך.

און עס איז קלאָר וואָרום פּאָעטן, וואָס זענען בישט פון רייזענס געמיט, וועלכע לעבן זיך אויס מער ביחידות ווי בציבור, האָבן געקאָנט נאָכפאָלגן רייזענען בלויז אַ קליינע ווילע. גלייך נאָך זייערע ערשטע שריט, האָבן זיי געמוזט פאַר זיך באַשאַפן אַ ליד און אַ ליד שפּראַך דורך פּערזענלעכע נצחונות, און רייזען אין דעם האָט קיין וועגווייזער זיי ניט געקאָנט זיין.

האָט רייזען לידער־מוסטערן, וואָס האָבן געמוסטערט די ערשטע לידער פון מערערע יידישע פּאָעטן, און לידער, וואָס ער האָט, אַזוי צו זאָגן, נאָכגעשריבן זיך אַליין.

ווי ווייט און אין וועלכן פּרט רייזען אַליין איז געשטיגן מיט זיין ליד פון זיין אָנהייב ביז היינט, וועט זיך ערשט לאָזן פעסטשטעלן נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג. בלייבט עס, אַז רייזענס הויפּט־פאַרדינסט איז וואָס ער האָט אַריינגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע פון דער יידי־שער ליטעראַטור, אַז יעדער יידישער שריפטשטעלער, פּאָעט אָדער נאָוועליסט, וואָס וויל זיך דערהויבן צו דער וועלט, מוז פריער פון אַלץ קינסטלעריש גובר זיין דאָס קליין־שטעטל אין זיך.

שלום אַש האָט אָנגעהייבן פון פּוילישן שטעטל, ווי רייזען פון ליטווישן. און אַזוי אַרום האָט ער אויך מקיים געווען די מצווה, אַז וויל מען שפּרינגען הויך און ווייט, מוז דער אייגענער באָדן געמאַכט ווערן פאַר דער שפּרינגברעט. אָבער שלום אַש איז פון אַן אַנדער שעפערישן געמיט, ווי אברהם רייזען. ער ציט זיין הויפּט־חיות נישט פון די וואָרצלען, פון וועלכע ער איז אַרויסגעוואָקסן, נאָר פון דער „לופט", וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט און אַריינגעזויגן אין זיינע קינדהייט־ און

יוגנט ־ יאָרן אין קוטנא, וולאָצלאַוועק און וואַרשע...

אויך אַלס אַ שריפטשטעלער איז ער געבאָרן געוואָרן, איינאָטע־מענדיק און אַריינזויגנדיק „לופט״ ־ ליטעראַטור ־ אַטמאָספערע. ער איז דער ערשטער דירעקטער פּראָדוקט פון דער פולער ליטעראַטור־אי־לוזיע, וואָס איז אויפגעגאַנגען אַרום פּרצן — די אילוזיע, וואָס געבערט ליטעראַטור אָן פּיאָנערישע חבלי לידה. ביי אַשן איז שוין קיין סימן פון פּיאָנערישקייט נישטאָ. די פּיאָנערישע עפּאָכע האָט זיך געשלאָסן אַ שעה פאַר זיין אויפקומען. אַפילו ביי רייזענען האָבן מיר נאָך די באָכווייענישן פון דער עפּאָכע — די מאַטערנישן זענען שוין נישטאָ, אָבער די מי איז נאָך דאָ. ער האָט געדאַרפט אויפברעכן זיין לייענער העלד — און צופּאַסן פאַר אים אַ ספּעציעלע פאָרם פון דערציילונג, אַ ספּעציעלע פאָרם פון ליד.

אַש האָט גלייך אָנגעהייבן ווי אַ בן־בית אין דער ליטעראַטור — ער איז אַן אָנגעהעריקער צו ליטעראַטור, וואָס האָט איר אייגענע טע־ריטאָריע, ווי ביי אַלע פעלקער; און זיין ערשטע אויסצייכנונג — „אַ שטעטל״ — אַ צונויפזאַמלונג פון פריער געדרוקטע דערציילונגען איז אַ ליטעראַטור־ווערק, וואָס ווען איבערזעצט קאָן עס גלייך גיין צו די פעלקער, און עס איז אַוועק — אַלס אַ כאַראַקטעריסטעש יידיש ווערק, וואָס קאָן אָבער אָן שוועריקייטן צוגעלאָזן ווערן צו דער ליטעראַטור פון די פעלקער; עס איז ליטעראַריש קינסטלעריש נאָענט צו זייערע מוסטערן. „אַ שטעטל״ האָט זיי אָנגעזאָגט: עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור!

אָבער וואָס איז דאָס ליטעראַריש־קינסטלערישע אין „שטעטל״?— דער מאַטעריאַל איז געווען אַ פּאַרטיקער, און די סכעמע אַ פאַרטיקע— דאָס שטעטל איז די „צענטראַלע״ ביי מענדעלען און ביי שלום־עליכמען. דיזעלביקע שבתדיקע סעודות און שבתדיקע שמועסן נאָך אַמאָל איבערגעגאַנגען. יאָ, אַנדערש, ווייל מיט אַ יאָר פערציק שפּעטער אין צייט, און אַנדערש, ווייל אַ פּויליש שטעטל — וואו יידן אין אַשעס צייט זענען נישט געווען אַזעלכע אָרימע לייט, ווי ביי מענדעלען, אָדער ביי שלום־עליכמען. אַ חוץ שבת מאַכנדיקע אָרימע לייט, האָבן מיר שוין אַ מין יחזקאל גאָמבינער פון אַשעס „שטעטל״ — אַ נגיד, וואָס פּראַוועט אַ ברייטן טיש — זיין אייגענער שווער און זיינע פעטערס. נאָר שלום־עליכם גיט זיך מער אָפּ מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם מענטשן אין זיין נגיד — פון זיינע נגידישע שטיק; שלום אַש בעמט זיין יחזקאל

גאַמבינער, אויף וויפיל ער איז דער צענטער פון אַ קרײַז, פון דער נגידישער אַטמאָספערע אַרום אים — ווי דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט געוועזן צוגעטוליעט צו אים. און געאָטעמט יחזקאל גאַמבינערס לופט. שלום אַש איז פאַראינטערעסירט מער אין אַטמאָספערע קרייזן, ווי אין מענטש כאַראַקטעריזירונג. צו יחזקאל גאַמבינערס ברייטער שטוב איז צוגעקלעפט די קוילער געסל — מיט אירע דריי „פייען" — פישער, פליישער, פורמאַנעס (צו די פורמאַנעס קומט נאָך צו אַ פערטער „פיי"— פערד־הענדלער, וואָס נאָך אַ האר און זיי ווערן בלאָטע חברה־לייט). שלום אַש, אַ זון פון אַ שוחט, האָט דורך די פליישער (קצבים) געהאַט צוטריט צו יחזקאל גאַמבינער, וועלכער, אַ חוץ תבואה־ און געהילץ־הענדלער, איז ער אויך אַן אָקסן־הענדלער נאָך געוועזן דערצו.

און צוגעגעבן האָט אַש נאָך חסידיש־רבייאישן שטאַט — אויך אַ פאַרטיקער מאַטעריאַל, וואָס איז פונאַנדערגעאַרבעט געוואָרן פון פּרצן — אַש איז אַן איינזויגער פון אַטמאָספערישע איינפלוסן! — און די חסידים מיטן רבין מיט זייער פרייטיק צו נאַכט, און שיר השירים־התלהבות, זענען אויך אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם אַטמאָספערישן בילד, וואָס איז קאָנצענטרירט אויף יחזקאל גאַמבינער. און דאָס אַלץ צוזאַמען איז פאַרשבתט, פאַרמנוחהט און פאַרזמרט געוואָרן. אין אַט־דעם פייערלעכן מקבל־נגיד זיין באַטייליקט זיך אויך די נאַטור און גאָט אַליין.

די יידישונג פון דער נאַטור איז אַפילו אויך קיין נייעס נישט. אויך ביי מענדעלען האַלט די נאַטור שבת און יום־טוב און דאַוונט. אָבער מיט אַ נפקא־מינה. ביי מענדעלען דאַוונט זי בצבור און בקול רם. ביי אַשן בלחש, קוים הערבאַר. „דער טונקעלער שיינער הימל האָט קריאת שמע געלייענט". — די קירכן־גלאָקן פרייטיק צו נאַכט האַלטן מלחמה מיט די שבת ליכטלעך. מען קאָן מיינען, אַז עס קומט פון אינעווייניקסטן איינדרוק — און ווען גאָט מישט זיך אַריין, טוט ער עס כמעט אומגערן. גאָט העלפט יחזקאל גאַמבינער! — ער אַליין גלויבט אין דעם, און נסים פאַסירן מיט אים: די ווייסל פאַרפלייצט, און זיינע טראַטוועס ווערן געראַטעוועט. פאַר שלמה נגיד, אַ נאָך מער דעקאָרירטן יחזקאל גאַמבינער, בוקן זיך אַפילו די זאַנגען אין פעלד, ווען ער־פאָרט פאַרביי אין זיין פריצישן געשפאַן.

איז עס דאָסזעלביקע שטעטל — מיט דיזעלביקע צענטראַלע און זייטיקע פאַרשוינען — מיט די יינגלעך, וואָס צופן פערדישע עקן,

מיט מוכר־ספרימניקעס, טשיקאַווע אורחים־סוחרים און ארץ־ישראל יידן, וואָס באַווייזן זיך צו די ימים־נוראים — דאָס זעלביקע שטעטל, נאָר דעקאָרירט — פאַרשענערט. יאָ, צוגעגעבן: עס איז אַ פּויליש שטעטל.

שלום אַשעס פּויליש שטעטל איז נאָך דערמיט אַנדערש פון מענ־דעלעס און שלום־עליכמס, וואָס די יידן דאָרטן האָבן געלעבט מער מיטן פּרייען דרויסן, מיט דער גויאישער „לופט", מיט דער נאַטור. האָבן די יידן פון קוילער־געסל שטאַרקערע מוסקלען. האָבן ליב געשמאַק אַ ביס צו טאָן און געשמאַק אַ לעב צו טאָן. צוויי מאָל שבת בייטאָג כאַפּט מען ביי אים אַ בחור מיט אַ מיידל אויפן אָרט פון פאַר־ברעכן און מען פירט זיי מיט פּאַראַאָד איבערן געסל — וואָס ספּעציעל צוליב דעם צוועק ווערט פלוצלונג איבערגעריסן די שבת־מנוחה, מיטן גמרא לערנען פון די זיידענע יונגעלייט און מיטן פאַרהערן פון די גמרא־קינדער. — פּאַטשן! — רופט אויס יחזקאל גאַמבינער, און די שבת־מנוחה הייבט זיך ווידער אָן. — אַזוינס האָט נישט געקאָנט טרעפן אין מענדעלעס און שלום־עליכמס שטעטל. (וואו זענען אַהינ־געקומען די אָרימע לייט, וואָס האָבן אַפילו אין אַשעס צייט נישט גע־האַט וואָס אַ ביס צו טאָן און מסתמא איז זיי נישט איינגעגאַנגען אַ לעב צו טאָן? פרעגט נישט: זיי האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער נגידישער דעקאָראַציע). דער עיקר־אונטערשייד אָבער — אַשעס „שטעטל" איז אָנגעהויכט מיט פּאָעטישער אַטמאָספערע. און די אַט־מאָספערע איז דער עיקר: די מענטשן זענען אין איר ווי אַריינגע־שטעלטע. ווי די לופט, מיט וועלכער זיי אָטעמען, וואָלט פאַר אַשן געווען וויכטיקער, ווי די מענטשן אַליין. און עס איז דאָ אָן ענגע שייכות צווישן דער פּאָעטישער דעקאָראַציע און דער אָנגעהויכטער אַטמאָספערע. ווען מען באַשטעלט ביי אַ טעאַטער־מאַלער אַ דעקאָראַציע, דאַרף ער אויך מיטאַריינגעבן „אַטמאָספערע" — אַ לייכטן, נישט איבעריק טיפן פּאָעטישן איינדרוק, כדי דאָס מאָסן־אויג זאָל עס גלייך קענען כאַפּן. די פון אַשן געשאַפענע אַטמאָספערע ציט אויך די לייכטע דינגע מינעס פון דער נאַטור; און נעמט אויך אַריין די העוויות, זשעסטן און רייד פון די מענטשן, געניג קענטיקע אויף צו כאַראַקטעריזירן זיי, אָבער די כאַראַקטעריזירונג איז, אַזוי צו זאָגן, נישט קיין אינעווייניקסטע, נאָר אַן אויסנווייניקסטע — אויף וויפיל די רייד און האַנדלונגען פון די מענטשן מאַכן אַ באַוועגונג אין דער לופט, העלפן מיטשאַפן אַט־מאָספערע. און דאָס איז די אַטמאָספערע, וואָס גיט זיי כאַראַקטער. עס

איז רעאַליזם אונטער אַ לופט־טורעם. און אויבן אין טורעם הענגט אַ גלאָק.

און אָט־דער דעקאָראַטיווער אַטמאָספערישער „טורעם" האַלט צו־זאַמען די גאַנצקייט פון בילד, דעם דערציילונגס־געבוי.

וואָרים פאַקטיש געהערן זיי נישט אַזוי צוזאַמען — יחזקאל גאַמ־בינער, די חסידישע רבייאישקייט און די קוילער־געסל (וועלכע איז דאָ אי ווי אַ קאַפּיטל פון „שטעטל", אי ווי אַן אויסגעברייטערטע זעלבסט־שטענדיקע דערציילונג). והראיה — זיי קומען ביי אַש אין אַנדערע קאָמבינאַציעס — אין „אַלטע לייט", וואו דער גאַמבינער איז פשוט אַ פיש־הענדלער. אָבער ווייל נישט צוגעקניפּט צום אַטמאָספערישן בילד, שלאָגט די דערציילונג זיך אַריין אין בלינדן טרוקענעם רעאַליזם. זי לויפט זיך פונאַנדער, זי איז נישט געבויט. און איינצלנע פּאַרשוי־נען פון קוילער־געסל פיגורירן אַלס טרעגער פון אייגענע דערציילונגען — ווי זבולן מאיר פון „אַ היים" — גערואַלט ווערן אַ קינפּטיקער מאַטקע גנב, כאַפּט זיך אָבער באַצייטנס און ווערט אַ לייט. אָבער צום שוואונג פון קוילער־געסל קומט ער נישט. די „נשמה" איז ביי אים אַרויסגענומען. — און שלום אַש האָט זעלבסטשטענדיקע חסידישע דערציילונגען, אויף פּרץ־שטייגער: „דער זינדיקער", „אַ מעשה מיט אַ ספר" — קומען זיי אַרויס געקינצלט. עס מוז זיין די קוילער־געסל מיט אירע ידים דערביי; ווייל לכתחילה האָט ער זיי אַריינ־גענומען אין איין בילד. און עס מוז זיין יחזקאל גאַמבינער — אויף צו קאָנצענטרירן די אַטמאָספערע פון בילד (און לאָמיר שוין זאָגן, אַז נישט מחמת גרויסער ליבע צום גרויסן נגיד גאַמבינער האָט אַש אים געמאַכט פאַר דעם מיטלפונקט פון „שטעטל", נאָר ווייל אויף אים לאָזט זיך אָנהענגען אַן אַטמאָספעריש בילד).

עס איז אַ בכיוונדיקע, קינסטלעך צונויפגעפירטע קאָמפּאָזיציע, אָבער אָט־ דאָס קינסטלעכע איז ביי אַש נאַטירלעך. ער איז נאָך מער אויסאַטעמער, ווי איינאַטעמער פון אַטמאָספערע. דאָס איז די אָנ־געהיצטע לופט, וואָס ער אָטעמט אָן, וואָס באַהעפט צוזאַמען די פאַר־שיידענע טיילן פון זיין פאַרפּאַטעטישער דעקאָראַציע. זיין גבורה איז אין זיין הייסן אָטעם, וואָס ער בלאָזט אַריין אין אַלץ וואָס מאַכט זיך אים פאַר די אויגן, און דאָס הייס־אָנגעאָטעמטע גייט אויף ווי אַן אויס־געפּוצטע פאַנטאַזיע, וואָס שימערירט מיט קאָלירן. ער איז בטבע אַ הייסאָטעמדיקער אויספּוצער. האָט ער אויסגעפּוצט די מוסקלען פון קוילער־געסל, און עס האָט געגומען אויסזען, אַז אויף איר שפּאַצירן

אַרום יידישע גבורים. און ער האָט אויסגעפּוצט די מידות פון שיינעם בעל־הבית, ביז ער האָט געגומען אין „שלמה נגיד" אויסזען ווי אַ שלמה המלך (און ער האָט אַ פּאַרטיקן סוזשעט, דאָ אין ניו־יאָרק פּאַרגע־לייענט פון אים פאַר 20 יאָרן, וואו די דעלעגאַטן צו די פּאַראייניקטע יידי־שע געווערקשאַפטן וואַקסן אויס ווי ריזן, וואָס האָבן איינגענומען דאָס לאַנד אַמעריקע פאַר יידן).

הייסער אָטעם, הייס בלוט; צוגעגעבן דערצו אַ לעבעדיק מאַכנ־דיקע פאַנטאַזיע — דאָס איז דאָך וואָס מען רופט טאַלאַנט, וואָס פּראָדוצירט קונסט. דערצו נאָך אַ צוגענגלעכע פּאָעטישע דעקאָראַציע, דערצו נאָך איינגעפּאַסט אין אַ רעמל — עס הייבט זיך אָן מיט אַ וואַנדערער, וואָס גייט אַריין אין שטעטל, און עס לאָזט זיך אויס מיט דעם וואַנדערער, וואָס גייט אַרויס פון שטעטל — פאַר באַשטעטיקונג, אַז עס איז אַ דעקאָראַטיוו בילד — און געשיקט צו די פעלקער, איז עס אָנגענומען געוואָרן ווי אַ חידוש, וואָס די קינסטלערישקייט מאַכט עס גלויבלעך, אויסטערליש, אָבער עס לייגט זיך אויפן שכל: אַ ייד אַ סוחר, איינגעוויקלט אין אַ תורה־מענטעלע, איז אין צענטער פון שטעטלשן יידישן לעבן; תורה מיט סחורה גייט ביי יידן צוזאַמען — און צו דעם, גאָר אומגעריכט, יידישע גבורים — עס האָט אויסגע־נומען! אַפילו אַביסל פּאַרשפּעטיקטע אָריענטאַלישע ראָמאַנטיק, אָבער באַלד וועט די יידישע ליטעראַטור זיך אויסגלייכן מיט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

די יידישע לייענער און קריטיקער זענען אוודאי פאַרכאַפּט גע־וואָרן. בעל מחשבות האָט געדרונגען, אַז דער אייניקל — שלום אַש — באַווייזט נאָך אַמאָל, וואָס דער זיידע מענדעלע האָט שוין באַוויזן. אַז פאַר קינסטלערישקייט און פּאָעזיע דאַרף די יידישע ליטעראַטור צוריק גיין צו דער פאַרצייטיקער פרומער טראַדיציע פון שטעטל; אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר איר אַרויסצוהייבן זיך פון שטעטל. ער האָט נישט פאַרויסגעזען, אַז גאָר באַלד וועט די יידישע ליטעראַטור נישט נאָר אָניאָגן קינסטלעריש די יידישע ווירקלעכקייט פון היינט, נאָר זי וועט איר נאָך פאַרויסגיין. ווי עס האַלט היינט, איז דאָס פאַרויס־גיין אַ מוז פאַר איר. ווען זי גייט נישט פאַרויס, גייט זי אונטער.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דאָס „שטעטל" דעם אומ־באַשטריטענעם פאַרדינסט, וואָס קינסטלעריש פאַרפיקסירנדיק דאָס יידיש־פוילישע שטעטל, האָט עס געהאָלפן פאַרפעסטיקן דעם אונטער־

גרונט פון דער פוילישער טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור, די ליטעראַטור פּראָדוצינדיקע טעריטאָריע־אילוזיע איז דורך אַש כמעט געוואָרן אַ רעאַליטעט. אויף דער טעריטאָריע וועט זיך באַלד לאָזן אויספירן גאַנצע ליטעראַטור־בנינים.

אָבער אַנדערש ווי רייזען האָט שלום אַש אין שטעטל פון זיין אָפּשטאַמונג זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן. רייזען, ווייל ער האָט אַזוי־פיל פּיאָנערישע מי אוועקגעשטעלט אויף זיין שטעטל, איז ער קינסט־לעריש צונויפגעוואַקסן מיט זיין שטעטלשן שטאָף. שטייט ער ווי אַ צוגעקלאַמערטער צו זיין פּיאָנערישן פּאָסטן, פאַרקערפּערנדיק די וואָרנונג צו אַלע יידישע שריפטשטעלער: — פאַרגעסט נישט דאָס שטעטל פון אייער אָפּשטאַמונג. פריער פון אַלץ מוזט איר מיט איר קינסטלעריש זיך פונאַנדערחשבונען. און ווילט איר פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ברעכט דאָס שטעטל אין זיך איבער און נעמט מיט דעם ניצוץ אירן אין דער גרויסער וועלט, פאַרוואַנדלט אים און פאַרטוט אים אין אייערע גרויס־וועלטיקע ווערק. רייזען אַליין, וויפיל ער האָט נישט אַרומגערייזט די וועלט און געזאַמלט חכמה און דערפאַרונג, פּרעסט ער עס אַלץ אַריין אין אַ רעמל, וואָס קאָן אַריינגעשטעלט ווערן ווי אַ שייבל אין פענצטערל פון אַ קליין שטעטל. אַפילו אַזעלכע פאַרפיינערטע דערציילונגען, ווי „אייזן" און „דער פּרוש", וואָס דאַרפן צופרידנשטעלן דעם ראַפי־נירטסטן גרויס־וועלטיקן געשמאַק — דער „פּרוש" איז אַ מין מאַגיקער, וואָס ווינקט אַרויס תאווה פון פרומקייט און פרומקייט פון תאווה — קאָנען אויך געלייענט ווערן דורך אַ קליינשטעטלדיקן פענצטערל.

שלום אַש איז לייכטער געווען אָוועקצורייסן זיך פון שטעטל, מיטנעמענדיק די מתנה וואָס דאָס שטעטל האָט אים געשאָנקען, אַט דעם טאַלאַנט זיינעם אָנצואָטעמען הייסע אַטמאָספערע, וואָס שמעלצט פאַר אים אויס בילדער, וואָס שמעלצן זיך צענויף אין איין גאַנץ בילד. האָט ער מיטגענומען אַט־דעם הייסן אָטעם, און יאָ — אויך דעם ברייטן פּר־נאַנדערפאָך פון זיינע אָרעמס, דעם פיזישן „פאַרנעם" פון קוילער־געסל.

אין די ערשטע יאָרן אין וואַרשע, נאָכן „שטעטל", האָט ער נאָך געצויגן בילדער און געשטאַלטן פון זיין שטעטלשער אַטמאָספערע. דערנאָך זענען געקומען די דערציילונגען, וואָס גרופּירן זיך אַרום „שטעטל" — די וואַנדערונגען פון שטעטל. האָט ער געוואַנדערט פון שטעטל אין דאָרף אַריין צו די פוילישע פּויערים — די נאָוועלע „ערד" — און נאָך אָפּטער האָט ער געוואַנדערט מיט דער ווייסל אין די פאַר־

שטעט פון וואַרשע, וואו די שטעטלשע יידן־פּישער, פּרוכט־הענדלער שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע. דאָרט אין די פאַרשטעט האַלט סטאַנציע די יידישע אונטערוועלט — האָט ער אַ צאָל פון זיינע שטעטלשע פאַרשוינען — שמייסער, קצבישע טעכטער פון קוילער־געסל — אָפּ־געגעבן פאַר רעקרוטן אין דער אונטערוועלט — (די דערציילונג „די שיינע מאַריע"). און וואו ער פלעגט באַווייזן צוריק אויפצוכאַפּן די היימישע אַטמאָספערישקייט, פלעגט אַרויסקומען מחיהדיקער אַטמאָס־פערישער רעאַליזם ווי די דערציילונגען „די מחלוקת אין קאַרטשעוו", „אַ גט" — אַ פרומער בעל־הביתל גט אָפּ זיין פרוי אַן עקרה (וואו דער סינטעז פלעגט אים נישט געלינגען, איז עס געווען, ווי געזאָגט, קאָ־פירנדיקער מיד־מאַכנדיקער רעאַליזם). — איינגעגעבן זענען אויך די דערציילונגען, וואָס זענען געבויט אויף וואַנדערונגען אין פרייען דרויסן — אין גאַנג זאַמלט זיך אים לייכט געדיכטע אַטמאָספערע — „אויפן וועג קיין שעמענעץ" — (דאָס איז אים געבליבן: רייזע־מאָמענטן טוען אים גוט — דאָס גנבענען דעם גרעניץ דורכן וואַלד, דאָס אַראָפּ־גיין פון שיף אין עליס איילאַנד — און דער שענסטער ביישפּיל: די וואַנדערונג דורכן סטעפּ פון דער פאַרטריבענער יידישער עדה אין ערשטן קאַפּיטל פון „קידוש השם").

און ווען עס האָט אים אויסגעשעפּט דער היימישער מאַטעריאַל, האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט. דער „שטעטלשער" הייסער אָטעם איז אים צו הילף געקומען — ס'איז געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלעמאַל און זיין קינסטלערישע פונקציע: טראָגנדיק זיך אויף זיין הייסן אָטעם, איז אַש אַ בריה אַריינצוכאַפּן זיך אין יעדן ווינטל, וואָס ווייט אין דער ליטעראַטור, און פונאַנדערצוויאָגן עס מיט זיין אימפּעט אַזוי, אַז עס זאָל נעמען אויסזען ווי אַ שלום אַש שטורם; ער איז פלינק אַריינצולעבן זיך אין יעדער אויפקומענדיקער טענדענץ און איינס־צוויי מאַכט ער עס פאַר אַ שטיק שלום אַשיש אייגנטום. ווי אַ רעזאָנאַטאָר פאַרגרעסערט ער דעם שטילסטן קול. איז עס אַ גרויסע קינסטלערישע מעלה, און אויך אַ נוצלעכע. וואו עמיצער האָט פאַרטשעפּעט אַ טעמע, וואו אַן אָנצוהערעניש אויף אַ געשטאַלט, וואו אַ פּיפּס אויף אַן אידייע, אַש האָט דאָס איינגעשלונגען, עס איז גע־וואָרן זיינס. עס איז ביי אים ווי אין פּסוק שטייט — „ויפּח" — דער באַשעפער האָט אַריינגעבלאָזן זיין אָטעם אין די נאָזלעכער פון זיין באַשעפעניש, און דאָס באַשעפעניש האָט זיך אָפּגעצאַפּלט. אָבער וואו עס שטייט ביים באַשעפער „בצלמו" — אין זיין אייגענער געשטאַלט—

טוט עס אַש: ער האָט געגוג אייגענע געשטאַלטן אויף צו באַפּעלקערן אַ שטעטל. און טאָמער נישט, מאַכט אים אויך נישט אויס — שרייבט ער לויט אַ פּאַרטיקער געשטאַלט, לויט אַ פּאַרטיקער אידייע. און ווען דער מאַטעריאַל איז אים אַ פרעמדלעכער, שרייבט ער אויסוויייניק, אָן דער זיכערקייט, וואָס קאַווירט פאַרן אמת. אַזוי ווען ער האָט איבערגעאַרבעט זיין דערציילונג „די שיינע מאַריע" אין דער דראַמע „גאָט פון נקמה" — די רעאַליסטישע געשטאַלטונג איז געצייכנט מיט זיכערקייט, אָבער די סענטימענטאַלע הייזל-מיידל-ליבע-סצענע איז אויס-וויייניק געשריבן: די אידייע גופא פון דער דראַמע איז אויסנוויייניק גע-שריבן. אַפילו אויסנוויייניק זענען די דראַמען אויף דער אויפגעכאַפּטער מאָדיש געוואָרענער נאַציאָנאַלער אידייע — „מיטן שטראָם", „משיח-צייטן" (די מערסטע ארץ-ישראל-רייזעס זענען אויסוויייניק געשריבן. אויף טראַדיציאָנעלן ביבלישן טעקסט. אַזוי אויך זיינע ערשטע אָמע-ריקאַנער בילדער — פון דער צייטונגס-כראָניקע). אָבער אַפילו מיט זיין אויסוויייניק שרייבן האָט אַש אויסגעצייכנט געדינט דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געוואָרן דער שטאַרקסטער אַרויסהעלפער פרצעס. ספּעציעל מסוגל געווען צו מאַכן אַ נוץ פון דער ליטעראַטור-אילוזיע, וואָס האָט זיך אָנגעקוואָלן אַרום פּרצן. נישט נאָר האָט ער זי איינ-געזויגן, נאָר ער האָט זיך ממש אָנגעשכורט מיט איר — און ער, אפשר דער ערשטער, האָט גענומען שרייבן דערציילונגען אויס ריינער ליטע-ראַטור-הנאה, נישט אויסן זייענדיק צו פאַרדינען עפּעס אַ מצווה מיט דעם. ער האָט געשריבן אויף אַזעלכע טעמעס און פּראָבלעמעס, וואָס איז אָנגענומען ביי די אומות העולם, אַז זיי זענען ווערט דעם קינסטלערס אויפמערקזאַמקייט. אַש מיט זיין ליטעראַטור-שיכרות, מיט זיין פלייס און איבערפלוס און אַפילו מיט זיינע בלאָנדזשענישן האָט ער געמאַכט פאַר אַן ענין דעם סאָרט ליטעראַטור-דערציילונג, וואָס ראַטעוועט נישט — נישט כל ישראל און נישט בן ישראל, נאָר דעם שריפט-שטעלער און זיין פען. נאָך אַשן איז שוין לייכטער געווען זיי צו שרייבן, נישט אומקוקנדיק זיך, וואָס וועלן יידן זאָגן. אונטער די דאַ-מאָלסדיקע אומשטענדן פון דער יידישער ליטעראַטור — ביז 1910 — ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט אַריבערהייבן איבער אירע שווערע דינסט-פליכטן — איז עס געווען אַ היפשער פאַרדינסט.

און שלום אַש האָט נאָך מער פאַרדינסט: ער האָט געמאַכט פּלאַץ פאַרן יידישן שריפטשטעלער אין דער וועלט-ליטעראַטור. און אַזוי איז דאָס געווען: — ווען ער איז פון וואַרשע אַריבער קיין

פעטערסבורג — וואו ער איז אַ דאַנק דער „שטעטל" און זיינע דראַמען אויפגענומען געוואָרן בכבוד גדול — און פון פעטערסבורג אין אַנדערע גרויסע אייראָפּעאישע צענטערן — האָט ער געמאַכט דעם וויטסטן שפּרייז אַוועק פון היימישקייט — אַ שפּרונג פון קוטנאָ צו די פעלקער — און ער האָט אַוודאי געגומען שרייבן אויסוואייניק: אויף אַנגעהערטע און אָנגעשמועסטע טעמעס, אויף אידייען, וואָס פלאַטערן אין דער לופטן, אויף פאַרטיקע ביישפּילן. — האָט היינריך מאַן דאַמאָלס גע־שריבן ראָמאַנען אויף צעשפּרייטע לייוונטן, און טאָמאַס מאַן אַ נאָוועלע „דער טויט אין ווענעדיק", האָט אויך שלום אַש אַ וואָרף געטאָן דעם ערשטן יידישן פּרוואוו אויף אַ ראָמאַן פון ברייטן שטח, וואָס זאָל דעקן שטעט און לענדער — דעם טאָפּל־ראָמאַן „מערי" און „דער וועג צו זיך" — און ער האָט נאָכגעפאָלגט דער נאָוועלע מיט אַ גאַנצער אָפּ־טיילונג אין ראָמאַן, קאָפּירנדיק נישט נאָר מוזייאישן טויט־גייסט, נאָר אַפילו איר טיטל: „דער טויט אין ווענעדיק". אין בערלין האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט אינספּיראַציע פאַר דער סימבאָלישער פאַנטאַס־מאַגאָריע „נאַכט" און פאַר דער פּאָעמע־נאָוועלע „יפתחס טאָכטער", וואו עס דערשיינט די געשטאַלט פון גאָט־אָקס, אַן אויסבאַרגונג ביי די בערלינער „אַדאַמיטן". און וואו ער קומט אָן — אַריינגעאָטעמט די לופט, אויסגעאָטעמט — שוין, ער קאָן שוין שרייבן אַ ראָמאַן — אויסנווייניק . . .

„דער וועג צו זיך" האָט ערגעץ נישט דערפירט, און „נאַכט" און „יפתחס טאָכטער" זענען געבליבן זיך טראַמפּלען אויף די ערטער. אָבער אַפילו וואו שלום אַש שרייבט אויסוואייניק, נישט פון זיין אינווע־ניק אַרויס, פּאַסירן גליקלעכע מאָמענטן; אַט ציען זיך לאַנגע מאָנאָ־טאָנע זייטלעך, אָפּגעשריבענע פון צייטונג — און פּלוצלונג גיט ער זיין פּען געלאָף, און לויפנדיק אַזוי קייקלט ער צונויף בערגלעך אַט־מאָספערע, לופט־ווירבלען אַזעלכע, וואָס ציען אַריין אין זייער געדריי ביינער, שטיינער, שפּענער, צייטונגס־שטויב און שפּראַך־זאַמד — און זע: די ביינער זענען לעבעדיק געוואָרן און האָבן אָנגענומען די גע־שטאַלט פון מענטשן; די שטיינער, שפּענער, שטויב און זאַמד האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ווי די געשטאַלט פון ווירקלעכקייט, וואָס בלענדט, פאַרנעמט דאָס אויג, איבערצייגט. דאָס איז שלום אַשעס אַטמאָספערי־שער מיראַזש, פאַרבילדלעכטע לופט. אַט גאָר לעצטנס, צום ביישפּיל, אין דעם נאָר וואָס אָנגעהייבענעם ראָמאַן: — „דאָס געזאַנג פון טאָל", אַ פּראָדוקט פון עטלעכע וואָכן שטיין אין ארץ־ישראל, אין צוויטן

קאַפּיטל, וואו אַש קריכט, קריכט דורך לאַנגע זאַמדיקע פּאַראַגראַפן פון אַ פּאַרקילטן ציוניסטישן באַריכט, הגם די זון ברענט אויבן — מאַכט שלום אַש אַ הפסקה פאַר אַ סצענע, וואו די חלוצים אין עמק אַנטדעקן דעם קוואַל, וואָס מאַכט דעם זומפּ, און קאָן ווערן אַ לעבנס קוואַל. שלום אַש איז קיינמאָל דערביי נישט געווען, אָבער דאָ האָט ער אַ געלעגנהייט געהאַט אַנצואַטעמען אַ מיראַזש — מיט זיך אַליין אַלס דעם הויפּט־אַנטדעקער פון קוואַל, און ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט מים־חיים, און וואָס איז נישט געווען, ווערט פאַר די אויגן. אַוודאי איז עס טאַלאַנט. אַט־די אָנגעקייקלטע בערגלעך אַטמאָספערע, פון וועלכער עס פּלאַצן אַרויס די אַשישע מיראַזשן, זענען די געבענטשטע הפסקות אין די זיך ציענדיקע ליידיקייטן פון געשריבענעם אויף אויסוויניק, און זיי באַלוינען פאַר דער טרחה פון ליידיקן לייענען. גוט זענען דאַרום אַלע יענע מאָמענטן און שטעלן אין אַט־די ראָמאַנען, וואו ער קריגט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיינע אַטמאָספערישע מופתים; היימען וואָס האָבן אַ סך איינגייער, הייזער וואו קהל קומט זיך צונויף, וואָס האָבן אַן איינגעשטעלטע אַטמאָספערע — גיט ער זי אַ זופּ אַריין צוזאַמען מיט די מענטשן, און אין זכות פון דער אַטמאָספערע ווערן די מענטשן אויך לעבעדיק — אויף וויפיל זיי האָבן שייכות צו דער היים אָדער צום הויז. עפּעס פרישט דאָס אָפּ אין אים די ברייטע שטוב פון יחזקאל גאָמבינער, וואו ער איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט זיין אַטמאָספערישער וואונדער־קראַפט. אַזוי דער סאַלאָן פון גרויסן אַדוואָקאַט אין „פּעטערסבורג", דער באַלאַגערטער האָטעל אין „מאָסקווע", און אַוודאַי און אַוודאַי דאָס הויז פון לערער הורעוויטש אין וואַרשע. — דאָס הויז איז אַוטאָביאָגראַפיש. עס איז געווען די הויפּט־סטאַנציע פון זיינע בחורשע יאָרן, ווען ער האָט געדאַרפט איבערקאָכן זיין קוטנא אין דער וואַרשעווער אַטמאָספערע. דאָס הויז איז געווען אַ פּאַרטיי־אַכסניה. ער האָט זיך דאָרט צונויפגעלעבט מיט מענטשן, וואָס האָבן געלעבט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָבן די מענטשן פאַר אים אַן אַטמאָספערישן ריח. צוליב דעם הויז און צוליב די איינגייער אין דעם הויז האָט „וואַרשע" זוכה בגורל געווען צו זיין דער בעסטער ראָמאַן פון דער „טרילאָגיע". — שוין אין „מערי" איז דער אַרבעטער־קוואַרטאַל אין האָמליע — דער „ראָוו" — אויסגעצייכנט געשילדערט געוואָרן. צוליב קאָנספּיראַציע, ווייזט אויס, האָט ער דעם קוואַרטאַל פון וואַרשע אַריבערגעטראָגן קיין האָמליע.

און אַוודאַי אַלץ, וואָס רירט אָן אַשן פּערזענלעך, איז קאַפּאַבל

אַנצוציען אַטמאָספערישקייט. איז ער דאָך אַליין דער מייסטער־אַט־מאָספערע־שאַפער. האָט אַש, קענטיק, אַ ליבע שוואַכקייט אַמאָל געהאַט פאַר מוטערלעכע פרויען. לאָזט ער זיין הויפּטהעלד פון דער „טרילאָגיע" מירקינען, וועלכער פאַרטרעט טיילווייז זיין באַשעפער אַליין, צווימאָל זיך פאַרליבן אין פרויען־מוטערס, אַנשטאָט פאַרליבט צו זיין אין זייערע טעכטער. אַזוי איז ער זיך אַ בלאָסער, אַ מטושטשער העלד, אָבער וואו ער קומט צו אַט־די סצענעס, איז ער וואונדערלעך. די לופט אַרום אים כישופט. און נישט נאָר אַמאָל, נאָך היינט, וואו עס גיט אים אַ קלאַפּ עפּעס אַ לעבעדיקע רעטעניש — אַסימילירט ער אין אַ רגע די לופט אַרום דעם און שטעקט זיך אָן מיט דער רעטענישדיקייט און שטעקט אונדז אָן. אַזוי האָט „מערי" — די ערשטע קינסטלער־מיידל אין דער יידישער ליטעראַטור — פון די וואַרשעווער און פעטערבורגער אַטעליעס, אונדז פאַרכאַפּט, ווי אַש איז פון איר פאַרכאַפּט געוואָרן.

דאָס זענען די שלום אַשישע אַטמאָספערישע מעלות, וואָס קויפן אויס די חסרונות מיט דער פסולת פון אויסוויייניק געשריבענעם; טראָץ די חסרונות טראָגן זיי די ראָמאַנען אויף זיך און טראָגן זיי אַריבער צו די פעלקער. — האָבן מיר אויסגערעכנט אַ ריי גאַנץ גרויסע פאַרדינסטן שלום אַשעס. ערשטנס, מיט דעם „שטעטל" און מיט די דערציילונגען, וואָס גרופּירן זיך אַרום „שטעטל", האָט ער אַראָפּגע־בראַכט פּרצעס טעריטאָריע־אילוזיע אויף דער ערד. אַזוי אַרום צו־גרייטנדיק דעם באָדן פאַר אַ פּויליש־יידישן טעריטאָריע ראָמאַן. צווייטנס, מיט זיינע שפּעטערדיקע וואַרשעווער דערציילונגען האָט ער געלאָזט אין גאַנג די דערציילונג, וואָס ווערט געשריבן אויס פרייען קינסטלערישן דראַנג — נישט פון מצווה וועגן, נאָר צוליב דעם אינסטרומענט, דער דערציילונג גופא. אָן ספק, האָט אַט דאָס משמח זיין דעם קינסטלער און זיין אינסטרומענט זיך אַריבערגעטראָגן צו די „יונגע" אין אַמעריקע, וואָס האָבן דאַמאָלס זיך געהאַלטן אין פורעמען. דריטנס, האָט אַש אפילו מיט זיינע אויסוויייניק געשריבענע ראָמאַנען אַרויסגעפירט די יידישע ליטעראַטור אויף דער וועלט־אַרענע. דאָס דאַרף אַוודאי הייבן דעם מוט פון יידישן שריפטשטעלער.

צוליב די אַלע פאַרדינסטן, פאַרדינט אַש מען זאָל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת. וועמען עס איז אַ סך געגעבן, פון דעם פאָדערט זיך אַ סך. זיין ערשטן פאַרדינסט, אַלס אַריינפירער פון דער פּוילישער ערד אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלן מיר נישט אָפּפרעגן. אָבער וועגן

די אַנדערע צוויי פּאַרדינסטן זיינע לאָזט זיך פרעגן קשיות.

וועגן זיין פּאַרדינסט, אַלס אַריינפירער פון דער פרייער ליטע־ראַטור־דערציילונג פאַר דער באַפרידיקונג פון שריפטשטעלערס באַ־דערפניש צו איבן און שלייפן זיין אינסטרומענט („דערציילונג" שליסט שוין אויך אַריין זיינע ראָמאַנען, וואָס זענען מער ווי אָפט גיכער פונאַנדערגעשפּרייטע, פונאַנדערגעשלײדערטע דערציילונגען, איידער אויפגעבויטע ראָמאַנען, פונאַנדערגעוואָקסענע לעבנס) — לאָזט זיך דאָ פרעגן: נאָכדעם ווי ער האָט מיט טאַלאַנט און התמדה געוואונען אַנערקענונג פאַר דעם אינסטרומענט, וואָס פאַר אַ נוץ האָט ער פון אים געמאַכט, צו וועלכן לעבנסדינסט האָט ער אים געשטעלט? וואָרים אָן דעם קאָן דער אינסטרומענט קינסטלעריש זיך ניט פאַרפולקאָמען: ער קאָן נישט געאיבט ווערן אויף גאָרנישט, נאָר אויף וויכטיקן לעבנס־אינהאַלט. האָט ער באַרייכערט זיין אינסטרומענט, באַרייכערנדיק אונדז מיט נייעם לעבנס־אינהאַלט?

מיר וויסן, אַז אַש, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעליידיקט זיין אַטמאָספערישן קינדהייט און יוגנט־רעזערוואואַר, האָט מער ווי אָפט געשריבן אויף פאַרטיקן — אויף טעמעס, געשטאַלטן און אידייען, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעשמעקט און אָנגעשטעקט. די ליטעראַטור איז מוחל. אין ליטעראַטור איז קיין פריוואַט־אייגנטום נישטאָ. ווער עס קאָן, מעג נעמען. איז זאָל זיין נישט קיין ניי־אַנטדעקטע געשטאַלטן, אָבער נייע אַנטפּלעקונגען אין די געבאָרגטע געשטאַלטן? עס דערמאָנט זיך גאָרנישט. אויך דאָס איז קיין חטא נישט, וואָס ער האָט מער ווי אָפט געשריבן אויף אויסוועניק. קינסטלער שרייבן אויף אויסוועניק, קינסטלער מעגן. זיי דאַרפן עס אָבער באַרעכטיקן. אַ האַלבע באַ־רעכטיקונג האָט אַש. אין אימפּעט פון געלאַף אויף אויסוועניק דער־לאַנגט ער אונדז אַ פאַרבלענדניש, וואָס האָט דעם אָנבליק פון ווירקלעכקייט. דערלאַנגט ער אָבער מיט דער ווירקלעכקייט־פאַר־בלענדניש אויך אַ נייעם לעבנס־אימפּולס? די אַנטדעקונג פון דעם קוואַל אין עמק דערפרישט — עס איז קינסטלעריש באַוועגלעך — דעקאָראַטיוו — אָבער אַ „שם המפורש" אויף צו שאַפן אַ חלוץ קוועלט פון דאָרט נישט. אין ביידע פאַלן — סיי ווען ער שרייבט פון גרייטן און סיי ווען ער שרייבט אויף אויסוועניק — וואָלט די ענטגילטיקע באַרעכטיקונג געווען: צי ער טראָגט וואָס צו פון דער אייגענער נשמה? צי ער פאַרמערט אונדזער נשמה־ענערגיע מיט אַ חלק פון זיינער?

י. ל. פּרץ, דער אַרויסבריינגער פון דער ירושה־טענדענץ, האָט

אַנגעוויזן דעם וועג: נאָך נשמה־ענערגיע דאַרף מען גיין צו דער פאַרגאַנגנהייט. זאַמלען די אוצרות פון די דורות און זיי פאַרוואַנדלען. אַש איז געווען דער ערשטער צו פאָלגן. ער איז מיט חשק געגאַנגען צו דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער צוליב וואָס איז ער געגאַנגען? כדי צו פאַרוואַנדלען ענערגיע? ניין, נאָר ווייל דאָרט איז צו געפינען פאַרטיקן שטאָף פאַר דעקאַדאַטיווע עפעקטן. האָט ער אויסגעשטעלט לאַנגע רייען דעקאַדאַציעס פאַר היסטאָרישע פּראָצעסיעס — „פּעדזשעגטס" בלע"ז — פון דער ביבלישער און נאָך־ביבלישער צייט. לאָמיר מאַכן אָן אויסנאַם פאַר „קידוש השם". די אַטמאָספערע פון יידישער מסירת נפש איז אַזוי קאָמפּאַקט אַריינגעפּרעסט אין דער דעקאַראַציע, אַז מען קאָן אָננעמען, אַז די ענערגיע איז פאַרוואַנדלט: מיר ווערן געשטאַרקט אין אונדזער יידישער עקשנות. אָבער וואָס האָט ער פון זיך צוגעגעבן צו „שבתי־צבי", מיר זאָלן דערפילן, אַז ער האָט פאַרזוכט פון דער משיח־איבערלעבונג, פון דעם אויסלייזונגס־דראַנג? און דער „תהילים־ייד", וועלכער האָט באַקומען אַזאַ גרויסאַרטיקן קבלת פּנים — וואו אַלע שוין אַנטדעקטע און אַנטפּלעקטע צדיקים ווערן נאָכאַמאָל אַרויס־געפּירט אויף פּאַראַד — וואָס פאַראַ נייעם איינבליק אין דעם צדיק האָבן מיר געוואונען דורך אַשעס דעקאָראַטיווער פאַרגעשטאַלטיקונג — אָן איינבליק, וואָס מיר האָבן פריער נישט געהאַט און איצט האָט ער אונדז די אויגן געעפנט?

שלום אַש — נישט נאָר ער ציט נישט קיין נשמה־ענערגיע פון דער ירושה פון די דורות, נאָר פון זיין אייגענער ירושה אויך נישט.

נישט אומזיסט איז געגעבן געוואָרן אַ וואָרנונג צום יידישן שריפטשטעלער: פאַרלאָזטו דעם אָרט פון דיין אָפּשטאַמונג, פאַרגעס נישט מיטצונעמען דעם ניצוץ, וואָס האָט דיר געגעבן די ערשטע שפּירונג פון רוח הקודש — די נשמה, די חלומות פון דיין קינדהייט און יוגנט — נישט בלויז דאָס פיזישע זאַלסטו מיטנעמען: דעם אָטעם־צוג, דעם בלוט־דרוק, די גבורה פון די הענט. יאָ, אַש האָט מיט־גענומען טאַלאַנט אויף אַנצוגליען די לופט, ביז זי גייט אויף מיט קאָלירפולע מיראַזשן, וואָס פּרוכפּערן זיך מיט דעקאָראַטיווער בילד־לעכקייט. און אַפילו דער טאַלאַנט האָט זיך אים אומזיסט נישט גע־געבן. טאַלאַנט איז נישט פון געבוירנשאַפט בלויז. אַט־דער טאַלאַנט זיינער איז איצט כמעט אַ פיזישער אָפּשלאַג פון אַ נשמה יתירה, וואָס ער האָט אָנגעהאַרעוועט אין זיין קינדהייט און יוגנט. אין זיינע אַמאָליקע

שטעטלשע דערציילונגען פיגורירט אַ פֿאַרחלומט נשמה־יתירהדיק ייִנגעלע, וואָס אויף זיין שטייגער איז ער מקריב אַ סך קרבנות — דאָס איז דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט אָנגעשפּייזט שלום אַשן מיט טאַלאַנט. שלום אַש האָט אָט־די אַרבעט פֿון אָנהאַרעווען נשמה יתירה אָפּגעשטעלט. ער פֿאַרלאָזט זיך נאָר אויף זיין טאַלאַנט —

צווישן שלום אַשעס העלדן איז לייכט צו אונטערשיידן צווישן די, וואָס שטאַמען פֿון זיין יוגנט און האָבן נשמות, און די שפּעטערדיקע, וואָס האָבן קיין נשמות נישט. פֿאַרגלייכט די ערשטע העלפֿט פֿון „מאָטקע גנב" מיט דער צווייטער — די ערשטע איז פֿון יוגנט־איבערלעבונג, די צווייטע איז פֿון אויסגעטראַכטן און אויסוועניק געשריבענעם. אין דער „טרילאָגיע" זענען דאָ צוויי העלדן, וואָס פֿאַרטרעטן אַשן — איינער איז מירקין, וואָס פֿאַרטרעט אים אַלס וועלט־קלוגן — האָט ער קיין נשמה נישט, אויסער אין די מאָמענטן, וואו ער איז פֿאַרליבט אין די מוטערס פֿון זיינע כלות. דער צווייטער איז דער ישיבה בחור, וואָס קומט אַראָפּ פֿון שטעטל און איז גרייט מיט מסירת נפש אויסצוקעמפֿן פֿאַר זיך אַ שריפֿטשטעלערישן באַרוף. — דאָס איז דער אויסגעוואַקסענער פֿאַרחלומט ייִנגעלע פֿון זיינע פֿריערדיקע דערציילונגען. הגם אַש, ווי זיין שטייגער איז, שילדערט אים, שילדערנדיק די לופֿט אַרום אים, דורך די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס שטאַרצן אין דער לופֿט אַרויס — אינעוועניק איז ער נישט אָפּגעשטעמפּלט — אָבער אַנטקעגן מירקינען איז ער איבער־אָנגעלאָדן מיט נשמה.

און דאָס איז אויך דעם שריפֿטשטעלערס נשמה־יתירה, וואָס פֿאַרנעמט די אימפּולסן, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור זאָגט זיך אָליין אונטער, כדי צו פֿאַרזיכערן זיך קיום — דורך דעם, וואָס זי וועט ווערן דער ייִדישער הויפּט־דערלייזונגס־מיטל. און נשמה־יתירה קאָן מען מיט די הענט נישט נעמען. מען דאַרף זיין גרייט צו קרענקען, צו מאַטערן זיך און ברענגען קרבן נאָך קרבן. מען דאַרף אַרבעטן מיט דער נשמה, מען דאַרף פֿאַרדינען נשמה־יתירה. שלום אַש איז פֿאַר דעם נישט גרייט. קינסטלעריש איז ער אַן עגאָאיסט. ער קאַרגט, ער זשאַלעוועט.

אָט האָט איצט די ייִדישע ליטעראַטור זיך אויפֿגעגעבן פֿאַר אַ רעטונגס מיטל — אויסצושטרעקן זיך ביז צו אַ וועלט־פֿאַרנעם, ביז צום דעקן די גאַנצע ייִדישע וועלט־טעריטאָריע. דער דראַנג דאַרף זיך דורכראַנגלען אין דער ייִדישער ליטעראַטור גופֿא דורך שווערער

נשמה־אַרבעט. עס דאַרפן אויפגעוועקט ווערן נייע געפילן, עס דאַרפן אַרויסגערופן ווערן נייע געשטאַלטן. וואָס־זשע טוט שלום אַש? כהרף עין כאַפּט ער אויף די היילנדיקע אימפּולסן, וואָס אַנדערע האָבן אונ־טערגעהערט, זייערע אויפטועריזשע אידייען, זייערע פּאַראויסזאָגערישע געשטאַלטן — לאָזט זיי דורך דורך זיין שמעלץ־לופט, דעקאַרירט זיי און שיקט זיי אַריבער צו די לייענער פון די אַנדערע ליטעראַטורן, וואָס מיט דער כוונה שרייבט ער לכתחילה זיינע ראָמאַנען. און יענע — וואָס אַרט זיי? זיי דאַרפן דען ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור? אַשעס ראָמאַנען האָבן גענוג מעלות אויף אונטערצוקויפן זיי. קויפן זיי. און זיינע ראָמאַנען ווערן אַפילו „בעסט סעלערס". אָבער אונדז אַרט, וואָס אין דער „טרילאָגיע", וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט שלום אַשישער כאַראַקטעריזירונגס־לוסט — פון די געשטאַלטן, וואָס שטאַמען פון זיין יוגנט־ירושה איז די בעסט כאַראַקטעריזירטע די פרוי־מוטער הורוויטש; פון די „אָנגעשמעקטע און אָנגעשטעקטע" געשטאַלטן — די טראַציקע פלאַטער־פויגעלע, די טאָכטער פון גרויסן אַדוואָקאַט גאַלפּע־רין, מירקינס ערשטע כלה — אַרט אונדז גאָר שטאַרק, וואָס דער ראש פון די יידישע שריפטשטעלער האָט נישט געגעבן קיין איין געשטאַלט, וואָס זאָל אונדז אָנזאָגן אַ בשורה. — וואָס, איז מירקין דען אַ בשורה־טרעגער? ווייס ער דען אויף וואָסער וועלט ער איז? פייכטער נשמה־מאָך. און פון דער פּאַרשפּעטיקטער פּאָרטרעטור פון די ערשטע בונ־דיסטן — ווער פון זיי נעמט אונדז אַריבער איבער דעם שוועל פון דער צייט?

אַש נעמט דעם דראַנג פון דער יידישער ליטעראַטור צו וועלט־טעריטאָריע, און איינפּאַסנדיק אין לייכטע צוגענגלעכע דעקאָראַטיווע פּאָרמען, טראָגט ער אים אַריבער אויף יענער זייט שפּראַך־גרענעץ — מיט גרויס דערפאָלג. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? מאַכט ער פּלאַץ פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין דער וועלט־ליטעראַטור? אַ דערמו־טיקונג פאַר דעם יידישן שריפטשטעלער? אַן אָנשטויס פאַר אים צו שעפערישקייט? טויג עס ערשט נישט. עס טוט שאַדן. וואָרים די וואָס פאַלגן אים נאָך שרייבן לכתחילה סחורה עובר לסוחר. און די וואָס קרענקען, וויטיקן אויף זייערע שעפערישע אימפּולסן, קאָנען זיך טראַכטן: צוואָוואָס לוינט עס? אַז פּאַרטיקע סחורה גילט. ווערן זיי ווילנדיק נישט ווילנדיק אַנטמוטיקט. עס טעמפּט זיך אָפּ זייער אָפּפער־וויליקייט. — ווען מיר געווינען אַ וועלט־מאַרק, נישט קיין וועלט־

טעריטאָריע. און אונדזער ליטעראַטור וועט דערווײַלע אויסגיין אין אירע אייגענע פיר ווינקלעך.

פונדעסטוועגן דאַרף צום סך הכל צוגעגעבן ווערן, אַז דאָס נעמט נישט אַוועק אַשעס פּאָזיטיווע פאַרדינסטן: ער האָט געמאַכט וואַקסן די יידישע ליטעראַטור, און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט איר, אַפילו ווען ער פּרובט איצט אַרויסוואַקסן פון איר.

און למען פּאַרזיכטיקייט דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז מיר וועלן ערשט ריכטיק קאָנען אָפּמעסטן אַשעס צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור, נאָכדעם ווי מיר וועלן שוין האָבן פאַר די אויגן דעם פולן חשבון פון די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געצייטיקט אין איר. אַפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז ער האָט נישט אויסגעלייגט די גע־זעצן פון דער יידישער ליטעראַטור — נאָר ער האָט זיי נאָכגעפאָלגט, אָבער ער איז אָן אַ שיעור וויכטיק מיט דעם, וואָס ער מאַכט אויסזען גרויס דעם פאַרמעגן פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז דער גרויטער ווייזער אויף דעם ציפערבלאַט פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז איר וועלט־באַראָמעטער. מער ווי ווער עס איז נאָך פרצן האָט ער געהאָלפן אויב נישט צו פאַרשטאַרקן, איז צו פאַרברייטערן די כמו־טעריטאָריע אילוזיע, אויף וועלכער די יידישע ליטעראַטור איז אָנגעהאַנגען.

מיר זענען פאַרלאָפן צו ווייט פאַראויס. ווייל אויף אַשן האָט זיך געלאָזט לייכט אויפווייזן וואָסערע ווייטערדיקע פאַרוואַנדלונגען האָבן דורכגעמאַכט די טענדענצן, וואָס דערטראָגן זיך צו אונדז מעבר לים. און, אַגב, אַש ווי אַ וועלט־שרייבער, איז פונקט אַזויפיל אַמעריקאַנער.

גייען מיר צוריק אַריבער קיין וואַרשע צום פרץ קרייז.

ה. ד. נאָמבערג האָט אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט אין זייערע רעאַליסטעש־וואָ־כעדיקערע געשטאַלטן. ער האָט זיי אָנגענומען פאַר די קעפ און צע־דריבלט זייערע צעקראָכענע געפילן. און אַזוי האָט ער פון זיי אַ תל געמאַכט. אַזוי אַרום האָט ער אויסגעשפּרייט די אינטעליגענטישע אוידיענץ פון דער יידישער ליטעראַטור ביז איינצושליסן די „פליגל־מאַנס" — אַן עלנטער מין, וואָס איז געווען נאָך טיפּישער פאַר דער יידישער אינטעליגענץ, ווי דער אַרבעטער־אינטעליגענט. און אוודאי טיפּישער ווי דער העכערער יידישער אינטעליגענט, דער יורש פון די דורות, וואָס פרץ האָט זיך געמאָלן אין זיין אילוזיע, וועלכע איז געווען אמת נאָר מאָמענטווייז, ביי דעם אָדער יענעם, און וואָס פרץ

האָט זי געהאָלפן פּאַראַמתן אויף דער דויער. אין אָפּשילדערן דעם עלנטן אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט, וועלכער איז פון קליין שטעטל פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, האָט נאָמבערג געהאַט פאַר אַ פליסיקן שותף רייזענען.

דוד פּינסקי האָט באַוויזן פּיאָנערישקייט מיט דער אַרבעטער־דערציילונג — פּיאָנערישקייט אין דעם זין, וואָס ער האָט לכתחילה גענומען דעם יידישן אַרבעטער רעאַליסטיש, אָן איבער חכמות, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַקטיוון אַרבעטער אינטעליגענט. איז ער ביי אונדז דער פאָטער פון דער איצט אַזוי גערופענער פּראָ־לעטאַרישער דערציילונג. אָבער דוד פּינסקי געהערט צו אַמעריקע מיט דעם ווייט־גרעסערן טייל פון זיין שאַפן. וועגן אים — שפּעטער.

דאָס זענען די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף פּרצעס רוף אין דער ערשטער ריי. — מיט זיי און דורך זיי האָט זיך נאָך שטאַרקער געלאָזט הערן פּרצעס רוף. און עס איז געוואָרן ממש אַ גערעטעניש אויף טאַלאַנטן. און נאָך גרעסער איז די צאָל פון די, וואָס האָבן בלויז די זכיה געהאַט, אַז פּרץ זאָל אַריינקוקן אין זייער ערשטן ליד אָדער ערשטע דערציילונג. זיי האָבן מיטגענומען פּרצעס השפּעה אויפן גאַנצן לעבן.

דאָס אַלץ איז דער פילפאַכער פּראָדוקט פון דער כמו־טעריטאָריע־לער ליטעראַטור־טענדענץ, וואָס פּרץ האָט זי באַפרוכפּערט מיט דער ירושה פאַרוואַנדלענדיקער טענדענץ, פון וועלכער ער איז געווען דער איניציאַטאָר — פון דער ליטעראַטור־טענדענץ, וואָס פּרץ האָט דערפירט ביז צום פולן אויסדרוק דורך זיין מאַגנעטיש ווירקנדיקער קינסטלע־רישער פּערזענלעכקייט.

נאָך פּאַר פּרצעס לעבצייטן האָט זיך גענומען דוכטן, אַז דער וואונדער איז געשען — אַז עס ווערט מקוים אַ יידישע ליטעראַטור ווי געוואונטשן — לויט דעם אידעאַל פון די ליטעראַטור־טרוימער. — ספּעציעל אין פוילן, אויף דער טעריטאָריע, וואו פּרץ האָט דירעקט געווירקט, האָט עס גענומען אויסזען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק, אין זיין אינגערן דור, האָט אָנגענומען די יידישע ליטעראַטור. ביי דער יוגנט האָט דאָס ליטעראַרישע בוך פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַלטן ספר — די ליטעראַטור ירשנט דעם ספר! — וואָס דאָס האָט זיך ניט געלאָזט זאָגן וועגן קיין אַנדער ישוב. אין פוילן האָבן מיר דעריבער געהאַט די נאָענטסטע דערנעענטערונג צו דעם, וואָס ווערט דאָ באַצייכנט אַלס טעריטאָריע־ליטעראַטור. דעם ספר כאַראַקטער האָט די יידישע ליטע־

ראַטור אין פּוילן אַנגעהאַלטן ביז גאָר די לעצטע צייטן — ווען זי האָט פאַרנומען דעם אַנגסט־געשריי פון פּוילישן יידנטום, וואָס גייט איצט דורך אַ פּעריאָד פון לעבנס־געפאַר, און די יידיש־פּוילישע ליטעראַטור, ספּעציעל איר יונגער צווייג אין ווילנע, נעמט איצט אָן דעם כאַראַקטער פון לעבנס רעטונג. — דאָס לעבנס בוך פאַרבייט דעם ספר.

2
דער אַמעריקאַנישער הינטערגרונט

עס איז נויטיק געווען באריכות אַרומצורניידן די גרונט־טענדענצן, וואָס האָבן זיך אַנגעצייכנט אין דער יידישער ליטעראַטור פון אייראָפּע, ווייל זיי וועלן זיכער זיך אויך קענטיק מאַכן אין דער יידישער ליטע־ראַטור פון אַמעריקע. און ווייל האָבנדיק אָט־די גרונט־טענדענצן קלאָר פאַר די אויגן — די גרויס־תכליתדיקע, די כמו־טעריטאָריעלע ליטעראַטור־טענדענץ און די ירושה־טענדענץ — וועט זיך לאָזן גענויער פעסטשטעלן וועלכע נייע טענדענצן אַמעריקע וועט צוטראָגן.

דער אייראָפּעאישער הינטערגרונט האָט אָן ספק איינגעווירקט אויף דער אַמעריקאַנישער יידישער ליטעראַטור: די פּיאָנערן — מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ — האָבן זיך געדרוקט און זענען איבער־געדרוקט געוואָרן אין אַמעריקע מיט זייער וויסן און נאָך מער אָן זייער וויסן. און אָנהייבנדיק פון ב. גאָרינען, א. ליעסינען און יהואשן (וועלכער האָט אָגב זיין ערשטן שריט אַלס פּאָעט געמאַכט אין פּרץ קרייז), זענען אין פאַרלויף פון וואָסערע 15 יאָר אַריבערגעקומען אַהער און דאָ געמאַכט זייער באַשטענדיקע אָדער צייטווייליקע היים אַ צאָל פּאָעטן און נאָוועליסטן, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט אַלס שריפט־שטעלער אין אייראָפּע; און ביז די דאָ פאַרבליבענע האָבן זיך אַליין ניט געוואוסט פאַרוואַנדלען, באאיינפלוסטע פון דער אַמעריקאַנער סביבה, האָבן די און יענע געדינט פאַר דער היגער ליטעראַטור אַלס אייראָפּעאישער הינטערגרונט: דוד פּינסקי, ל. שאַפּירא, אברהם רייזען, שלום אַש, פּרץ הירשביין, מנחם — אייגנטלעך דאַרף איך נאָר רעכענען די, וואָס זענען אָנגעקומען ביז די גרופּע „יונגע" האָט זיך אויסגע־פורעמט, וואָס צו זיי ציל איך. זיי, דאָ אויפגעקומענע, ריין אַמעריקאַ־נישע פּראָדוקטן, מיט דעם נייעם שטויס, וואָס זיי האָבן געגעבן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, גיבן נאָך היינט־צו־טאָג פון זיך שטויס־קראַפט, וואָס באַוועגט די ליטעראַטור פאַרווערטס. און קענטיק,

אַז דאָס איז אַ באַוועגונג אין דער נאַטירלעכסטער ריכטונג — צום קיום און נצחון פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — ווייל אייניקע פון די לעבנספּייאיקסטע עלטערע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט זייער וועג לאַנג פאַר דעם אויפקום פון די „יונגע", און אַ צאָל פון די אינגערע, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון זיי, אָדער אָפּגעשפּרונגען פון זיי — אין צו להכעיס — טרייבן און ווערן געטריבן אין דער זעלביקער ריכטונג. לאָזט זיך אויף די „יונגע" אָמבעסטן אויספאָרשן די אָנפירנדיקע און אָנטרייבנדיקע טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אָבער הגם עס איז ניט צו לייקענען די השפעה פון אייראָפּעאישן הינטערגרונט, טאָר מען נישט זאָגן, אַז די היגע יידישע ליטעראַטור האָט קיין זעלבסטשטענדיקן אָנהייב נישט געהאַט. אַמעריקע האָט פאַרמאָגט אַ ריי קאַנדיציעס, וואָס זענען גינסטיק געווען צו דער אַרויסבאַשאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער ליטעראַטור. צום אַלעם ערשט, האָט זיך דאָ געזאַמלט אַ גרויסער עולם פון פּאָטענציעלע יידישע לייענער. אַפילו ווען זיי וואָלטן ניט געוואָלט, האָבן זיי געמוזט. יידיש איז געווען די אייציקע שפּראַך, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט אין נייעם לאַנד. זיי פון שטעט און שטעטלעך, וואו מענטשן אין גאַס זענען געווען מיט די אויגן צו ציילן, און מערסטנס באַקאַנטע; זיי פאַרלאָרענע „פאַרוואָגלטע" אין אַ „מדבר", וואו מענטשן זענען ווי זאַמד, און די שפּראַך פון מענטשן־זאַמד — ענגליש — האָט זיך זיי געלערנט זייער שווער — אַ סך לאַנגזאַמער איז עס צוגעגאַנגען ווי איצט — האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו יידיש לייענען נאָך שנעלער, ווי זיי וואָלטן עס געטאָן אין דער אַלטער היים. אַפילו פולשטענדיקע עמי־הארצים, וואָס האָבן קיין צרות אַלף נישט געוואוסט — און אַזעלכע זענען געווען אַ היפּש ביסל צווישן די ערשטע אַריבערגעלאָפענע, מער ווי מען וואָלט עס געגלויבט, און נאָך מער זענען געווען האַלבע עמי־הארצים, וואָס האָבן אין סידור יאָ געפּרעפּלט, אָבער יידיש אָן נקודות האָבן זיי נישט געקאָנט אין מויל נעמען — זיי אַלע האָבן זיך אָוועקגעזעצט צום אַלף־בית אָן נקודות און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען אַ בלאַט־צייטונג.

און מאַסע האָט זיך געזאַמלט מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט, געיאָגט פון דער פּאָגראָמען־בהלה אין צאַרישן רוסלאַנד. עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ גאַנץ פאָלק עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין 1880, ערב דעם אויסברוך, וואָס האָט צוגעשלאָגן צום אַמעריקאַנער ברעג די ערשטע עמיגראַנטן־כוואַליע פון רוסלאַנד, זענען סך־הכל געווען

אַרום 40 טויזנט מזרח־אייראָפּעאישע יידן איבערן גאַנצן לאַנד. און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק — די אַלט־געזעסענע פון מערב־אייראָפּעאישער און ספרדישער אָפּשטאַמונג, מיט דער הייפּעלע מזרח־אייראָפּעער — האָט אויסגעמאַכט וואָסערע 75 טויזנט נפשות. מיט אַמאָל האָבן דורך „קעסל־גאַרדן" זיך גענומען שיטן טויזנטער און טויזנטער יידן. עס זענען געווען צייטן, ווען אין איין טאָג פלעגט אַריינ־קומען מער יידן, וויפיל פריער פאַר אַ גאַנץ יאָר. אין צען יאָר אַרום, אין 1890, האָט ניו־יאָרק אַליין שוין געציילט 300,000 יידישע נפשות פון רוסלאַנד און פוילן.

און אָט־דער עולם, אַ היפשער טייל פון דעם עולם, אַזוי גיך ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ בלאַט־צייטונג, האָט אויך גענומען ווערלן ליטעראַטור — באַוואוסטזיניקער, מאַנענדיקער, ווי אין דער אַלטער היים. ער האָט געזוכט אין ליטעראַטור — אין ליד און מעשה — דאָס־זעלביקע וואָס אין דער צייטונג: כדי אַרויסצושלאָגן זיך פון זיין גרינקייט, כדי זיך צורעכט געפינען אין דער נייער סביבה, איז ער נייגעריק געווען צו וויסן וואָס עס טוט זיך מיט די מענטשן אַרום אים, מיט מענטשן בכלל, און נאָך מער, וואָס עס טוט זיך מיט אים אַליין. און כדי אַרויסצושלאָגן זיך פון זיין עלנטקייט, איז ער געווען להוט נאָך אונטערהאַלטונג. און ווען ליד און מעשה האָבן אים די אויפקלערונג וועגן מענטשן און די אונטערהאַלטונג געגעבן, האָט דער גרינער בפועל ממש געשפּירט ווי ער ווערט אויסגעגרינט, אַמעריקאַניזירט, ער ווערט אַ „מענטש" גלייך מיט אַלעמען — באַלד, באַלד איז ער אין אַמעריקע ווי ביי זיך אין דער היים — האָט עס אים הנאה געטאָן און ער איז געווען דאַנקבאַר. און ער האָט שוין געזוכט אי די אונטערהאַלטונג, אי די אויפקלערונג. איז אין אָט־דער פאַרבינדונג ווערט צו פאַרציי־כענען, אַז דער „ליטעראַרישער אָוונט" מיט ליד־דעקלאַמאַציע און מעשה־פאַרלעזונג איז גלייך פון אָנהייב דאָ געוואָרן אַ בויטעוודיקע פאָלקס־אינסטיטוציע. און די צייטונג האָט דעם „ליטעראַרישן אָוונט" דעם עולם געבראַכט אין הויז אַריין.

איז געווען אַ ליטעראַטור־באַדערפטיקער עולם, און אַן אינטע־ליגענץ איז געווען דערביי וואָס איז די ערשטע צייט פשוט געצוואונגען געווען צו מאַכן איר מאַטעריעלן און גייסטיקן לעבן אַרום דער יידישער מאַסע, וואָס האָט באַלד גענומען אויסטיילן פון זיך פּראָלעטאַריאַט — נאָדל־פּראָלעטאַריאַט — אין די צענדליקער טויזנטער. האָט די אינ־טעליגענץ געהאַט אַרבעט לרוב, און מען מוז צוגעבן, אַז זי האָט

פּלייסיק געאַרבעט, און אין משך פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ טרייד־יוניאָניסטישע און אַ סאָציאַליס־טישע באַוועגונג, מיט אַ סאָציאַליסטישער פּרעסע, פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס אין דער אַלטער היים האָט מען עס אַפילו אין חלום ניט געזען. (מינסק איז אין 1897 פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ צענטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אַן „אָפּאָזיציע", פון וועלכער א. ליעסין איז געווען דער אָנפירער. אָבער אָט איז ער געוואָר געוואָרן, אַז אין ניו־יאָרק זענען דאָ 30 טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, צו וועלכע מען פּרעדיקט סאָציאַליזם. האָט אָט־די ידיעה הויפּטזעכלעך אים געבראַכט קיין אַמעריקע — אַזוי קליין האָט די מינסקער באַוועגונג געגומען אויס־זען אין זיינע אויגן).

און ווען אָט־די סאָציאַליסטיש אויפגערודערטע מאַסע האָט באַ־דאַרפט ליטעראַטור, האָט די אינטעליגענץ, דורך דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, עס געדאַרפט איר צושטעלן. אַזוי גיך די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט זיך איינגעשטעלט, האָט זי גלייך געמאַכט פּלאַץ פאַר ליטעראַטור — צוערשט פאַר איבערזעצטער און איבערגעדרוקטער, דער־נאָך פאַר אייגענער, דאָ גופא פאַרפאַסטער: פאַר פּעליעטאָן, ליד און דערציילונג — אַ ליטעראַטור, וואָס האָט לכתחילה זיך געשטעלט ריין תכליתדיקע פּראָפּאַגאַנדע־צילן. (די ניט־סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס האָט געסאַרוועוט אַלט־היימישע פרומקייט צום אָנגעלאָפענעם אימיג־ראַנטן־עולם און פאַר כיבוד אים טראַקטירט נישט חלילה מיט יידיש־נאַציאָנאַלער, נאָר אַזוי־צו־זאָגן מיט יידיש־פאַטריאָטישער אַגיטאַציע, אין קעגנזאַץ צו דער סאָציאַליסטישער, האָט אין פּרט פון ליטעראַטור געמוזט וויפיל ניט איז נאָכטאָן דער סאָציאַליסטישער פּרעסע).

עס איז פון גרויסן באַטייט פאַר דער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס די ליטעראַטור־איניציאַטיווע האָט געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. האָט דער לייענער די מענטש־אויפקלערונג און די אונטערהאַלטונג, וואָס ער האָט געזוכט אין ליטעראַטור, באַ־קומען צוזאַמען מיט אַ לעקציע אין סאָציאַליזם. די לעקציע האָט גע־שטאַרקט זיין מענטש־באַוואוסטזיין, וואָס דאָס האָט אים געמאַכט נאָך ליטעראַטור־באַדערפטיקער. דערפאַר האָט גאָר גיך, גיכער ווי אין דער אַלטער היים, וואו דער פּראָצעס האָט געדויעט צענדליקער יאָרן — זיך דאָ איינגעשטעלט אַ ליטעראַרישע באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט געגומען אַרויסרופן פאָעטן און דערציילער. אין פאַרלויף פון וואָסערע פינף יאָר, אַרום 1890, האָבן זיך אַרויסגערופן אַ צאָל פּאָפּולערע

פּאָעטן: דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער — ווינטשעווסקי איז געווען אַ צוגעקומענער פון לאָנדאָן — וואָס האָבן געזונגען תכליתדיקן סאָציאַליזם אין ליד אַריין, און ניט אַזאַ פּאָפּולערער, און איצט פאַרגעסענער א. מ. שאַרקאַנסקי, וועלכער האָט געזונגען תכליתדיקע היימישע יידישקייט אין ליד אַריין. און אַ פּאָעט, אַ געבאָרענער פּאָעט, וועלכער וואָלט אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען געוואָרן אַ פּאָעט—מאָריס ראָזענפעלד. און צוויי דערציילער — ליבין און קאָברין — וועלכע וואָלטן אונטער אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען געוואָרן דערציילער. אפשר וואָלט מען צו די צוויי נאָך געדאַרפט צורעכענען י. זעווינען (תשר"ק), האָט ער אָבער נישט געהאַט זייער גוטן סאָציאַליסטישן מזל; הגם אַליין אַ סאָציאַליסט, איז אויף זיין גורל אויסגעפאַלן צו באַדינען מיט ליטעראַטור די באַלעבאַטישע פּרעסע, וואָס אַנדערש פון דער סאָציאַליסטישער, איז זי נישט אינספּירירט געווען פון קיין שום אידייאישן תכלית. נאָר אויסן איז זי געווען צו עקספּלואַטירן יידישע פרומקייט און יידישן פּאַטריאָטיזם פאַר געשעפט־צוועקן. און ליטעראַטור איז געווען ביי איר בלויז אַ קאָנקורענץ־מיטל. און ווי די פּרעסע אַזוי איר עולם — אַן עולם, וואָס האָט געזוכט אין מעשה אַ שבתדיקע אונטערהאַלטונג — צו פאַרגיטיקן זיך מיט פרומען אָנשטעל פאַר דעם געצוואונגענעם חלול שבת. אַזאַ פּרעסע און אַזאַ עולם זענען ניט ראוי געווען אַרויסצוציען דאָס בעסטע און דאָס פיינסטע אין אַ שרייבער.

און עס בלייבט דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע — און אין דער ערשטער ריי פון דער וועכנטלעכער „אַרבעטער צייטונג" און טעגלעכן „אָוונט־בלאַט" פון דער ס. ל. פּ. (דע ליאָנס „סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי") און פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע", וואָס זיי האָבן איינגעשפּאַנט ליד און דערציילונג אין אידייאישן תכלית־דינסט; און אין דער צווייטער ריי פון דער סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער טריבונע, וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ בינע פאַר די „ליטעראַרישע אָוונטן" — איז עס זייער פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן פונאַנדערגעשפּאַנט און פונאַנדערגעשפּרייט די ערשטע טריט פון דער היגער יידישער ליטעראַטור.

איז עס געווען תכלית־דינסט, וואָס האָט געלאָזט אין גאַנג די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע? יאָ, אַוודאי, פּונקט ווי אין דער אַלטער היים. עס מוז אָבער אָנגעוויזן ווערן, אַז דאָ איז געווען אַן אַנדער מין תכליתדיקייט, ווי די תכליתדיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער אַלטער היים. די אַלע דריי גרונט־טענדענצן האָבן

מיט דער צייט זיך דורכגעזעצט אויך אין דער היגער ליטעראַטור, אָבער מיט אַ חילוק. דער ערשטער חילוק האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין דעם כאַראַקטער פון דער תכלית טענדענץ. אין דער אַלטער היים איז דאָס געווען דער אינטעליגענט — משכיל — וואָס האָט געטראָגן ליטעראַטור צום עולם. האָבן מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ זיך גע־דאַרפט אָנוואָפענען און אָנלאָדן מיט קלאָר־פאַרשטאַנענע און שאַרף־אויסגעשפּראָכענע יידישע כלל־אידייען, כדי צו פאַרענטפערן און באַ־רעכטיקן ליטעראַטור פאַרן עולם, וועלכער איז לכתחילה נישט אַזוי וויליק געווען אָנצונעמען ליטעראַטור. די ליטעראַטור האָט גענומען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון יידישן כלל, און די ערשטע קינסטלערישע פּראָדוקטן, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַפרייט, זענען געווען יידישע כלל־טיפּן: מענדעלע, בנימין השלישי, מנחם מענדעל, טביה. דאָ איז לי־טעראַטור נישט געווען קיין איינגעבעטענע ביים עולם, נאָר דער עולם האָט געפאָדערט, געמאָנט און באַשטעלט ליטעראַטור פאַר דירעקטן לעבנס־געברויך. און אין דער דערפילונג פון דער באַשטעלונג איז געווען דער הויפּט־תכלית פון דער היגער ליטעראַטור. יידישע כלל־פּראָבלעמען האָבן דאָ ניט געגאָלטן, ווייל מען האָט פּשוט פון זיי נישט געוואוסט. תכלית האָט דאָ געמיינט זיך ניצלעך צו מאַכן דעם באַשטע־לער, דעם מאַסן־לייענער מיט כלערליי פּראַקטישער הילף. וועלכע הילף האָט ער באַשטעלט? מיר ווייסן שוין: הילף אין אַרויסנעמען אים פון דעם גרינעמס בהלה, אין אָפּטשוכן אים פון ערשטן שרעק, פון זיין צעטומלעניש אין אַמעריקעס גערודער־האַרמידער: הילף אין זיין איינלעבן זיך אין אַמעריקע, ער זאָל זיך דערפילן ווי אַ „מענטש”, ער זאָל קאָנען האַלטן הויך זיין קאָפּ. — די סאָציאַליסטישע באַשטע־לונג פון דער אינטעליגענץ איז נישט געווען קיין זייטיקער אָדער צייטווייליקער ביי־תכלית. נישט קיין צוגאָב, נאָר דער סאַמע עיקר. פּסיכאָלאָגיש האָט עס געהערט צום אימיגראַנטס אָריענטאַציע אויף אַמעריקע, צו זיין דערפילן זיך ווי אַ „מענטש”. ווען די סאָציאַליסטישע אידייע איז אָנגעצונדן געוואָרן אין זיין קאָפּ, האָט ער ערשט רעכט געקאָנט זיין קאָפּ אויפהויבן. איז דער פּראָלעטאַרישער (און נאָך אים דער פאָלקיסטיש־פּאַטריאָטישער) דינסט דאָ פּשוט געווען „מענטש”־הילף — צו העלפן דעם אימיגראַנט צו ווערן אַ לייט אין אַמעריקע אין אונטערשייד פון מענדעלע־שלום־עליכם־פּרצעס גרויס־תכלית, וואָס האָט געזוכט אַרומצונעמען דעם גאַנצן יידישן כלל, איז עס דאָ געווען פּראַקטישער תכלית, פאַר דער באַדינונג פון דעם אימיגראַנטס

טעגלעכער נויט, אַפילו ווען פאַרשלייערט מיט דעם אידעאַל פון סאָ־ציאַליזם. דאָרט יידישער כלל, יידיש פאָלק, „ייד". דאָ „מענטש", קלאַס, פּראָלעטאַריער — דאָס, וואָס איז דעם לייענער גלייך אויפן אָרט נוגע. איז עס געווען אי אַ מעלה, אי אַ חסרון. אַ מעלה — עס האָט פאַרשנעלערט, ווי שוין געזאָגט, דעם אויספורעמונג־פּראָצעס פון דער ליטעראַטור. אַ חסרון — די ליטעראַטור האָט ניט דערגרייכט ביז צו דעם „יידן" אין לייענער, ביז צו דער טיף פון לייענערס געמיט, און האָט אויך ניט אַרויסגעפאָדערט די טיף פון שרייפטשטעלערס געמיט . . .

אָבער לאָמיר נישט פאַרויסכאַפּן. — אַלזאָ, איז פּראַקטיש־תכליתדיקער דינסט ממש געווען איינגעבאָרן דער היגער יידישער ליטעראַטור. איר ערשטער אויסגעשריי נאָכן געבאָרן ווערן איז געווען דער רוף פון דער „מענטש"־הילף באַשטעלונג און דער אָפּרוף אויף איר. דערפאַר טאַקע אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים, האָט ליד זיך גע־פאָדערט פאַר דער דערציילונג. ווייל ליד גיכער ווי דערציילונג קאָן דינען ווי אַן איינפאַס פאַר דירעקטן רוף און אָפּרוף. און דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך, וואָרום דער ערשטער היגער ליטעראַרישער פּראָדוקט איז געווען דאָס פּראָלעטאַרישע ליד. ווייל די אויפוועקערין פון מענטש־באַוואוסטזיין אין אימיגראַנט איז געווען די פּראָלעטאַרישע אידייע, וואָס איז אויך געווען די אידייע, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם פּאָעט, האָט דאָס ליד במילא גענומען אויף זיך די עובדא פון וועקן דעם פּראָלעטאַריער. קיין גרעסערן תכלית האָט דאַמאָלס גאָר נישט געקאָנט געמאָלט זיין ווי איינצוגעבן די עסענץ פון פּראָלעטאַרישקייט אין קאָנ־צענטרירטער פאָרם פון ליד.

אידייאישער תכלית דינסט, ווי מיר ווייסן, איז ניטש קיין שטער, נאָר אַ הילף צו יידישער ליטעראַטור. עס איז שטויס־קראַפט און טרייב־קראַפט; עס גיט איר פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג. און פרייע איבונג וואָלט דאָס איבעריקע געטאָן — וואָלט אַרויסבאַפרייט קינסט־לערישן מעטאָד. און עס האָט אַרויסבאַפרייט. פאַרהעלטניסמעסיק אַן גרויסע שוועריקייטן האָט די ליטעראַטור דאָ בייגעקומען די אַרויס־שטאַרצנדיקע אידייאישע פּראָפּאַגאַנדע, איינזויגנדיק זי אין זיך. דער „מענטש" האָט די פּראָפּאַגאַנדע גלייך איינגעשלונגען. זי איז געווען זיין נאַטירלעכסטע שפּייז. און ס'איז נישט קיין ירידה, נאָר אַ בכבודע פונקציע פאַר דעם פּאָעט צו זיין אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון אַ מענטש־באַ־שעפערישער אידייע. די פראַגע איז נאָר אויף וויפיל דער פּאָעט קומט

צו מיט כּוח צו שטאַרקן דעם פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס אָט־דער כּוח באַפרייט זיך אין אים לויט דער מאָס „נשמה יתירה" וואָס דער פּאָעט האָט צוצוטראָגן פון זיך צו דער ווירדיקער תּכליתדיקער פונקציע זיינער.

לאָמיר נאָכפאָלגן אָט־דעם פּראָצעס: די פּאָעטן־פּיאָנערן עדעלשטאַט און באָוושאָווער גייען נאָך אין שפּאַן פון דירעקט געצילטער פּראָפּאַגאַנדע. דער פּאָעט אין זיי האָט נישט באַוויזן אַרויסצוּוואַקסן פון הוילן תּכלית־דינסט. וועגן עדעלשטאַטן קאָן מען נישט וויסן. אפשר ווען זיין לעבן ווערט נישט אַזוי פרי איבערגעריסן, וואָלט זיין הייסע אויפריכטיקייט, זיין גינציקייט אים דערפירט צו אַן עכטקייט, וואָס גרעניצט זיך מיט פּאָעטישקייט. וועגן באָוושאָווערן איז כמעט זיכער, אַז ווען ער ווערט נישט באַפאַלן פון גייסטיקער פאַרפינצטערונג, וואָלט דער פּאָעט אין אים געוואונען די אויבערהאַנט איבער דעם ענגן שטרענגן פּראָפּאַגאַנדיסט.

עדעלשטאַט האָט כמעט נישט געהאַט קיין פּאָעט־באַוואוסטזיין, וואָס זאָל צוגעבן עפּעס פאָרם צו דעם תּכלית, וואָס האָט זיך אַרויסגערעדט דורך זיין ליד. אַפילו די נאַכטיגאַל זינגט צו אים אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציע. ער האָט פון זיך גאָר נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן אויסער דעם קרעכץ פון אַ טויט־קראַנקען, וואָס ער האָט אים מנדב געווען דעם פּראָלעטאַריער אויף צו באַקרעכצן מיט אים זיין ביטערן פּראָלעטאַרישן גורל. די איינציקע זעאונג, וואָס פורעמט אַמאָל זיין ליד, איז פאָרויסזעאונג פון זיין גיכן טויט: „מיין צוואה", „מיין לעצטער וואונטש", דער „אָונט־גלאָק" (אַ פאַריידישונג פון רוסיש). אָבער ווי גוט די לידער זענען צונוצגעקומען דעם פּראָלעטאַריער! — אָבי די אידייען, וואָס האָבן געוועקט אין אים דעם פּראָלעטאַריער, האָבן זיך געלייגט אין קורצע שורהלעך אויף זיין צונג, האָט ער זיי געזונגען דאָ און אין רוסלאַנד און אומעטום, וואו עס האָט זיך געוועקט אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. עס מאַכט נישט, וואָס אונדז לייגן זיך נישט עדעלשטאַטס לידער ניט אויפן געהער און ניט אויפן געמיט — אָרים אין קלאַנג און בלוט־אָרים אין אויסדרוק. דער אַמאָליקער זינגער האָט זיי געהערט מיט קאָפּ, און געפיל האָט ער מיט זיין זינגען צוגעטראָגן, און זיי האָבן זיך אים אָפּגעקלונגען אין האַרצן. אַזוי געבוי האָט עדעלשטאַט צוגעטראָפן דעם באַשטעלער, דעם נאָר־וואָס דערוואַכטן פּראָלעטאַריער. יענער וואָלט אַליין אַזעלכע לידער פאַרפאַסט, האָט עדעלשטאַט זיי ביי אים אויסגעכאַפּט. עס איז דעם באַשטעלערס ליד,

אידער אַ פּאָעט האָט עס גענומען אין האַנט אַריין.

באָוושאָווער האָט אַ גאַנץ שטאַרקן פּאָעט־באַוואוסטזיין, אַפּילו אַן איבערגעטריבענעם פּאָעט־באַוואוסטזיין — ביז צו פּאָעט־גאווה. ער האָט לידער וועגן דער גרויסקייט פון פּאָעט, און פייערלעכע לידער־ווענדונגען פון פּאָעט צום פאָלק. ער איז אַן אַנגעלייענטער אין דער דייטשער און ענגלישער פּאָעזיע, און אַפּילו אַליין געשריבן ענגלישע לידער, און עס איז אַפּילו געווען אַן ענגלישער רעדאַקטאָר, וואָס איז נתפּעל געוואָרן פון זיי. ער הערט דונערן קראַכן, און קאָן אַפּילו מאַכן הערן דונערן קראַכן. ער האָט אימפּעט, טעמפּעראַמענט און קאָן ציען אַ לאַנגן שטאַרקן אָטעם. ער בויט זאַצן גאַנצע סטראָפן, און איין סטראָפע נעמט איבער ביי אים דעם אָטעם פון דער אַנדערער. „הויב אויף דיינע אויגן, אַ פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרים, הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון און דרום". (ערשטע סטראָפע פון „אַ געזאַנג צום פאָלק").

באָוושאָווער האָט בילדער. עדעלשטאַט האָט גאָר קיין בילדער נישט, נאָר פּינטעלעך, אַנגעשפּריצטע מיט דער בלאַסעסטער וואַסער־פאַרב, וואָס מיט אַ הויך אויפן שויב מאַכט מען זיי קענטיקער, הגם ער נוצט אי רויטע פאַרב, אי בלוט. באָוושאָווערס „געזאַנג צום פאָלק" איז אָנגעפּראָפּט מיט בילדער. אָבער קוקט מען אַריין, וואָסערע בילדער זענען עס? רעמלעך פאַר בילדער, דאָס אָרט איז באַצייכנט וואו בילדער דאַרפן זיין, באַצייכנט מיט פאַראַלגעמיינערטער פאַרב, אי־בערזעצבאַרער פון שפּראַך צו שפּראַך, אָן אייגענעם איכיק־יידישן שפּראַך־זאַפט אָפּצופּרישן די פאַרב.

באָוושאָווער האָט געפורעמטע לידער פון אַ פאָרם, וואָס קאָן איינפאַלן אַ פּאָעטישן באַוואוסטזיין. אַזוי דאָס ליד „מערך־געזאַנגען": אַ פעלד, וואָס פאַרשפּאַרט אַ טייכל דעם אויסוועג צום ים. דאָס טייכל — דאָס איז דער פּאָעט.

„ווען כ'זע דעם דונערס ווילדער קראַך צעשפּאַלט דעם שטיין און מאַכט אים פלאַך, צעשניידט זיין האַרטקייט ווי אַ זעג און מאַכט דעם טייכל פריי דעם וועג" . . . „טיף באַגייסטערט רוף איך, שריי: רע־וואָלוציאָן! דו מאַכסט מיך פריי! . . .".

דאָס נאַטור בילד איז אַן אַלעגאָריע אויף דער רעוואָלוציע. דער פּאָעט איז אַ געפאַנגענער ביי זיין פּראָגראַם. ער קאָן אַריבערשפּרייזן דעם גרענעץ פון זיין אידייען־קרייז, כדי אָנצונעמען זיך מיט קראַפט פאַר אַ רייכערער פאַרבילדלעכונג פון זיינע אידייען. צום שאָדן פון

ליד און צום שאָדן פון דער רעוואָלוציע. ער האָט נישט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן מיט ליד צום באַשטעלער, נאָר דערהויבן אים צו זיך, דעם פּאָעט; קומט ער צו קורץ אין מיטלען — ער האָט זיי ניט פון וואַנען צו נעמען. בלייבט ער ביים אימפּעט, טעמפּעראַמענט, זשעסט; בלייבט ער אַ כּוח, וואָס האָט זיך נישט אויף וואָס צו האַלטן. נישט געקוקט אויף זיין באַלעזנקייט אין פרעמד־שפּראַכיקער פּאָעזיע, האָט ער נישט געהאַט גענוג פּערזענלעכע פּאָעט־איבערלעבונג, ווייל נישט גענוג יידישע און יידיש־שפּראַכלעכע איבערלעבונג, אויף צו שפּייזן זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין; דערפאַר איז עס איבערטריבענער באַוואוסטזיין, דערפאַר איז עס ליידיקע פּאָעט־גאַווה; און דערפאַר אפשר איז די פּאָעט־גאַווה איבערגעלאָפן אין משוגעת. ווייל משוגעת איז נשמה־הונגער, וואָס פאַרשטיקט זיך אַליין מיט פאַרגליווערטע אילוזיעס.

באָוושאָווער איז אַ קרבן פון אַן אַבנאָרמאַלער געבורט פון אַ יידישער פּאָעזיע, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אָן לופט — אָן יידישער לופט אויף צו אָטעמען, און אָן „באָדן" — אָן וואָרצלען אין יידישן אונטער־געמיט, אויף אָנצוציען זיך מיט האַפט און זאַפט — דער גע־בורטספעלער פון דער גאַנצער יידישער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע; ווי מיר וועלן עס באַלד געוואָר ווערן.

מאָריס ראָזענפעלד איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט אַרויס־באַפרייט זיין ליד פון אונטער דער תּכלית־דיסציפּלין. דער ערשטער צו דערהייבן ס׳תּכלית־ליד צום פּאָעטישן ליד.

זיין ליד איז נישט ווי עדעלשטאַטס ליד, וואָס ערשט דער לייענער מיט זיין געפיל־פולן זינגען מאַכט עס צו ליד. ראָזענפעלדס אַפילו שוואַכסט ליד פאָדערט אַ פּאָעט פאַר זיין פאַרטראַכטער־פאַרפאַסער. און זיין פּאָעטישער טאַלאַנט איז נישט געצאַמט געוועזן מיט די גרעניצן פון אַ באַשטימטן אידייען־קרייז, ווי באָוושאָווערס. דער פּאָעט אין אים האָט געהאַט די בכורה איבער דעם אידייען־דינער. אי פריער אָנגעהייבן פון די ערשטע צוויי, אי ער איז בכלל נישט געוועזן אַזאַ געטרייער אידייען־סאָלדאַט, און ניגון האָט זיך געזונגען אין אים, איידער ער איז באַווירקט געוואָרן פון וועלכער עס איז אידייע. נאָך קינדווייז איז ער לידער זינגער געוועזן. איז אַזוי גיך ער איז בייגעקומען די ערשטע טעכנישע שטרויכלונגען — ער האָט פון ליד טעכניק קיין אַנונג נישט געהאַט — און פיליפּ קראַנץ, וועמעס פען איז געוועזן אויפן ווייטסטן מהלך פון ליד, איז עס געוועזן דער יעניקער, וואָס האָט אים אַריינ־געפירט אין די סעקרעטן פון מעטריק — אַזוי גיך ער האָט באַהערשט

דעם ליד־שטייגער, האָט דער פּאָעט גענומען געוועלטיקן איבער זיין ליד. שטאַרקנדיק זיך איבער דעם אָדער יענעם אידייאישן אינהאַלט פון ליד.

און ווירקלעך, דער ערשטער איינדרוק פון זיינע לידער איז, אַז וועגן אידייען האָט ער זיך נישט געזאָרגט, ער האָט זיי געבאָרגט דאָ און דאָרט און אומעטום. ער האָט זיי לייכט גענומען און לייכט אָפּגעגעבן זיין ליד. ער האָט זיי געקראָגן פּאַרטיקערהייט צוזאַמען מיט זיין טעגלעכן ברויט, וואו גאָט האָט אים געגעבן — צוערשט אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, דערנאָך אין דער פרום־באַלעבאַטישער, צו־לעצט איבערגייענדיק הין און צוריק פון איינער אין דער אַנדערער. ווען אַליין אין פּראָלעטאַרישן צושטאַנד, שרייבנדיק אין דער סאָציאַ־ליסטישער פּרעסע, האָט ער אונטער דעם איינפלוס פון דער סאָציאַליס־טישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט די איינפּאַכסטע מיטלען, בדרך כלל זאָגעריש, אָבער אָפט מיט אַ זינגעוודיקייט און ניגונדיקייט, און צייטנווייז מיט לירישן געפיל און פאַנטאַזיע שפּיל, דעם שאָפּ־אַרבעטערס ווייִ, דעם בלייכן אָפּעררייטאָר און דעם רויש פון מאַשינען דערהויבן צו ליד; און אַרבעטנדיק אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, אַן אָנגערעגטער פון פרום יקדישן פּאַטריאָטיזם, און שפּעטער פון ציוניזם — האָט ער דעם יידישן בראָך און קלאָג, דעם תשעה־באב און אלול־מעלאָדיען דערהייבן צו ליד. און ווען ער איז אַטאַקירט געוואָרן פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר זיין נישט־אויסגעהאַלטנקייט, האָט ער געהאַט דערויף זיין פּאָעטישן תירוץ: — „אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד, וואו עס וועלקט און וואו עס גליט. האָב קיין באַשטימטע ריכטונג נישט. איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל”.

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז פּאָעט איז ער פריער פון אַלץ, אַלעס איבעריקע איז ביי אים טעמע — יעדער אינהאַלט איז אים גוט אויף צו איבן זיך אין ליד. — איז עס געווען אַ פאַלשער תירוץ — צו פאַרענטפערן זיין פּרנסה־נויט; און אַן אמתער, גערעכטער תירוץ אויך.

אָבער, סטייטש, איז דען אידייענלאָזיקייט, תכליתלאָזיקייט אַ מעלה? איז דען אין לויז ווערן פון תכלית די אויסלייזונג פון פּאָעט? פאַרקערט, מיר האָבן דאָך אַ קימאַ־לן, אַז תכלית איז שטויס־קראַפט און טרייב־קראַפט? איז די מעשה אין דעם, אַז ראָזענפעלד מאַכט דאָ כמעט אַ בלבול אויף זיך. און פּאָעטישע גלייכגילטיקייט צום אידייען־אינהאַלט איז בלויז דער אויבנאויפיקער איינדרוק, וואָס מען באַקומט פון זיינע לידער. אין דער אמתן האָט ער פאַרמאָגט אַ אידייאישע

אויסגעהאַלטנקייט ביז אַ געוויסער מאָס, און נאָך מער פּאָעטישע אויס־געהאַלטנקייט. און, דער עיקר, אַפילו דאָס פּאָעטישע ליד ראָזענפעלדס איז סיי־ווי מיט זיין ווייסן און אָן זיין ווייסן, אַנגעשטעלט געווען אויף תכלית — עס דערפילט אַ באַשטעלונג.

אויב עס איז אַ כלל גדול, אַז ליטעראַטור איז לויט דעם באַ־שטעלער, אַפילו ווען זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז דערהויבן איבער אים, איז עס בפרט אמת וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין איר ערשטן פּעריאָד. ווייל דאָס איז געווען דער באַשטעלער, דער עולם, וואָס האָט זי אַרויסגערופן צו עקזיסטענץ. איז זי געווען פּונקט אין איר עולם געראָטן. און ראָזענפעלד איז געווען דער „געראָטנסטער" אין עולם. זיין ליד איז דורך און דורך באַשטעלעריש — סיי מיט זיין אינהאַלט און סיי מיט זיין פאָרם. יאָ, אַפילו מיט זיין וואָקלדיקן אידייען־אינהאַלט.

אַ גוטע העלפט פון זיין אידייאישער נישט־אויסגעהאַלטנקייט פאַלט אַראָפּ, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דאָס האָט בלויז די דאַמאָלס־דיקע פּראָפּאַגאַנדיסטן געקאָנט פאַרקומען, אַז ראָזענפעלד באַגייט אַ „פאַרראַט", איבערלויפנדיק מיט זיין ליד פון סאָציאַליזם צו „יידיש־קייט" און צוריק, און נאָך אַמאָל פון צוריק אויף צוריק. מיר ווייסן דאָ, אַז עס איז קיין פאַרראַט נישט געווען אין דעם, אין וואָס זיי האָבן געזען פאַרראַט אין דעם עצם פאַקט, וואָס זיין ליד ענטפערט אויף יידישקייט. זיי האָבן דאַמאָלס נאָך נישט געוואוסט, אַז ס'איז קיין סתירה נישטאָ צווישן די צוויי איינשטעלונגען. אין תוך איז ראָזענפעלד געווען גערעכט, ניט די פּראָפּאַגאַנדיסטן. נישט מער, וואָס באַוואוסטזיניק און דיכטעריש — דורך ליד — האָט ער נישט געקאָנט פאַרבינדן די ביידע איינשטעלונגען זיינע — אויף סאָציאַליזם און „יידישקייט" (מיט אַ פּאָר אויסנאַמען, וואו עס איז דאָ אַן אומבאַוואוסטזיניקע פאַרבינדונג).

אַוודאי איז ער גערעכטער געווען פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן מיט דער יידישער ווענדונג פון זיין ליד, אַפילו ווען ער האָט אַליין געמיינט, אַז ער באַגייט אַן עבירה מיט „יידישקייט" צוליב פּרנסה. און נאָך גערעכטער איז ער געווען פּאָעטיש. עס איז דאָ אַ שטרענגע געזעצ־געביקע אויסגעהאַלטנקייט אין ראָזענפעלדס פּאָעטישן גאַנג. „האָב קיין באַשטימטע ריכטונג נישט. איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל" — עס איז גראָד געווען זיין גרויסער פאַרדינסט, וואָס ער, דער ערשטער דאָ, האָט אויסגעהאַדעוועט דעם פּאָעט אין זיך, זאַמלענדיק טראָפּן פאַר טראָפּן פּאָעט־באַוואוסטזיין. און נישט קלענער איז זיין פּאָעטישער

פאַרדינסט, וואָס ער האָט זיך געעפּנט אַ צוטריט צום קוואַל פון יידישע שטימונגען. האָט ער געהאַט מיט וואָס צו שפּייזן זיין פּאָעט־באַוואוסט־זיין. דאָס זענען די ערשטע צוויי אומבאַשטרייטבאַרע פאַרדינסטן, מיט וועלכע ער האָט איבערגעשטיגן די פּאָעטן צייטגענאָסן זיינע.

די אינערלעכע פּאָעטישע לאָגיק איז געווען אויף זיין זייט. די צרה איז נאָר געווען, וואָס ער האָט זיין פּאָעט־פּריווילעגיע — נישט מקפּיד צו זיין אויף „אויסגעהאַלטנקייט" — צו אומגעלומפּערט אויס־גענוצט. זיין שלימזל האָט געוואָלט, אַז זיינע איבערגאַנגען פון סאָ־ציאַלן מאָטיוו צום ייד־מאָטיוו זאָלן אויסערלעך פאַרבונדן זיין מיט פּרנסה־פּניות, באַשטעטיקנדיק דערמיט, אַז ער איז נישט צו שטאַרק באַהעפט געווען צו אידייען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט אויסגע־שוואָרן צו זיי אַ נשמה־שבועה. און צוריקגערעדט, וואָס האָט ער גע־זאָלט טאָן, ווען סאָציאַליזם איז געווען טריף אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, און „יידישקייט" איז געווען טריף אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע ?

אָבער אַ געוויסע דיכטערישע אומדאַנקבאַרקייט איז דאָ פאַרט געווען. „נאַציאָנאַלע" לידער האָט ראָזענפעלד געשריבן נאָך איידער ער האָט זיך גענומען דרוקן — אונטער דעם איינדרוק פון די פּאָגראָמען, קאָפּירנדיק די לידער פון העברעאישן שיר אָדער פאָלקס־ליד אין אַ קאַלוואַריער דייטש — אומבאַהאָלפענע לידער, וואָס האָבן גאָרנישט צוגעזאָגט. די „יידישקייט" דאַמאָלס איז אים קיין הילף נישט געווען. ערשט דאָס אַרבעטער־ליד האָט אים פּאָעטישע רעטונג געבראַכט. דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער העכערער אידייאישער און מאָראַלי־שער אַטמאָספערע פון סאָציאַליזם, וואָס האָט געמונטערט און געוועקט דעם אַרבעטער, געעפענט אים די אויגן און דעם מוח — דאָס האָט ער דעם סאָציאַליזם געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס דער פּאָעט אין אים האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט און איז אַרויסבאַפרייט געוואָרן. ערשט דאַמאָלס האָט געקאָנט אונטערקומען די „יידישקייט" מיט איר נערבנדי־קער שפּראַך־ און שטימונג־שפּייז. און אַזוי איז אים געלונגען אויפצו־הויבן דאָס אידייאישע אַרבעטער־ליד צו אַ פּאָעטישן ליד — וואָס דאָס איז זיין דריטער און גרעסטער פאַרדינסט, און ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס פּאָעט מיט אַ נאָמען, וואָס האָט דערגרייכט איבער דעם יידיש־גרעניץ אין ענגליש אַריין, און שפּעטער פון ענגליש אין שפּראַך נאָך שפּראַך. איז דאָס געווען די סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס האָט אים די ערשטע און גרעסטע טובה געטאָן. ווען אים וואָלט באַשערט

געווען דורכצומאַכן זיינע פּאָעטישע לערן־יאָרן אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, וועלכע האָט געהאַנדלט מיט יידישקייט, ווי מיט אַ סחורה, פאַר וועלכער עס איז דאָ אַ מאַרק, וואָלט אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען די אַרויסבאַפרייאונג פון פּאָעט. און ערשט אַדאַנק דער דיסציפּלין, וואָס די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אויף אים אַרויפגעפרעסט, האָט ער שפּעטער אויך געקאָנט דערהויבן צו אַ מדרגה זיין נאַציאָנאַל ליד און ציען דורך אים פּרנסה פון דער באַלעבאַטישער פּרעסע.

האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטן געהאַט אַן אויסרייד פאַר זייערע אַטאַקעס. און ראָזענפעלד מיט זיין אויפגערעגטער נאַטור פלעגט ענטפערן אויף די אַטאַקעס מיט נאָך בייזערע און העפטיקערע קעגן־אַטאַקעס — ביז צום שפּייען מיט גיפט אין דעם ברונעם, פון וועלכן ער האָט אַליין געטרונקען.

האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטן אַוודאי שוין געמעגט פאַראיבל האָבן. אָבער צי ראָזענפעלד איז געווען גערעכט צי אומגערעכט — ער איז געווען אומגעלומפּערט גערעכט! — דער עיקר איז אין דעם, אַז מיט זיין אומקאָנסעקווענט ליד האָט ראָזענפעלד ריכטיק געענטפערט אויף אַ ריכטיקער באַשטעלונג. און אין דעם ווייזט זיך אַרויס די עצמדיקע תּכליתדיקייט פון זיין ליד. זיין ליד איז צוגעמאָסטן געענוי צום באַנעם פון באַשטעלער, דעם לייענער־עולם. ער איז אין שטענדיקער קאָמוניקאַציע מיט עולם. סיי מיט זיין ליד, וואָס האָט געענטפערט אויף סאָציאַליזם, און סיי מיט זיין ליד, וואָס האָט געענטפערט אויף יידישקייט, האָט ער געענטפערט זיין אוידיענץ, דעם עולם לייענער. דער עולם האָט באַדאַרפט האָבןביידע זאַכן: אי סאָציאַליזם אי יידישקייט — טאַקע דערזעלביקער עולם. און ביידע זאַכן האָט ער באַדאַרפט אין זייער אַ רויער פאָרם, ווייל רוי איז ער אַליין געווען. אַפילו מיט דער אומגעלומפּערטקייט פון זיינע וואַרפעניש אַהין און אַהער איז ער געטריי געווען צו זיין עולם.

לאָמיר נעענטער זיך צו אים צוקוקן. — וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן עולם? דער ערשטער אימיגראַנטן־עולם דורכאויס, און זיינע שרייבער אין זייער מאַיאָריטעט, זענען לכתחילה געווען יידן אָן יידישע זכרונות, אָן טראַדיציעס און אָן זכות אָבות. אַפילו די געציילטע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע טראַדיציעס, האָבן אין זייער פּליטה פון די פּאָגראָמען, זיי פאַרגעסן אין די חרובע היימען. אָדער זיי האָבן זיי אָפּגעשאָקלט פון זיך, שאָקלענדיק זיך מיט דער שיף דורך די שטורעמס אויפן ים. אָדער אין זייער גרינער בהלה ביים אַראָפּגיין פון שיף האָבן

זיי אויסגעטרייסלט און אויסגעלייִדיקט זיך דעם זכרון. ווען מען רעדט מיט פאַראַכטונג, איז דאָס געווען ערב־רב; ווען מען רעדט מיט רעספּעקט, איז דאָס געווען געזונט פאָלק.

אָבער מיטן עולם איז באַלד פאָרגעקומען אַן ענדערונג. צו זיין גרינער רויקייט איז צוגעקומען נאָך אַ סימן. צו זיין ליידיקן זכרון האָט זיך עפּעס גענומען צוקלעפּן. אַזוי גיך דער אימיגראַנט איז צו זיך געקומען פון זיין ערשטער דערשיטערונג און האָט זיך גענומען אַרומקוקן און באַרואיקן, האָט זיין געדאַנק זיך ווידער געווענדט צו דעם לאַנד, וואָס ער האָט פאַרלאָזן — אָבער שוין נישט מיט מורא און גרויל, ווי מען דערמאָנט זיך אָן אַן איבקוויזיציע־קאַמער, פון וועלכער מען האָט זיך געראַטעוועט, נאָר מיט ווייטיק און בענקשאַפט, ווי מען דערמאָנט זיך אָן אַ היים, וואו מען האָט דאָס טייערסטע איבערגעלאָזט — די קינדהייט, די יוגנט. מען האָט זיך גענומען דערמאָנען די שבתים און יום־טובים, וואָס האָבן זיס געמאַכט דאָס לעבן. נישט חלילה אויף נאָך אַמאָל זיי איבערצולעבן, נאָר אויף צו פאַרזוכן זייער טעם אין זכרון. דערזעלביקער עולם, וואָס האָט אויסגעהערט מיט באַגייסטערונג אַ סאָציאַליסטישן רעדנער אין יוניאָן־האָל, איז געלאָפן זיך קוויקן מיט אַ חזן אין שול. תשעה־באב איז דער איסט־ריווער אים טרויעריקער געוואָרן. און דאָס רוישן פון די ביימער אין דזשעקסאָן פּאַרק אין די טעג פון „אינדיאַנישן זומער" האָט אים געבראַכט דעם אלול פון שטעטלשן בית־עולם. יום כפור האָט ער אַפילו נישט געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער, אָבער געגנוג שרעק האָט זיך אין אים אָפּגערופן צו וועלן פאַרדינען אַ מצווה און מכבד זיין מיט קלעפּ די אַראַנזשירער פון די יום כפור־בעלער.

נאָך יום כפור איז ווי יום כפור וואָלט נישט געווען. עס איז נישט געגאַנגען צו טיף. נאָר אויף דער אויבערפלעך איז דאָס געווען — וואו עס איז געווען רויקייט און חיי־שעהדיקייט, וואָס ווייס בלויז פון דאגות פּרנסה און ווייס פון קיין זכרונות נישט; נאָר די רויע אויבערפלעך איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ דינער פלעווקע פון יידישקייט — גענוג נאָר פאַר דער באַלעבאַטישער פּרעסע צו טרייבן געשעפט מיט איר, אָבער בלויז געשעפט, וואָרום עקספּלואַטירן האָט זיך דאָס געלאָזט.

און צו אָט־דער רויער אויבערפלעך פון עולמס געמיט וואָלט מען אפילו ריידן נישט געקאָנט מיט אַ פיינערער כוונה, ווען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע וואָלט זי נישט פונאַנדערגעשאָקלט — פונאַנ־

דערגעפּנט, אַ פונק אַריינגעוואָרפן און אַ נשמה אַנגעצונדן — אַזוי אַז אפילו די פּלעווקע פון יידישקייט האָט זיך גענומען לויכטן מיט אַן אײדעלן שײן. און צו אַט־דעם עולם, מיט זײן סאָציאַליסטיש צעשאָקל־טער רויער איבערפּלעכלעכקייט, מיט דער דורכגעפּינקלטער פּלעווקע־יידישקייט, האָט ראָזענפעלד זיך אַדרעסירט מיט זיין ליד. זיין ליד איז געווען מער דעם עולמס, געטרייער דערפילט די עולמשע באַשטע־לונג, ווי די היגע פּיאָנערישע דערציילונג, צ. ב. ליבינס, וואָס האָט געטרייער אָפּגעהיט די סאָציאַליסטישע באַשטעלונג. דאָס עולמשע באַשטימט דעם אינהאַלט פון זיין ליד.

(אָבער אפילו דער סאָציאַליסט ליבין, אין זיין געטרייהייט צו דער ווירקלעכקייט, האָט נישט געקאָנט אויסמיידן צו דערציילן אין איינער פון זיינע פּריסטע דערציילונגען „ווידער דיזעלבע ניגונים״, ווי אַזוי אַ שוואַך מענטשל, נאָכן ערשטן אַכזריותדיקן ברוך הבא, וואָס דער שאַפּ־עולם האָט אים צוגעטיילט, האָט געוואונען זייערע הערצער מיט זיין זיס זינגען די ראש השנה און יום כפור תפילות. און נאָך זיין טויט האָבן זיי, קעגן אַלע יוניאָן־כללים צוגעלאָזן אויף זיין פּלאַץ זיין יינגל, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַנטדעקט, אַז פונקט ווי זיין טאַטע, קאָן ער פאַר זיי דעם מחזור איבערזינגען).

אָבער מען קאָן נישט געבוי כאַראַקטעריזירן דעם אינהאַלט פון ראָזענפעלדס ליד, ביז עס וועט נישט אַנגעוויזן ווערן, אַז די באַשטע־לערישקייט פון זיין ליד דריקט זיך אויס נאָך מער אין דער פאָרם, ווי אין דעם אינהאַלט. די פאָרם איז דירעקטע ווענדונג, דעקלאַמאַציע. עס איז דערלאַנגט געוואָרן צום עולם פון דער בינע פון די ליטעראַ־רישע אָוונטן. מען פאַרזעט די ראָלע פון דער ליטעראַרישער בינע אין דער אויספורעמונג פון ראָזענפעלדס ליד (און אויך פון דער פּיאָנע־רישער דערציילונג). איידער ער איז געוואָרן אַ בן־בית אין דער פּרעסע, נאָר געדרוקט זיך דאָ און דאָרט, האָט ראָזענפעלד זיך שוין באַגעגנט פּנים אל פּנים מיטן עולם, אַראָפּדעקלאַמירנדיק אָדער אפילו אַראָפּזינגענדיק זיין ליד פון דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער בינע, וואָס איז דאָ אויפגעקומען גלייכצייטיק מיט דער סאָציאַליסטישער טריבונע; די געזאַנג־דעקלאַמאַציע האָט באַגלייט די אַגיטאַציע אין זעלביקן יוניאָן־האָל. און קענטיק, אַז זיינע בינע אויפטרעטן האָבן אים אַזוי צופרידנגעשטעלט, אַז איין צייט האָט ער אַפילו געחלומט צו ווערן אַן אַרומרייזנדיקער פּאָעט־זינגער־דעקלאַמאַטאָר, וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין די פּראָפעסיע, וואָס וועט אים אַרויסראַטעווען פון שניידער־שאַפּ.

די בינע־אָפּשטאַמונג האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף ראָזענ־פעלדס ליד. ווען מען פאַרגלייכט זיין ליד מיט רייזענס, וואָס איז דאָך אויך אַדרעסירט צום עולם, זעט מען גלייך די נפקא־מינה. רייזענס ליד איז געשריבן אין אַ חדר און דאַרף געלייענט ווערן אין אַ חדר — ביחידות, אין שטילקייט, פון איינעם, וואָס האָט יאָרן און זכרון. עס גיט אַ מחשבה, אָדער אַ שאַרפע דערשפּירונג, וואָס דאַרף אַריינזינגען אין געמיט אָדער אַרויפגעברומט ווערן אויף אַ פאָלקס־ניגון. ראָזענ־פעלדס ליד איז בפירוש געשריבן געוואָרן פאַרגעטראָגן צו ווערן בפרהסיה, פאַר אַן עולם, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן פון טומלדיקן גרויס ניו־יאָרק. עס טאָר נישט זיין שטיל. עס מוז נעמען מיט קול. אָדער מיט טרערן. איבערשרייען, איבערוויינען איז קיין חסרון נישט. אַדרבא, עס מוז זיין אָדער מעלאָדראַמאַטיש, שטורעמען ווי אַ ים — און וועלכער ים שטורעמט נישט אין אַ ליד? — אָדער סענטימענטאַל („מיין ייִנגע־לע" —אַ גוט ליד, מען פילט טאַקע די טרער צווישן די שורות אויך). ניגון מוז זיין, אָבער עס מאַכט נישט, אַז די ווערטער וועלן נישט אַזוי איבערקלייבעריש זיין. אויב זיי זענען בלאַס, זאַגעריש, ווערט פאַרויס־געזעצט, אַז דער פּאָעט וועט דערביי זיין — אָדער אייגער וועט אים פאַרבייטן — און וועט צוגעבן אויסדרוק מיט זיין דעקלאַמירן, זינגען אָדער שפּילן.

דער אינהאַלט פון ליד דאַרף זיין אַלגעמיין־גילטיק. עס דאַרף זיין „אוממיטלבאַר־מיטלבאַר". עס זאָל גלייך קאָנען באַנומען ווערן, דערפילט ווערן פון אַ גרויסן עולם, אָן איבערקלערן. אָט אַזוי פילט ער טאַקע, אָט אַזוי דאַרף ער פילן. און ווען ראָזענפעלדס ליד איז געשריבן געוואָרן מיט דעם וויסן, אַז עס דאַרף פאַלן אויף דער אויבער־פלעך פון עולמס געמיט, האָט די דעקלאַמאַטאָרישע כוונה נאָך מער פאַרפלאַכט די אויבערפלעכקייט. די עולמשע אויבערפלעך איז געווען דורכגעשטרייכט פון סאָציאַליזם, באַטויט מיט אַ פלעווקע ייִדישקייט און פון די סאָציאַליסטישע קערנדלעך, דורך דער פלעווקע, האָט גע־שפּראָצט „מענטש". ראָזענפעלדס ליד גיט דאָס אים אַלץ — נישט טיף מענטש, נישט טיף סאָציאַליזם, נישט טיף ייִדישקייט.

פון „מענטש" גיט זיין ליד, וואָס זיין צוהערער איז נויטיק אַ „מענטש" צו ווערן אין אַמעריקע, אויסגרינען זיך — און טאַקע פאַר־וואָס נישט ענגליש לערנען? און בכלל נישט דאָס טיף־מענטשלעכע, דאָס פערזענלעכע, נאָר דאָס אַלמענטשלעכע, דאָס אומפערזענלעכע, וואָס

העלפט צום מענטש ווערן, דאס אומבאדינגט־גויטיקסטע א מענטש צו זיין. זיינע נאטור־לידער צ. ב. ש. — פארוואס זאל א יידישער אר־בעטער נישט הנאה האבן פון דער נאטור? — אט איז א טייך, פארוואס זאל ער זיך נישט באדן? — „א דארט זיך צו באדן, ווי גוט מוז עס זיין! ווי וואלט איך מיט חשק אין וואסער אריין!" (דער בעסערער שטייגער פון זיינע נאטור־לידער איז, ווען ער קאמבינירט א פאראל־געמיינערונג מיט א פאריידישונג, ווי מיר וועלן עס באלד זען) און נישט פארטיפט אין זיין סאציאליזם, נאר דאס טעגלעכע — שאפ, פארמאן, סטרייק. נישט דער אידעאל פון סאציאליזם, נישט צוקונפט־ארדנונג, נישט רעוואלוציע. זיין רעוואלוציע איז א גרויסער סטרייק, וואס די גרויסע שמחה איז, וואס מען וועט אויף אלעמאל פטור ווערן פון שאפ און פארמאן. פטור ווערן פון שאפ — אט־דעם אידעאל האט ער גע־טיילט צוזאמען מיט דעם דורכשניטלעכן ארבעטער־עולם.

(אוודאי האט ער געהאט מער גרונט צו האסן דעם שאפ, ווי דער דורכשניטלעכער ארבעטער. און פאר אים פערזענלעך, ווי פאר א היפש ביסל פון זיינע שאפ־ברידער, איז אט־די „סאציאלע רעוואלוציע" אויך מקוים געווארן).

און נישט פארטיפט אין זיין יידישקייט, נאר דאס, וואס דאס אויער כאפט פארבייגייענדיק א שול אדער אריינכאפנדיק זיך אין א שול. „דער בעל תקיעה גיט א בלאז, עס פאלט א טריבעס וועטער". — „דער פויגל זינגט אין גרויסן וואלד און וועקט און רופט צו סליחות" („אלול־מעלאדיען"). אויך דער גלות־מארש איז אויף א שול־ניגון — דער ניגון פון קינות, וואס האט אריינגעכאפט די געשטאלט פון יידישן וואנדערער, וואס גייט אויף די וועגן דעם ווינט אנטקעגן „מיט א וואנדער־שטאק אין האנט" — א בילד, וואס איז מסתמא אנגעוויכט געווארן פון דער בשורה וועגן א נייעם יידישן גירוש. (אויך ביי ליבינען געפינען מיר, אין דער דערציילונג „אין א קריסטלעכער נאכבארשאפט", אז נאכדעם ווי א פאגראם האט חרוב געמאכט דאס שטעטל, האט דער אלטער טאטע „גענומען דעם אלטבאקאנטן יידישן וואנדערשטעקן אין די ציטעריקע הענט" און זיך אוועקגעלאזט צו די קינדער אין אמעריקע).

איז „דער גלות־מארש" אן עולמשע באשטעלונג — א ווינטיקע טרויער־דעקלאמאציע, וואס וועט זיך אריינבלאזן אין אויער פון גרויסן עולם, און וועט זיך לייגן אויף זיין השגה, ווייל אויסגעלייגט מיט ווערטער, וואס ער האט שוין נישט איינמאל געהערט פון מגידים:

„אונדזער גבורה ליגט אין שטויב, אונדזער תורה איז אַ רויב" . . .
(דאָס דאַרף דעם עולם נישט אַרן, און אַזוי ווי ער ווייס נישט, וועט עס אים נישט שאַטן, אַז צו דער נייער יידישער קינה איז צוגעשפּילעט אַ צושפּיל, וואָס איז געבאָרגט ביי אַ גוי: „גיי, גיי" איז טאַמאַס מורס: „ניי, ניי").

ווייל פון איבערפלעך אויף איבערפלעך געוואָרפן פון אַ בינע אויף די קעפּ פון עולם — באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז סאָציאַליזם, מענטשישקייט, יידישקייט זענען ביי ראָזענפעלדן אייגנטלעך טעמעס, אויף וועלכע ס'איז גוט צו איבן זיך מיט ליד. ווי באַלד פאַר דעקלאַמאַציע — אַ שטיק פון אַ „פאַרשטעלונג", וואָס ווערט געגעבן פאַר דער אונטערהאַלטונג פון עולם, איז יעדע טעמע גוט פאַר אַ „פאַרשטעלונג" און דאַרף אויסגענוצט ווערן. אַ ראַיה דערויף, אַז טעמע, איבונג אויף ליד איז ביי אים געווען די הויפּט־זאַך און אינהאַלט, אידייאישער אינהאַלט איינגעשלאָסן — די צווייטע דאגה, האָבן מיר אין דעם, וואָס ערשט אויף דער עלטער האָט ער גענומען שרייבן ליבע־לידער. בעת אין דער יוגנט האָט ער עס זיך נישט דערוועגט. איז דאָך געבליבן נישט אויסגענוצט אַ טעמע, האָט ער זי צוגעשריבן. און ער האָט זיי, די ליבע־לידער, נאָכגעשריבן נאָכן אַלגעמיינעם פאַסאָן גאַנץ לעבעדיק, ביז ער האָט די טעמע נישט אויסגעשריבן, האָבנדיק אויסגעשעפּט דאָס אַלגעמיין גילטיקע פון ליבעס־מאָטיוו.

אָבער נישט אַלץ איז ביי אים געווען טעמע. און אַנדערש קאָן נישט זיין. פּאָעטישע טעמע מוז ערגעץ וואו זיך אָנקלאַפּן אָן אַ וויכטיקער איבערלעבונג, כדי דער פּאָעט זאָל קאָנען אויף איר זיך אויפבויען. און ראָזענפעלד האָט געהאַט אַ צאָל אַזעלכע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אויפגעבויט דעם פּאָעט אין אים. די ערשטע ריאַלע איבערלעבונג זיינע — אפשר די ריאַלסטע איבערלעבונג — וואָס האָט געדויערט פון פריסטער יוגנט דורך זיין גאַנץ לעבן, איז די פּאָעט־איבערלעבונג. עס איז אַ זעלבסטשטענדיקע איבערלעבונג, אָן וועלכער קיין פּאָעט קאָן זיך נישט באַגיין. עס זאַמלט זאַפט, קראַפט, וואַרימקייט, פאַנאַזיע; עס רייסט אַפּ דאָס אויג פון בלינדן אַנקוקן, פון טעמפּן אַנגלאָצן דעם פאַקט; עס שיידט אַפּ דעם בליק פון פאַקטס טרוקענער האַרטקייט און לאָזט אויף אים אַנוואַקסן אַ שפּילנדיקע אילוזיע — וואָס דאָס אַלץ איז דער מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין פורעמען די פאָרם פון ליד. די פּאָעט־איבערלעבונג קאָן איבערלויפן אין זעלבסט־באַרעריי, זעלבסטפאַרבלענדעניש און פוסטער גדלות; עס קאָן אַפילו

דעגענערירט ווערן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט ראָזענפעלדן, אין אַ גדלות־מאַניע, אין אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע, אין קנאה־שנאה, אין אַ גיפטיקן שוימען קעגן גאַנצן ליטעראַרישן געזינדל, וואָס פאַרגינט אים נישט זיין וועלט־רום; און אַפילו מגולגל ווערן, איין צייט, אין פאַר־אַכטונג צו דער שפּראַך, וואָס האָט אים אויפגעהאָדעוועט אַלס פּאָעט, וואָס דאָס האָט אים אָגב נישט געשטערט, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָך דעם הויפן כבוד, וואָס ער האָט צונויפגעשאַרט אויף זיין טריאומף־רייזע, נתפּעל צו ווערן פאַר יידיש און צו בענטשן זיך מיט דעם.
אָבער הינטער די אַלע פאַרווילדערונגען און אַרבעט־רייבונגען, הינטער די אַלע וואַרפענישן איז דאָ אַ געזונטער קערן — דער פּאָעט־באַוואוסט־זיין, וואָס ציט אָן איבערלעבונג, וואָס ווערט פאַרברויכט אין ליד־בוי. אַט דער באַוואוסטזיין האָט זיך אים נישט אומזיסט געגעבן. ער האָט אים פאַרדינט, אָנגעהאָרעוועט. פון זיין פּריסטער יוגנט האָט ער פליסיק געלייענט אין עטלעכע שפּראַכן: צוערשט אַביסל אין פּויליש און אַביסל מער אין העברעאיש, דערנאָך אַ סך אין דייטש און אַ סך אין ענגליש, און זיין גאַנץ לעבן פלייסיק געלערנט ביי פּאָעטן אויף פּאָעט. און די פּשוטסטע פאָרמען פון ליד־בוי — די ליד־פאָרם פון פראַגע־ענטפער, פון אויסרוף און אויפרוף, פון „אָ, זאָג מיר" און „קענסטו דאָס לאַנד" — האָט ער דעקלאַמאַטאָריש איבערגעטראָגן אין יידיש, מיט די אינהאַלטן, וואָס לאָזן זיך דורכזייען, אויף אַ שטייגער, וואָס קאָמבינירט דאָס אַל־געמיינע, אומפּערזענלעכע מיט דעם לייכט צוגענגלעכן פאַר אים און פאַר זיין עולם — די עלעמענטאַרע „מענטשישקייטן": — פאַרגענ־גלעכקייט פון לעבן, האַרבסט־טרויער, פרילינג־פרייד, נאַטור־באַוואונ־דערונג, ליבע. און נאַטירלעך האָט ער אַלץ געלייענט וואָס אין יידיש און געלערנט ביי יידישע פּאָעטן און ער האָט זיי פלייסיק נאָכגעזונגען. הינטער זיין יעדן ליד לאָזט זיך דורכזען דעם מאָדעל, נאָך וועלכעס עס איז נאָכגעשריבן, אַ יידישער צי אַ פרעמדשפּראַכיקער. אָבער די יאָרנלאַנגע האָרעוואַניע האָט פאַרט אַרויסבאַפרייט אַ פּאָעטישן איינשטעל, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען אַרויסצוגעבן פון זיך אַ ליד־געשטעל, זייער אָן איינפאַכן אַפילו, וואָס איז אָבער פאַרט גענוג געווען אויף איינצופאַסן אָן אַלגעמיין־גילטיקן, גאַנגבאַרן, עולמשן, קהלשן אינהאַלט, וואָס דאָס גראַד איז נויטיק געווען. אַ רייכערע ליד־פאָרם, מיט אַ טיפערן פּערזענלעכן אינהאַלט, וואָלט זיך נישט אָנגענומען. דער דע־מאָלטיקער עולם — דער ערשטער נאַאיווער, פּרימיטיווער אימיגראַנטן־

דור, וואָס איז נאָר־וואָס אַריינגעפּיט געוואָרן אין ליטעראַטור, וואָלט קיין אַנדער ליד נישט פאַרטראָגן. ראָזענפעלדס ליד האָט אַזוי אַרום דורכגעפירט אַ גרונט־תכליתדיקע היסטאָרישע באַשטעלונג.

די פּאָעט־איבערלעבונג איז דער פורעמדיקער פּרינציפּ. אָבער אַ פורעם דאַרף האָבן נישט נאָר ווייכן שטאָף, מיט וואָס זיך אָנצופילן, עס נויטיקט זיך נאָך מער אין האַרטן שטאָף, אויף וועלכן זיך אויס־צושמידן. אַ פּאָעטישער פורעם קאָן זיך נישט אויספורעמען אויף לופט, אויף הוילער טעמע. עס מוז זיין אַ שטאָף, וואָס איז נוגע דעם פּאָעט אין נפש. אַ ראַיעלע איבערלעבונג דאַרף עס זיין, אַ שותפטע צו דער פּאָעט־איבערלעבונג. אַזעלכע שותפטעס האָט ראָזענפעלדס פּאָעט־אי־בערלעבונג געהאַט צוויי — ביידע שוין אויבן דערמאָנט — די שאָפּ־איבערלעבונג, וואָס האָט ראָזענפעלדס ליד איינגעפונדעוועט, און די יידישע איבערלעבונג, וואָס האָט זיין ליד באַצירט און באַרייכערט, אַריינשפּריצנדיק אין איר אַ גילדענעם פונק:

אמת, זיין שאָפּ־איבערלעבונג איז נישט געווען פון יענעם גע־הויבענעם סאָרט, וואָס מאַכט דעם אַרבעטערס האַרץ אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, וואָס פאַרברידערט דעם אַרבעטער מיט זיין קלאַס אויפן גאַנצן לעבן — עדעלשטאַט און באָווּשאָווער האָבן עס יאָ פאַרמאָגט אַלס „מיטפילער" — נאָר פשוט ווייטיק פון אַ שאָפּ־אַרבעטער — אַט טאָקע זיין האַס צום שאָפּ, וואָס האָט אים צייטווייליק פאַרבונדן מיט דעם גורל פון אַלע אַרבעטער. נישט גענוג צו געבן אים פּאָעטישע אינספּיראַציע פאַרן סאָציאַליזם — דאָס אַרויסרייסן זיך פון שאָפּ און לעבן פון דער פען איז פאַר אים געווען אַ נעענטערע מעגלעכקייט. און זיין קינפטיקער יחוס אַלס פּאָעט איז אים בילכער געווען ווי דעם אַרבעטערס יחוס אין דער צוקונפט־אָרדענונג. אָבער אָט־די שאָפּ־איבערלעבונג איז געווען גענוג צו לאָזן בלוט אין זיין ליד. זיין אַרבע־טער־ליד איז געווען אַ ראַטונגק־געשריי: ראַטעווע מיך פון שאָפּ, ליד! — און דאָס ליד האָט אים געראַטעוועט. נישט נאָר פון שאָפּ נאָר פון פּאָעטישער אומבאַהאָלפנקייט אויך.

די שאָפּ־איבערלעבונג האָט געגעבן קרעפטיקן יידישן לשון דעם שטאַמלער, וואָס האָט זיך געוואָרגן מיט שערבלעך פון דייטשמערישע ווערטער. ווען ער פילט, ווי ער ווערט אַליין אַ מאַשין, פאַרוואָס שטאַמלען ליידיקן דייטש, ווען דאָס געפיל לויפט אַליין אַריין אין אַ געלויפיקן יידיש? און ווען עס נעמט אים דורך אַ קלעמעניש איבער דעם, וואָס זיין אייגן קינד האָט די זכיה נישט אים אָנצוקוקן, דעם טאַטן,

און ער, דער טאַטע, דאַרף יוצא זיין מיט אויסהערן דעם קינדס פּרעפּל פון שלאָף — בעט זיך דאָך אַליין איבערצוזינגען דעם שמועס צווישן טאַטע־מאַמען. די שאַפּ־אַרבעט האָט אים געגעבן אַ טרעף פון געפילן, אויף וועלכע צו קלעטערן מיט די לידער־פאָרמען, וואָס ער האָט געהאַט זיך איינגעלערנט. דאָס אַרבעטער־ליד, וואָס האָט געצויגן אינהאַלט פון זיין אייגענער אַרבעטער־איבערלעבונג און איז געצויגן געוואָרן אין דער הויך פון דער סאָציאַליסטישער אידייאישקייט, וואָס האָט גע־שוועבט אַרום אַרבעטערס קאָפּ, האָט אויסגעשטרעקט דעם פּאָעט אין אים. און דאָ איז ער גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון זיין יידישער איבערלעבונג — זיין צוגאָב צו פּאָעט און פּראָלעטאַריער — זיין יתרון איבער עדעלשטאַטן און באָוושאָווערן, וואָס אַדאַנק איר איז אים גע־לונגען צו דערפירן צו קינסטלערישקייט די טרוקן־אידייאישע תכלית־דיקייט פון פּיאָנערישן אַרבעטער־ליד — געלונגען אים, ראָזענפעלדן, דעם איינציקן פון דעם דרייליגג. פאַרוואָס באַר אים געלונגען? פרעגן מיר נישט די שאלה וועגן עדעלשטאַטן. ער האָט גאָר קיין פּאָעט־באַ־וואוסטזיין ניט פאַרמאָגט, און זיין ליד איז פונקט אַזוי שווינדזיכטיק געווען, ווי דער פּאָעט אַליין. אָבער באָוושאָווער, וועלכער האָט יאָ פאַרמאָגט אַלע געזונטע, פיזיאָלאָגישע, אַזוי צו זאָגן, פאַרבאַדינגונגען פאַר פּאָעטישן טאַלאַנט — אַן אָנגעצונדן פאַנטאַזירנדיק בלוט — מיט אַ גרינטלעכער באַהאַוונטקייט אין ליטעראַטור און אפשר מיט אַ שאַרפערן חוש פאַר פּאָעזיע, ווי ראָזענפעלד, און זיכער מיט אַ טיפערן שניט אין פערזענלעכע איבערלעבונגען — פאַרוואָס איז אים דאָס נישט גע־לונגען? איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, און איצט באַכן אַנאַליז פון ראָזענ־פעלדס פּאָעטישן גאַנג איז עס פעסטגעשטעלט־באַשטעטיקט: פּאָעט־באַוואוסטזיין דער פורעמער, דער בויער פון ליד־פאָרם, מוז האָבן אויף וואָס זיך אויפצובויען. ראָזענפעלד, ווי געשוואָלן עס פלעגט צייטנווייז נישט ווערן זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין, פילפאַך אַריבערשטייגנדיק זיין פּאָעטישן כוח, האָט ער אָבער אַלעמאָל עס געקאָנט וויפיל נישט איז באַרעכטיקן, צופאַלנדיק צו אַ צאָל ראַיעלע איבערלעבונגען אויף אָנ־צונעמען זיך מיט חיות — צו זיין פּאָקטישער, נישט בלויז מיטפילנדי־קער אַרבעטער־איבערלעבונג, און דער עיקר צו זיין יידישער איבער־לעבונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין היימישער יידישער סביבה. ווי אויבערפלעכלעך, צעבלאָזן מיט דער ריינער לופט זיך טראָגנדיק, זיין יידישע איבערלעבונג איז נישט געווען, איז זי דאָך גענוג געווען

אויף צו שפייזן די פאַנטאַזיע, וואָס פורעמט ליד. — ווען מען קוקט אַריין אין זיינע בעסערע נאַטור־לידער, זעט מען, אַז די בילדלעכקייט זייערע איז פון יידישער אָפּשטאַמונג. אין ליד „ווינטער״: „ווינטער! נאַטורס זילבערנע חתונה! אָנשטאָט איר גרינע זיידנס טראָגט זי אַ באַזילבערט קלאָרן חופה־שלייער״ — איז די בילדלעכקייט אַ צו באַ־וואוסטזיניקע, אַ געקינצלטע; דער ווינטער ווערט איבערגעוואָלט צו דער חופה געפירט. אָבער אין די לידער „דער שטראָם״, „דער קוואַל״ ציט די יידישע בילדלעכקייט אַרויס שטימונג־נואַנסן, וואָס אויף אַן אַנדער אופן וואָלט דער פּאָעט זיי נישט אַרויסגעקראָגן. — אין „שטראָם״ הערט זיך אים אַ יידישער וואַנדערער, וואָס זאָגט תהילים גייענדיק; אין „קוואַל״ — אַ ייד, וואָס דאַוונט ביחידות. — זיין ייד־איבערלעבונג פירט אים אין דעם אינעווועניק פון דער נאַטור אַריין.

(בלויז אין ליד וועגן זיין היימישן טייך באקשא, וואו זיין טאַטע, זיידע, פעטערס האָבן געפישט, לעבט ער זיך איין מיט דער נאַטור אָן פאַריקדישונג: זיינע קינדהייט־איבערלעבונגען גיבן אים געגוג בילד־לעכקייטן).

און דערצו, ראָזענפעלדס איינגעלעבטקייט מיט דער יידישער שפּראַך, אַ ליד איז דאָך אַ שפּראַך־פּלאַנץ. פון די געהיימנישן פון דער שפּראַך וואַקסט זי אַרויס מיט אירע צווייגן, בלעטער, בלומען און פרוכטן. אַ ליד, געשריבן אין אַ שפּראַך, וואָס איז אויסגעליידיקט פון אירע איינגעבאָרענע געהיימנישן, לייזט פון אינערלעכער דאַרעניש.

אמת, ראָזענפעלדס שפּראַך איז נישט צו דערפינדעריש; זי איז גאָר נישט מחדש; פון זיך אַליין געבערט זי נישט דאָס ליד. בלויז אין דער פרייערער סאַטירע בריהט זי זיך ביי אים און ווייזט חידושים. אַזוי געוויינלעך אין אַ ליד פאָלגט זי אים נאָר אַ גאַנג. „אפשר ווייסטו, ווילדער ווינט, וואו עס ווילט מיין שיינעס קינד? אפשר ווייסטו, ים וואָס ברויזט, וואו מיין שיינע ליבסטע הויזט?״ —

דאָס זענען געלויפיקע ווערטער פון אַלעמענס מיילער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויפן שרייב־פּאַפּיר. אַמאָל קומען זיי ביי אים פרייוויליקע, אַמאָל איינגעבעטענע, אַמאָל דאַרף ער זיי צווינגען. אָבער איין מעלה האָבן זיי — אַז זיי זענען שוין אונטער זיין פען, פאָלגן זיי. פון זיך אַליין באַשאַפן זיי קיין ליד נישט, אָבער זיי העלפן אים אויפהאַלטן די פאָרם פון ליד — דעריין קאָן ער זיך אויף זיי פאַרלאָזן. און דאָס איז שוין אַ סך.

באַוושאָווער האָט אָט־דעם דינסט פון זיי נישט געהאָט. אָן דער הילף פון יידיש־היימישער בילדלעכקייט און אָן יידיש־היימישער שפּראַך־הילף, וויפיל ער האָט זיך נישט געריסן פון דער תכלית־דיסציפּלין, האָט ער נישט געקאָנט דערהייבן זיין תכלית־ליד צו אַ קונסט־מדרגה.

און אוודאי האָט באַוושאָווער די הילף נישט געהאַט פון דעם פייערדיקן פּינטעלע אין ראָזענפעלדס יידישער איבערלעבונג, וואָס האָט זיך אים אָפּגעשפּריצט אפשר קעגן זיין ווילן פון דער פייערלעכער שטימונג, וואָס פלעגט פאַר אַ טאָג מיט אַ חודש דורכנעמען דעם גאַנצן אימיגראַנטישן עולם — די יום־כפור־שטימונג, וואָס פלעגט אָנקוועלן פון זיך אַליין, אַפילו ווען מען האָט נישט געהערט קיין שופר־בלאָזן — דעם יום־כפור מיט אַלץ, וואָס האָט צו אים צוגעפירט און איז צו אים צוגעבונדן געווען — דעם אלול, דעם האַרבסט. ראָזענפעלדס יום־כפור־ליד האָט זיך אויסגעפורעמט ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויפ־געזונגען זיין אַרבעטער־ליד און האָט זיך אויף אים געשטיצט. אָבער וואו האָט ראָזענפעלד אַ יום־כפור־ליד? ער האָט נישט קיין דירעקט ליד וועגן סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָבער ער האָט אַ יום־כפורדיק פאַר־שלייערטע סאָציאַלע רעוואָלוציע — דעם יום־הדין, דעם וועלט־געריכט: „אַ, דאַן וועט איר זען אייער שרעקלעכן סוף, פון וועלכן איר ווילט איצט נישט הערן! דאָס וועלט־געריכט וועט אייך באַשטימען די שטראָף און איר וועט נישט קענען זיך ווערן" („אַ נבואה") — אַ שטאַרקע דעקלאַמאַציע, אָבער עס הערט זיך ניט קיין פאַלשער קול, נאָר אַ וויטער נאָך־קול נאָך אַ בת־קול, וואָס האָט אַמאָל זיך דורכגעקייקלט דורך די וועלטן. און דאָס ליד „צו די וועלט־פאַרשלינגער" איז עס נישט אָן אָפּקלאַנג פון ונתנה־תוקף? — וואָס ראַבעוועט איר? דער טויט וועט אייך טרעפן סיי־ווי. איר זייט אָרימע מענטשן, מיט אַ מלאך־המות, וואָס לויערט אויף אייך. צו די קאַפּיטאַליסטן זאָגט ער עס דעם יום־כפורדיקן מוסר. און די נאַטור־לידער, וואו ער זינגט זיך אַריין אין קאָנטראַסט צווישן פאַרגענגלעכקייט און אייביקייט, דאַרפן אויך צוגע־שריבן ווערן צו דער יום־כפורדיקער שטימונג, וואָס דורך אָט־דער שטימונג ווערן זיי אויך צוגענגלעך פאַר דעם ברייטן עולם.

די שוואַכע, בלאַסע איסט־סיידישע יום־כפור־שטימונג האָט גע־געבן ראָזענפעלדן זיין שטאַרקסטע אינספּיראַציע פאַר אַ צענדליק לידער. ווען באַוושאָווער, שרייבנדיק זיין ליד „די רעוואָלוציאָן", וואָלט אַריינ־געכאַפּט אין זיין אויער דעם יידישן ציטער פון דער איינאיינציקער

יום־כפורדיקער תקיעה גדולה, וואָלט דאָס ליד נאָך היינט צו אונדז געדונערט און געמאַכט ציטערן.

ראָזענפעלד מיט באַוושאַווערס פייערדיקן אימפעט, מיט זיין אי־דייאישער זויבערקייט, מיט זיין אידעאַליזם וואָס איז געווען זיין גרעסטע נשמה־פאַרמעגן, וואָלט געשאַפן ווערק, וואָס וואָלטן איבערגעלעבט זיין דור, וואָס וואָלטן נאָך היינט צו טאָג אונדז אינספּירירט צו שעפערישע מעשים.

ראָזענפעלד האָט נישט אַריבערגעשפּרייזט זיין דור. ער איז געווען איינס מיט זיין עולם, אַליין איינער פון עולם, פון וועלכן ער האָט זיך בלויז אונטערשיידט מיט פּאָעט־באַוואוסטזיין. ער האָט גערעדט צו דער דויער אויבערפלעך פון עולמס געמיט און געשריבן פון דער רויער אויבערפלעך פון זיין אייגענעם געמיט. און ווייל אַ מענטש, וואָס לעבט פון דער רויער אויבערפלעך, האָט ער זיך אַזוי געוואָרפן און גע־פּלאָנטערט אין סתירות. און ווי אַן עמכאַניק, פון פּראָסטן סאָרט, וואָס ווען ער ווערט פּלוצלונג דערהייבן געפינט ער נישט אין זיך געניג איידעלן שטאָלץ, אויף וואָס אָנצושפּאַרן זיין גדולה, און ער פּאַררייסט זיך — איז ער שוין אַפילו גרייט געווען, צוליב די העפלעכע רחמנות־שמייכלען פון די פּאַרנעמע יאַהודימשע „דאַמען און הערן”, „אַפּצו־שמדן” זיך אין אַ פּאַראַכטער־פּאַרשפּעטער פון ברייטן יידישן עולם, פון וועמען ער איז געווען ביין פון זיין ביין.

פון דער מענטשלעכער טיף, וואָס אונטער דער אויבערפלעך, האָט ער נישט געצויגן קיין אינספּיראַציע נישט פאַרן מענטש און נישט פאַרן פּאָעט ראָזענפעלד.

און ווען עס זענען געקומען פּאָעטן און צייטן, וואָס האָבן יאָ דורכגעבויערט די אויבערפלעך פון עולמס געמיט צו אַ צווייטער שיכט, האָט ער נישט געקאָנט נאָכהאַלטן. ווען דער לעזער איז אויסגעוואָקסן, איז ראָזענפעלד צו קורץ געקומען, און ער האָט זיך דערפילט אויס־געשפּילט. און פריינט און פיינט האָבן געזאָגט: ראָזענפעלד האָט זיך אויסגעשריבן; ראָזענפעלד האָט זיך אויסגעוועפּט. — און זיין גע־קרענקטע פּאָעט־גאווה, אויב זי האָט אים נישט געטריבן אין משוגעת אַריין — לית ברירה האָט ער דאָך געקאָנט צוריקפאַלן צו זיין אַמאָליקער גלאָריע — האָט זי אים אָבער פּאַרסמט ביז אין טויט אַריין.

אַ טראַגעדיע פון אַ פּאָעט, וואָס האָט געהערט בלויז צו זיין דור!

די דערציילער

פאַר דערציילער־פּיאָנערן דאַרפֿן פאַררעכנט ווערן צוויי: ז. ליבין און לעאָן קאָברין. דער דריטער — תשר״ק — ווי געזאָגט, האָט זיין פּיאָנערטום פאַרשפּילט, אָבער אַ כאַראַקטעריסטיק פאַרדינט ער דאָך — פאַר אַן אילוסטראַציע דערויף, ווי טאַלאַנט איז באַשעדיקט געוואָרן, ווען ער האָט געהאַט די באַלעבאַטישע פרעסע פאַר זיין היים. אָן ספק מיט אַ פּייאיקייט אָנצעווינקען מיט אַ ווינקל־אויג אויף די קאָמישע שטריכן פון זיין פאַרשוין — דעם קאָסטימער פעדלער — און פונאַנדערצעגלאָצן זיי מיטן פולן אויג ביז צו משונהדיקייט, און פונאַנדערצעפּאַכן דעם שמייכל אונטערן וואָנץ פון לייענער אין גרויס געלעכטער. אָבער תשר״ק איז נישט ביכולת געווען אויסצולייזן זיין איינגעבאָרענע באַגאַבונג, אויסצולייטערן זי פון דער פּסולת, וואָס האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט פון זיין יאָרנלאַנגער שבתדיקער שמשות אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע; זיין מעשה פעליעטאָן איז געבליבן שטעקן אויף דער אונטער־שוועל פון ליטעראַטור — אויף דער שטופע פון געמאַכטער, אומישנע זיך פרומלענדיקער, מעכאַניש זיך איבערחזרנדיקער איבערטרייבונג. ער איז נישט קאַפּאַבל געווען זיך צו דערהייבן, צוזאַמען מיט זיינע קאָלעגן פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע, צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור־שאַפער.

פון די צוויי איז ליבין געווען דער ערשטער — בכלל דער ערשטער דערציילער אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע — פאַר 1892 איז קיין דערציילונג נישט געווען. און ער האָט באַקומען בפירוש אָנגעזאָגט פון פיליפ קראַנצן, דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג״ — צו דינען מיט דער פען דער סאָציאַליסטישער אידייע, זיין דערציילונג זאָל זיין אַן אילוסטראַציע אויפן קלאַסנקאַמף אין שאַפּ, אַזוי ווי ער איז שוין אין דער „גליקלעכער״ לאַגע אַליין אַ שאַפּ־אַרבעטער צו זיין. פאַר ליטעראַטור אין „אַרבעטער־צייטונג״ האָט דער אייראָפּעאיש געבילדעטער רעדאַקטאָר געוואָלט יוצא זיין מיט איבערזעצונגען. און מסתמא האָט זיך אים אויך נישט געגלויבט אַז אין דער „געטאָ״ זאָל זיך געפינען אייגער, וואָס זאָל קאָנען אָנשרייבן אַ ריכטיקע דערציילונג. און לוינט זיך דען די מי? דאָס איז געווען פיליפ קראַנץ, וואָס האָט דער ערשטער אַרויסגעלאָזט די פראַזע, אַז העכסטנס וואָס מען קאָן געבן יידיש אין אַמעריקע איז 35 יאָר לעבן. ליבין, אַליין

אַ סאָציאַליסט, פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — אין זיין שטעטל גאָרקי, מאָהליווער גובערניע, איז געווען אַן אַגראָנאָמישער אינסטיטוט, און די סטודענטן־אַגראָנאָמען האָבן פלייסיק „געאַקערט דאָס פעלד" פון סאָציאַליזם — ליבין, וועלכער האָט אין דער היים אַפילו נישט געהערט, אַז עס איז פאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור און פשוט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מען קאָן שרייבן ליטעראַטור אויף יידיש — האָט גערן זיך געשטעלט אין דינסט פון סאָציאַליזם, זיך פאַרנעמענדיק צו איי־לוסטרירן מיט דערציילונג דעם קלאַסן־קאַמף פאַר זיינע שאַפּ־ברידער. און פיר־פינף יאָר האָט ער געטריי געדינט. אָבער אַ חוץ סאָציאַליזם, האָט ער פון דער היים מיטגעבראַכט דערציילערישע גבורה. מיט זיינע וויצן, גלייכווערטלעך, מעשות און אַנעקדאָטן, און מיט זיינע פריילעכע שמועסן בכלל — דערוויסן מיר זיך פון ליבינס אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ — האָט ער געוואונען דאָס געהער פון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל, אָבער נישט זייערע הערצער. און דער דערציילער־גבר האָט זיך געשטאַרקט איבער דעם רעדאַקטערס גזר: נישט נאָר האָט ער דערציילט וועגן די צרות, וואָס מען האָט אויסצושטיין פון דעם שאַפּ־פאָרמאַן — די צרות, וואָס דאַרפן מאַכן די שאַפּ־אַרבעטער פאַר סטרייקער און קלאַסנקעמפער — נאָר אויך וועגן דעם מענטשלעכן און אימיגראַנטישן צער פון די שאַפּ־אַרבעטער, צו וועלכן דער פאָרמאַן האָט גאָר קיין שייכות נישט. אַזוי אַז אַפילו ליבינס „סאָציאַליסטישע" דערציילונג איז אויך אַנגעצילעוועט געווען צו „מענטשלעכקייט".

איינע פון זיינע פריסטע דערציילונגען — „אַ מאַמע" — באַציט זיך אויפן האָמסטעד־סטרייק, אין וועלכן אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט אָפּגעפייערט זיין שאָס אין שטאָל־מאַגנאַט פריק. דער אינגערער פון צוויי ברידער־סטרייקער איז דערשאָסן געוואָרן פון דער פינקערטאָן־וואָך. וויל די מוטער ניט מיטפאָרן מיטן עלטערן זון קיין ניו־יאָרק. ער געפינט זי ליגן אויפן קבר פון דערשאָסענעם. זי וויל אים נישט איבערלאָזן אַליין אין האָמסטעד. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער דערציילונג איז קאָנצענטרירט אויף דעם צער פון דער מוטער. — אַ סיגאַרעטן־מאַשין ווערט איינגעריכט אין אַ שאַפּ, די אַרבעטער ווערן אָפּגעזאָגט. דער באָס פרייט זיך באַצייטנס מיט זיין נקמה אָן די אַר־בעטער. דערשפּירן זיי עס, און רויבן ביי אים אַוועק זיין שאַדנפרייד מיט דעם, וואָס זיי מאַכן זיך לוסטיק ווי קינדער אַרום דער מאַשין, דעם באָס אויף צעפּוקעניש.

ליבין גיט דעם אַרבעטער צו שמעקן דעם שאַרפן ריח פון באָס, וואָס נאָר איינער, וואָס האָט דעם ריח געשפּירט, קאָן אים צוריק אויפ־כאַפּן מיט ווערטער. ער פאַרשאַרפט דעם אַרבעטערס מענטשישן חוש־הריח בנוגע זיין קלאַסן־שונא.

און ער האָט געגעבן צו שמעקן דעם אַרבעטער דעם אוממענטש־ריח פון זיין צווייטן קלאַסן־שונא, וואָס קומט גלייך נאָכן באָס — דעם ריח פון לענדלאָרד. סעריעס דערציילונגען שרייען קאַראַאול אויפן לענדלאָרד. אָבער דאָס איז אַזאַ קאַראַאול־געשריי, וואָס באַרייכערט דעם אַרבעטערס מענטשפאַרשטיין און מענטש־פילן.

פאַרקערט, די איידלסטע מענטשלעכקייט זאַמלט ליבין, וואו ער איז אויסן צו באַווייזן וואָס פאַר אַן אַדלמאַן דער אָרימאַן איז. און ווען איז דער אָרימאַן דער גרעסטער אַדלמאַן? אין אַ קריזיס־צייט, ווען יעדער סענט איז אים ווי אַן אויג אין קאָפּ: — אַ ציי‌טונגס־פּעדלער, וועלכער האָט נישט קאָלעקטירט געבוג אפילו אויף אַ טאָג איבערצולעבן, נאָכן באַצאָלן פאַר די ציי‌טונגען, כאַפּט זיך אינמיטן חשבונען ביי אַ „גנבה״ — ער האָט נישט געגעבן זיין וועכנטלעכן קוואָדער צו די קינדערלעך פון דער פרוי אין קעלער. לויפט ער עס גוט־מאַכן — די אייביק הונגעריקע קוקן אַוודאי אויס די אויגן אויף אים.

(דער ציי‌טונגס־פּעדלער און דער אַרבעטער בייטן זיך אָפּט מיט די פּלעצער אין ליבינס אַמאָליקע דערציילונגען. דער דאָלאַר פון אַרבעטלאָזן ווערט כסדר ביי אים געטובלט אין הייליקער מענטש־לעכקייט — אין קעגנזאַץ צום בלוטבאַפלעקטן דאָלאַר פון באָס און לענדלאָרד). דאָס איז ליבינס פּראָלעטאַרישע דערציילונג. די באַלערנ־דיקע טענדענץ ווערט גראַדנוויז אויסגערונען און איינגעשלונגען פון דער מענטש־מעשה. די דערציילונג פּראָלעטאַריזירט דעם לייענער, באַרייכערנדיק גלייכצייטיק זיין מענטש־קענטניש. די פּראָלעטאַריזירונג איז גלייכצייטיק פאַרמענטשלעכונג. ווי דען אַנדערש? אַזוי איז אויך געווען אין דער ווירקלעכקייט: מאַיאָריטעט פון דער אימיגראַנטן־מאַסע איז דאָ אַריינגעפאַלן אין פּראָלעטאַרישן צושטאַנד. און דאָס קלאַסנבאַוואוסטזיין פון אימיגראַנט־פּראָלעטאַריער איז געשטיגן צוזאַמען מיט זיין מענטש ווערן. עס איז איין פּראָצעס געווען. און אַזוי באַדאַרף אויך זיין אין אַ ריכטיקער פּראָלעטאַרישער דערציילונג.

פּראָלעטאַרישע דערציילונג, נאָכן פּראָלעטאַרישן ליד, איז געווען דער צווייטער היגער ליטעראַרישער פּראָדוקט.

איינגעאַרבעט די פּען אויף דער פּראָלעטאַרישער דערציילונג, און באַקומענדיק די פרייהייט פון פּען, האָט ליבין זיך אַוועקגעלאָזט באַ־אַרבעטן דאָס גאַנצע פעלד פון אימיגראַנטן־לעבן. ווי ברייט איז דאָס פעלד? אויפן ערשטן בליק נישט אַרומצונעמען. דער איינדרוק איז, אַז ביי ליבינען איז אַן עשירות אויף טעמעס. אויף יעדן טראָט קייקלט זיך ביי אים אויס אַ טעמע. אויף יעדער טעמע גייט ביי אים אויף ווי אויף הייוון אַ סוזשעט.

עס איז דאָ אַ לייכטער וועג, ווי פונאַנדערצוקלייבן זיך אין ליבינס הונדערטער און הונדערטער סוזשעטן, סקיצן און דערציילונגען. מען דאַרף נעמען זיין אייגענע לעבנסגעשיכטע פאַר אַן אויסגאַנגס־פונקט. ווי ער איז גרינערהייט אַריינגעפאַלן אין שאַפּ; ווי ער האָט פון שאַפּ זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ ציטונגס־פעדלער; ווי ער האָט פון פעדלער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פּראָפעסיע (די שרייבער־פּראָפעסיע קאָן פאַרביטן ווערן מיט אַן אַנדער פאָרם פון האַלב אויפגעריכט ווערן) א.אז.וו. ביז היינט־צו־טאָג. האָט ער מיטגעמאַכט אַלע צרות און נחתן פון אַן אימיגראַנט, געטיילט אַלע זיינע דאגות און גאַנצע און האַלבע וואוילטיקן.

און ער האָט אַ לייכטן וועג ווי אויסצוקייקלען טעמעס — פון די לעבנס־ברעקלעך, וואָס ער זאַמלט אָן אין זיינע אייגענע פיר־ווינקלעך — לעבנס ברעקלעך, אין וועלכע עס איז אָפּט אַריינגעקנאָטן שטיקער האַרץ — און פון דעם שטאָף, וואָס עס דערציילן זיך אַן די שכנים; וואָס מען הערט זיך אָן אין גאַס; וועגן וואָס מען וויכוחט זיך אין קענדי־סטאָר, און וועגן וואָס מען לייענט זיך אָן אין ציימונג. ער איז אַ שמועסער און אַן אויסגעצייכנטער אָפּגעבער פון געהערטע שמועסן. ער קאָן באַכגיין פאַקט נאָך פאַקט, נישט שפּרינגענדיק און אַרויסדרייענ־דיק זיך פון פּלאָנטערס מיט אַ גרינגן גאַנג. און געבענטשט איז ער מיט אַ ווייך־שמייכלענדיקער גוטמוטיקייט און האָט אַן אויג פאַר די אַנעק־דאָטן, וואָס דאָס לעבן אַליין דערלאַנגט. אָדער ער קאָן אַליין צושטעלן פאַקט צו פאַקט אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסזען ווי אַנעקדאָטן, וואָס דאָס לעבן אַליין דערלאַנגט. (עס איז געווען אַ סך געלעגנהייטן פאַר דעם אין אימיגראַנטן־לעבן, ווען די קבצנישע אַלט־וועלט האָט זיך אַריינגע־צויגן אין דער מיליאַנערסקער ניי־וועלט, אַבי אַ פריילעך אויג אויפצו־כאַפּן די אַנעקדאָטישע געלעגנהייטן) — אַדאַנק אָט־די אַלע מעלות — זיין שמועס־מאַנערע און הומאָריסטישן ביי־קול — האָט ליבין געקאָנט

די מעגלעכסטע פּאַסירונג דערהייבן צום גראַד פון אַ דערציילונג.

האָט ליבין געפירט דעם טאָג־בוך פון אימיגראַנט פאַר איבער 40 יאָר צייט — אָנהייבנדיק מיט דעם אימיגראַנטס גרינסטן צושטאַנד, ווען ער האָט געעלבט מיט אַלטער היים, ווי מיט אַמעריקע, און אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער איז דאָ צייטווייליק און זיך געריסן פאָרן צוריק, און דערווײַלע האָט ער אָפּגעריכט גלות אַמעריקע — אין אַ פינצטערן טענעמענט־הויז, אין דער „יידישער קאָלאָניע", אָדער „געטאָ", און אַפילו אין יענע שווערע פּרופונגס יאָרן, ווען דער גרינער האָט אָפּגעריכט גלות אין אַמעריקע, האָט ליבין געפונען גענוג פון וואָס צו לאַכן און זיך פריילעך מאַכן: אָט איז אַ גרינער, וואָס איז גליקלעך, וואָס מען האָט אים אויסגעזוכט אַ לאַזשי ביי די גרעסטע אביונים צווישן די לאַנדסלייט. פּונקט פאַר אים ווי צוגעמאָסטן: וועט ער קאָנען פּראַווען סעודה מיט ברויט און ציבעלע און נאָך מכבד זיין די קינ־דערלעך.

און ליבין וואָלט זיך אפשר אָפּגעשטעלט אַן אַנעקדאָטיסט־פעליע־טאָניסט, אַ לוסטיקער אונטערהאַלטער אין אונטער־שטאָק פון אַ צייטונג — ער האָט אַזוי ליב אַן אַנעקדאָט און סתם אַ טשיקאַווע מעשה, וואָס מאַכן אַזוי באַטעמט אַ שמועס — ווען נישט די דיסציפּלין פון סאָציאַליזם, וואָס האָט אָנגעלאָדן מיט ערנסטן מענטש־אינטערעס: איז יעדע דערציילונג ליבינס — די פּראָלעטאַרישע, ווי די ניט ריין פּראָ־לעטאַרישע — אָנגעצילעוועט צום מענטש־פּינטעלע (אָדער צום אומ־מענטש־פּינטעלע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ העלד, וואָס מען דאַרף פּיינט האָבן) און אַפילו דער אַנעקדאָט איז אָפּגעטונקט אין וואַרימער מענטשלעכקייט.

און אַפילו די „מענטשלעכסטע" דערציילונג ליבינס, פּונקט ווי די בפירוש פּראָלעטאַרישע, איז אָנגעצילעוועט געוועזן צו תכלית. צו וועלכן תכלית? פשוט: צו דעם, וואָס קאָן גלייך אויפן אָרט צונוצקומען. צוערשט איז דאָס געווען, וואָס קאָן העלפן דעם גרינעם זיך „אויס־מענטשלען" אין אַמעריקע. דערנאָך — וואָס קאָן העלפן דעם „אויסגע־מענטשלטן" זיך ציוויליזירן. ליבינס דערציילונג גיט שנעלע הילף אין נוצלעכער מענטשלעכקייט.

הילף זיך אויסצוגרינען: לערנען ענגליש פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין ליבינס דערציילונגען פאַר די ערשטע צען־פופצן יאָר. אָט מוסרט ער אַ העלד, הלמאַי אַפּזייענדיק 20 יאָר אין לאַנד קאָן ער נאָך ריכטיק

ענגליש נישט ריידן. און אַט איז אַ טאַטע, וואָס איז נאָך פיר יאָר נייט־סקול אַ גאַנצער ענגליש־קענער, אַ טאַטע, וואָס האָט שיר נישט געחלשט פאַר פרייד, ווען דאָס טעכטערל האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגערעדט: „אָור דיר קאַנטרי!"

און קענטיק, אַז ליבינס דאַמאָלסדיקע לייענער זענען שטאַרק פאַרנומען געווען מיט דער פראַגע וועגן דערציאונג. וואָרום זיינע העלדן אויך אַזוי. און אויפקלערונג וועגן דער פסיכאָלאָגיע פון דער פרוי. און אויפקלערונג וועגן דער פסיכאָלאָגיע פון מאַן.

און אויפקלערונג וועגן ליבע: יאָ, ליבע איז מענטשלעך און כמעט אומפאַרשטענדלעך, זי באַפאַלט אַמאָל די פיינסטע פרוי און דעם שטילסטן מאַן קעגן זייער ווילן. מען זעט באַשיינפּערלעך אַרויס פון ליבינס דערציילונגען, ווי זיינע לייענער ווערן „מענטשן" און פאַרליבן זיך, און ברעכן זיך דעם קאָפּ: וואָס איז דאָס פאַר אַ געהיימניש די ליבע? —

היינט, איבערלייענענדיק ליבינס אַמאָליקע דערציילונגען, שפּירט מען ממש דעם רושם, וואָס זיי האָבן געמוזט מאַכן אויף די אַמאָליקע לייענער. נאָך יעדער אָפּגעדרוקטער דערציילונג האָבן די לייענער, קומענדיק צו גאַסט איינער צום אַנדערן, מסתמא זיך מפלפל געווען איבער די רעטענישן פון מאַן, פרוי און ליבע ביז אין העלן טאָג אַריין. און ווען פאַרגעלייענט אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, מיט טראַפּ און טעם, האָט ליבינס אַ דערציילונג אַוודאי געמוזט גאָר שטאַרק אויסנעמען.

עס איז נישט בלויז אין דעם, וואָס ליבינס דערציילונג האָט זיי געגעבן דיסקוסיע און פּלפּול־שטאָף. עס איז געווען אַ טייל — אפשר דער הויפּט־טייל — פון זייער „אַמעריקאַניזירונג" — פון זייער אַריינ־געפירט ווערן אין דער געמיינשאַפט פון קולטור־מענטשן.

און דער עיקר, ווייל געטאָן האָט זי עס אָפּשפּיגלענדיק דעם לייענער, מיט זיינע געדאַנקען און געפילן, האָט ליבינס דערציילונג דעם לייענער געגעבן צו פאַרזוכן פון אַ הנאה, וואָס איז אינגאַנצן אַ נייעס געווען פאַר אים — די הנאה פון זען זיך „באַשריבן". דאָס האָט אים באַרייכערט מיט אַ נייעם אינטערעס — צו ליטעראַטור. דערזען זיך אָפּגעשפּיגלט און אָפּגעשילדערט. איז ער גאָר אַנגעקוואָלן: זע נאָר, זע נאָר, עס איז דאָך פונקט ווי מיט מיר האָט פּאַסירט!

און דערמיט האָט ליבינס דערציילונג דערפילט די ערשטע און עלעמענטאַרסטע פונקציע פון ליטעראַטור — צו טראַנספאָרמירן דעם לייענער דורך מאַכן אים איבערלעבן זיך אַליין און איבערלעבן דעם

צווייטן; וואָס דאָס האָט פאַרגרינגערט אָן אַ שיעור זיין אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אַלטן לבוש און אָננעמען זיך מיט ביי־געשטאַלט.

דאָס איז געווען דער פּראַקטיש תכליתדיקער אופן, ווי ליבין האָט פאַרענטפערט, באַרעכטיקט און איינגעשטעלט די דערציילונג פאַר דעם ערשטן אימיגראַנטן־דור. און דאָס איז זיין פאַרדינסט.

איצט, צוריקקומענדיק צו יענעם פעריאָד, ווילן מיר פרעגן: אָנערקענענדיק דעם היסטאָרישן באַטייט פון ליבינס דערציילונג, וויפיל ליטעראַרישע וואָג פאַרמאָגט זי היינט?

ליבין שרייבט נאָך דערציילונגען היינט, און ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, איז די צייט גופא די קריטיקערין. אַנטקעגן דעם באַדאַרף פון היינטיקן טאָג דאַרף נאָך בולטער אַרויסקומען דער כאַראַקטער פון ליבינס דערציילונג, און אַזוי אַרום וועט זי אונדז העלפן נאָך שאַרפער כאַראַקטעריזירן דעם פּיאָנערישן פעריאָד פון דער היגער ליטעראַטור.

ליבין, האָבן מיר געזאָגט, האָט געפירט דעם טאָגבוך פון אימיגראַנט פאַר איבער פערציק יאָר — פון דעם אימיגראַנט פון צוויי דורות. אָבער עס איז שוין אַ יאָר צוואַנציק אין דעם, ווי דער אימיגראַנט איז אויס אימיגראַנט געוואָרן; דער אמיגראַנט פון עלטערן שטאַם האָט זיך איינגעוואָרצלט, זיך איינגעבירגערט מיט זיין באַוואוסטזיין דאָ אין לאַנד, איינוואָרצלענדיק און איינבירגערנדיק און אויסגרינענדיק די ניי־צוגעקומענע, וועלכע האָבן דאַרום שוין אַפילו נישט באַוויזן גרין צו זיין. און ווען ליבין שרייבט נאָך אַלץ ווי ער וואָלט געפירט דעם טאָגבוך פון דעם זיך אויסגרינענדיקן אימיגראַנט, בלייבט ער דער טאָגבוך־פירער, דער ביאָגראַף, דער היסטאָריאָגראַף פון איין דור, דעם ערשטן אימיגראַנטן דור. ניין, ווען מיר לייענען אים מיט היינטיקע אויגן, אַנטפּלעקט ער זיך ניט ווי אַ היסטאָריאָגראַף, נאָר ווי אַ פּראָטאָקאָליסט. ער פּראָטאָקאָלירט דאָס לעבן אין קורצע טאָג־בוך־נאָטיצן. און זיינע דערציילונגען זענען נישט אַזוי מענטשלעכע דאָקומענטשן, ווי מענטשלעכע פּראָטאָקאָלן. וואָס געהערט, געזען, דעם שמועס־שטאָף — דאָס איז, וואָס ער פאַרצייכנט. און ווען ליבין גיט נאָך אַלץ לעקציעס אין מענטש־ און לעבנס־קענטניש, זענען דאָס קורצע דערציילערישע לעקציעס פון איין טאָג דויער. נישט וואָס די פּאַסירונגען אין זיינע דערציילונגען געדויערן בלויז איין טאָג. זיי מעגן זיך אַפילו ציען אַ יאָר. און אַ טאָג־פּאַסירונג קאָן אַריינגעמען און אַריינפּרעסן אין זיך די חכמה פון אַ גאַנץ לעבן און אַרומנעמען און איינ־

שליסן אין זיך דעם צושטאַנד פון אַ גאַנצער וועלט. נאָר ליבינס דערציילונגען זענען פאַרן טאָג־געברויך. עס איז אַ שמועס, און אַ שמועס פאַרן טאָג־געברויך באַדאַרף נישט האָבן קיין צופיל לעבנס־דערפאַרונג און צופיל מענטש־פאַרטיפונג. דער לייענער־צוהערער פון ליבינס דערציילונג האָט עס נישט באַדאַרפט. ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און האָט געדאַרפט דעם טאָג איבערקומען, ער האָט געלעבט פון האַנט אין מויל אַריין, און פון מויל אין קאָפּ אַריין. אָדער, לויט אַ פריערדיקן אויסדרוק, ער האָט געלעבט אויף דער אויבער־פלעך פון זיין געמיט. ער האָט געהאַט גענוג אַרבעט אויף דער אויבערפלעך: איינזאַפּן אַזויפיל בייע איינדרוקן און אַזויפיל רויער מאַטעריאַל איז אים געלעגן אויף דער אויבערפלעך, וואָס האָט געדאַרפט באַאַרבעט ווערן און אַדאַפּטירט ווערן צו דער נייער סביבה, האָט ער נישט קיין צייט און קיין געלעגנהייט נישט געהאַט אַראָפּצולאָזן זיך צו דער אייגענער טיף און במילא האָט אויך זיין ליטעראַטור־שפּייזער, דער דערציילער ליבין, נישט געדאַרפט אַנקומען צו דער טיף פון זיין געמיט.

דאָ באַט זיך אָן אַ פאַרגלייך, וואָס לאָזט אַריינקוקן אין ליבינען און זיין לייענער. ווען מען פירט אַ פּאַראַלעל צווישן ליבינען און רייזענען, וועלכע האָבן זייער ענלעכקייט אין דעם, וואָס ביידע גייען אַרויס פון שמועס — רייזען פון שמועס צווישן „ליטוואַק און ליטוואַק" — באַקומען מיר אַרויס די נפקא מינה, וואָס כאַראַקטעריזירט זיי ביידן. (דאָ ווערן זיי נישט פאַרגליכן אין טאַלאַנט, נאָר זייערע באַ־שטעלער ווערן פאַרגליכן.) רייזענס דערציילונג אַדרעסירט זיך צו אַ לייענער העלד, וואָס איז איינגעזעסן אין צייט און אָרט — אין הונדער־טער יאָרן ליטע. מיט איין שאַרפער שפּירונג, דורך אַ בליץ פון אַ רגע, וואָס מאַכט אַ שניט אין דער נשמה, דערגרונטעוועט מען זיך צו די טיפעניש‍ן — צו כאַראַקטער־שטריכן, וואָס שטאַמען פון די דורות. ביי ליבינען איז גענוג אַ לייכטער ריר, האָט ער שוין אָנגעקלאַפּט דעם דעק, וואָס איז פון אויבן באַצויגן מיט אַ צייטווייליק־דערווייליקן לעבנסוועב. אַזוי אויך דער אונטערשייד צווישן רייזענס און ליבינס הומאָר. ביי רייזענען איז עס דער מיטלייד־שמייכל, וואָס דאָס לעבן שמייכלט איבער זיך: שטויבעלע היינגט זיך אויף אָן אילוזיע, דער מענטשלעכער גורל אַפּגעוואויגן אויף אַ שטרויעלע, אַ שפּליטער פאַר־מעסט זיך מיט אַ באַרג און וויל אים דורכשטעכן. ביי ליבינען איז עס דער געלעכטער, מיט וועלכן די פאַקטן לאַכן זיך אַליין אויס; אַ פאַקט

ווערט געשטרויכלט און ברעכט דעם קאָפּ; שטייט אַן אַנדער פאַקט דערביי און האַלט זיך ביי די זייטן. — דער אונטערשייד איז דאָ, וואָס רייזען גרייכט ביז צו דער אונטערשיכט פון לייענערס געמיט, וואָס דאָס מיינט שוין ביז צו דער געדיכטעניש פון דער אָפּגעלייגטער ירושה, וואָס דאָס איז די יידישקייט פון דעם יידן. און ליבין אין זיין דערציילונג האָט זיך באַנוגנט מיט אָפּשעפּן דעם טאַגשוים פון דער אויבערפלעך, מיט אָפּהויבן דעם לעבנס־שטויב פון דער אויבערשטער שיכט פון געמיט. און במילא האָט ער נישט באַוויזן צוצוקומען צו דער „טיף", צו דער יידישקייט פון זיין העלד, פונקט ווי זיין העלד, זיין לייענער באַשטעלער, האָט עס נישט באַוויזן. (ראַזענפעלד אין זיין ליד האָט צוזאַמען מיטן טאָג־שוים אויך אָפּגעשעפּט אַ דינע פלעווקע יידישקייט, וואָס דאָס האָט אים שוין גוט געטאָן).

און לויט דעם קנאַפּן באַדאַרף פון דעם באַשטעלער האָט זיך אויך אויסגעלייגט די טעכניק פון ליבינס דערציילונג. רייזען אויפן איינפאַכן שמועס־עלעמענט שטעלט אויף אַ גאַנצן דערציילונגס־בנין — אַ בנין, וואָס דאַרף אויפהאַלטן אַ געהויבענעם שמועס צווישן אַ ליטוואַק, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט לעבנס־חכמה, און אַ ליטוואַק, וואָס איז חכמה־זשעדנע. ווי איינפאַך זי איז, אַזוי דין איז זיין טעכניק. זי זאָגט אויס סעקרעטן וועגן מענטש־כאַראַקטער, וואָס לאָזן זיך מיטן פּשוטן אויג נישט כאַפּן.

די באַזע פון ליבינס שמועס איז דער פאַקט אויבן אויף — דער „אַנעקדאָט" — אַ קאָמבינירונג פון פאַקטן, וואָס פאַרשפּיצן זיך מיט אַ לאַך־פּונק. שטוקעוועט ער פאַקט צו פאַקט און שמועסט זיי צונויף מיט דיאַלאָג. באַקומט זיך, וואָס ליבין רופט אַ סוזשעט, און וואָס גע־וויינלעך רופט מען דאָס סקיצע — אַ קיצור פון אַ דערציילונג. און ווען אָט־די פאַרקירצטע דערציילונג ווערט נאָך אויסגעפּילט וויפּיל נישט איז מיט כאַראַקטער־באַשרייבונג — באַקומט זיך אַרויס אַ לי־בינשע דערציילונג. כאַראַקטער נאָר אויף אַזויפיל, וויפיל עס פאָדערט זיך צונויפהאַלטן אַ סוזשעט פאַר דעם טאָג־דויער — דעם טעם פון די צוזאַמענגעבראַכטע פאַקטן זאָל זיך נישט אויסוועפּן פאַר דעם גומען פון לייענער, איידער דער טאָג פאַרגייט — דער טעם, אַן וועלכן ס'קאָן קיין לאַך נישט זיין.

דאָס זענען ליבינס דריי טעכנישע טרעפלעך: אַנעקדאָט, סוזשעט, דערציילונג. אַ פערפעקטע, פול אַנטוויקלטע ליבינשע דערציילונג

האָט זיי אַלע דריי אין איינעם — אַ צונויפשטעלונג פון פאַקטן, צונויפ־געשמועסטע מיט דיאַלאָג, און אויסגעפּילטע מיט כאַראַקטער אויף אַזויפיל, עס זאָל אין סך־הכל געבן אַ פולן לאַך — אַמאָל באַגלייט מיט אַ טרער און אַמאָל מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

אָט אַזוי האָט ליבינס דערציילונג, מיט איר אינהאַלט און טעכניק, פּינקטלעך זיך אַרויסגענומען פון באַשטעלער (נישט פּינקטלעך, נאָר כמעט פּינקטלעך, ווייל מיט דער „פּלעווקע יידישקייט״ האָט ליבין, אונטער סאָציאַליסטישער דיסציפּלין, געדאַרפט פאַרזיכטיק זיין — און איצט קאָן געוויזן ווערן, ווי די צייט האָט גענומען קריטיקירן ליבינען. זי האָט אים קריטיקירט טאַקע אויף דעם אונטערשייד צווישן זיין באַשטעלער און רייזענס, אויף זייער אונטערשייד אין טיף, אויף דעם ייד־אונטערשייד. טיף מיינט ייד.

אָן ספק באַגאַבט מיט אַ דערציילעריש־הומאָריסטישן טאַלאַנט — מיט אַן איינגעבאָרענער נייגונג אָפּצוגעבן דער וועלט זיינע איינדרוקן פון איר דערציילעריש און אָנצוקוקן די וועלט מיט אַ לאַכעדיקן אויג, איז אים פאַרשפּאַרט געוועז אַרויסצורופן אין זיך די פולע מאָס פון זיין טאַלאַנט, וואָס פאַר דעם איז גאָר אין פאַרויס קיין באַשטימטער גרע־נעץ נישטאָ, ווייל די באַשטעלונג פון לייענער־עולם (וואָס דאָס שליסט שוין איין די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, די איבערגעבערין פון דער באַשטעלונג) האָט עס נישט געפאָדערט. און געוויינלעך איז די אָפּ־ענטפערונג לויט דער אַרויספאָדערונג. און איניציאַטיווע פאַר אַן איי־גענער אָנשטרענגונג, מוז מען צוגעבן, האָט אים אויסגעפעלט.

אַרייבלעבנדיק זיך צוריק אין דער צייט, קאָנען מיר נאָך היינט ליבינס אַ דערציילונג דורכלייענען מיט אַ טרער און מיט אַ לאַך. פון דעם אַמאָליקן „ווייך־אַביסעלע־לאַך־אַ־סך״ און לעקציע־שטאַנדפּונקט זע־נען ליבינס דערציילונגען אויסגעפּילט, פאַררונדעט. אָבער עס איז אויס מיט דעם אַמאָל. דער לייענער האָט אַריבערגעשפּרייזט פון איין דור אין צווייטן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ליבין קאָן אים נישט באַכהאַלטן.

דאָס מיינט נישט, אַז ווען די יאָרן זענען אונטערגעפאָרן, איז ליבינס דערציילונגס־קראַפט אונטערגעשניטן געוואָרן. ליבין שרייבט איצט בעסער ווי אַמאָל. נישט נאָר איז זיין שפּראַך אויסגערייניקט געוואָרן פון סלאַוויזמען, אַנגליציזמען און דייטשמעריזמען, וואָס האָבן געהערט צו דעם סטיללאָזן סטיל פון די אַמאָליקע ליטעראַטן; נישט

נאָר איז זיין שפּראַך איצט אַ סך גלאַטער, פולער, ליטעראַרישער ווי אַמאָל — נאָר, וואָס נאָך וויכטיקער, ליבין בויט און פורעמט זיין דערציילונג מיט אַ סך מער בריהשקייט ווי אַמאָל. ווען ער וואָלט דעמאָלט אַזוי געשריבן ווי איצט, וואָלט ער „מרעיש עולם" געווען.

און דאָס מיינט אויך נישט, אַז ליבין איז אָפּגעשטאַנען פון זיין לייענער. אַוודאי ווייס ער, אַז זיין לייענער איז אויסגעוואַקסן; אַז ער האָט אויסגעלערנט אַלע זיינע אַמאָליקע ליבינשע לעקציעס, איבער וועלכע ער פלעגט זיך אַנלאַכן און זיך אויסוויינען — וועגן באָס, אַרבעטער, מאַן, ווייב, ליבע און „מענטשלעכקייט", אָבער ליבין איז גאַנץ גוט באַהאַוונט אין אַלע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר דער צייט אין דער סביבה, אין די מענטשן און אין דער וועלט בכלל. ער האָט נאָך אַלץ אַ גוטן געהער פאַר די טאָגשמועסן, וואָס כאַפּן איצט אַריין מיט די לעצטע געשעענישן פון ניו־יאָרק אויך די דראַטלאָזע דעפּעשן פון מאָסקווע, תל־אביב און וואַרשע. קאָן נאָך ליבין צו יעדער צייט אונטערטראָגן דעם לייענער אַן אינטערעסאַנטע טאָג־לעקציע. פון די היינטיקסטע טאָג־שמועסן קאָן ער זיך צונויפשלאָגן אַ סוזשעט. האָט ער אין זיין לעצטן באַנד אַ קענדי־סטאָרקיפּער, וועלכער איז אַזאַ פּאַרקאַכטער באָלשעוויק, אַז ער שעמט זיך די אויגן צו ווייזן פאַר זיינע קונדן, ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט איינגעפירט „נעפּ", און ער וואָלט זיכער זיך אויפגעהאַנגען, ווען זיין ווייב קומט נישט אָן באַצייטנס און נעמט אים נישט אַראָפּ פון דער פּעטליע. און ווען ליבין פרישט אָפּ זיינע אַלטע טעמעס וועגן מאַן, פרוי, ליבע ביז צו דער טעמע פון דער גאָר גרינער צייט — וועגן בירגערשאַפט, באַרייכערט ער זיי מיט דער סאַמע לעצטער דערפאַרונג. און אויף ליבינס היינטיקע דערציילונגען איז גאַנץ קענטיק, אַז ער ווייס, אַז זיינע לייענער זענען אַנדערע, וואָרום זיינע העלדן אויך אַזוי: נישט נאָר עלטער, נאָר אויך קליגער, דער־פאַרענער, וויסנדיקער . . .

אַזוי אַז מיט דעם פּראָבלעם פון אָנהאַלטן דעם אינטערעס פון זיין לייענער האָט ליבין זיך לייכט „געספּראַוועט". זיין סוזשעט איז אַלע מאָל „אָפּ־טו־דעיט" — בטבע אַזוי. און וואָס דאַרף אַ צייטונגס־לייענער מער, כדי זיך צו פאַראינטערעסירן? ביי די, וואָס לייענען מער ווי אַ צייטונג, פרעגט מען נישט — דאָס הייסט, דער צייטונגס־רעדאַקטאָר פרעגט נישט. — וואָס־זשע דען מיינט, אַז לי־בינס לייענער האָט אַריבערגעשפּרייזט פון איין דור אין דעם צווייטן,

און ליבין קאָן אים נישט נאָכהאַלטן? — דאָס מיינט, אַז אַ נייער לייענער איז אויפגעשטאַנען, וואָס לייענט מער ווי אַ צייטונג, און אָט־דער נייער לייענער האָט געמעלדעט אַ פּרעטענזיע צו זיין טאַנגעבער פון ליטעראַטור, און ער האָט זיין פּרעטענזיע אויך דורכגעזעצט — אַזוי אַז ער האָט אַפילו אַנגעשטעקט מיט איר דעם צייטונגס־לייענער, וועלכער נאָכדעם ווי ער איז פאַראינטערעסירט און אַפילו פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ טאָג־מעשה, פרעגט אין אַ טאָג אַרום: וואָס האָט די מעשה אים גע־לאָזט הערן? — ער איז געבליבן הונגעריק. אים האָט זיך געוואָלט עפּעס מער. דער כלל־לייענער פאַרלאַנגט איצט אַן אַנדער ליטעראַטור — ער פאָדערט אַן אינעוועניקערן צוגאַנג פון שריפטשטעלער צום העלד, אַ טיפערע אויסלויכטונג פון כאַראַקטער, אַ ברייטערן לעבנס־אַרומנעם. דער לייענער פון צווייטן אימיגראַנטן־דור, אַנגעזעטיקט מיט דערפאַרונג, האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער קאָן נישט יוצא זיין מיט חיי־שעה; ער האָט דערפילט, אַז כדי איינצופעסטיקן זיך אין דעם באָדן, דאַרף פון אים אונטערנומען ווערן אַן אַקציע, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט אויף יאָרן און דאַרף אין פאָרויס געפּלאַנעוועט ווערן. און די ליטע־ראַטור, אַפּענטפערנדיק אויף אָט־דעם באַדאַרף, דאַרף אויך אַרומנעמען דורך זיך יאָרן — וואַרפן בריקן פון נעכטן דורך היינט צום מאָרגן. און ליבינס מעטאָד פון נאָכפאָלגן דעם לייענער פון טאָג צו טאָג האָט דאָ אויפגעהערט טויגן. ליבין מיט זיין דערציילונג איז מיטגעגאַנגען מיט זיין לייענער, נישט פאַראויסגעגאַנגען. און אפשר איז ער אים גאָר נאָכגעגאַנגען, פאַראויסאיילנדיק אים מיט אַ האַלבן טריט, כדי אים אונטערצוטראָגן זיין טעגלעכע לעקציע. אָט אין דעם זין איז ליבין אַריבערגעשטיגן געוואָרן פון זיין לייענער; אָט אין דעם זין איז די צייט אים אַריבערגעוואַקסן.

אדרבא, לאָמיר זען: פערציק יאָר שרייבט ליבין די געשיכטע פון פערציק יאָר. אָבער איז עס געשיכטע? טאָג־ביכער, אויפן סמך פון וועלכע עס קאָן געשריבן ווערן געשיכטע. אָבער ביי אים אַליין — פאַרוואָס נישט אַ ווערק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַ לענגערן צייט־פּאַס, שוין נישט רעדנדיק פון דער גאַנצער עפּאָכע — פאַרוואָס נישט אַ ווערק, צום ביישפּיל, וואָס זאָל אַנהאַלטן גילטיקייט, לאָמיר זאָגן, פון די ערשטע 20 יאָר ביז אין די צווייטע? קיין פאַראויסזעאונג פון דער צוקונפט. קיין אויפגראַבונג פון לעבנס־פּלאַסטן. קיין אויספאָרשונג פון מענטש און כאַראַקטער. קיין גרונט־טיפּן.

לאָמיר דערוויַיל עס אָנרופן „פאַרנעם": ליבינען האָט געמאַנגלט אין פאַרנעם. און דאָ באַשטעטיקט זיך, אַז דאָס פּראָבלעם פון פאַרנעם איז ענג פאַרבונדן מיט דעם ייד־פּראָבלעם. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם באַשטעלער פון ליטעראַטור, דעם לייענער: זיין פאַרטראַכטן זיך וועגן אַקציעס אויף דער דויער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין איינזען, אַז עס איז דאָ אַ ייד־פּראָבלעם אויף דער וועלט, וואָס פאָדערט לייזונג; און אַז אַפילו דער יידישער אַרבעטער, וואָס האָט אָנגעהייבן פון פאַר־חלומען אַ „לאַנג־דויערנדיקע אַקציע" — די סאָציאַלע רעוואָלוציע — איז אויך פון דעם ייד־פּראָבלעם נישט פּטור; ער וועט דאָס פּראָבלעם מוזן אויפנעמען און לייזן נאָך פאַר אָדער מיט דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע (ביז דאָס איינזעעניש איז דער סאָציאַליזם פון יידישן אַרבעטער געווען בלויז אַ צודעק פאַר זיין „מענטש־ווערן").

דערמיט האָט דער היגער באַשטעלער דעריאָגט און אַריבער־געיאָגט רייזענס אַמאָליקן באַשטעלער, דעם קליינשטעטלדיקן ליטוואַק — יענער פון זיין „טיף־יידישקייט" האָט בלויז געקרעכצט אויף כלל ישראל. און מיט נאָך אַ וויכטיקן חילוק: יענער האָט פון זיין ענגן חדרל געדאַרפט אַרויסקוקן צו דער וועלט; דער האָט פון דער גרויסער וועלט געדאַרפט אַראָפּקוקן צו דעם יידן.

פאַר דער ליטעראַטור האָט עס באַטייט, אַז פאַר פאַרנעם דאַרף זי זיך אַראָפּלאָזן צו דער טיף. כדי אַריינצופּאַסן דאָס לעבן אין אַ ברייטערער ראַם, כדי אַרומצוכאַפּן אַ ברייטערן לעבנס־קרייז, דאַרף די ליטעראַטור נעמען באַשרייבן אַזעלכע קרייזן אין דער לופטן, אויף דער אויבערפלעך פון לעבן, וואָס זאָלן זיך אַריינשניידן אונטער דער אויבערפלעך, אָנרירנדיק די וואָרצלען פון כאַראַקטער, די וואָרצלען פון דורות.

אויפן ליד איז דאָס לייכטער איינצוזען. די דערציילונג קאָן זיך נאַרן: שוואונג, פאַרנעם וועט זיך איר געבן מיט דער ברייטקייט. אָבער ניין: אויך די ברייטקייט קומט פון דער טיף. פאַר דער דער־ציילונג האָט עס געמיינט, אַז כדי זי זאָל ווערן וואָגיקער, דויערוועדר־טיקער, דאַרף זי זיך גראָבן צו דער אונטערשיכט פון העלדס געמיט — דאָרט, וואו דער „מענטש" גייט איבער אין „ייד". און דאָ איז ליבין, מיט זיין טאָגבוך־דערציילונג, שווער געטראָפן געוואָרן פון דער „קריטיק פון דער צייט".

דאָס שווערסטע פּראָבלעם ליבינס איז געווען דער ייד. אין

ערשטן פעריאָד, האַלטנדיק זיך אין די גרעניצן פון סאָציאַליסטישער דיסציפּלין, האָט ער זיך געדאַרפט צאַמען. דאָך זיין דערציילערישער דראַנג פון פאַרמענטשלעכונג האָט צייטנווייז פּאַרט אַריבערגעשפּאַנט די דיסציפּלין, און די פאַרמענטשלעכונג האָט במילא שוין וויפיל נישט איז אַריינגעצויגן די יידישקייט פון זיינע העלדן. נאָר ווייטער פון צופעליקע „פאַרטשעפּענישן" מיטן יידן איז ליבין נישט געגאַנגען. אָבער אָט איז דער לייענער אויסגעוואַקסן. די סאָציאַליסטישע דיסציפּלין איז אויך אָפּגעשלאָפט געוואָרן. דער שריפטשטעלער האָט געקאָנט אָן מורא, וויפיל זיין האַרץ גלוסט, אַרומכאַפּן זיך מיט דעם יידן, גיין הקפות אַרום אים, אונטערגראָבן זיך אונטער אים. און דער מענטש ליבין און נאָך אים דער שריפטשטעלער ליבין האָבן אויסגענוצט די „נייע פרייהייט". דער שריפטשטעלער האָט געמוזט אויסנוצן. אַניט וואָלט ער הינטערשטעליק געבליבן, און ער וואָלט געוואָרן „אומאינטע־רעסאַנט" פאַר דעם לייענער. און דער מענטש ליבין — איצט פאַר־דריסט אים גאַנץ שטאַרק, וואָס מען איז אַמאָל געווען אַזוי אַסימילאַ־טאַריש געשטימט און מען האָט קיין געוויכט נישט געלייגט אויף דער יידישער שפּראַך. דער פאַרדרוס און די חרטה און די ספקות שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע דערציילונגען. איצט כאַפּט זיך ביי אים דער טאַטע פאַרן קאָפּ:

סטייטש, וואָס האָט ער דאָ אָפּגעטאָן! — ווען ער קומט צום שול־הויף אָנקוקן, ווי זיין טאָכטער, די לערערקע, פירט אַ שפּיל מיט די קינדער. און זי, פאַר וועלכער ער וואָלט דאָס לעבן געלייגט, קערט זיך אָפּ פון אים, פאַר שרעק, טאָמער וועט ער זיך אַרויסכאַפּן צו איר מיט אַ יידיש וואָרט!

אָבער דער הכשר אויפן יידן, וואָס דער מענטש ליבין האָט געגעבן דעם שריפטשטעלער, איז אַ קנאַפּע סגולה געווען. דער ייד־שטאָף בלייבט אויפן שמועס־איבערפלעך פון דער דערציילונג, ווערט נישט איר גרונט־טייל. די דערציילונג שטעלט נישט און לייזט נישט קיין פּראָבלעם. פאַרענטפערט נישט און ווייזט קיין אויסוועג נישט.

דער חרם אויפן יידן האַלט אָן. נישט געקוקט אויף דער דער־לויבניש פון זיין באַוואוסטזיין, זיצט דער חרם אין זיין שריפטשטע־לערישן נפש. און אָט־דער חרם האָט געשטערט, געקלעמט זיין דער־ציילערישן פאַרנעם און אויסגעלייגט זיין מעטאָד אויף דער פלאַך פון טאָגבוך טאָקע דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי בריהדיק דערציילעריש. און

ווען עס פלעגט געשען, אַז ער איז יאָ אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו אַ גרעסערן פּאַרנעם — צ. ב. ש. פון יידישן טעאַטער — פלעגט ער געשטרויכלט ווערן. זיין דראַמע האָט זיכער געהאַט אַ גרויסע מעלה קעגן דעם שונד־באַלאַגערער פון טעאַטער — זי איז געווען מענטש־און לעבן־געטריי. אָבער פאַר „פּאַרנעם" — האָט ער בלויז איבער־געחזרט, פאַרפּילפּאַכט די מיטלען און די עפעקטן — דעם געוויין און דעם לאַך — פון זיין קורצער טאָגבוך־דערציילונג — כפלענדיק טרער אויף טרער, אָנקיצלענדיק לאַך אויף לאַך — און עס איז אַרויסגע־קומען סענטימענטאַל־מעלאָדראַמאַטיש און איבערטריבן קאָמעדיש. און ווען דער נייער לייענער האָט גענומען פאָדערן אַ גרעסערן דערציי־לונגס־פּאַרנעם, האָט ער פּונקט אַזוי געטאָן: פאַרגרעסערט, געכפלט, איבערגעחזרט; ער האָט פאַרמערט די צאָל פאַקטן אין דער דערציי־לונג. און די צווישנס אויסגעפּילט מיט מער דיאַלאָג, מיט מער כאַ־ראַקטער — ד. ה. מיט מער כאַראַקטער־באַשרייבונג — און מיט מער „געזעלשאַפטלעכקייט" — ד. ה. מיט מער רייד וועגן געזעלשאַפטלעכע אידייען. אָבער קיין טיפערער אַריינדרינגג אין תוך פון כאַראַקטער, אין אונטערגרונט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; קיין אַרומנעם פון אַ ברייטערן לעבנס־פּאַס, פון אַ לענגערן צייט־אָפּשניט. מאַכנדיק אַ סך־הכל — ליבין האָט זיין ליטעראַרישן אינסטרומענט אויסגעאַרבעט אויף דעם עולם און דער אינטעליגענץ פון ערשטן אימיגראַנטן־דור, וואָס דער ייד האָט געדרעמלט אין זיין אונטער־באַוואוסטזיין. איז עס געווען אַן אינסטרומענט — די טאָגבוך־דערציילונג — וואָס האָט זיך געהיט צו בויערן ביז צו דער אונטערשיכט פון געמיט — דעם אונטערבאַ־וואוסטזיין. אָבער אַט איז שוין אַ שטיק צייט אין דעם, ווי עס איז אויפגעקומען אַ דור, וואָס דער ייד אין אים האָט זיך אויפגעוועקט און האָט זיך אַרויסגעהייבן פון אונטערבאַוואוסטזיין צו באַוואוסטזיין. און ליבין פירט נאָך אַלץ דעם טאָגבוך פון אימיגראַנט — מיט דער טעכ־ניק פון אַ טאָגבוך־דערציילונג. ער איז מיט זיין טעכניק, מיט זיין דערציילונגס־פאָרם, געבליבן שטעקן אין זיין דור. זיין ליטעראַרישער אינסטרומענט האָט זיך אויסגעדינט. אַט אין דעם זין זענען די יאָרן ליבינען אַריבערגעוואָקסן.

פאַרן אויג האָט ליבין געדעקט אַ ברייט פעלד פאַר די 40 יאָר. אָבער ער האָט דאָס פעלד נישט דורכגעאַקערט, נאָר דורכגעבראָנעוועט. האָט געקאָנט וואַקסן גראָז, לייכטע פלאַנצונג, אָבער קיין בוים, וואָס

זאָל מיט זיינע צווייגן וואָרפן שאָטנס ביז אין אונדזער צייט. — איז
אונטערגעקומען אַ צייט, וואָס האָט דווקא געפאָדערט, אַז אין דער לי־
טעראַטור זאָלן וואַקסן ביימער. דאָס נעמט אָבער ביי אים נישט אַוועק
זיין היסטאָרישן פאַרדינסט, וואָס ער טיילט בשותפות מיט ראָזענפעלדן,
וואָס ביידע צוזאַמען האָבן איינגעשטעלט די יידישע ליטעראַטור אין
אַמעריקע — ראָזענפעלד מיט גרעסערן דערפאָלג, ווייל מיט עפּעס
„ייד"־הילף, דאָס ליד; און ליבין, גאָר אָן „ייד"־הילף, די דער־
ציילונג.

***

פאַר דער ווייטערדיקער כאַראַקטעריסטיק פון דער פּיאָנערישער
דערציילונג — פון אירע מעלות און חסרונות — וועלן מיר זיך ווענדן
צו דעם צווייטן פּיאָנער־דערציילער — לעאָן קאָברין. ליבינס דער־
ציילונג איז דורכזיכטיק, האָבן קלאָר זיך אַרויסגעזען אירע גרונט־
שטריכן, עס האָט זיך לייכט געלאָזט פעסטשטעלן איר אורשפּרונג פון
תכלית־דינסט. אַ חוץ וואָס זי איז געווען די ערשטע, איז זי אויך
באַקוועמער געווען פאַרן ערשטן גענויערן אַנאַליז. קאָברינס דערציי־
לונג, וואָס איז געקומען מיט צוויי יאָר שפּעטער — אין 1894 — איז
פאַרוויקלטער; זי איז נישט געשמועסט, נאָר געבויט. אָבער פאַרווי־
קעלטער, לאָזט דערקענען דיזעלביקע גרונט־שטריכן. דווקא איר אַנ־
דערשקייט באַשטעטיקט, אַז אויך זי האָט געהאַט פאַר איר ציל דעם
אימיגראַנט אויסצוגרינען, אויסצומענטשלען.

האָבנדיק אין זינען צו דינען דעמזעלביקן עולם, ווי ליבין, האָט
קאָברין אָבער זיך אַדרעסירט נישט דירעקט צום עולם, נאָר צום עולם
דורך דעם אינטעליגענט, וואָס האָט באַדינט דעם עולם מיט סאָציאַליזם.
און דאָס מאַכט די נפקא מינה. אומבאַוואוסטזיניק (אָדער אפשר באַ־
וואוסטזיניק) האָט ער געזוכט אויסצונעמען ביים אינטעליגענט מיט
ליטעראַרישקייט. פון אָנהייב אָן מיט דעם וויסן און פילן, אַז ער שאַפט
ליטעראַטור. זיין ערשטע אָריגינעלע סקיצע, אָפּגעדרוקט אין „פילאַ־
דעלפיער שטאָט־צייטונג" אין אַפּריל 1894, האָט געהייסן „אַ מערדער
אויס ליבע" — אַ פּאָעמע אין פּראָזע, אַ געבאָרגטע פאָרם. אַוודאי ביי
טורגענעוון גענומען. דער סוזשעט: ער האָט געפונען אין פעלד אַ
בלום, איז זי אים זייער געפעלן. האָט ער זי אָפּגעריסן און זי איז
פאַרוועלקט געוואָרן. זינגט ער דערויף ליטעראַטור־עברי. אָן אַרבעטער
האָט ער אַזאַ מעשה נישט געקאָנט דערציילן. ער האָט שפּעטער נאָך

עטלעכע אַזעלכע פּאָעמען אין פּראָזע געשריבן, און נאָך מער האָט ער אַזעלכע האַרטלעכע קאָפּ־לירישע שטעלן אַריינגעוואָרפן אין זיינע דערציילונגען — פון דעם אינטעליגענט אַרויס.

אין זעלביקן חודש אַפּריל האָט ער אָפּגעדרוקט אַ מעשה־פּעליע־טאָן „אַלץ איז ביי זיי אַ שפּיל" — באַבע באַשע גלויבט באמונה שלמה, אַז אין פּאַנאָגראַף זיצט פאַרשפּאַרט אַ פאַרכישופטער מענטש. אַן אינטעליגענט, וואָס חכמהט זיך מיט געמאַכטער פאָלקסטימלעכקייט. דערמיט האָט ער געמאַכט דעם אָנהייב צו אַ לאַנגער סעריע פון אַזעלכע אימיטאַציעס אויף פאָלקסטימלעכקייט — מסתמא באַשטימט אויף פאַרגעלייענט צו ווערן אויף ליטעראַרישע אָוונטן. אַלץ איז דאָ: אי חוש פאַר כאַראַקטער, אי אויג פאַר פּנימער, אי געהער פאַר לשון, נאָר דער געלעכטער איז נישט קיין פרייער, אַ צוגעטראַכטער, אַ בכיוונדיקער. שפּעטער וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז קאָברין פאַרמאָגט יאָ אייגענעם הומאָר, וואו עס לאַכט זיך אים נישט געצוואונגענערהייט — דאָרט וואו ער וועט לאָזן זיין האַנט גיין אַ פרייען גאַנג, אַ האַנט, וואָס קאָן כאַפּן אַ באַוועגונג.

שוין אין מאַי 1894 האָט ער אַזאַ דערציילונג — „אויפן דאַך" — וואו זיין האַנט שטרעקט זיך שוין צו איר נאַטירלעכער פונקציע. אין אַ הייסער זומער־נאַכט, אויפן דאַך פון אַ טענעמענט הויז אויף נאָרפאָלק סטריט, קאָן מאַקס, אַ קעפּמייקער ביים פאַך, נישט איינ־שלאָפן. ער וואַרפט זיך אַ גאַנצע נאַכט אין הוילער מורא, אַז זיין יונג ווייבל וועט אין שלאָף זיך אָפּדעקן, און דערווילע וועט אַ בחור, וואָס שלאָפט דערביי — ער „מאַכט זיך שלאָפנדיק" — האָבן אַ געלעגנהייט צו צוקוקן זיך צו איר נאַקעטן לייב. פאַרטאָג, ווען ער האָט איינגעדרעמלט, כאַפּט ער דעם בחור ביים פאַרברעכן. און עס ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל.

דער אַריינפיר איז אָנפאַנגעריש געשריבן אין סטיל פון אַ קאָ־רעספּאָנדענץ קיין רוסלאַנד, וועגן דעם ניו־יאָרקער יידישן קוואַרטאַל, מיט אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס; די ווערטלעך, די זידלערייען זענען פּינקטלעך אָפּגעשריבן. זיין האַנט גנבעט זיך פּאַוואָליע, נישט זיכער צו די אייפּערזוכט־סצענען; אָבער קומט זי צו זיי, לעבט זי אָפּ און זי ווערט פריי.

די דערציילונג איז שוין אַן אָנווייז דערויף, אַז קאָברין איז אַ קאָפּ־מענטש, וועלכער קאָפּירט דעם נאַטוראַליזם; אַ קאָפּ־מענטש,

וועלכער האָט אָבער אויגן אין קאָפּ אויף איינצוזען שאַרפע כאַראַקטע־ריזירנדיקע זשעסטן, און ענערגיע אין האַנט אויף צו באַשרייבן אוי־סערלעכע באַוועגונג, וואָס דעקט צו און אַנטפּלעקט ליידנשאַפט.

קאָברין האָט מיטגעבראַכט פון דער היים ליטעראַטור־באַוואוסט־זיין, וואָס דאָס איז געווען זיין צוגאָב צו דער היגער פּיאָנערישער דערציילונג. די לאַנדסלייט פון וויטעבסק געדענקען אים נאָך פאַר אַן איבערגעוואָקסענעם בחור, וואָס זיצט אין זיין טאַטנס געשעפט, תמיד פאַרטאָן אין ביכער און — טשעפּע אים נישט! אַ „פּרא אדם" האָבן זיי זיך געטראַכט. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז אין דער משפּחה, צווישן די געבילדעטע קוזינעס, האָט ער געהאַט אַ צונאָמען „אונדזער פּאָעט". אַנגעלייענט זיך מיט טשעכאָוו און קאָראָלענקאָ, האָט ער אַליין געפּרואווט זיין האַנט אויף רוסישע דערציילונגען (דאָס דערוויסן מיר זיך פון זיין אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג פון 1897 — „איך בין דאַן אַלט געווען 17 יאָר" — וועגן דעם, ווי אַזוי אַפּשעמענדיק זיך, נאָך אַ לאַנגער קווינקלעניש, האָט ער זיין נאַר־וואָס פאַרהייראַטע קוזינע, אין וועלכער ער איז געווען יינגליש פאַרליבט, אַ קוש געטאָן אַזוי, אַז יענע איז אַזש רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן) —וועגן יידיש האָט ער עפּעס געהערט, אַז אויף אַט־דעם ווילדן לשון־„זשאַר־גאָן" שרייבט מען ראָמאַנען פאַר דינסטמוידן.

אַ חוץ רוסישן ליטעראַטור־באַוואוסטזיין, האָט קאָברין אויך מיט־געבראַכט פון דער היים אַ דערציילונגס־מוסטער — דעם נאַטוראַליס־טישן געבוי — וואָס דערמיט אונטערשיידט ער זיך פון ליבינען, וועלכער האָט גענומען אַרויפאַרבעטן די דערציילונג פון איינפאַכסטן עלעמענט — דער שמועס. אָבער דאָס נעמט ניט אַוועק פון קאָברינס פּיאָנערישקייט, פון זיין זעלבסטשטענדיקער אַנהייבערישקייט. ווייל קיין דערציילונג איז פּאַקטיש נאָך נישט געווען און זי האָט געדאַרפט אַרויסגעבויט ווערן אויף אַ רויען העלד, וואָס איז פון ליטעראַטור נאָך נישט געכאָוועט געוואָרן, און אויף אַ רויען לייענער, וואָס האָט ערשט געפּרואווט דעם טעם פון ליטעראַטור. (אַפילו דער סאָציאַליסט־אינטע־ליגענט, צו וועמען קאָברין האָט אומבאַוואוסטזיניק זיך אַדרעסירט, הגם מערסטנס מיט קענטניש פון דער רוסישער ליטעראַטור, איז ער אָבער אין הלכות יידישע דערציילונג געווען פּונקט אַזוי רוי ווי דער לייענער פון נאָרפאָלק סטריט).

דאָס וואָס קאָברין איז אָנגעלאָדן געווען מיט ליטעראַטור־אַמבי־ציעס, איז געווען אי אַ הילף פאַר אים, אי אַ שטער. — אַ הילף: האָבנ־

דיק פאַר זיין מוסטער אַן אַנטוויקלטע דערציילונגס־פאָרם, האָט ער געקאָנט זיך שטעלן גרעסערע אויפגאַבן: איינצופאַסן אין דערציילונג־ראַם ברייטערע לעבנס שילדערונגען, שטעלן כאַראַקטער, געבן טיפן — דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער אין „באַקונין"; די נייע פרוי אין „וויערא", דעם אינטעליגענט אין „ער, מאַקס, און די שיינע העלענאַ". האָט ער זיך אויך געקאָנט פאַרמעסטן אויף אַ לענגערער נאָוועלע — „קאַרל מאַרקס" — בעת ליבין האָט קוים געמאַכט אַ פאַרזוך אויף אַ נאָוועלע; אין זיין שמועס־פאַקט־דערציילונגס־פאָרם האָט זיך נישט געלאָזט אַריינפּאַקן צופיל דערציילונגס־משא. מיט אַ פאַרטיקן מוסטער פאַר די אויגן, האָט קאָברין געקאָנט טרייבן אַ סך ווייטער דעם אויס־גרינונג־פּראָצעס פון דעם גרינעם, זיין פאַרמענטשלעכונג, זיין אַריינ־טריט אין דער ציוויליזאַציע. און דער הויפּט־מיטל פון פאַרמענטשלע־כונג ביי קאָברינען איז ליבע. ביי ליבינען איז ליבע בלויז סוזשעט, פאַסירונג, מעשה. ער האָט זיך באַנוגנט מיט לאָזן וויסן זיין לייענער, אַז ליבע איז מענטשלעך. אים וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו מאָלן אַ סצענע פון ליידנשאַפט. וועגן ליידנשאַפט „שמועסט" מען נישט. מען דערציילט דעם פאַקט און דאָס אַלץ.

קאָברין האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף ליידנשאַפט־שילדערונג, אויף דעם קאָך און רעש אַרום געשלעכט־לעבן; אויף אייפערזוכט, אויף פאַרפירעניש, אויף ברוגז און שלום אין פאַמיליען־לעבן: אַ „יאָר נאָך דער חתונה", „דריי חדשים נאָך דער חתונה", „אויף מאָרגן נאָך דער חתונה" און „דער ערשטער אַקט אין אַ פאַמיליען־דראַמע". ער פירט אַריין אין די געהיימנישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ בחדרי חדרים, וואָס קיין פרעמד אויג זעט עס נישט אויף צו באַשמועסן פאַר שכנים.

און די ווענדונג צו פאַרמענטשלעכונג פון לייענער דורך ליבע האָט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט: אין פּריוואַט־לעבן, אויסער דעם יוניאָן־לאָקאַל און דער „באַוועגונג", איז ליבע געווען דער טויער, דורך וועלכן דער גרינער איז געגאַנגען צו ציוויליזאַציע. אין צייט איז דער ליבעס־קולט כמעט געוואָרן די נייע „מענטש־רעליגיע".

אין תוך איז ליידנשאַפט, אויפגעברויזטער געפיל, נישט דווקא געשלעכטלעכער, נאָר אַלץ וואָס רעגט דאָס בלוט, שאַפט צוזאַמענשטויס, קאָנפליקט — דער אונטערשלאַק, איבער וועלכן עס באַוועגט זיך קאָברינס יעדע דערציילונג — אַפילו די פּראָלעטאַרישע. אייגנטלעך האָט קאָברין כמעט קיין פּראָלעטאַרישע דערציילונגען נישט אין ענגן

זין פון וואָרט. אמת, די מאַיאָריטעט פון זיינע העלדן זענען פּראָלעטאַ־ריער, אָבער נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס ווערט אָנגעגעבן זייער פאַך. קאַפּנמאַכער, העמדל־נייער, סיגאַר־מאַכער, שניידער. פון די געציילטע שאַפּ־דערציילונגען איז דער טשוואָק פון דער „שיינער הע־לענאַ"— אַן אינטעליגענט אַ שלימזל, אַ שרייבער, וואָס ווערט אויס־געקאָנקורירט אין ליבע פון אַ גרעסערן פאַרדינער ביי העמדער. — אין די „קליינינקע נשמהלעך" איז די טעמע נישט אַזוי דער פּראָלע־טאַריער, ווי דער ייד. די אָפּקומענישן פון פיר יידן אין אַ יאַהודימשער סיגאַר־פאַבריק, וואו יידן דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן ווי מאַראַנען. — אין „באַקונין" איז דער הויפּט־אינטערעס די כאַראַקטעריזירונג פון אַ פּרימיטיוון אַנאַרכיסט, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין באַקונינען דורך אַ שונד־ראָמאַן, און דער הויפּט־קאָנפליקט איז, וואָס זיין מיידל, אויך אַ גענאָסין, האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט, צוליב דער מאַמען, חתונה צו האָבן כדת משה וישראל. און אַפילו אין „קאַרל מאַרקס", וואָס איז שוין אַ פּראָלעטאַריש־אידייאישע אונטערנעמונג, זענען די בעסטע שטעלן די פאַמיליען־סצענעו, די היימישע קריגערייען מיט דעם ברודער דעם פאַבריקאַנט; און די אידייאישע, אנטעליגענטישע און קלאַסנקעמפערישע שטעלן זענען די שוואַכערע. — די פּראָלעטאַריש־קייט איז געפאַלן אַ קרבן צו דער פאַרמענטשלעכונג! נאָר וואו די פאַרמענטשלעכונג איז אונטערשטיצט פון בלוט־אויפרעגונג, איז דער־ציילערישער געווינס.

נאָך אַ גרויסע הילף, וואָס קאָברין האָט באַקומען פון זיין ליטע־ראַטור־אַמביציע, איז געווען, וואָס זי האָט אים אינספּירירט צו דער אויסברייטערונג פון די גרעניצן פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער דער־ציילונג. ער איז אַוועק נאָך סוזשעטן צו דער אַלטער היים — אין די־רעקטן פאַרמעסט מיט דער רוסישער נאַטוראַליסטישער דערציילונג, אָדער אפשר מיט דער יידישער דערציילונג פון רוסלאַנד. ליבין האָט מיט זיין דערציילונג קיינמאָל זיך נישט אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד. די אַלטע היים ווערט נאָך ביי אים דערמאָנט, ווען אַן אי־מיגראַנט פאָרט צוריק צו זיין פאַמיליע, אָדער ווען ער ברענגט אַראָפּ די פאַמיליע אַהער, אָדער ווען ער באַרגט אַן עפּיזאָד פון אַלט־היימישן לעבן צו אילוסטרירן אַן עפּיזאָד דאָ. ער איז אויסשליסלעך אַן אימיגראַנטן־דערציילער, ער וויל זיך נישט אַריבערהייבן איבער דעם אימיגראַנטס אוממיטלבאַרער אויפמערקזאַמקייט (ב. גאָרין איז

געקומען אַהער אַ פּאַרטיקער — אַ שילדערער פון היימישן קרעמערשן און ישיבה־בחורשן לעבן — און אַזוי איז ער דאָ פאַרבליבן. קאָן ער נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אַמעריקאַנער אויפטוער). — קאָברין, ווייל געטריבן פון אַ באַוואוסטזיניקן ליטעראַטור־מאָטיוו, האָט זיך יאָ אַריבערגעהייבן איבערן אימיגראַנט. און, ווי ער אַליין זאָגט עדות: „די דערציילונגען פון היימישן לעבן האָבן זיך מיר געגעבן לייכטער" — ווייל איינגעשטעלט לעבן, איינגעשטעלטער כאַראַקטער, האָט זיך דאָס געלאָזט, בעת דער אימיגראַנט, מיט זיין נישט איינגעשטעלטקייט, האָט זיך געלאָזט בלויז אויסערלעך פאָטאָגראַפירן. האָט ער שוין אין 1898 אַ פּערפעקטע קאָברינשע דערציילונג — „יאַנקל בוילע" — וואו כאַראַקטעריזירונג און פאַסירונג לויפט פאַראַלעל צו בלוט־באַוועגונג. האָבנדיק די רוסישע ליטעראַטור פאַר אַ וועגווייזערין, האָט ער זיך דערגראָבן צום פּראָסטעסטן, פּרימיטיוּוסטן פאָלקס־טיפּ, איידער די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום דעק פון פּראָסט־פאָלקישקייט. — אין 1904 האָט ער אויפגעגראָבן אַ גאַנצן נעסט פון פּראָסט־פאָלקסטום — „דער מילכיקער בית־מדרש" — אַ שול, וואו גנבים פירן באַלעבאַטישן שטאַט, און מען פאַרט צו גאַט אויף געגנבעטע פערד. און וואו נישט קיין גנב איז א יאָלד, וואָס מען טאָר מיט אים אינאיינעם נישט דאַוונען. נישטאָ קיין צענטראַלע פאַסירונג, אָבער די כאַראַקטעריזירונג איז אַזוי שאַרף זשעסטיקולירט, אַז די באַשרייבונג גופא ווערט פאַסירונג, וואָס קוועלט פון זיך אַליין מיט געלעכטער.

אויף אַזוי ווייט האָט די ליטעראַטור־אַמביציע קאָבריגען אַרויס־געהאָלפן. אָבער די אַמביציע איז אים אויך געוועזן אַ שטער, ווייל זי פאָדערט אַרויס קאָפּ־אַרבעט, באַוואוסטזיניקע אָנשטרענגונג, איבער דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס שטייט צו דינסט.

דערפאַר האָט קאָברין געליטן אָפטער דורכפאַלן, ווי ליבין, וועלכער קומט פאַרהעלטניסמעסיק לייכט צו דעם מאַקסימום, וואָס זיין שמועס־פאָרם קאָן געבן. ביי קאָברינען אַפילו אין אַ גוטער דערציילונג שטויסט מען זיך אָן אויף „קאָפּ־לעכער", פון וואַנען מוח און געמוטהט־קייט קריכן אַרויס. ווען דערגרייכט קאָברין זיין מאַקסימום, וואו מען זאָל נישט פילן די שטרויכלונגען פון זיין פען?

שטעלט זיך אַרויס אַט וואָס: קאָברין, וועלכער האָט זיך ספּע־ציאַליזירט אויף „ליידנשאַפט" (סיי אין ענגן זין פון וואָרט תאווה און

סיי אין ברייטערן זין פון געפילס־לעבן), האָט נישט קיין ווערטער אויף אויסצודריקן דאָס אינעווענייקסטע, די פסיכישע זייט פון ליידנשאַפט. פאַר דער פסיכיק קומט ער אָפּ: „גערעדט ליידנשאַפטלעך", „געשעפּטשעט ליידנשאַפטלעך"... וואָס ער באַשרייבט יאָ, זענען עס די צייכנס, די זשעסטן, די אויסערלעכע באַוועגונגען, וואָס באַגלייטן ליידנשאַפט. איז גוט. ווען ער האָט אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר דער באַגלייטונג — האַנדלונגען, סצענעס, רייד, כאַראַקטער. יעמאָלט איז די דערציילונג געפּאַקט, אָן איבעררייסן, הוילע באַוועגונג. און יעמאָלט איז צמצום. און געוויינלעך האָט ער די באַגלייטונג ביז צו אַ פּונקט — בלויז פאַר דעם ערשטן גאַנג פון דער ליידנשאַפט, פאַר דער ערשטער גראַדער ליניע — ביז צו אַ בויג אין דער ליידנשאַפט, ביז צו אַ בייט אין כאַראַקטער. ווען ער דאַרף פון זיך צוטראַכטן אָן ענדערונג, קומט ער צו קורץ. יעמאָלט נעמט ער זיך גריבלען, טומלען, זיך טראַמפּלען אויף איין אָרט; יעמאָלט שטוקעוועט ער און ווידעראַלט. דאָס מיינט, אַז ער קען בלויז די אויבערפלעך פון דער ליידנשאַפט.

זיין מאַקסימום איז ביז צום קריטישן פּונקט, וואו די אויבערפלעך פון דער ליידנשאַפט לאָזט זיך אויס. פּערפעקט קאָברינס זענען דער ערשטער אַקט פון „פאַמיליען דראַמע", וואו אַ פרוי פון אַ שוואַכן מאַנעלע ווערט פאַרקאָכט אין דעם מער מענערישן שוואָגער; „דער אמת", „סורפּרייז" — אין תוך איז דאָס דערציילטע דראַמע, וואָס וואָלט זיך געלאָזט שפּילן. דראַמע צי מעלאָדראַמע — מיר זענען צו פאַרנומען צו מערקן צוגעשפּילטקייט, אומישנעקייט, אָנגעשרויפקייט.

צווייטנס, שטעלט זיך אַרויס, אַז הגם קאָברין אַדרעסירט זיין דערציילונג צום אינטעליגענט, אָבער ריידן קאָן ער נאָר צום אינטעליגענט וועגן פּראָסטערן מענטשן, נישט וועגן אינטעליגענט אַליין. און וואו קאָברין דאַרף ריידן וועגן אינטעליגענט, און פון זיך, דעם אינטעליגענט אַרויס, ווערט זיין שרייבן „ליטעראַריש", געקליגלט, געקינצלט, פּראָזאַאיש־ליריש. „ביים איסט־ריווער", וואו אַן עלטערער מאַן פּאַקט זיין יונגע פרוי מיט איר שטיף־זון, זיין זון פון דער ערשטער פרוי, און זי וואַרפט זיך אין וואַסער אַריין, איז סצעניש און פאַרביק; „וויעראַ", ביים זעלביקן איסט־ריווער — אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ קינד אין פרייער ליבע, רופט אַרויס אויף אַן אונטערריידונג איר פאַלשן געליבטן, אַ סטודענט־קאַריעריסט, אין דעם טאָג,

ווען ער האָט חתונה פאַר נדן, איז ליידיקלעך און בלאָס. בלויז דער פאַמיליען־קריג מיט זיין מוטער איז גוט. „דזשעניס כל־נדרי", וואו אַ הענדלערקע מיט זיך פאַרשיכורט אירע דעריגערונגען אָן היימישן ערב יום־כפור — אַ פאַרשפיל צו דער שפּעטערדיקער הייזל נאָוועלע „טיר נומער 3" — איז שטאַרקע זשעסטיקולאַציע; „אננאַס מה נשתנה", וואו אַן אינטעליגענטע אַרבעטער־מיידל רעדט פון איר בשמה אַרויס איר בענקשאַפט נאָך די אָנגעוואָרענע יידישע ימים־טובים, הגם אויס־געצייכנט לויט דער כוונה, איז שוואַכע אילוסטראַציע. — וואו ער דאַרף פון זיך אַרויסנעמען זיין העלד, וואו ער דאַרף געבן פון פּערזענלעכער איבערלעבונג, וואו ער דאַרף אויסטראָגן און אויסחלומען זיין שטאָף — פעלט אים אויס אָטעם. (פּונקט ווי די זיין [illegible], דער אינטעליגענט. פון זיך האָט ער נישט געהאַט וואָס צו געבן. דורכגעלייענט אַ ביכל, האָט ער עס פּאָפּולאַריזירט. און אפשר דערפאַר האָט ער זיך אַזויפיל אָפּגעגעבן מיטן פּראָסטערן מענטשן — נישט מחמת גייסטיקער עשירות — נאָר ווייל ער האָט געמוזט לעבן דרויסן — ער האָט נישט געהאַט גענוג אין זיך מיט וואָס צו לעבן. פונקט ווי דער פּראָסטערער מענטש, האָט ער געלעבט אויף דער אויבערפלעך פון זיין געמיט).

מיט דער צייט, ווען קאָברין איז באַהאַוונט געוואָרן אין די וועגן פון יידישן טעאַטער, האָט ער זיך אויסגעלערנט פאַרגלעטן די שוואַכע ערטער. וואו ער פלעגט דערגרייכן דעם געפערלעכן פאַר אים גרעניץ, האָט ער אָנשטאָט צו דערציילן דראַמע גענומען אַריבערטראָגן אויפן פּאַפּיר די דראַמע פון די ברעטער — מיט אַלע אירע קונצן און עפעקטן — מיט צופאַלן, צוזאַמענטרעפונגען און מעכאַנישע פאַרשטאַרקונגען. אַזוי „דער פאַרשטערטער שבת" — אַ היימישע דערציילונג, וואו אַן אַלט פאַר פאַלק זעצט זיך פרייטיק־צו־נאַכט צום טיש און זייער בת־יחידה, די משומדתטע, גייט שווער צו קינד אין שכנישן הויז פון איר שווער דעם אַקציזניק. — אַנדערש ווי אין „יאַנקל בוילע" האָט קאָב־רין קיין קענטניש ניט פון דעם בשמה־צושטאַנד פון אַ פרומען יידן; די פּסוקים, די מדרשים און ראיות פון דער גמרא, וואָס אַ פרומער ייד וועט פרעפלען אויף צו שטאַרקן זיין געמיט, האָט ער געדאַרפט עמיצן בעטן פאַר אים אָנשרייבן. גיט זיך קאָברין אַן עצה: ער שרייבט די דערציילונג ווי אַ סצענאַריאָ פאַר אַ מעלאָדראַמע — בוכשטעבלעך. אַפילו מיט רעמאַרקן פאַרן בינען־רעזשיסאָר געפינען מיר דאָרט:

„פאַר די, וואָס זענען אומבאַקאַנט מיט די יידישע רעליגיעזע מנהגים, וועט עס פאַרקומען ווילד" — „דורך איר שטאַרקן רעליגיעזן גלויבן" — „אַ שרעקלעכער שוויגן, האַרצרייסנדער פון העכסטן יאָמער" — האָט קאָברין נאָר זיך אַליין אויסגעצייכנט אָפּגענאַרט!

דער כלל אַז, אַז קאָברין פאַרנעמט זיך איבער זיין פאַרנעם — ביים איבערברוך פון כאַראַקטער, וואו עס לאָזט זיך אים אויס „פאַר־דים" — פאַסירונג, באַוועגונג — נעמט ער ציען, מעכאַניזירן, מעלאָ־דראַמאַטיזירן. אַזוי אין דער איבעראַרבעטונג פון זיין „יאַנקל בוילע" פון דערציילונג אין דראַמע, וואו ער האָט געדאַרפט צואַרבעטן אַ שטאַרקן שלוס, האָט ער צוגעגעבן צעטומלטע, איבערגעחזרטע, מעלאָ־דראַמאַטישע „פסיכאָלאָגיע". און וואו עס לאָזט זיך קיין מעלאָדראַמע נישט מאַכן — ווי אין אַ „ליטוויש שטעטל" — אַ ריין באַשרייבנדיקע שילדערונג — ווערט ער מכאַניש מאָנאָטאָן.

וואָס דאָס אַלץ זענען די דערקען־צייכנס פון דער ליטעראַטור פון ערשטן דור. אַזוי פלעגט אויך מיט ליבינען געשען, ווען ער פלעגט אויפגעפאָדערט ווערן, אָדער ער פלעגט זיך אַליין אויפפאָדערן צו אַ גרעסערן פאַרנעם. מיט דער נפקא מינה, וואָס קאָברין מעלאָדראַמאַ־טיזירט מיט „ליידנשאַפט", און ליבין מיט סענטימענטן. אויך ביי קאָברינען איז איינוויייניק אַ שטער, אַ קלעם, וואָס פאַרהאַלט די שעפּע־רישע אָנשעפּונג פון דער טיף פון געמיט, וואָס דאָס איז פאַרבונדן געווען מיט דעם חרם אויפן יידן בלחש, און מיט דער אַפּלייקענונג פון דער יידישער צוזאַמענגעהעריקייט בפרהסיה. און זייער דערציילערישער מעטאָד איז דערפאַר אַרויסגעצוואונגען געוואָרן צו דער דרויסנדיקער פלאַך — איבער וועלכער ליבין באַוועגט זיך מיט דער לייכטקייט פון אַ שמועסער־פאַסאַזשיר און קאָברין מיט דער שווערקייט פון אַ משאַ־פירער.

וואָס דאָס איז אַ באַוויז, אַז קאָברין, פּונקט ווי ליבין, געהערט צום ערשטן אימיגראַנטן־דור.ביים שוועל פון צווייטן דור איז זיין גרענעץ.

אָבער קאָברין האָט דאָך געפּרואווט אַריבערשפּרייזן פון ערשטן דור אימיגראַציע צום צווייטן און אַ דאַנק זיין ליטעראַטור־אַמביציע איז עס אים אָפּטמאָל אויך געלונגען. אַט צ.ב.ש. ווען, אַריבערהייבנדיק זיך איבער דעם אימיגראַנט, האָט ער מיט זיינע אַלט־היימישע דער־

ציילונגען גענומען וואַרפן אַ בריק צו דער ליטעראַטור מעבר־לים. הגם ווי אַלע אינטעליגענטן פון יענע יאָרן, האָט ער אויך נישט געגלויבט אין דעם „מאָרגן פון דער יידישער לעטעראַטור", האָט דער ליטעראַטור־אינטערעס אַריבערגעוואויגן, און ער האָט גענומען שאַפן יידישע ליטעראַטור לשמה, איבער דעם טאָג־באַדערפניש פון אימיגראַנט, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ יידיש פאָלק אויף דער וועלט, וואָס בויטיקט זיך אין ליטעראַטור, וואָס איןביידע זאַכן האָט מען דעמאָלט נישט געגלויבט. דערמיט מיט זיין ליטעראַטור־באַוואוסטזיין — איז קאָברין שוין געווען האַלב־וועגס צו דער שעפערישער ליטעראַטור־אילוזיע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין דער אַלטער היים אונטער שלום־עליכם־פרצעס שותפותער השפעה. — קאָברין איז אַ בריק פון ערשטן דור צום צווייטן. זייט 1910 פאַרמעסט ער זיך אויף גרעסערע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען — געקייטלטע שטייגער־שילדערונגען — „אַ ליטוויש שטעטל" — „טיר נומער 3" — און אויף פעריאָד־ראָמאַנען — „אַרע די באָרד". און צו קאָברינס שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געהאַט מוט, און נאָך אין 1897 האָט ער אין זיין דערציילונג „וואָס איז ער?" נישט מורא געהאַט צו שטעלן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם און וועגן דער באַדייטונג פון יידישע יום־טובים פאַר דער דערציאונג פון יידישן קינד. אָבער קיין באַוואוסטזיניקער באַשלוס צו שאַפן יידישע ליטעראַטור פאַרן יידישן פאָלק איז נישט געווען. און וויבאַלד אַזאַ באַשלוס איז נישט געווען, האָט די ליטעראַטור נישט געקאָנט ווערן קיין אָרגאַן, וואָס שאַפט דויערנדיקע ווערטן. האָט זי סיי מיט איר אינהאַלט און סיי מיט איר פאָרם און סיי מיט איר סטיל נישט געקאָנט ווערן אַן אינסטרומענט אויף צו בויערן אין דער טיף פון געמיט — פון לייענערס, פון העלדס און פון שריפטשטעלערס אייגענעם געמיט. איז עס געווען אַן אינהאַלט, אַ פאָרם און אַ סטיל, וואָס „פאָלגן אַ גאַנג", וואָס גייען אין שליחות פון צייטוויייליקן נוצלעכקייט־תכלית.

אַ ליטעראַרישער איטנסטרומענט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף איין דור, קאָן נישט אַריבערגעטראָגן ווערן, ווי ער שטייט און גייט, אויף אַ צווייטן דור. און ווי עס זעט אויס, לאָזט זיך אַן אינסטרומענט אַזוי לייכט ניט איבעראַרבעטן — אין ליבינס פאַל, צוליב סיבות, וואָס זענען אין דעם שריפטשטעלער גופא, און צוליב שטערונגען

אין דער סביבה. — אין קאָברינס פאַל וועט די גענויע סיבה ערשט זיך אַרויסשטעלן נאָך אַן אַנאַליז פון זיינע לעצטערע גרעסערע אונטער־נעמונגען, וואָס וועט קומען אין אַ שפּעטערדיקער פאַרבינדונג. אָבער עס איז אין פאָראויס קלאָר, אַז אין קאָברינען, ווי אין אַ מיטגליד פון צווישן צוויי דורות, דאַרף אַנגיין אַ ביטערע ראַנגלערײ: פּרעטענזיע יאָגט זיך נאָך אַמביציע און ווערט צוריקגעהאַלטן פון אַ האַנט, וואָס האָט זיך איינגעבריהט אויף שלעפּן אַ שווערן וואָגן ליידנשאַפט אויף האַרטן דרויסן.

בלייבט דערווייל פאַר אונדז קאָברין אַ שריפטשטעלער פון ערשטן אימיגראַנטן־דור.

די פּיאָנערישע ליטעראַטור — דאָס ליד, ווי די דערציילונג — איז געשלאָגן געוואָרן מיט אַ גרונטפעלער, וואָס האָט זי נישט געלאָזט שטייגן נאָכדעם ווי זי האָט דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה. דער גרונט־פעלער קאָן באַצייכנט ווערן מיט פאַרשיידענע נעמען, אָבער דער בעסטער נאָמען איז גרונטלאָזיקייט — דער ייד־גרונט האָט לכתחילה געפעלט דער פּיאָנערישער ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך דאָ איינגעשטעלט. צוליב צוויי סיבות: ערשטנס דערפאַר, ווייל באַשטעלט, געפאָדערט איז זי געוואָרן פון אַן עולם, וואָס אויבערפלעכלעכקייט, רויקייט, חיי־שעה־דיקייט, קורץ־אָטעמדיקייט פון געמיט זענען געווען זיינע הויפּט־סימנים. און צווייטנס דערפאַר, ווייל אויסגעטראָגן, געמוטערט איז זי געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, וואָס איר סאָציאַליזם האָט איינגעשלאָסן אין זיך דעם פאַרבאָט, די פאַרלייקענונג פון דעם יידן אין יידישן אַרבעטער. אָדער אפשר זיינען ביידע סיבות איין סיבה? די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, נישט געקוקט אויף איר געבילדעטקייט, איז געווען אַ טייל פון זעלביקן אויבערפלעכלעכן, רויען, חיי־שעהדיקן, קורץ־אָטעמדיקן עולם; און איר נישט־אָנערקענונג פון דעם יידן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז פאַרפּוצט געווען מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון זעלביקן פּסיכאָלאָגישן ערב־רב־צושטאַנד.

דאָס נעמט נישט אַוועק ביי דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ דעם פאַרדינסט, וואָס דווקא אין איר פּרעסע, נישט דער באַלעבאַטישער, איז די ליטעראַטור געבאָרן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. אַפילו די שטרענגע סאָציאַליסטישע דיסציפּלין איז געווען צו דער טובה

פון דער יונגער ליטעראַטור. והראיה, די דערציילער זענען פון דער דיסציפּלין געהאָלפן געוואָרן דערצו, עס זאָל זיי נעמען ווייניקער צייט, ווי ראָזענפעלדן זיין ליד, צו דערפירן זייער דערציילערישן פּראָדוקט ביז צום גראַד פון ליטעראַטור — ראָזענפעלדן האָט עס גענומען אַ יאָר צען, ליבינען און קאָברינען ווייניקער פון פינף. אמת, די שטרענגע סאָציאַליסטישע דיסציפּלין, מיט איר ייד־פאַרלייקענונג, האָט שפּעטער זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מניעה, און סוף־כל־סוף געשטעלט אַ גרע־נעץ צו זייער שעפערישן פונאַנדערגעם. אָבער ביז צו יענעם גרענעץ האָט די דיסציפּלין זיי איבערגעלאָזט גענוג רוים אויף צו מאַכן אַ באַל־דיקן שפּרייז פון סאָציאַליזם צו „מענטש". די פאַרמענטשלעכונג, וואָס האָט באַפרייט זייער דערציילונג פון דער דירעקטער פּראָפּאַגאַנדע־פליכט, וואָס איז איר איינגעגעבן געוואָרן ביי איר געבורט, האָט אין זיי, די דערציילער, אַרויסבאַפרייט זייער דערציילערישע קראַפט. דער צווייטער בויטיקער שפּרייז, וואָס איז אָנגעקומען אַזוי גרינג דעם אומדיסציפּלינירטן ראָזענפעלדן — פון „מענטש" צו „ייד" — האָט זיך ביי זיי פאַרהאַלטן. און, נאָכפאָלגנדיק דעם עולם פונדערווייטנס, האָבן זיי דעם שפּרייז געמאַכט מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג — צו שפּעט פאַר זיי אַליין — און צו זייער שאָדן.

נישט נאָר דער שריפטשטעלער־יחיד, נאָר די גאַנצע ליטעראַטור נויטיקט זיך אין רייכער אידייאישער שפּייזונג פאַר איר גדייאונג, און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, נאָך איר ערשטער גרויסער טובה, האָט שפּעטער מיט דער פירערשאַפט פון דער ליטעראַטור גענומען זי אי־דייאיש אויסמאָגערן. לאָמיר נישט אויסזאָגן, אַז זי, די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ איז געווען אידייאיש אָרעם. אָבער דאָס שוין אַליין, וואָס זי איז געווען אַסימילאַטאָריש, קאָסמאָפּאָליטיש האָט עס געהייסן, אָבער פאַקטיש אַמעריקאַניזאַטאָריש־אַסימילאַטאָריש — דאָס אַליין איז שוין געווען דלות־פּראָדוצירנדיק. אָן שום גלויבן אין דער נויטיקייט און לעבנס־פעיִקייט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור — ווי שוין געזאָגט — העכסטנס וואָס מען האָט זיי ביידן געגעבן צו לעבן איז־געווען אַ יאָר 25 — די פּראָזע וואָס האָט געשטאַמט פון רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנצן, איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטע רעדאַקטאָרישע טראַדיציע און זי איז איבערגעחזרט געוואָרן אַלע צען יאָר: נאָך 25 יאָר צו לעבן! — מיט דער פאַראויסזעאונג פון אַזאַ גיכן טויט. ווענען וועט

זיך גלוסטן אַוועקצוגעבן זיין גאַנצע נשמה דער פּען?

די ליטעראַטור, פאַר פולער אינספּיראַציע, באַדאַרף האָבן גלויבן אין דעם קיבוץ, פאַר וועלכן זי שאַפט, — דעם גלויבן, אַז אַט־דער קיבוץ נויטיקט זיך אין ליטעראַטור, ווי אין זיין הויפּט־מיטל פאַר פסיכישער זעלבסטדערהאַלטונג — כדי נישט צעפאַלן צו ווערן אין ווערט־לאָזן מענטשן־שטויב — וואָס אַט־דער גלויבן דינט דעם שריפטשטעלער ווי אַ הייבער צו שעפערישקייט — אַט־דער פאַרבאַדינג צו אינספּיראַציע האָט געפעלט!

שוין מוחל דער אינטעליגענץ איר אַנטי־נאַציאָנאַליזם, איר אומ־גלויבן אין דער נויטיקייט און וויכטיקייט פון דעם קיום פון יידישן פאָלק. אָבער לכל־הפּחות גלויבן אין דעם יידן־געזעמל אויף דער איסט־סייד? ביין, די איסט־סייד וועט זיך מטריח זיין וואָס גיכער צו פאַרשווינדן!...

עס האָט בכלל געפעלט אידייאישע, אינספּירירטע פירערשאַפט פון דער ליטעראַטור. די השגה פון דער פירערשאַפט פון דער ליטע־ראַטור איז געווען די, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר פריער יוגנט אין דער אַלטער היים. איר העכסטע השגה האָט זי דערגרייכט, ווען רוסלאַנד האָט איר צוגעשטעלט טשעכאָווס רעאַליסטישע דערציילונג פאַר אַ מוסטער. צוגעגעבן, אַז אַ רעאַליסטישע דערציילונג איז גוט, ווען זי איז עכט: און צוגעגעבן, אַז די פירערשאַפט האָט געהאַט אַ חוש פאַר עכטן רעאַליזם; און אַוודאי זאָל זיין צוגעגעבן, אַז טשעכאָוו איז אויסגעצייכנט! זי האָט בלויז פאַרגעסן, אַז טשעכאָווס רעאַליסטישע דערציילונג האָט געהאַט גרויס־רוסלאַנד און די צוקונפט פון דער גרוי־סער רוסישער ליטעראַטור פאַר איר אינספּיראַטאָרין; איז איר רעאַליזם אָנגעלאָפן געוואָרן מיט גויס־מענטשישקייט. אין טשעכאָווס קירצסטער טאָג־פאַסירונג־דערציילונג איז אַריינגעפּרעסט געווען די לעבנס־גע־שיכטע פון רוסישן פאָלק פאַר דורות, וואָס דאָס האָט איר געגעבן סטיל און נשמה־סובסטאַנץ. דאָ אָבער איז דער דערציילער צוגעשפּאַרט געוואָרן צו אַ ווינקל פון דער איסט־סייד, מיט גאָר קיין צוקונפט נישט, מיט דעם ענג־תכליתדיקן אָנזאָג: קלייב גרויען מענטשן־שטויב און פאַרוואַסער עס; מאַך אַ קאַשקעלע אויף צו שפּייזן דעם קבצן אין גייסט...

קיין אָנונג נישט וועגן דעם, אַז דאָס איז אילוזיע, קאַפּריז, פרייער אויפשפּיל, אידייען, ציילן, דער וואונטש עפּעס מחדש צו זיין אין לעבן

— דאָס איז עס, וואָס ציט אָן שעפערישקייט. — די שריפטשטעלער, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די פירערשאַפט, זענען צעדריבלט און צעריבן געוואָרן. ווער ווייס, וויפיל פּייאַקייט און טאַלאַנט זענען אומגעבראַכט געוואָרן? — די אָרעמע פירערשאַפט האָט געפטרט אַזאַ עכט־רעאַליס־טישן טאַלאַנט, ווי ז. לעווין, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ זשעדנע איינ־שלינגונגס־קראַפט אין זיין אויג, מיט אַן אומגעוויינלעכער זיכערקייט פון וויסן אין זיין פען. אָבער גרוי, גרוי, ווי אַן איסד־סיידער מויז.

אַ נס וואָס קאָברין און ליבין האָבן זיך געראַטעוועט. אפשר האָט זיי געדינט דער פרייער צוטריט, וואָס זיי האָבן געהאַט צו גאָרדינס טעאַטער? אַ קנאַפּער קינסטלער אָבער אַן אויסגעצייכנטער אידייאישער פאַרמיטלער צווישן יידישן טעאַטער און דער וועלט־דראַמע איז יעקב גאָרדין געווען. האָבן קאָברין און ליבין זיך אָפּגעאָטעמט אין טעאַטער, ווען עס האָט זיי געשטיקט אין דער ליטעראַטור.

האָט זיך איינגעשטעלט אַן ענגהאַרציקער ביוראָקראַטישער רע־זשים, מיט אַ שררהשאַפט, וואָס האָט פּאַטאָקעוועט דעם האַלב־שרייבער, מיט אַ קריטיק, וואָס האָט זיך געגריבלט אין ווערימדיקע אַרבעסלעך, זוכנדיק קליינע תכליתימלעך, מיט אַ ליטעראַטור, וואָס איז געווען גרויער שפינוועבס אויף צו כאַפּן פליגן, מיט אַפּגעלאָזטער שלומפּער־שפּראַך, וואָס מען האָט באַר געקאָנט לייענען מיט דעם מויל נישט געוואַשן.

אַט אַזוי האָט זיך אויסגעלייגט אין אַמעריקע די ערשטע גרונט־טענדענץ פון דער יידישער ליטעראַטור — די גרויס - תכליתדיקע. דער יידישער גרויס־תכלית איז דאָ רעדוצירט געוואָרן צוערשט צו פשוטן מענטש־תכלית, וואָס דאָס איז נאָך געווען גוט, אָבער דערנאָך צו דעם נאָך פשוטערן פּראַקטישן טעגלעכן קליין־תכלית. האָט די תכלית־טענדענץ געגעבן דעם געבורט־שטויס צו דער היגער יידישער ליטעראַטור, זי אַ באַוועג געטאָן פאָרווערטס, און דערנאָך פאַרהאַלטן איר ווייטערדיקע באַוועגונג.

די איבערגאַנג־שטופע

די פּיאָנערישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, האָבנדיק אויסגעגעבן איר ערשטן אימפּולס, האָט אונטער ניט געראָטענער פירערשאַפט זיך־

אַריינגעשפּאַרט אין אַ קלעם, פון וועלכן, עס האָט אויסגעזען, אַליין מיט אייגענער אָנשטריינגונג וועט זי זיך נישט אַרויסבאַפרייען. און עס האָבן געדאַרפט אונטערקומען כוחות מן הצד, וואָס זאָלן איר פון דעם קלעם אַרויספירן. און זיי זענען אונטערגעקומען. נאָך פאַרן אַפּשלוס פון ערשטן יאָרצענדליק זייט איר געבורט, אַרום יאָר 1900, האָבן זיך געמעלדעט די ערשטע שריפטשטעלער, וואָס האָבן גענומען אַרבעטן אויף דורכצוברעכן אַן אויסוועג פאַר איר.

אָבער איידער מיר ווענדן זיך צו יענע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געווירקט צום בעסערן, דאַרף למען האמת אָנגעוויזן ווערן, אַז אַפילו ווען די פּיאָנערישע ליטעראַטור האָט זיך נאָך געפונען אין איר פאַרקלעמטן צושטאַנד, איז נישט אַלץ געווען צום טאַדלען אין איר. אַפילו אין אירע חסרונות איז פאַרלייגט געווען אַ גוטע זריעה אויף להבא. די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, וואָס די היגע יידישע ליטעראַטור האָט אין איר ערשטן פּעריאָד פאַרמאָגט, זענען געווען פון יענעם מין, וואָס ווען זיי פאַרהאַלטן זיך צו לאַנג אויף זייער עלעמענטאַרער שטופע, ווערן זיי חסרונות. אָבער אויסגעלייזט, סובלימירט, קאָנען זיי ווערן מעלות. מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן מעלות.

בראשית זענען זיי געווען בויטוועגדיקייטן. סיי די חסרונות, וואָס זענען אין פּאַריקן קאַפּיטל שוין גענוג געטאַדלט געוואָרן, און סיי די שפּעטערדיקע מעלות האָבן זיך אַרויסגענומען פון דעמזעלביקן גרונטפאַקט, וואָס די ליטעראַטור דאָ האָט געדאַרפט אַרבעטן פאַר רויע מענטשן, אויף רויען מענטשן־מאַטעריאַל. במילא האָט זי געדאַרפט אָנהייבן פון אָנהייב אָן, פון אַלף־בית, אָן שום פאַרטיקייטן. במילא האָט זי זיך געדאַרפט באַנוגענען מיט די אויסערלעכע סימנים, וואָס לאָזן זיך אַראָפּלייענען פון די פּנימער, פון דער אויבערפלעך פון געמיט, פון די חיי־שעה־איבערלעבונגען. רויקייט, אויבערפלעכלעכקייט, חיי־שעהדיקייט — לאָמיר די אַלע סימנים אַרונטערנעמען אונטער איין הויפּט־באַצייכענונג: „פון אָנהייב אָן". הייגט צו טאָג שפּירן מיר עס ווי אַ חיסרון, אָבער דער חיסרון האָט שוין געהאַט איינגעשלאָסן אין זיך אַ גרויסע מעלה. און מערקווירדיק, די שריפטשטעלער פון דער אַלטער היים זענען געווען די ערשטע צו דערשפּירן די מעלה פון „פון־אָנהייב־אָן". אויף זיי, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט פאַרן אויג געדיכטע יידישע סביבה, און פון דער סביבה געצויגן זייער שטאָף, האָבן די

אַמעריקאַנישע ווערק, מיט זייער רויער נאַקעטקייט, געמאַכט דעם גוטן איינדרוק פון פרישער „מענטשישקייט״, אַפילו ווען די רויקייט האָט געשטאָכן זייער קינסטלערישן געשמאַק. בעל מחשבות צ. ב. ש. האָט זיך אַריינגעלייענט אין ליבינס דערציילונגען אויס ריינער הנאה צו זען, ווי יידן לעבן טאָג־איין־טאָג־אויס נישט געדאַווענט, און ווען זיי גייען אין גאַס, טראָגן זיי זייער יידישע צורה נישט פאַרויס; און נישט קיין קלענערע איבעררראַשונג האָט געמוזט זיין פאַר אים, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז יידן אין אַמעריקע, ממש ווי גוים, פאַרבייסן ברויט מיט תאווה, ווערן משוגע פאַר אייפערזוכט און דערלאַנגען קלעפּ ווען נויטיק.

„פון־אָנהייב־אָן״ אין זין פון אָנהייבן פון „מענטש״ איז געבליבן אַ גרונט־כאַראַקטעריסטיק אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אַפילו נאָכדעם ווי זי איז אויסגעאיידלט געוואָרן און באַרייכערט געוואָרן מיט ייד־אינהאַלט. אַפילו ווען די ליטעראַטור דאָ האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש „משיחן אַראָפּצוברענגען״, האָט זי אויך אָנגעהייבן „פון־אָנהייב־אָן״ — פון „רויען מענטשן״, פון דעם יידן אָן זכות אָבות, וואָס געדענקט קיין פּסוקים נישט, שטיצט זיך אויף קיין גמטריות נישט — וואָס דאָס האָט במילא אַרויסגעפאָדערט אַ שטאַרקערע און פּרוכטבאַרערע שעפערישע אָנשטרענגונג, ווי ווען זי וואָלט די משיח־געשטאַלט אַרויסגעלייענט אַ פּאַרטיקע פון די אַלטע ספרים, ווי דער מנהג איז געווען אין דער ליטעראַטור פון דער אַלטער היים.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער סימן, וואָס האָט אַ ווײַלע שפּעטער זיך צוגעקלעפּט צו דער פּיאָנערישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ סימן, וואָס האָט געשטאַמט נישט פון באַשטעלער — פון דעם אימיגראַנט, נאָר פון לאַנד — דער ערשטער בייטראַג פון לאַנד אַמעריקע צו דער יידישער ליטעראַטור. דער סימן פאַרדינט נאָך דערווייל קיין נאָמען נישט, נאָר שטאַמען שטאַמט ער פון אַמעריקעס ברייטן מאַטעריעלן פאַרנעם, איר האַסטיקער אונטערנעמערישקייט, וואָס באַמערקנדיק דעם קלענסטן געווינס, כאַפּט זי אים גלייך אויס, און כפלענדיק געווינס אויף געווינס, געווינט זי אַ מיליאָן. אַמערקע פון די שטייגנדיקע צאָלן, דאָס לאַנד פון מאַסן־פּראָדוקציע פאַר מאַסן־געברויך; וואו פון זאָקנבענדלעך מאַכט מען מיליאָנען . . .

ווי אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעגעבן צו דער ליטעראַטור מיט אַ חיסרון, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ פאַרבאָרגענע מעלה? דאַרף

די סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס איז שוין אַזויפיל געטאַדלט געוואָרן פאַר איר אָרעם־גייסטיקער אָנפּירערשאַפט מיט דער ליטעראַטור, דאָ נאָך מער געטאַדלט ווערן. עס האָט פּאַסירט, אַז זי, די אָרעם־גייסטיקע, איז בתעשר געוואָרן און איר אָנפירערשאַפט מיט דער ליטעראַטור איז נאָך פאַרערגערט געוואָרן. — איינע פון די ערשטע צו געווינען פון אַמעריקעס ברייטן מאַטעריעלן פּאַרנעם איז געווען די ציישונג, וועלכע זאַמלענדיק טעגלעך סענטן פון אַן אַלץ זיך פאַרגרעסערנדיקער מאַסע געברויכער, האָט אָנגעשטעלט איר ציל צום מיליאָן און גענומען זיך אַרויפאַרבעטן צו אַ גרויס געשעפט — צוערשט די באַלעבאַטישע צייטונג, דערנאָך די סאָציאַליסטישע, וואָס — זייט 1903־1904 — האָט זי גענומען אָניאָגן און אַריבעריאָגן די באַלעבאַטישע צייטונג. אַזוי אַרום — האָט דער אַמעריקאַנישער פאַרנעם זיך אויך אָפּגערופן מיט אַ געוויסער קוואַליטעט אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט איר ערשטע און פאַר אַ לאַנגער צייט איר איינציקע היים אין דער צייטונג. די אַלהערשאַפט פון דער צייטונג איז טיפּיש פאַר אַמעריקע בכלל, און דאָס וואַקסנדיקע יידישע צייטונגס־געשעפט האָט מיט פאַרגעניגן זיך צוגעכאַפּט צו אָט־דער אַמעריקאַנער פּריווילעגיע. געשעפט אין אַמעריקע האָט באַפעלערישע, דיקטאַטאָרישע מאַכט. אָט־די צייטונגס־דיקטאַטור האָט עס באַוויזן נישט נאָר דעם בפירוש טאַלאַנטפולן ליבינען, וועלכער איז בטבע קיין עקשן נישט געווען, נאָר די גאַנצע פּיאָנערישע ליטעראַטור אַריינצושפּאַרן אין קלעם — מיטן כוח פון אַמעריקאַנישן „פּאַרנעם", וואָס מעסט אויך ליטעראַטור מיט דער מאָס פון „דערפאָלג", וואָס דער גראָבער טייטש דערפון איז — וויפיל האַרטע ממתקים זי שטעלט צו צום געשעפט.

(איינגעקלעמטע אין געשעפט־רעזשים, וואָס האָט פאַרענגט און צעקוועטשט זייער בליק און פען, האָבן די פּיאָנערן־שריפטשטעלער דערוייל פאַרזען די טייערע אַמעריקאַנער מעלה, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין מאַטעריעלן פאַרנעם, און זיי האָבן געלאָזט אַנדערע, „געסט", ביי זיי זי אויסכאַפּן, ווי מיר וועלן עס באַלד זען).

ווען די חסרונות פון דער פּיאָנערישער ליטעראַטור וואָלטן געבליבן אירע אייגענע, וואָלט זי אפשר זיי לייכטער בייגעקומען. זענען זיי אָבער אויפגעכאַפּט געוואָרן פון צייטונגס־געשעפט, וואָס האָט זיי גענומען קולטיווירן פאַר פּראָפיט. זענען די חסרונות מאַטעריאַליזירט

געוואָרן אין באַשטאַנד־טיילן פון מעטאַלענעם צייטונגס־רעזשים. און דער הויפּט־חסרון — די אויבערפלעכלעכקייט — וואָס די פּיאָנערישע ליטעראַטור האָט מיטגעבראַכט פון געבורט, האָט זיך באַצויגן ווי מיט בלעך, און יעדער פּרוב צו פאַרטיפן די ליטעראַטור האָט גלייך זיך אָנגעשלאָגן אָן דער האַרטער בלעכענער אויבערפלעך און איז אָפּ־געשפּרונגען אויף צוריק — וואָס דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די ליטע־ראַטור האָט נישט זוכה געווען צו אַ נייער געבורט דורך אַן אָפענער מרידה קעגן דער צייטונגס־דיקטאַטור.

קאָנען מיר איצט איבערגיין צו דער מלחמה, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן קעגן צייטונגס־רעזשים — אַ מלחמה, וואָס האָט סוף־כל־סוף אויסגעלייזט די ליטעראַטור פון צוואַנגס־דינסט צום רעזשים. די איניציאַטיווע איז געקומען פון די טרעגער פון דער ירושה־טענדענץ.

ס'איז דאָך קלאָר, אַז די תכלית־טענדענץ, ווי זי האָט זיך דאָ אויסגעפורעמט, איז געווען אין דירעקטער קעגנערשאַפט צו דער ירושה־טענדענץ, ווייל אַ ליטעראַטור אָן זכרונות און אָן זכות אָבות. נישט נאָר האָט זי געיאָגט פון זיך די ירושה, נאָר זי האָט פאַר איר קיין געברויך נישט געהאַט, נישט געקאָנט געברויכן. אָבער פון אַרום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט די ירושה־טענדענץ גענומען זיך דורכ־שפּאַרן און אַלץ קענטיקער זיך מאַכן, ווייל צוויי פּאָעטן, וואָס האָבן זייער פּאָעט־באַוואוסטזיין מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, האָבן שוין דאָ געווירקט, ציענדיק זייער פּאָעטישן חיות פון ירושה־רעזער־וואואַר — און האָבן גראַדנווייז אַרויפגעפּרעסט זייער השפּעה אויף דער ליטעראַטור.

דער ערשטער איז געווען א. ליעסין, וועלכער, זייט זיין קומען אַהער — אין 1897 — ביז היינט צו טאָג, איז דער הויפּט־רעפּרעזענ־טאַנט פון דער ירושה־טענדענץ אין אַמעריקע.

אין מינסק, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, און וואו ער האָט אַלס יונגער מאַן אין די פריע צוואַנציקער, איינגעשטעלט זיין ליד, האָט ער, אָן שום פאַרבינדונג מיט די דעמאָלטיקע יידישע ליטעראַטור־קרייזן, אין געציילטע עטלעכע יאָר — פון אָנהייב ביזן מיטן פון די ניינציקער יאָרן — געשטיצט אויף אייגענער דערפאַרונג, דורכגעמאַכט די גאַנצע עוואָלוציע פון דער יידישער ליטעראַטור פון מענדעלען ביז פּרצן. פּונקט ווי פּרץ, האָט ער די גרויס־תכליתדיקע טענדענץ צוגעפּירט צו דער

ירושה־טענדענץ, אָבער אַנדערש ווי פּרץ.

אָנגעהייבן האָט פּרץ אַלס פּאָלקספּריינטלעכער משכּיל, צום סאָ־ציאַליזם איז ער איינגעלאַדן געוואָרן. האָט פּרץ לכתּחילה געגעבן הילף אין גייסט פון זיינע איינלאַדער — די אַרבעטער אינטעליגענטן — דעמאָקראַטיזירטע, פּראָלעטאַריזירטע השׂכּלה־הילף. אָבער באַלד האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז פאַר זיין געפיל און געשמאַק איז עס אַ קנאַפּע הילף. די ראַעאַליסטישע, אַגיטירנדיקע, אָרעמקייט־שילדערנדיקע דערציי־לונג ליפערט נישט גענוג קראַפט. וואָס־זשע האָט ער ווייטער געטאָן? אַ טרעגער פון אַ רייכער ירושה, אַן אָנגעלאָדענער מיט פּעק, וואָס די טראַדיציע, שוין אַ דורכגעלופּטערטע פון דער השׂכּלה, האָט אים מיט־געגעבן, האָט ער גענומען אויספּאַקן זיינע פּעק, ליטעראַריש זיי איבער־פורעמען אין סימבאָלישע דראַמען און פאָלקסטימלעכע מעשׂיות, פאַר־פּוצנדיק זיי מיט שיינקייט און חן, זיי זאָלן זיין אָנגענעם פאַרן אויג; און ער האָט זיי אויסגעשטעלט אין זיין ליטעראַרישן שויפענצטער און מודיע געווען: דאָס זענען אוצרות פון קראַפט — פאַרנוצט עס גע־זונטערהייט! — אַליין נישט אַקטיוו אין דער צוגרייטונג פון דער אַרבעטער־אַקציע, איז ער געשטאַנען און פונדערווייטנס גערופן צו דער אינטעליגענץ: „קומט, זעט און נעמט".

איז די אַרבעטער־אינטעליגענץ געקומען, געזען און — נישט גענומען! ווייל זי האָט נישט געוואוסט ווי צו נעמען, ווי צו פאַרנוצן „געזונטערהייט" די פאַרוואַנדלטע מאָראַל־ענערגיע פון דער „גאָלדענער קייט" און פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פאַרן סאָציאַליזם און פאַר רעוואָלוציע. וואָרום נאָך אַלעמען איז פּרצעס הויפּט־אינטערעס געווען יידישע ליטעראַטור. מיט זיין גאַנצער שעצונג פון לעבנסדינסט, איז דאָס לעצטע און ענדגילטיקע פאַר אים געווען — צו שאַפן יידישע ליטעראַטור. און וויפיל די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען נישט אַן אַריינפיר צו אַן אייגנאַרטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס פאַרוואַנדלט פרומע טראַדיציע אין מאָדערנער מאָראַל־ענערגיע, איז די פאַרוואַנדלונג נישט דערפירט ביז צום געברויך מאָמענט. די „גע־שיכטן" גייען נישט אַריבער די גרענעץ פון דער היינט־גילטיקער ליטעראַטור, וואָס באַנוגנט זיך מיט אויסשטעלונג. די אויסשטעלונג פון די אוצרות איז פאַרבליבן אַ ליטעראַטור־אונטערנעמונג — אַ זאַמלונג פון ליטעראַרישע פּערלען.

א. ליעסין, אַליין אַ טרעגער פון סאָציאַליזם און אַליין אויך אַ טרעגער פון איינגעפרעסטן באַרג ירושה — און געטראָגן האָט ער עס אין סאַמע הייסן מאָמענט, ביי דער סאַמע געבורט פון יידישן סאָציאַליזם — ווען ער האָט פאַרנומען דעם רוף צו אַקציע, האָט ער אים נישט פאַרנומען פון פרעמדע מיילער. אַליין דער אינטעליגענט, אַליין דער איינלאַדער, האָט ער פריער פון אַלעמען זיך דעם ערשטן איינגעלאַדן. און ווען ער האָט דערפילט די פאָדערונג אויף נייעם כוח — דורך ירושה־פאַרוואַנדלונג — איז עס געווען זיין פערזענלעכסטע פּראָבלעם. ער האָט נישט געקאָנט אָפּקומען זיין חוב מיט אַ ליטעראַרישער אויסשטעלונג פון פאַרוואַנדלטן כוח און מיט שטיין פונדערווייטנס און רופן: קומט, זעט און נעמט! — נאָר אַליין האָט ער געדאַרפט נעמען און טראָגן דעם באַרג ירושה און איבערשמעלצן אים אין כוח, כדי טאַקע גלייך אויפן שטעל אים צו פאַרברויכן.

אמת, אויך מיט אַ הויפּט־אינטערעס פאַר ליטעראַטור, אָבער נישט דער הויפּט־אינטערעס. מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן דרך־ארץ פאַר זיין פונקציע אַלס פּאָעט, איז דאָס לעצטע און ענדגילטיקע פאַר אים פערזענלעך געווען לעבנסדינסט. דערכּ...ר, אַנדערש ווי ביי פּרצן, האָט דער גרויס־תכליתדיקער צוועק ביי אים איבערגעוואויגן. נישט נאָר פאַרענטפערט ער און באַרעכטיקט זיין ליד, נאָר מאַכט עס אומבאַדינגט נויטיק. זיין ליד איז געשפּאַנטער רוף צו אַקציע. די סאַמע פונקציע פון ליד איז די צושטעלונג פון קראַפט, די איבערזעצונג פון דער ירושה־ענערגיע. וועגן דעם טאַקע איז דאָס ליד.

וואָרום וואָס האָט זיך געפאָדערט פון אַ ליד, וואָס איז געווענדט געווען צום מינסקער יידישן אַרבעטער? עס זאָל צוגרייטן אים צום קאַמף מיטן יידישן בעל־הבית? איידער ער האָט נאָך זוכה געווען צו פאַרפירן דעם קאַמף מיטן בעל־הבית, איז ער שוין געשטאַנען אין קאַמף מיט דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע. האָט דאָס ליד געדאַרפט אים צוגרייטן פאַרשיקט צו ווערן אין סיביר, אומצוקומען אויף דער תליה, און האָט אים געדאַרפט טרייסטן מיט דעם צוזאָג פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע, וואָס וועט ברענגען די גליקלעכע צוקונפט־אָרדענונג. טוט דאָס ליעסינס ליד. און וואו זאָל דער יידישער אַרבעטער נעמען כוח אָנצופירן דעם קאַמף און אויסצוהאַרן ביז צו דער רעוואָלוציע? שטעלט ליעסין אים צו דעם כוח דורך ליד, — פון דער ירושה; ער נעמט דאָס בלוט פון דערהרגעטן נביא, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט

איינשטילן, און שענקט עס אַוועק דעם מאַרטירער־רעוואָלוציאָנער — („נאָר ניין, עס קען נישט, עס גייט נישט פאַרלאָרן קיין איינציקער טראָפּן מאַרטירערשע בלוט" — "מאַרטירער־בלוט") און ער נעמט דעם אַחרית הימים פון ישעיה און איז מנדב אויף דער רעוואָלוציע — („עס וועט קומען די צייט, און די צייט איז נישט ווייט" — „צום נייעם יאָר").

און, ועל כולם, די גאַנצע לופט פון די אַלע רעוואָלוציאָנערע לידער איז אָנגעאָטעמט פון איין יידישן גרונט־געפיל. און זייער הינטער־גרונט איז דאָס ליד „דער אייביקער ייד" — אַ הימנע צו דער אייביק יידישער עקשנות פון אַ פאַרשפּעטיקטן גלות־נביא — די עקשנות, וואָס האָט אים ווי פאַרכישופט קעגן אַלע סכנות. געפינען מיר, אַז די קרעפטיקסטע און ריטמישסטע שטעלן אין זיינע לידער זענען די, וואו עס רופט זיך אָפּ די פּראָצעסיע פון אייביקן יידן דורך די צייטן. ס'הערט זיך כסדר: — „עס ציט זיך דורך ענדלאָזע דורות און ציט דער געוואַלטיקער פעלקער־געשלעג; עס ציטערט דאָס שלאַכטפעלד מיר אונטער די טריט" — די אַריינפירנדיקע שורות צום „אייביקן ייד".

איז די עובדאָ פון ליעסינס ליד די פאַרהייניטיקונג פון דער יידישער געשיכטלעכער ענערגיע. דירעקטע ירושה־פאַרוואַנדלונג. פון הארץ, פון קאָפּ, פון דער ירושה גלייך אין ליד אַריין. וואָס דערמיט אונטערשיידט עס זיך פון פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס האָבן געדאַרפט האָבן אַ ליטעראַריש געבילדעטן אויסטייטשער צו פאַרענדיקן די ירושה - פאַרוואַנדלונג פאַרן געברויכער. ליעסינס ליד טוט די גאַנצע אַרבעט. עס איבערזעצט ביז צו פאַרענדיקונג פאַרן באַלדיקסטן געברויך די פאַרצייטיקע מסירת נפש אין הייטצייטיקער העלדישקייט — עס איז דירעקטע דערלאַנגונג.

די קונסט פון דירעקטער דערלאַנגונג איז די שווערסטע. דער דירעקטער וועג איז אַ שטרויכלדיקער. די טראַדיציע פון ליטעראַטור, און פון קונסט בכלל, איז דער אומוועג, דער וואונק, דער סימבאָל, וואָס שפּילט אַרום אמת. און עס איז פאַראַן אַפילו אַ מיינונג, אַז דער תמצית פון קונסט איז דער שפּיל אַרום אמת, וואָס דערלאַנגט נישט דעם אמת. אינדירעקטע אָנצוהערעניש האָט די מעלה, וואָס זי גיט פון זיך סוגעסטירנדיקע קראַפט, און לאָזט לייכטער אָנטאָן אויף זיך קינסט־לערישע פאָרם. און צווישן פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", די

קירצערע, זענען פאַראַן פאַרענדיקטע קונסט־ווערק. דירעקטע דער־לאַנגונג, כדי צו דערהייבן זיך צו אַ קינסטלערישער מדרגה, דאַרף כסדר אונטערשטיצט ווערן פון פאַטאָס, וואָס אין שוואנג פון באַרעדעוו־דיקייט נעמט וואַרפן פון זיך מיט בילדלעכקייט. אָבער מיט דעם סימן דירעקטקייט — דירעקטע ירושה פאַרוואַנדלונג — איז ליעסינס ליד געוועזן נאָך אַ בפירושער אָנזאָג, ווי פּרצעס „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן", אויף אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס וועט זיין אַנדערש פון אַנדערע ליטעראַטורן — אַ ליטעראַטור, וואָס וועט זיין מער ווי ליטעראַטור: זי וועט פּראָדוצירן מאָראַל־ענערגיע מיט קינסטלערישע מיטלען פאַר די־רעקטן לעבנס־געברויך.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער אונטערשייד לאָזט זיך אַרויס־נעמען פון פאַרגלייך צווישן ליעסינען און פּרצן: — אַזוי ווי ליעסינס ליד איז דירעקט אַדרעסירט געוועזן צום אַרבעטער, וואָס האָט נישט געטראָגן אין זיין זכרון קיין צופיל זכרונות; און אַדרעסירט געוועזן אין אַ שפּראַך, אויף וועלכער קיין ספרי־תורות זענען נישט געשריבן גע־וואָרן, איז ליעסינס אַרבעט געווען „פון־אָנהייב־אָן" — פאַר מענטשן מיט גאָר אַ רויען זכרון. זיין ליד באַרופט זיך אויף קיין טראַדיציע נישט, באַנוצט זיך מיט קיין פאַרטיקע לעגענדעס נישט, נעמט נישט די ירושה פון זכרון. די „צוויי תפילות" — וואו אַ גלח פון דער אינ־קוויזיציע פאַרברענט אַ רב — דאָס איינציקע ליד פון מינסק, וואָס דערבנעענט זיך צו זיינע שפּעטערדיקע געשיכטלעכע לידער — איז זיך נישט סומך אויף קיין פאַרשריבענער לעגענדע. אַ מעגלעכער געשיכט־לעכער פאַקט איז גענומען ווי אַ היינטיקע פאַסירונג. נאָר דאָס היינטי־קע פון געשיכטלעכן איז גענומען. נישט די געשיכטע, נאָר די לעקציע פאַרן היינט איז דער עיקר. וואָס ליעסין האָט יאָ גענומען פון דער ירושה, איז די נשמה־שפּאַנונג, דעם רעזולטאַט פון דער ירושה, וואָס ער האָט דערטראָגן אין זיך. די קאָנצענטרירטע ענערגיע פון דורות.

מיט זיין „פון־אָנהייב־אָן"־צוגאַנג האָט ליעסין ווי דערלאַנגט אַ האַנט איבערן אָקעאַן צו די פּיאָנערן־שאַפער פון דער יידישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע, און ער וואָלט געדאַרפט ווערן דער געוואונטשנ־סטער שותף זייערער ביי זיין אָנקומען אַהער אין 1897; ער איז דער באַרופענער געווען אַריינצוטראָגן די זייער בויטיקע קאָרעקציע אין זייער „פון־אָנהייב־אָן"־מענדעניש, וועלכע איז ביי זיי געווען אויסגעטאָן ירושה־

נאָקעט, בעת זיין „פון־אָנהייב־אָן" איז געווען איניקסט אַריינגעטאָן אין דער ירושה. ניו־יאָרק האָט אים באַדאַרפט האָבן. און ער האָט באַדאַרפט האָבן ניו־יאָרק. ער — ניו־יאָרק? ווי אַזוי?

ליעסין האָט געהאַט מיטצונעמען קיין ניו־יאָרק נישט נאָר אַ פּאַרמעגן, נאָר אויך אַ פּראָבלעם.

דאָס האָט צו טאָן געהאַט מיט די ספּעציעלע שוועריקייטן, וואָס ער האָט געהאַט אַלס דירעקטער דערלאַנגער פון קראַפט און אַלס אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן", וואָס גלייך מיט דעם אָנהייב האָט ער שוין געדאַרפט געבן די שפּאַנונג פון טויזנטיעריקער ירושה — האָט ער געדאַרפט אָננעמען ספּעציעלע מיטלען אויף צו האָדעווען דעם פּאָעט און אויף שמידן זיין אינסטרומענט. זיין הויפּטמיטל, נאָכן אייביק־ייד־ליד, איז געווען נאַטור־ליד. נאַטור - לידער בכלל זענען נויטיק פאַר דער אָנלאָדונג מיט פּאָעט־באַוואוסטזיין. זיי גיבן די שטילע פּויזן, וואָס לאָזן אָנקווועלן געמיט. וויפיל ליעסינשן געמיט אָנטפּלעקן זיי? אין די פרילינג־לידער זענען די באַריר־פּונקטן מיט זיין געמיט דער „עפּעס", דער אימיצער, וואָס טרייבן כישוף אין דער לופטן. דער אויסדרוק פאַר דעם קומט צו אים גערן:

און עפּעס הימל־העלעס דרינגט
אַריין אין זעל מיר און באַצווינגט.

און — „ווי ווער, אַ ליכט־אַנטציקטער שוועבט אין גאָלד און בלויקייט אויסגעוועבט". — אָבער פאַר דעם רויש און רעש און פאַרשיכרונג דאַרף ער די ווערטער צונויפטרייבן מיט כוח. איז עס געקומען מיט מוח. די אָסיען־נאַכט־לבנה־לידער זענען שוין אַ סך בעענטער צו זיין געמיט — זיי גיבן אים די קוועליקסטע פּויזן. זיי רידן צו אַ פאַר־זענלעכער שטימונג, צו עפּעס אַ שטילער ליכטיקער פאַרקלערטקייט, צו אַ באַשטראַלטער מילדער מעלאַנכאָליע. דאָס ליד „לבנה־נאַכט" — דאָס געלונגענסטע פון דער מינסקער סעריע נאַטור־לידער — גיט דעם באַשייד פון וואַנען עס פלעגט קומען צו אים די ליכטיקע פאַרקלערטקייט אין די שעהן, ווען ער פלעגט רוען פון אַגיטאַציע־טומלעניש:

„עס פאַלן די שטראַלן אויף בערג און אויף טאָלן, אויף פעלדער און וועלדער און הילן זיי איין אין צאַרטער פאַרקלערטקייט, אין טויז־לייכטן טרויער, אין ווייכן, אין בלייכן, אין בלוילעכן שיין. עס שפּרייט זיך דער חלום, אַ היילונג פאַר זעלן וואָס וואָגלען גלגולים אין עלנט און לייד" . . . — דאָס איז באַלייכטונג פאַר דעם וואָגלער, בע־ונדניק,

דעם וואַנדערער. לבנה־ליכט ענטפערט דעם אייביקן ייד אין אים. די לבנה־באַלייכטונג פון גייסט — ווי ער באַצייכנט עס אין אַ שפּעטערדיקן ליד — איז די באַלויכטענע אַרענע פאַר דער פּראָצעסיע פון אייביקן יידן. דער ריטם איז אויך אַ דערווייטערטער אָפּהילך פון דעם טראָט פון אייביקן יידן. ווען די נאַטור איז שטיל און דרימלט, הערט ער אים. און דאָס וועט שפּעטער זיך נאָך מער באַשטעטיקן: אומעטום אין דער נאַטור וועט ער זוכן דעם אייביקן יידנס אַרענע — אין ים, אין באַרג, אין וואַלד, אין ווינטערס, פרעסט, זאַווערוכעס, אין נאַכט, וואָס שפּאַרט דורכן פענצטער און אין נאַכט פון זיין געמיט.

איז דאָס נאַטור־ליד, וואָס האָט געדאַרפט האָדעווען זיין פּאָעט־באַוואוסטזיין און פורעמען זיין אינסטרומענט, אויך אָנגעקניפּט געווען אָן אייביקן יידן, וואָס האָט געשפּייזט מיט התלהבות דעם אינהאַלט פון יין ליד. איז דאָס געווען זייער אַ מזלדיקע קאָמבינאַציע פאַר אַ פּאָטענציעציעלן גרויסן פּאָעט: אינהאַלט און אינסטרומענט — ביידע פון איין גרונט־אָפּשטאַמונג.

און וואָסערע נאָך מיטלען האָט ער פאַרמאָגט אויף צו שמידן זיין אינסטרומענט? די טעכניק פון זיין ליד איז די מוזיק. קלאַנג איז געווען איינגעבאָרן אין זיין געהער. קלאַנג איז דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר. זיין סטראָפע איז פריער פון אַלץ אַ קלאַנג־קאָמפּאָזיציע. ער קאָן וואַריאירן דעם ריטם דורך אַלערליי פערז־מאָסן. ער קאָן איבערגיין פון ריטם צו ריטם, נישט ענדערנדיק דעם קלאַנג־פוס, די זילבן־צאָל, אַקצענטירנדיק אין איין סטראָפע דאָס פאַרלעצטע וואָרט פון דער שורה, און אין דער צווייטער סטראָפע אַריבערטראָגנדיק דעם אַקצענט צום צווייטן וואָרט פון אָנהייב — און ער דערגרייכט עס בלויז דורך אַ קלאַנגען־אָפּקלייב אין די אותיות און דורך גאַנצע ווערטער, וואָס ציען צו זיך דעם אַקצענט דורך דער וואָג פון זייער זין. — איז דאָך גוט. נאַטור־ליד, קלאַנג שטייען אים צו געבאָט . . . איז דאָס דאָך אַלץ פאַרמעגן. — וואו־זשע איז דאָס פּראָבלעם?

נאָר לאָמיר זיך נאָכאַמאָל איינהערן אין זיין ליד: די קלאַנג־קאָמפּאָזיציע איז די איינפאַסונג פון ליד. אָבער אינעווייניק, אין דער ראָם פון קלאַנג, איז דער געדאַנק דער קאָמאַנדיר, דער אויספירער, וואָס באַפעלט און דיקטירט דעם זין־אָפּקלייב פון די ווערטער. דאָס איז שוין נישט אַזאַ מזלדיקע קאָמבינאַציע. און געדענקען דאַרפן מיר, אַז

מען האָט בכלל נאָך גערדאַרפט האָרעווען אויפן יידישן וואָרט, און ליעסין דערצו איז נאָך נישט באַהעפט געווען מיטן יידישן ליטעראַטור־שטראָם; זיין סאָציאַליסטישע אידייאישקייט און די גאַנצע מאָדערנע באַוואוסט־זיניקייט זיינע, אין אונטערשייד פון גערירשנטן ייד־באַוואוסטזיין, האָבן געדענקט רוסיש — און ווען דער געדאַנק איז ביי אים געווען דער קאָמאַנדיר, האָט ער נישט געקענט אָנשעפן גענוג שפּראַך־אויסדרוק, וויפיל זיין געדאַנק האָט פאַרלאַנגט — איז די שפּראַך פון זיין מינסקער ליד פאַרבאַגריפלעכט, פאַראידייאיזירט, שלאָגט אין אַבסטראַקט אַריין. האָט איר כסדר ביי אים ווערבן, וואָס ווערן אַדיעקטיוון און סוב־סטאַנטיוון, וואָס טייטשן איינע די אַנדערע. ספּעציעל אויף די באַגריפן שטראַלן און שאַלן. דער שטראַל ווערט ביי אים אַ גאַנצע אַלעגאָריע אויף ליכטיקייט: „נאָר ווי דער ערשטער פרילינג־שטראַל, מיט וואָ־רעמקייט און ליכט אַ שלל, ער טוט זיך נאָר אַ ווייז . . .” (און אַפילו שפּעטער אין ניו־יאָרק: „דער באַלעבנדיקער שטראַל” — „דער שטראַל טונקלט זיך” — „דער שבת־שטראַל”). די ליכט־שטימונג איז פאַר־האַלטן אין מוח. דאָס וועט שווערער מאַכן די אַרויסוויקלונג פון זיין פולער פּאָעטישער קראַפט. אָבער עס איז נישט אַזאַ מניעה, וואָס מען קאָן נישט איבערקומען. דעריין איז ליעסין נישט געווען דער איינ־ציקער. באַוואוסטזיניקייט, געדאַנקלעכקייט איז נישט קיין ספּעציעלע ליעסינישע אייגנשאַפט. בדרך כלל האָבן מיר יידן שכל. מיר קאָנען גאָר קיין נאַראָנים נישט זיין. און מיט שכל אַלס פאַרויסגייער צו קינסט־לערישקייט צייכענען זיך אויס אַלע אונדזערע שריפטשטעלער: מענ־דעלע, און אַפילו שלום־עליכם, און פּרץ אַוודאי. קאָפּ איז שלעכט, ווען עס איז טרוקענער שאַרבן. אָבער קאָפּ, וואָס איז איינס מיט האַרץ, עמאָציע מיט אָנגעצילעוועטקייט צו אידייע, איז אַ ברכה. והראיה, פּרץ מיט זיין גוטן קאָפּ האָט געמאַכט יום־טוב אין דער יידישער לי־טעראַטור. עס איז אַ הויפּט־פּראָבלעם, וואָס קאָן עד היום נישט אויס־געמיטן ווערן. — ווי פאָרט מען אידייאישע תכליתדיקייט מיט קינסט־לערישן געמיט? ווי לאָזט מען דעם באַוואוסטזיין אַראָפּזינקען אין אונטערבאַוואוסטזיין, פון וואַנען די אידייען שיסן זיך צוריק אַרויף, איינגעלייבלעכטע אין זאַפטיק אָנגעקוואָלענעם וואָרט, איינגעפּאַסטע אין בילד, פאַנטאַזיע? און ס׳בלייבט אַ פּראָבלעם ביז עס קומט נישט צו אָט־דעם פּסיכאָלאָגישן סינטעז. און יעדער יידישער שריפטשטעלער האָט זיך זיין וועג ווי צו לייזן דאָס פּראָבלעם. פון דער געלונגענער

לייזונג הענגט אָפּ זיין גוטער שריפטשטעלערישער גורל. אין ליעסינס פאַל איז דאָס פּראָבלעם געשטאַנען האַרבער: ער האָט פון אָנהייב אָן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם וואַכזאַמסטן באַוואוסטזיין; דער מוח האָט בסדר געאַרבעט ביי אים קאָכעדיק אינטענסיוו. בטבע אַ חריף, איז די חריפות נאָך אַרויסגעפאָדערט געוואָרן ביי אים צום פאָדערגרונט פון באַוואוסטזיין דורך זיין סאָציאַליסטישער פּירערשאַפט. ער האָט אָנגעפירט אַן „אָפּאָזיציע" קעגן די „אַגיטאַטאָרס", וואָס האָבן פון דעם יידן בישט געוואָלט וויסן. זיינע דעבאַטן־דועלן מיט זיי האָבן בויטיק געמאַכט שאַרפזין גלייך אויפן אָרט צו שטעכן מיטן אָנגעשליפענעם שפּיץ פון געדאַנק, צו שניידן מיטן חלף פון אַנאַליז. דערצו אַלס פּאָעט — דער גרויסער בעל־תכלית, דער דירעקטער דערלאַנגער פון קראַפט, וואָס דאָס האָט ווידער אַמאָל געצונדן און געשרפהט זיין באַוואוסטזיניקייט.

דערפאַר אָבער אַלס שכר איז אים פאַרגעשטאַנען אַ פיל גרעסערער געווינס: — געגרונטעוועט איז זיין באַוואוסטזיניקייט געווען אין אַ געפיל, וואָס האָט געברענט אין אים מיט אַן אומפאַרלעשלעכן פייער — אין זיין אייביק־ייד־עמאָציע. און עס איז געווען פאַרויסצוזען, אַז ווען ביי אים וועט קומען צו אַ סינטעז, וועט ער נעמען ריידן די אָנגעלאָדנסטע נשמה־שפּראַך, וואָס וועט האָבן אין זיך אי די קלאָרקייט פון רעיון, אי די שפּאַנונג פון געפּרעסטער ענערגיע. איז אָן אַ שיעור פאַר אים וויכטיק געווען, אַז זיינע אינטואיטיווע אידייען־פונקען, איידער נאָך זיי ווערן איבערגענומען, געפּאַלמעסט צו ווערן פון זיין צו שאַרפן מוח, זאָלן זיך קאָנען אַרויפכאַפּן אויף אַ דרויסנדיקן מאַטעריעלן פונקט — אין סיסטעמאַטישער איבונג — יעמאָלט וועלן די ווערטער־פונקען, אויפן וועג פון דער טיף צום דרויסנדיקן אָנהאַלט, דערווייל גראָבן און אַקערן, זיך קנעטן און איינגעבאַקן ווערן אין זיין געמיט, ביז ער וועט זיך אויסאַרבעטן זיין אייגענעם יידישן לשון.

און צווישן די מינסקער לידער זענען פאַראַן אַ צאָל, וואָס באַשטעטיקן, אַז דאָרט וואו זיין לשון קריגט פאַר זיך ממשותדיקע אָנשפּאַרן, נעמט ער זיך איינהיימישן: — דאָס איז דאָס סאַטיריש ליד „צוויי תפילות" — די תפילה פון גלח, וואָס פאַרברענט, און די תפילה פון רב, וואָס ווערט פאַרברענט, און דאָס איראָניש ליד „דער עקספלואַטאַטאָר" — אַ קרעמערל, וואָס לייענט די „הצפירה", און פאַרקויפט פאַר אַ קאָפּיקע פוטער און פאַר אַ קאָפּיקע הערינג, און חלומט חלומות — דאָ איז ער שלמה המלך, און דאָ איז ער לכל הפחות באַראָן הירש.

דער שטויס צו ביידע לידער איז געקומען פון זיין פייער־קוואַל, פון דעם הייסן אייביק־ייד־אונטערגרונט — פון זיין יידישן אידעאַליזם. און אָנגעשטויסן האָט זיך דער אידעאַליזם אויף ווירקלעכקייט — אויף דעם יידנס געשיכטלעכער ווירקלעכקייט, וואָס גילט נאָך היינט — די שנאה פון דער קרעסטלעכער „ליבע" צום יידן, און אויף זיין היינט־היינטיקער ווירקלעכקייט — די יידישע פּרנסות, וואָס מאַכן אַ סך קליינע יידעלעך פון דעם איין גרויסן יידן, וואָס האָט געזאָלט זיין. ביידע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגן געשאַפענעם לשון. דער לשון, אי ער איז אָנגעצונדן מיט ליעסינישע פונקען, אי ער שניידט אַרויס ווירקלעכקייט־סימנים, ווי אַ מעסער ברויט.

דאָס איז אַ שטעלע אין די „צוויי תפילות", וואָס מעסערט דעם גלח: — די תפילה . . .

. . . איז שמאַלציק אַרויס פון אַ גלח,
אין ווייערעכשן וועקסענעם זינגען,
מיט גלאַצעניש פרומע, מיט סאַפּעניש טיפע,
מיט גלעקערנעם קופּערנעם קלינגען.

אָט אַזוי פלעגט זיין לשון געגעזן ווערן, צוזאַמען מיט זיין ליד, וואָס איז אויפגעשטעלט אויף לשון, ווען ער פלעגט פּאַקן אַ לעבעדיקע רעאַליטעט. און כדי צו פאַרפולקומען דעם פאַעט אין זיך, כדי צו קאָנען שמידן און שלייפן זיין ליד־אינסטרומענט, האָט ליעסין זיך געגויטיקט אין קאָנטאַקט מיט אַ לעבעדיקער רעאַליטעט, וואָס זאָל קאַפּאַבל זיין גאַנץ צו מאַכן די שפּאַלטונג צווישן זיין פאַרשפּיצטן אונטער־באַוואוסטזיין און פאַרשפּיצטן אויבער־באַוואוסטזיין — די שפּאַלטונג, וואָס האָט אָפּגעשפּאָלטן זיין לשון פון זיין צונג; וואָס דאָס האָט נישט געלאָזט זיין ליד וואַקסן און זיך פונאַנדערוואַקסן; נישט סתם אַ רעאַליטעט, נאָר אַזאַ, וואָס זאָל אַרויספאָדערן פון אים און אויפנעמען אין זיך זיין גאַנצע גבורה — פון באַוואוסטזיין, געמיט און אונטערגעמיט. ליעסין האָט געלעכצט־געהונגערט נאָך אַזאַ פולער רעאַליטעט. נאָך מער דערפאַר, ווייל זיין פּראָבלעם איז געווען נאָך האַרבער: דער מענטש, דער סאָציאַליסט איז אין אים געשפּאָלטן געווען. דערפאַר האָט ער אויסגעביטן מינסק אויף ניו־יאָרק. — סטייטש, מינסק, זיין היים, וואו ער איז מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן געווען אין לעבעדיקער רעאַלי־טעט, זייענדיק דער אָנפירער פון אַן „אָפּאָזיציע", וואָס האָט געציילט

מער אַנהענגערשאַפט ווי די אָפיציעלע באַוועגונג — מינסק האָט נישט געטויגט פאַר דעם? ניין, מינסק האָט נישט געטויגט. מיר האָבן עס פון אויטאָביאָגראַפישע קוועלן, און מיר האָבן אַ באַשטעטיקונג דערויף אין אַ ליד — „אויפן שיידוועג" — פון יאָר 1895 — וואָס אויבן אויף איז דאָס פערזענלעכע ליריק —אַ קדיש נאָך דער יוגנט — אין דער אמתן אָבער איז דאָס אַ קלאָג־ליד אויף מינסק.

דאָס ליד מאַכט אַ סך־הכל פון זיין גאַנצן טון טאָן אין מינסק — „מיינע שטורמישע יאָרן זיי זיינען אַוועק אַזוי ווי אַ טומלדיק דריקנדער חלום" — „פאַרצאַרנט און טונקל גייט אונטער מיין וועלט . . ." — ער איז גענאַרט, גענאַרט! ס'איז אַלץ געווען אַ פאַרחלומטער הבל הבלים", — וואָס זאָל דאָס באַטייטן? זיינע שטורמיקע יאָרן אַוועק, ווען ער איז ערשט 23 יאָר אַלט געווען — אינמיטן פון זיינע שטייגנדיקע טריאומפן — אַ פירער, אַ פאָעט — וואָס־זשע האָט ער מער געדאַרפט? ווי־זשע קומט פּלוצלונג אַן „איכה ישבה בדד" מיט אַ הבל הבלים? און דערצו נאָך איז דאָס ליד באַטיטלט „אויפן שיידוועג" — וואָס פאַר אַ ברירה איז אים פאַרגעשטאַנען? וואָס פאַר אַן אַנטשיידונג האָט ער געדאַרפט מאַכן? וועגן דעם איז דאָך קיין וואָרט נישטאָ אין ליד.

אַ האַלבן ענטפער אויף דעם רעטעניש געפינען מיר אין די לעצטע צוויי שורות פון ליד:

„און איך זע און געפין נישט קיין רייץ און געדאַנק
אין אַלץ וואָס מיר שעצן און זוכן און ווילן!" —

אין זיין סאָציאַליסטישן בריהנען זיך אויך נישט. ער האָט זיך טאַקע אַרומגעקריגט מיט די „אַגיטאַטאָרס", אייַנטענהנדיק מיט זיי, אַז די גאַנצע יידישע „אָרעמקייט" דאַרף מאָביליזירט ווערן פאַרן קאַמף און זעלבסטהילף. אָבער ער איז געווען גענוג מאַרקסיסט אין האַרצן מיט זיי מסכים צו זיין, אַז בלויז אין אַרבעטער איז כוח און אַז דער כוח פון דער יידישער „אָרעמקייט" איז גאָרנישט ווערט. אָבער דער יידישער אַרבעטער אויף דער מינסקער יידישער גאַס האָט נישט וואו זיינע אָרעמס צו צעשפרייטן — וואו־זשע איז דער אויסוועג? דערפון די פאַרצווייפלונג, דערפאַר ס'געפיל, אַז אַרויסגעוואָרפן זיינען זיינע בעסטע יאָרן.

און דאָ איז צו אים דערגאַנגען, אַז אין דער ווייטער ניו־יאָרק

זענען דאָ 30 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער — און עס האָט אים אַ הייב געטאָן פון מינסק.

ביידע האָבן געדאַרפט האָבן ניו־יאָרק, אי דער סאָציאַליסט, אי דער פּאָעט, וואָס שטיצט אים און ווערט פון אים אונטערגעשטיצט.

אָנקומענדיק אין מאַי 1897 פון מינסק קיין ניו־יאָרק, איז ער אַריינגעפאַלן מיט זיין געזונטן קאָפּ אין נאָך אַ קראַנקערן בעט. יאָ, אמת, ער האָט טאַקע געפונען 30 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער, און זייער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן. אָבער בלויז נאָך דער גרויסער ציפער האָט ער זיך דען געיאָגט? זיין אָרגאַניזירטער יידישער קלאַסן־קאַמף האָט געדאַרפט געשפּייזט ווערן מיט גרויסע יידישע זאָרגן, מיט דער היץ פון אייביק־יידישן פלאַם־פייער. דערפאַר איז ער, אַ חוץ סאָציאַליסט, אויך געווען אַ יידישער פּאָעט.

האָט ער געליטן טאָפּלטן אָנווער: דאָרט אין מינסק — פלאַם־פייער, ריזיקע, גרייטקייט צו באַגעגענען סכנות. ווי קליין די באַוועגונג איז נישט געווען לגבי ניו־יאָרק, האָט די שכינה געשוועבט איבער איר. קיין שום שכינה אָבער האָט דאָ נישט געשוועבט. גרויסע סטרייקס פלעגן אַפילו אָנבלאָזן פאַרגרעסערטע התלהבות, אָבער באַלד דערויף פלעגט די התלהבות זיך אָפּקילן ביז אַ טעפּעלע לינדזן. דאָרט אַ געדיכטער יידישער קיבוץ, איבער וועלכן ס'האָט שוין געווייעט אַ ווינטעלע פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דאָ איז פון דעם קיין זכר נישט געווען — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַוודאי נישט, אין דער ליטעראַטור אויך נישט.

די היילנדיקע רעאַליטעט, נאָך וועלכער ער האָט געגאַרט, וואָס האָט געדאַרפט אויפריכטן אי דעם סאָציאַליסט אי דעם פּאָעט אין אים, האָט ער דאָ נישט געפונען. איז ער געבליבן אויסגעשטעלט מיט זיין יידישן סאָציאַליזם און מיט זיין יידישן ליד.

ליעסינס לידער פון די ערשטע יאָרן אין ניו־יאָרק זענען דערמיט אַנדערש פון זיינע מינסקער לידער, וואָס זיי גיבן צו פילן, אַז זיי פאַלן אויף אַ האַרטן, קאַלטן געהער, זיי קלאַפּן אָן אַ דעק, וואָס לאָזט זיך נישט דורכברעכן. מען קאָן נאָכפאָלגן פון יאָר צו יאָר, פון ליד צו ליד דאָס פאַרצווייפלטע ראַנגלעניש פון ליעסינס ליד מיטן היגן ליטעראַטור־געמיט, וואָס איז צוגעטוליעט געווען צום ציימונגס־רעזשים וואָס האָט זיך שוין געצייטיקט, איידער נאָך די ציימונג איז אַ געשעפט געווען.

אָבער דאָס ערשטע יאָר — 1897 — איז דווקא געווען איינס פון די פּרוכטבאַרסטע אין ליעסינס שאַפן. איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט דער פּאָעט, נאַטירלעך, זיך געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר זיין נייעם עולם:

ער שטעלט זיך פאַר אַלס רעוואָלוציאָנער. ער איז שולדיק געווען אַ רעפּאָרט וועגן רוסלאַנד. — עס פילט זיך גלייך, אַז ער רעדט צו זייטיקע צוהערער, וועמען ער דאַרף ערגעץ נישט רופן. ער שטעלט זיך פאַר אַלס ליריקער, אַלס זינגער פון נאַטור־לידער. דאָס בעסטע איז „אין דער פרעמד" — בעסער נאָך ווי די „לבנה־נאַכט". — נישט נאָר רופט זיך אָפּ די אָרעמע פון אייביקן יידנס פּראָצעסיע, נאָר אַ יונגער פרויס טרויערגעשטאַלט שפּיגלט זיך אין לבנה־שיין, מיט אַ גרויסער פּעולה: דאָס לבנה־ליכט איז אָנגעוואָרימטער. — אַ פרויען־געשטאַלט אין ליעסינס ליד — דאָס איז ווערט צו פאַרצייכענען.

און אָט האָט ער שוין דערקענט זיין נייע סביבה — מיט אַ גע־וואַלטיקער אַנטוישונג פאַר זיך. לאָמיר „די אַלטע היים" צושרייבן צו דער נאַטירלעכער היים־ווייז: „און איך האָב נישט פאַר וועמען צו שטאַרבן און איך האָב נישט פאַר וועמען צו לעבן" — אָבער „פון פינצטערן עבר" לאָזט הערן אַ סך מער. הגם קיין איין וואָרט פון אָפענער באַשולדיקונג, אָבער עס איז אַ קלאָג אויף אַמעריקע. אין מינסק איז דער יידישער עבר געווען פאַר אים אַ קוואַל פון מוט. דאָ אַ קוואַל פון יאוש. פון וואַנען יאוש? ווען ער טראַכט וועגן דעם עבר, פילט ער ווי ער וואָלט אַ בר־מינן געטראָגן אין האַרצן. די דער־קלערונג איז, ער ווייסט נישט וואו ער זאָל אַהינטאָן דעם עבר דאָ. — דריי מאָל ווערט אין ליד דערמאָנט: די „בעסערע צוקונפט", די „שטראַליקע צוקונפט", די „אַלמענטשלעכע צוקונפט" — און די איין פראַגע, וואָס ער פרעגט: „צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק? טאָ צו וואָס־זשע די ליידן יאָרטויזנטער לאַנג?" — איז דאָך אומזיסט געווען, הייסט עס, די גאַנצע מאַרטירערשאַפט? עס איז אַ פראַגע פון דעם ירושה־פאַרוואַנדלער. דאָס ליד איז וויכטיק, ווייל עס אָריענטירט אונדז וועגן ליעסינס צושטאַנד אין ערשטן יאָר פון זיין קומען: ער האָט דערפילט, אַז ער איז דאָ איבעריק מיט זיין באַרוף פון ירושה־פאַרוואַנדלער און פאַרהיינטיקער!

דאָך גיט ער נישט אויף. ער זאַמלט צונויף זיין גאַנצע גבורה אין

שפראַך און קלאַנג און מאַכט אַן אַטאַקע אויף אַמעריקע. זאָל זיין נישט ירושה. זאָל זיין, ווי מיר וואָלטן ערשט נעכטן געבאָרן געוואָרן — אין קעסל גאַרדן. ער ווענדט זיך צו זיינע צוהערער דורך דעם סימבאָל פון אַמעריקע — „די סטאַטוע פון פרייהייט". עס איז אַ לענגערע פּאָעמע אין דריי טיילן: די ערשטע טייל — די סטאַטוע ביי די וואַסער־טויערן פון ניו־יאָרק, די סטאַטוע זינגט פון דעם נס ניו־יאָרק — „פון דעם נס פון שטאָל און שטיין". צווייטע טייל — זי זינגט אַ ליד פון איינלאַדונג צו די פעלקער. דריטע טייל — דער חוזק־ענטפער פון ניו־יאָרק: אויף וואָסערע גליקן רופסטו זיי? — שלוס: אַ שפּין האָט אויסגעשפּרייט זיין שפינוועב איבערן פאַקל, נאָרט אַריין קרבנות און זויגט זיי. זיין גאַנצע קלאַנג־קונסט האָט דער פּאָעט אַריינגעטאָן אין דער פּאָעמע, ווי די סטראָפן וואָלטן געפירט אַ דיאַלאָג צווישן זיך דורך דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע ריטמס. ריטם אונטערגעהערט ביים שטראַלן־וועלן־ווירבל אַרום דער סטאַטוע: „די טאַנציקע, גלאַנציקע קינדער פון תהום־גרין". אַ ריטם פאַר דער רחבות פון איינלאַדנדיקע אָרעמס: „אָ, קומט איר פאַרוואָגלטע, אָ, קומט איר געדריקטע". די שורה עפנט אַ סטראָפע — די איינציקע אַרויסגעשפּרונגענע פון פּאָעטס טיפערן איך: ס'הערט זיך אַן אָפּהילך פון אייביקן יידנס פּראָצעסיע, וויל געווענדט צו די פעלקער־וואַנדערער.

די פּאָעמע איז כאַראַקטעריסטיש — זי האָט איינגעשטעלט דעם גאַנג פאַר אַ סך שפּעטערדיקע לידער. ער וויל באַגעגענען זיינע ביי׳ע צוהערער אויף זייער אייגענעם באָדן, אויף זייער פאַרשטיינערטער פלאַך. דעם מינסקער אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן" ציט אינסטינקטיוו צו די אַמעריקאַנער אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן" — ער וויל זיי אַ טובה טאָן: דורכבויערן זייער פלאַך, כדי צו עפענען אַ וועג צו זייער אינע־וויניק פאַר דעם טיפערן ליד. פאַרשטעלט ער זיין אייגענע טיף. אַליין אַ צוגעמאַכטער, פאַרבאַהאַלטנדיק זיין אייגנס, פון דער אויבערשיכט פון זיין געמיט, שליידערט ער פון קאָפּ אַרויס פאַרבילדלעכטן שאַרפן מוח, שפּיציק פאַראידייאַיזירטע קלאַנגען — און ער בויערט און שרויפט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז צוזאַמען מיט פונקען־שפּריצן פון אָנגעגליטער עמאָציע שרויפט ער אויך אַריין אין ליד די אָפּשפּרינגנדיקע מוח־אָפּשניצלעך — געדאַנק־שפּליטערס. און נישט געקוקט אויף זיין גוטן געהער, פאַרהערט ער, ווי טרוקענע קלאַנגען־סטרוזשקעס שרויפן זיך אויך אַריין: „וואו טעגלעך רק טרינקען זיך זונען־מיליאָנען".

דאָס ליד פון איינלאַדונג צו די פעלקער קאָן דינען ווי אַן אי־לוסטראַציע. די סטראָפע, וואָס עפנט זיך מיט דער שורה: אָ, קומט, איר פאַרוואָגלטע. אָ, קומט איר געדריקטע״. — האָט געקראָגן איר אימפּולס פון זיין יידישער טיף. זי איז דאַרום אָנגעלאָדן מיט געפיל, לאָזט הערן דעם שוואונג פון אַ געלאָף איבער אַרענע, מיט דער באַ־גלייטונג פון אַ בת־קול.

דער שוואונג געדויערט נאָך אין דער צווייטער סטראָפע, הגם שוין געשפּאָלטן אויף העלפט: דער געלאָף האַלט נאָך אָן, הגם שוין אויף אַ געבאָרגטן ריטם — באַ קאָלצאָוון — אָבער גיט נאָך אַלץ גוטן איינדרוק דעם געהער: „אין דער נייער וועלט, הינטער דעם אַטלאַנט, ליגט די רחבות גרויס, ליגט דאָס וואונדערלאַנד״ — אַ הימנע אויף אַמעריקע.

אין דער דריטער סטראָפע: — דער אימפּולס האָט זיך אויס־געלאָזט, אָבער דער אימפּעט טראָגט נאָך דעם געלאָף לויטן זכרון פון געהער: — „צווינגט ער די נאַטור אים צו דינען קלוג, און ער שפּאַנט זי איין אין זיין לעבנסצוג״ — דאָס איז שוין נישט קיין הימנע, נאָר אַ רעקאָמענדאַציע אויף אַמעריקע — דינער, געמוחטער.

די פערטע, די שלוס־סטראָפע איז נאָך דינער, נאָך געמוחטער — דער אימפּעט האָט זיך אויסגעליידיקט, דאָס געפיל האָט זיך אויסגעע־שעפּט. קיין זכר פון אימפּולס, וואָס האָט געגעבן געבורט דעם ליד. נאָר ער וויל נאָך אַלץ מאַכן אַ „טיף״ אין זיינע צוהערער, נישט שפּייזנדיק זיך פון דער אייגענער טיף. האַמערט ער די פלעך, — „אָ, קומט פון די אַלט־איינגעשרומפּענע וועלטן, פון אברים אין ציטער, פון הויט פון פאַרגעלטן, צו אונדז אין דער יונגקייט אַריין, צו אונדז אין דעם וואָגנדן שוואונג . . .״ — פאַרשפּיצט און אַבסטראַקט.

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין דערפילן, אַז דער עבר איז געבליבן ליגן אין אים ווי אַ טויטער באַלאַסט. ער האָט זיך גע־וואָלט באַגיין אָן זיין עבר־אינספּיראַציע. באַרויבט פון זיין הויפּט־שטיצע און אָנגעשטויסן אויף אַ דרויסנדיקער מניעה — די פאַרהאַר־טעוועטע פלאַכקייט פון זיינע ניו־יאָרקער צוהערער — האָט ער גע־דאַרפט פאַרטאָן דעם גאַנצן כוח פון זיין מוח אויף בייצוקומען די מניעה.

און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון זיין „פון־אָנהייב־אָן״ ביז זייער „פון־אָנהייב־אָן״ — איז אַ היפּשער מהלך.

אין זעלביקן יאָר 1897 האָט ער געמאַכט אַ נייע אַטאַקע אויף ניו־יאָרק — אַ לייכטערע — אַ פאַרזוך אויף אַן ערלעכן קאָמפּראָמיס. גוט, ער וועט נישט בויערן, ער וועט בלייבן מיט זיינע ניו־יאָרקער צוהערער אויף זייער אויבערפלעך, ער וועט זיך פאַראויבערפלעכלעכן. ער האָט אָנגעהייבן אַ סעריע ניו־יאָרקער בילדער, וואָס אין אַ צאָל פון זיי פיגורירן שאָפּ־מיידלעך — „פּראָלעטאַרישע" לידער, הייסט עס, און מיט אַן איבעררייס אין 1898, האָט ער די סעריע פאַרגעזעצט אין 1899־1900.

די לידער זיינען אַן ערלעכער קאָמפּראָמיס, ווייל ער פאַרשטעלט זיך נישט פאַר אַן „אַמעריקאַנער", ער צווינגט אויף זיך נישט אַרויף קיין „אַסימילאַציע", אין שאָפּ איז ער נישט געווען, וויזט ער זיינע שאָפּ־מיידלעך אין הויז און אין גאַס. נאָר דעם איינדרוק גיט ער, וואָס זיין אויג און אויער כאַפּן — אַמאָל גאַנץ פיינע איינבליקן און אייב־הערענישן: דאָס יתום־קולכל פון ניוסבאָי — די ניוסבאָיס פלעגן אָפט דערהרגעט ווערן שפּרינגנדיק אַרויף און אַראָפּ פון טראַמוואַי צו טראַמוואַי. ער טונקט זיינע אַמעריקאַנערקעס אָפּ אין זיין היימישן מיטגעפיל: אַ היימישן פאָלקס־טאָן אַרויפגעוואָרפן אויף אַ שאָפּ־מיידל. — די לידער וויזן אַ שטייגנדיקן פּראָגרעס אין גלאַטקייט פון לשון: קיין שרויף־ווערטער. מעגלעך, אַז דאָס איז גוטע ווירקונג פון זיין פּלייסיקער פּובליציסטיק. זי האָט איינגעהיימישט דעם יידישן לשון אויף זיין צונג. אָבער קענטיק, אַז די בייגעוואונענע גלאַטקייט איז אים נישט געפעלן. ס'איז געווען אַ נישט גוטע גלאַטקייט פאַר אים. ער האָט די לידער פאַרבראַקירט. והראיה, ער האָט מער קיין רעאַליס־טישע לידער־בילדער נישט געשריבן.

נישט נאָך אַזאַ געזונטמאַכונג פון זיין ליד האָט ער געגאַרט. די רעאַליטעט, אויף וועלכער אָנצושפּאַרן זיין ליד, וואָס ער האָט געזוכט, האָט געדאַרפט מיט־אַריינגעמען אַ חלק פון זיין פערזענלעכן אידעאַלן פאַרמעגן: און ווען ער האָט שפּעטער זיך יאָ אומגעקערט צו רעאַליס־טישע בילדער, האָט ער זיי איינגעפּאַסט אין רעמלעך פון סאַטירע און איראָניע. ווייל ביידע, אי סאַטירע, אי איראָניע, שטאַמען פון דער באַרירונג פון אידעאַליזם מיט ווירקלעכקייט; אין סאַטירע איז די באַרירונג מיט שנאה, אין איראָניע — מיט מחילה.

אַ „רעאַליסטיש" בילד, איינגעפּאַסט אין איראָניע, האָט ער שוין

אין 1900 — „דער תנא און דער שטן". הגם געבויט אויף אַ לע־גענדע, אָבער די איראָניע מאַכט דערפון היינטצייטיקן רעאַליזם. אויך דער היינטיקער תנא האָט זיינע גלוסטענישן; נאָר וויל ער איז אַ תנא מאַכט ער זיך בלינד, כדי נישט צו זען וואָס מען טאָר נישט: „דער הייליקער תנא ווערט בלינד, דער כישוף דער בייזער פאַרשווינדט, די מעשה גייט איבער דורך טויזנטער יאָר, ביז אונדזער אַ תנא פון היינטיקן דור". — צו דער איינגעהיימישקייט פון לשון האָט די איראָניע צוגעגעבן איר פלאַמענצינגעלע, וואָס שניידט פאַסן פון לשון אַרויס. זענען די שורהלעך קורץ און שאַרף; די געלויפיקייט איז געדיכט, קאָמפּאַקט.

אפשר נאָך אַ גרעסערער געווינס — אין אַן אַנדער ריכטונג: צו קראַפט פון לשון — איז דאָס ליד פון 1900 — „אין אַ שטורעם־דיקער מאַי נאַכט". די געלויפיקייט פון לשון איז דאָ אויפגעהייבן אויף אַ כוואַליע פון פערזענלעכער שטימונג, וואָס האָט דאָ דווקא נישט צו טאָן מיט זיין אייביק־ייד־געפיל. די שטימונג האָט זיך געזאַמלט אין אַ צאָל לירישע און נאַטור־לידער, וואו עס דערשיינט ווידער אַמאָל די „יונגע פאַרטרויערטע פרויען געשטאַלט" פון „אין דער פרעמד". דאָרט אַ לעבעדיקע, דאָ אַ געשטאָרבענע. מעגלעך, זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָס ליד איז געווידמעט „צום אָנדענק פון ב. מ.". — די ערשטע סטראָפע, פון „די בייזע, די ברומיקע נאַכט" ביז „זי האָט מיך משוגע געמאַכט", און יעדע אַנדערע סטראָפע, פון צען שורות יעדע, איז אַ שטורעם־כוואַליע — אַ באַרג אַרויף און אַ באַרג אַראָפּ — פון איין שטיק — הוילער ריטמישער שוואונג.

(מער וועט קיין פרויען געשטאַלט נישט דערשיינען אין זיינע לידער, סיידן אַ פאַרשלייערטע, אין צוואַנציק יאָר אַרום; מער וועט ער קיין פערזענלעכע סעקרעטן נישט אויסזאָגן לויט דער טבע פון אַנדערע פּאָעטן; נאָר פונדערווייטנס. דאָס פערזענלעכע פּאַראַלעגע־מיינערט).

פּאָזיטיוו, די פּובליציסטיק האָט אים געמאַכט פאַר דעם מייסטער פון זיין אייגענעם לשון. פון אָט־דעם האָט ליעסין לייכט געקאָנט אַריבערגיין צום געווינלעכן סדר היום — צום פּאָעט פון דער אויבער־פלעך, אָן אָנגעלאָדנקייט מיט ירושה־פּעק. אָבער ניין, ביי אָט־דעם ליד, דווקא וויל איינגעגעבן, האָט ער איינגעהאַלטן זיין פּאָעטישע

פראָדוקציע. ווי איינער זאָגט, אויב נישט קיין פאַרוואַנדלער און פאַר־היינטיקער פון דער ירושה, האָט די גאַנצע פּאָעזיע פאַר אים קיין זין נישט. דער פּאָעט רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט דעם פּובליציסט, וועלכער האָט געקאָנט טאָן די אַרבעט וואָס דער פּאָעט האָט געוואָלט טאָן: אָנהייבן „פון־אָנהייב־אָן" — פון אַלע אַלף־בית, און בויערן, פאַרטיפן, מיט אָפענער כוונה בויערן מוח מיט מוח. גיין אין דירעקטער ליניע אין אַ פראָנט־אַטאַקע. און דער פּאָעט? — אין 1904 פּרואווט ער נאָך זיך אַ ראַנגל טאָן מיטן געמיט־פלאַכן ליטעראַטור־רעזשים דורך דעם ערלעכן קאָמפּראָמיס מיט דער אויבערפלעך; דעם מינסקער אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן" האָט נאָך אַלץ אַביסעלע געצויגן צו די היגע אָנהייבער „פון־אָנהייב־אָן"; ער באַנייט זיינע ביו־יאָרקער לידער־בילדער אויף אַ נייעם אופן, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין פּאָעטישע טעמעס: — „די גאַס", „טרעמפּס" . . . דאָס ראַנגלעניש האָט אָנגעהאַלטן אומגעפער ביזן סוף 1904 — ווען קעשענעוו האָט גענומען אַרויסשיקן אין אימיגראַציע די קרבנות פון פּאָגראָם־שרעק, און די מלחמה מיט יאַפּאַן אירע רעזערוויסטן — וואָס פאַר די און יענע איז די צייטונג געווען אַ בויטוועגדיקייט — און איר צירקולאַציע איז אויף אַמאָל אַרויפגעשפּרונגען אויף גאַנצע 18 טויזנט. און די געשעפט־פירונג איז געוואָרן איינס מיט דער פירונג פון דער צייטונג. און די געשעפטפירונג האָט גאַנץ באַוואוסטזיניק זיך געשטעלט דעם ציל: צו באַהערשן דורך דער צייטונג די ליטעראַטור; די פלאַך האָט טריאומפירט: די בלעכענע אויבערפלעכלעכקייט פון צייטונג־ליטעראַטור רעזשים איז געוואָרן אייזערנער געזעץ . . .

און דער פּאָעט האָט איינגעזען, אַז זיין ראַנגלעניש מיטן רעזשים איז אומזיסט — און אַ ברוגזער, האָט ער זיך אַריינגעגעבן אין רעזערוו. ער האָט זיך אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. ער האָט געמאַכט אַ הפסקה אויף גאַנצע 15 יאָר. דער פּאָעט האָט זיך אָפּגעצאַמט מיט אַ פערזענלעכער מחיצה. הינטער דער מחיצה, אויף אַ דיסטאַנץ פון רעזשים, און אַפילו אויף אַ דיסטאַנץ פון זיין פערזענלעכן טאָג־טעגלעכן איך, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע. —

און ווען נאָך דער הפסקה האָט ער די לאַבאָראַטאָריע פאַרלאָזן, האָט דער רעזולטאַט געוויזן, אַז דער פּאָעט האָט יאָ געלייזט דאָס פּראָבלעם, וואָס ער האָט זיך אויפגעגעבן אין מינסק: ער האָט זיך געשאַפן די רעאַליטעט, נאָך וועלכער ער האָט געלעכצט — אַן אייגענע

אינערלעכע רעאַליטעט, אויף וועלכער זיין ליד קאָן זיך אָנשפּאַרן.

אָט־די רעאַליטעט האָט ער שוין גענומען צוגרייטן אין זיינע ערשטע ניו־יאָרקישע יאָרן, ווען אָן אַ זייט פון פלאַך האָט ער גע־פּרוּווט אָנטאַפּן זיין אייגענעם גרונט. אין 1902 אין 3טן ליד פון דער סעריע פון 5 באַרג־לידער, וואו די לבנה באַליכט דעם נעבל אין טאָל, האָט ער געפונען מאַטעריאַליזירט די אַרענע פון אייביקן יידן, וואָס ער האָט פריער געזען אין חלום: — „אָנגעגאָסן ווייס מיט נעבל, כוואַליעט לייכט דער טאָל און וואַכט, ווי אַ ווייסער ים, אַ שטילער, אין דער ווייסער שטילער נאַכט". — פון אָט־דעם ווייסן ים וועלן אים שפּעטער אַרויסשווימען זיינע רייכסטע זעאונגען־געשטאַלטן.

און שוין אַזוי פרי ווי אין זיין ערשטן ניו־יאָרקער יאָר, 1897, האָט ער זיך געפעדערט מיט אַ ליד: „יום־כפור אין שול", נאָכגעפאָלגט אין 1900 מיט „שבת פאַרנאַכט", אין 1905 — מיט „שמחת בית השואבה", אין 1910 — מיט „והיה באַחרית הימים" און מיט נאָך מער ענלעכע לידער נאָך דער לאַנגער הפסקה. וואָס איז דער צוועק פון די אַלע לידער? אויפצושטעלן די אַטמאָספערע פון זיין קינדהייט. וואָרום אויף דעם פאַרהייליגטקער פון דער ירושה־ענערגיע לאָזט זיך דאָך שטעלן אַ פראַגע: וואו איז די בריק צווישן עבר און היינט? די בריק איז די קינדהייט. אין זיין קינדהייט איז דער עבר פאַר אים געווען לעבעדיקער היינט. ער האָט געאָטעמט די אַטמאָספערע פון עבר. און האָט אַריינגעזויגן די נשמה־שפּאַנונג — די קאָנצענטרירטע עסענץ פון דער ירושה, וואָס דאָס איז דער עיקר, נישט די זכרונות. אָט־די נשמה־שפּאַנונג דאַרף ער איבערגעבן אין זיין היינטיקן ליד. דערפאַר זוכט ער זי צונויף. — אין ערשטן ליד „יום־כפור אין שול" איבערוועגט דאָס אויטאָביאָגראַפישע: ווי דער יונגער אַפּיקורסל מאַטערט זיך מיט ספקות; אין צווייטן ליד — „שבת נאַכט" — איז שוין אויסדריקלעך די נשמה־שפּאַנונג דער צוועק: — „אַן אַלטע פאַרגעסענע שטימונג". — אין „שמחת בית השואבה", געשריבן אין יאָר פון דער רעוואָלוציע, איז די נשמה־שפּאַנונג שוין אַריבער אין הוילע באַוועגונג, שמחת־תורה־טענץ. אָבער בסוד איז עס אַ ליד אויף דער רעוואָלוציע. אין אַ ליד פון זעלביקן יאָר „די גנבה" דריקט ער אויס זיין פרייד און שטאָלץ מיט דעם יידישן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע. אָבער ערגעץ אין אַ ווינקל מוח שמייכלט ער אונטער גוטמוטיק: אָט־די „גאָטס־קאָזאַקן",

„כשל ברכס״ — זיי רעוואָלוציאָנערן? יאָ, דווקא זיי, קוקט נאָר אָן זייער שמחת־תורה התלהבות! אָט־די התלהבות — די נשמה־שפּאַנונג פון פרומען יידן — שפּייזט מיט העלדישקייט די יידישע יוגנט. אָט־די באַהאַלטענע איראָניע מיט דעם זיכערן, פריידיקן ענטפער: יאָ! — העלפט אים אויסקריצן די פיגורן אין טאַנץ־באַוועגונג. — אין „והיה באַחרית הימים״ איז די שפּאַנונג קאָנצענטרירט אויף דעם פלאַקערדיקן רבין, וועלכער האָט אין זיין קינדהייט פאַר אים פאַרקערפּערט ישעיה הנביאן . . .

אין 1907 איז געקומען „ר׳ עקיבא״ — זיין ערשטע היסטאָרישע באַלאַדע, אָדער ליד־כראָניקע. דאָס איז שוין אַן אָפּווייכונג — אַ נייער באַשלוס — דער ערשטער באַשלוס וואָס ער האָט אָנגענומען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעצאַמט פון הערשנדיקן ליטעראַטור־רעזשים מיט אַ מחיצה און זיך פאַרשלאָסן אין זיין פּאָעטישער אַלבאָראַטאָריע. און דאָ קאָן מען נאָך אַ האַרבערע פראַגע פרעגן: ווי קומט צו אַ פאַרהיינטיקער פון דער ירושה־ענערגיע זכרונות? אמת, עס ווערט געזאָגט, אַז דער שריפטשטעלער רעדט דורך דער געשיכטע צום היינט; דער קריטיקער, נאָך אַן אונטערזוכונג, קאָן דאָס אויסגעפינען. אָבער פון אַ פאַרהיינטיקער פאָדערט זיך מער: ער דאַרף דערלאַנגען די ירושה־ענערגיע אַ פאַרטיק פאַרוואַנדלטע. קאָן זיין אַ חילוק אין דעם, מיט וואָס פאַר אַ כוונה מען באַאַרבעט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל. מען קאָן אויספּוצן די לעגענדעס צו שאַפן פון זיי ליטעראַטור־צירונג, דעקאָראַציע. און מען קאָן אַזוי איבערגעבן לעגענדעס, די שטימונג זאָל זיך דערלאַנגען פאַרן היינטיקן געברויך. דער אויסדרוק זאָל זיין גלייכצייטיק היסטאָריש טריי און פאַרהיינטיקט. אין די אָנגעזעטיקטע, געפּרעסטע שורות פון זיינע געלונגענערע לידער־כראָניקעס טוט עס ליעסין. אַזוי אין „ר׳ עקיבא״ — „אָ, זיי געגריסט, דו מיתה, זיי געגריסט, באַשערטע, איך גיב זיך איבער דיר, געווינטשטע און באַגערטע!״ — און אין די שלוס־שורות: — „דאָס רופט מען מיך, איך גיי, דערפילט איז מיין פאַרלאַנגען. געבענטשט זיי גאָט, אחד! — דער גרייז איז אויסגעגאַנגען״.

ליעסין אַרבעט אויף זיינע לידער־כראָניקעס סיסטעמאַטיש, עפּאָכנווייז. ווי דער פּובליציסט־היסטאָריקער וואָלט אים אויפגעגעבן אַ פּראָגראַם: איבערזעצן די גאַנצע יידישע געשיכטע אין פּאָעטישער כראָ־

ניקע. אבער קוקט מען אריין אויפמערקזאמער, מערקט מען, נישט אלע געשיכטלעכע געשטאלטן נעמט ער אין כראניקע אריין. ער נעמט נאר די וואס זענען געווען לעבעדיקע פערסאנאזשן פאר אים אין זיין קינדהייט. קאן ער זיי מיטגעבן פון זיין קינדהייט נשמה־שפאנונג. ער נעמט בלויז די געשטאלטן פון נאכן חורבן — די גלות־געשטאלטן. פאר די ביבלישע און פארביבלישע געשטאלטן האט ער גאר אן אנדער מעטאד. ער ציט זיי ארויס פון זיין איך־אפגרונט, ער זעט זיך אין זיי א פארלעבעדיקטן. ער אידענטיפיצירט זיך מיט זיי. און אויף אזויפיל גילטן זיי פאר אים. אזוי אין דער סעריע „איבער די תהומות". אויב מען וויל, זענען עס נישט קיין היסטארישע, נאר וויזיאנערישע שטימונגס־לידער. און ער גייט נאך ווייטער פון ביבלישער און פארביבלישער צייט, — ער גייט אין פארהיסטארישן פארצייטן און נאך ווייטער אין דער אורצייט, ווען דער מענטש איז נאך קיין מענטש נישט געווען — און ער אידענטיפיצירט זיך מיט יענע שטומע באשעפענישן. און נישט נאר פון איך־אפגרונט, נאר פון אומעטום, וואו עס לאזט זיך שאפן אפגרונט — אין דער נאטור: ים, בארג, וואלד, נאכט, שטורעמס, זאווערוכעס — אין דער געשיכטע, אין דער רעליגיע, אין פאעזיע — קריסטאליזירט ער פון דעם כאאס ארויס שטימונג־וויזיעס. פון דארט ציט ער אויך ארויס זיינע פאנטאזיע־שפילן: די „ווינטער־באלאדע", די „שעהערעזאדע". אין יענעם כאאס זענען איך, גאט, באטור, געשיכטע, פאעזיע איינס. און פון יענעם כאאס קריגט ער ארויס זיינע פיינסטע ליד־מאמענטן. מאמענטוייז, יא מאמענטוייז, קומט ער צו יענער טיף, וואו באוואוסטזיין און אינטואיציע זענען איינס. באוואוסטזיניקער עקסטאז. העלזעאונג אונטער דער שיין פון באוואוסטזיין. טראנס מיט אפענע אויגן. אין אזעלכע מאמענטן איז ווארט הוילע טרעפעניש — און וואס עס טרעפט, ווערט אמת און פאעזיע. און עס איז פולער „פון־אנהייב־אן" — א שאפונג פון גארנישט ארויס — א יש מאין — מעשי בראשית. און פולע פארוואנדלונג פון דער ירושה־ענערגיע. ווייל די מאמענטן זענען אויפגעבראכענע, עקספלאדירטע נשמה־שפאנונג.

דאס איז דער ציל געווען פון דער גאנצער ראנגלעניש פון פוב־ליציסט און פאעט אין אים. פון זיין ארייגשפארן זיך צו גיין אין ליד אין דירעקטער פראנט־אטאקע. ער האט דערגרייכט דעם סינטעז — די קונסט פון דירעקטער דערלאנגונג. און עס איז באשטעטיקט, אז די קונסט פון דירעקטער דערלאנגונג איז מעגלעך. עס איז נישט קיין נייע

טענדענץ, פון ליעסינען אַריינגעפירט. עס איז די עלטסטע יידישע ליטעראַטור־טענדענץ — די נביאישע. האָט דער נביא אָבער געהאַט אַ מעכטיקן אַרויסהעלפער — גאָט. איידער ער האָט זיך דערלאַנגט צום מענטשן, האָט ער זיך דערלאַנגט צו גאָט. און כדי צו דערגרייכן דעם אומדערגרייכבאַרן, האָט ער געדאַרפט אויפהייבן אַ קונסט־טרעפּ — פון בילד און וויזיע. דער מאָדערנער פּאָעט האָט נישט גאָט פאַר אַן אַרויסהעלפער. זיין קונסט־טרעפּ — זיין ליד — דאַרף זיך האַלטן אין דער הייך דורך דעם אימפּעט, וואָס שטויסט עס אַרויס, און דורך דעם פּאָעטישן אויפשפּיל, וואָס לאָזט זיין ליד נישט אַראָפּנידערן. דער פּאָעט דאַרף גלייכצייטיק זיין אי אַן אינדירעקטער שפּילער אַרום דעם אמת, אי אַ דירעקטער דערלאַנגער פון אמת.

דאָס איז דער וויכטיקסטער רעזולטאַט, וואָס ער האָט דערגרייכט זייט ער האָט זיך דערוויטערט אין זיין פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע. ער האָט זיך געשאַפן אַ ליד־אינסטרומענט פון דירעקטער דערלאַנגונג, דורך וועלכן די אמת־זאָגערישע אידייע, אָנגעטרונקענע מיט עמאָציע, וואַרפט זיך פונאַנדער אין שפּילנדיקער בילדלעכקייט, ער האָט זיך געשאַפן אַ פּאָעטישע רעאַליטעט וואָס איז עקוויוואַלענט צו רעליגיע, וואָס קאָן פאַרבייטן דעם מאָדערנעם יידן רעליגיע.

צום זעלביקן ציל גייט אַ היפּשער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — דורך אירע בעסטע פאַרשטייער: אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען נישט חושד, אַז זיי האָבן אַזאַ פרום־אַפּיקורסישע כוונה: צו שאַפן אַ קונסט וואָס איז גלייכוועדטיק מיט רעליגיע. — דער ציל איז איינער פון די זעלבסטרעטונגס־מיטלען — אַ הויפּט־רעטונגס־מיטל פון דער יידישער ליטעראַטור. ווייל בלויז אַזאַ ליטעראַטור וועט קאָנען געבן דעם יידישן ענטפער אויף דער וועלטס אַרויספאָרדערונג צום יידן, און אַזוי אַרום העלפן אַרויספירן די היינטיקע יידישע ווירקלעכקייט פון דעם וועלט־קלעם.

די אַנדערע, וואָס דערנענטערן זיך, פּאַראַלעל מיט ליעסינען, צו דעם ציל: קונסט וואָס איז עקוויוואַלענט צו רעליגיע — זענען געגאַנגען מיט דעם לייכטערן אינדירעקטן ליטעראַטור־וועג, און נעענטער צו דער ווירקלעכקייט. ליעסינס דירעקטער וועג איז דער שווערערער, דער שווערסטער. עס האָט אים געקאָסט גרויסע האַרעוואַניע — מיט אַ צוגאָב פון מסירת נפש. ער האָט זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון אַ סך באַקוועמ־

מערע גליקן. ווען אַפילו די איבער 40 יאָר פּאָעטישע אַרבעט וואָלטן געגעבן אין רעזולטאַט בלויז אַ צענדליק לידער פון דעם אויבן־באַשרי־בענעם מין, איז עס ווערט געווען. אָבער אין זיינע געזאַמלטע ווערק וועלן מיר זיי אַנציילן אפשר איבער אַ הונדערט. — אין ליכט פון דעם לעצט דערגרייכטן רעזולטאַט דאַרפן ליעסינס לידער פון די ערשטע יאָרן געלייענט, פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערן.

ס'איז נאָך מער אמת וועגן יהואשן, דעם צווייטן טרעגער פון דער ירושה־טענדענץ, ווי וועגן ליעסינען, אַז זיינע לידער פון ערשטן יאָר־צענדליק קאָנען ערשט ריכטיק באַהאַנדלט ווערן אין ליכט פון זיינע לעצטע דערגרייכונגען. יהואשן דאַרף מען פּאָזיטיוו אָנהייבן פון סוף, און אויפנעמען אים אין אַ שפּעטערדיקן צוזאַמענהאַנג, נאָכדעם ווי דער פּאָעט אין אים וועט האָבן פול זיך באַפרייט. אָבער מען קאָן אים פּאָרט נישט אַרויסנעמען פון ערשטן יאָרצענדליק. אַפילו מיט זיין געראַנגל האָט ער געהאָלפן דער ליטעראַטור זיך אַרויסראַנגלען פון איר פּיאָנערישן צושטאַנד. וועלן מיר דאָ באַרגן פון סך־הכל, וואָס וועט אין שפּעטערדיקע קאַפּיטלען גענויער פונאַנדער־געגלידערט ווערן.

וואָס איז געווען יהואשעס גרונט־אינספּיראַציע? ביי יהואשן איז שווערער געווען צו טרעפן. מען האָט יאָ געשפּירט, אַז דער פּאָעט אין אים איז אַ שפּירער, אַ נאָכשפּירער. אַ נאָכשפּירער פון וואָס?

ביי יהואשן איז פאַראַן אַ ליד — איינס פון זיינע לעצטע לידער: אַן אַרויסגעטריבענער מלאך לויערט ביי די פאַרשלאָסענע טויערן פון גן־עדן, און וויל אונטערהערן די געטלעכע אמתן, וואָס ווערן דאָרטן אַנטפּלעקט, און ער פּרואווט באַטראַכטן זיי אין זיינע געדאַנקען. און נאָכפילן זיי מיט זיין האַרצן און נאָכפליסטערן מיט קלאַנגען, וואָס ער ווייס, אַז דאָס זענען נישט גענוי די קלאַנגען, דורך וועלכע דער פול אַנטפּלעקטער אמת לאָזט זיך הערן הינטער די טויערן. עס איז נאָר זיין פאַרזוך זיי צו פאַנגען, זיין באַגער נאָך זיי — און דער פאַרזוך און דער באַגער מאַכן אים גן־עדנדיק פילן.

און אָט־דער אַרויסגעטריבענער, זיך אונטערהאָרכנדיקער מלאך— איז דער פּאָעט. און אַלס אַזאַ פּאָעט וויל זיך יהואש זען און פאַרשטיין. די חכמה פון פאַרן אמת, דער פאָרגעפיל, די נאָכשפּירונג פון אמת, דאָס זוכן, דאָס באַגערן דעם אמת — דאָס איז ביי אים פּאָעזיע; דער אַנטפּלעקטער אמת, דאָס איז שוין פילאָזאָפיע, רעליגיע, אָבער נישט קיין פּאָעזיע. און ער האָט פאַרגעצויגן צו זיין אַ פּאָעט.

איז זיין ליד דאָס אונטערהערן זיך, ווי מען זינגט אין גן־עדן. און מערקווירדיק, דאָס וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין אַ ליד, וואָס איז געווען כמעט דאָס לעצט געדרוקטע ביי זיין לעבן, האָט ער שוין געהאַט אָנגעזאָגט אין זיין ערשט געדרוקטן ליד אין פרצעס „יידישע ביבליאָ־טעק", 1889: „מזמור שיר ליום השבת! — שטאַמט דאָס ליד נישט פון קיין מענטשן, נאָר מלאכים ווייסע האָבן דאָס געזונגען אין גן־עדן, אין דעם ערשטן הויכן שבת, נאָך דער גרויסער וועלט־באַשאַפונג...".

איצט, אַז מען וועט נאָכאַמאָל איבערלייענען זיין ערשטן באַנד — „געזאַמלטע לידער" — וועט זיך דאָס באַשטעטיקן: ער איז אַלעמאָל אויף אַ שפּור, אָדער אין גייעג נאָך אַ שפּור. זיין ליד איז אַ שטייגל אויפגעשטעלט צו כאַפּן אַ שפּור.

אַנדערע פּאָעטן מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען אין גייעג נאָכן אַבסאָלוטן. זיי ווילן גילטן פאַר אמת־זאָגער. אַפילו נישט דערגרייכנדיק, דוכט זיך זיי, אַז זיי דערגרייכן. און דאָס דוכטעניש איז זייער אמת און פּאָעזיע. יהואש זאָגט: מען קאָן נישט און מען דאַרף נישט. פאַר אים איז דערנענטערונג צום אמת, דאָס נישט דערגיין, דער שפּיל אַרום — דאָס איז זיין פּאָעזיע, דער אונטערשייד איז דאָ צווישן דירעקטער דערלאַנגונג און אינדירעקטער. מיט אַנדערע ווער־טער: יהואש ציט פרצעס ליטעראַטור־ליניע.

ענג פאַרבונדן מיט דעם איז ביי יהואשן די פאַרהערלעכונג פון גלויבן. גלויבן — מיט גאָט אָדער אָן גאָט — גלויבן איז דער עיקר. וואָרים גלויבן איז זוכן, באַגערן און פאַרפּילן; האָט עס ווידער אַמאָל פאַר אים געהאַט דעם טעם גן־עדן. און ענג פאַרבונדן מיט גלויבן איז ליבע, וואָס איז די נאָכשפּירערין פון גלויבן אין אַ מענטשנס האַרצן. און ליבע, געשטאַרקט ביז גלויבן — ביידע צוזאַמען האָבן אים געגעבן דעם טעם פון העראָאישן. דער העלד, וואָס ריזיקירט, איז פאַר אים געווען פאַרקערפּערטער ליבע־גלויבן. נישט אַזוי דער צוועק, צוליב וועלכן דער העלד איז זיך מוסר־נפש — דאָס איז פאַר דעם העלד אַן ענין. פאַר דעם פּאָעט אָבער איז דער עיקר דער נשמה־צושטאַנד וואָס כאַפּט פאַרויס דעם ניגון, וואָס די נשמות פון די העלדן וועלן זינגען אין גן־עדן. דאָס פאַרליבט־גלויביק זיין אין אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישטאָ און דאַרף אַפילו נישט זיין — העראָאיזירטער ליבע־גלויבן — דאָס איז די גרונט־שטימונג, וואָס האָט יהואשן באַהערשט, באַגליקנדיק אים מיט

זיינע הייסטע פּאָעטישע אַנטציקונגען, איבערשפּאַרנדיק דעם סקעפּטיקער אין אים, וואָס ער איז מסתמא געווען גלייך מיט אונדז אַלעמען.

און ווער עס האָט געהאַט גוטע אויגן, האָט עס געקאָנט אַרויסזען פון זיינע ערשטע בענד געזאַמלטע לידער: — „דער גאָט־באַגער — דאָס איז ער" („גאָט זוכעניש"). ווען פּאַרליבט, חוזקט זיין יידישער מוח איבער אים, דעם פּאָעט. — „דיין אמונה איז אַ פאַלשע!" — („בלומען און דערנער") — הייסט עס, ליבע איז אמונה. דער, וואָס זוכט דעם אמת איז געגליכן צו אַ האָן, וואָס — „בויגט זיך הינטער דעם שפּיגל־גלאָז דעם קאַלטן, צו זען דעם האָן דעם אמתן באַהאַלטן" — („אמת זוכן"). — און וועגן פּאָעט און העלד ווערן מיר געוואָר: — „געזאָלט האָט ער ווערן פון חיל אַ פירער, אַ מעכטיקער צעזאַר, אַ שטאַרקער רעגירער און נעביך אַרויס — אַ פּאָעט" — („כביכולס טעות"). דאָ קומט אויס, ווי ער וואָלט באַדויערט דעם גורל פון פּאָעט. אָבער דאָס באַדויערן איז נאָר פאַר לייטישע אויגן. ער איז שטאָלץ אויף זיין באַרוף: „נישט דו, נישט דו דער זעער און פּראָפעט, נאָר ער, דער גבור מענטש, דער מאַן פון טאָט" — נישט משה רבינו, נאָר יהושע בן נון — „וועט פירן דאָס פאָלק צום שיינעם לאַנד כנען" („דעם נביאס גורל"). ער באַדויערט, יאָ? אָבער שוין דאָס אַנטקעגנשטעלן משה רבינו צו יהושע גיט צו פאַרשטיין ווי אומפאַרגלייכלעך העכער ער שעצט דעם זעער, דעם פּאָעט איבער דעם קריגער־העלד. נאָך די מלחמות און רעוואָלוציעס איז דער פּאָעט נאָך העכער געשטיגן אין זיין אָפּשאַצונג. די סעריע לידער „שטאָפּלען", פון זיין פּאָעטישן נאָכלאָז, געדרוקט אין פאַריקן נומער „זאַמלביכער", וואָס ווייזן אַ הונדערט גראַדיקן געווינס אין טאַלאַנט אויף איינצוהערן זיך, וואָס זיין נשמה שפּירט — זענען גלאָריפיקאַציע פון פּאָעט אויפן חשבון פון דעם העלד, וועלכער איז נישט מער, ווי אַן אָרעמער נאָכשלעפּער, וואָס פאַרגלגולט דעם פּאָעטס זעאונגען. „צו איינעם אַזאַ": — ביי אַל דיין פייער און דיין שוועבל און דיין דונער־קנאַלן איז דאָ אַ טיפעניש אין דיר וואָס ווייַנט פאַרלאָזט און עלנד. נישט דו ביסט דער, וואָס וועט יריחוס מויער מאַכן פאַלן..." — אַפילו די רייד פון פּאָעט, וואָס אַלע האָבן פאַרהערט, וועלן זיך אַריינכאַפּן אין מענטשעלעך, וואָס וועלן זיי מקיים זיין און וועלן אויף דעם סמך זיך אָנרופן העלדן.

איז עס צום צווייטן מאָל די ווייטערפירונג פון דער פּרץ טראַדי־

ציע. הערויזירטע ליבע־גלויבן דאס איז די עסענץ פון דער ירושה טענדענץ, וואס פרץ האט זי אריינגעפירט אין דער ליטעראטור. דער קול פון זיין יידיש בלוט האט זיך געריסן דורך יהואשעס גרונט־שטימונג, באריייכערנדיק אים מיט א זעקסטן חוש — „שפירונג". מיט דער נפקא מינה, וואס פרץ, הגם זיין הויפט אינטערעס איז געווען יידישע ליטע־ראטור, האט טאקע צוליב א גרעסערן תכלית פאר איר, געעפנט דעם ירושה רעזערוואר, כדי צו פארוואנדלען די אלטע גלויבנס־ענערגיע אין מאדערנער מאראל ענערגיע, און מיט זיינע „פאלקסטימלעכע גע־שיכטן" איז ער שוין געווען האלבוועגס צו א יידישער ליטעראטור, וואס טוט לעבנסדינסט, — יהואש, וועלכער האט אין לעבנסדינסט נישט געזען דעם פאעטס בארוף, איז יוצא געווען מיט שפירונג. איז ער געווען מער דער פארזעצער פון פרצעס ליטעראטור־טענדענץ, ווי פון זיין ירושה־טענדענץ. פונקט ווי אש ,האט ער אין עבר געזוכט צירונג, דעקאראציע. און זיין הויפט־געפינס איז געווען א שטיק צירונג — א כישוף־רינג („שלמה המלכס רינג"), האט ער געהאט אן עשירות פון טעמעס: פון אומעטום, וואו עס לאזט זיך עפעס שפירן און אויסשפירן: פון ביבל און תלמוד, פון יידישע לעגענדעס, פון צייט געשעענישן, פון ליבע און גלויבנס־געפילן — האט ער געצויגן טעמעס. אבער זיין הויפט־אינספיראציע, דער אל־הערשנדיקער מאטיוו פון זיין אינספיראציע, איז געווען די שפירונג און אויסשפירונג פון דעם, וואס טוט זיך אין דער סאמע אינטימסטער נאענטקייט פון זיין איך.

אבער וואו האט ער געזאלט געפינען אויערן צו פארנעמען די סעקרעטן פון זיין יחידישער התלהבות? האט ער אבער געהאט איין צוהערין וועלכע האט אים פארביטן מענטשן אין א ווערטפולן פאר־בייט — די נאטור. זיי האבן זיך ביידע אמבעסטן פארשטאנען. ביי איר פלעגט ער אויסשפירן די פיינסטע סעקרעטן, און זי ביי אים. מיט דער נשמה פון די ביימער האט ער זיך שטענדיק געשושקעט. „און דאן האב איך צום ערשטן מאל דערהערט ווי ס'רעדט דער בוים . . . דער־הערט ווי ס'פרעגט דער בוים ביי מיר די סודות פון דער מענטשן־וועלט . . . („דעם בוימס נשמה"). די נאטור האט אים אויך אן אינ־סטרומענט געגעבן — אויגן־שפראך. צו זיין אויג האט זי גערעדט. יהואש האט פארמאגט א שארפן, קלוג־בליציקן, בילד־בויערישן בליק. אבער דא, ביים איבערגעבן זיינע אויגן־און נשמה־שפירונגען צו

מענטשלעכע אויערן האָט ער אין ערשטן פעריאָד זיין גרענעץ געהאַט. ער פלעגט מיט זיינע ליפּן זיך אָפּשטעלן ביים שוועל פון זיינע שפּי־רונגען. אין צווייטן פעריאָד האָט ער אויסגעלערנט זיינע ליפּן לייכט און פלינק נאָכצוהאַלטן זיינע בליקן: — „אַ שטערן איז אַריינגעפאַלן דורכן שויב. איז מיין שוואַרצע פעדער טויט געבליבן אין די פינגער. האָבן אַלע קליינע שיינע זאַכן זיך אויסגעשאָטן און צעפלויגן ווי שטויב פון אַלטע בגדים, און איך בין געבליבן ברייט און ליידיק ווי אַ שנייאיק פעלד מיטן שטערן אין דער מיט” . . . („אַ שטערן”). אַנדערש אָבער אין ערשטן יאָרצענדליק — אַט וויל ער איבערגעבן אַ סוד, וואָס דער פרילינג האָט אים פאַרטרויט: „פון די אויגן גלייך אין מוח, קענטיק, איז דער טוי גערונען, און די וועלט געוואָרן העל איז, ווי באַשטראַלט פון הונדערט זונען” — יאָ, אמת, פון די אויגן גלייך אין מוח . . .

עס קלינגט ווי אַ שלעכטע איבערזעצונג פון אַ פרעמדער שפּראַך. אין ערשטן יאָרצענדליק איז ער געווען אַ שלעכטער איבערזעצער פון דעם פיין־פילנדיקן פּאָעט אין אים. ער האָט ווי באַשטעלט, ווי אויפ־געגעבן זיין קאָפּ אָן אויפגאַבע: שטעל מיר אויס אַ פּאַסטקע פון ווערטער צו פאַנגען די פאַרשווינדנדיקע שפּור. און די ווערטער האָבן זיך נישט געגעבן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פונ־דערהיים מיטגעבראַכט אַ שלל היימישע ווערטער. אָבער ווען ער האָט געדאַרפט איבערזעצן דעם פּאָעט פאַר זיינע צוהערער, האָט ער געמוזט ברעכן זיין לשון. ער האָט אין דעם ערשטן יאָרצענדליק נישט פאַרמאָגט קיין פאַרטיקן אומזיסטן שפּראַך־אינסטרומענט. ־דערפאַר, ווייל דער קוואַל פון זיין אינספּיראַציע איז געווען א י ב ע ר ן וואָרט. וואו? ביים שוועל פון עפּעס אַ טיפן אמת וועגן זיך, וועגן דער וועלט, אין אַ געהיים קעמערל פון די דינסטע שפּירעוודיקסטע פאַרגעפילן. און פאַר דעם זענען קיין ווערטער אין דער יידישער דיכטונג נישט געווען; און קיין ווערטער זענען נישט געווען, ווייל קיין אוידיענץ איז נאָך פאַר דעם נישט געווען. ווערטער קוועלן פון זיך אַליין, ווען זיי האָבן אַ באַ־שטימטן אַדרעס. און דערפאַר טאַקע, ווייל קיין אַדרעס איז נישט געווען, האָט זיין אינספּיראַציע זיך געמוזט אויפהייבן איבערן וואָרט. יהואש וואָלט זיך וואונדערלעך געפילט אין אַ ליטעראַטור מיט אַ רייך אַנט־וויקלטער פּאָעטישער שפּראַך — איז דערפאַר זיין דיכטערישער באַרוף געוואָרן צו געבן דער יידישער פּאָעזיע שפּראַך־עשירות.

האָט ער געהאַט גאָר אַ שווערן געראַנגל. אַנקומענדיק קיין ניו־

יאָרק (פון דענווער) האָט ער געטראָפן די זעלביקע האַרטע ליטעראַטור־איבערפלעך, אַ פאַרקלעמטע פון צייטונגס רעזשים, וואָס האָט קיין ליד פון טיפערן אונטערגעגראָבענעם געמיט נישט געוואָלט אויפנעמען.

יהואש, פאַר וועמען פּאָעט איז געווען דער פאַרטריבענער מלאך, וואָס קלעטערט אויף די שטיינער, וואָס פאַרלייגן דעם וועג צו די פאַרשלאָסענע טויערן פון גן־עדן, האָט גענומען שליידערן און בראָזגען מיט די שטיינער, כדי צו צעשמעטערן דעם בלעך פון דער איסט־סיידער ליטעראַטור־פלאַך. די שטיינער האָבן זיך צעשמעטערט, נישט דער בלעך. אָנגעבראָכן געגנוג "שטיינער־שערבלעך — אַזוי רופט ער עס אַליין אָן — פלעגט ער זיי אויסלייגן אין שורות, שטיינערנע שטייגן, פּאַסטקעס, שטיינערנע פידלען — לאַנגע ליד־קאָנסטרוקציעס — וואָס פאַרנעמען פיר מאָל אַזויפיל פלאַץ, וויפיל זיי האָבן געדאַרפט. אפשר וועלן זיי מיט זייער לענג אויפכאַפּן דעם ניגון, וואָס זינגט אין גן־עדן? — „פּאַגאַניני” — „ווי ס'ווערן לידער פאַרפאַסט” — פון צייט צו צייט פלעגט אים אַפּגליקן צו געפינען אַ בלאַנקנדיק, בלישטשענדיקן דימענט־שטיינדעלע, אַ הערעוודיקס, וואָס ווייברירט מיטן ניגון פון גן־עדן. און די קורצערע לידער יהואשעס זענען טאַקע די איינגעגעבענערע. אַזוי „די צוויי יאָרצייט־ליכט”: — צוויי נאָענטע נשמות האָבן זיך נאָכן טויט דערקענט. די שפּירונג איז איינס־צוויי געכאַפּט. אויך בלאַנקער פערז פלעגט אים פאַרשפּאָרן צו שלעפּן שטיינער.

די אוידיענץ איז זיין צווייטער גרענעץ געווען. דער ערשטער גרענעץ ,ווי געזאָגט, איז געווען דער שוועל פון אמת. ער איז אַ פּאָעט, וועמעס פּאָעזיע איז אַ זינגענדיקער פּראָלאָג צו אמת. (יהואש האָט זייער גערן געשריבן פּראָלאָגן). צווישן אָט־די צוויי גרענעצן האָט יהואש זיך באַוועגט. ער האָט די גרענעצן אָפּט אַריבערגעשפּרייזט — אין דער צווייטער פּעריאָדע — אַלץ אָפטער צום גוטן. אין שלאַנקער, זעלבסטשטאָלצער הערָאישקייט האָט ער כסדר געהאַרעוועט, שלייפנדיק זיין אינסטרומענט, און ער האָט אים דערפירט ביז צו דעם דיין־דינעם זילבערנעם קלאַנג פון די לידער פון זיינע לעצטע יאָרן, און צו דער ערלעכער איידלקייט פון סטיל אין זיינע מאָנומענטאַלע ביבל־איבערזעצונגען.

יהואש האָט גענומען אויף זיך אַ העראָאישע אַקציע, פאַראייניקנדיק דעם פּאָעט און דעם העלד און אָפּצאָלנדיק זיין חוב פּרצן פאַר דער אויסגעבאָרגטער ביי אים ירושה־טענדענץ.

ער האָט אַ באַרג אָראָפּגעלאָזט אויף זיך צו צעשמעטערן די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין געמיט פון זיין לשון. פאַר צוואַנציק יאָר צייט האָט ער געזיפּט יעדעס וואָרט פון יידישן לשון פון אַלע צייטן און ערטער, און אָנגעזאַמלט אַ באַרג מיט וויברירנדיקע ווערטער — מויער־קעפּלעך, וואָס פאַרנעמען די שטילסטע שפּירונגען. און ער האָט דער־גרייכט, אַז מיט דער שפּירעוודיקייט פון זיין לשון, מיט זיין אָפּרופּי־קייט, מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע טעמעס האָט ער געקאָנט מיטגיין און פאַרויסגיין דעם ליד פון דעם מאָדערנסטן פּאָעט.

אי יהואש אי ליעסין — האָבן אין זייער ערשטער פּעריאָדע גע־האָט מער מוח און מער כוח, וויפיל די אוידיענץ האָט געקענט פאַר־טראָגן. זיי האָבן אָבער געקראָגן זייער שכר; זיי האָבן איבערגעלעבט די פלאַכע אוידיענץ מיט אירע פלאַכע פּאָעטן. ווען די פלאַך איז דורכ־געבראָכן געוואָרן, האָבן זיי זיך ערשט באַוויזן מיטן פולן כוח.

„די פלאַך איז דורכגעבראָכן געוואָרן" — דאָס מיינט נישט, אַז דער רעזשים איז איינגעבראָכן געוואָרן. אַ געשעפט אין אַמעריקע, מיט אַ שטייגנדיקער קליענטעל, גייט נישט געבראָכן. דער „דורכבראָך" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַטמאָספערע איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל נישט דאַרפן זיך אָנשפאַרן אויף דער צייטונג. און די ליטעראַטור איז צוגעגרייט געוואָרן צו באַגעגנען די נייע לייענער־אוידיענץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון יאָר־צענדליק — ביז 1910. — דאָס איז געווען נאָך דער רוסישער רעוואָ־לוציע פון 1905, וועלכע ווי גרעסער זי איז געווען אין פאַרנעם פון רעוואָלוציאָנערן אַקט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אַזאַ גרעסערע בלוטיקע נקמה־וואָקכאַנאַליע האָט זי געבראַכט פאַר יידן. די רעוואָלוציע פון 1905 האָט צוגעשלאָגן צו די ברעגן פון אַמעריקע אַ נאָך גרעסערע אימיגראַ־ציע־כוואַליע, ווי אין יאָר 1881, די אָנקומענדיקע אימיגראַנטן האָבן זיך שוין געציילט נישט אין צענדליקער טויזנטער, נאָר אין הונדערטער טויזנטער. צווישן זיי אַ סך אויפגעברויזטע יוגנט, אינטעליגענץ. אָט־דער ניי־אָנגעקומענער, מער קולטורעלער עולם, צוזאַמען מיט דעם מער אַנטוויקלטן לייענער פון דער עלטערער אימיגראַציע, ווען עס איז דער־עסן געוואָרן צו שפּיזן זיך מיט טעגלעכן קיי־און־שפּיי, צוזאַמען מיט דער דאָ אויפגעקומענער נאַציאָנאַל־געשטימטער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ — זיי האָבן עס געגעבן אַ נייע ליטעראַטור־אוידיענץ.

(פון וואַנען האָט זיך דאָ גענומען אַזאַ אינטעליגענץ ? — איז

וועגן דער ראָלע פון דר. חיים זשיטלאָווסקי אין אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע שטימונג פון דער אינטעליגענץ, וועגן זיין פאַרדינסט אַלס איינברעכער פון איינגעפונדעוועטן צייטונג־רעזשים מיט זיין היסטאָרישער קאַמפּאַניע קעגן „עם הארצות״, און בכלל וועגן דעם אידייאישן הינטערגרונט פון דער ערב־רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור — וועגן דעם אַלעמען קומט אַ באַזונדער קאַפּיטל).

עס האָט געמיינט, אַז עס איז אויפגעקומען אַ נייער באַשטעלער אויף ליטעראַטור. דער שריפטשטעלער האָט באַקומען אַ נייעם אַדרעס. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון פּראָצעס, וואָס וועט באַלד פירן דערצו, אַז די ליטעראַטור דורך די „יונגע״ זאָל זיך אָוועקשטעלן פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון צייטונג־רעזשים.

קאָנען מיר שוין אַריבערגיין צו דער מרידה פון די „יונגע״? ניין, נאָך נישט. נאָך נישט אַלע איינפלוסן זענען שוין גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. עס האָבן זיך געמעלדעט שריפטשטעלער — דוד פּינסקי, ל. שאַפּיראָ און דער שפּעטער־צוגעקומענער פּרץ הירשביין — וואָס אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן אַרויסצוברענגען פון באַהעלטעניש צוויי נייע אַמעריקאַנישע טענדענצן צו דער ערשטער „פון־אָנהייב־אָן״־טענדענץ. די ערשטע פון די צוויי האָבן מיר שוין געהאַט אָנגעזאָגט, אָבער קיין נאָמען נאָך נישט געגעבן, ווייל זי האָט זיך נאָך נישט געהאַט קענטיק געמאַכט. איצט נעמט זי זיך קענטיק מאַכן. און זי פאַרדינט שוין אַ נאָמען. גוט, לאָמיר זי אָנרופן די „פאַרמעסט״־טענדענץ אין אונטערשייד פון מאַטעריעלן פאַרנעם.

וואָס איז פאַרמעסט? נישט יענע אונטערנעמערישקייט, וואָס מאַכט פון זאָקנבענדלעך אַ מיליאָן, נאָר יענע באַרימטע אַמעריקאַנישע אונטערנעמערישקייט, וואָס שטעלט אויף די העכסטע הימל־קראַצערס, גראָבט די לענגסטע טונעלן אונטער וואַסער און שפּאַנט פונאַנדער די לענגסטע בריקן איבער וואַסער: די אַמעריקאַנישקייט, וואָס פאַרמעסט זיך מיט אירע ריזן־אינדוסטריען אין ענערגיע און שוואונג מיט די אַמעריקאַנישע אוראַגאַנען און פאַרפלייצונגען. אָט די שטורעמדיקע פּראַקטישע ענערגיע עלעקטריזירט די לופט, לופטערט און ניכטערט דעם גייסט, אויסלייטערנדיק אים פון דער קריכנדיקער נעבלהאַפטיקייט, וואָס פאַרפאַמעלעכט זיינע באַוועגונגען; שטרעקט אים פונאַנדער מיט חשק אַרומצונעמען און אַרומצוכאַפּן ברייטע און גרויסע אויפגאַבן.

און אַ דריטע טענדענץ וואָס האָט שוין געשטאַמט נישט פון באָשטעלער, ווי דער „פון־אָנהייב־אָן", און נישט פון לאַנד אַמעריקע, ווי דער „פּאַרמעסט", נאָר אַזוי צו זאָגן פון דער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון אַמעריקע,פון דעם פיזישן פאַקט, וואָס אַמעריקע איז אַ מדינה מעבר לים. פון דער פּאָזיציע „מעבר לים" האָט געטראָגן דעם ריח פון יידישער אַלוועלטלעכקייט. וואו איז דער ייד נישט? ער איז גלייכצייטיק אין רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און רומעניע און אין אַמעריקע! און אויף אַט־דעם ריח פון אַלוועלטלעכקייט האָט זיך געלאָזט אָנבלאָזן אַן אילוזיע פון אַן אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור־טעריטאָריע — די אילוזיע, וואָס טוט אַזויפיל גוטס דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור; וואָס שטאַמען שטאַמט זי פון אַמעריקע — נישט פון אַנדערשוואו! עס איז אַ מעבר־לימיקע אילוזיע.

האָבן די היגע שריפטשטעלער פּיאָנערן געשפּירט אַט־די צוויי אויסגעצייכנטע אַמעריקאַנישע טענדענצן — „פּאַרמעסט" און מעבר־לימיקייט? ל. קאָברין, ווייזט אויס, האָט יאָ געהאַט אַן אָנונג פון „מעבר לים". אָבער דוד פּינסקי, ל. שאַפּיראָ און פּרץ הירשביין זאָגן די טענדענץ בפירוש אָן מיט די ווערק, וואָס זיי האָבן דאָ געשאַפן, ווען זיי זענען געווען געסט אין אַמעריקע, אין פּראָצעס פון זייער אַמעריקאַניזאַציע. אויב נישט זיי אַליין, האָבן די ווערק זייערע די טענדענצן אויסגעשפּירט, און פּראָפּיטירט פון זיי.

אויף זיי, וואָס זענען געקומען אַהער פּאַרטיק אויסגעפורעמטע, לאָזט זיך בולט אָנזען דער קאָנטראַסט צווישן זייער שאַפן אין דער אַלטער היים און דאָ.

(מיר נעמען דאָ ביי פּינסקין, שאַפּיראָן און הירשביינען בלויז דעם מאָמענט פון זייער „אַמעריקאַניזאַציע". ווי איינגעבירגערטע „אַמעריקאַנער" וועלן זיי שפּעטער באַהאַנדלט ווערן).

דוד פּינסקי איז אַ גוטערביישפּיל — דער ערשטער, מיט וועמען דער „מעבר לים" האָט אַזאַ פּעולה געטאָן. פון אַ פּיאָנער אין פּראָלעטאַרישער דערציילונג — פּראָלעטאַרישער אין אונטערשייד פון רחמנותדיקער פילאַנטראָפּישער אָרעמקייט־שילדערונג — איז ער געשטיגן צו אַ פּיאָנער אין פּראָלעטאַרישער דראַמע — „אייזיק שעפטל". דער קוק פונדערוייטנס האָט פאַרגרעסערט דעם פאַרנעם, געשטאַרקט די אויפנאַמספייאיקייט פון זיין אויג. ס'איז געדיכטע אַריינזעאונג: כדי צו דערהייבן די טראַגעדיע פון אייזיק שעפּטלען פון אַ דערציי־

לונג צו אַ דראַמע, פֿאָדערט זיך פֿולערע קאָנטראָל־קראַפֿט איבערן מאַטעריאַל. אָבער נאָך מער עדות, אַז זיין שעפֿערישע ענערגיע איז פּילפּאַך געכופֿלט געוואָרן, איז זיין קרוינווערק „דער אוצר" (1906).

עס איז נישטאָ קיין גלייכן צום „אוצר" אין דער יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור. פּינסקיס „אוצר" איז אַ פּאַנאָראַמע פֿון אַ קליין שטעטל, וואָס איז כולל אַלע יידישע קליינע שטעטלעך, מיט אַ הינטערגרונט, וואָס לויפֿט אין דער טיפֿעניש פֿון דורות; מיט אַלע קלאַסן שטעטלשע יידן: רייך־אָרעם, חכם־נאַר, למדן־עם־הארץ, יחסן־שלעפּער — צענויפֿגעקנוילטע, פֿאַרדרייטע אין אַווירבל, וואָס קערט אַלץ און אַלעמען איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ: משוגע געוואָרענע פֿון אַ חלום, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן דורך אַ פֿונק פֿון אָבערגלויבן. דאָ איז די נשמה פֿון שטעטל אין לעבנס בילד און סימבאָל. דאָ איז דער פֿאַרצייטיקער יידישער גרויס־גלויבן אויסגעביטן דורך דער נויט אויף דער קליינגעלט פֿון לייכטגלויביקייט. די קללה, וואָס מאַכט דעם פּרינץ פֿאַר אַ הונט, ווערט מגולגל אין דער ברכה, וואָס מאַכט דעם הונט פֿאַר אַ פּרינץ. דער אייביקער ייד אין זיין קליינשטעטלדיקן גלגול — דאָס איז „דער אוצר". נאָר פֿון אַמעריקע, וואָס גיט שטרעקקראַפֿט צו די אָרעמס און צום גייסט, האָט אַזאַ באַרג געקאָנט אויפֿגעהייבן און אויפֿגעשליידערט ווערן.

(דוד פּינסקיס „דער אוצר" איז גלייכצייטיק אַ גרויסער ביישפּיל, וואָס לערנט דעם אַמעריקאַנישן שריפֿטשטעלער וואָס ער זאָל טאָן מיט דער קליינשטעטלדיקער אָפּשטאַמונג, וואָס ער טראָגט אין זיך. דורך אַ פֿלעצלעכן ריס מיט איר טויטעט מען אָפּ די וואָרצלען, וואָס גיבן די זאַפֿטיקייט פֿון געמיט. פּינסקי האָט געוויזן, ווי די קליינשטעטלדיקייט שעפֿעריש צו פֿאַרוואַנדלען און דערהייבן צו גרויסוועלטיקייט. ער האָט געלייזט דעם פּראָבלעם.

כראָנאָלאָגיש געהערט דאָ דער פּלאַץ צו ל. שאַפּיראָ, וועמעס הויפּט־ווערק פֿון דעם ערשטן פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿן — „דער צלם" — איז דאָ פֿאַרפֿאַסט און פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין 1909. אָבער שאַפּיראָ געהערט צו אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. לכתחילה — אַ לייריקער אין פּראָזע, וואָס זעט דיווירקלעכקייט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און וואָס זיין אָנגעגליטער איך־אינסטרומענט צייכנט אין איר פֿייערדיקע יעראָגליפֿן. זיין „צלם" איז געווען אַ איך־יעראָגליף, דורך וועלכן ער האָט פֿאַר־סך־הכלט זיין צאָרן־אָפּרוף פֿון אַמעריקע אויף דער יידיש־

רוסיש־אינטעליגענטישער צעקראָכנקייט אין דער פּאָגראָמען־בהלה. עדותט עס טאַקע אויף געשטיגענער ענערגיע און מעבר־לימיקן פאַרמעסט. אָבער אין אַמעריקע האָט שאַפּיראָ איבערגעאַרבעט זיין ליטעראַרישן מעטאָד. ער האָט זיין אָנגעגליטן איך־אינסטרומענט זיך אַריינגעזעצט אין די אויגן, און ער זעט די ווירקלעכקייט דורך פאַרגרעסערטע פייער־גלעזער. און זיינע געשטאַלטן — ווי זיי וואָלטן אייערע נאָענטסטע באַקאַנטע געווען, און איר ווילט צו זיי ריידן. איז שאַפּיראָ נאָך אַ בולטערע אילוסטראַציע אויף אַ טענדענץ, וואָס האָט לעצטנס זיך אָנגעמערקט ביי אַ צאָל היגע שריפטשטעלער, אַ טענדענץ צו פאַרקינסטלערן דעם פאַקט אין זיין געלאַף.

פּרץ הירשביין איז געקומען צום שפּעטסטן, אָבער ווי אַ ביישפּיל קאָן ער דינען צום בעסטן. די אַמעריקאַניזירונג פון פּרץ הירשביין ווייזט אויף אַ פולער טראַנספאָרמאַציע. לויט זיין אייגענעם עדות זאָגן, און די פאַקטן באַשטעטיקן עס, האָט אַמעריקע אים אָנגעשפּאַנט צו זיינע פאָלקס־קאָמעדיעס — „דעם שמידס טעכטער", „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „די פּוסטע קרעטשמע" — מיט וועלכע ער האָט געמאַכט זיין גרעסטן ביישטייער צו קינסטלערישן טעאַטער. דאָרט, אין דער אַלטער היים, האָט ער זיך געפּרואווט אויף נאַטוראַליזם — „די נבלה" און אויף דין־דינעם אַבסטראַקט אינטעליגענטישן סטיל, מיינענדיק שוין, אַז דאָס וועט זיין זיין באַרוף. — ערשט פון מהלך אַמעריקע, אַריבערקוקנדיק איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן און האַלב־אייראָפּע צו זיין דאָרפישער היים, צווישן ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, האָט ער זיך דערזען און געפונען אין זיין קלאָרער געשטאַלט — אַז ער איז אַ דאָרפס ייד, מיט דאָרפישע חושים, וואָס זעט ווי אַ גראָז וואַקסט און הערט ווי די נאַכט פליסט, און פילט ווי וואַסער רינט. דער שטאָט־אינטעליגענט האָט אים נאָך צוגעגעבן: שאַרפן לשון צו פאַלמעסן דאָס, וואָס ער זעט און הערט און פילט. האָט ער גענומען מאָלן די ליבעס און די שנאהס פון דאָרפישע בחורים און מיידן מיט אַזויפיל זיגזאַגן, וואַריאַציעס און שאַטירונגען, אַז מעטערלינקס פּרינצן און פּרינצעסינס האָבן זיי געמעגט מקנא זיין. זיין „בעבעלע" מיט דעם כסדרדיקן איבערגעלאַף פון אירע נאַאיווע פאַרוואונדערטע שטימונגען און רייד, דאַרף זיך גאָר נישט שעמען קעגן אַ בעלגישער פּרינצעסין.

אַמעריקע האָט דעם פאַרנעפּלטן הירשביינען אויסגעניכטערט און אויסגעלייטערט. פּלוצים האָט ער זיך דערזען אין באַזיץ פון אייַדעלן

מאַטעריאַל מיט געזונטן טעם. אַמעריקע האָט אים געלערנט דעם שניט ווי צו מאַכן דערפון געזונטן געברויך. אַמעריקע האָט קאָנצענטרירט זיין שעפערישע ענערגיע פאַר פּראַקטישע פּאַרמעסטן מיט ממשותדיקע רעזולטאַטן.

דוד פּינסקי, ל. שאַפּירא, פּרץ הירשביין עדותן, אַז דער „מעבר־לים" האָט זיי געדינט ווי אַן אַקומולאַטאָר פון שעפערישער עלעקטריציטעט. אָבער די פּאָזיציע פון „מעבר לים" אַליין וואָלט נישט גענוג געווען צו געבן זיי אַזאַ שטאַרקנדיקע אינספּיראַציע, ווען דאָ וואָלט קיין לעבעדיקע לופט נישט געווען פאַר טאַלאַנט צו אָטעמען. איין הויפּט־איינפלוס איז דאָ געווען, וואָס האָט אַלע איינפלוסן געשטאַרקט און פאַרלעבעדיקט: — אַ לעבעדיקע אוידיענץ.

די יידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק האָט שוין ווייט אַריבער־געשטייגט אַ מיליאָן. אַ גאַנצע יידישע מדינה מיט אַ גרויסער פּראָפּאָרציע יונגע לייט וואָס נישט נאָר האָבן זיי געהאַט דורכגעמאַכט די פייערן פון דער רעוואָלוציע און די פאַרשיידענע שולעס פון סאָציאַליזם, נאָר האָבן אויך געהאַט קענטשאַפט אין דער רוסישער און יידישער ליטעראַטורן.

אַזאַ יידישע מדינה, מיט אַזאַ מאַסע פּאָטענציעלע לייענער, מיט אַזאַ יוגנט — די ליטעראַטור דאָ איז ראוי געוואָרן אַנגעשטעקט צו ווערן מיט אַן אויפשטייג־אילוזיע.

זענען מיר דאָ צוגעקומען צום עיקר: עס זענען צייטיק געוואָרן די באַדינגונגען פאַר אַ גרויסן שעפערישן אויפשוואונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. האָט די גרופּע „יונגע" זיך אַרויסגערוקט אויף דער סצענע.

ווען מען האָט פאַר די אויגן די לעצטע 25 יאָר און מען ווייס ווי פאַרשיידן עס זענען געווען זייערע שפּעטערדיקע גאַנגען, קאָן מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן זייער צוזאַמענזיין אין איין גרופּע: — גיי געפין אַן אויסגלייך צווישן יוסף אָפּאַטאָשו און דוד איגנאַטאָוו, צווישן מאַני לייבן און משה לייבן, צווישן זישאַ לאַנדוי און ה. לייוויקן, צווישן א. ראַבאָי און מ. י. חאַימאָוויטשן, צווישן יוסף ראָלניקן און א. מ. דילאָן, י. י. שוואַרץ און ר. אייזלאַנד, — איז אַקאָרשט נישט געווען אַ פאַרבלענדעניש זייער שותפותן זיך אין איין גרופּע? עס איז יאָ געווען באַרעכטיקט אַ גרופּע. זיי האָבן געהאַט צו מעלדן אַ שותפותן פּראָטעסט און אַ שותפותע דעקלאַראַציע.

פּראָטעסט — קעגן וואָס און קעגן וועמען? — קעגן דער הערשנדיקער ליטעראַרישער „קליקע", האָבן זיי געזאָגט. און געמיינט האָט עס, אַז די ליטעראַטור דאַרף זיך איינאָרדנען ווי אַ זעלבסט־שטענדיקע באַלעבאַטישקייט, וואָס זאָל נישט אָנגעוויזן זיין אויף דעם „חסד" פון דער צייטונג. זייער דעקלאַראַציע האָט אָפּגעגעבן דעם אויבן־אָן דער ליטעראַרישער פאָרם, און געמיינט האָט עס נאָך מער: — אַז די פאָרם אין ליטעראַטור דאַרף באַרייכערן דעם אינהאַלט, נישט פאַראָרעמען אים, זייער פאָרם איז שוין געווען רייכער אינהאַלט: זי איז אָנגעזעטיקט געווען מיט די אַלע טענדענצן, וואָס האָבן זיך אָנ־געצייטיקט אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. און עס איז געווען די העכסטע צייט, אַז ביידע רעוואָלוציעס — קעגן דער צייטונג און פאַר פאָרם — זאָלן דורכגעפירט ווערן. דערפאַר זענען זיי, די „יונגע", פון אָנפאַנגער גלייך געוואָרן פּיאָנערן — מיט די אַלע נצחונות, וואָס זענען דער גיכער שכר פון פּיאָנערנטום.

צווייטער טייל

„כמו-טעריטאָריע — במקום רעליגיע"

איידער איך טרעט־צו צו דער באַהאַנדלונג פון דעם ליטעראַטור־פעריאָד, וואָס האָט זיך געעפנט אין אַמעריקע מיטן יאָר 1910, וויל איך פאַראויסשיקן אַט־דעם געשיכטלעכן איבערבליק אַן אַריינפיר, אין וועלכן די פירנדיקע אידייען פון מיין אַרבעט, די פון מיר אַרויסגעבראַכטע „גרונט־טענדענצן" — גרויס־תכלית, כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, ירושה־פאַרוואַנד־לונג — זאָלן קלאָרער, פעסטער, איינפאַכער און קאָנצענטרירטער פאָר־מולירט ווערן; וואָס אַט־די פאַראיינפאַכטע און פאַרשטאַרקטע פאָרמולי־רונג זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט דורכצולאָזן אין אַ האַסטיקער רעוויזיע דעם פאַרלויף פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור זינט איר געבאָרן ביז 1910, ווי אויך אין פאַראויס אָנצוזאָגן, איידער איך האָב עס באַשטע־טיקט אויף איינצלנע שריפטשטעלער, אַז די ליטעראַטור אינגאַנצן — „פון אָנהייב ביזן סוף" — פאָלגט אויס דיזעלביקע גרונט־טענדענצן; אַז זיי זענען גילטיק און אפשר נאָך גילטיקער היינט ווי אַמאָל.

און איך טראָג אַריין מיין ערשטע קאָרעקציע אין דער פאָרמולירונג פון די טענדענצן: דער נאָמען איז צו־שוואַך פאַר דעם וואָס זיי באַצייכע־נען. געדאַרפט האָב איך זיי אָנרופן די עקזיסטענץ־געזעצן פון דער יידי־שער ליטעראַטור, פון וועלכע די ערשטע דריי, וואָס האָבן זיך נאָך אָנגע־מערקט ביי די קלאַסיקער: גרויס־תכלית, כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, ירושה־פאַרוואַנדלונג — טראָגן אין זיך די אייגנאַרט און דעם זכות־הקיום פון דער יידישער ליטעראַטור. איר גורל, איר קיום און נצחון הענגט אָפּ פון זיי. זיי הייבן די יידישע ליטעראַטור פון דלות־ווינקל צו אַן אויבן־אָן פּאָזיציע. פון וואַנען איז דאָס אַלץ געדרונגען?

דאַרף איך דאָ אויסזאָגן אַ סוד, אַז צוליב אַמעריקע, צוליב דער היינ־טיקער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און צוליב דער היינטיקער יידי־שער ליטעראַטור בכלל איז מיין גאַנצע אונטערנעמונג מיט די טענדענצן. דער אמתער אמת איז, אַז זיי זענען בולטער און גילטיקער היינט־צו־טאָג, ווי זיי זענען געווען אַמאָל. ערשט דורך דער לויפנדיקער יידישער ליטע־ראַטור, לאָזט זיך עס געטרוי פעסטשטעלן, אַז די טענדענצן זענען בפועל

ממש געזעצן. והראיה, ווען מען איז עובר אויף זיי, באַשטראָפן זיי. די שריפטשטעלער, וואָס היטן זיי נישט אָפּ, ווערן פאַרמינערט אין טאַלאַנט, פאַרקערט, וואו די טענדענצן ווערן אָפּגעהיט, באַלוינען זיי. די שריפט־שטעלער־אָפּהיטער ווערן פאַרמערט אין טאַלאַנט (אין פאַרלויף פון דער אַרבעט וועל איך ברענגען ביי אַ פּאָר טוצנט ביישפּילן־אילוסטראַציעס פון שריפטשטעלער יאָ־אָפּהיטער און ניט־אָפּהיטער פון די טענדענצן.)

האָב איך גענומען אַט־די היינט זיך גילטיק מאַכנדיקע טענדענצן־געזעצן און זיי געוואָרפן פון היינט אין אַמאָל אַריין. און איך בין באַרעכטיקט געווען אַזוי צו האַנדלען: ווייל אַפילו אָן אויסשעפּנדיקע אונטערזוכונגען — בלויז אַ טיפערע לייענונג פון די קלאַסיקער איז גענוג איינצוזען, אַז די זעלביקע אונטערגרונטיקע, פון אונטערגרונט זיך אַרויספּרעסנדיקע אידייען־קרעפטן, וואָס באַוועגן די היינטיקע ליטעראַטור — וואָס דאָס זענען זיי די טענדענצן־געזעצן — האָבן שוין גענומען אָפּערירן ביי איר געבורט און האָבן געבראַכט צו איר געבורט און האָבן געפורעמט איר געשטאַלט.

און איך טראָג אַריין מיין צווייטע קאָרעקציע אין דער פאַרמולירונג פון די טענדענצן: — עס איז אמת, ווייל איך שרייב נישט קיין סיסטעמאַטישע געשיכטלעכע פאָרשונג, נאָר אַזוי צו זאָגן, אַ דעדוקטיווע אידייען־געשיכטע, האָב איך זיי מאַרקסיסטיש נישט באַגרינדעט; אָבער זיי זענען פאָרט מאַרקסיסטיש אָריענטירט, הגם איך האָב דעם נאָמען מאַרקס נישט דערמאָנט. אַלע דריי — גרויס־תכלית, כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, ירושה־פאַרוואַנדלונג — האָבן איין סאָציאַל עקאָנאָמישן אונטערשלאַק. אַז מען וויל, קאָן מען זאָגן, אַז אַלע דריי זענען איין טענדענץ. די ערשטע און די דריטע נעמען זיך אַרויס פון דער מיטלסטער — די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע — וועלכע איז די מוטער־טענדענץ נישט נאָר פון די צוויי, נאָר פון אַלע טענדענצן, וואָס וועלן שפּעטער נאָכקומען, אויך פון די, וואָס זענען אין אַמעריקע אויפגעקומען. און אַט־די מוטער־טענדענץ האָט דעם פונדאַמענטאַלסטן מאַרקסיסטישן שטיץ־פּונקט, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

* * *

די יידישע ליטעראַטור, מיט איר גאַנצער אייגנאַרטיקייט, וואָס איז איינגעפּאַסט אין אירע טענדענצן, מיט דער כמו־טעריטאָריע־טענדענץ בראש, איז געשטיצט אויפן זעלביקן סאָציאַל עקאָנאָמישן גרונט־פאַקט. אויף וועלכן, לויט די מאַרקסיסטישע אויסטייטשער פון דער יידישער גע־

שיכטע, איז אַנגעשפּאַרט געווען דער קיום פון יידן ווי אַ פאָלק פאַר די צוויי טויזנט יאָר זייט זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער מלוכה, זייער טעריטאָריע און זייער אייגענע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט. לויט זייער אויסטייטשונג האָבן יידן זיך געהאַלטן און זיך דערהאַלטן נישט טראָץ זייער אַבנאָרמאַלער סי־טואַציע — כדי די וועלט זאָל קאָנען באַוואונדערן ווי אַ נס זייער אויס־דויער און דערהאַלטונגס־קראַפט — נאָר דווקא אַ דאַנק זייער אַבנאָרמאַ־לער סיטואַציע.

יידן האָבן דערפילט אַ נויטיקע עקאָנאָמישע פונקציע. זיי זענען גע־ווען די פאַרמיטלער — סוחרים און געלטלייער — בעת די מערסטע פעל־קער־בעלי־בתים, ביי וועמען זיי זענען איינגעשטאַנען ווי געסט — צווערשט אין מערב־אייראָפּע, דערנאָך אין מזרח־אייראָפּע — האָבן קיין אייגענעם פאַרמיטלער־קלאַס נישט פאַרמאָגט.

אַ סכנותדיקע פונקציע, וואָס איז טראַגעדיק געווען מיט אומגליק, אָבער אין אומגליק איז געווען אַ גליק; רדיפות און הריגות, אָבער די יידישע פונקציע האָבן זיי נישט געקאָנט דערהרגענען; אַ רעשט יידן איז אַלעמאָל געבליבן אויף אָוועקצוגלאָזן זיך אין נייע ערטער, אויף צו גרינדן נייע ישובים, אויף נאָכאַמאָל צו דערפילן דיזעלביקע פאַרמיטלער־פונקציע.

איז דאָס זייער טשיקאַווע — יידן האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ מום — זיי האָבן זיך איינגעקאָרטשעט אין אַן אבר אויף צו אַנטלייען זיך די קער־פּערס פון פרעמדע פעלקער; און ווייל אַזוי טשיקאַווע, און ווייל עס לייגט זיך מיר אויף דער מאַרקסיסטישער העלפט פון מיין שכל, בין איך מוכן ומזומן די דערקלערונג אָנצונעמען.

די אמתע סכנה פאַרן יידישן קיום איז געקומען איצט, ווען יידן ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע פאַרמיטלער־פּאָזיציעס — דורך באָיקאָט, פּאָ־ליטישער און פיזישער געוואַלט — און קיין נייע לענדער וואו צו לויפן זע־נען נישטאָ.

כידוע, האָבן אויף אָט־דער שטייגנדיקער אַבנאָרמאַליטעט זיך אויפ־געבויט דער ציוניזם און דער טעריטאָריאַליזם — צוויי באַוואָרעניש־ און רעטונגס־פּלענער, וואָס באַצוועקן איבערצוקערן די אַבנאָרמאַלע סיטואַציע אין אַ נאָרמאַלער. דר. זשיטלאָווסקי האָט פאַר דער היילונג פון דער דאָ־זיקער אַבנאָרמאַליטעט אויפגעשטעלט זיין גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס העפט צונויף טעריטאָריאַליזם מיט יידישיזם, וואָס דער לעצטער שליסט איין יידישע ליטעראַטור ווי זיין הויפּטשטיק.

זענען מיר צוגעקומען צו אונדזער הויפּט־ענין — יידישע ליטעראַטור.

די יידישע ליטעראַטור טוט דאָסזעלביקע — זי „טעריטאָריאַליזירט".

ווי ידען אַנדערש? ווי האָט מען גאָר זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די יידישע ליטעראַטור וועט אויסמיידן אָפּצוענטפערן אויף דער גרונט־סי־טואַציע, אויף וועלכער די מאַרקסיסטן שטיצן דעם קיום פון יידישן פאָלק ביז אַהער? און פון וועלכער די ציוניסטן מיט די טעריטאָריאַליסטן ציען אַרויס זייערע מאַרקסיסטישע פּראָיעקטן אויף צו באַוואָרענען דעם יידישן קיום אויף להבא? אויב וועגן די ציוניסטן דאַרף מען פרעגן אַ שאלה, איז וועגן די טעריטאָריאַליסטן גאָר קיין ספק נישט, אַז זיי זענען מאַרקסיסטן. וואָס דאַרף מען זוכן ווייט? — זענען די קאָמוניסטן, וואָס „טעריטאָריאַ־ליזירן" זיך מיט בירא־בידזשאַן, קיין מאַרקסיסטן נישט? אדרבא, פּרוווט זיי עס זאָגן!

איז אַ גרונט־סיטואַציע, וואָס ציט אַרויס אַ מאַרקסיסטישן ענטפער פון כמעט דער גאַנצער יידישער סאָציאָלאָגיע, וועט נישט אַרויסקריגן קיין מאַרקסיסטישן ענטפער פון דער יידישער ליטעראַטור? און זי האָט אַרויס־געקראָגן! די יידישע ליטעראַטור האָט אָפּגעענטפערט אויף דער גרונט־סיטואַציע מיט איר סאַמע געבורט, און ענטפערט נאָך עד־היום — מיט איר מהות, מיט אַלע אירע סימנים, מיט איר גאַנצן גאַנג. און אָפּגעענט־פערט, ווי פאַראויסגעזאַגט קענדיק דעם ענטפער פון דער סאָציאָלאָגיע — לאמר, אַזוי צו זאָגן: ביז די סאָציאָלאָגיע וועט נישט צושטעלן קיין פּאַרטיקע טעריטאָריע, וועל איך דיר, יידיש פאָלק, דינען ווי אַ כמו־טעריטאָריע. — אָבער ווי אַזוי קאָן זי דאָס באַווייזן?

כדי צו פאַרשפּאָרן זיך שרייבן אַ טראַקטאַט וועגן דער מאַרקסיסטי־שער אינטערפּרעטאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור, ווענד איך זיך נאָך אַן ענטפער צו איר פאָרגענגערין — דער יידישער רעליגיע.

* * *

די יידישע רעליגיע האָט געפאָלגט, וואָס דער מאַרקסיזם האָט גע־הייסן, און נאָך מער ווי געפאָלגט: דאָרט וואו דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געדאַרפט האַלטן אויף דער פונקציע פון איין קלאַס, האָט די רעליגיע זיך אויסגעשפּרייט צוצודעקן דאָס גאַנצע פאָלק. דורך דער יידישער רעליגיע האָט דאָס יידישע באַוואוסטזיין פונקציאָנירט נישט ווי דאָס קלאַסנבאַ־וואוסטזיין פון די סוחרים, נאָר ווי דאָס פאָלקבאַוואוסטזיין פאַר אַלע קלאַסן יידן. היינטער די מויערן פון דער געטאָ האָבן אַלע יידן זיך צוזאַמענגע־האַלטן ווי אַ גאַנץ פאָלק, הגם פלאַץ און עקאָנאָמישער אַנהאַלט איז געווען בלויז פאַר איין קלאַס.

און וואו עס איז אַפילו איין קלאַס אויך נישט געווען מיט פּלאַץ און פונקציע? וואו יידן האָבן זיך פּאַרנומען מיט דיזעלביקע מלאכות און פּראָפעסיעס, ווי די איינגעבאָרענע, און וואו די איינגעבאָרענע האָבן אויס־געטיילט פון זיך פונקט אַזעלכע גוטע סוחרים, ווי די יידישע געסט — אין מיטלאַלטערלעכן דרום־פראַנקרייך און איטאַליען צו בייספּיל, אָדער אין אַלעקסאַנדריע פון אַלט־מצרים און אין בבל — דאָרט האָט די יידישע רע־ליגיע באַוויזן נאָך אַ גרעסערן וואונדער. יידן האָבן קיין עקאָנאָמישן באָדן נישט געהאַט אונטער די פיס, קיין ספּעציעלע פונקציע, וואָס זאָל זיי באַ־רעכטיקן צו קיום לויט מאַרקסיזם — דאָרט האָט די רעליגיע דערקלערט מלחמה דער יידישער באָדנלאָזיקייט און אויפגעהויבן אַ טעריטאָריע של מעלה, מיט ה׳ אחד אַלס צוזאַמענהאַלטער אין צענטער. און וואָס צעשפּליטערטער דער באָדן אונטער די פיס, אַלץ פעסטער, האַרטער די טעריטאָריע של מעלה. דווקא אין בבל, וואו די איינגעבאָרענע זענען געווען ספּע־ציאַליסטן האַנדלס־מענטשן, איז די טעריטאָריע של מעלה איינגעשטעלט געוואָרן. אַ טעריטאָריע של מעלה איז דאָס געווען, ווייל גאָרנישט איז דאָרט געווען פאַרן היינט, נאָר אַלץ פאַר להבא: גאָטס שבועות און נדרים פון ברית אברהם ביז אחרית הימים, מיט דער נבואה אויף דער גאולה, אין וועלכער די יידן איז פאַרגעשטאַנען אַ גרויסער נצחון — זיי וועלן אויס־לייזן זיך און די וועלט. און די יידן אונטן האָבן דעם אויבערשטנס שבועות און נדרים איבערגעחזרט אין זייערע טאָג־טעגלעכע תפילות און איבונגען — מאַגישע האַנדלונגען, צערעמאָניאַלן, ריטואַלן, אַנגעלאָדענע מיט שם־המפורשן, כישוף־שפּרוכן — וועלכע זענען געווען גענוג צו פאַר־גליווערן די טעריטאָריע של מעלה ממש ביז מאַטעריעלער ממשות — גע־נוג שטאַרק, אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל זיך קאָנען אָן איר אָנהענגען. פון דער טעריטאָריע של מעלה האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַזעלכע אומזיכטבאַרע שוץ־ווענט, וואָס האָבן געהאַלטן דעם יידן נשמה־זיכער, אַפילו ווען זיין גוף האָט זיך געצאַפּלט אין הוילע סכנות.

אמת, די גרויסע קולטורעלע יידישע ישובים פון דרום־פראַנקרייך, איטאַליע, אַלעקסאַנדריע, זענען מיט דער צייט אונטערגעגאַנגען — אוודאי אויס מאַנגל אין עקאָנאָמישן באָדן — אָבער יאָרהונדערטער האָבן זיי זיך געהאַלטן אין בליענדיקן צושטאַנד? און די תלמודישע טעריטאָריע גופא, וואָס האָט געשטאַמט פון בבל, האָט אָנגעהאַלטן יאָרטויזנטער — ביז גאָר לעצטנס. דאָס איז דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט. מוז דאָך זיין אַ מאַרקסיס־טישע דערקלערונג דערויף. ווייס איך נישט ווי די מאַרקסיסטן גיבן זיך

אַן עצה מיט דער יידישער רעליגיע. פון מיינעטוועגן, מעג בלייבן שטיין דער מאַרקסיסטישער אמת, אַז דער גייסטיקער איינשטעל דאַרף אָפּענט־פערן דער עקאָנאָמישער סיטואַציע, — אָבער ווי אַזוי אָפּענטפערן? נישט מיט בליינדן פאָלגן דער סיטואַציע, נאָר אָפט פאַרקערט — טוענדיק איר אויף צו להכעיס, ראַנגלענדיק זיך מיט איר, בייקומענדיק זי. אַבי אָפּגע־ענטפערט זאָל זיין, נישט אויסגעמידן, אין באַטראַכט גענומען. וואָס עס פעלט דער סיטואַציע דערגאַנצט דער איינשטעל, און טאָמער פעלט זי כמעט אינגאַנצן, פאַרבייט ער זי. און, עס קומט אויס, אַז ער בלייבט הענגען אין דער לופטן אויף גאַרניט. און דאָס איז אויך אַ ריכטיקער מאַרקסיסטישער אָפּענטפער.

אָבער וויפיל איז דער שיעור? עס איז געשען: — די געטאָ־מויערן האָבן געפּלאַצט — די זיכטבאַרע און די אומזיכטבאַרע. די גייסטיקע כמו־טעריטאָריע איז אויסגעשטעלט געוואָרן צו די שטורעם־ווינטן פון פרייען געדאַנק, פון דער השכלה, וואָס האָט גענומען אויסעסן דאָס האַרץ פון אַלע שם־המפורשן, כישוף־שפּרוכן, מאַגישע האַנדלונגען, אַפילו דאָס וועלט־האַרץ פון ה׳ אחד. די אַלטע יידישע רעליגיע איז געוואָרן נישט גענוג, האָט גענומען אָנווערן איר כוח צו האַלטן אין דער הייך די גייסטיקע כמו־טעריטאָריע.

גלייכצייטיק האָט נאָך ערגערס פּאַסירט: די ספּעציעלע יידישע פאַר־מיטלער־פונקציע האָט אומעטום זיך גענומען אַרויסגליטשן פון יידישע הענט. אַפילו אין די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער, וואָס האָבן קוים אַ פענצ־טערל געעפנט צו דער ציוויליזאַציע, האָבן צווישן די איינגעבאָרענע זיך געמעלדעט בעלנים צו פאַרנעמען פאַר זיך די פאַרמיטלער־פונקציע, און וואָס וויניקער מסוגל זיי זענען געווען דערצו, אַלץ מער האָבן זיי געזען אין דער אַרויספּרעסונג און אויסראָטונג פון דעם יידן דעם מיטל אַרויפצו־אַרבעטן פאַר זיך די פּאָזיציע. — זענען יידן געבליבן אויסגעשטעלט — אָן רעליגיע, שוצלאָז, נאַקעט, אין הוילע סכנת־נפשות. האָבן די יעניקע פון זיי, וואָס האָבן געהאַט נשמה־יתירה, צוליב פקוח־נפש זיך אָנגענומען מיט מוט עובר צו זיין אויף דעם געבאָט: — לא תעשה לך פסל — און זיי האָבן אַרויסגעפאָדערט ביי זיך לוסט צו שאַפן ליטעראַטור — וואָס איז אַ צוגעפּאַסטערער אינסטרומענט ווי רעליגיע איינצושטעלן אַ פאַרהעלטניש מיט דער ציוויליזאַציע, וואָס איז אויפגעבויט אויף דעם פּרינציפּ, אַז דער מענטש איז נישט קיין אונטערוואָרפענער צו גאָט, נאָר אַ פרייער אַגענט — אַליין בבחינת באַשעפער. די ליטעראַטור האָט די מעלה, וואָס אי זי קאָמו־

ביקירט מיט דער ציוויליזאַציע, אי זי דערהאַלט דעם נאַציאָנאַלן נפש, ווי רעליגיע. ביידע אירע פונקציעס זענען דאָ וויכטיק. זי נעמט איבער פון דער רעליגיעזער כמו־טעריטאָריע דעם יידנס שליחות, זיין ראָלע אין דער צוקונפט, די העכערע פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פון זיין קיום און איבערזעצט עס אין היינטוועלטיקייט. דאָס איז עס, וואָס איך באַצייכן דער־וויל ווי כמו־טעריטאָריע אין ליטעראַטור.

ווי אַזוי האָט זי זיך איינגעשטעלט? ווי אַזוי האָט זי געאַרבעט? אין מענדעלעס צייט האָט זיך עס דאָך אָנגעהויבן — דער דראַנג פון די אויבערשטע און מיטעלע יידישע קלאַסן אַריינצוכאַפּן זיך ווי אַ סעקציע אין דער אויפקומענדיקער רוסישער בורזשואַזיע; און דער דראַנג פון דער אינטעליגענץ צו קולטורעלער אַסימילאַציע מיט דער רוסישער אינטעליגענץ. נישט געווען וואָלט עס זאָל באַשאַפן ליטעראַטור און נישט געווען קיין פּראָספּעקטיווע אוידיענץ פאַר ליטעראַטור. די מאַסע האָט געטראָטן אויף צעשפּליטערטן גלאָז, אויף באָדן פון עקאָנאָמישע שפּליטערס.

אָבער דאָס איז דאָך געווען דיזעלביקע גרונט־סיטואַציע, וואָס האָט אַרויפגעהויבן די רעליגיע, ווי כמו־טעריטאָריע אינדערלופטן. און דער־זעלביקער פּסיכישער איינשטעל איז געווען, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון דער גרונט־סיטואַציע. דער אַרט פון רעליגיע האָט נאָך פונקציאָנירט אין דעם יידנס נשמה. און דער עיקר, די כנסת־ישראל, די נשמה פון דער יידי־שער עדה, ווי זי האָט זיך אויסגעפורעמט אַן אָנגעהאַנגענע אָן דער כמו־טע־ריטאָריע, איז נאָך געווען גאַנץ, האָט זיך געגעבן צו פילן ווי אַ פאַקט, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס שוועבט פאַר די אויגן — האָט די ליטעראַ־טור, דורך דעם שעפערישן געמיט פון שריפטשטעלער־פּיאָנער, אים אונ־טערגעזאָגט: — באַשאַף מיך ווי אַ כמו־טעריטאָריע, ווי אַ במקום־רעלי־גיע, וואָס דאָס איז איינס און דאָסזעלביקע.

האָט זי עס טאַקע בפירוש געזאָגט: כמו־טעריטאָריע, במקום־רעלי־גיע? זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניין. די ערשטע פראַגע, מיט וועלכער דער כמו־טעריטאָריע־דראַנג האָט זיך דערלאַנגט צו אים, איז געווען צו וואָס? צו־וועלכן תכלית? פּראַקטיש האָט עס געקאָנט זיין דער משכיל אין אים, וואָס האָט געזוכט ניצלעך צו זיין — ער האָט עס געפרעגט. עס האָט גע־קאָנט אויך זיין די השפּעה פון דער רוסישער ליטעראַטור פון די 60ער יאָרן, וועלכע איז אָנגעצילעוועט געווען צו געזעלשאַפטלעכן דינסט. אָבער אויפגעכאַפּט פון כמו־טעריטאָריע־דראַנג, איז עס געוואָרן אַ פראַגע פון גרויס־תכלית. דאָס האָט דער סופר אין אים, דער יורש פון נביא און תנא, ווי אויך דער קינפטיקער לייענער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף זיי,

וואָס ביידע האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן שיהע־פּיהע, פּוסטע מעשה, פרייען שפּיל — זיי האָבן עס געפרעגט. דאָס האָט רעליגיע געצווייפלט, צי זי וועט קאָנען הויזן מיט ליטעראַטור. האָט זי דורך דער פראַגע וועגן גרויס־תכלית זיך נאָכגעפרעגט ביי דער ליטעראַטור, צי זי וועט נעמען אויף זיך צו טאָן במקום־רעליגיעזן, כמו־רעליגיעזן, כמו־טעריטאָריע־דינסט — און די ליטעראַטור האָט דורך מענדעלען געענטפערט: יאָ!

במקום — פריער דעם אָרט פאַרנעמען. אָבער אין דער סיטואַציע איז שוין געווען איינגענעסט די אידייע, וואָס מענדעלען האָט זי עס נישט אויסגעזאָגט, אָבער פּרצן האָט זי עס געזאָגט בקול רם — די אידייע, אַז ווען די ליטעראַטור, אָט־די נייע פונקציע פאַר יידן, וועט זיך אָננעמען מיט קינסטלערישן כוח, וועט זי נעמען פונקציאָנירן ווי רעליגיע און טאָן דעם־זעלביקן דינסט פאַר דער יידישער דערהאַלטונג. פון במקום ביז קינסט־לערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע — דאָס איז דער גרויסער טראַקט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון איר סאַמע גע־בורט, און דער שריפטשטעלער, וואָס טרעט אַרויף אויף אים, ווערט גע־בענטשט מיט טאַלאַנט, אַבי אַ ניצוץ נשמה־יתירה — ווייל ער ענטפערט זיין אייגענער און דעם פאָלקס נשמה־נויט.

עס איז נישט קיין לייכטער גאַנג פאַר דער יידישער ליטעראַטור צו גיין דעם כמו־טעריטאָריע־טראַקט. באַזונדערס שווער איז געווען דער ערשטער טראַט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָמבינירן צוויי פונקציעס, וואָס זענען אין פלוג אין סתירה איינע צו דער אַנדערער. רעליגיעזע שאַ־פונג איז אין געהאָרכזאַמקייט צום שטרענגן באַפעלער ה׳ אחד. ליטעראַ־טור־שאַפונג איז אַ פרייער אויפשפּיל פון מענטשנס פאַנטאַזיע. אָבער עס האָט געמוזט געשען — אויס סתירה זאָל עס ווערן!

מ׳זעט, ס׳קומט מענדעלען שווער אָן. פון די ערשטע ווערק איז ניט צו קענען, אַז דאָ הייבט אָן אַ גרויסער שריפטשטעלער. נישט ער דער־ציילט, נאָר ער באַשרייבט, וואָס ער דאַרף דערציילן. ער שפּאַנט זיין פען אין אַלעגאָריע, ווייל אַלעגאָריע קאָן מאַכן אַן אידייע זיך דערציילן. אָבער די אַלעגאָריע האָט ער צוגעשפּאַנט צו דער עדה, דעם גוף פון כנסת־ישראל — און עס איז אַוועק אַ גאַנג. די אַלעגאָריע ווערט אַלץ פולער, די עדה נעמט אָן אויף זיך אַלץ מער קינסטלערישן לייב — פון „קליין מענטשע־לע” דורך „טאַקסע”, „פישקע”, „ווינטשפינגערל” ביז צו ”בנימין השלישי”, וואו די עדה איז שוין אַרויפגעהויבן צום סטאַטוס פון כנסת־ישראל. נישט קיין לופטמענטש בלויז איז בנימין, נאָר אַ באַוואוינער פון

דער יידישער כמו־טעריטאָריע אין דער לופטן — דער יידישער דאָן קי־כאָט. די ליטעראַטור הייבט שוין אָן פירן דעם גרויסן חשבון פון כנסת־ישראל מיט דער היימישער וועלט. דער כמו־טעריטאָריע דינסט האָט אַרויסגעצויגן דעם קינסטלער, און מענדעלע קאָן שוין איצט מאַכן אַ ריין־קינסטלערישן שפּאַציר אין „שלמה ר' חיימס" איבער דער רעליגיעזער טעריטאָריע של מטה, אויף וועלכער דער ייד האָט זיך געהאַלטן.

מען קאָן זאָגן, אַז מענדעלע האָט זיין גאַנצן טאַלאַנט צו פאַרדאַנקען דעם כמו־טעריטאָריע־דראַנג. דער לשון ווייזט, אַז מענדעלע זעט נאָך פאַר זיך דעם לייענער נישט, נאָר ער רופט אים ערשט אַרויס, דאָס איז דער טאָפּל־מיינענדיקער לשון פון מענדעלע דעם סופר, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מענדעלע דעם מוכר־ספרים, אַ העכערן פאָלקס־טיפ — צוערשט אַן אַלעגאָריע, דערנאָך אַ קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון אַ דור אין אי־בערגאַנג — וועלכער האָט אַרויסגערופן עגלעכע צו זיך, די אויפקומענדיקע פאָלקס־אינטעליגענטן, פאַר לייענער.

שלום־עליכם איז געגאַנגען ווייטער דעם וועג, וואָס איז איינגעבראָכן געוואָרן פון מענדעלען. מנחם־מענדל און טביה זענען נישט נאָר טיפּן. דער עיקר, זענען זיי כמו־טעריטאָריע־פאַרטרעטער פון כנסת־ישראל פאַר דער וועלט. נישט נאָר אָוועקגעשטעלט אויף צו ווייזן זיי פאַר דער וועלט, נאָר זיי פירן שוין קלאָר און דייטלעך פאַרן יידן זיין וועלט־חשבון. טעכניש זענען זיי נישט גוט געמאָלן, אין איבערגעחזרטע פסוקים, ווי די געכתיבה־טע פאַרטרעטן פון הערצלען און מאַנטעפיאָרע. אָבער וואָס עס קומט פאַר אין זיי און דורך זיי אין לייענער, דאָס איז געווען טייער! ווער עס גע־דענקט יענע צייט, וייס די פרייד וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט מיט דער פאַר־וואַנדלונג, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין לייענער. דער יינגערער ייד האָט זיך דערקענט אין עלטערן; דער עלטערער האָט זיך דערקענט ווי אַנגע־העריק צום וועלט־מענטשן. זיי האָבן אונדז איבערגעחשבונט, איבערגע־שטאַלטיקט. זיי האָבן אונדז געגעבן אַן אָרט אין דער וועלט. מיר די אייביקע גלויבנס־פאַנטאַזיאָרן! מיר די בעלי־בטחון! באַלד וועט אונדז אָנגעוויזן ווערן וואָס מיר האָבן צו טאָן אין דער וועלט. דאָס איז כמו־טע־ריטאָריעלער דינסט, און ווי אַ שכר פאַר דעם איז שלום־עליכם אָפּגע־טובלט געוואָרן אין טאַלאַנט.

שלום־עליכמס לשון ווייזט, אַז ער האָט געפונען זיין באַשטעלער. דאָס איז דער לשון פון שיינעם בעל־הבית, וועלכער איז געווען דער טאָנגע־בער אין יידישן קולטור־שטאָט, וואָס פון די ברעקלעך חכמה, וואָס זענען

געפאַלן פון זיין שמועס־טיש, האָט זיך געשפּייזט דער פאָלקסמענטש. שלום־עליכם האָט אונטערגעפירט אַ ברייטע לייענערשאַפט אונטער דער כמו־טעריטאָריע — דאָס איז איינמאָל גוט. נאָך בעסער איז וואָס ער האָט איבער דער לייענערשאַפט אַריבערגעפירט די כמו־טעריטאָריע, זי צוגע־דעקט, געקרוינט—וואָסביידע צוזאַמען האָט די יידיעש ליטעראַטור זיך אַ שטרעק געטאָן צום וואוקס.

ווען ס'איז געקומען צו פּרצעס אויפטריט, איז די סביבה פון שיינעם בעל־הבית געוואָרן נישט גענוג ווי אַ באַשטעלערין פון דער ליטעראַטור. עס האָט זיך אַרויסגערוקט אויף דער גזעלשאַפטלעכער אַרענע דער פאָלקס־מענטש, דער בעל־מלאכה, דער האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט זיך פריער געשפּייזט פון די ברעקלעך פון בעל־הבית־טיש, און האָט געמעל־דעט זיין תביעה אויף אַ פולן חלק ירושה: ער האָט זיך געקליבן אַקטיוו ווערן און האָט זיך גענויטיקט אין שטאַרקערער שפּייז. די ירושה מיט אַלע אירע צוזאָגן איז געלעגן אַ פאַרזיגלטע, אַ פאַרגליווערטע אַרום אַן אל־צור־נויפּציענדיקן צענטער — ה' אחד — אויבן, אויף דער טעריטאָריע של מעלה, אויף אָנצוקוקן זי מיט פאַרגלאָצטע פרומע אויגן. און אַזוי האָט זי געדינט צו קאָנסערווירן דעם קיום פון פאָלק. פאַרן נייעם מאַנער פון חלק ירושה האָט מען אָבער נישט געקאָנט יוצא זיין מיט אָנווייזן אים — אָט איז זי די ירושה, קוק נאָר ווי שיין, ווי קלוג זי איז! פאַר אים האָבן די זיגלען געדאַרפט אויפגעבראָכן ווערן, די ירושה אויפגעעפנט ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן פאַר זיין, דעם האָרעפּאַשניקעס באַלדיקן געברויך.

און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די ליטעראַטור, די איבערנע־מערין פון דער כמו־טעריטאָריע ביי דער רעליגיע, די ליטעראַטור אין איר געוויינלעכער פאָרם, ווי מיר האָבן זי איבערגענומען ביי די פעלקער, איז נישט די צוגעפּאַסטע כלי אויף צוצוטראָגן די ירושה צו דעם נייעם בעלן.

פּרץ האָט דאָ פונדאַסניי זיך אָנגעשטויסן אויף דער סתירה צווישן יידיש־נביאישן און גויאיש־ליטעראַרישן שאַפונגס־מעטאָד — ער האָט זי פיל שאַרפער און באַוואוסטזיניקער געפילט, ווי מענדעלע אין זיין פאַרגע־פיל — די סתירה צווישן מאָראַלישער באַווירקונג און עסטעטישער באַ־טראַכטונג.

דאָס פּראָבלעם פון יידישער און גויאישער קונסט האָלט אים כסדר באַשעפטיקט — אויב יאָ ליטעראַטור ביי יידן, דאַרף זי זיין גאָר אַן אייגנ־אַרטיקע, אַ סינטעז צווישן צוויי קונסט־פאָרמען, פאַר אַ ספּעציעלער ראָלע — פאַר אַ כמו־טעריטאָריעלער ראָלע, וועל איך צוגעבן.

זיין סטיל זאָגט עדות אויף אים: עס איז נישט דער איבערגענומע־נער לשון פון פאָלקס מויל, ווי ביי שלום־עליכמען; נישט קיין סטילי־זירטער אויף דעם לשון פון פאָלקס־למדן, ווי ביי מענדעלען. נאָר עס איז דער יחידישער לשון פון אַ זוכער פון נייע מיטלען צו דערלאַנגען ליטעראַ־טור. אַ זוכער איז ער געווען. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין מאָדישער קונסט־פאָרם צו דער אַנדערער, איבערגעגאַנגען פאַרשיידענע פרעמדע וועגן ביז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם כמו־טעריטאָריע־טראַקט — און איז באַגליקט געוואָרן. ער האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון יידישער קונסט־פאָרם. ער האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון ירושה־פאַרוואַנדלונג. בפירוש ירושה־פאַרוואַנדלונג, נישט די געוויינלעכע קאָפּירונג פון טראַדי־ציע. נישט ווי שיין דער שבת איז, נאָר זאָל קיין וואָך נישט זיין — אַ נייעם געברויך מאַכן פון שבת — פאַר דער פאַרשענערונג און פאַרטייערונג פון דער וואָך. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטע" איז אַ פאָרם פון קינסטלע־רישער פאַרוואַנדלונג פון דער ירושה פאַר דעם האַרעפּאַשניקס וועגן. די געשיכטע וועגן אַמסטערדאַמער פישער, למשל, לייגט נישט אַוועק אויף דעם פישערס טיש אַ ברעקל פון בעל־הבית־טיש, נאָר די גאַנצע ריזיקע גלויבנס ירושה פון יום־כיפור ווערט אין גראַנדיעזער איינפאַכקייט אַוועקגעלייגט אַנצושפּייזן דעם האַרעפּאַשניק.

עס איז נישט קיין פּראָלעטאַרישע דערציילונג. מעגלעך, דער אַמ־סטערדאַמער פישער האָט געהאַט אַ קאָנטראַקטאָר איבער זיך אָדער נישט. (דער פאַרטרעטער פון „ריינער" פּראָלעטאַרישקייט איז גאָר געווען פּינסקי אין זיינע דערציילונגען פון 1894—1898). פּרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים האַרעפּאַשניק. פאַר אים האָט ער די ירושה־פאַרוואַנדלונג דורכגע־פירט. די ירושה־פאַרוואַנדלונג פאַר דעם פּראָלעטאַריער איז געבליבן פאַר אַ שפּעטערדיקער צייט.

פּרץ האָט געמאַכט אַ נייע עפענונג אין דער כמו־טעריטאָריע. ער האָט גענומען אַרויסבאַפרייען אירע צוזאָגן אויף להבא פון זייער פאַרגליווערט־קייט. ער האָט זיי גענומען מקיים זיין אין היינט. האָט ער געמאַכט דעם ערשטן שריט אין דעם איבערגאַנג פון במקום צו קינסטלערישן עקוויוואַ־לענט פון רעליגיע.

דאַרף שוין זיין קלאָר, אַז אַלע דריי גרונט־טענדענצן זענען די זעל־ביקע כמו־טעריטאָריע־טענדענץ. זיי זענען אַלע דריי צו געפינען ביי יעדן פון די פּיאָנערן — גרויס־תכלית ביי אַלע דריי. אין „שלמה ר' חיימס" דעקט מענדעלע אויף דאָס פּנים פון דער ירושה; און מנחם־מענדל און טביה זענען געקנאָטן און געשטאַלטיקט פון ירושה־שטאָף. דאָס וואָס די

כמו־טעריטאָריע־טענדענץ באַווייזט זיך פאַר אונדז אין דריי געשטאַלטן — מיט איר אייגענער געשטאַלט, מיט גרויס־תּכלית צוערשט און ירושה־פאַרוואַנדלונג צולעצט — קומט דערפון, וואָס אין אָט־דעם סדר האָט זי זיך פונאַנדערגעעפנט פאַר די פּיאָנערן, לויט זייער גראַד אַנשעפּונג פון איר. דעם טיפסטן שעפּ האָט געמאַכט פּרץ מיט זיין פונאַנדערעפענען די ירושה, מיט זיין אָוועקשטעלן פאַר דער יידישער ליטעראַטור די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען די ירושה אין מאָראַל־ענערגיע פאַר מאָדערנעם געברויך. ער האָט אָנגעשעפּט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור. עס איז געווען ווי די כמו־טעריטאָריע וואָלט אַראָפּגענידערט פון איר הייך. מען האָט נאָך פאַר דעם קיין נאָמען נישט געהאַט, נאָר מען האָט זיך דערפילט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי ביי זיך אין דער היים. די כמו־טעריטאָריע־טענדענץ איז איבערגעגאַנגען פון טונקעלער אומבאַוואוסטזיניקער אידייע צו אָפענער, ליכטיקער אילוזיע. און עס איז אַלע־מאָל די ווירקונג פון דער כמו־טעריטאָריע־אילוזיע — אַז די ליטעראַטור ווערט נאָרמאַליזירט ווי ביי די טעריטאָריעלע פעלקער. זי נעמט זיך טראָגן מיט איר אייגענעם אימפּעט. זי רופט אַרויס שריפטשטעלער. זי רופט אַרויס אויידיענץ. שריפטשטעלער שטעקן אָן איינע די אַנדערע. די ליטעראַטור ווערט פּרוכטבאַר. מען שאַפט ליטעראַטור לשמה, ווי מען וואָלט געזעסן ביים טאַטן אין וויינגאָרטן, נישט ביים באַדנלאָזן יידישן פאָלק. עס קומט ווירקלעך פאַר פאַרמערונג פון דער ליטעראַרישער קונסט־קראַפט. קונסט לשם קונסט! — ווערט פּראָקלאַמירט. מען דאַרף נישט און מען וויל מער נישט אונטערגעטריבן ווערן פון טענדענצן. דער אמת אָבער איז: דאָס האָט אַלץ די כמו־טעריטאָריע טענדענץ אַרויסגערופן דורך איר אָנ־געזעטיקט ווערן ביז צום גראַד פון אַ ווירקלעכקייט־אילוזיע. זי איז בעיקר אַ ליטעראַטור־פּראָדוצירנדיקע טענדענץ.

די אילוזיע האָט זיך אויסגעלאָשן, אָבער פּרצעס השפּעה איז געבליבן. ער איז דער שעפערישסטער ליטעראַטור־שאַפער ביי אונדז דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן די קאָנדיציעס, וואָס שאַפן ליטעראַטור. ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן דעם ציל: פון במקום צו קינסטלערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע. און אונדזער ליטעראַטור באַוועגט זיך לויט זיין אָנווייזונג — אַלץ בייערע כמו־טעריטאָריעלע מיטלען אַרויסקריגנדיק, ביז די ליטעראַ־טור וועט נעמען מקיים זיין וואָס די יידישע רעליגיע וואָלט איצט באַדאַרפט טאָן, ווען זי וואָלט געווען אין פולער אַקציע: ענטפערן דער וועלטס אַרויסרוף צום יידן מיט ווערק פון דערלייזערישע אַנטפּלעקונגען.

* * *

די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע — נאָך פּרצן מעגן מיר זי אַזוי אָנרופן — האָט אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און האָט געגומען דאָ אַרבעטן, מיט אַ נפקה־מינה, באַטירלעך: — אין בייע פאַרוואַנדלונגען.

לכתחילה איז זי דאָ בישט געווען בנמצא. ווייל דאָ איז נישט געווען קיין יידישע עדה, קיין כנסת־ישראל, וועלכע זאָל זי אַרויספאָדערן. אָבער לייענערשאַפט איז דאָ געווען. פּראָלעטאַרישע שעפער זענען דאָ געווען — עס האָט זיך דאָך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק וועט זיך פּראָלעטאַריזירן אין די שניידער־שעפער — און אַ סאָציאַליסטישע פירערשאַפט איז געווען, וואָס האָט געגלויבט באמונה־שלמה, אַז נאָך 25 יאָר וועט דאָס שניידער־פאָלק פאַרגעסן יידיש. איז פאַר אַ ווײַלע נאָר יידישע ליטעראַטור.

וואָס פאַר אַ טובה אַזאַ גלויבן האָט געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור, ווייסן מיר שוין. עס האָט געדאַרפט קומען די מרידה פון די „יונגע" זי אָפּצוראַטעווען. יעמאָלט האָט זי זיך באַוויזן — די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע. ווייל יעדן פרימאָרגן פלעגן אַ מיליאָן יידן זיך אויפכאַפּן מיט דעם פריילעכן געפיל: אַזויפיל יידן! אַ גאַנצע יידישע מדינה! — און אַזויפיל יוגנט צווישן דעם מיליאָן, אַ צעבונטעוועטע פון דער רעוואָלוציע, אָן אויפגעוועקטע צו ליטעראַטור. און די „יונגע" זענען געווען אַ טייל פון איר. יעמאָלט איז זי געקומען די אילוזיע אויף אַלעם פאַרטיקן. און ווי איר שטייגער איז האָט זי געבראַכט מיט זיך אַ ליטעראַטור־אויפלעבונג. זי האָט אָנגעשפּאַנט די געמיטער פון די „יונגע" מיט שעפערישן דראַנג ביז צום עקספּלאָדירן — און מאני לייב איז געווען דער ערשטער צו עקספּלאָדירן מיט זיינע עלף לידער אין זאַמלבוך „ליטעראַטור" — די לידער, וואָס האָבן געשאַפן מאני לייבן. וואָלט איך על פי יושר געדאַרפט אָנהייבן מיט אים. אָבער איך וויל נאָכפאָלגן די פאַרוואַנדלונגען פון דער כמו־טעריטאָריע־אילוזיע אין אַמעריקע, און יוסף אָפּאַטאָשו איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט דער ערשטער זי פאַרוואַנדלט — מאַטעריאַליזירט אין אַ טעריטאָריע ראָמאַן. — כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע — גלייך אַראָפּגעגנידערט פון דער טעריטאָריע של מעלה צו דער טעריטאָריע של מטה, און מען קאָן זי שטודירן ווי אַ באַטירלעכע דערשיינונג. ווער עס צווייפלט נאָך, אַז די יידישע ליטעראַטור גייט אויף דר. זשיטלאָווסקיס וועגן — צום טעריטאָריאַליזם — זאָל לייענען אָפּאַטאָשון.

נאָר ניט מיט אַמאָל האָט אָפּאַטאָשו זיך אַוועקגעזעצט שרייבן די „פוי־

לישע וועלדער". אַנגעהויבן האָט ער ווי אַלע „יונגע" דווקא מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער צו־געדיכטער יידישקייט פון די העלדן און פּערסאָנאַזשן פון דער יענע־זייטיקער יידישער ליטעראַטור, די ווערק פון י. ל. פּרצן איינגעשלאָסן.

ביי אָפּאַטאָשון איז עס נאָך געווען אַ ספּעציעלער פּראָטעסט קעגן ספר, וואָס דאָס האָט ער באַוויזן מיט דעם אויסוואַל פון זיינע ערשטע העלדן. ניט ספר־יידן, ניט באַנק־קוועטשער, וואָס האַלטן זייערע האָרץ־בלאָטן איינגעקלעמט צווישן די טאָוולען פון די גמראס, נאָר דווקא אונטערוועלט־מענטשן, קונצנמאַכערס, פּערד־גנבים, קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס מען זאָל זיי אָפּגילטן, וועלן זיי אין אַ ספר ניט אַריינקוקן, און וואָס די יוכע פון תאווה בושעוועט אין זיי אַזוי שטאַרק, אַז ווען זיי ווערן פאַרכאַפּט פון איר, פילן זיי ניט די ערד אונטער זיך — פליען זיי אויף פערד און שפּרינגען אויף שטריק. רויטבלוט — האָט ער זיך צעשריען מיט זיין פען, נישט אַ בלאָס וואַסערל, וואָס האָט זיך דורכגעזויגן דורך שמות. אין זיין משפחה האָט ער געהאַט ביידע מינים יידן: גמרא־יידן און וואַלד־יידן, וועלכע האָבן זיך משדך געווען, איז ער אַליין געשפּאָלטן געווען אויף אויבערוועלט און אונטערוועלט. האָט ער אין זיין יוגנט־פּראָטעסט זיך געשטעלט אויפן צד פון די וואַלד־יונגען, וועלכע זענען געווען שמעלקעס מיט פערד־הענדלער, שמעלקעס מיט פערד־גנבים, שמעלקעס מיט קונצנמאַכער און מיט דער גאַנצער אונטערוועלט.

געגעבן די בכורה דעם אונטערוועלט־העלד האָט ער זיכער אונטער דער השפעה פון דער דעמאָלט הערשנדיקער אין דער וועלט־ליטעראַטור טענדענץ צו רעאַליסטישער ראָמאַנטיק. — האָט ער מיט הנאה געחוזקט איבער דעם בוך־אינטעליגענט, וואָס דערשטיקט כלומרשט זיינע גלוסטן, כדי ערגעץ־וואו צו געבן זיי אַ געהיימען אויסוועג דורך עפּעס אַ פאַרקריפּלונג. האָט אים הנאה געטאָן אַריינצולייגען אונטערוועלט־מענטש אין דעם כלומרשטן אויבערוועלט־מענטש — אויסצושפּירן טריפהנע תאוות אין פרומער פאַרשטעלעניש פון צדיק. און עס האָט אים הנאה געטאָן צו שילדערן די פרוי — כשרע טויב — ווי זי צאַפּלט אין אַנטציקונג אין די קלויען פון אַ רויב־פויגל. און נאָך מער נחת האָט ער געשעפּט פון שילדערן קינדער־ליבעס, וואו די דערוואַקסנדיקע געשלעכטלעכקייט איבערזעצט זיך אַזוי חנעוודיק, אָן שום ריס, אין שפּראָצנדיקן ליבע־חלום.

דאָס איז דער שטאָף פון זיינע ערשטע דערציילונגען פון היימישן לעבן. — אין זיין ערשטער דערציילונג „אויף יענער זייט בריק" האָבן מיר

זיי שוין אַלע: אַ קונצנמאַכער איז דאָ, און אַ גוי, וואָס וואַלגערט זיך צווישן געפּענגעניש, שענק און רינשטאָק, און אַ מיידל איז דאָ, וואָס איז ספק טענ־צערין ספק גאַסנמיידל, אָבער אַ מיידל — אַ ברען. און אַ ווייב איז דאָ וואָס פּאַר אייפערזוכט, וואָס דער מאַן ציט זיך צו דער מויד, איז זי יוצא מיטן גוי, און אַ ייִנגעלע איז דאָ, וואָס קוקט זיך צו צו דעם אַלעמען מיט זשאַדנע אויגן, און גייט שוין אין זיינע חלומות אין טאַטנס פוסטריט.

די פיר העלדן פון דער דערציילונג זענען זיין אָריגינעלער פאַרמעגן — ער וועט זיי אַריבערטראָגן קיין אַמעריקע און אין פאַרשיידענע גלגולים זיי דערפירן אַזש ביז צו דער „טענצערין״. אָפּאַטאָשוס גרונט־אייגנשאַפט איז שוין דאָ — האַסטיקייט, אָבער ער האָט נאָך קיין קאָנטראָל נישט איבער איר. ער לויפט נאָך די העלדן זיינע, זיי יאָגן אים אַריבער. אין „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב״ איז ער שוין אויפן פערד, און גאַלאָפּירט מיט די העלדן צוזאַמען אין איין טעמפּ; אויך דער שטאָף איז אויפגעהויבענער, געלייטערטער. אַן אויבערוועלט־שיינקייט־שלייער אַרויפגעוואָרפן אויף אונ־טערוועלט־תאווה־געוועדער; אַ חלום־ווינט אויף דער זודיקער פאַרע. פאַנ־טאַזירנדיקע תאווה — אַ צוזאָג, אַז ער וועט באַלד אַרויפקלעטערן צו דער אויבערוועלט. דער סוזשעט איז אַ קאָמבינאַציע פוןביידע וועלטן: אַן אידעלע באַלעבאַטישע מיידל פאַרכישופט דעם דרייסטעסטן פון די פערד־גנבים און ווערט פון אים פאַרכישופט.

ער האָט אַראָפּגעבראַכט גאָרקין מיט האַמסונען קיין אַמעריקע און גע־הייסן זיי קוקן מיט זיינע אויגן אויף מלאָווע. גאָרקיס געוועזענע מענטשן האָבן געלייענט האַמסונס „פּאַן״ אין אָפּאַטאָשוס יידיש. איז אַרויסגע־קומען דערפון אַזאַ פאַרכאַפּנדיקע מעשה, וואָס די יידישע לייענער פון גאָר־קין און האַמסונען האָט זיך דאָס נישט געחלומט.

בלויז אַ פערטל דערפון איז השפעה. דריי פערטל איז געווען זיין פערזענלעכער פאַרמעגן, געווירשנטע פסיכאָ־פיזיאָלאָגיע.

די קרייציקונג פון צוויי בלוט־שטראָמען אין אים, בלוט־מישונג — דאָס איז עס, וואָס האָט זיך געוואָרט אין אָפּאַטאָשוס צאַפּלדיקסטן שאַ־פונגס־אָדער. בלוט־מישונג צווישן רייך און אָרעם, צווישן אַלט און יונג, באַהאַלטענערהייט צווישן ייד און גויע און צווישן כשרער צנועה און אונ־טערוועלט־העלד.

ער וועט אָבער אינגיכן אַראָפּוואַרפן די השפעה און אָפּשטעלן וועט זיך אים אַן עיקר, וואָס ער וועט מיטנעמען אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק:

ביידע העלפטן פון זיין פאַרמעגן זענען אַרומגענומען געווען מיט איין

וויקלשנור — כישוף. כישוף פון לייב און כישוף פון נשמה; דער פרו־מער כישוף פון דער שטילער פרוי און דער טריפענער כישוף פון ווילד־מיידל; און דער פאַרבלענדעניש־כישוף פון קונצנמאַכעריי, דער אָבער־גלויבישער כישוף פון אָפּשפּרעכעניש און בלייגוס; דער חסידישער כי־שוף פון שמות און צירופים — און דער מיסטישער כישוף, וואָס ווערט גע־פּראָוועט מיט דער הילף פון געשפּענסטער. און פון די אַלע סאָרטן כישוף און זייערע מייסטערס, פון די מכשפים און מכשפות, פון די קונצנמאַכער, טענצעריגס, רביים און גייסטערזעער ווערט שפּעטער, אין אַפּאָטעאָזיס ווײַ־טערדיקע ווערק, אַ ליניע געצויגן ווערן צו די מאָדערנע מכשפים — פאַנ־טאַזיאָרן, רעוואָלוציאָנערן, פּאָעטן, אַקטיאָרן און אַלערליי קינסטלער.

מיר קאָנען שוין פון זיינע ערשטע ווערק כאַראַקטעריזירן זיין סטיל און זיין מאַנער אין כאַראַקטער־שילדערונג:

ווייל ער האָט געלייענט דעם מענטשן פון צוויי פלאַכן מיט אַמאָל — דעם אונטערמענטשן און דעם איבערמענטשן, האָט זיין פּען געוואונען אַ טאָפּלטע באַוועגלעכקייט, אַ יאָגנדיקע אימפּעטיקייט. אַ קורצער אָפּגע־האַקטער זאַץ, אַ זאַץ אין אַ זאַץ, און יעדער זאַץ איז האַנדלונג. יעדער זאַץ דערציילט. אַפילו באַשרייבן באַשרייבט ער דורך דערציילן. אַ כאַראַק־טער־שטריך ווערט נישט באַשריבן, נאָר דערציילט. אַפילו אָרט ווערט דערציילט. ער לויפט שנעל, שנעל, האַנדלדיק, דערציילנדיק, פון פּינטע־לע צו פּינטעלע, ביז ער דעקט דעם גאַנצן שטח. פון צייט ווערט אָרט, וואָס וויטער האָט דעם רבס קאָפּ געוואונען מער קאָנטראָל איבערן וואַלד־יידן דעם דערציילער, אָבער דער פּרינציפּ איז געבליבן: פון צייט — אָרט. אַזוי בויט ער אויך זיין דערציילונג. אַזוי איז אויך אויפגעבויט דער ראָ־מאַן „די פּוילישע וועלדער״: דורכגעלאָפן דורך אַ שטרעקע אין צייט און עס איז געוואָרן דער אָרט — פּוילן.

און דורך דעמזעלביקן פּראָצעס פון שפּאַלטן דעם מענטשן אויף צוויי פלאַכן, האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ מעטאָד פון אַזוי־צו־זאָגן סוביעקטי־ווער אָביעקטיוויטעט — די אינטימע סעקרעטן, וואָס ער געפינט אין זיך, שניידט ער אויגנבליקלעך אַרויס מיט אַ שאַרפן לאַנצעט און טוט עס קאַלט־בלוטיק אָביעקטיוו אַריין אין זיינע העלדן — און סוביעקטיוויטעט ווערט אָביעקטיוויטעט.

אויסגעליידיקט זיך פון זיין היימישן פאַרמעגן קערט אַפּאָטאָשו זיך אום קיין ניו־יאָרק, אָבער דעם שטאָף — דעם פּויליש־יידישן אונטער־וועלט־מענטש — וואַרפט ער נישט אַוועק. ער דאַרף אים פּערזענלעך

מער נישט האָבן, אָבער ער קאָן אים צונויף קומען צו דער אַרבעט. ווי דער כלל איז אין דער ליטעראַטור, האָט דער שטאָף אים שוין געגעבן זיין אינסטרומענט. סיי ווי מעסט יעדער מענטש אַ צווייטן מיט זיין אייגענער מאָס — דאָס הייסט מיט זיין אייגענעם שטאָף — יעדן פרעמדן מענטשן, און טרעפט נישט שלעכט. און אַ שריפטשטעלער אַ רוס קאָן נעמען זיין רוס און אָפּמעסטן מיט אים דעם אַמעריקאַנער און כאַפּן דעם מהות מענטש אין אים.

האָט אָפּאַטאָשו מיט זיין שטאָף־אינסטרומענט זיך אָוועקגעלאָזט אין זיין ערשטער אויספאָרשונג־עקספּעדיציע אין דעם יידישן לעבן פון אַמעריקע.

דער שטאָף־אינסטרומענט, וואָס שניידט אונטערמענטש־פּאָסן פון מענטשן, פלינק, אימפּעטיק, אָביעקטיווירנדיק סוביעקטיווע סעקרעטן — ווען אָנגעווענדט אויף אַמעריקע — האָט תיכף געגעבן אַ רייכן רעזולטאַט. עס האָט אויפגעדעקט אַ פלאַסט פון יידישן לעבן דאָ אין־לאַנד — די האַלבע אונטערוועלט, וואָס קלעפּט צו געוויסע יידישע פרנסות — וואָס אויב זי איז פריער געווען נישט אינגאַנצן פאַרהוילן, האָט זי אָבער געפונען אַ גאַנץ בלאַסע אָפּשפּיגלונג אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור: פריער איז עס געווען בלויז גענגסטער־שאַבלאָן, קאָפּירט פון דער קרימינעלער ציי־טונגס־כראָניק. דאָ ביי אָפּאַטאָשון איז עס געווען אַ קוואַר־שניט דורכן שמעלץ־טאָפּ, וואָס האָט געוויזן די קריסטאַליזירונג פון די אייפלוסן, וואָס די פיל־פעלקערלעכע עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף אַמעריקע, האָבן אייגנע אויף די אַנדערע, בעת זיי גייען דורך דעם ערשטן שמעלץ. דער ערשטער יידישער רויער עלעמענט איז אין אָן אויפגעלייזטן צושטאַנד. אַלע פריער־דיקע מאָראַלישע בינדונגען זענען צעריסן. ביי די עלטערע איז זייער נאַ־טור־שטאָף — אַ טייכל פון צעפלאָסענער תאווה, וואו עס שווימען אַרום רעשטן פון אַמאָליקער גוטסקייט. די יינגערע, אַריינכאַפּנדיק די ערשטע שאָסן פון אַמעריקע, פורעמען שוין געמישטע אַמעריקאַנער טיפּן. אָט איז אַ מיידל פאַלי, די פאַרוואָנדלטע הפקר־מויד פון אָפּאַטאָשוס ערשטער היי־מישער דערציילונג „אויף יענער זייט בריק": — פילנדיק אָנגעצילעוועט אויף זיך די גלוסטנדיקע בליקן פון יונגע מענער פון פאַרשיידענע פעלקער, ווערט זי אָנגעברענט מיט לוסט אויסצופּרובירן די ליבע־רייצן פון יעדן פון זיי. איז זי אַ שטיק געשלעכט־פאָספאָר, וואָס צינדט, אַ פלאַמענדיקער תאווה־צוזאָג, טרייבט זי צו מעסער־געשלעגן און פאַרברעכנס. דער שוואונג פון אַמעריקע האָט לויזגעריסן אַלע זייערע חיהשע אינסטינקטן.

אַט איז אַן אינטעליגענט פון דער היים, וועלכער איז דורך אַט דער פאַלי־פאַרווילדעוועט געוואָרן. איצט איז ער אין דער סטאַדיע פון אַ פילאָזאָ־פירנדיקן וואַגאַבונד. און גאָר גיך וועט ער ווערן דער אָנפירער פון אַ גאַנ־צער גענגסטער־באַנדע.

און ווען אָפּאַטאָשו האָט זיין פאַרשונג־אינסטרומענט, וואָס גראָבט אויס דאָס אונטערוועלטיקע אין מענטשן, אַנגעשטעלט אויף אַ קלאַס העכער — העברייאישע לערער — האָט ער נאָך אַמאָל אויפגעעפנט אַ קרומע אָפּשפּיג־לונג פון אַמעריקע, ווי זי האָט זיך דורכן דורכגעבראָכן אימיגראַנט־אינטע־ליגענט: די ווערים, וואָס צעפּרעסן אַ היימישן כאַראַקטער זענען דאָ גע־וואָרן אַנגעלאָפן, אַנגעצויגן און אַנגעשפּאַנט — צו דינען פאַר די הויפּט־פּרוזשינעס פון אַ כאַראַקטער־אַפּאַראַט, וואָס זיכערט דערפאָלג. אַ פאַר־אויסכאַפּונג פון אינטעליגענט־קאַריעריסט. — דער אונטערמענטש האָט אָפּאַטאָשון געדינט צו אַנטפּלעקן דעם אונטערגרונט פון כאַראַקטער.

פון זיינע ניו־יאָרקישע דערציילונגען איז דער לייענער באַוואוסטזי־ניקער געוואָרן וועגן די כוחות, וואָס ווירקן אין יידישן לעבן פון אַמערי־קע. די יידישע אַמעריקע איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער ליטעראַ־טור. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליטעראַרישע באַלאַגערונג פון אַמע־ריקע, כדי איינצונעמען דאָס לאַנד פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דעם יידן.

דאָס איז געווען נישט נאָר אָפּאַטאָשוס פּערזענלעכער פאַרדינסט, נאָר אויך דער פאַרדינסט פון דער נייער באַשטעלערין אויף יידישע ליטעראַטור — די פרישע מונטערע יוגנט, וועלכע האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דער מדינה, כדי צו מאַכן זיך אַן אָרט אין איר, כדי זיך איינצובירגערן — און די ליטעראַטור האָט זיך גענומען איינבירגערן מיט איר. אַ גאַנץ נאַטיר־לעכער פּראָצעס. און אָפּאַטאָשוס מעלה איז, וואָס ער כאַפּט אויף דער ערשטער נאַטירלעכע ליטעראַטור־פּראָצעסן. דערצו אַן איניציאַטאָר, און האָט ליב זיך צו פאַרמעסטן. (ער האָט שטודירט אויף אינזשענער־מעס־טער, אָבער פּראַקטיצירט האָט ער זיין פּראָפעסיע בלויז אין זיין שריפט־שטעלעריי.)

דאָס האָט זיך געגעבן אין רעזולטאַט פון אָפּאַטאָשוס ערשטן אַריינ־דרינגען אין אַמעריקע. פאַר דער צווייטער אַריינדרינגונג האָט ער זיך פון איר דערווייטערט אויף אַ מהלך — אין רוים און צייט. און ער איז דאָ צוגעקומען צו זיין גרעסטן פאַרמעסט — דעם טעריטאָריע־ראָמאַן — די „פוילישע וועלדער".

„איינגעמען דאָס לאַנד״ — די אָפּענסיווע אויף אַמעריקע — מיינט נישט דווקא דירעקטע אַטאַקע. עס קאָן אויך מיינען די פאַרפולקאָמונג פון בלי־זין, מיט וועלכן מען פאַרמעסט זיך, די פאַרמערונג פון דער וואָג און באַדייט פון דער יידישער ליטעראַטור, די אויסברייטערונג פון איר פאַר־נעם. און פונקט ווי פאַר זיין ערשטן אַריינדרינגען האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ שטאָף־אינסטרומענט, וואָס ער האָט אים אויסגעשליפן אויף היימישע שילדערונגען, אַזוי האָט ער זיך ווידער אָוועקגעלאָזט אין די היימישע מרח־קים אַריינצושלייפן בייע שאַרפקייט אין זיין שטאָף־אינסטרומענט. פון דעם שטאַנדפונקט דאַרפן די „פוילישע וועלדער״ פאַררעכנט ווערן פאַר אַ ווערק פון פאַרמעסטן זיך מיט אַמעריקע.

דער ראָמאַן האָט אָפּגעענטפערט דעם דראַנג צו טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָס באַטייט עס? און צו וואָס איז עס נויטיק? ליטעראַטור ביי טעריטאָריעלע פעלקער פראָדוצירט זיך פון זיך אַליין אין באַפרידיקנוג פון די באַדערפענישן פון דער וואַקסנדיקער צאָל לייענער, וועלכע קומען צו פון זיך אַליין, נישט־געבעטענע. אַזאַ ליטעראַטור דאַרף נישט האָבן קיין קינסטלעכע מיטלען זיך אויפצוהאַלטן. און זי איז במילא טעריטאָריעל אין איר כאַראַקטער: עס ווערן במילא אויפקומען ווערק, וואָס וועלן געבן דעם צוזאַמענהאַנג פון די מענטשן, קלאַסן און פאַסירונגען אין די ראַמען פון טעריטאָריע.

דאָס אַלץ איז נישט בנמצא ביי אַ טעריטאָריעלאָזן פאָלק. די ליטעראַ־טור דאַרף קינסטלעך זיך באַשאַפן אַ טעריטאָריעלן כאַראַקטער און קינסט־לעך אים זען אויפצוהאַלטן, ווייל ליטעראַטור איז באַרופן צו אָרגאַניזירן און צוזאַמענהאַלטן דאָס באַוואוסטזיין פון אַ פאָלק. ביי אַ טעריטאָריעלאָזן פאָלק דאַרף די קינסטלעך־געשאַפענע טעריטאָריע פאַרבייטן די פאַקטישע טעריטאָריע. ליטעראַטור דאַרף געבן דעם צוזאַמענהאַנג פון מענטשן, קלאַסן און פאַסירונגען, פונקט ווי דאָס פאָלק וואָלט געזעסן אין די גרענעצן פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע און וואָלט געפירט אַ דורכאויס זעלבסט־שטענדיקן לעבן אין אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן.

און פאַרוואָס־זשע נישט קיין אַמעריקאַנישער, נאָר אַ פויליש־יידישער טעריטאָריע־ראָמאַן? אַ גוטער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז פוילן איז דער ריכטיקער אָרט — די יידישע אַמעריקע איז נאָך דעמאָלט נאָך נישט קיין פולע צוויי דורות אַלט געווען. וואָרים וואָס מיינט ליטעראַ־טור־טעריטאָריע ביי אַ פאָלק, וואָס האָט קיין אייגענע זעלבסטשטענדיקע טעריטאָריע נישט, און קיין פאַררונדעטע אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפטלעכ־

קיט נישט, וואָס גייט מיט טעריטאָריע? — דאַרף צו דעם שטח אין רוים — צו דעם ישוב — צוגעגעבן ווערן אַ שטיק שטח אין צייט — אַ געשיכט־לעכער פּאַס — אין דעם הינטערגרונט פון היינט — כדי צו ווייזן די גע־שיכטלעכע פּאַרוואָרצלטקייט פון די יידן אין דער לאַנד, וואָס דינט זיי פאַר אַ ישוב. און פאַר אַזאַ אונטערנעמונג איז דער פּוילישער יידישער ישוב גוט צוגעפּאַסט. יידן אין פּוילן האָבן שותּפותע געשיכטלעכע באַרירונגס־פּונקטן מיט די פּאַליאַקן.

די „פּוילישע וועלדער" נעמען אַרום די עפּאָכע — זינט די פּוילישע חסידות האָט זיך שוין אַזוי געהאַט פּאַרפעסטיקט, אַז זי האָט שוין געקאָנט אָנהייבן גיין באַרג אַראָפּ אין ירידה אַריין, אָן ריזיקע פאַר איר עקזיסטענץ; מיט אַריינגעוואָרפענע ריקבליקן צו דער נאַפּאָלעאָנישער צייט — ביז צום מאָמענט, ווען די יידישע אינטעליגענץ האָט געשלאָסן איר רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישן שידוך מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ.

פאַר דעם ראָמאַן האָט אָפּאַטאָשו זיך אָנגעגורט מיט זיין גאַנצן פלייס און וויסן — מיט זיין באַהאַוונטקייט סיי אין דער יידיש־חסידישער געשיכ־טע און ליטעראַטור און סיי אין דער פּוילישער געשיכטע און ליטעראַטור. און אין צוגרייטונג צום ראָמאַן האָט ער אַפילו איבערגעאַרבעט זיין פאָר־שונגס־מעטאָד — זיין שפּיציקן אינסטרומענט, וואָס עגבערט־גרונטעוועט זיך ביז צום אונטערוועלט־עלעמענט, אין צוטרויען צו זיין אינסטרומענט, האָט ער זיך שוין געקאָנט דערלויבן אַריינצוקוקן אין דער מענטשנס אויי־בער־וועלט, אין דער סאַליע, וואוהין די טריפענע אונטערוועלט־אינסטינקטן דערגרייכן פאַרוואַנדלטע און פאַרשלייערטע, אויסגעפּוצטע פאַר אַ טאַנץ־פּאַראַד פון ליבעס און חלומות פון עקסטאַזן און התלהבותן.

אין צוגרייטונג צו די „פּוילישע וועלדער" שרייבט אָפּאַטאָשו אַ ריי דערציילונגען, וואו ער לערנט זיך לייענען די אונטערשריפט גלייכצייטיק מיט איר איבערזעצונג אין אויבערשריפט:

„שאַטנס" — ברודער און שוועסטער, אויסגעצערטע און אויסגע־צערטלטע אור־אייניקלעך פון די פראַנקיסטן, וואָס זענען אויפן שוועל פון בלוט־אויסמישונג, שרויפן זיך אַריין אין משוגעת, מיט פאַרגלאָצטע בליקן צו דער שכינה, כדי זייערע אויגן זאָלן נישט זען, וואָס עס גייט צווישן זיי געשען...

איז אָפּאַטאָשו צוגעקומען צו די „פּוילישע וועלדער" מיט אַ פאָר־טאָפּלטן אינסטרומענט אויף צו פאָרשןביידע מענטשישע וועלטן, וואָס דאָס האָט נאָך באַוועגלעכער און אימפּעטיקער געמאַכט זיין פאָרשערישע זשעד־

נעקייט, זיין שניידנדיקן שרייב־מעטאָד. ער האָט באַריידעוודיק געמאַכט די צווייטע העלפט פון זיין אָפּשטאַמונג — פון רבנישע משפחות — בעת פריער האָט ער נאָר זיין וואַלד־משפּחהדיקייט געלאָזט רעדן דורך זיך.

האָבן מיר דאָ אין די „פּוילישע וועלדער" אַרויסגעפירט די גאַנצע יידיש־פּוילישע פּאַנאָראַמע פון אַלע קלאַסן, קרייזן און מינים יידן, און אַ היפּש ביסל אויך פון די ריין פּוילישע מינים: — וואַלד־יידן און וואַלד־גוים; יידישע המון־עם און פּויערטום; חסידישע הויפן און שלאַכטשיש־פּויערישע אויפשטאַנדן. חסידישע סוחרים און פריילעכע קבצנים, וואָס זייער גאַנצע עשירות איז זייער אמונה אין רבין. און רבנים, קינפּטיקע און אָפּגעדאַנקטע, גיהנומדיק־פאַנאַטישע און געהייליקטע אין תמימות, וואָס גייען צו זייער זכות דורך זעלבסט־פּייניקונג און קרבן. מיט דער צענטראַלער טראַגישער פיגור פון מענדל קאָצקער, אין וועמען די חסידות האָט זיך איבערגעבראָכן אויף צו גיין דעם וועג פון ירידה — ווייל צו הויך איז זיין רבייאישער באַרוף און צו נידעריק איז די רביישע ווירק־לעכקייט — דער ניצוץ פון בעל־שם אין אים קאָן נישט פאַרטראָגן די נאָענטקייט פון פּוילן שטרוי, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו דעם בעל־שמס טראַדיציע — אָבער אַ געפאַנגענער אין זיין רביישן שטול, פאַרמשפּט ער זיך צו צענדליקע יאָרן שווייגן, וואָס ער רייסט איבער פון צייט־צו־צייט מיט הימל אויפרייסנדיקע פּראָטעסטן. און מען זעט באַשיינפּערלעך, ווי פון אָט־דעם אינערלעכן פונאַנדערפאַל פון חסידות נעמט זיך אויסטיילן יידישע אינטעליגענץ — זון און אײדעם, טעכטער און שנור — פאַר דעם שידוך מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ.

אַנטקעגן דער היסטאָרישער געשטאַלט פון מענדל קאָצקער האָט אָפּאַ־טאָשו אַוועקגעשטעלט צוויי שפּאָגל־ניי פון אים באַשאַפענע געשטאַלטן — קלענערע אין ראָלע, דערפאַר אפשר סקולפּטוריש בולטערע אין געמעל — די געשטאַלט פון ישראל דעם באָרוועסן, וועלכער פאַרקערפּערט דעם פאַ־נאַטישן וואָכעדיקן גזר: חסידות מוז זיין! אַ רבי מוז זיין! — און די אידעלע רבי־געשטאַלט פון ר' איטשע, וועלכער ענטפּערט גוט יום־טוב אויף דעם פאָלקס לעכצעניש נאָך עלית־נשמה און התלהבות.

ביידע געהערן שוין איצט צו דער יידישער היסטאָרישער גאַלעריע, ווייל זיי ווערן שוין איבערגעחזרט פון אַנדערע.

און יוגנט איז דאָ, פון וועלכער עס שיילן זיך אַרויס אַלע קינפּטיקע יידישע מינים: — סאָציאַליסטן, נאַציאָנאַליסטן, גאָטזוכער, משיחיסטן. און פרויען זענען דאָ — ליכטיקע צנועות, וואָס ציט זיי צו הפקרות, און הפקר־

פרויען, וואָס עס ציט זיי צום מיסטישן פאַרגיין זיך אין בלוט־געמיש. דורך די פרויען ווערט דער שידוך צווישן דער יידישער און פוילישער אינטעלי־גענץ געשלאָסן. מען זעט באַשיינפּערלעך ווי אַזוי עס געשעט: הינטער דעם רוקן פון עלטערן משכּיל משיחיסט פּערלע גיט זיך איבער לייבלעך דורך זיין יונגער פרוי פּעליציע דער יידישער משיחיזם אין פּוילישן מעסיאַ־ניזם. זעט מען די פול־דערוואַקסנקייט פון אַפּאַטאָשו: וואָסער מין איב־טעליגענט ס'זאָל אים נישט אַנטקעגנקומען, מעסט ער אים אָפּ זיין פולע גרויס און אַליין בלייבט ער מיט אַ קאָפּ העכער.

און קינדער־ליבעס זענען פאַראַן, מיט וועלכע אַפּאַטאָשו האָט ליב זיך צו פאַרשיכּורן, ווייל קינדער זענען געפּעסן, אין וועלכע די ערשטע שטאָפּן פון געשלעכט שמעלצן זיך אויגנבליקלעך איבער אין ליבע־פאַנטאַזיעס. און מיט קינדערשע ליבע־פאַנטאַזיעס, אין וועלכע וואַלד, פעלד און די וויקסל שפּילן אַריין זייערע לעגענדעס, זענען פול די ערשטע טיילן פון ראָמאַן; און מיט יוגנט־ליבע־פאַנטאַזיעס די אַנדערע טיילן; מיט ליבע־פאַנטאַזיעס איז אָנגעזאַפּט די גאַנצע לופט פון ראָמאַן, דאָס איז עס וואָס האַלט צוזאַמען אַלע זיינע טיילן אין איין גאַנצקייט.

און די צווייטע צוזאַמענהאַלטנדיקע קראַפט איז די צענטראַלע פיגור מרדכי, אין וועמען אַפּאַטאָשו האָט אָביעקטיווירט זיך אַליין.

מרדכי איז אומעטום, וואו דער שריפטשטעלער אַפּאַטאָשו איז פאַר־זענלעך געווען אין דערפאַרונג אָדער פאַנטאַזיע — צווישן וואַלד־יידן, אין לומדיש־סוחרישן וואַלד־הויז פון זיינע עלטערן, אין די קינדער־ליבעס, אין די נסיעות צום רבינס הויף,ביים פונאַנדערפאַל פון הויף, אין די מיסטישע ליבע־אַנטציקונגען פון די יונגע פרויען פון הויף, אין זייערע באַנאַכטיקע גאַטעסדינסטן צו דער פאַרהייליקטער תאווה־אהבה, אין דעם אידייע־תאווה־שידוך מיט דער פוילישער אינטעליגענץ, אין די יידיש־פּוילישע מעסיאַ־נישע עבודות אין פאַריז און אין די שלאַכטן פון פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863.

איז אָבער טשיקאַווע: דאָרט וואו אַפּאַטאָשו דורך מרדכין וואַרפט אַ זייטיקן בליק, שענקט בלויז אַ טיילכעלע פון זיין האַרץ און פאַנטאַזיע־איב־טערעס, איז די געשטאַלט, דאָס געשעעניש פאַרלעבעדיקט; אַ טיילכעלע איז גענוג פאַר אַ סוביעקטיווער באַשטעטיקונג פון אַן אָביעקטיוון פאַקט. אָבער וואו אַפּאַטאָשו באַזעצט זיך מיט זיין גאַנץ האַרץ, ווי אין מרדכין, איז וויפיל מען זאָל מרדכין נישט פילן, דאַרף מען אים נאָך אַלץ זוכן: וואו איז ער? ווייל זיך אַליין זעט מען דאָך נישט. צוגעגעבן זאָל זיין אַז אין זיין

קינדהייט און יוגנט — אין עלטערן־הויז — אין זיינע וואַלד־ליבעס, אין זיינע וואַנדערונגען ביז צום רבינס הויף, ביז ער פאַרלאָזט דעם הויף — איז מרדכי אַליין, מיט אַלע זיינע אַפּאַטאַשישע אַנדערשקייטן — אַ זשאַדנער שלינגער פון לעבנס־טראָפּנס, אַ פאַרטאיעטער אין אַ חלום — איז מרדכי, און יעדע צופעליקע באַגעגעניש זיינע, שאַרף געשטאַלטיקט ביז צום איינ־קריצן זיך אין זכרון. פאַרשטענדלעך: פון זיין קינדהייט און יוגנט איז אַפּאַטאַשו אַליין אַ דערוואַקסענער. אָבער ווי נאָר מרדכי קומט אין איינע יאָרן מיט אַפּאַטאַשון, ווערט ער מטושטש.

און ווייל מרדכי איז דער שריפטשטעלער, איז ער דאָס רוב נישט דער הויפּט־העלד, נאָר דער הויפּט־צושויער, וועלכער באַוועגט זיך אין אַ זיג־זאַגישער צייט־ליניע, אין ענלעכקייט צו אַפּאַטאַשוס סטיל, דורך קאָרידאָרן פון סביבות, געשעענישן, קלאַסן, לעבנדער: אָפּט צווישן זיך נאָר געבונדן דורכן אויג פון הויפּט־צושויער; און דאָך, ווידער אַמאָל אין ענלעכקייט צו אַפּאַטאַשוס סטיל, לייגט זיך פאַרט אויס פון דער צייט־באַוועגונג אַ ברייטער דורכאויסיקער שטח, מיט הימלען און האָריזאָנטן — איין גראַנדיעזע סצענע, וואָס אין יעדן ווינקעלע פון דער סצענע איז לעבעדיקע באַוועגונג פון פאַרשווינען און ס'טוט זיך מעשים. — און דער לייענער, ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דעם ראָמאַן, איז אין דער בחינה פון איינעם, וואָס האָט דורכ־געררייזט אַ טעריטאָריע פון ברעג־צו־ברעג, און האָט באַזוכט אַלע אירע ווינקעלעך, און האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט איר אַז ער פילט זיך כמעט ווי אַן איינגעבאָרענער בירגער פון דער טעריטאָריע. אַזאַ לייענער וועט גערן צוגעבן די אומפאַרמיידלעכקייט דערפון, וואָס פערציק יאָר נאָכן שלוס פון ראָמאַן האָבן יידן זיך געשלאָגן אויף באַריקאַדן אין לאָדז און וואַרשע פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט.

אָט וואָס פאַר אַ גוזמא עס דערלאַנגט זיך אַ שריפטשטעלער, ווען ער כאַפּט זיך אַרויף אויף דעם כמו־טעריטאָריעלן טראַקט פון דער יידישער ליטעראַטור — אַ פול באַפעלקערטע מדינה, וואָס מאַכט געשיכטע.

די „פּוילישע וועלדער" האָבן איינגעפונדעוועט די ערשטע טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין דעם און יענעם לאַנד פונדעוועט זיך יידישע ליטעראַטור־טעריטאָ־ריעס, און די יידישע ליטעראַטור איז אויפן וועג צו אַן אַלוועלטלעכער יידי־שער טעריטאָריע.

און די באַזע פאַר דעם שטרעקן זיך צו אַלוועלטלעכער טעריטאָריעל־קייט איז אַמעריקע. פון דאַנען איז געקומען דער ערשטער שטויס. דער

כמו־טעריטאָריעלער געפיל האָט ביים אַמעריקאַנעם יידן זיך אויסגעבריי־טערט אין פאַרנעם ביז צום פאַרגעפיל פון אַן אַלוועלטלעכער יידישער טע־ריטאָריע — שוין דורך דעם פשוטן פיזישן פאַקט, וואָס די מדינה אַמעריקע איז מעבר־לים, און אויף יענער זייט ים זענען פאַרבליבן אַ גרויסע צאָל יידישע לענדער, און פון אַלע די לענדער איז אין אַמעריקע אַ קבוץ־גליות — און אַט־דער פאַרגעפיל האָט געפאָדערט און געמאָנט אַ ווערק, וואָס זאָל אים אויספילן מיט תוך. און אַפּאַטאַשוס „פוילישע וועלדער" זענען דאָס געקומען אין אָפּענטפער אויף אַט־דער פאָדערונג און מאָנונג.

די יידישע אַל־וועלט־טעריטאָריע, ווען רעאַליזירט דורך דער ליטע־ראַטור, וואָלט אַוודאי אַריינגעגעבן גבורה אין דעם יידישן פאַרמעסט מיט דער אַמעריקאַנער סביבה: מיר קומען צו דיר אַמעריקע, ווי פאַרטרעטער פון אַ וועלט־פאָלק, וואָס געדויערט דורך אַלע צייטן. און במילא וואָלט עס שוין גוט געטאָן דער ליטעראַטור אויך. נאָר אַפילו ווען נישט פול רעאַלי־זירט, בלויז מיטן ערשטן שטרעק צו אַלוועלטלעכער טעריטאָריע — מיט דעם פאַרפונדעווען אין דער ליטעראַטור די טעריטאָריע פון פוילן — האָט זיך שוין פאַרמערט די גבורה פון דער ליטעראַטור־אַטאַקע אויף אַמעריקע — וואָס צום בולטסטן האָט עס באַוויזן טאַקע אַפּאַטאָשו אַליין אין זיין ווייַ־טערדיקן שאַפן נאָך די „פוילישע וועלדער".

דורך דער איבונג אויף די „פוילישע וועלדער" האָט ער נאָך מער פאַרשפּיציקט זיין פאַרשערישן הויפּט־אינסטרומענט, זיין פאַלמעסנדיקן זע־לאַנצעט, וואָס פלעגט שניידן אונטער דער הויט ביזן ביין. איצט האָט ער גענומען שניידן ביזן מאַרך פון ביין, ביזן נערוו, ביזן נפש. האָט ער מער נישט געדאַרפט — צוערשט פאַראייַנזייטיקן זיין בילק צו זען בלויז דאָס רוי־עלעמענטאַרע; דערנאָך אַרויפלייענען דערויף דעם פיינערן נערוון־פירוש. נאָך די „פוילישע וועלדער" לייענט ער לייב און נשמה ווי איין שריפט. האָט זיך געשטאַרקט זיין גרונטפּיאַיקייט צו אָביעקטיווירן סוב־יעקטיווס. איז אים גענוג געוואָרן איין אינטים־באַקאַנטער סימן אין אַ נייער געשטאַלט, ער זאָל אויגנבליקלעך איינזען די ענלעכקייטן און די אונ־טערשיידן צווישן איר און אַ פריער פון אים אַרויסגעפירטער געשטאַלט, וואָס דינט אים פאַר אַ מאָס. נישט קיין סימן, אַן אַנצוהערעניש איז אים גענוג. — צווינגט ער מיט כוח פון מוח זיין סטיל אַרויסצודריקן דאָס טונ־קעלע אַנצוהערעניש. אַט איז אַ מיידל אין פאַרק אויפן וועג צו האַי־סקול — אַ „טאָג"־דערציילונג — עפּעס אומבאַשטימטעס פרילינגדיקעס איז דאָ אין איר וועזן — זיין סטיל האָט עס געפאַקט און האַלט פעסט דאָס אומבאַ־

שטימטע.

גאָר באַזונדערע בריהשקייט ווייזט אָפּאַטאָשו מיט שטומע באַשעפע־נישן, וואָס מען קאָן פון זיי נישט גאָר קיין געדאַנקען, אָפילו קיין ווערטער נישט אַרויסקוועטשן. באַדינט ער זיך מיט פאַנטאַזירנדיקן בילדער־וואָר־פעניש, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון זיינע יוגנטלעכע פאַנטאַזיזע־עקספּעדיציעס, און גיט אַ פּינקטלעכע באַשרייבונג פון אַ פּסיכישן צושטאַנד, אָפילו וואו דער מענטש איז האַרט ביי דער ערד און פּסיכיש אַזוי שטום ווי די ערד.

אין „פּייערדיקע צלמים" איז דאָ אַ דינסטמיידל, אַ נישט דערבאַקענע שיקסע, וואָס מען קאָן גאָר נישט חושד זיין, אַז אין איר מוח באַוועגט זיך עפּעס אַ שטיקל געדאַנק. פּלוצלונג נעמט די שיקסע באַווייזן סימנים פון חכמה, אָפילו פון העזה, אָפילו פון אויסגעלאַסנקייט. וואָס איז געשען? דער קו־קלוקס קלען פון דער געגנט, מיט איר בעל־הבית בראש, קלייבן זיך אָנ־צינדן „פּייערדיקע צלמים", כדי אָנצואוואַרפן אַ שרעק אויף די קאַטויליקן, און די שיקסע האָט געהאַט אַ קאַטוילישן טאַטן. דאָס איז די נקמה וואָס עפּנט איר אויף דעם מוח. — קנייפּט אָפּאַטאָשו אַרויס מיט דער פּען נשמה פון אַ לייב, וואָס איז אָפילו נישט ווערט אָנגערופן צו ווערן לייב.

סיידן אָפּאַטאָשו האָט קיין ברעקל פּערזענלעכן אינטערעס אָוועקצו־שענקען צו אַ פּאַרשוין, אָדער אין דער איילעניש פון וועכנטלעכער באַ־שטעלונג — פאַרלאָזט ער זיך אויסשליסלעך אויף דעם כוח פון זיין סטיל. בלייבט אַ ליידיקער אָפּשטאַנד צווישן אים און דער פּאַרשוין. פאַררעדט ער דעמאָלט די מחיצה מיט מליצה. בדרך־כלל אָבער, קאָן ער צוקומען צו פּאָזיציעס, וואָס זענען אַ מהלך ווייט פון אים, קאָן דורכדרינגען דורך יאָר־הונדערטער, דורך יאָרטויזנטער, און דערטאַפּן מענטשן; און אָבי ער האָט אַ טראָפּן וואַרעמקייט זיי צו אַנטלייען, גיט ער צו שמעקן דעם באַזונדערן ריח פון זייער לעבעדיקער מענטשישקייט (די טענצערין „רייזלין", דער אַלטער צירונג־הענדלער אין „פונדקא רטיבתא").

און דער רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז זיין דערציילן נאָך די „פּוי־לישע וועלדער" געוואָרן אַן אויסגעשפּרייטע נעץ פאַר אַ מענטשן־פאַנג. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין וויטערע פאַרשונג־עקספּעדיציעס — דאָס מאָל בפירוש מיט דער כוונה „אויסצוזוכן דאָס לאַנד" פאַר אַן אַמעריקאַנער טעריטאָריע־ראָמאַן. יעדע פון אים געפונענע סיטואַציע אָדער כאַראַקטער זענען פינף־זעקס מאָל פון אים וואַריאירט געוואָרן אין דערציילונגס־פאָרם, כדי זיי זאָלן ראוי ווערן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין טעריטאָריע־ראָמאַן.

האָט ער אויסגעמאָסטן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע אין דער לענג און דער ברייט און ער האָט דאָ נאָך אַמאָל אַנטדעקט זיינע וואַלד־יידן — אין אַלע זייערע אַמעריקאַנ״שע פאַרוואַנדלונגען — סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף.

אין שטאָט, וואו זיי אַרבעטן זיך אַרויף צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט גאַנצע אינדוסטריען, געשטיצט אויף מיטגעבראַכטן ברוטאַלן כוח און גלייכציטיק אונטערגעיאָגט פון דעם חלום וואָס טראָגט זיך איבער די אַמעריקאַנער גאַסן — צו ווערן תקיף, האַר, צאַר, וואָס אַרודעוועט מיט מיליאָנען — און ער האָט אויסגעפאָרשט דערביי די „כשר־טשיקן־ביזנעס" וועלכע איז נאָך כאַראַקטעריסטיש־יידישער, ווי די קלאוק־אינדוסטריע — אַ גאַנצע „יידישע מלוכה", מיט אייגענע געזעצן און אייגענער פּאָליציי.

אין דאָרף וואו זיינע וואַלד־מענטשן ווערן פאַרמערס. — אַ גאַנצע גאַלעריע פון יידישע פאַרמערס האָט ער אויסגעשטעלט — נאַאיווע, פּשוטע, תמים, אָבער פאַרפאַנצערטע מיט אַמעריקאַנישער האַרטקייט, ביטערקייט, גלוסטיקייט — וואָס מעג אַלץ, אויב מען קאָן נאָר, און דאָך פאַרהאַלטענע אינמיטן גלוסטן דורך דער יידישער שאלה: צי מען מעג עסן טריפה, אויב מען כשרט עס? — און ער האָט ביי דער געלעגנהייט אַנטדעקט אַ נייע אַלטע אומה: די קעטסקיל־יענקיס.

און ער האָט נאָכגעפאָלגט, ניט אָפּלאָזנדיק זיין אויג פון זיי, זיינע היימישע קונצנמאַכער. זיי האָבן דאָ אַ שלעכטע מערכה: זיי זענען שלימזלדיקע קינסטלער. און זיינע היימישע קונצנמאַכערינס, וואָס האָבן דאָ אַ בעסערע מערכה: איינע פון זיי האָט איר ליבע־לוסט דערהויבן צו קונסט־געניוס, און ווי קינסטלער זייערע ווערק, פאַרקויפט זי עס פאַר געלט; און זי האָט זוכה געווען צו אַ ראָלע אין געפלאַנעוועטן טעריטאָריע־ראָמאַן, וואָס אויף איר נאָמען וועט ער טאַקע הייסן: „די טענצערין".

און ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם גורל פון זיינע היימישע רבנים און רביים אין גלות אַמעריקע: האָט ער אַזעלכע, וואָס האָבן גלייך אויסגעביטן זייער תורה אויף אַמעריקאַניש קליין־גרויס־געלט. און אַזעלכע, וואָס אַמפּערן זיך און ראַנגלען זיך ביז זיי קייקלען זיך אַראָפּ צו פּראַווען וואַרשעווער חסידות „פאַ־אַמעריקאַנסקי".

און דאָ האָט ער געמאַכט אַן ערשט־קלאַסיקע אַנטדעקונג: אין זיין אומדערמידלעכער זוכעניש נאָכן עכטן יידישן טיפּ, בישט פון דער אַלטער היים איבערגעפלאַנצטן, נאָר דאָ אין אַמעריקע באַשאַפענעם — האָט ער דאָ אויסגעפונען דעם אַמאָליקן אָריגינעלן רבין, ווען רביים פלעגן אויפשטיין

אין זייער אייגענעם זכות; אין קאָמבינאַציע מיט דעם וואַלד־יידן האָט ער אים געפונען. ווי אַ וואַלד־צדיק האָט ער זיך צו אים אַנטפּלעקט. נאָך איידער עמיצער האָט חושד געווען אַז אַזאַ מענטש איז דאָ, נאָך איידער די יידישע פּרעסע האָט געמאַכט טענסאַציע מיט אים. דאָס איז ער, האָט אָפּאַטאַשו זיך געזאָגט, דער געזוכטער הויפּט־העלד פאַרן אַמעריקאַנער טעריטאָריע־ראָמאַן. בפירוש גייט דער וואַלד־צדיק אויף פאַרמעסט מיט אַמעריקע, נישט בלויז די יידישע אַמעריקע, נאָר גאַנץ אַמעריקע איינצונעמען פאַרן יידישן גאָט, פאַר אַ גרויסן יידישן וואונדער. ער האָט בפירוש אַ בייעם טייטש אויף גאָטס מעשים און אויף זיין כוונה מיט אַמעריקע. און ער האָט אַ נייע עבירה, אין וועלכער די אַמעריקאַנער — יידן און גויים — זענען גלייך שולדיק: אָפּקומען מיט לייכטינקן. מציאה־כאַפּעריי הייסט די עבירה. און ער האָט אַ נייע מצווה: פאַראייניפאַכטן מענטש־קרבן; דעם מענטשלעכסטן קרבן — מענטש דינסט ביז מסירת־נפש מיט מעשים מכל יום. און ער רופט אין אַ נייער שול: אין וואַלד אַריין, אין פליטה פון די טומלדיקע אַמעריקאַנער כרכן. און אַנגעלאָדן איז ער מיט אַלוועלטלעכן יידישן באַוואוסטזיין: ער האָט מערערע מאָל דורכגערייזט אַלע יידישע לענדער, — ביז ער האָט סוף־כל־סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף אַמעריקע — דאָס איינציקע לאַנד וואָס איז ראוי. און עס שמעקט פון אים מיט גאָר אַ סך עכטער אָנקל־סעמישער גראָבלעכער פּיאָנערישקייט, וואָס נעמט דאָס שווערסטע מיט גרינגן שוואונג. — און וואָס ער דערערדט נישט, נאָר ס'בעט זיך אַרויסצוזאָגן: ער גלויבט באמונה שלמה, אַז די גאולה וועט קומען פון אַמעריקע.

ער ענדיקט אין טראַגישן אומזין: עס איז נישטאָ קיין פליטה פון די אַמעריקאַנישע כרכן. דער כרך ניו־יאָרק יאָגט אים אָן אין זיין וואַלד באַהעלטעניש אין ניו־דזשוירזי: ער שיקט אָן אויף אים דעם ביזנעס־שד, וועלכער רינגלט אים אַרום מיט דעלענסי סטריט־יאַריד און טרייבט אים אַרונטער אונטער די רעדער פון כרכישן מלאך־המות — אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס פליט פון ניו־יאָרק דורכן חושך מיט זיינע פייערדיקע גלאָצערס . . .

זיכער איז דורכן וואַלד־צדיק געבראַכט געוואָרן צו באַוואוסטזיין דער האַלב־באַוואוסטזיניקער דראַנג פון עלטערן אימיגראַנטן־דור איינצונעמען דאָס לאַנד — צו אַקטיוויזירן די יידישע ראָלע אין אַמעריקע — אַ פאַרזוך מיט אַלט־מאָדישע מיטלען. ווי רעפאָרמירט, ווי אַמעריקאַניזירט דער וואַלד־צדיק זאָל נישט זיין, רעדט ער אַלט־מאָדישע בשמה־שפּראַך. מיט שם־המפורשן וועט מען די אַמעריקאַנישע כרך־ציוויליזאַציע נישט בייקו־

מען. פון כרך וועט קומען דער מעטאַד, וואָס וועט אים באַצווינגען. אַ יינגערער דור דאַרף זיך מעלדן צום אויסלייז־דינסט. און ס'האָט אויס־געזען, אַז אַפּאַטאַשו האָט געפונען אַ יוגנט־נשמה, וואָס איז גרייט. דאָס איז פּנחס, דער זון פון וואַלד־צדיק. — מיט סמיכה אויף רבנות, איז ער אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט סאָציאַליזם. און דאָ ווערט ער פאַרכאַפּט פון פאָ־טערס פאַרמעסטן זיך מיט דער גאולה אויף אַמעריקע. עס איז קלאָר, אַז ער דאַרף ירשענען די אונטערנעמונג פון זיין פאָטער. איז ער טאַקע דער באַרופענער? — פרעגט דער לייענער, און אַפּאַטאַשו לאָזט אים בלויז טרעפן. דערווייל דאַרף פּנחס נאָך געפּרואווט ווערן מיט דער פרוי, וועל־כע איז דאָ אַ קינסטלערין אין פרוי־זיין. דאָס איז די פאַרוואַנדלטע היימי־שע קונצנמאַכערין, וואָס דאָ איז זי די „טענצערין”. פּנחס דאַרף נאָך באַ־וויזן, וואָס איז אים טייערער — צי דאָס גליק, וואָס ער קאָן נעמען, צי דאָס גליק, וואָס ער קאָן געבן.

פּנחס, דער זון פון וואַלד־צדיק, איז אין פּראָיעקט אַ סך מער פון זיין פאָטער: אי ער איז באַרוישט פון טעם פון אַלטן יידישן גלויבנס־ווײַן; אי ער קוויקט זיך מיט דעם פאַרגעשמאַק פון דעם גרויסן נצחון, וואָס יוגנט חלומט פאַר דעם האַרעפּאַשנעם מענטשן. און ער איז גערעכטער פון זיין פאָטער: נישט ווי אַ פרוש אין וואַלד פליטה מאַכן און פון דאָרטן שיקן קללות אויפן כרך — נאָר אינמיטן כרך זיך שטעלן און די געוואַלט־כוחות, וואָס דער כרך אַליין האָט אַרויסגערופן, איינשפּאַנען פאַר מלחמה מיטן כרכס רשעות. דאָך, וויל אַפּאַטאַשו נישט ענטפערן צי פּנחס איז דער באַ־רופענער. אין דערזעלביקער צייט און אויפן זעלביקן אָרט, וואו דער פאָ־טער פאַלט אונטער די רעדער פון לאָקאָמאָטיוו, פאַלט דער זון אין די אָרעמס פון דער כישופדיקער פרוי — און דאָ ווערט דער ראָמאַן איבער־געריסן.

דער ראָמאַן האָט געזאָלט זיין אַ קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויף אַמע־ריקע. אויסגעלאָזט האָט זיך אַ פּראָבע־אַטאַקע. די אמתע אַטאַקע דאַרף נאָך קומען.

פאַרוואָס אַזוי? — זענען די אָביעקטיווע אומשטענדן נאָך נישט פאַר־טיק? אפשר נאָך צו פרי? ערשט צוויי דורות אַלט?

אָדער אַפּאַטאַשו אַליין איז נאָך נישט גרייט? ער האָט נאָך נישט גע־בוג אָנגעזאַמלט סוביעקטיווע חלומות, אינטימע סעקרעטן וועגן דעם יידנס ראָלע אין אַמעריקע, אויף צו שפּיזן מיט זיי זיין העלד — דורך דער אָפּע־ראַציע, אין וועלכער ער איז פון זיין יוגנט אַזוי געאיבט — צו שניידן פון

זיך קאַלטבלוטיק שטיקער האָרץ אויף אָוועקצושענקען זיין העלד ? — יאָ, ער האָט צופיל זיך פאַרלאָזן אויף זיין כוח קאַלטבלוטיק צו אָביעקטיווירן. ער האָט פאַראויסגעשיקט דעם איניציאַטאָר, דעם אונטערנעמער, דעם אינ־זשינער־מעסטער־פאַרמעסטער, איידער דער שריפטשטעלער אין אים האָט זיך אָנגענומען מיט געגנוג האַרץ פאַר דער אונטערנעמונג — אַפילו דער אינזשינער, וואָס האָט געפּלאַנעוועט די „טענצערין", איז נישט געווען קלאָר און פעסט ביי זיך, וואָס איז ער אויסן. דער פּלאַן, ווי ברייט ער איז נישט פאַרטראַכט, וויפיל קווערשניטן ער מאַכט נישט דורך פאַרשיידענע יידישע קרייזן — אָנהייבנדיק פון כשר־ביזנעס־ברעג, לויפט דער פּלאַן דורך דער חסידיש־האָרעפּאַשנער סביבה, ביז צום וואַלד־צדיק, אַריינכאַפּנדיק ברעגן פון דער יאהודימשער סעקציע, פון דער יוגנט־סעקציע — אָבער אין סך־הכל האָט דער פּלאַן זיך פאַרלאָרן אין בלאָנדזשענישן נאָך ריכטונג און ציל. קאַפּיטלען איינגעפּרעסטע מיט פאַרבילדלעכטע לעבנס־שטיקער ; געדיכט באַפּעלקערטע מיט פאַרלעבעדיקטע שטייגערישע און „טשודנע" פאַרשוי־נען — אָבער די קאַפּיטלען אַלע צוזאַמען בלייבן שטיין אין אַפּענעם דרויסן. אַ סברה, אַז אַפילו ביי אַפּאַטאָשן איז עס נאָך אַלץ דעם שריפטשטעלערס געפיל, וואָס גיט מיטלפונקט, גאַנצקייט און גענויע פּראָפּאָרציעס דעם אינזשינערס פּלאַן.

פונדעסטוועגן, איז דער אויפטו פון ראָמאַן נישט קיין קליינער. דער פאַקטישער מאַטעריאַל איז צונויפגעזאַמלט צו פּראָקלאַמירן לכל־הפּחות ניו־יאָרק פאַר אַ יידישער טעריטאָריע. און נישט קיין אַנדערער ווי אַפּאַ־טאָשו האָט עס געטאָן. דער אינסטינקט פון „טעריטאָריאַליסט" — דעם ערשטן „טעריטאָריאַליסט" אין דער יידישער ליטעראַטור — איז נאָך וואַך אין אים. און ער האָט עס געטאָן די זאַמלונגס־אַרבעט. עס האָט נאָר גע־פעלט, ער זאָל אויסחלומען פּנחסן ביזן סוף.

אָבער דער עיקר־אויפטו פון ראָמאַן איז דער וואַלד־צדיק. אים האָט אַפּאַטאָשו אויסגעחלומט ביזן סוף — וויפיל עס האָט זיך געלאָזט מיט אַ פאַרשטייער פון עלטערן דור. אפשר דערפאַר ווייל ער איז אַ גלגול פון ר' איטשען. אין זכות פון וואַלד־צדיק האָט דער ראָמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ נאָרמאַל, רעאַליסטיש, פון דער פאַקטישער יידישער טע־ריטאָריע של מטה אין ניו־יאָרק — פּלוצלונג זיך אַ הייב געטאָן, אפשר אומבאַמערקט פאַרן לייענער, צו דער טעריטאָריע של מעלה, אַריינכאַפּנ־דיק איר הויפּט־סימן : די אַלוועלטלעכע יידישע שליחות. דער וואַלד־צדיק איז בפירוש אַ משולח של מעלה. דעריין איז אַפּאַטאָשו נישט איי־

נער. די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, דערהויפּט די פּאָעזיע, נעמט זיך אָן מיט אַלץ מער סימנים פון דער טעריטאָריע של מעלה. זי גייט דעם טראַקט פון „כמו־טעריטאָריע״ צו „במקום־רעליגיע״, און נאָך ווייטער — צום קינסטלערישן עקוויוואַלענט פון רעליגיע — דווקא אין אַמעריקע, וואו די כנסת־ישראל איז נאָך אַלץ נישט בנמצא. און די פּמליה של מעלה העלפט נישט אונטער. פון וואַנען נעמט זיך דאָס? — גאַנץ פּשוט:

איבערנעמענדיק דעם מאַנדאַט צו אָרגאַניזירן דעם זעלבסט־באַוואוסט־זיין פון קבוץ, איז די ליטעראַטור — דאָס מיינט דער שריפטשטעלער, וואָס טראָגט אחריות פאַר דער ליטעראַטור, דער וואָס גייט דעם גרויסן טראַקט, נישט דער פוסגייער אויף דער ליטעראַטור־גאַס — איז די ליטעראַטור גאָר גיך דורכגענומען געוואָרן מיט פאַרגעפיל פון אומזיכערקייט. עס האָט זיך דערטראָגן צו איר דער ריח פון פריען אונטערגאַנג, — דהיינו, אַז אַט־דער מאַטעריעל זיכערער קבוץ וועט גייסטיק זיך אויסגליטשן — זיך אָוועקרוקן אויסער דעם גבול פון יידיש דורך דער מעכטיקער איינשלינגנדיקער קראַפט פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק. דער דעק וועט אַרויספאַלן אונטער דער יידישער ליטעראַטור. איז עס געווען אַ זיכערקייט מיט אַ פּראָספּעקט פון סכנה. אַ זיכערקייט אויף משקולת. האָט זי צוליב זעלבסט אינטערעס, דורך דעם זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקט פון דעם שריפטשטעלער, גענומען באַצייטנס זיך באַוואָרענען. האָט זי גענומען אינערלעך זיך מאָביליזירן, כדי צו קענען הענגען אין דער לופט — מיט כוח געגנוג צו קאָנען טראָגן דעם קבוץ אָנגעהאַלטן אויף זיך.

אַזוי, אַז דורך דעם וואַלד־צדיק האָט אָפּאַטאָשו נאָך אַמאָל באַשטעטיקט, אַז ער גייט דעם גרויסן טראַקט. דאָס קאָווירט, אַז ער וועט זיך שוין נישט אָפּשטעלן, און ווירקלעך, ס'צייכנט זיך ביי אים אַ נייער גאַנג — אפשר טאַקע אין דער ריכטונג פון טעריטאָריעלער אַלוועלטלעכקייט — צו אַ ראָמאַן, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע יידישע וועלט־טיילן; כדי דערנאָך פון דער יידישער אַלוועלט־פּאָזיציע אָנצוהייבן אַ נייע אָפענסיווע אויף אַמעריקע.

איך נעם עס דערפון, וואָס ער מאַכט לעצטנס אַלץ טיפערע עקספּעדיציעס אין געשיכטע — צום מיטלאַלטער; צום פאַרצייטן — אַ „טאָג אין רעגנסבורג״, „ר' עקיבא״. — דאָס זוכט ער מסתמא ערגעץ אַ געשיכטלעכן ווינקל פאַר אַ באַהעלטעניש, וואו צו פאַרחלומען אָפּאַטאָשון פון דאָס ניי, און פון וואַנען אָנצונעמען זיך מיט נייער שטויס־קראַפט פאַרן היינט.

* * *

דוד איגנאַטאָוו, דער אָרגאַניזאַטאָר און דער רעדאַקטאָר פון די „שריפטן״ — די זאַמלביכער, דורך וועלכע די „יונגע״ זיינען געקומען צום

וואָרט, איז אין כמה פרטים און אין סאַמע עיקר דער היפוך פון אַפּאַטאַשון — ער האָט נאָך קיינמאָל ריכטיק זיך נישט אַרויסגעחלומט פון זיך. איצט, אין דרייסיקסטן יאָר פון זיין שאַפן, האַלט ער ערשט אינמיטן פּראָצעס. בטבע מיט זייער וויניק חשק צום אָביעקטיווירן זיך — צו שענקען אויפ־מערקזאַמקייט צו זאַכן און באַשעפענישן, וואָס זענען דרויסן פון זיין חוש. און ווען ער איז געצוואונגען געווען צו גיין דעם וועג פון טעריטאָריאַליזי־רונג, איז עס נאָך מער באַוויז און באַשטעטיקונג, אַז אָט־די טענדענץ איז ממש אַ געבאָט.

לאָמיר דאָ געדענקען, אַז טעריטאָריאַליזירן זיך אין אַמעריקע מיינט ניט סתם שילדערונג פון דער אַמעריקאַנער סביבה, נאָר אַ שילדערונג, וואָס האָט פאַר איר ציל צו געבן יידן אַ ראָלע אין דער נייער מדינה.

איגנאַטאָוו האָט פון אָנהייב אָן גענומען מקיים זיין די מצווה, אַז אין אַמעריקע דאַרף אַ ייד זיך אַמעריקאַניזירן. דאַכט זיך, ער האָט נאָך קיין איין שורה נישט אָנגעשריבן פון אַלט היימיש לעבן. און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט אַזאַ נדר גענומען אויף זיך, נאָר פשוט דערפאַר ווייל זיין „טע־ריטאָריע" איז דאָרט, וואו ער אַליין שטייט און חלומט. ווייל ער אַליין איז דער הויפּט־העלד פון זיין ראָמאַן. אָנהייבנדיק פון זיין ערשטלינג — די דערציילונג „צווישן צוויי קרעפטן" — 1908 — ביז די טרילאָגיע „אויף וויטע וועגן" — (פאַרעפנטלעכט, נאָך אַ צענדליק יאָר אַרבעט, אין 1932) — איז ער כסדר פאַרנומען מיט זיך. ברוך פון „אין קעסלגרוב", בערמאַן פון „אויף וויטע וועגן" — דאָס איז אַלץ דערזעלביקער העלד פון זיין ערשטער דערציילונג, נאָר ער ווערט אַלץ קליגער, טיפער, דערפאַרענער, ענערגישער. ער וואַקסט צוזאַמען מיט זיינע מעשים. און אַלע די העלדן — אָדער דער איין העלד — זענען פון איגנאַטאָוו גופא אַרויסגעטראָגן, אָפּן אָן פאַרשטעלעניש.

און אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז איגנאַטאָוו, טראָץ זיין קאָנצענט־רירקייט אויף זיך אַליין, איז געווען דער ערשטער צווישן די „יונגע" איינ־צוזען, אַז די ליטעראַטור דאָ דאַרף זיך שטעלן אַ טעריטאָריעלע אויפגאַבע — דאָס מיינט נישט פשוט אַמעריקאַניזירן די פען, נאָר אין דעם בפירוש זין פון וואָרט — איינצונעמען דאָס לאַנד אַמעריקע פאַר אַ יידישער ראָלע. נאָך אין 1912 אין זיין ראָמאַן „אין קעסלגרוב" האָט ער עס געטאָן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער גלויבט באמונה־שלמה, אַז זיין הויפּט־העלד — דאָס מיינט ער אַליין — דאַרף איינגעמען די גאַנצע וועלט פאַר אַ יידישער ראָלע. אין אַמעריקע בפרט. אַמעריקע פריער פון אַלץ. זיין הויפּט־

העלד איז בבחינת אויסלייזער.

די אויסלייזונג־אידייע פון זיין ערשטער דערציילונג — „צווישן צוויי קרעפטן” — איז זייער אַ נאַאיווע. דער פּראָטעסט פון פרומער יידיש־יינגל־שער צניעות קעגן געבורט־קאָנטראָל. גראָבע מעכאַניק וויל אַריינגעטראָגן ווערן אין דער בריאה, אין מענטש־באַשאַף. דער הייליקער אַקט פון ליבע ווערט פאַראומווירדיקט. דער מענטש ווערט פסול. שטעלט אָפּ די מע־כאַניזירונג פון דער מענטש־פּראָדוקציע, און די וועלט איז געראַטעוועט. דאָס איז געווען זיין יינגלשער אָפּענטפער אויף דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז דעמאָלט געטראָגן געוואָרן אין די יידישע גאַסן. די פּראָפּאַגאַנדע לאָזט דעם העלד פון „צווישן צוויי קרעפטן” נישט לעבן, פאַרשאַפט אים קאָפּוויי־טיק און האַרצווייטיק. ער גייט אַרום אַ צעמישטער, און ער שטורעמט דעם הימל מיט קלאָג־געשריי.

די אויסלייזונג־אידייע פון ברוכן פון „אין קעסלגרוב” איז שוין מער דערוואַקסן. נאָך אַלץ אַ חלום, אָבער קאָנקרעטער: „פרייע יידישע דער־פער, יידישע קאָמונעס” — אָט־אַזוי וועלן יידן זוכה זיין צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער ווידערגעבורט אין אַמעריקע, אַניט איז דעגענעראַציע. דאָס איז געווען איגנאַטאָווס אָפּרוף אויף די דעמאָלטדיקע קאָלאָניזאַציע־פּרוואוון, מיט וועלכע אַ טייל יידישע יוגנט האָט געגעבן צו וויסן, אַז זי וויל זיך מחדש זיין אין אַמעריקע. אייגנטלעך ווערט גאָרנישט געטאָן אין ראָמאַן פאַר יידישע דערפער, נאָר ברוך ווי אַ לעבעדיקער בת־קול רופט, און דער הימל מיט פייער־סיגנאַלן באַשטעטיקט זיין רוף.

אָבער ברוך פּערזענלעך האַלט וואָרט. ער לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן צו דער וועסט — מסתמא צו דער קאָלאָניע „קלאַריאָן” אין יוטאַ.

אונטער אַן אַנדער נאָמען, אַן אַנדערש געקליידטן, אַ פּאַרווינטיקטן, וואָס אָנשטאָט פייערן, ווי ברוך פון „אין קעסלגרוב”, האָט ער ליב שלאָגגען — — טרעפן מיר אים ווידער אויפן וועג צו דער וועסט, נאָך אַלץ באַ־שעפטיקט מיט „איינגעמען אַמעריקע פאַר דעם יידן” — („פיבי”, 1918). אַ צופעליקע, אָבער אַן איינגעגעבענע, דערפרישנדיקע דערציילונג, פון אַ ווינט־ניגון אויסגעפורעמט, מעשה־אַרטיק אויף אַ פאַנטאַזיע־פאַקט אַרויפ־דערציילט:

אין דער טרילאָגיע „אויף ווייטע וועגן” איז די אויסלייזונג־אידייע — די אידייע פון „איינגעמען אַמעריקע פאַר דעם יידן” — — פון אַ סך אַן ערנסטערן, אַרומנעמענדיקערן כאַראַקטער. אויך בערמאַן לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן אין דער ווייטער וועסט, אָבער נישט כדי אויסצושפּירן דאָס לאַנד

פאַר „פרייע יידישע דערפער". אויב ערד־אַרבעט האָט נאָך פאַר אים רייץ, איז עס גיכער ווי זיין פּריוואַטער רעטונגס־מיטל. ער איז מיד, ער איז אַנטוישט, ער איז אַנטלאָפן פון ניו־יאָרק. ער האָט געפירט סטרייקס, גע־בויט יוניאָנס, געבויט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. און אָט האָט ער מיט זיין ענטוזיאַזם אַרויסגערופן אַ גענעראַל־סטרייק, כדי צו גרינדן די אידעאַלע גרויסע יוניאָן. האָבן די סאָציאַליסטן־קאָמפּראָמיסלער געמאַכט יד אחת קעגן אים מיט די בעלי־ידים — די „שטאַרקע", וועלכע האָבן אים צעשלאָגן, צעמזיקט, און בשותפות גרינדן זיי איצט אַ יוניאָן, ווי עס פּאַסט פאַר זייערע אינטערעסן און אינטערעסלעך.

האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן: וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, דער ייד, פון ניו־יאָרק אַרויס, איבערצוקערן די אָרדענונג אין אַמעריקע? קען ער אַמעריקע? — גייט ער עס איצט אויסמעסטן דאָס לאַנד, כדי אָנצונעמען זיך מיט דעם גייסט פון אַמעריקע. דאָס איז די העכערע אידייע, וואָס שוועבט איבער די „פרייע יידישע דערפער" — אַ רעטונג פאַר יידן און אַמעריקע צוזאַמען. איין גרויסע ראָלע זאָל עס זיין! — און ער באַגעגנט זיך מיט דעם „גייסט פון אַמעריקע" אין געשטאַלט פון אַן אַמעריקאַנער פאַרמער, וועלכער צעהרגעט אים אויף טויט צוליב אַ שטיקל טרוקן ברויט. אַ געפּרוּווטער אין מדבר אַמעריקע, קערט ער זיך אום קיין ניו־יאָרק מיט אַ באַנייטן גלויבן אין יידן און סאָציאַליזם. יאָ, דער ייד האָט אַ רעכט מזכה זיין אַמעריקע מיט סאָציאַליזם, אַפילו קעגן איר ווילן. אָבער אַ באַנייטער סאָציאַליזם דאַרף עס זיין, אַן אָנגעזויגענער מיט דער אייביקער יידישער גבורה פון אמונה, אַ מתן־תורה דאַרף עס זיין. וואָס אירע מצוות דאַרפן זיין סאָציאַלע מעשים, וואָס פורעמען און בויען דעם מענטשן מיט דער אָר־דענונג צוזאַמען. שטאַרבן שטאַרבט ער, ווען ער פּרוּווט אַריינשטעלן קאַרל מאַרקסעס תורה אין אָרון־קודש פון די פרומע יידן. דאָס מאָל זענען עס די גוטע פרומע יידן, וואָס צעהרגענען אים אויף טויט, פּונקט אין דער צייט, ווען זיינע פריערדיקע חברים, די סאָציאַליסטן־קאָמפּראָמיסלער, פאָרן צו גאַסט אויף אַלעם פאַרטיקן צו דער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

נישט געקוקט אויף דער פאַנטאַסטישקייט פון דעם הויפּט־העלד, פאַר־קערפּערט ער מיט זיך אַ שטיק היסטאָרישן אמת. דאָס איז געווען די אי־דייע פון פול גלויביקן סאָציאַליזם, וואָס האָט אויפגעבויט די היגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס אויף איר האָט זיך אויפגעבויט דער היגער יידי־שער קיבוץ. די פרומע יידישקייט איז נישט געווען דער פירנדיקער כוח, נאָר האָט זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ קאָנסערוואַטיווע משא. און די אידייע פון

פולגלויביקן סאָציאַליזם ווערט נישט סתם געפּרעדיקט אין ראָמאַן, נאָר זי איז קאָנקרעטיזירט אין באַוועגונגען, פונאַנדערגעשפּאַנט צווישן קלאַסן, קרייזן, פראַקציעס, וואָס זענען אין געראַנגל צווישן זיך — אַ געראַנגל צווישן סאָציאַליסטן־פעלשער, סאָציאַליסטן־קאָמפּראָמיסלער און דעם גלויביקן, מסירת־נפשדיקן סאָציאַליסט בערמאַן. די פולגלויביקע זענען געגאַנגען אין פאָראויס, און די קאָמפּראָמיסלער און די פעלשער זענען זיי נאָכגעגאַנגען און געירשנט.

עס האָט געהאַלטן גאָר נאָענט דערביי, אַז „אויף ווייטע וועגן" זאָל ווערן דער דערוואַרטער ראָמאַן, וואָס טעריטאָריאַליזירט אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור: ער כאַפּט אַריין אין איין ראָם אַן עפּאָכע פון פערציק יאָר — פון די „עם־עולמניקעס" ביז אין דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע אַריין. אין דור סאָציאַליסטן־אימיגראַנטן בייט אָפּ דעם אַנדערן, און די יידישע אַמעריקע ווערט איינגעשטעלט — ניו־יאָרק, מיט דעם שטיק אַמעריקע, וואָס באַלאַנגט צו ניו־יאָרק.

און פאַרוואָס איז „אויף ווייטע וועגן" פאַרבליבן דער ערב־טעריטאָריע־ראָמאַן, נאָך נישט די פולע פאַרווירקלעכונג זיינע? שולדיק איז איגנאַטאָווס מעטאָד, וואָס לאָזט זיך צום באַקוועמסטן באַשרייבן, ווען מען שטעלט אים אַנטקעגן אָפּאַטאָשוס געשטאַלטונגס־מעטאָד. אָפּאַטאָשו, ווי מיר ווייסן, טוט אַריין זיינע אינטימע איבערלעבונגען אין זיינע העלדן. זיי דינען אים ווי געפעסן. דאַרף ער זיינע העלדן פריער גוט אָנקוקן, אַרומטאַפּן, כאַראַקטעריזירן, איידער ער שענקט זיי זיינעם אַ פּערזענלעכן סעקרעט. און ער זינדיקט אַמאָל דערמיט, וואָס ער קאַרגט זיינע העלדן אָט־די פּערזענלעכע מתנה. איגנאַטאָוו זינדיקט דערמיט, וואָס ער לאָזט זיין העלד — זיין הויפּט־העלד — גאָר נישט אַרויס פון זיך. די מעלה זיינע, וואָס ער רייסט קיינמאָל נישט איבער דעם קנופּ צווישן זיך און זיין הויפּט־העלד, ווערט דאָ אַ חסרון. אַנדערע, אַ חוץ זיין הויפּט־העלד, עקזיסטירן פאַר איגנאַטאָוון בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי זענען אָפּשפּיגלונגען אָדער קאָנטראַסטן צו זיין הויפּט־העלד, און ער פאַרגינט זיך אַפילו נישט זיי ריכטיק אָנצוקוקן.

אייגנטלעך איז איגנאַטאָווס מעטאָד דער מעטאָד פון לירישן פּאָעט, וועלכער נעמט פון זיך אַרויס אי דעם תוך, אי די פאָרם פון זיין ווערק, אַפילו ווען פון הינטן אַרום איז דאָס געווען די ווירקלעכקייט, וואָס האָט אים אָנגעפילט מיט אָנגעצונדענעם גילדענעם שטויב. נישט מער, וואָס איגנאַטאָווס פאָרם איז נישט ליד, נאָר אויסגעדיכטעטע מעשה. און קריי־

טיקער פאַרזיכערן אים, אַז מעשיות, מעשהלעך זענען זייַנע קינסטלעריש געלונגנסטע, גאַנצעסטע ווערק, און זיי ראַטן אים ביי דעם זאָל ער בלייבן. אין די „וואונדער מעשיות פון אַלטן פּראַג" האָט ער די קריטיקער צוליב געטאָן און געגעבן ריינע מעשיות אויסגעשפּונענע פון דעם זין פון דער פרו־מער יידישערווירקלעכקייט. רימען זיי טאָקע דאָס ווערק. און דער אמת איז, אַז איגנאַטאָוו קאָן מעשה פּאָעט, פון די אײדעלע אָנצוהערענישן און קלוגע וואונקען, וואָס דערלאַנגען זיך פון דער ווירקלעכקייט, פון די רע־טענישן, וואָס זי גיט אויף; פון דעם אַראָמאַט, וואָס ווייט פון איר — פון אָט־דעם גאַנצן אורשטאָף, פון וועלכן ווירקלעכקייט דאַרף ערשט באַשאַפן ווערן, פון דער צעלאָזטער ווירקלעכקייט, פון וועלכע דאָס פאָלק שמעלצט זיינע לעגענדעס — — פון אָט־דעם שטאָף, וואָס איז יאָ דאָ און נישטאָ, קאָן איגנאַטאָוו באַשאַפן שפּאָגל נייע מעשה. ער האָט אַ מעשה־דראַמע, וואו זיבן גבורים, נאָר וואָס איבערגעגאַנגענע פון די מלאכים אין מענטשן־צו־שטאַנד, זיצן אויסגעזעצטע ביי די ברעגן פון זיבן עפּאָכעס און האַלטן צו די יידישע געשיכטע און וואַרפן זיך דורך מיט די רעטענישן, וואָס איין עפּאָכע וועט שפּעטער פרעגן ביי דער אַנדערער. אַ שפּאָגל־נייע אויסטראַכטונג, באַזעצט מיט נאָר וואָס געבאָרענע באַשעפענישן פון דער פאַנטאַזיע — און דאָך האַלט זי זיך צוזאַמען אין גאַנצקייט און שיינקייט, רעאַל אין איר אויס־געטראַכטקייט. ווי אַזוי? דורך דעם שמעקעדיקן טראָפּן חלום־וואָר, וואָס איגנאַטאָוו האָט אין איר אַריינגעשפּריצט? אָדער דורך זיין מעשה־אַרטיקן סטיל? דאַכט זיך, אַז די גאַנצע מעשה האָט זיך אַרויסגענומען פון פאַר־צייטיקן וואָרט „אבות". איגנאַטאָוו איז אַ מעשהניק. ער קאָן פאַרזעצן די ווירקלעכקייט אָדער פאַראויסלויפן איר מיט מעשה . . .

אָבער איגנאַטאָוו האָט נישט געוואָלט יוצא זיין מיט מעשה, וואָס איז איינגעבאָרן אין זיין געמיט. ער האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט אַ שפּריץ פון אַ טראָפּן פון אַ חלום. ווי געניט פון עפּעס אַ כוח, אָדער גע־צוואונגען פון עמיצן, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט זיין חלום־מעשה אַריינצו־שפּאַרן אין דער ווירקלעכקייט; און כדי צו פאַרענטפערן און צו פאַרלייכ־טערן זיך דעם געצוואונגענעם איבערגאַנג צו קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, האָט ער זיך צוגעטראַכט אַ מעשה־פילאָזאָפיע, לויט וועלכע די ווירקלעכ־קייט גופא איז אויך מעשה, וואָס האָט פריער דעם מענטשנס נשמה זיך גע־חלומט. דער מענטש ווייס אפשר נישט פאַרוואָס אַזוינס און אַזעלכעס האָט פּאַסירט מיט אים — זאָל ער זיך פאַרהערן מיט זיין נשמה, וועט זי עס אים דערציילן.

אין „פאַרבאַרגענעם ליכט” האָט איגנאַטאָוו זיין מעשה־פילאָזאָפיע באַגרינדעט, שטיצנדיק זיך אויף ר׳ נחמן בראַצלאַווערס מעשיות. דער מענטש איז אַ מעשה, די גאַנצע וועלט איז אַ מעשה; מער, פאַרמער דאָס ליכט פון דיין נשמה — וועסטו צוטראָגן דיין חלק צו דער וועלטס מעשה.

אין בערמאַנען, דעם העלד פון „אויף ווייטע וועגן”, האָט איגנאַטאָוו געלאָזט קומען צום פולן באַוואוסטזיין זיין מעשה־ווירקלעכקייט־פילאָזאָפיע. בערמאַן וויס און פרעדיקט, אַז אַן פאַראויסלויפנדיקע מעשיות־חלומות וועט קיין ווירקלעכקייט נישט זיין. בלויז וויפיל אַ מענטש האָט אָנגעחלומט — נישט סתם געחלומט, נאָר אָנגעהאָרעוועט חלום דורך קרבן און גרייטקייט צו קרבן — אַזויפיל איז אים באַשערט פאַרווירקלעכונג.

און בערמאַן איז מקיים וואָס ער פרעדיקט. גלויבנס־שיכור, לייגט ער דעם לעבן פאַר זיינע חלומות־זעאונגען. פאַלט דורך איינמאָל, צווייִמאָל, דריימאָל, אָבער אַפילו אַ דורכגעפאַלענער זיגט ער. איגנאַטאָוו האָט פאַר־שוואָרן בערמאַנס זעאונגען זיי זאָלן אַזוי צי אַנדערש מקויים ווערן.

די פילאָזאָפיע ווי די פילאָזאָפיע, אַמאָל קריכט זי פון דער הויט גע־פרעדיקט צו ווערן: אַ פאָר מאָל כאַפּט זי זיך אַריין אין בערמאַנס זעאונ־גען און פאַרדאַרבט זיי. בדרך־כלל אָבער האָבן די זעאונגען אַלע מעלות פון איגנאַטאָווס מעשהדיקער דערציילערשיקייט — דערצו נאָך אָנגעלאָדן מיט אַ וואַגיקן געזעלשאַפטלעכן זין, וואָס ווען מען טוט אים אַריין אין דער וואָכעדיקער פּראַקטיק, ווערט די פּראַקטיק דערהויבן צו יום־טובדיקן דינסט. די זעאונגען, וואָס לויפן איבער דעם זיגזאַג פון בערמאַנס באַצי־אונגען מיט גערטרודן — זייערע דערנענטערונגען און דערווייטערונגען — זי איז מקיים אין דער ליבע, וואָס ער, בערמאַן—אין גלויבן—די מצווה פון פאַרטייערונג פון מענטש און מענטשישקייט — בערמאַנס ליבע־זעאונגען ענטפערן אָפּ פון אַ באַרג דעם מענטשנס בענקשאַפטן אין טאָל — און נאָך קיינמאָל האָט אַ ליבע אַזוי נישט געוואונדערט און געבלענדט אין אַ יידישן ראָמאַן!

ווי אַ מחנה פייגל ציען זיך די זעאונגען דורך די דריי בענדער פון ראָ־מאַן, באַגלייטנדיק די פּאַסירונגען פון אויבן. ביי יעדער נייער ווענדונג, ביי אַ קריזיס אין בערמאַנס געזעלשאַפטלעכן אָדער אינטימען לעבן, ברעכט ער אויס אין אַ העלזעערישער עקספּלאָזיע, וואָס אַנטפּלעקט די געהיימע לאָגיק פון דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען און לאָזט טרעפן זייער שפּעטערדיקע פאַנאַנדערוויקלונג. דאָס זענען אייגנטלעך צוויי ראָמאַנען, איינער איבערן אַנדערן, וואָסביידע דאַרפן באַזונדער און גלייכצייטיק געלייענט ווערן; דער

איבערשטער ראָמאַן — אין מעשה־פאָרם — טראָגט די נבואה אויף דער צוקונפט — וואָס עס וועט פּאַסירן מיט דעם יידן דאָ אין לאַנד נאָכן אַפּשלוס פון ראָמאַן.

גוט וואָס איגנאַטאָוו האָט נישט געפאָלגט און נישט אָפּגעשטעלט זיך ביי מעשה פאַר גלויביקע קינדער און פאַר דערוואַקסענע, וואָס האָבן הנאה צו פאַרשטעלן זיך פאַר קינדער. נישט פאָלגנדיק, האָט ער דערווייל געגעבן אַ ראָמאַן, וואָס גיט אַן אָנווייז אין דער געהעריקער ריכטונג, אַז דורך דער אָנגעשפּאַנטער יידישער גייסטיקער ענערגיע, דורך דעם סינטעז פון דער אַלטער יידישער אמונה־גבורה מיטן סאָציאַליזם, וועט דער ייד — דער יידישער האַרעפּאַשניק, דאַרף מען זאָגן — אַריינקריגן אַן ערשט־קלאַסיקע ראָלע פאַר דעם גרויסן פאַרמעסט.

אַפילו ווען אַריבערשפּרייזנדיק די גרענעצן פון זיין געביט — די פאַנ־טאַסטישע מעשהלע — מישנדיק פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט און זיי ביי־דע מיט פילאָזאָפיע, וואָלט איגנאַטאָוו עובר געווען אויף אַלע קינסטלערישע כללים, וואָלט דער פאַרדינסט פון ראָמאַן נאָך אַלץ אַריבערגעוואויגן. אָבער ער האָט נישט עובר געווען אויף אַלע. אויף אַ צאָל יאָ.

צייטנווייז איז ער עובר אויף די כללים פון פּערספּעקטיוו. ער האָלט נישט געהעריקע דיסטאַנץ. ער קוקט צו נאָענט — ווערן זאַכן, מענטשן, פּאַסירונגען צעפלאָסן. זעט ער פנימער איבערטריבן. לויפן די פּאַסירונ־גען צוויי מאָל אַזוי לאַנג, וויפיל זיי האָבן געדאַרפט אין זייער געוויינלעכן גאַנג, און צעציען דעם ראָמאַן. דער עיקר, איגנאַטאָוו טרעפט נישט צו דעם פּינטעלע אין לייענערס אויג.

די מעשה מיט אים איז, וואָס ער מיינט, אַז דער לייענער זיצט אין אים גופא און קוקט מיט זיינע אויגן. סיידן דער לייענער איז געראָטן אין איג־נאַטאָוון. אַליין אַ גלויביקער, וועט ער גלויבן איגנאַטאָוון. אָבער דער דורכשניטלעכער לייענער איז בטבע אַן אומגלויביקער — אַ „ציניקער", בעמט קיין זאַך נישט אויפן וואָרט. ער זיצט זיך ווי אַ קאַלטער גזלן און דערוואַרט מען זאָל אים אַלץ צוטראָגן קורץ און קנאַפּ, שאַרף און בולט כאַ־ראַקטעריזירט, עס זאָל אים זיין לייכט צו געדענקען די מענטשן און זאַכן לויט אַ באַשטימטער קאַרגער צאָל סימנים. און זיי דאַרפן אים אַזוי גע־וויזן ווערן, אַז זיי זאָלן נישט צופיל איבער־אָנשטרענגען זיין השגה. אַנישט וועט ער נישט גלויבן. אַזאַ איינעם וועט די מעשה בערמאַן פאָרקומען נישט געשטויגן נישט געפלויגן.

דער גאַנצער „קונץ" פון דער קונסט איז צוצוטרעפן דעם פאָקוס פון

לייענערס ראיה. און דאָך אים ווייזן מער וויפיל ער איז געוואוינט צו זען. אַן אָביעקטיוועך קינסטלער כאַפּט זייער שנעל דעם „קונץ". ביי אַ סוב־יעקטיוון גדזויערט עס יאָרן.

עס איז נישט אַזוי לייכט געווען אַזאַ איינעם ווי איגנאַטאָוו, אַ זעלבסט־היפּנאָטיזירטן, אויסצוטאָן זיך פון זיך אַליין. לכתחילה האָט ער געזען בלויז — געטויער, געפּילט בלויז — זיך און זיין הויפּט־העלד. די אַנדערע זענען פאַרטרונקען, פאַרווישט געוואָרן אין זיין פאַרגלאָצט־פאַרחלומטן אויג. אָבער דערזעלביקער עמיצער, וואָס האָט אים געצוואונגען איבערגיין פון מעשה צו ווירקלעכקייט, האָט אים אויך געצוואונגען לערנען זיך זען. ברוך פון „אין קעסלגרוב" זעט שוין וויפיל נישט איז אַנדערע — לכל־הפחות מיידלשע פּנימער — והראיה, ער פאַרליבט זיך אין זיי. בערמאַן אין „אויף ווייטע וועגן" זעט שוין די מענטשן און געשעענישן אַזוי גוט, אַז ער קאָן האַנדלען געזעלשאַפטלעך, נישט אָפּנאַרנדיק זיך צופיל — נישט ווי אַ דאָן קיכאָט, וואָס שלאָגט זיך מיט ווינט־מילן.

דער אמת איז, אַז איגנאַטאָוו האָט אַרויסגעפּירט אין ראָמאַן צענדלי־קע פאַרשוינען, אין וועלכע ער האָט אָן אַ שיעור אַריינגעזען. צופיל געזען. דער צופיל טויג נישט. איגנאַטאָוו דאַרף זיך נאָך לערנען זען טאָפּלט: פאַר זיך — אַ סך, פאַרן לייענער צען מאָל ווייניקער.

ווען איגנאַטאָוו וואָלט געזען אויג אין אויג מיטן לייענער, וואָלט „אויף ווייטע וועגן" שוין איצט געווען — באַלד, באַלד וואָלט ער געוואָרן, אַן עפּאָ־כע־שילדערנדיקער, אַן עפּאָכע־מאַכנדיקער ראָמאַן — דער טעריטאָריע־ראָמאַן, צו וועלכן עס צילט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע.

פאַר אַ צאָל לייענער מיט אַ ניצוץ נשמה־יתירה איז אויף „ווייטע וועגן" שוין איצט אַ ראָמאַן, זיי האָבן זיך דערפרייט מיט בערמאַנען: זייער העלד! אויף אים האָבן זיי אויסגעקוקט. זיי זענען פאַרליבט אין זיין ליבע צו גערטרודן. און ווערן מיטגעריסן פון זייַנע זעאָונגען. און גייען מיט אין אַלע זיינע מלחמות, און נעמען זיין צד און ווילן נישט גלויבן, אַז ער איז געשטאָרבן. טאָמער יאָ, וועט ער נאָך אויפשטיין תחית־המתים און ער וועט זיי פירן צו עפּעס אַ נצחון.

ווער זענען דאָס די איינגעעקשנטע, וואָס ווילן נישט גלויבן, אַז בער־מאַן איז טויט? — דאָס איז די „יוגנט", וואָס פאַר 25 יאָר האָט זי גע־קוואָלן פון ברוכן דער קריטיק אויף צו־להכעיס. יענע יוגנט איז שוין איצט קרוב צו די פופציקער. נו, איז זי נאָך יונג אין אירע רעשטלעך און אין אירע גלגולים אין דער הייַנטיקער צייט.

דאָס האָט די דעמאָלטיקע יוגנט באַשטעלט ברוכן און אים אַרויסגע־פּאָדערט פון איגנאַטאָווס מעשה קעמערל. און איצט ווען דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען פּאַרגעפּיל, איז געוואָרן אַ פּאַקט — די יוגנט האָט געשמוגלט דער גרענעץ און איז מיט איר לייב און לעבן אויף יענער זייט יידיש ; און דער גאָר היפּשער טייל אירער, וואָס האָט אויסגעשטודירט אין די קאָ־לעדזשעס און איז געוואָרן אינטעליגענץ, איז אויך אַוועק, — בלויז רעשט־לעך און גלגולים זענען געבליבן — ווער האָט באַשטעלט און אַרויסגעפּאָ־דערט בערמאַנען ?

די ליטעראַטור האָט עס געטאָן. אַרומזעענדיק זיך, אַז אינטעליגענץ, יוגנט, יונגע פרויען זענען נישטאָ, נאָר מיטליעריקע און זקנים און זקנות זענען דאָ, וואָס צייטונגס־בייעס לייענען זיי נאָך ווי עס איז און קוויקן זיך מיט שונד־ראָמאַנען ; דערפילנדיק, אַז זי האָט נישט אויף וועמען זיך צו האַלטן און בלייבט הענגען אין דער לופטן — האָט די ליטעראַטור ממש ווי אַ לעבעדיק וועזן זיך אָנגענומען מיט זעלבסטדערהאַלטונג אינסטינקט און אַזוי זיך געזאָגט : לאָמיך זיך פירן אַזוי, ווי אינטעליגענץ און יוגנט וואָלטן געווען און באַשטעלט ביי מיר געשטאַלטן ; לאָמיך ביי זיך אַליין באַשטעלן כפל־כפלים, וויפיל זיי וואָלטן באַשטעלט ; לאָמיך אַזוי זיך וויכטיק און בויטיק מאַכן פאַר דעם יידן אין אַמעריקע, אַז איך זאָל די אַוועקגעגאַנגענע אַניאָגן און אַריבעריאָגן און זיי צוריק ברענגען — ווייל אַזוי וויכטיק און בויטיק מאַכן זייער ראָלע אין אַמעריקע דורך ענגליש וועלן זיי קיינמאָל נישט.

דאָס איז עס ; נישטאָ קיין טעריטאָריע אונטער די פיס, הייבט זיך די ליטעראַטור אויף ווי אַ כמו־טעריטאָריע אין דער לופטן און לאָזט אויף זיך אָנהענגען אַן עולם, וואָס דאַרף זיך ערשט אָנזאַמלען.

און ווי אַזוי איז ליטעראַטור אַזאַ לעבעדיק וועזן, מיט אַזויפיל באַ־וואוסטזיניקייט, אַז זי קאָן באַשטעלן, אַרויספּאָדערן, צווינגען ? — ווייל זי ווערט דאָך געבאָרן דורכן לעבעדיקן שריפטשטעלער, ווי דער לעבעדיקס־טער טייל פון זיין נשמה־לעבן. דאָס איז דעם שריפטשטעלערס זעלבסט־דערהאַלטונג־אינסטינקט, וואָס קלאַפּט אין זיין באַוואוסטזיין און אונטער־באַוואוסטזיין אין נאָמען פון דער ליטעראַטור : — זע, ראַטעווע ! פאָלגט ער וואָס די ליטעראַטור הייסט אים : ער באַשטעלט ביי זיך, פאָדערט אַרויס און צווינגט זיך.

און ביי יעדן שריפטשטעלער מאַכט די ליטעראַטור איר באַשטעלונג לויט זיינע ספעציעלע פייאיקייטן. זי נוצט איין מעטאָד ביי אָפּאַטאַשון ;

אַ צווייטן ביי איגנאַטאָוו. אָפּאַטאָשו, אַ גבור אין רעאַליזם, לייגט אויס דעם פונדאַמענט פאַר אַן אַלוועלטלעכן בנין, כדי אַזוי אַרום צו פאַרחשובן די יידישע ליטעראַטור אין געפיל פונעם יידן אין אַמעריקע — ער זאָל קריגן קוראַזש צו פאַרמעסטן זיך מיט אים. איגנאַטאָוו שיכורט זיך מיט גלויבן — און קוועלט בסדר פון זיך אַרויס שיכור־גלויביקע חלום־מעשיות. מאַכט ער דעם אינעווייניקסטן פאַרמעגן זיינעם פאַר אַן אינסטרומענט פון פאַרמעסט. פאַרוואַרפט אַ נעץ פון חלומות איבער די קעפּ פון זיינע העלדן. און ער לאָזט זיי אַנטדעקן ערשטע פרישע סעקרעטן פון גלויבן, ווי זיי וואָלטן געווען רעליגיעזע ערשטלינגע אין אַ מדבר, וואָס קוקן זיך־צו צו אַ ברענענדיקן בוש, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. און דאָס קאָן אויך חשוב מאַכן די יידישע ליטעראַטור פאַרן אַמעריקאַנער יידן און אַריינגעבן אין אים אַ יחוסדיק געפיל. ביידע — אי דער וועלט־אַרומנעם, אי די אינערלעכע אינסטרומענטירונג — זענען קאַפּאַבל צו מאַביליזירן דעם יידנס גייסט אין אַמעריקע.

אינערלעכע אינסטרומענטירונג איז דער מעטאָד הויפּטזעכלעך פון פּאָעטן — וואָס זיי זענען עס די יעניקע, וואָס שמעלצן אַריין במקום־רעליגיע, כמו־רעליגיע אין כמו־טעריטאָריע־פורעם. — בערמאַנס אַנגעקוואַלנקייט מיט גלויבן איז איגנאַטאָווס צושטייער מיט כמו־רעליגיע־שפּיז פאַר דער כמו־טעריטאָריע־טענדענץ.

איז מיט אַ גוטער העלפט פון זיין שעפערישן געמיט געהערט גאָר איגנאַטאָוו צו אַן אַנדער קאַטעגאָריע, און די פּאָעטיש־וויזיאָנערישע, מעשה־ און גלויבן־טראַגעדיקע טיילן פון זיינע ווערק וועלן דאַרפן נאָכאַמאָל באַהאַנדלט ווערן, ווען די פּאָעטן וועלן פון מיר אויפגענומען ווערן.

* * *

א. ראַבאָי איז צו געפינען צווישן די צוויי — ווי ביי איגנאַטאָוון נעמען זיך זיינע העלדן פון אַ מעשה־פאַנטאַזיע פון אים אַרויס. אָבער געשטאַלטן האָבן זיי פון קאָנקרעטע מענטשן, ווי ביי אָפּאַטאָשון. להיפּוך צו אָפּאַטאָשון, וועלכער רייסט אַרויס אַ פאַנטאַזירנדיק טיילכעלע פון זיך און טוט עס אַריין אין קאָנקרעטע מענטשן, ווי אין געפעסן, כדי זיי צו באַלעבן — באַזעצט זיך ראַבאָי מיט זיין גאַנצער מעשהדיקער אינערלעכקייט אין זיי; און להיפּוך צו איגנאַטאָוון, דערטרינקט ער זיי נישט אין זיין מעשה־פאַנטאַזיע, נאָר זיי בלייבן ביי אים לעבעדיק און קאָנקרעט, מיט זייער נאָרמאַלן אויסזען.

די פאָרמולע פאַר ראַבאָיען איז — ער מעשהט און פאַנטאַזירט דורך

קאנקרעטע מענטשן. אנדערש קאן ער נישט, ראבאי. ער קאן זיך נישט האלטן אין דער לופטן. ער מוז פילן ערד אונטער זיך. ער מוז אנטאן אויף די באשעפענישן פון זיין מעשה־פאנטאזיע ערדישע לבושן, פאר אזעלכן האט ער זיך גלייך געלאזט דערקענען אין זיין ערשטן בוך „איך דערצייל". פון יענע דערציילונגען לייענען מיר ארויס: ער איז פון דער יידיש־פויערשער בעסאראביען, פון א שטעטל, וואו יעדער ייד האט געהאט זיין שטיקל פעלד — פון שמעקעדיקער ארץ־ישראל ערד. מיט דעם גע־בענטשטן טעם פון חלב און דבש; און ראבאי האט דערצו נאך געהאט א ווינקל פעלד, וואס האט אים געדינט פאר א באהעלטעניש, וואו ער פלעגט באהאלטענערהייט לייענען א לשון־קודשדיק ספרל, וואס האט אים מיט לע־גענדע־לופט געשמעקט, אפילו ווען עס האט זיך געהאנדלט וועגן א דין, ווי צו וואשן די הענט צום עסן; און באהאלטענערהייט פלעגט ער שטיין אונטער דעם שכנס פענצטער, וואו עס האט זיך אים געדוכט, אז אן איי־דעלע ציטעריקע מיידל מיט שווארצע אויגן שווייגט און קוקט און חלומט וועגן אים. און דאס מיידל האט אים אויך געשמעקט מיט ערדישן לעגענ־דע־ריח. און אלץ וואס עס האט דערגרייכט צו אים פון דער גרויסער שטאט דורך דעם „המליץ", ווען ער פלעגט עס איבערטראכטן און איבער־דערציילן זיך, פלעגט עס אים אויך אפהילכן ווי א וואונדערלעכע פאסירונג.

און ווען ער איז קיין אמעריקע געקומען און איז אריינגעפאלן צו די „יונגע", און איז פון זיי אויפגעמונטערט געווארן צו שרייבן דערציילונגען, האט ער געהאט קלארע פויערשע אויגן אלץ צו זען און צו מערקן, אבער פארחידושטע אויגן. פשוטע זאכן פלעגן זיך ביי אים רייסן אריינגעכאפט צו ווערן אין א וואונדערלעכער פאסירונג, ווי ער וואלט זיי געזען און גע־הערט פון א מהלך, פון זיין בעסאראבישן ווינקל ערד, זיצנדיק איבער א לשון־קודש ספרל אונטער א בוים; א מעשה וועגן וואכעדיקע פאקטן פלעגט זיך ביי אים אריינקלינגען אין א מעשה־לעגענדע. אויבן, אין דער לופטן, האט די לעגענדע געקלונגען, אז אונטן איז דא א מעשה, וואס זיצט מיט אלע אירעווארצלען אין דער ערדישער ווירקלעכקייט.

א היימישע ראבאיאישע מעשה — די איינגעגעבענע — איז געווען ווי א פלאנץ, וואס שפראצט זיך אין איר פולער גאנצקייט פון דער ערד ארויס און וואקסט ביז שמעקעדיקער בלום און נוצלעכער געשמאקער פרוכט — און דער ניגון פון דער מעשה רופט, מען זאל קומען הנאה האבן. אפילו גויים מעגן קומען. ס'איז יידישע חגא! . . .

אזוי איז די סאמע ערשטע דערציילונג פון בוך — פון היימישן בע־

סאַראַביען: „אַ מתנה". אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס האָבן לאַנג זיך האָלט געהאַט און זיך נישט אויסגעזאָגט, האָבן זייער ערשטע באַגעגעניש, ווי דערוואַקסענע, ביי אַ וואָגן אויפֿן מאַרק, וואו ער קומט האַנדלען זיין ערשטן ווייץ און זי — קויפֿן עופות פֿאַרן שטוב; און זיי קריגן מוט צו דעררעדן, וואָס האָט זיך אין זיי געשווינגן. ס'וועט זיין אַ חתונה!

און אַז ראַבאַי האָט זיך אָנגעהאַרעוועט אין די ניו־יאָרקער שעפּער, האָט זיין מעשה זיך נישט אויסגעעדערדישט; נאָר אַלץ געדיכטער איז גע־וואָרן איר לעגענדע־ניגון, כדי אירע וואָרצלען זאָלן זיך קאָנען דורכפּרעסן דורך דעם שטיינערנעם ברוק. — „די חתונה": — לאַנדסלייט פֿירן אונטער דאָס היימישע ווייב צו אַ חתן פּונקט ווען ער שטייט אונטער דער חופּה מיט אַן אַמעריקאַנער מיידל — „טויט איז געפֿאַלן דער חתן, און אויף אים די כלה, מיט אַ צעריסענעם האַרץ..." — פֿון דער צייטונג־כראָניקע אַרויס־גענומען, אָבער דערציילן דערציילט זיך דאָס ווי אַרויסגעלייענט פֿון אַן אַלטן פּנקס, און פּאַסירט האָט דאָס אויף אָרטשאַרד סטריט!!

און ווען ראַבאַי האָט נאָך לענגער געהאַרעוועט אין די שעפּער, אַלץ ענלעכער איז ער געוואָרן צו אַן איבערדערציילער פֿון אגדות, פֿון עין־יעקב אַרויס, פֿאַר שווערע האָרעפּאַשניקעס, געוועזענע בעסאַראַבער פֿעלד־יידן, וואָס אַ גאַנצע וואָך טראָגן זיי דעם יאָך פֿון פּרנסה, און שבת פֿאַרנאַכט ווילן זיי זיך פֿאַרדינען עולם־הבא.

אברהם און דבורה זעצן זיך איינע אַליין צום סדר. די קינדער אין אַמעריקע זענען אַוועק אין הפקר. איין זון פֿאַרפֿלויגן אין דער וויטער וועסט, אַ צווייטער שלייעט זיך אַרום אין ניו־יאָרק, אַן אַרויסגעטריבענער. דער מאַמעס האַרץ גייט אויס פֿאַר צער. האָט ר' אברהם גלוי אליהו. ער קומט צום ווייב, און — „איבער אַ יאָר וועט זיין אַ זון".

„גאָטס הויז" — דער זעלביקער ר' אברהם, אַ מלמד איז ער, וואָס יידישט קינדערשע קעפּלעך אין יידישע הייזער. און פֿאַרנאַכט כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ פֿאַרלאָזטן שולעכל, וואו עס איז אַלעמאָל אַ ציטערניש, טאָ־מער קומט נישט דער צענטער צום מנין; אָפּגעמורמלט דעם מעריב, טראָגט זיך דער עולם אין איילעניש אַוועק; ר' אברהם פֿאַרזאַמט זיך מיט די שאַטנס, און איין מאָל האָט אַ דין ווינטעלע באַרירט זיין נשמה — אַ גרוי־סער אַרכיטעקט האָט זיך באַוויזן, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו בויען דעם בית־המקדש אין ניו־יאָרק. נישט אַנדערש אַ פֿאַרשטעלטער אליהו הנביא איז דאָס געווען. וואָרום וואָס ער הייסט, טוט מען; און וואָס ער זאָגט, ווערט מקויים. און אַז דער בית־המקדש האָט זיך אויפֿגע־

בויט, איז דער אַרכיטעקט אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופן צום רי־זיקן עולם: ווער פון אייך פון די יונגע פילט אַ דיגינקן פלאַטער אין זיין נשמה? — דאָס האָרץ האָט ר׳ אברהמען געזאָגט, אַז משיח וועט זיך באַ־וויזן — און פאַר גרויס שמחה האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

און האָט ראַבאָי דערציילט וועגן שאַפּ־אַרבעטער, אָדער וועגן „אַ שלעכט מיידל״, וואָס העננגט זיך אויף אַ בוים, איז פון יעדער מעשה גע־בליבן נשמה־יתירה געגוג צו לאָזן אויפגיין אַ בית־המקדש־לעגענדע איבער דעם שטיינערנעם ברוק פון ניו־יאָרק. די ווירקלעכקייט פון ראַבאָיס דער־ציילונגען, אַפילו די ניו־יאָרקישע, די איסט־סיידישע — איז אַלעמאָל אַ לעגענדאַריש־אויפגעהויבענע, אַ דערהויבענע. הגם זי בלייבט אויף איר אָרט, מיט אַלע ווירקלעכקייט־סימנים צו דערקענען, מיט די הענט אָנצו־טאַפּן.

איז דאָס געווען אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע: — נישט קיין אויסטראַכ־טער פון מעשיות פאַר קליינינקע קינדער און פאַר דערוואַקסענע וואָס עס געפעלט זיי צו פאַרשטעלן זיך פאַר קינדער, נאָר אַ דערציילער פאַר דער־וואַקסענע ערנסטע מענטשן, וואָס האָבן אַ פּראַקטישן אינטערעס אין לעבן, באַטויט ראַבאָי זייער פּראַקטישן אינטערעס מיט מעשה־חיות, כדי אַריינ־צוגעבן זיי חשק עפּעס אויפצוטאָן מיטן לעבן. איז עס געווען אַ גרויסער צוזאָג אויף שפּעטער. ראַבאָי וועט איינגעמען דאָס לאַנד.

און אַז ראַבאָיען איז דערעסן דער האַרטער פעלדזיקער באָדן פון ניו־יאָרק, און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין די דערפער פון דער ווייטער וועסט און פון נאָענטן אַטלאַנטישן ברעג — איז דאָך אַוודאי גוט. וועט ער נוצן זיין היימישן שטאָף ווי אַן אינסטרומענט אויף אויפצואַקערן די אַמע־ריקאַנער ערד, צו וואָס ער וואָלט געווען פול באַרעכטיקט. אַזוי ווי ער איז אַ גליקלעכע קאָמבינאַציע פון חלום און וואָר, וואָלט אים דאָך באַדאַרפט געלינגען צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון אַ טעריטאָריע־ראָמאַן — ער וועט איינפלאַנצן, איינבירגערן אונדזער באַוואוסטזיין אין דער מדינה, מיט אַ דעה אין איר צוקונפט. אָבער מאָדנע, אַזוי גיך ווי ראַבאָי איז געקומען אין באַרירונג מיט ערד, האָט דער איינגעבאָרענער ארץ־ישראל פויער זיך געשטאַרקט איבער אים, און ער האָט אונדז געגעבן נאָוועלן—„הער גאָלדנ־באַרג״, „ביים פאַס ים״ — וואָס זענען געווען פאַרוואַנדלטע אַמעריקאַני־זירטע בעסאַראַביער פעלדער, הענגענדיקע ארץ־ישראל־גערטנער. ער גיט געגוג סימנים, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם יענקי־פאַרמער, דעם נייעם ייד־פאַרמער; זיין אויג און אויער האָבן אַריינגעכאַפּט געגוג מינעם, רייד און

מעשים זייערע. אָבער ווען זיי לייגן זיך שלאָפן, לייגט ער זיי צוקאָפּנס אַביסל בעסאַראַבער ארץ־ישראל ערד, און דער חלום, וואָס חלומט זיך זיי ביינאַכט, שליסט איין זייער בייטאָג אַ קרייז דאָרפישקייט, וואָס צאַמט זיי אָפּ פון דער מדינה. און ווען ער וואָלט גאַנץ אַמעריקע באַזעצט מיט אַזעלכע יידישע דערפער, וואָלטן מיר, וויפיל אַמעריקאַנער סימנים ער זאָל אונדז נישט אָנגעבן, נאָך אַלץ נישט געפילט, אַז מיר זיצן אויף דער ערד פון אַמעריקע, נאָר מיר הענגען מיט אים אויף טעראַסן פון דאָרפיש־לעגענדישן אינדערלופטן.

איז וואונדערלעך גוט צו האָבן אַזעלכע נאָוועלן אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור; זיי געהערן צו אַן איינגעפונדעוועטער ליטעראַטור־באַלעבאַטישקייט; ווען די כמו־טעריטאָריע־אילוזיע, וואָס טוט אַזוי גוט דער יידישער ליטעראַטור, וועט דאָ שוין זיין איינגעשטעלט, וועלן אַט־די נאָוועלן זי העלפן אויפהאַלטן; דערוויל אָבער האָבן מיר דעם געפיל נישט געהאַט, אַז זיי האָבן פּאַרפּעסטיקט די אַמעריקאַנער טעריטאָריע אין דער יידישער ליטעראַטור, אַנגעוויזן דעם יידן זיין ראַלע; סיידן, האָט זיך געטראַכט, ראַבאַיען זאָל צוקומען אַ גרויסע באַוואוסטזיניקע אידייע, וואָס זאָל אַרומנעמען די שטאָט און דאָרף פון אַמעריקע, אים אויפשליסן פון זיין דאָרפישער איינגעשלאָסנקייט, אים אויפעפענען די אויגן אויף דער גאַנצער פּאַנאָראַמע — יעמאָלט וואָלט ראַבאַי, לויט דעם שניט פון זיין שע־פערישן געמיט, געווען דער באַרופענער די היגע יידישעווירקלעכקייט אין אַ צוקונפט־לעגענדע איבערצושמעלצן.

נו, איז עס מקויים געוואָרן. ראַבאַיען איז אין די לעצטע יאָרן צוגע־קומען די פּראָלעטאַרישע אידייע. אָבער צוליב סיבות אינערלעכע און אויסערלעכע — אָדער ראַבאַי דערקענט נישט אין פּראָלעטאַרישקייט זיין בעסאַראַבער פלאַנץ, וואָס שפּראָצט און וואַקסט און בליט ביז ארץ־ישראל־שמעקעדיקייט; אָדער די גערטענירער פון פּראָלעטאַרישקייט קאָנען נאָך דערוויל נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון יידישער לעגענדאַרישקייט — דער פּאָרלויפיקער איינדרוק איז געווען, אַז די פּראָלעטאַרישע אידייע האָט ראַ־באַיען נישט געהאָלפן צו פולער ברכה. ס׳האָט זיך געטראַכט, עמיצער וואָלט זיי געדאַרפט באַהילפיק זיין דעריין — אי ראַבאַיען, אי די גערטעני־רער פון פּראָלעטאַרישקייט.

גאָר לעצטנס האָט ראַבאַי נאָך אַמאָל גענומען איבערגיין זיין גאַנג אין אַמעריקע פון אָנהייב אָן; און דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־רעזשים איז אויך פרייער געוואָרן; איצט שוין נישט אַזוי שטרענג־דיסציפּלינירט

קעגן דאָס יידיש־פאָלקישע דאַרף ראַבאַי זיך ניט צונויפדריקן; קאָן ער אומ־געשטערט, פול פאַנאַנדערפענען דאָס געשעעניש אין אים און אַרום אים פאַר זיינע 30 יאָר אין אַמעריקע. פילט מען טאַקע אין זיין שרייבן, אַז דער אַלטער ראַבאַי רופט זיך אָפּ אַלץ אָפטער אין אים און היילט אים פון געצוואונגענער — אפשר זעלבסט־אַרויפגעצוואונגענער — איינזייטיקייט. און אַ ברייטערן וועלט־קוק האָט די פּראָלעטאַרישע אידייע אים, אָן ספק, געגעבן. וועט טאַקע בעסער זיין, אַז אַ גריבנטלעכערע באַהאַנדלונג פון ראַ־באַיען זאָל אָפּגעלייגט ווערן ביז עס וועט קומען צום ריידן וועגן דער ביי־פּראָלעטאַרישער שטרעמונג אין דער היגער יידישער ליטעראַטור, כדי פאַר איינוועגס, טאַקע אויף ראַבאַיען, צו זען אויסגעפינען, ווי אַזוי עס לאָזט זיך שאַפן דער נויטיק געוואָרענער סינטעז צווישן יידישן באַרופס־באַוואוסט־זיין און פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין.

איצט, אַז אַ העלפט וועג פון דער כמו־טעריטאָריע־טענדענץ איז פון מיר אָנגעצייכנט געוואָרן, בין איך פריי זיך אומצוקערן צום פאָעטן־צירקל פון די „יונגע", וואָס בדרך־כלל האָבן זיי זיך געוועדט קעגן וועלכע עס איז טענדענצן. אָבער טראָץ זייער ווערן זיך האָבן זיי נאָך מער באַשטעטיקט, אַז די פון מיר פאָרמולירטע „גרונט־טענדענצן" זענען נישט קיין אידייען־סכעמען, נאָר אידייען־קרעפטן, וואָס זוכן זיך צו פאַרקינסטלערן דורך דער יידישער ליטעראַטור.

דריטער טייל

„נאַציאָנאַלע פאָרם – סאָציאַליסטישער אינהאַלט"

1. — „נאַציאָנאַלע פאָרם"

די מאָביליזאַציע פון אונדזערע גייסטיקע כוחות איז דער געבאָט פון טאָג. דער שונא, דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם, זוכט דאָך פריער פון אַלץ גייסטיק אונדז צו פאַרניכטן, כדי עס זאָל אים וואָס־לייכטער אָנקומען פיזיש אונדז אויסצוראָטן. אַמאָליקע צייטן וואָלט עס געווען די רעליגיע, וואָס וואָלט אָרגאַניזירט אונדזער גייסט צום ווידערשטאַנד. זי וואָלט דער־לאַנגט פון זיך ווען עס איז אָפּענטפער דער סכנה, וואָס שפּאַרט אויף אונדז פון אַלע וועלט־ווינקלען. היינט שטומט זי. לייגט זיך דאָ די פליכט אויף אונדזער ליטעראַטור, דעם הויפּט־אָרגאַן פון אונדזער באַריידעוודי־קייט און שעפערישקייט היינט צו טאָג, — פּרואווט זי ענטפערן, אָבער ניט געבוג. זי איז געשטערט דורך איר צעריסנקייט — דורך דעם הויפּט־ריס צווישן דער ליטעראַטור אין „חוץ־לארץ"; דורך דעם צווייטן ריס אין „חוץ־לארץ" גופא, וואו די ליטעראַטור איז נאָך אַלץ צעטיילט לויט די מחנות — די מחנה פון לינקס, פון רעכטס און פון צענטער. ביז ניט לאַנג צוריק האָט געהערשט אָפענע מלחמה צווישן זיי; איצט איז וואַפנשטיל־שטאַנד, אָבער קיין ריכטיקער שלום, וואָס זאָל באַפרוכפּערן די ליטעראַטור, איז נאָך ניטאָ.

עס דאַרף איינגעשטעלט ווערן קאָמוניקאַציע צווישן אירע צעריסענע טיילן. מיר דאַרפן האָבן אין דער שותפות פון גייסטיקער זעלבסטפאַרטיי־דיקונג אי די שריפטשטעלער פון די צעטיילטע מחנות, אי זייערע אוי־דיענצן. ווי קענען מיר זיך באַגיין אָן די דריי מיליאָן, צו וועלכע עס אַד־רעסירט זיך די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור — אָן זיי, די אינספּיראַ־טאָרס און די ערשטע טרעגער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור? און קענען מיר זיך דאָ באַגיין אָן דער סאָוועטיש־אָריענטירטער אוידיענץ — אָן אוידיענץ, וואָס ציילט די בעסטע לייענער, וואָס די היגע יידישע לי־

טעראָטור האָט דערצויגן? אַפילו ווען די קאַנאַדעס זיינען אַנגעגאַנגען צווישן די לאַגערן, האָבן זיי ניט געפּאָלגט און האָבן נאָכגעפּאָלגט יעדן קער און ווענד מיט דער פּען אַפילו פון יענע, וואָס זיינען געשטעמפּלט געוואָרן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. צווישן זיי איז צו געפינען די אינטים־פאַר־ליבטסטע אין דער יידישער ליטעראַטור. יעדער, וואָס איז געקומען מיט זיי אין באַרירונג, וועט עס באַשטעטיקן. אַפילו קעגנער ווייסן עס.

ערשט אַ פאַראייניקטע און דורך דער פאַראייניקונג אינספּירירטע יידישע וועלט־ליטעראַטור וועט קאַפּאַבל זיין צו דערלאַנגען פון זיך דעם ערשט־גראַדיקן גייסטיקן ווערט, אין וועלכן די וועלט נויטיקט זיך היינט־צו־טאָג פאַר דעם איבערגאַנג צו דער נייער טאָג־אָרדענונג. וואָס דאָס איז דער עיקר — אונדזער איינציק מעגלעכע גייסטיקע זעלבסטפאַרטיידיקונג; דער איינציקער מעגלעכער נצחון, וואָס מיר קענען אָפּהאַלטן איבער דעם שונא — דער שונא, דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם — דאָס איז דאָך דער פאַרקערפּערטער ווידערשטאַנד פון דער אַלטער וועלט־אָרדענונג. האָט ער אויסגעקליבן אונדז פאַר דעם ערשטן ציל פון זיין אַטאַקע, ווייל אונדזער פּאָזיציע איז אַרויסגערוקט, אָפן און אומבאַשיצט. זוכט ער, אַפּווישנ־דיק אונדזער פּאָזיציע, דורכצוברעכן דעם פּראָגרעסיוון וועלט־פראָנט. דאַרפן מיר פון אונדזער שוואַכער, אומבאַשיצטער פּאָזיציע מאַכן דעם אוואַנפּאָסט. גייסטיק קענען מיר עס. פּאָליטיש און עקאָנאָמיש האָבן מיר ניט גענוג כוח דערצו.

האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי אַזוי איינצושטעלן די גאַנצע יידישע לי־טעראַטור, זי זאָל מיט פאַראייניקטע כוחות זיך נעמען באַוועגן צו אַט־דעם ציל. דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן מחיצות, דאַרפן געוואָרפן ווערן בריקן צווישן צדדים, וואָס פריער האָבן זיי זיך געברוגזט אויפן קול און איצט ברוגזן זיי זיך שטומערהייט. איז די שווערקייט דערביי, וואָס איינער פון די הויפּט־צדדים — דער סאָוועטיש־יידישער שריפטשטעלער — איז צוליב דעם אָדער יענעם טעם אַנטשוויגן געוואָרן. דאַרף איך ריידן פאַר זיין צד אויך, און איך ריזיקיר דערביי אַרויסצוברענגען אים פון געדולד ביז צום בייזערן זיך. גערן נעם איך אויף זיך אָט־די ריזיקע.

אַזוי ווי דער צד רעדט איצט ניט מיט אונדז, וועל איך נעמען די לעצ־טע אָפיציעלע פאָרמולע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פון זיין ריידעוודיקן פעריאָד — „נאַציאָנאַלע פאָרם, סאָציאַליסטישער אינהאַלט” — די פאָר־מולע, וואָס איז אַריינגעשריבן געוואָרן, ווי דער ערשטער פּונקט, אין דער קאָנסטיטוציע פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אַזוי גוט, ווי אין די קאָנסטיטוציעס פון די ליטעראַטורן פון די אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע

מינאָריטעטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מען טאָר די פאָרמולע ניט שפּאַלטן; אירע ביידע העלפטן געהערן צוזאַמען. ווען מען זאָל פאַנאַנדערפּענען דעם פולן זין פון דער פאָרמולע, בין איך איבערצייגט, וועט זי עפענען דעם טריאומף־טויער פאַר דער יידישער ליטעראַטור, מיט דעם „דרך־המלך", וואָס איז אויסגעלייגט פאַר איר (דער „מלך" איז דאָ זיין מאַיעסטעט דאָס פאָלק). די שריפטשטעלער, וואָס וועלן גיין מיט דעם דרך, וועלן געבענטשט ווערן מיט טאַלאַנט און זיי וועלן אַריינגעבן מזל־ברכה אין דער יידישער ליטעראַטור, זי זאָל בכוח זיין צו דערפילן איר גרויסן באַרוף. אָבער ביז איך וועל דערפירן ביז צו אָט־דעם אויספיר, וועל איך דאַרפן געגוג זיך אַנאַרגומענטירן. און פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון דער אַרגומענטאַציע, שפּאַלט איך זי, די פאָר־מולע, און איך וועל אַנאַליזירן איר ערשטע העלפט — די „נאַציאָנאַלע פאָרם" — סעפּאַראַט, כדי שפּעטער זי צוזאַמענצוהעפטן מיט דער צווייטער העלפט פאַר דעם ענדגילטיקן אויספיר.

זאָל אין פאָראויס צוגעגעבן ווערן, אַז מיט „נאַציאָנאַלער פאָרם" איז דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור רעדוצירט געוואָרן צו אַ מינימום. לכתחילה איז אין דער פאָרם אַריינגענומען גע־וואָרן בלויז די שפּראַך, אין וועלכער די ליטעראַטור זאָל געשריבן ווערן, אונטער דעם שריפטשטעלערס פען זיינען אין דער פאָרם אַריינגערונען גאָר אין אַ היפּשער מאָס די אידיאָמאַטישע שפּראַך־אייגנאַרטיקייטן, וואָס זיינען די פאַרפיקסירטע סימנים פון דער יידישער פּסיכיק. שפּעטער איז נאַציאָנאַלע פאָרם אויסגעברייטערט געוואָרן אַריינצונעמען די ירושה פון די קלאַסיקער, פון מענדעלען אָן, און פון נאָך אַ ביסל פריער — אויף פאַר־צוזעצן און ווייטער צו אַנטוויקלען זייערע פּראָגרעסיווע טענדענצן און אויף איבערצונעמען זייער אויסגעאַרבעטע טעכנישע מייסטערשאַפט. עס איז ביי יידן ניט דערגאַנגען אַזוי ווייט ביז אַריינצונעמען די נאַציאָנאַלע מנהגים און לעבנס־שטייגערס, ווי עס איז דער פאַל געווען ביי די פעלקער און פעלקערלעך פון טורקעסטאַן, אוראַל, סיביר און קאַווקאַז, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט זיי ערשט אַריינגעפירט אין קולטור און ליטעראַטור, און וואָס זייערע דעלעגאַטן פלעגן קומען אויף די קאָנגרעסן אויסגעפּוצטע אין זייערע נאַציאָנאַלע טראַכטן, און די סאָוועטישע פּרעסע האָט זיך געגרויסט מיט זיי. יידן מסתמא האָבן ניט געדאַרפט אָנקומען צו אַזעלכע אויגן־אויפרייסנדיקע אויסערלעכקייטן. זיי האָבן פון די קלאַסיקער גערירשנט גענוג פיינערע סימנים, אויף אָנצושפּאַרן די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם אויף זיי.

אָבער איבער און ווייטער פון דער ירושה פון די קלאַסיקער איז ניט

אָפּגעגעבן געוואָרן קיין שבועה, ניט אַנדערש און אומבאַדינגט די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם איינצוהיטן, ווי אַ הייליקטום, ווי אַ זעלבסטצוועק. טאָמער וועט אין גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם נעמען פאַרשווינדן, דאַרף מען זיך ניט איינשפּאַרן און זיך ראַנגלען פאַר איר.

איז עס געווען אַ חסרון, צי אַ מעלה? פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט איז עס גראָד געווען אַ מעלה. עס איז געווען אַן ערלעכער, אויפריכטיקער פּראָטעסט קעגן דעם איבערטריבענעם פאָרמאַליזם, אויף וועלכן עס איז געשלאָגן געוואָרן די „חוץ־לארצדיקע" יידישע ליטעראַטור. דאָס איז געווען דער פאָרמאַליזירטער, פעטישיזירטער נאַציאָנאַליזם, דער פאָרמאַליזירטער, פעטישיזירטער קולטוריזם — דער יידישיזם — קעגן וועלכע די סאָוועטישע פאָרמולע האָט פּראָטעסטירט.

פון וואַנען דער פאָרמאַליזם און אין וואָס האָט ער זיך אויסגעדריקט? — אין קורצן: פונקט ווי אין מאַטעריעלע דערשיינונגען, אַזוי אויך אין סאָציאַל־פּסיכישע ענינים, זיינען פאָרם און אינהאַלט ניט פאַנאַנדערצושיידן: זיי קומען צוזאַמען און גייען צוזאַמען. נאָר אויפן געביט פון סאָציאַלער פּסיכיק פּאַסירט, אַז ווען אַן אַלטער אינהאַלט האָט זיך אויסגעשעפּט, און עס פאָדערט אַ נייע אַנשעפּונג, און זי קומט ניט — ווערט דער אַלטער אינהאַלט הוילע פאָרם, ליידיקע פראַזע. און ווען מען בלייבט קלאַמערן זיך אָן זיי, ווערן זיי פאַרהייליקטע גאָרנישטן, געטשקעס, פעטישן.

דאָס האָט פּאַסירט מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם. עס איז געווען אַ פּריש צאַפּלדיקע אַנטדעקונג, אַ נייע אינהאַלט־אַנשעפּונג, ווען דער יידישער פאָלקס־מענטש האָט באַקומען אַנגעזאָגט פון דער אינטעליגענץ, אַז יידן זיינען באַרעכטיקט צו נאַציאָנאַלן קיום ניט אין זכות פון זייער רעליגיע, פון וועלכע עס איז רעליגיעזע שליחותן, פון וועלכער עס איז „אתה־בחרתנושאַפט", נאָר אַזוי ווי אַלע פעלקער — ווייל יעדעס פאָלק האָט אַ נאַטירלעך רעכט אויף נאַציאָנאַלן קיום אויף ניט אָפּצופרעגן. — איז אָט דער ניי־אַנטפּלעקטער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם געווען אַ גוטע בשורה, וואָס האָט געמונטערט דעם געפיל, געוועקט ענטוזיאַזם און געשאַפן באַוועגונג. האָט עס געדינט, ביז עס האָט זיך געגומען אַרויסווייזן, אַז די יידישע קיבוצים פאַרמאָגן ניט די נאָרמאַלע קאָנדיציעס פאַר דעם „נאַטירלעכן רעכט" אויף קיום. אין פּוילן, רומעניען, לעטלאַנד האָט מען יידן גענומען אַרויספּרעסן פון די איינגעזעסענע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס — ביז עס איז געקומען צו די נאָך געפערלעכערע אַרויספּרעסונגען אין דייטשלאַנד,

עסטרייך און די סודעטן. יידן ווערן מאַסנווייז געטריבן אין הונגער־טויט אַריין. „ווערט בטל!" — טענהט צו זיי פון היינט ביז איבעראיאָר: קיום, קיום, קיום! טרייסט זיי: יידן וועלן ניט אונטערגיין; אַ רעשט וועט אַלעמאָל בלייבן — אָך און ווי צו דעם רעשט! אָך און ווי צו אַ קיום, וואָס האַלט זיך אויף סכנות־נפשות!

ניט וואָס די אידייע פון נאַציאָנאַלן קיום איז פסול געוואָרן, נאָר די אידייע דערלאַנגט מער קיין קראַפט ניט! אַ פרישער אינהאַלט דאַרף פון איר אַרויסגעצויגן ווערן; אָדער פון ערגעץ וואו דאַרף צוקומען עפּעס אַ נצחון, וואָס זאָל פאַרזיכערן דעם קיום. און טאָמער טוט מען עס ניט, און מען האַלט אָן דעם קיום־פּרעפּל, ווערט עס אַ פאַרהייליקונג פון גאָרנישט, עבודה־זרה, פעטישיזם. ווערט פון נאַציאָנאַליזם שאָוויניזם, און מען דער־פירט ביז צו גאווה־מאַניע — אַז יעדער ייד איז כשר און יעדער גוי איז טריף — וואָס דאָס קאָסט גאָרנישט, פאַדערט קיין שום קרבן ניט. קען מען ווייטער בלייבן אַ הייליקער ייד — מיט הייליקער מליצה און טריפענע אַפּעטיטן . . .

דאָס זעלביקע בנוגע קולטור, מיט דער ליטעראַטור, וואָס איז אין איר איינגעשלאָסן. עס איז געווען אַ דערפרייאונג, באַפרייאונג און איב־ספּיראַציע, ווען וועלטלעכע יידישע קולטור, מיט ליטעראַטור אַלס איר הויפּט־שטיק, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן — אַזוי ווי ביי לייטן, אַזוי ווי ביי די פּראָנצויזן. און מען האָט אין איילעניש איבערגענומען דעם לייטישן פּריציש־בורזשואַזן ליטעראַטור־איינשטעל, וואו די ליטעראַטור דאַרף גאָר־נישט ענדערן אין דער אָרדענונג ווי זי איז, נאָר פאַרמערן דאַרף זי דעם וואוילטאָג מיט איידעלער קונסט־הנאה — מיט די אַלע סימנים, וואָס ציי־כענען אויס ליטעראַטור ביי „לייטישע" פעלקער, וואָס זיצן זיך אין געזוי־בערטן „סטאַטוס קוואָ" — מיט דעם הויפּט־סימן, אַז ליטעראַטור איז ניט באַרופן צו ווירקן דירעקט אויפן לעבן, נאָר בלייבן דאַרף זי אויפן געדרוקטן פּאַפּיר, פאַרן אויג אָנצוקוקן, צו גענוס און אַנטציקונג — קוים אַ הנחהלע אַפּגעדונגען, אַז ערגעץ וואו, פון הינטן אַרום, ווירקט ליטעראַטור אויפן לעבן אויך. און איבערגענומען האָט מען פאַר גרויס שמחה די אַלע „שבולתן", וואָס פאַרהערלעכן די פּאַפּירענע „קונסט לשם קונסט" — מיט דעם הויפּט־שבולת, אַז ליטעראַטור דאַרף זיך פאַרנעמען בלויז מיט דעם „אייביק־מענטשלעכן" — מיט שטימונגען, בענקשאַפטן, „קאָסמישע גע־פילן" — פונקט ווי דער מענטש, וואָס הונגערט און ראַנגלט זיך היינט, אין מיטן גאַס, פאַרמאָגט ניט אָט־די אַריסטאָקראַטישע „אייביקע מענטשלעכ־קייטן". און אַלע ביטערע לעבנס־אמתן ווערן אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין

טעמעס, סיוזשעטן, „מאָטיוון" — פּאָר פּאַפּירענער באַהאַנדלונג. — אָט־דאָס אַלץ וואָס גילט אין די „לייטישע" ליטעראַטורן . . .

האָט עס געגאָלטן, און עס האָט אַ טרייב געטאָן פּאָרוועגטס די אַנט־וויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור — ביז די ערשטע שיכט אינטעלי־גענץ, וואָס די פאָלקס־מאַסע האָט אַרויסגערוקט, האָט זיך אָנגעזאָפּט מיט דער לייטישער קונסט־הנאה, און עס האָט אויפגעהערט גילטן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיט קולטור און ליטעראַטור ביי אונדז איז גאָר ניט ווי ביי לייטן. די צווייטע שיכט אינטעליגענץ און די יוגנט, געשטויסן פון דער שטאַרקערער עקאָנאָמיק פון שכנישן פאָלק און אָנגעצויגן פון זיין רייכערער קולטור, האָט מאַסנווייז געגומען פאַרלאָזן יידיש—און שריי חי וקים! איז אויבנאויף געווען, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף אָנגעלאָדן ווערן מיט אַן אינהאַלט, וואָס זאָל אייגהאַלטן, געווינען און צוריק ברענגען. אָבער די אימיטאַטאָרס פון די לייטישע ליטעראַטור־איינשטעלן זיינען ווי קיינמאָל גאָרנישט נאָך אַלץ פאַרנומען געווען מיט איבעראַרבעטן אין יידיש די ביי־פּראָדוקטן פון דער פּאַפּירענער „קונסט־לשם־קונסט", האָבן „געאייביקט־מענטשלעכט" און „שבולתט" — ביז די אימיטאַציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען יידישיזם, איז געוואָרן לייזיקער פאָרמאַליזם, שפּראַך־פעטישיזם, וואָס טרינקט די קוואַלן פון שעפערישקייט, פאַראַרעמט און שטיקט טאַלאַנט. עס איז איצט אַ פאַרברעכן צו רופן צוריק די יוגנט צו דער יידישער ליטעראַטור — זי וועט גייסטיק בדלות ווערן.

(נאָך אַ גליק, וואָס אַ שעפערישער אַוואַנגאַרד רייסט זיך אַרויס פון דער יידישיסטישער פאַסטקע, דערלאַנגט אייגנס, רעטנדיקן יידישן אינ־האַלט — „גאָר ניט ווי ביי לייטן" — זיי זיינען עס די טרעגער פון דער צו־קונפט פון דער יידישער ליטעראַטור).

קעגן אָט־דער פּרוכטלאָזער צוויי־אייניקייט פון פאָרמאַליזירטן נאַציאָ־נאַליזם און נאָך מער פאָרמאַליזירטן קולטוריזם, איז די ערשטע העלפט פון דער סאָוועטישער פאָרמולע : — „נאַציאָנאַלע פאָרם, סאָציאַליסטישער אינ־האַלט" — געווען אַ געזונטע רעאַקציע. דער פאָרמאַליזם איז דאָ רעדו־צירט צו מינימום, און דאָס איז די מעלה פון דער פאָרמולע. קיין פאַרהיי־ליקונג פון גאָרנישט, קיין אויפגעשרויפטע סכעמעס, קיין פאַרהילצערנטע פּראָזן, צו וועלכע מען בוקט זיך ווי צו פעטישן, וואָס גיבן סיי ווי קיין אַנ־האַלט ניט. נאָר דאָס, וואָס פאַרן ניכטערן, רעאַליסטישן בליק איז דאָ אויף דער האַנט : שפּראַך, שפּראַך־אייגנאַרטיקייטן, ליטעראַטור און די ירושה פון די קלאַסיקער. אויף וויפיל זיי פאַרמאָגן קראַפט אויף צוזאַמענהאַלטן יידן ווי אַ פאָלק, איז „מה טוב". וועט זיך אויסלאָזן זייער דערהאַלטונגס־

קראַפט, אַז עס וועט פּאַרט נויטיק זיין צוזאַמענצוהאַלטן יידן ווי אַ פּאָלק, וועט מען זוכן און געפינען נייע, אָבער גאַנץ רעאַלע דערהאַלטונגס־מיטלען. און די נויטן פון דער יידישער עקאָנאָמיק און די נויטן פון סאָציאַליסטישער בויאונג און די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג — האָבן אונטערגעטראָגן די נייע מיטלען: קרימער קאָלאָניזאַציע, די אויטאָנאָמישע יידישע ראַיאָנען און די אויטאָנאָמישע ייד. טעריטאָריע אין בירא־בידזשאַן, וואו יידיש איז די אָפיציעלע רעגירונגס־שפּראַך, און וואו די ליטעראַטור און טעאַטער אויף יידיש וועלן מאָלן יידישע טיפּן און שילדערן יידישן לעבנס־שטייגער, און די קלאַסיקער וועלן שטודירט ווערן, ביז זייער טעכנישע מייסטערשאַפט וועט איינגעזויגן און פאַרדייט ווערן פון די שריפטשטעלער, און יידן, מיטבויענדיק מיט גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, וועלן פריי זיין צו אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטור.

איז עס גענוג? פאַר אַ סך איז עס איבער־און־איבער גענוג. דר. חיים זשיטלאָווסקי איז צופרידן, די טעריטאָריאַליסטן זיינען צופרידן, און איך בין אויך צופרידן, אָבער פאַר מיר איז דאָס נאָך אַלץ ניט גענוג. און דאָ קום איך אויפדעקן דעם חסרון פון דער רעדוצירטער צו אַ מינימום „נאַציאָנאַלער פאָרם". פאָרם: — שפּראַך, שפּראַך־אייגנאַרטיקייטן און אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן זיינען ניט בלויז אויסערלעכע צייכנס, געמעלעכצן אויף דער אויבערפלאַך, כמעט ווי ניט־מאַטעריעלע מאַטעמאַטישע פיגורן, וואָס זייער איינציקער באַדייט איז, וואָס זיי דינען פאַר סימנים אויף צו דערקענען — אין אונדזער פאַל דעם יידן.

אונטער יעדן אַזאַ כלורמשטן דערקענונג־סימן ליגט באַהאַלטן אַ ממשות — אַ כמעט מאַטעריעל־ממשותדיק שטיק „נשמה" — אַ חלק פון דער לעבנס־ענערגיע, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון זיין געשיכטע. יעדער אַזאַ סימן איז אַ שליסל צו עפענען דעם קוואַל פון דער אָנגעזאַמלטער לעבנס־ענערגיע.

דערין גלייכן זיי זיך אויס, די סאָוועטישע עקספּאָנענטן פון דער רעדוצירטער „נאַציאָנאַלער פאָרם" און די עקספּאָנענטן פון יקדישיסטישן פאָרמאַליזם אין „חוץ־לארץ". אי די, אי יענע זענען שותפים צו איין טעות. זיי פאַרזעען, אַז פאָרם איז אַ טיף־טיפע אַריינדרינגונג אין דער פּסיכיק פון פאָלק.

כדי ניט איבערצוחזרן, וואָס איך האָב אַנדערשוואו געשריבן, דאַרף איך עס מאַכן קירצער פון קורץ: — ביי יידן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ געוואַלטיקער איבערפלוס פון לעבנס־ענערגיע, ווי אַ פּסיכישער איבערבוי איבער דער פאָרמיטלערישער, נאָך ערגער: „מנחם־מענדלשער" עקאָנאָמיק,

וואָס האָט ניט געגעבן געגוג אָנהאַלט פאַר נאַציאָנאַלן קיום. — כדי אַנט־קעגנצואווירקן דער פּערמאַנענטער לעבנס־סכנה, האָט דער איבערבוי אין אייגנאַרטיקער געהאַרכזאַמקייט צום געבאָט פון מאַרקסיזם טויזנט־פּאַך אי־בערגעשטיגן זיין עקאָנאָמישע באַזע. צוליב דעם זעלביקן טעם האָט דער איבערבוי זיך געראַטעוועט אין אַ פאַרגליווערטן רעליגיעזן אַפּאַראַט, כדי צו קענען דינען ווי אַן אָנהאַלט איבערן קאָפּ. באַצייכן איך עס ווי די כמו־טעריטאָריע של־מעלה — במקום דער טעריטאָריע של־מטה, וואָס האָט גע־פעלט. דער רעליגיעזער אַפּאַראַט האָט געמעגט צעפאַלן ווערן, אָבער די כמו־טעריטאָריע, וואָס האָט געזאַמלט און איינגעהאַלטן די לעבנס־ענערגיע, האָט ניט געטאָרט זיך אָנווערן און דאָס טאַקע איז געקומען, דער רעליגיע־זער אַפּאַראַט האָט זיך געגומען ברעקלען; האָט די מאָדערנע יידישע לי־טעראַטור, גלייך ביי איר געבורט, איבערגענומען די כמו־טעריטאָריע פונקציע פון דער יידישער רעליגיע, די פירונג פון דעם יידישן אויבער־חשבון מיט דער וועלט, שאַפנדיק אַ באַוועגלעכן קינסטלערישן אַפּאַראַט, אַנ־שטאָט דעם פאַרגליווערטן רעליגיעזן, פאַר דער אָנציאונג און פאַרמערונג פון דער יידישער לעבנס־ענערגיע. דאָס איז געווען די פונקציע, וואָס האָט געפירט מיט די טריט פון די קלאַסיקער, זיי אונטערגעזאָגט זייערע גרונט־געשטאַלטן. דאָס איז געווען דער „דרך־המלך", וואָס האָט זיי געבענטשט מיט טאַלאַנט און זיי געהאָלפן איינשטעלן דעם גאַנג פון דער יידישער לי־טעראַטור. אָבער די יידישע ליטעראַטור נאָך זיי האָט ניט באַוויזן איינצו־שלינגען דעם גאַנצן לעבנס־שטראָם, וואָס האָט געפלייצט פון דער רעליגיע־זער כמו־טעריטאָריע. די יידישיסטישע סכעמע האָט דעם פּראָצעס פאַר־האַלטן דורך אימיטירונג, און די סאָוועטישע פאָרמולע טוט דאָס זעלביקע — דורך רעדוצירונג.

די איבערפורעמונג פון דער אָנגעזאַמלטער יידישער לעבנס־ענערגיע — דאָס איז דאָס עיקר־פּראָבלעם פון דער יידישער ליטעראַטור. ביט אַזוי דער סכום פון דער ענערגיע וויל זיך איבערגעבן, וואָס דאָס קען קיין יחיד ניט איינפאַסן, ווי די שפּאַנונג פון דער ענערגיע, דער דרוק פון אָנגעזאַמלטן סכום ענערגיע — דער רעזולטאַט פון 2,000־יעריקן הענגען אויף מוח אין דער לופטן — וואָס דאָס קען שוין יאָ אַ יחיד דערשפּירן — דאָס וויל זיך איבערגעבן. זי, די אָנגעשפּאַנטע לעבנס־ענערגיע, וויל ניט לאָזן זיך אָפּ־עקן — אַ סוף מאַכן צו זיך. די לעבנס־ענערגיע — דאָס איז דאָך דער לעבנס־אינסטינקט אַליין!

אין פלוג האָט גאָר קיין היסטאָרישער דין ניט געטאָרט זיין, אַז יידן זאָלן ניט טאָרן אונטערגיין, ווי אַ פאָלק, ווי דאָס איז געשען מיט אַנדערע

פעלקער. און יידן טוען עס ביסלעכווייז, אויסמישנדיק זיך מיט אנדערע פעלקער. אבער ביי יידן האט עס א גרענעץ. זעלטן ווען די אויסמישונג ווערט דערפירט ביזן סוף. ווער לאזט ניט? די אנגעשפאנטע יידישע לעבנס־ענערגיע. אט האבן די דייטשישע יידן זיך געמישט, געמישט, מיט־בעמענדיק א היפשע מאס פון זייער יידישער ענערגיע. אבער צוויי נשמות זיינען געבליבן זיך ראנגלען אין זיי אין א ניט־פארענדיקטן סינטעז — און טאקע אט־די ניט־פארענדיקטקייט האט עס ארויסגערופן דעם ווידערווילן קעגן זיי.

ווי די יידישע לעבנס־ענערגיע וואלט געזאגט: שטארבן ווי א מענטש — יא, איבערלאזנדיק דעם גאנץ פארמעגן אין ירושה צו עמיצן; אבער פגרן, לעבעדיקערהייט פארפוילט ווערן — דאס ניט. דאס איז לעבנס־פאר־שווענדונג, מענטש־אנווער, רציחה, מארד, זעלבסטמארד!

דאס איז עס וואס דערלאזט ניט צו דער פולער אויסמישונג. עס ירשנט זיך ניט דאס גאנצע פארמעגן — ניט דער סכום און ניט די שפאנונג.

אבער אט איז ביראָ־בידזשאן, וואו יידן וועלן לעבן קאמפאקט אויף אייגענער טעריטאריע, מיט ווייניקער געלעגנהייטן פאר אויסמישונג, מיט אן א שיעור געלעגנהייטן פאר יידישער איניציאטיוו און פארמעסט, מיט א ריזיקער אונטערנעמונג — דער סאציאליסטישער אויפבוי פון א גאנץ לאנד — וואו די גאנצע אנגעשפאנטע יידישע לעבנס־ענערגיע קען פארטאן ווערן אן שום רעשט. — איז דאס פראבלעם שוין געלייזט? נאך ניט. דאס אנ־געזאמלטע יידישע פארמעגן און לעבנס־ענערגיע וויל זיך פורעמען — עס פאדערט א פורעם, אן אפאראט.

דא קומט עס אריין, וואס די יידישע אייגנארטיקייטן זיינען ניט בלויז סימנים אויפן פנים, מינעס, זשעסטן, כאראקטער־שטריכן, לעבנס־שטייגער און מנהגים, נאר א טיף־טיפע אריינדרינגונג אין דעם יידנס פסיכיק. ווייל געצוואונגען אין פארלויף פון א העלפט פון זיין געשיכטע צו האלטן זיך אויף א פסיכישן איבערבוי, וואס האט טויזנטפאך אריבערגעשטיגן זיין עקא־נאמישע באזע, האבן זיך אין אים אויסגעארבעט א צאל פסיכישע פארמען, וואס קומען צום אויסדרוק אין זיין פילן, דענקען און האנדלען. זיי זיינען פארם און אינהאלט צוזאמען.

אויף דריי קארדינאלע יידישע פסיכישע פארמען, וואס האבן א דירעק־טע שייכות צו דער סאציאליסטישער בויאונג פון בירא־בידזשאן, קען איך דא גלייך אנווייזן:

ווי דער יידישער יחיד זאל ניט האנדלען פריוואט, אבער קאלעקטיוו־געזעלשאפטלעך, געשיכטלעך — זיינען זיי געוואוינט אנצוטרויען זייער

גורל צום איבערוואָג פון גייסט, ווייל אויף דעם איבערוואָג האָבן זיי זיך געהאַלטן. אַט דער פסיכישער איינשטעל האָט געהאַט אַ רעליגיעזע פאַר־קליידונג, און, ווי דער שטייגער איז פון רעליגיע, האָט זי עס געטאָן מיט געוואַלטיקער איבערטרייבונג.

צו אַט־דעם פסיכישן איינשטעל געהערט, וואָס עס איז ניט אויסצו־וואָרצלען פון יידישן געמיט, אַז ביים פעלקער־חשבון אין „אחרית הימים" קומט זיי אַ הויפּט־ראָלע. די טעאָלאָגיע האָט זיי צוגעזאָגט אַ הויפּט־ראָלע. זי איז אָבער אַן איבערטרייבערין און רעכנט זיך ניט מיט קיין אומשטאַנדן. נו, איז ניט קיין הויפּט־ראָלע, אָבער אַ ראָלע יאָ. ניט געקוקט דערויף, וואָס שטאַמען שטאַמט עס פון דער טעאָלאָגיע, דאָך אַן אייגענע ראָלע דאַרף מען זיי מתיר מאַכן.

די טעאָלאָגיע איז געווען דער קלעפּ־שטאָף, וואָס האָט צוזאַמענגע־האַלטן דעם איבערבוי איבער זייער עקאָנאָמיק, אויף וואָס יידן האָבן זיך געהאַלטן. די טעאָלאָגיע — אי זי פאַרגרעסערט, אי זי באַגרענעצט — זי פאַרפעסטיקט די פאַרגרעסערונג מיט אַ טשוואַק, זי זאָל זיך האַלטן. דער טעאָלאָגישער באַנעם איז אַ דענק־אופן, וואָס איז צו געפינען ביי אַלע פעל־קער אין פאַר־וויסנשאַפטלעכן פעריאָד; און יידן דאַרפן ניט באַזונדערס געטאַדלט ווערן, וואָס אין זייער לעבנס־געפערלעכער סיטואַציע האָבן זיי די טעאָלאָגישע איבערטרייבונג נאָך מער איבערטריבן און נאָך מער פאַר־טשוואַקט — פעטישיזירט.

קוקט אַוועק פון דער טעאָלאָגיע, רייסט אַרויס דעם פעטישיזירנדיקן טשוואַק פון דער טעאָלאָגישער איבערטרייבונג, וועט די איבערטרייבונג צו־זאַמענפאַלן, און אויב ניט דער גאַנצער פסיכישער אינהאַלט פון רעליגיע, אָבער גענוג פּאָזיטיווער אינהאַלט וועט זיך אָפּשטעלן, וואָס וועט זיך לאָזן איבערזעצן אין וועלטלעכע טערמינען און וועט ווערן מותר צום געברויך. עס איז זייער אַ נויטיקער און נוצלעכער פסיכישער איינשטעל, וואָס האָט געווירקט און ווירקט נאָך עד היום און טוט גוזעלשאַפטלעכן דינסט. עס איז ווירקלעך צו געפינען גענוג פאַקטן צו באַשטעטיקן, אַז צוטרויען צו גייסט, איז אויב ניט אַ רעגירנדיקער, דאָך אַ פורעמענדיקער כוח אין יידי־שע באַוועגונגען. נעמען מיר דעם ציוניזם, וואָס איז אינספּירירט פון אַ שבועה פון פאַרצייטן, אַרבעט קעגן אַ גאַנצן קנופּ פון כוחות — עקאָנאָמי־שע, פּאָליטישע, ניט גענוג אפשר צו דערפירן ביז אַן ענדגילטיקן רעזול־טאַט, אָבער גענוג צו שאַפן אַ גאַנץ ברייטע גוזעלשאַפטלעכע באַוועגונג. דער יידישער פאַרטרויען אין אַן אייגענער וועלט־ראָלע — טוט עס. אַנגע־ווענדט אויף אַ מער דערגרייכבאַרן ציל, וואו די מניעות וועלן ניט געבן

אַזאַ ווידערשטאַנד, קען דער פּאַרטרויען אַוודאי געשטעלט ווערן צום גוטן דינסט.

דאָס איז די אויפגאַבע פון דער יידישער ליטעראַטור צו פאַרוועלטלעכן די פּסיכישע איינשטעלן, וואָס די רעליגיע האָט אַריינגעאַרבעט אין דעם יידן — און זי טוט עס. און עס איז די אויפגאַבע פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור — אַנצוצילעווען דעם יידישן איינשטעל אויף אַן אייגענער ראָלע אין וועלט־איבערבוי צום חלק סאָציאַליסטישע בויאונג, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט אויף יידן — אין בירא־בידזשאַן; און זי האָט ביז אַהער עס ניט געטאָן — ניט געטאָן גענוג.

אָבער ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? גייט דען אין בירא־בידזשאַן געבויט ווערן אַ ספּעציעלער יידישער סאָציאַליזם? — און ווי קען די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור נעמען אויף זיך אַזאַ אויפגאַבע — דאָס שמעקט דאָך מיט שאָוויניזם, פון וועלכן זי טרייסלט זיך מיט גרויל? —ביידע פראַגן האָבן איין ענטפער.

ניין, קיין ספּעציעלער יידישער סאָציאַליזם וועט אין בירא־בידזשאַן ניט זיין — איז דען אַזוינס מעגלעך? — אַלע פּלענער פאַר סאָציאַליסטישער בויאונג פאַר גאַנץ סאָוועטן־לאַנד ווערן אויסגעאַרבעט און פאָרגעשריבן פון צענטראַלן „גאָספּלאַן” אין מאָסקווע. אָבער מעגלעך איז יאָ אַן אייגנאַרטיקער יידישער צוגאַנג צו דער בויאונג פון סאָציאַליזם — אַן אייגנאַרטיקייט אין מעטאָד. און צו דעם מעטאָד קען גאָר אַ סך ביישטייערן די ליטעראַטור, ניט אַרויפציענדיק אויף זיך קיין שום חשד אין שאָוויניזם.

איך האָב מורא, ביז איך וועל ניט קלאָר מאַכן, וואָס איך מיין מיטן אייגנאַרטיקן יידישן מעטאָד, וועל איך מיט מיין פאָדערונג פון אַן אייגענער יידישער ראָלע אין סאָציאַליזם ביי די סאָוועטישע קריטיקער גאָר ניט אויסנעמען. ביי זיי וועט עס בלייבן: שאָוויניזם. בין איך מוחל דערווייל אויף דער פאָדערונג. די אייגענע ראָלע וועט במילא קומען מיט דעם אייגנאַרטיקן מעטאָד. — דער מעטאָד שפּאַרט זיך אָן אויף צוויי קאַרדינאַלע איינשטעלן, וואָס די יידישע רעליגיע האָט אַריינגעאַרבעט אין דער יידישער פּסיכיק: איינער אַ מאָראַלישער, דער צווייטער אַ קינסטלערישער.

דער מאָראַלישער איינשטעל:

ווי דער אָדער יענער יידישער יחיד זאָל פּריוואַט ניט האַנדלען, אָבער קאָלעקטיוו — געזעלשאַפטלעך, געשיכטלעך — איז דער ייד פאַרהיפּנאָטיזירט אויף יושר. דער הויפּט חלק פון דעם גייסט, וואָס אויף זיין איבערוואָג איבערן חומר, האָט דער ייד אָנגעהאַנגען זיין קיום דורך די צייטן און זיין נצחון אין אחרית־הימים — דער הויפּט־חלק איז יושר. וואו נאָר ער

זעט, אַז ערגעץ וואו טריאומפירט יושר, ווערט דער ייד אַ פאַרכאַפּטער. איר קענט דעם אָרטאָדאָקסישן יידישן פאָלקס־מענטש „אַפּקויפן” מיט אַ רעוואָלוציע, וואָס פּראָקלאַמירט סאָציאַלן יושר. ער וועט געבן זיין פולע הסכמה צו סאָציאַליזם, אויב איר וועט עס פאַר אים איבערזעצן אין אַן אָרדענונג, וואָס וועט פאַרקערפערן צדק און יושר. (צדק — דאָס איז דער אינטימער, האַרציקער טייל פון יושר). דערפאַר פאַרלאַנגט ער פון סאָציאַליסט פריער פאַר אַלץ, אַז פּערזענלעך, ניט נאָר אין זיין געזעלשאַפטלעכן פּלאַן, זאָל ער אַ צדיק זיין.

אָט־דער יידיש־פאָלקישער פּסיכישער איינשטעל — די וואַרעמע באַציאונג פון יידישן פאָלקס־מענטשן צו צדק און יושר — איז נאַטירלעך אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער יידישער ליטעראַטור; זי האָט געגומען צו דעם געבן אויסדרוק אַזוי גיך ווי זי האָט זיך איינגעשטעלט. ליטעראַטור רעדט זיך דאָך אַרויס פון באַוואוסטזיין, און נאָך מער פון אונטערבאַוואוסטזיין פון פאָלק. שעפערישקייט איז שעפּן פון אונטערבאַוואוסטזיין. און איידער נאָך די יידישע ליטעראַטור האָט רעכט פאַרשטאַנען, אַז אין דער געזעלשאַפט ראַנגלען זיך ניט יחידים־צדיקים מיט יחידים־רשעים, נאָר קלאַסן, איז זי געוואָרן די באַרופענע שתדלנטע פאַרן געקריוודעטן אָרעמאַן. דאָס איז די גרונט־כאַראַקטעריסטיק פון אַלע דריי קלאַסיקער־פּיאָנערן — זיי זיינען אָרעמאַנסקע אַדוואָקאַטן. — דערנאָך איז אַוועק אַ פּעריאָד פון אַנדערהאַלב צענדליק יאָר, ווען די יידישע ליטעראַטור איז פאַרנומען געווען מיט באַרייכערן איר פאָרם, מיט איבערנעמען די מיטלען פון דער הויך אַנטוויקלטער טעכניק פון די אומות־העולמדיקע ליטעראַטורן; און די אַפּרופיקייט אויף סאָציאַלן יושר איז פאַרטושט געוואָרן — אַנטקעגן דער בולטקייט פון דער קונסט־לשם־קונסט טענדענץ, וועלכע, ווייל זי איז אַזוי נויטיק געווען, איז זי געוואָרן די שפּייזערין פון טאַלאַנט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָך וועלט־מלחמה, מיט איר טאָפּלטער פאַר יידן באַגלייטונג־קאָנזעקווענץ: די פאַרלענגערטע יידישע קאַטאַסטראָפע, מיט איר בראָך אין האַרצן פון יידנטום פון גאָר דער וועלט — און די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, מיט איר ווידערהאַלטן ווידערקול אין די לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע — וואָס דאָס האָט געשפּאָלטן די היינטיקע וועלט־אָרדענונג אַריינצולאָזן אַ מאַקסימום סאָציאַלן יושר. און די אָפּרופיקייט אויף סאָציאַלן יושר האָט זיך אומגעקערט צו דער יידישער ליטעראַטור; און זי, די ליטעראַטור, האָט זיך באַצאָלט כופל כפלים פאַר איר צייטווייליקער רעזיגנאַציע פון יושר־דינסט.

עס ווערט אַלץ אַנטפּלעקטער, אַז ענגע פאַרבינדונג צווישן שעפעריש־

קייט און מאָראַל איז די גרונט־כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער ליטע־ראַטור, סענסיטיוויטעט צו געוויסן איז די גרונט־באַדינגונג פון טאַלאַנט. בעת אין אַנדערע ליטעראַטורן איז נאָך מעגלעך, אַז טאַלאַנט זאָל פונקציאָנירן, זאָל וואַקסן און גדייען ביי שריפטשטעלער מיט אָפּגעטעמפּטן אָדער פאַר־טויבטן סאָציאַלן געוויסן — קען דאָס ביי יידן כמעט ווי ניט געמאָלט זיין. — סטייטש, לעוו טאָלסטאָי, ראָמאַן ראָלאַן, טאָמאַס מאַן און גאָרקי — לויטן סימן סענסיטיוויטעט צו געוויסן וואָלט מען זיי אויך געדאַרפט פאַררעכענען פאַר יידישע שריפטשטעלער? — אַ ריכטיקער אָנווייז. אָבער אויב די יידישע ליטעראַטור האָט ניט קיין מאָנאָפּאָל אויף סאָציאַלן געוויסן, פאַר־מאָגט זי אים אין אַ פיל גרעסערער מאָס — טאַקע דערפאַר, ווייל ביי יידן איז דער פאַרטרויען אין יושר געווען דער הויפּט־תנאי פון זייער קיום — ווי אַנדערש וואָלטן זיי זיך געקענט האַלטן? און ווי אַנדערש קענען זיי זיך איצט האַלטן? — די יידישע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט ווידער אויפגע־דעקט די אייביק לויערנדיקע סכנה פאַרן יידישן קיום, און די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען צו פאַרפונדעווען סאָציאַלן יושר ווי אַ הויפּט־תנאי פאַרן קיום פון אַלע פעלקער; ביידע — די יידישע קאַטאַס־טראָפע און די אָקטאָבער־רעוואָלוציע — האָבן צונויפגעהילכט זייערע קו־לות אין איין בת־קול, וואָס האָט גענומען קלאַפּן אין באַוואוסטזיין און אונ־טערבאַוואוסטזיין פון לעבעדיקערן יידישן שריפטשטעלער, אַז דאָס יידישע פאָלק קען ווייטער זיין קיום ניט אָנהאַלטן, סיידן יושר וועט טריאומפירן אין דער גאַנצער וועלט־אָרדענונג. דער פאַרצייטיקער יידישער פאָלקס־געפיל פאַר צדק און יושר האָט ביים יידישן שריפטשטעלער זיך אַריינגעקוואָלן אין זיין פאָרגעפיל פון דער יושרדיקער צוקונפט־אָרדענונג, וואָס אָט־אָט וועט זי זיך דורכברעכן. אָט־די אָנגעקוואָלענע צונויפשמעלצונג איז עס געווען, וואָס האָט ביי אים איינגעשטעלט די אינטימסטע שייכות צווישן זיין שעפערישן כוח און זיין מאָראַלישן מהות.

אויב פאַר אָקטאָבער איז געווען אַזוי, בפרט נאָך אָקטאָבער — ס׳איז כמעט געוואָרן אַ געזעץ אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז טאַלאַנט שפּייזט זיך פון געוויסנסקוואַל. ווער ס׳איז געטריי זיין סאָציאַלן געוויסן, געווינט טאַלאַנט; ווער ס׳פעלשט און קרימט, פאַרלירט טאַלאַנט. טאַלאַנטן פון אַ גאַנץ הויכער מדרגה, וואָס האָבן אָנגעהויבן אונטער דער קונסט־לשם־קונסט־אילוזיע, און פון איר געצויגן שיינע און קרעפטיקע אינספּיראַציע — ווען זיי זיינען נאָך אָקטאָבער געבליבן עקשנים, זיינען זיי באַשטראָפט גע־וואָרן מיט דעם אָנווער פון אַ העלפט פון זייער טאַלאַנט. די קליגערע האָבן באַצייטנס זיך געכאַפּט און האָבן זיך געראַטעוועט. בערגעלסאָן, למשל, —

ביי די עקשנים איז אין איין און דעם זעלביקן ווערק צו מערקן, וואו טאַ־לאַנט קוועלט זיי פון זייער אַמאָליקער נאַאיוו־ערלעכער יוגנט־געטרייהייט צו דער פאָלקס־טראַדיציע, וואָס האָט געהאַט פאַרשטייפּט אין זיך דעם פאָלקס יושר־גלויבן און איז געווען די הויפּט־שפּייזערין פון יידישן שריפט־שטעלער מיט געוויסן, איידער אָקטאָבער האָט אויפגעבראָכן די סאָציאַלע אָרדענונג אַריינצולאָזן דעם גרעסט־מעגלעכן סכום יושר, — און וואו גע־קינסטלטער אומטאַלאַנט פאַרנעמט דעם אָרט פון טאַלאַנט — דאָרט, וואו זיי פאָלגן בלינד נאָך דער אויסגעשפּילטער קונסט־לשם־קונסט־טראַדיציע, אין אימיטאַציע צום פּריציש־גויאישן ליטעראַטור־מוסטער; אָדער נאָך ערגער — דאָרט, וואו זיי האַלטן זייער אויג און אויער אָנגעשטעלט צו די פּרייזן אויף ליטעראַרישער סחורה אויפן גויאישן וועלט־מאַרק.

דאָס אַליין, וואָס דער יידישער שריפטשטעלער צאָלט מיט טאַלאַנט פאַר אומגעטרייהייט צו סאָציאַלער פליכט — דאָס אַליין ווייזט, אַז זיין אינ־ספּיראַציע ציט ער פון סאָציאַלן געוויסן. דער יידישער שריפטשטעלער דאַרף אַ צדיק זיין; ער דאַרף זיין גרייט צו קרבן, ער דאַרף זיך קניפּן אין האַרצן ביז ווייטיק, און זיינע ווייטיקן פאַראַרבעטן אין קינסטלערישע דערגרייכונגען. ער טאָר זיך ניט לאָזן וואוילגיין, ווי די קינסטלער־פּריצים ביי די „לייטישע" פעלקער טוען עס, מיט לאָזן פלאַטערן שפּיל־פויגעלעך אין גאָרטן פון קונסט. איידער ער וועט זיך אַרומקוקן, וועלן זיינע שפּיל־פויגעלעך ווערן פּאַפּירענע, און זיין קונסט־גאָרטן אַ פּאַפּירענער קונץ־מוזיי. — פון וואַנען־זשע נעמט זיך, וואָס אַ היפּשער טייל פון דער יידישער לי־טעראַטור פּאַפּירעוועט — פאַרנעמענדיק זיך מיט פאַרלעבעדיקן פּאַפּירענע שפּילצייג און פאַרפּאַפּירעווען לעבעדיקע געפילן, וואָס טעמפּט־טויבט סאָ־ציאַלן געוויסן? — ווידער אַמאָל, זי איז געשעדיקט געוואָרן פון פאַרמאַ־ליסטישן יידישיזם, וועלכער האָט איר פאַרגעשריבן די פאָרם, וואָס ער האָט אָפּגעקאָפּירט פון דער „לייטישער" פּריציש־בורזשואַזער ליטעראַטור, וואָס יענע האָט פאַר איר הויפּט־צוועק ניט די היילונג פון ווייטיק, נאָר די פאַר־גרעסערונג פון וואוילטיק. דאָס איז די קונסט פון אָפּשוימען דעם טעם פון יעדער לעבנס־דערפאַרונג — כדי פאַשמאַקעווענדיק זיך מיט דעם טעם, אויסצושפּייען די אָפּגעשמאַקטע דערפאַרונג. אפילו דעם טעם פון געוויסן ווילן זיי, די פּריצים, פאַרזוכן — ניט בינדנדיק זיך מיט געוויסן. עס איז בלויז אַ „גענישן" פון געוויסן. אַ גענישן, וואָס איז פון געוויסן אָפּגעריסן. דאָס רופן זיי קונסט־גענוס, קונסט לשמה, קונסט־לשם־קונסט. — ניט קונסט איז שלעכט — הלוואי וואָס מער קינסטלערישע פאַרלעבעדיקונג פון

לעבן! — נאָר די פּריציש־בורזשואַזע באַגלייטונג פון קונסט־לשם־קונסט — איר געוויסנלאָזיקייט.

ווי־זשע קומט עס, וואָס אַזאַ ריין־פאָרמאַליסטישע, פון לעבנס־תמצית־אויסגעהוילטע, פליכטלאָזע, געוויסנלאָזע ליטעראַטור־טעאָריע זאָל זיך קע־נען גילטיק מאַכן ביי דער יידישער ליטעראַטור — אין פולער סתירה צום פונדאַמענטאַלן פאָלקס־געפיל, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט געוויסנהאַפטי־קייט, מיט אַזאַ פאַרטרויען אין צדק און יושר, אַז עס האָט דעם פאָלקס־גורל, דעם פאָלקס־קיום און נצחון דערויף איינגעשטעלט — און פאָלגלעך קען די יידישע ליטעראַטור נאָר דעמאָלט גרויס ווערן, ווען זי וועט איבערנעמען פון פאָלקס־געפיל אָט־דעם פאַרטרויען און אָט־דעם איינשטעל — ווי־זשע קומט עס, אַז אַזאַ אינהאַלטסלאָזע טעאָריע זאָל באַהערשן די יידישע ליטעראַ־טור, ווען מיט איר גאַנץ וועזן האָט זי געדאַרפט רעבעלירן קעגן אַזאַ באַ־הערשונג?

דער פאָרמאַליסטישער יידישיזם איז ניט בלויז אַ טעות אין טעאָריע, פאַלשע לאָגיק. ניין, ער איז גאָר ניט אַזוי אומשולדיק, ווי ער זעט אויס — ער האָט אַן עקאָנאָמישן אונטערשלאַקל: ער איז אין פאַרטיידיקונג פון אַן אָרעמאַנסקן „סטאַטוס קוואָ" — מיט אַ שטילער כוונהלע דערביי: — „פאַר אונדזער טאָג וועט קלעקן!" — אָבער שאַ!...

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו פאַרברייטערן זיך וועגן דעם. אייגנטלעך, האָב איך אַזוי פיל אויך ניט געדאַרפט ריידן. וואָרים דאָס אַלץ איז שייך צו „חוץ־לארץ". די סאָוועטישע ליטעראַטור, אויב זי וועט זיך שטאַרק קווענקלען ביים איבערנעמען דעם ערשטן איינשטעל וועגן דער ספּעציעלער יידישער ראָלע ביים וועלט־איבערבוי, ווייל דאָס וועט איר שמעקן ווי שאָ־וויניזם — האָט מען ביי איר גאָר ניט געדאַרפט בעטן זי זאָל דעם יושר־איינשטעל איבערנעמען. סאָציאַלער יושר איז דאָך איר „אלף" און „תיו": דאָס וואָס האָט איר געגעבן געבורט און גיט איר חיות און אָטעם. און דע־רין איז איר גרויסע מעלה קעגן דער „חוץ־לארצדיקער" ליטעראַטור. פון דעסטוועגן האָט די אָריענטאַציע אויף סאָציאַלן יושר ניט געטאָן מיט איר די גרויסע פעולה, וואָס מען האָט געקענט דערוואַרטן. זי האָט קיין פולן געברויך ניט געמאַכט פון דער גרויסער מעלה, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. — עפּעס האָט געשטערט, עפּעס האָט געפעלט — וואָס?

עס האָט געפעלט דער דריטער קאַרדינאַלער איינשטעל, וואָס די יידישע רעליגיע האָט אַריינגעאַרבעט אין דער יידישער פּסיכיק און וואָס די ליטעראַטור האָט עס לייכט געקענט איבערנעמען, ווייל ער האָט אַ די־

רעקטע שייכות צו ליטעראַטור — ווי שוין אָנגעזאָגט, ער איז אַ ריין־קינסטלערישער איינשטעל. און אויף אַן אַנדער אופן, ניט קינסטלערישן, קען ער ניט אויפגעכאַפּט ווערן.

און עס איז גאָר אַ וואונדער, וואָס אַט־דער פּסיכישער איינשטעל האָט פון זיך אַליין זיך ניט דורכגעפּרעסט דורך דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. זי האָט געדאַרפט באַוואוסטזיניק זיך אָנשטרענגען, בפועל־ממש זיך צווינגען דעם איינשטעל ניט אַריינצולאָזן אין זיך.

ווייל גראַד אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור איז געווען די גרויסע געלעגנהייט פאַר איר זיך דורכצופּרעסן מיט פולן שוואונג און פאַרנעם. ווייל דער איינשטעל האָט דורך דער ליטעראַטור געקענט די־רעקט זיך אַריינשפּילן אין אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וואו צוקונפט־מענטש דאַרף תיכף זיך נעמען פאַרווירקלעכן. אין די קאָל־כאָזן פון די אויטאָנאָמישע ראַיאָנען פון קרים און בירא־בידזשאַן וואָלט ער געפונען פאַר זיך פאַרווענדונג אויף אַ ברייטן שטייגער. ער וואָלט אַריינ־געקאָלאָניזירט דעם אידעאַלן יידן אין פּראָצעס פון יידישער קאָלאָניזירונג, און אוודאי האָט ער זיך געשפּאַרט מיט מוראדיקן אימפּעט אין דער סאָ־וועטיש־יידישער ליטעראַטור אַריין. זי האָט זיך בכיוון איינגעשרומפּן, זיך פאַרקלענערט, כדי צו מאַכן ענג דעם פּלאַץ פאַר אים. — פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? — דער איינשטעל איז איר געווען נאָך מער מוקצה, ווי דער נאַציאָנאַליזם אָדער יידישיזם, ווייל ביז אַהער איז ער צום ענגסטן פאַר־בונדן געווען מיט רעליגיע. און מען דאַרף אָנעקלייגן אַ סך אַרבעט די פאַרבינדונג פאַנאַנדערצורייסן.

וואָס־זשע איז דער וואונדערלעכער דריטער קאַרדינאַלער יידישער איינשטעל? — דאָס איז דער געוואַלדיקער געשטאַלטונג־דראַנג, וואָס צייכנט אויס די יידישע פאָלקס־פּסיכיק און וואָס האָט זיך פאַרפורעמט גע־האָט אין משיח־גלויבן.

אייגנטלעך, פון דריטן איינשטעל האָב איך געדאַרפט אָנהויבן, וואָרים ער איז דער סאַמע עיקרדיקער. ער איז כולל אין זיך די ערשטע צוויי — אי דעם פאָלקס־דראַנג צו צדק און יושר, אי דעם דראַנג צו אַ הויפּט־ראָלע אין דער וועלט־איבערקערעניש אין „אחרית־הימים״ — וואָס אָן דעם קינפטיקן נצחון זיינעם האָט דאָס פאָלק אָנגעהאַנגען זיין קיום דורך די צייטן. נאָר די לאָגיק פון מיין שרייבערשער פען האָט געפאָדערט איך זאָל געבן די דריי איינשטעלן אין דער אָרדענונג, ווי איך האָב זיי געגעבן, וואָרים ווען איך הויב אָן פון דריטן, וואָלטן די ערשטע צוויי איינגעשלונ־גען געוואָרן פון אים, ביז עס וואָלט פון זיי קיין שפּור ניט געבליבן, און

איך וואָלט קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט אַפילו זיי צו דערמאָנען.

ווען דער דריטער איינשטעל וואָלט זיך דורכגעזעצט, וואָלט ער במילא אַריינגעצויגן אין פאַרגעשטאַלטיקונג־פּראָצעס די פּולסטע מאָס צדק און יושר, אויסשטרעקנדיק די סאָציאַלע אַנגעצילעוועטקייט פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אַ סך ווייטער ווי זי האָט עס ביז אַהער געוואַגט צו טאָן; און במילא וואָלט אָט־די פאַרגעשטאַלטיקונג פון מקוים געוואָרענעם יושר דערלאַנגט דעם יידן אַ הויפּט־ראָלע אין דער בויאונג פון דער בייער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס אָן אָט־דעם „נצחון" וואָלט זיך געקענט אָנקלאַמערן דער יידישער קיום אויף נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן — אַפילו ווען דער סאָוועטישער יידישער שריפטשטעלער וואָלט גאָר אַזאַ כוונה ניט געהאַט. ער וואָלט זיך געקענט פאַרשפּאָרן צו זיין נאַציאָנאַליסטיש. ער וואָלט זיך געקענט אַפילו דערלויבן צו זיין אַנטי־נאַציאָנאַליסטיש, נאַציעס זאָלן פאַרשווינדן — בתנאי, אַז איידער וואָס ווען זאָל ער מיט זיין פען צושטעלן די טיכטיקסטע יידישע הילף צו דער סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָס דאָס איז דאָך, וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון אים — און „קיום־נצחון" וואָלט דעם יידן במילא פאַרזיכערט געווען.

גוט, אַנאַליזירן מיר דעם דריטן קאַרדינאַלן איינשטעל פון דער יידישער פּסיכיק — איר דראַנג צו פאַרגעשטאַלטיקן אירע אידייען, געפילן, וואונטשן און האַפענונגען און דערנאָך צו האַנדלען לויט די פאַרגעשטאַלטיקונגען, לויט די, פון איר אויסגעפורעמטע געשטאַלט־מוסטערן. אָט־די אויסערגעוויינלעכע געשטאַלטונג־קראַפט איז, אמת, אַ ירושה פון דער רעליגיע, און ביז ניט לאַנג צוריק האָט זי פונקציאָנירט כמעט אויסשליסלעך אין רעליגיעזער פאַרקליידונג; אָבער דער ייד ווערט די קראַפט ניט אָן, אַפילו ווען ער טוט זי אויס פון איר רעליגיעזן אָנטו. דער היינטיקער ניט־פרומער ייד איז אין דער שטיל, ניט אַזוי אָפן, אויך אַ פאַרגעשטאַלטיקטער. צי אין דעם זעלביקן אָדער אַ קלענערן גראַד, ווי דער אַמאָליקער פרומער — דאָס לאָזט זיך נאָך ניט זאָגן. אָבער עס קען פּאַסירן, אַז דער היינט־וועלטיקער ייד זאָל אין געשטאַלטונגס־פעיִקייט נאָך איבערשטייגן דעם אַמאָליקן, ווייל ער איז אין באַזיץ פון אַ ספּעציעלן פאַרגעשטאַלטונג־אינסטרומענט, וועלכן ער נוצט גאַנץ באַוואוסטזיניק — און דאָס איז קונסט. אָבער אַ קונסט־אַקט איז פאַרגעשטאַלטיקונג געווען אויך אין איר רעליגיעזער פאַרקליידונג — בפרט ביי דער געבורט פון רעליגיע, איידער זי האָט אָנגענומען אויף זיך טעאָלאָגיע.

יאָ, איידער נאָך דער מאָדערנער ייד האָט זיך גענומען אָפּגעבן מיט

קולטיווירן קונסט אויס ריינער הנאה פון פאַרגעשטאַלטיקן, אויס לוסט צו שפּילן מיט אייגן־געשאַפענע פאָרמען, פון דער פאַנטאַזיע אַרויס; אַפילו ווען נאָך אין רעליגיעזער פאַרקליידונג, ווען מען האָט פאַרגעשטאַלטיקט פון גאָטס וועגן, פון מצוה וועגן — איז די פאַרגעשטאַלטונג סיי ווי געווען קונסט, לכתחילה ניט קיין געשריבענע, ניט קיין אַרויפגעטראָגענע אויף פּאַפּיר, קונסט שבעל פה; ביי די פאַרצייטיקע יידן ניט קיין אויסגעדריקטע אין קיין שום אויסערלעכע צייכנס, ניט אין האָלץ און ניט אין שטיין, וואָס דאָס איז זיי געווען פאַרבאָטן: — מאַך זיך ניט קיין פסל! — אפשר דערפאַר טאַקע, ווייל געצנדינסט איז יידן געווען פאַרבאָטן, האָט זיך ביי זיי אַרויסגעפּרעסט אַ היציקע אינעווייניקסטע געשטאַלטונגס־קראַפט, אַן אָנגעצויגענע און אַן אָנגעשפּאַנטע פון און צו דעם אומזיכטבאַרן גאָט.

רעליגיעז פאַרקליידט, גאָט געקרוינט, אָבער דער פּכיסישער אַקט ווערט דורך דעם ניט פסול; די פאַרקליידונג, די קרוינונג מאַכן זיי ניט פאַר ניט ווייניקער קונסט. וואַרפט אַראָפּ די פאַרקליידונג, קוקט אַוועק פון פעטישיזם, וואָס נעמט גאָט דעם „אין סוף” און ברענגט אים צו דער נאָענט, ער זאָל זיין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ער זאָל בלייבן שטיין אויפן אָרט, וואו מען האָט אים אַוועקגעשטעלט, ווי אַ געץ — עלימינירט די פּרימיטיווע טעאָלאָגיע — און עס שטעלט זיך אָפּ אַ ריינער קונסט־אַקט: די פאַרלעבעדיקונג פון לעבן, די פאַרגעשטאַלטיקונג פון מענטש. אין זייער עצם זיינען דער רעליגיעזער אַקט — דער גלויבנס־אַקט — און דער קונסט־אַקט אידענטיש; זיי האָבן איינע און די זעלביקע וואָרצלען; לעבן וויל אַלץ מער פאַרמערט ווערן, מענטש וויל אַלץ ווייטער באַשאַפן ווערן.

אַלע דעפיניציעס פון קונסט לויפן זיך צונויף אין איין הויפּט־דעפיניציע: פאַרלעבעדיקונג — די פאַרלעבעדיקונג פון אונדזערע פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען, זיי זאָלן זיך ניט פאַרגליווערן און איינגעזונקען ווערן אין טויטן חומר, אין גוף, וואָס דאָס איז די פאַרמינערונג פון אונדזער לעבנס־קראַפט; די פאַרלעבעדיקונג דורך קונסט טראָגט אונדז צו גבורה. און ניט יוצא זייענדיק מיט אויפלעבן דאָס געשטאָרבענע און אָפּשטאַרבנדיקע, זוכט די קונסט צוצוגעבן נאָך ניט פאַרזוכטע, נאָך ניט געלעבטע איבערלעבונגען — זי באַשאַפט אין אונדז, מעשה בראשיתדיק, ביי־מענטש. דער קרוינענדיקער פינאַל פון קונסט־אַקט איז וואָס זי נעמט דאָס געלעבטע און נאָך ניט געלעבטע, שמעלצט זיי צונויף אין אַ סינטעז, פאַרבילדלעכט אין אַ געשטאַלט. — געשטאַלט איז ניט די אָדער יענע איבערלעבונג, נאָר דעם מענטשנס גאַנץ וועזן — זיין איבערגעשאַפן אַלט־וועזן

און דאָס ניי־געשאַפענע מענטש־וועזן — צוגעטראָגן אין דער צוגענגלעכ־סטער אוןווירקזאַמסטער פאָרם — אַ פורעם צו וואַרפן די מענטשן אין די פנימער אַריין, פאַר זיי זיך אַריינצושמעלצן; אָדער אַ מוסטער, פון וועלכן פריער אָדער שפּעטער זיי וועלן זיך אָפּקאָפּירן. דאָס האָט שוין מערערע מאָל געטראָפן.

דאָס זעלביקע טוט דער גלויבנס־אַקט — עס איז מעשה־בראשיתדיקע לעבן־פאַרמערונג, מענטש־באַשאַפונג און געשטאַלטונג — געוויינלעך, לויט אַ מוסטער, וואָס אַ געניאַלער לעבנס־קינסטלער, אַ גלויבנס־איניציאַטאָר, האָט פון זיך אַליין, פון זיין אייגן לייב און לעבן, אויסגעפורעמט.

גלויבן האָט אַ ספּעציעלע טעכניק. ביים גלויביקן — ביים תלמיד, און ביים גלויבנס־לערער אַוודאי — איז עס אַ פּראָצעס פון שטרעקן זיך אין דער הויך אויף קרעדיט. דער גלויביקער נעמט אָן, אַז דאָס נאָך ניט פאַראַנענע אין אים איז פאַראַן, זיין השערה איז רעאַל. אָבער האַנדלענ־דיק לויט דעם גלויבן, פאַרווירקלעכט ער דעם קרעדיט, מאַכט ער דאָס ניט פאַראַנענע פאַר פאַראַן, די השערה פאַר רעאַל. עס קומט ווירקלעך אויס, ווי באַשאַפן אַ יש מאין.

אָבער עס איז ניט פיל אַנדערש אין קינסטלערישן שאַפונגס־פּראָצעס. עס איז אויך ריזיקע אין גייסט, אַ האַנדלונג אויף קרעדיט. דער קינסט־לער טרויט זיך אָן זיין אונטערבאַוואוסטזיין, דער אינטואיציע — און דער צוטרויען דערלאַנגט אים די געפאָדערטע געשטאַלט, וואָס דורך באַוואוסט־זיניקער אָנשטרענגונג אָן אינטואיציע וואָלט זי זיך בשום אופן ניט גע־געבן. איז עס אויך אַ באַשאַפונג פון אַ יש־מאין דורך גלויבן.

דער גלויביקער האָט דעם נאָמען הייליקייט פאַר דער שפּירונג פון דער מענטש־באַשאַפונג, וואָס גייט אָן אין אים. אפשר איז דאָס דער אוי־בערשטער אַליין, וואָס אַרבעט אין אים? איז ער אַ פּאַרציטערטער. און אפשר איז די סאַמע שפּירונג גלויבן אָן אָפּשלאָג פון דעם וואַקסן און גע־שטאַלטן זיך פון דעם מענטשן אין אים? — דער קינסטלער האָט דעם נאָ־מען שיינקייט פאַר דער שפּירונג פון מענטש־באַשעפערישן אַקט, וואָס ער האָט דורכגעפירט. ער האָט אָפּגעצויגן אַ געשטאַלט פון אַ פּערפעקטן מוסטער. ער האָט זיך צוגערירט מיט זיין האַנט צו פּערפעקציע. זיין עסטעטישע אַנטציקונג איז אָן אָפּשלאָג פון אָט־דער שפּירונג.

הייליקייט און שיינקייט זיינען צווי באַזונדערע נעמען פאַר דער זעל־ביקער שפּירונג. די נפקא־מינה איז, וואָס דער גלויביקער באַשאַפט מענטש בצלם אלהים, דער קינסטלער — בצלם מענטש, וואָס היינטיקע ציטן איז עס אַ מעלה. „בצלם אלהים" — נאָר יחידי־סגולה קענען זיך

פאַרמעסטן דערויף. אָבער „בצלם מענטש" — אַ סך מער יחידים קענען זיך פאַרגינען צו ווערן מענטש־באַשאַפער.

אָבער דער רעליגיעזער „בצלם"־באַשאַפער האָט געהאַט ז י י ן גרויסע מעלה. דער פריי־קינסטלערישער געשטאַלטער אַרבעט אויף רויען מאַטעריאַל — אויף וואָרט, קלאַנג, פאַרב, מירמלשטיין. דער פאַר־צייטיקער רעליגיעזער געשטאַלטער האָט דעם לעבעדיקן מענטשן גענוצט פאַר זיין מאַטעריאַל. ווען ער איז געווען געניאַל, האָט ער זיך אַליין גע־נומען פאַר זיין מאָדעל, אויף וועלכן אויסצומייסטערן דעם מענטשנס צו־קונפטיקע געשטאַלט. דערנאָך האַנדלענדיק, שפּילנדיק, אויפשפּילנדיק דורך זיך אַליין די צוקונפט־געשטאַלט, פלעגט ער די מאַסע אַריינציען אין שפּיל. און שפּיל האָט היפּנאָטישע אָנשטעקנדיקע קראַפט. עס פלעגט קו־מען צו אַ הייליקער פאַרכאַפּעניש, צו אַ „מגפה פון איבערגעבורט", און צענדליקער טויזנטער, הונדערטער טויזנטער פלעגן איבערגעשפּילט־אי־בערגעשטאַלטיקט ווערן לויט דעם מייסטער־קינסטלערס לעבעדיקן ביי־שפּיל. צו אַזאַ האַסטיקער, מאַסנהאַפּטיקער פעולה האָט די פרייע קונסט קיינמאָל ניט זוכה געווען, אויך זי ווירקט צו איבערגעשטאַלטונג פון מענטש און לעבן, אָבער דורך אַ דויערנדיקן פּראָצעס.

נעמט ניט די רעליגיע, ווען זי איז פאַרהאַרטעוועט, פאַרשאַלעכצט און פאַרקנאָכנט געוואָרן, ווען זי איז געוואָרן טעאָלאָגיע — פאַר קאָנ־סערווירונג־צוועקן, נעמט די רעליגיע ביי איר געבורט. דעמאָלט איז זי די הויכע קונסט פון מענטש־באַשאַפונג, געווענדט אויף לעבעדיקער מענטשן־מאַסע. אַגולנע איבערגעשטאַלטונג אויף אַ פאָלקס־מאַסשטאַב. דעמאָלט פלעגט זי כהרף־עין איבערפורעמען דאָס פּנים פון אַ גאַנץ פאָלק, איבערפורעמען די פּנימער פון גאַנצע פעלקער.

דאָס פלעגט געשען, ווען עס פלעגט זיך אונטעררוקן אַ לעבנס־סכנה. איבערלאָזן די ווירקלעכקייט ווי זי איז, וועט דאָס פאָלק אונטערגיין. און מיט די מיטלען, וואָס זיינען געווען אויף דער האַנט, האָט די ווירקלעכקייט זיך ניט געלאָזט גובר זיין. איז דער איינציקער אויסוועג געווען — ענ־דערן די סיטואַציע דורך ענדערן אויף גיך דעם כאַראַקטער פון פאָלק — געבן אים אַ נייעם געבורט.

די שפּאַנונג פון דער אָנגעזאַמלטער יידישער קיום־ענערגיע — אין דער פאָרם פון מאָראַל־ענערגיע, אָדער גלויבנס־ענערגיע — האָט זיך פאַרפורעמט און פאַרגעשטאַלטיקט אין דער משיח־וויזיע. און זי וויל זיך ווייטער פורעמען און געשטאַלטן. דער פורעמונג־געשטאַלטונגס־דראַנג גע־הערט צום סאַמע וועזן פון דער יידישער לעבנס־ענערגיע. עס איז דער

קאַרדינאַלסטער איינשטעל פון דער יידישער פסיכיק, וואָס שליסט איין אין זיך די צוויי אַנדערע. און אויב דער פורעם פון משיח־וויזיע איז אויס־געשפּילט און איז מער ניט צו געברויכן, וועט יידישע לעבנס־ענערגיע אַליין זוכן און מען דאַרף איר העלפן געפינען אַ נייע פאָרם. און זי זוכט שטומערהייט אַ פורעם אין יידישן כאַראַקטער און מען דאַרף איר העלפן געפינען אַ קינסטלערישן פורעם, כדי די שטומע טענדענץ באַריידעוודיק צו מאַכן. און זי האָט שוין אַליין געפונען איר נייעם קינסטלערישן פורעם. זי האָט זיך דורכגעבראָכן דורך דער יידישער ליטעראַטור. אָבער ליטע־ראַטור איז ווייניק. מען דאַרף געפינען אַ טראַגישע סיטואַציע און אַ גראַנדיעזע אַקציע, וואָס זאָל פאָדערן און אַרויספאָדערן פון איר אַ מענטש־באַשעפערישע עקספּלאָזיע. מען דאַרף זיי ניט זוכן, זיי זענען דאָ, די סי־טואַציע און די אַקציע. זיי וואַרטן מיט אומגעדולד. וועט דער אַלץ נאָך לעבעדיקער יידישער גרויס־געשטאַלטונגס־דראַנג, מאָדערניזירט, פאַר־קינסטלערט, דערלאַנגען פון זיך דעם זעלביקן עפעקט ווי אַמאָל ?

* * *

עד כאן וועגן דער „נאַציאָנאַלער פאָרם". איצט לאָמיר זען, ווי זי וועט זיך לאָזן אָנפילן מיט „סאָציאַליסטישן אינהאַלט". — אין אַנווענדונג אויף דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון בירא־בידזשאַן.

2. יידישע „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע"

נאַציאָנאַלע פאָרם — האָב איך אין פריקן אַרטיקל אויסגעפירט — איז ניט נאָר די שפּראַך מיט אירע אייגנאַרטיקייטן; ניט נאָר די שטריכן אויפן פּנים, די מינעס און האַוואַיעס. נאַציאָנאַלע פאָרם איז הויפּטזאַכ־לעך דער פורעם, אין וועלכן די אָנגעשפּאַנטע פּסיכישע ענערגיע שפּאַרט און פרעסט זיך אַרויס. די יידישע פּסיכישע ענערגיע אַרבעט צום טיכ־טיקסטן, ווען זי פורעמט פון זיך אַ מוסטער־געשטאַלט, וואָס גייט פאַר־אויס די יידישע האַנדלונגען. צו דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָרם גע־הערט דערום אָט־די יידישע גרונט־פיאיקייט אַרויסצוגעבן פון זיך מוס־טער־געשטאַלטן און צו האַנדלען פאַרקוקנדיק זיך אויף זיי; וואָס אַזאַ האַנדלען לויט וויזואַליזירטע געשטאַלטן פלעגט אַמאָליקע צייטן אָפט געבן „איבערגעבורט"־עקספּלאָזיעס; האַסטיקע, מאַסנהאַפטיקע מענטש־באַשאַ־פונג. אין דער היינטיקער צייט וואָלט די ספּעציעלע יידישע וויזיאָנערישע געשטאַלטונגס־פיאיקייט געפונען איר ברייטסטע פאַרווענדונג און וואָלט געגעבן איר שטאַרקסטן עקספּלאָדירנדיקן עפעקט, ווען אַנגעווענדט אויף

דער געזעלשאַפטלעכער מאַטעריע, אויף וועלכער זי האָט טויזנטער יאָרן געוואַרט, אויף דער איבערקערעניש־איבערבוי־אַרבעט אין דער לעבנס־אָרדענונג.

(יידן האָבן אַנטדעקט דעם סעקרעט פון דער „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע" און האָבן פּראַקטיצירט „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע", מיט 2,500 יאָר פריער, אײדער די דאָזיקע וויסנשאַפט איז מיט אַ יאָר 25 צוריק אויפגעקומען אין דייטשלאַנד — וואו זי האַלט ערשט ביי די שפּיץ־פינגער. — „שפּירונגען", לערנט זי, דערלאַנגען זיך ניט איינציקווייז, נאָר אין גאַנצע בינטלעך, אין „געשטאַלטן". — לויט דער יידישער „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע" פּורעמען געשטאַלטן — זיך אַרומטראַגנדיקע אין דער לופטן וויזיע־מאָדעלן — דעם גאַנצן מענטשן; און נאָך אַמאָל צו אונטערשטרייכן: ניט גראַדנוויז, נאָר דורך „איבערגעבורט"־עקספּלאָזיעס.)

וואָלט גריילעך געוואונטשן געווען, אַז אַט־די מענטש־באַשעפערישע מאַסן־עקספּלאָזיעס זאָלן זיך איבערחזרן אין דעם לאַנד, וואו עס איז אַזוי בויטיק גאַנצע מאַסן מיט אַמאָל זאָלן איבערגעבאָרן ווערן, אַריינגעבאָרן צו ווערן אין סאָציאַליזם, — ספּעציעל אין יענעם טייל פון דעם לאַנד, וואו יידן איז אויפגעגעבן געוואָרן איינצופּאַסן דעם סאָציאַליזם אין זייער „נאַציאָנאַלער פאָרם" — אין בירא־בידזשאַן. איז עס אָבער שטרענג פאַרבאָטן אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם. ווייל אַט־דער עקספּלאָדירנדיקער געשטאַלטונגס־דראַנג איז ביי די פּאַרצייטיקע יידן איינגעפּאַסט געווען, און אין זכרון פון דער פרומער יידישער פאָלקס־מאַסע איז ער נאָך היינט איינגעפּאַסט, אין דער משיח־געשטאַלט. און ווי באַוואוסט, איז „משיח שוין געווען געשטאָרבן", בעת די טאַטעס פון די איצטיקע קאָמוניסטישע טוער פון בירא־בידזשאַן זיינען נאָך געווען יונג מיטן „בונד".

ווייס איך, אַז עס וועט מיר גאָר ניט העלפן די פאַרזיכערונג, וואָס איך האָב געגעבן אין פאָריקן אַרטיקל, אַז ס'האַנדלט זיך ניט וועגן דעם, צי מען זאָל דערלויבן „משיחן קומען אין בירא־בידזשאַן", נאָר וועגן דעם, צי דער ביז אַהער רעליגיעז פאַרמאַסקירטער, פאַרמשיחטער געשטאַלטונגס־דראַנג — אַרויסגעשיילט פון זיין משיח־איינפּאַס און פאַרקינסטלערט־פאַרוועלטלעכט דורך דער ליטעראַטור, — וועט זיך לאָזן אָנווענדן אויף דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין בירא־בידזשאַן — מיט דערזעלביקער גרויסער פּעולה, ווי אַמאָל. ווייס איז אין פאָראויס, אַז איכ'ל גאָרניט פועלן. מ'וועט זיך אָפּטרייסלען פון פאַרקינסטלערטן משיח־פּראָדוקט, ווי פון משיחן אַליין. טראָג איך טאָפּלט געפערלעכן דינאַמיט, — אי דינאַמיט, אי

נאָך שטרענג פאַרבאָטן. און איך דאַרף זיך שטאַרק באַוואָרענען, איך זאָל ניט אויפגעריסן ווערן צוזאַמען מיט מיין גאַנצן פּלאַן, איידער איך וועל דעם פּלאַן מיטן דינאַמיט דערטראָגן אַהין, וואו איך וויל זיי זאָלן אויפרייסן. דאַרף איך זיך באַוועגן זייער פאָוואָליע, באַרעכענענדיק מיין יעדן טראָט. איז טאָקע דאָ, גלייך אויפן אָרט, דער פּלאַץ צו געבן דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט זיך געבעטן פון אָנהויב אָן, — די פראַגע וועגן עצם פאַקט, — הגם איך האָב פאַריקן מאָל שוין פאַרזיכערט, אַז עס איז אַזוי, אָבער טאָפּלטע פאַרזיכטיקייט פאָדערט, די פראַגע זאָל נאָך אַמאָל גע־פרעגט און פאַרענטפערט ווערן.

די פראַגע איז: פונוואַנען איז געדרונגען, אַז יידן האָבן די אויס־צייכענונג, וואָס זיי זיינען באַזונדערס להוט נאָך פאַרגעשטאַלטיקונגען? פעלן דען העלדן, גבורים, האַלב־געטער, האַלב־מענטשן אין דער מיטאָ־לאָגיע, אין די לעגענדעס פון אַנדערע פעלקער?

אמת. אָבער מיט יידן איז עס פאַרט אַנדערש געווען. ביי אנדערע פעלקער איז פארגעשטאַלטיקונג געווען אַ צושפּיל, ביי יידן איז עס געווען אַ קאָנדיציע פון לעבן אָדער שטאַרבן. יידן מיט זייער נאַציאָנאַלן קיום זיינען אָנגעהאנגען געווען אויף דער געשטאַלט, וואָס איז געהאנגען אי־בער זיי. — „די גאַנצע שפּאַנונג פון דער אָנגעזאַמלטער יידישער קיום־ענערגיע" — (איך חזר דאָ איבער מיט אַ כיוון אַ פראַזע פון פאַריקן אַר־טיקל, כדי צו פאַרריכטן אַ פאַרדראָסיקן דרוק־פעלער: דאָרט אַנשטאָט „שפּאַנונג" האָט זיך אָפּגעדרוקט „שאַפונג") — „די גאַנצע שפּאַנונג פון דער אָנגעזאַמלטער יידישער קיום־ענערגיע איז פאַרפורעמט און פאַרגע־שטאַלטיקט געווען אין משיחן". — און וואָס בעענטער צו אונדזער צייט ווערט אַלץ בולטער פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען. די סיבה איז ניט ווייניקער מערקווירדיק ווי דער עצם פאַקט. גענומען האָט זיך עס פון דער מערקווירדיקער אָנווענדונג וואָס דער מאַרקסיזם, דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, האָט געפונען אין דער יידישער געשיכטע. ווייל ס'האָט געפעלט אַ ברייטע עקאָנאָמישע באַזע פאַר נאַציאָנאַלן קיום — אַלעמאָל אַ פּאַסיקל, אַ שטיקל פונקציע, וואָס אַ טייל פון אַ יידישן קלאַס האָט דער־פילט אין דער ווירטשאַפט פון פאָלק באַלעבאָס, האָט דער גייסטיקער אי־בערבוי, וואָס על־פּי דעם אָנגענומענעם מאַרקסיסטישן דין, דאַרף ער נאָר צודעקן די עקאָנאָמישע באַזע — האָט דער גייסטיקער איבערבוי, לפנים משורת הדין, ניט נאָר צוגעדעקט, נאָר אַריבערגעדעקט — דערגאַנצט דאָס פעלנדיקע שטיק באַזע. די פאַרגאַנצונג, אין „איבערטריבענעם מאַרק־סיזם", האָט פּילפּאַך אַריבערגעשטיגן די באַזע. און כדי דער איבערטרי־

בענער איבערבוי זאָל זיך האַלטן, דאָס פאָלק זאָל זיך קאָנען אָן אים אָנ־האַלטן, אַפילו ווען דאָס שטיקל באַזע פאַר זיין קיום — די ספּעציעלע עקאָנאָמישע פונקציע — וועט אויך פאַרשווינדן, ווי דאָס האָט ניט אייג־מאָל געטראָפן אין דער יידישער געשיכטע, און טרעפט מוראדיק עד־היום — האָט דער איבערבוי געדאַרפט פאַרפעסטיקט ווערן, ער זאָל קיין מאָל ניט צעפאַלן ווערן. איז ער פאַרגעשטאַלטיקט געוואָרן. וואָרים געשטאַלט, ווי די קונסט לערנט אונדז, איז די אינטענסיווסטע פאָרם פון גייסטיקייט: אַ פורעם, וואָס ציט אַריין דעם מענטשנס גאַנץ וועזן. און דער מענטש בלייבט זיצן אין דער געשטאַלט. — און דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן זיצן אין דער משיח־געשטאַלט, זיין גייסט איין שטיק מיט איר, פאַר אויס־דויער און לאַנג לעבן, וואָס עס זאָל ניט פאַסירן צו זיין פיזישער עקזיס־טענץ.

אָנגעהויבן פורעמען האָט זיך די משיח־געשטאַלט נאָך אין ארץ־ישראל, טאָקע אין דעם מאָמענט ווען יידן, איינגעקלעמט אויפן שמאָלן פּאַס ביים ברעג ים הגדול און אויסגעזעצט צו די אַטאַקעס פון די מעכטיקע שונאים, האָבן דערפילט, אַז מיט געוויינלעכע פאַרטיידיקונג־מיטלען וועט זיך זיי ניט איינגעבן איינצוהיטן זייער זעלבסטשטענדיקייט. לכתחילה איז משיח געווען מלך המשיח — אָפּגעקאָפּירט פון דער געשטאַלט פון דוד המלך — וועלכער וועט באַווייזן גבורות אויפן שלאַכטפעלד. און וואָס קלאָרער עס איז געוואָרן — נאָך די מלחמות און אויפשטאַנדן — אַז אַ פיזישער נצחון איז אוממעגלעך, אַלץ פאַרגייסטיקטער איז געוואָרן די משיח־געשטאַלט און אַלץ פאַרגייסטיקטער דער נצחון. די נביאים — די זעלביקע וואָס האָבן די משיח־געשטאַלט געלאָזט פאַרשוועבן פאַר די אויגן פון פאָלק — זיינען אויך געווען די יעניקע, וואָס האָבן די פאַרגייסטיקונג דורכגעפירט. און ווען עס האָט פאַסירט, די יידן האָבן אָנגעוואָרן זייער טעריטאָריע, האָט דער אָנווער זייער קיום ניט געשאַדט: זיי האָבן זיך געהאַט פאַרקוקט און זיינען פאַרהיפּנאָטיזירט געוואָרן אויף דער משיח־געשטאַלט, מיט זייער גייסט זיינען זיי געזעסן אין איר ווי אין זייער דירה.

זייט דעמאָלט אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעלעבט אויף זייער געשיכטלע־כער קאַריערע אין אידעען און געפילן, אין האָפענונג און גלויבן — דער גאַנצער סך־הכל פון זייערע געשיכטלעכע איבערלעבונגען, האָט דורכגע־מאַכט אַ פאַרגעשטאַלטונג אין משיחן. זייער גורל דורך די צייטן, זייער אמונה אין דעם ענדגילטיקן טריאומף פון צדק און יושר, דער צוזאָג אויף אַ הויפּט־ראָלע אין אחרית־הימים, ווען העלפנדיק צו דער אויסלייזונג פון די פעלקער, וועלן זיי אַליין אויסגעלייזט ווערן — דאָס אַלץ איז פאַרגע־

שטאַלטיקט געוואָרן. — אַ דאַנק אַט דער פאַרגעשטאַלטיקונג האָבן זיי גע־קאָנט זיצן אויף אַ פאַסיקל באַדן און בלייבן הענגען אין דער לופטן גאָר אָן באַדן — און דאָך ניט מורא האָבן פאַר זייער קיום. און ווען גאָר שלעכט, ווען קאַטאַסטראָפעס פלעגן זיך אָנרוקן אויף חרוב צו מאַכן דאָס פאָלק, פלעגט די משיח־וויזיע געפינען אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פאַר דער אָפּפרישונג פון פאַרגעשטאַלטיקונגס־פּראָצעס.

די יידישע געשיכטע ליפערט אַ גרויסע צאָל ביישפּילן אויף צו באַ־שטעטיקן די טיכטיקע אַרבעט פון די פאַרקערפּערטע פאַרגעשטאַלטיקונ־גען. געדאַרפט וואָלט מען אָנהויבן דעם חשבון פון מתן־תורה, אָבער פון מתן־תורה האָבן מיר בלויז די לעגענדע. מיר ווייסן ניט גענוי אונטער וועלכע אומשטענדן דאָס פאָלק איז געקומען אין באַזיץ פון זיין רעליגיע. אַ לעגענדע, אָבער אַ גוטע אילוסטראַציע אויף דער גרונט־סיבה, וואָס האָט די פאַרקערפּערונגען אַרויסגעבראַכט: — זיי פלעגן אַלעמאָל זיך באַווייזן, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געפונען אין אַן אוממעגלעכער סיטואַציע, און עס איז קיין אַנדער וועג ניט געווען די סיטואַציע — די „אָרדענונג" — צו ענדערן, סיידן דורך אַ האַסטיקער ענדערונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון פאָלק. דאָס פאָלק פון נאָר וואָס באַפרייטע און שוואַכמוטיקע שקלאַפן וואָלט אומגעקומען אין מדבר, ווען עס גיט זיך אים ניט איין איינצונע־מען דאָס לאַנד כנען. אָבער ווי אַזוי, אַז דאָס לאַנד איז באַזעצט געווען פון שטאַרקע איינגעפונדעוועטע פעלקער? האָט עס באַקומען אַ רעליגיע, פאַרגעשטאַלטיקט און פאַרקערפּערט אין משה רבינו — און די שוואַכלינגע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גבורים, שטאָלצע מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז יהוה אַליין איז זייער קאָמאַנדיר.

פון דער שפּעטערדיקער צייט, פון וועלכער מיר האָבן מער פעסט־געשטעלטע געשיכטע, ווי לעגענדע, וועל איך אויסקלייבן יענע ביישפּילן, וואָס לאָזן אָפּענער אַריינקוקן אין די אַרבעטס־מעטאָדן פון די פאַרקער־פּערטע פאַרגעשטאַלטיקונגען, כדי שפּעטער אָפּצולערנען פון זיי אַ מוסר־השכל פאַר דער היינטיקער צייט.

דער אויפקום פון קריסטנטום קומט אין דער ערשטער ריי: דאָס פאָלק איז גייסטיק געווען גענוג מאָביליזירט אויף צו געבן האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, אָבער ניט גענוג אויף ניט באַזיגט צו ווערן סוף־כל־סוף פון דער רוימישער אימפּעריע, וועלכע וועט דאָס פאָלק איינשלינגען, אָפּווישנ־דיק זיין נאַציאָנאַלן פּנים, פּונקט ווי זי האָט עס געטאָן מיט פיל אַנדערע פעלקער, אויסמישנדיק זיי אין אַ פיל־פעלקערלעכן פּראָלעטאַריאַט. האָט אין פיל־פעלקערלעכן גליל זיך באַוויזן אַ יידישער פּראָלעטאַריער, וועלכער

האָט פון יידנטום אָפּגעצווייגט אַ רעליגיע, וואָס האָט געזאָלט געבן דעם רוימישן פּראָלעטאַריאַט כוח אײַנצונעמען די אימפּעריע. ער האָט זיך טאַקע סומך געווען אויף יידישע טעקסטן און נאָכגעזאָגט יידישע פּסוקים, אָבער ער האָט דערביי געמאַכט אַן אָריגינעלע אַנטדעקונג, וואָס האָט גע־ענדערט דעם זין פון די טעקסטן און פּסוקים אויף אַן אופן, וואָס האָט גע־עפנט פאַר דעם ניט־יידישן, אַל־רוימישן פּראָלעטאַריער אַן אינטימען צו־טריט צום יידישן „פאָטער אין הימל". ער האָט אַנטדעקט דעם גרונט־געזעץ, די ריינע עסענץ פון גלויבן. — „גלויב, און עס וועט דיר געגעבן ווערן". — געזאָגט האָט ער זיי: — „גלויב, אַז ער, דיין פאָטער אין הימל, גיט עס דיר". — ווי אַנדערש? די פּסיכאָלאָגיע פון היפּנאָז און זעלבסט־היפּנאָז האָבן ניט ער און ניט זיינע צוהערער געהאָט שטודירט. דער עיקר אָבער, צו זיין געניאַלער אַנטדעקונג, האָט ער געניאַל, אין זיין אייגענער פּערזאָן געשפּילט זיין אַנטדעקונג, מיט אַן אויגנבליקלעכן עפעקט: פּראָס־טע פישער, „עם־הארצים", „אויסוואורפן" זיינען איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן אין אַפּאָסטאָלן, וואָס האָבן אויסגעצייכנט נאָכגעשפּילט זיין גע־שטאַלט און זיין אַנטדעקונג.

קיין גרויסן דערפאָלג האָט ער ביי יידן ניט געהאָט: אי זיי זיינען גע־ווען צו געלערנט פאַר זיין פּשוטער פאָרמולע; אי זיי האָבן זיך געפילט זיכערער הינטער זייער קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט פון דינים און מנהגים; די פּשוטע פאָרמולע וואָלט זיי ניט פאַרהיט פון אויסמישונג. אָבער עס איז גענוג געווען, וואָס יידן האָבן אים געגעבן גרינדער־קבוצות, וואָס האָבן אַרויסגעשיקט שלוחים, וואָס האָבן צעטראָגן איבער דער רוימישער אימ־פּעריע זיין געשטאַלט און זיין בשורה — זיין גלויבנס־שליסל צום אוצר פון גבורה. און מיליאָנען דערנידעריקטע, געשענדעטע פּראָלעטאַריער זיי־נען איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן, אויסגלייכנדיק זיך אין יחוס מיט די נאָ־בעלע רוימישע פּאַטריציער און איבערשטייגנדיק די לעצטע דורך זייער גרייטקייט צו מאַרטירער־טויט — אויף קרייץ און אין פייער, פון שווערט און פון ווילדע בעסטיעס — ביז זייער רעליגיע האָט איינגענומען די אימ־פּעריע. די טאָכטער־רעליגיע האָט טאַקע זיך געראַנגלט מיט דער מוטער־רעליגיע און גערודפט איר פאָלק, אָבער אומברענגען זיי האָט זי ניט גע־קאָנט — פאַרט אַ טאָכטער, אויסגעפורעמט אין מוטערס גייסט. און דאָס געשעעניש אין גליל האָט דערפילט די שליחות, פון וועלכער עס איז אַרויס־גערופן געוואָרן: צו פּרעזערווירן דאָס פאָלק, וואָס איז געווען אין סכנה אַנצוּוואָרן זיין קיום דורך דער פיזישער איבערמאַכט פון רוים.

פון די דריי עלעמענטן, וואָס זיינען אַריין אין באַשטאַנד פון דער יע־

זוס־ראַלע: די משיח־געשטאַלט, וואָס ער האָט באַקומען אַ פּאַרטיקע, אָפּ־ציענדיק זי פון פאָלקס־גלויבן און פון פאָלקס הייליקע שריפטן; זיין שפּילן די משיח־געשטאַלט און זיין אייגענע אַנטדעקונג — איז עס געווען די אַנט־דעקונג, וואָס האָט אַריבערגעהויבן דעם יידישן גלויבן איבער די גרענעצן פון יידישן פאָלק, אַדאַפּטירנדיק אים צום פעלקער־געברויך, ברענגענדיק דערמיט אַן איבערקערעניש אין דער דעמאָלטדיקער וועלט. ווען דער דריי־טער עלעמענט — די אַנטדעקונג — פאַלט אַרויס, וועט זיך דערלאַנגען ניט קיין וועלט־איבערקערעניש, אָבער דאָך אַן איבערקערעניש. קומען מיר צו צוויי געשעענישן פון אַ נעענטערער צייט, וואָס דאָס פאָלק האַלט נאָך אין זיין זכרון: שבתי צביסטווע און פראַנקיזם. צוויי „פאַלשע משיחים", וואָס האָבן געשפּילט די משיח־געשטאַלט, ניט אויס עכטער, פריש־געבאָ־רענער איבערלעבונג, נאָר אויסשליסלעך לויט פאַרטיקע פסוקים און טעקס־טן. אָן שום אייגענע אַנטדעקונגען, אָבער גרויסאַרטיק געשפּילט, באַזונ־דערס דער ערשטער, שבתי צבי — אַן ערשט־קלאַסיקער אַקטיאָר, וועלכער האָט אַ דריטל פון יידישן פאָלק, נאָר וואָס צעמאָלן און צעריבן פון גזירות ת"ח, איבערגעשפּילט אין פריידיקע טענצער. און ניט אַן כוונה דערביי צו באַוואָרענען קעגן דער איבערחזורונג פון אַזעלכע גזירות; מיט אַן אויסגע־שפּראָכענער טענדענץ צו אַסימילאַציע; אַפּצואווישן די אונטערשיידן צווישן יידנטום און די אַנדערע רעליגיעס און אַרויסצוהויבן די ענלעכקייטן — כדי די פעלקער זאָלן מיט די יידן שלום מאַכן. אָבער הגם פאַר צענדלי־קער טויזנטער איז שוין קיין אומקער ניט געווען, האָט דאָס פאָלק זיך אָפּ־געטרייסלט פון זיי — עס האָט זיך ניט געוואָלט קויפן דאָס לעבן פאַר דעם פּרייז פון זיין אַנגלעבטער, דורך הערואישע ליידן, נשמה.

זיינען זיי אַריבער אָן שום שפּור און נאָר פאַרדאַמונג פאַרדינען זיי? — זייערע ספּעקטאַקלען, וואָס האָבן אויפגעשפּילט די משיח־געשטאַלט, אָן איינגעבאָרענעם רעכט, אונטער פאַלשע פּרעטענזיעס, האָבן דאָך אָפּגע־שפּרישט ביים פאָלק די משיח־דערוואַרטונג און געגעבן אים צו פאַרזוכן דעם טעם פון פרייד מיט דער גאולה — און אַ־דער טעם איז אים פאַר־בליבן און ניט געוואָלט זיך אויסוועפּן, — און דאָס האָט געפירט צו דער געבורט פון חסידות, וועלכע איז געווען אַ געזונטע, מעסיקע, רעפאָרמערי־שע אָפּאָזיציע צו דער קראַנקהאַפט־פאַנטאַסטישער, רעוואָלוציאָנער־פאַר־רעטערישער משיחות פון שבתי צבי און יעקב פראַנק. חסידות איז געווען משיחות פאַרן טעגלעכן געברויך, אָן ריסן, אָן קאַטאַסטראָפעס און אָן אחרית הימימדיקע איבערקערענישן; אַ משיחות פון ערב משיחס צייט, ווען אַט־אַט קומט ער און פאַרזאַמט זיך צו קומען. אָבער אַ רעפאָרם כלפי־חוץ,

איז חסידות פאַרט געווען אַ רעוואָלוציע אין פאָלקס געמיט. אָן דער גדלות פון אַ משיח־פּרעטענדענט, האָט דער בעל־שם דאָך געטראָגן אין זיך אַ ניצוץ, אַן אָפּבליק פון משיחן, און ער האָט פאַרגעשטאַלטיקט מיט זיך דעם אָפּבליק, און פון דער פאַרגעשטאַלטיקונג האָט געקוואָלן אַ מילדקייט און אַ גנעדיקייט — דער טעם פון פאַרגעפּיל פון דער פרייד מיט דער גאולה — און דעם טעם האָט ער ברייטהאַרציק און מיט פאַרליבע פאַרטיילט דווקא צווישן די קבצנים, וואָס זייער איינציקער צוטריט צום רבונו־של־עולם איז ביז דעמאָלט געווען דאָס דאַווענען אין סידור און אַ קאַפּיטל תהלים — אַזוי אָרום ברעכנדיק דעם מאָנאָפּאָל אויף פעטע חלקים עולם־הבא פון די למדנים, וואָס האָבן געלערנט תורה, און פון די נגידים, וואָס האָבן איינגע־האַנדלט תורה ווי סחורה, איינקויפנדיק זיך למדנים פאַר קעסט־איידעמס.

קבצנים זיינען דערהויבן געוואָרן, זיי זיינען געוואָרן גבירים־אדירים אין גייסט. און די דורכזעצונג פון חסידות האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־אויפשטאַנד — די גייסטיק־פּריווילעגירטע האָבן פאַרטיידיקט זייערע פּריווילעגיעס, און די פאָלקס־מאַסע האָט ניט געוואָלט איינלאָזן איר באַרייכערונג — די כוואַליע פרייד וואָס האָט אַ פלייץ געטאָן אויף איר פון בעל־שמס ערב־גאולה־אויפשפּיל.

די געבורט פון חסידות איז געווען דער לעצטער אויפשאָס פון דער מענטש־באַשעפערישער עקספּלאָזיע, וואָס דערלאַנגט זיך פון פאַרגעשטאַל־טיקטן גלויבן. נאָכן בעל־שם איז די משיח־געשטאַלט אויסגעביטן געוואָרן אויף געשטאַלטעלעך: זיינע נאָכפאָלגער — די חסידישע רביים און „צדי־קים" — האָבן פאַרמאָגט בלויז אַ ניצוץ פון זיין משיח־ניצוץ, און טראָפּנס פרייד האָבן זיי פאַרקויפט אין קוויטלעך צו גרעסערע און קלענערע פּרייזן. אָבער הגם אָרעמע פאַרגעשטאַלטער, אָבער דאָך פאַרגעשטאַלטער, און פאָלקס־מאַסע האָט געקלעפּט צו זיי, און קלעפּט טיילווייז נאָך עד־היום.

וואָרום עס איז ניט אויסצוראָטן דעם געשטאַלטונגס־דראַנג אין דער יידישער פאָלקס־פּסיכיק. און ווען עס איז ניטאָ קיין לעבעדיקע פּערזאָני־פיצירונג פון דער משיח־געשטאַלט, איז זי דאָ אין אַ וויזיע. די משיח־ווי־זיע איז נאָך וויכטיקער, עיקרדיקער פון אַלע משיח־פאַרגעשטאַלטער: זי האָט דאָך זיי אַרויסגעשטויסן פון זיך.

און די משיח־געשטאַלט איז ניט געווען אַליין. זי האָט געהאַט באַגלייי־טערינס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטראַלט פון איר: אליהו הנביא, זיין פאַר־אויסגייער און בשורה־אָנזאָגער; און לעגענדאַרע צדיקים, וואָס האָבן גע־האַט גלוי אליהו; און זיי אַלע האָבן זיך אַריינגעפּרעסט אין פנים פון פאָלק און געפורעמט זיין כאַראַקטער. זיינען געווען יידן אין דער בחינה פון

משיחן — טרעגער פון דער אויסלייזונגס־אידייע; און יידן אין דער בחינה פון אליהו — בשורה־אָנזאָגער; און יידן־זעער אין דער בחינה פון די צדיקים, וואָס האָבן געהאַט די זכיה פון גלוי אליהו.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז יעדער ייד האָט געקענט חושד זיין דעם צווייטן — האָט ער געמעגט זיין אַ שוסטער, אַ שניידער, אַ בעל־עגלה, אַ האָלץ־העקער, אַ וואַסערטרעגער — מיט איין וואָרט אַן „עם־הארץ" — האָט ער אים געקענט חושד זיין, אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער צדיק — אויב ניט העכער: אליהו; אויב ניט נאָך־נאָך העכער: משיח אַליין. מיט זיין גלויבן אין „לאַמעדוואָווניקעס" האָט דאָס פרומע פאָלק, פון הינטן אַרום, אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז יעדער ייד, פון פשוטסטן אויסזען, איז געשטאַלטיקט אויף משיחן, אָדער אויף זיינע פאַראויסגייער און נאָכגייער.

און היינטיקע צייטן, ווען דער אַלטער גלויבן אין גאָט און משיחן האָט געחלשט — אָן גאָט און אָן משיחן — אָבער די משיח־וויזיע אַרבעט נאָך אַלץ, דערפילנדיק איר גרונט־פונקציע פאַר דער דערהאַלטונג פון יידישן קיום. עס איז געבליבן אַ פערמאַנענטע יידישע פסיכישע פאָרם — אַרויס־וואַרפן פון זיך צוקונפט־וויזיעס, כדי זיי זאָלן אָננעמען אויף זיך פאַרקער־פערונג. דאָס דערקלערט וואָרום דער יידישער סאָציאַליזם האָט אַזוי פיל איבערלויפער פון די באַזיצנדיקע קלאַסן.

די פאַרגעשטאַלטיקונגען, איינגעקריצט אין יידישן כאַראַקטער, זענען ניט אויסצומעקן. האָבן מיר יידן פון אַלע דריי בחינות אין מאָדנער פאַרקליי־דונג. האָבן מיר יידן, פאַרביסענע אפיקורסים, וואָס דערמאָנען משיחן — משיח־גלגולים. ענערגישע אַגיטאַטאָרס־אוטאָפיסטן, וואָס נעמען אַרום מיט זייערע אוטאָפיעס די גאַנצע וועלט; אויב זיי זיינען ניט די יורשים פון די יורשים פון עכטן משיחיזם, זיינען זיי די יורשים פון שבתי צביאישן טעאַט־ראַליזם. און מיר האָבן יידן בשורות־אָנזאָגער — פראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס לויפן אַרום צווישן אַלע פעלקער. און מיר האָבן וויזיאָנערן — מער וויפיל דאָס ניכטערע לעבן קען זיי פאַרברויכן. און נאָך גרעסער איז די צאָל פון פאָלקס־מענטשן־„לאַמעדוואָווניקעס", וואָס אונטער דער צורה פון אַפיקור־סים זיינען זיי פאַרצייטיקע צדיקים.

דאָס דערקלערט די וואונדערלעכע פסיכאָלאָגיע פון יידישן פראָלעטאַ־ריער. דער יידישער שניידער איז בפועל־ממש אַ „הייליקער שניידערל" —דער בייסטער גלגול פון „לאַמעדוואָווניק", וואָס האַלט אויף זיך די וועלט. זיצן זיצט ער אויף אַ שפּילקע־קעפּל־עקאָנאָמיק; אָבער טראָגן טראָגט ער אויפן קאָפּ די גאַנצע וועלט־איבערקערעניש, ווי ער וואָלט געאַרבעט ביי דער שווערסטער אינדוסטריע, אַן ווועלכער דאָס לאַנד קאָן זיך קיין איין טאָג

ניט באַגיין. דער „היליקער שניידערל" איז מקיים דעם „איבערטריבענעם מאַרקסיזם" פון דער יידישער עקאָנאָמיק, וואָס האָט אָנגעהאַנגען דעם יידן פאַרן קאָפּ אָן דעם גייסטיקן איבערבוי.

און אויב דער פאַרגעשטאַלטיקונגס־דראַנג, וואָס איז פאַרקליידט געוואָרן אין משיחות, האָט זיך דורכגעפרעסט דורכן יידישן כאַראַקטער, האָט ער אוודאי זיך דורכגעפרעסט דורך דער יידישער ליטעראַטור. און די משיחות מאַכט דורך איר דריטע פאַרוואַנדלונג — איר פאַרקינסטלערונג. איר ערשטע פאַרוואַנדלונג איז געווען — איר טעאַטראַליזירונג דורך שבתי צבי; איר צווייטע פאַרוואַנדלונג — איר פאַרמעפּיקונג אין ערב־משיחות דורכן בעל־שם. די פאַרקינסטלערונג דורך ליטעראַטור מיינט שוין, אַז דער פאַרגעשטאַלטיקונגס־דראַנג טוט זיך אויס פון דער רעליגיעזער פאַרקליידונג, פון דער טעאָלאָגיע, וועלכע איז דערווידער דעם אפיקורס, דעם בעל־שכל.

די יידישע ליטעראַטור האָט פון אָנהויב אָן זיך איינגעשטעלט אויף צו פאַרקינסטלערן די יידישע גורל־פונקציע. מיר קאָנען נאָכפאָלגן ביי די קלאַסיקער, ווי אַזוי שטופּע נאָך שטופּע פאַרקינסטלערן זיי אין געשטאַלטן דעם גייסטיקן איבערבוי איבער דער יידישער עקאָנאָמיק. זייערע גרונט־געשטאַלטן: מענדעלעס מענדעלע און בנימין השלישי, שלום־עליכמס טוביה און מנחם מענדל — טראָגן אין זיך שפּורן פון די אויבערגעשטאַלטן, וואָס יידן האָבן אַרויסגעשיקט צו באַגעגענען די וועלט. זיי זיינען פאַרשטעלטע, פאַרגלגולטע משיחיסטן, אליהואיסטן, „לאַמעדוואָוניקעס". מיט אַ ווינקל אויג ווינקען זיי צו דער יידישער אייביקייט. און זיי געווינען אונדז טאַקע מיט אָט־דעם זכות, מער ווי מיט זייער אייגענעם מהות. ביי פּרצן מערקן מיר שוין, ווי ער כאַפּט אויף גאַנץ באַוואוסטזיניק די משיחיסטישע טענדענץ — אין דער מעסיקער ערב־משיחות־פאָרם, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין חסידות. פון די פאַרטריקנטע רעשטלעך בעל־שמישקייט, וואָס איז נאָך געווען צו געפינען ביי די חסידישע רבים פון זיין צייט, האָט ער אָנגעצאַפּט טראָפּנס פרייד, און זיי זיינען אָנגעקוואָלן אונטער זיין קינסטלערישער פּען. אַזוי אַז דער שטראָם גאולה־פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון דער פאַלשער משיח־מאַניפעסטאַציע פון שבתי צבי, איז ניט געגאַנגען לאיבוד. דורך דעם חסידישן קאַנאַל איז ער אַריינגעפלאָסן אין דער יידישער ליטעראַטור.

נאָך בולטער טרעט אַרויס די משיחיסטישע טענדענץ נאָך פּרצן — ניט באַהאַלטענערהייט, נאָמענלאָז, אַרויסנאַרנדיק טראָפּנס פרייד פון חסידות, ווי ביי פּרצן; ניט די איבערגעבראָכענע משיח־געשטאַלט, מיט דעם

זאַפט פון איבעררבוך, וואָס ער לאָזט אַריינרינען אין זיין דראַמע אָדער דער־ציילונג; נאָר אָפן, מיט אַ ברייטער האַנט, און בפירוש ביים נאָמען אָנגע־רופן: משיח! — אין זיין פולער אויסלייזונגס־ראָלע — ווערט ער נאָמי־נירט פאַר דעם הויפּט־העלד פון אַ דראַמע. און צווייערליי משיחיזמען האָבן זיך אָנגעצייכנט אין דער יידישער ליטעראַטור: דער עכטער, אָריגי־נעלער, ערשט־קוואַליקער, אַרויסגעשפּרודלט פון דער משיח־רעפלעקסיע אין יידישן כאַראַקטער — דער לייוויקשער משיחיזם; און דער טעאַטראַ־ליזירטער, דעקאָראַטיוו־טראַדיציאָנעלער, וואָס שטאַמט פון שבתי צבי — דער אַשישער משיחיזם.

די פאַרקינסטלערונג פון דער יידישער רעליגיע, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן פון די קלאַסיקער, און גאָר ספּעציעל די פאַרקינסטלערונג פון איר שטאַרקסטן קונסט־מאָמענט — דער משיחות — וואָס האָט זיך שפּעטער געבומען דורכזעצן — איז היפּשלעך געשטערט געוואָרן פון אונדזער קריי־טיק, וועלכע האָט די משיח־טענדענץ פון אונדזער ליטעראַטור זייער שלעכט פאַרשטאַנען. שוין מוחל, וואָס זי האָט קיין חילוק ניט געמאַכט צווישן דעם אינספּירירטן, פון אינטימער איבערלעבונג אויפקוועלנדיקן משיחיזם, און דעם דעקאָראַטיוו־פיגוראַטיווען טעמאַטישן משיחיזם — זי האָט דעם עצם ענין ניט באַנומען. זי האָט גערעדט וועגן דער משיח־טעמע, משיח־מאָטיוו און משיח־אידייע. אָבער עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן באַאַרבעטן אַ טעמע אָדער אַ מאָטיוו. עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן אידייאיזירונג, נאָר וועגן געשטאַלטונג. די ספּעציעלע יידישע געשטאַלטונגס־פייאיקייט איז אָביעקטיווירט געוואָרן אין דער משיח־געשטאַלט — אַט־די פייאיקייט האָט געדאַרפט אויפגעכאַפּט ווערן פון דער יידישער ליטעראַטור, כדי זי זאָל זיך ניט אָנווערן.

די פאַרקינסטלערונג פון דער משיח־געשטאַלט איז אויך געשטערט געוואָרן פון יידישיסטישן שפּראַך־פעטישיזם. איר מעגט לייענען מיט פאַר־גרעסער־גלעזער די צוויי אַרטיקלען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי און בן־אדיר אין ערשטן נומער „יידישע קולטור", און איר וועט קיין שפּור פון אַן אָנצו־הערעניש ניט געפינען, אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיך פאַרגעבן אַ באַשטימטן יידישן אינהאַלט, כדי זי זאָל ראוי ווערן צו זיין די טרעגערין פון יידישן קיום. זייער שפּראַך־סכעמע מעג אָנגעפילט ווערן מיט אַבי וועלכער ליטעראַטור, אַבי אין יידיש. בלויז פאָרם און גאָר קיין אינהאַלט. אָבער פאַרקינסטלערטע רעליגיעזיטעט, בפרט פאַרקינסטלערטע משיחות, איז איינמאָל יידישער אינהאַלט — עס איז אינהאַלט און פאָרם צוזאַמען. עס איז אמתער, פּסיכישער יידישיזם. פון שפּראַך־יידישיזם איז לייכט זיך

אָפּצוטרייסלען, אַוועקגייענדיק אין אַנדערע שפּראַכן, ווי דאָס פּאַסירט אויף טריט און שריט. אָבער דעם פּסיכישן יידישיזם נעמט מען מיט — טייל־ווייז — אָפילו אַוועקגייענדיק אין אַנדערע שפּראַכן.

נו, אויב פּסיכישער יידישיזם, פאַרוואָס־זשע דווקא אין יידיש? ווייל יידיש רעדט די יידישע פאָלקס־בויט פון גאַר דער וועלט. מעגן די תקי־פערע קלאַסן און די אָפּגעריסענע אינטעליגענץ יידיש ניט רעדן, אָבער דווקא דורך יידיש — ניט דורך קיין אַנדער שפּראַך — שפּאַרט זיך דער ענטפער פון דער אַנגעשפּאַנטער יידישער קיום־ענערגיע אויף דער יידיש־באַרעדעוודיקער יידישער וועלט־בויט. דערפאַר טאַקע איז דווקא אויף דער יידישער ליטעראַטור אַרויפגעלייגט געוואָרן די עובדא צו פאַרקינסטלערן די יידישע רעליגיעזיטעט — וואָס אין אַט־דער פאָרם, אין פאָרם פון גלויבנס־ענערגיע — האָט זיך געזאַמלט די יידישע קיום־ענערגיע. דער־פאַר טאַקע האָט דווקא אין דער יידישער ליטעראַטור זיך אָפּגערופן די פאַר־צייטיקע יידישע שעפערישקייט, וועלכע איז באַזונדערס פרוכטבאַר געווען אין געשטאַלטונג. דערפאַר טאַקע האָט די יידישע ליטעראַטור — אין פירנ־דיקער טייל — מיט אַזאַ אימפּעט אויפגעכאַפּט די משיח־געשטאַלט און זי געמאַכט פאַר איר פולן אייגנטום, פאַר אַ ריין־קינסטלערישן פּראָדוקט — אַזוי אַז מען וואָלט געקאָנט אַראָפּוואַרפן דעם רעליגיעזן נאָמען און זי אַנ־רופן: די יידישע אויבער־געשטאַלט, אָדער גרויס־געשטאַלט, אַנשטאָט משיח־געשטאַלט — אָבער צו וואָס?

די יידישע ליטעראַטור האָט עס ניט נאָר געמעגט, נאָר געמוזט. די משיח־געשטאַלט איז די גרעסטע קאָלעקטיווע קונסט־שאַפונג פון יידישן פאָלק, וועלכע האָט געשפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אַלס די הויפּט־דער־האַלטערין פון זיין קיום; דער גאַנצער רעזערוו פון דער אַנגעזאַמלטער יידישער גלויבנס־ענערגיע איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער משיח־געשטאַלט.

אין איר איז דער שליסל צום קינפטיקן יידישן נצחון. פאָדערט זי איצט פון דער ליטעראַטור זי זאָל אונדז אויפשפּילן אונדזער ראָלע אין דער אומ־פאַרמיידלעכער איבערקערעניש, וואָס צו דעם איז די איצטיקע יידישע קאַ־טאַסטראָפע דער טרויעריקער פאַרשפּיל. קאָן זי דאָס? יאָ. דאָ וועט איר צו גרויסער הילף זיין, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך די פאַרקינסט־לערונג פון דער משיח־געשטאַלט ניט פון איר אָרטאָדאָקסישן פאַרגליווערטן צושטאַנד, ווען זי האָט געדינט בלויז צו קאָנסערווירן דעם יידישן קיום, נאָר פון אירע אַקטיווע געשיכטלעכע מאָמענטן, ווען זי האָט געווירקט מיט אַנשטעקנדיקער קראַפט, פאַרכאַפּנדיק מאַסן אין מענטש־באַשעפערישן אי־

בערגעבורט־פּראָצעס.

נאָך איין הויפּט־תנאי דאַרף נאָך צוקומען. דער אַקטיווער רעליגיע־זער משיחיזם איז געווען אחרית־הימימדיק, איבערקערעריש, נייע־אָרדע־נונג־בויעריש. אַזוי דאַרף אויך דער פּאַרקינסטלעכט־פּאַרוועלטלעכטער משיחיזם זיין. ער מוז גיין צוזאַמען מיט נייע־אָרדענונג־בויאונג. — אָ־דער הויפּט־תנאי איז ניט אומעטום דאָ.

און די יידישע ליטעראַטור אין „חוץ־לארץ" איז געשטערט געוואָרן צו פולער פאַרקינסטלערונג פון משיחיזם ניט נאָר דורך דעם יידישיסטישן פאָרמאַליזם, נאָר אויך דורך דעם, וואָס עס האָט געפעלט די געזעלשאַפט־לעכע מאַטעריע, אויף וועלכער די משיחיזירונג אָנצוואווענדן. מיט פולן עפעקט וואָלט עס זיך ערשט דערלאַנגט דאָרט, וואו דאָס יידישע לעבן בויט זיך איבער פון אָנהויב אָן, פון גרונט אויס.

דאָס וואָלט געקאָנט געמאָלט זיין אין ארץ־ישראל — לאָזן זיי אָבער יידיש, מיט דער יידישער ליטעראַטור, דער משיח־טרעגערין, צו דער קבוצה ניט צו. בלייבט סאָוועט־רוסלאַנד, וואו צו יידיש איז באַוויליקט געוואָרן די העכסטע פּריווילעגיע — צו זיין די רעגירונגס־שפּראַך, און וואו אויף דער יידישער ליטעראַטור איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ חוב צו באַגלייטן דעם יידישן סאָציאַליסטישן איבערבוי און אָנצולאָדן די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם מיט סאָציאַליסטישן אינהאַלט. דאָ ערשט, ביי דער איבערקערעניש־איבערבוי אַרבעט אין די שטאָטישע קאָמונעס און דאַרפישע קאָלכאָזן פון די יידישע אויטאָנאָמע ראַיאָנען פון דרום־רוסלאַנד און בירא־בידזשאָן, וואָלט די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם זיך פאַנאַנדערגעעפנט ביז צו איר סאַמע עצם — ביז צום פורעם פון יידישן נפש, וואָס פורעמט, געשטאַלטיקט, משיחיזירט גלויבנס־ענערגיע אויף פאַרטאָן צו ווערן אויף מענטש־און אָר־דענונג־בויאונג. דער סאָציאַליזם וואָלט אַריינגעלאָפן ניט אין דער יידי־שער שפּראַך־פאָרם בלויז, נאָר אין די יידישע מעשי־ידים, אין יידישן לייב און לעבן — ביז צו דער פולער צונויפשמעלצונג פוןביידע העלפטן פון דער פאָרמולע: „נאַציאָנאַלע פאָרם, סאָציאַליסטישער אינהאַלט".

3. דער הויפּט־תנאי פאַר סאָציאַליסטישער בויאונג

איצט, אַז איך האָב אַרויסגעבראַכט דעם פולן מיין פון יידישער נאַ־ציאָנאַלער פאָרם, קאָן איך גיין קיין בירא־בידזשאָן, אין די יידישע אויטאָ־

נאָמע ראַיאָנען, כדי אַריינצוטאָן אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָרם סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

יאָ, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — דאָס פאַרבאָטענע וואָרט משיח וועט מיך פאַרהאַלטן, און איך וועל קיין טראָט ניט קאָנען מאַכן.

עס וועט מיר ניט העלפן מיין גאַנצע אַרגומענטאַציע פון ביז אַהער — ניט דער אַרגומענט, אַז עס איז פעסטגעשטעלט אויסער יעדן ספק, אַז יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געשטאַלטונגס־פּייאיקייט פון אויסערגעוויינלעכן גראַד, און אַז דער משיחיזם איז ניט מער ווי דער העכסטער אויסדרוק פון אָט־דער יידישער גרונט־פּייאיקייט. דער ענטפער וועט זיין: עס שטאַמט פון רעליגיע, און וואָס פון רעליגיע איז אַפּיום. — און ניט דער אַרגומענט, אַז די אָפּשטאַמונג פון רעליגיע איז קיין בייז ניט. וואַרפט מען אַראָפּ די טעאָלאָגיע, איז משיחיזם ריין קינסטלערישער פאַרגעשטאַלטיקונגס־דראַנג. אַ ראיה האָבן מיר, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט דעם משיחיזם שוין היפשלעך פאַרוועלטלעכט. און דער פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג פון קינסטלערישן עצם פון רעליגיע קאָן נאָך געטריבן ווערן טיפער און ווייטער. — דער ענטפער וועט זיין דערזעלביקער: עס שטאַמט פון רעליגיע, און וואָס פון רעליגיע, איז אַפּיום!

און עס וועט מיר גאָרניט העלפן, ווען איך וועל צוגעבן אַ לעצטן אַרגומענט, אַז אויב דער פּראָלעטאַריאַט מעג ירשענען דעם מאַטעריעלן קאַפּיטאַל פון די דורות, ניט געקוקט דערויף, וואָס די בורזשואַזיע האָט אים געהאַלטן אין אירע הענט, פאַרוואָס זאָל ער ניט טאָרן ירשענען דעם פּסיכישן קאַפּיטאַל, ניט געקוקט דערויף, וואָס די אָרטאָדאָקסיע האָט אים געהאַלטן אין אירע הענט. — די בורזשואַזיע און די אָרטאָדאָקסיע פּסלן ניט די אָנגעזאַמלטע ווערטן.

אַלע מיינע אַרגומענטן וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן. און איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט, ווי — ניט פאַרענדיקנדיק דעם וויכוח וועגן „אַפּיום" — אַריבערכאַפּן זיך קיין סאָוועט־רוסלאַנד, אין דער יידישער סאָציאַליסטישער בויאונג אַריין, און פון דאָרט, „בויערנדיק פון אינעווייניק", אַרויסהויבן אַ נייעם אַרגומענט — זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ מאַרקסיטישן אַרגומענט, אַניט וועל איך ווידער אַמאָל ביי זיי גאָרנישט פועלן. — ווי קומט צו מיר מאַרקסיזם? — וועלן זיי מיך פרעגן. גוט, ווען איך וועל צו קורץ קומען אין מאַרקסיזם, וועל איך רופן צו הילף לענינען.

איך וועל דאַרפן לענינס הילף, כדי עס זאָל מיר דערלויבט זיין אויסצופירן, אַז אַ וויזיע־געשטאַלט קאָן יאָ אַריינשפּילן אין דער אויספורעמונג פון סאָציאַליזם — פאַר מיין ענדגילטיקן אויספיר, אַז די יידישע סאָציאַ־

ליסטישע בויאונג אַן סאַוועטן־לאַנד קומט טאַקע צו קורץ דערפאַר, ווייל עס פעלט איר דער וויזיאַנעריש־געשטאַלטנדיקער עלעמענט, און וויפיל מער זי וואָלט דערגרייכט, ווען זי וואָלט אַריינגעהאַפּטן אין זיך אָט דעם עלעמענט.

כדי צוצוקומען צו דעם אויספיר, וועל איך דאַרפן אָנהייבן דערפון, אַז עס איז ניטאָ קיין איין פּאַרטיקע מאַרקסיסטישע סכעמע פאַר אַלע מעג־לעכע היסטאָרישע סיטואַציעס . . .

(האָט לענין עפּעס אַ סך רעספּעקט געהאַט פאַר פּאַרטיקע סכעמעס ?)

מען וועט סיי ווי סיי דאַרפן איבערקוקן דעם מאַרקסיזם, כדי צו גע־פינען אין אים די עלעמענטן, וואָס זאָלן געבן צו פאַרשטיין די פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע — אָט דעם פאַקט, אַז לכל הפחות דורך אַ העלפט פון זייער געשיכטע האָבן יידן געקיומט אָנגעהאַנגענע אויף אַ גייסטיקן אי־בערבוי, וואָס האָט פילפאַך איבערשטיגן אין דער ברייט און אין דער הויך זייער פיצעלע עקאָנאָמישע סיטואַציע: זאָל מען שוין פאַראייניגעס אי־בערקוקן דעם מאַרקסיזם צו געפינען אַ דערקלערונג פאַר דעם צווייטן יידיש־געשיכטלעכן פאַקט: — עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן ביי יידן, אַז אַן אויפגעשפּילטע, אַקטיוויזירטע וויזיע־געשטאַלט האָט איבערגעפור־רעמט זייער אָביעקטיווע ווירקלעכקייט אין ווייניקער צייט, וויפיל עס וואָלט גענומען צו פירן אַ מלחמה — אַרויסראַטעווענדיק זיי פון אוממעגלעכע סיטואַציעס.

וויזיע־געשטאַלט געהערט צו דער אינטערפּרעטאַציע, וועלכע איז דער אויבערשטער, רירעוודיקסטער טייל פון גייסטיקן איבערבוי — דער באַ־וואוסטזיניקער, אַקטועלער, היינט־צייטיקער אויסטייטש פון דער ווירק־לעכקייט.

ניט איבערקוקנדיק דעם מאַרקסיזם, אויסווייניק וויל איך זאָגן, אַז די קליין־מאַרקסיסטן פאַרזעען די ראָלע פון אינטערפּרעטאַציע; זיי מאַכן בכלל אַ צו שאַרפן חילוק צווישן מאַטעריעלן אונטערשלאַג און גייסטיקן איבערבוי, וואָס ביידע זיינען זיי פון איין שטיק — איין ענערגיע־קאָמ־פּלעקס, — וואָס איינס גייט כסדר איבער אין דאָס אַנדערע. עס וואָלט מיך פאַרפירט אין אַ צו ווייטער חקירה אויסצושפּרייטן די באַהויפּטונג ביז אַ כלל אויפן וועלט־אַל — אַז גייסטיקע ענערגיע האָט מאַטעריעלע ממשות, און פאַרקערט אויך. אָבער בנוגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערשיינונגען איז אַן פילאָזאָפיע קלאָר, אַז דריי חלקים פון זיי זיינען איינגעשטאַנענע, פאַר־גליווערטע גייסטיקייט — „איבערבוי" — אַמאָליקע אינטערפּרעטאַציע. בלויז אַ פערט־חלק איז מאַטעריעל געצייג, וואָס אַז מען וויל, אַנהויבנדיק

פון ווייט־ווייט, קאָן עס אויך רעדוצירט ווערן צו פאַרגליווערטער גייסטי־קייט.

(אויב אַזוי, האָט דער פאַרגליווערטער גייסטיקער איבערבוי, וואָס אי־בער דער יידישער עקאָנאָמיק, אויך געהערט צום סאַמע וועזן פון דער עקאָנאָמיק. און די גייסטיקייט איז ניט געקומען פון ערגעץ ווייט, פון אַן אַ זייט, מן השמים אָדער פון אַ תלמיד־חכמס קאָפּ, ווי די אידעאַליסטן ווילן האָבן, נאָר ווי די מאַרקסיסטן ווילן, איז עס געווען אַ דירעקטער אָפּענט־פּער דער יידישער עקאָנאָמיק. דער מאַרקסיזם הייסט אָפּענטפערן, ניט אויסווייכן קיין ענטפער, אָבער ער ווייזט ניט אָן ווי גרויס דער ענטפער דאַרף זיין. אַמאָל, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי יידן, ווען עס איז נוי־טיק פאַר די צוועקן פון קיום, קאָן דער אָפּענטפער פילפאַך איבערשטייגן די עקאָנאָמיק, וואָס האָט אַרויסגעפאָדערט דעם אָפּענטפער. — כדי יידן זאָלן זיך קאָנען האַלטן אויף פאַרמיטלעריי און ניט פאַלן פון די פיס, האָט זיך ביי זיי געמוזט צעוואַקסן דער קאָפּ, כדי ווען נויטיק צו קאָנען זיך האַלטן אויף זייער „גרויסן קאָפּ". דער יידישער „גרויסער קאָפּ", מיט דער יידישער פאַרמיטלעריי צוזאַמען, האָבן אויסגעמאַכט די יידישע עקאָ־נאָמיק אין ברייטן זין פון וואָרט. — מיט וואָס איז אַזאַ מאַרקסיסטישער פירוש בעסער ווי דער אידעאַליסטישער „מן השמים"? — ווייל דער פירוש שטרייכט אונטער די גרויסע ראָלע, וואָס קאָפּ אַרבעט, אינטער־פּרעטאַציע שפּילט אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע דערשיינונגען.)

אויב דריי־פערטל פון אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער דערשיינונג איז פאַר־גליווערטע אינטערפּרעטאַציע, דעמאָלט קאָן פּאַסירן, אין הייסע צייטן, אַז די אויבערשטע העלפט פון דער דערשיינונג זאָל זיך צעשמעלצן; און ווען זי וועט האָבן צייט זיך איינצושטעלן, וועט זי אַליין ווערן אַ טייל פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער דערשיינונג. און אין רעזולטאַט, וועט אַ „סוביעק־טיווע" אינטערפּרעטאַציע האָבן שעפעריש געענדערט אַן „אָביעקטיווע" סי־טואַציע. אָביעקטיוויטעט אינטערפּרעטירט איז ניי־געשאַפענע אָביעקטי־וויטעט.

און דאָ, ביי דער אַרויסהויבונג פון דער גרויסער ראָלע פון אינטער־פּרעטאַציע, גיט מיר לענין זיין גרעסטע הילף. אויב ניט אָפן מיט זיין טעאָריע, איז מיט זיין פּראַקטיק לערנט ער אַז ווען עס איז דאָ אַ סיטואַציע, מיינט עס נאָך ניט, אַז אַלץ איז שוין דאָ; עס דאַרף נאָך צוקומען אַן אינטערפּרעטאַציע צו פאַרענדיקן די סיטואַציע.

דריי הויפּט־אינטערפּרעטאַציעס האָבן זיך געראַנגלט פאַר באַהערשונג פון דער צעשמאָלצענער דורך דער מלחמה־שרפה סאָציאַל־עקאָנאָמישער

סיטואַציע אין רוסלאַנד פון 1917 : — די עס־ערישע, די מענשעוויסטישע — ביידע לויט פאַרטיקע סכעמעס — און די אינטערפּרעטאַציע פון לעני־נען, וועלכער אין זיין געוואַגטקייט האָט פאַר סכעמעס קיין מורא ניט גע־האַט ; ער האָט זיין סכעמע אַלץ מער געשפּאַרט, לויט ווי די סיטואַציע האָט זיך געלאָזט שניידן. וועלכע אינטערפּרעטאַציע איז די אמתע ? די וועלכע וועט זיגן, ווייל זי ענטפערט טיפער און ברייטער אויף דעם יושר־און הונגער־געשריי פון צאָלרייכערע מיליאָנען ; דערפאַר וועט די אינ־טערפּרעטאַציע אָנזאַמלען הינטער זיך מער כוחות. און די גראַנדיעזע לענינישע אינטערפּרעטאַציע פאַר אַ גרינטלעכער איבערקערעניש איז איצט די סאָציאַל־עקאָנאָמיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס פאַר אַ מעטאָד האָט ער גענוצט ? דעם מעטאָד פון סיסטעמאַ־טישער אינטערפּרעטאַציע, און דערצו פון דער אינטענסיווסטער אינטער־פּרעטאַציע, וואָס מיר פאַרמאָגן נאָר — דער קינסטלערישער. איז עס אַ סעקרעט, אַז לענין, הגם ער האָט קיין לידער ניט געשריבן, איז אין דער פּראַקטיק געווען אַן ערשט־גראַדיקער קינסטלער ? — פון די קינסטלערי־שע מעטאָדן האָט ער מיט פאָרליבע גענוצט דעם מעטאָד פון טעאַטראַלי־זאַציע, וואָס ווירקט אופן מוח דורך אויג און אויער און דערלאַנגט זיך צו מאַסע. — אָנהויבנדיק פון די צוויי דעמאָנסטראַציעס מיט געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן אין פּעטראָגראַד, וואָס האָבן באַשלאָסן דעם גורל פון דער קערענסקי־רעגירונג, האָט דער שטראָם טעאַטראַלישקייט אַלץ מער זיך געשפּרייט : מאַניפעסטאַציעס, פאָלקס־יום־טובים, טעאַטראַליזירטע פּראָ־צעסיעס און פּראָצעסן . . .

און אַ צווייטן קינסטלערישן מעטאָד האָט ער גענוצט — אפשר ניט אַזוי בכיוונדיק, נאָר ער האָט עס דערלויבט — דער מעטאָד וואָס איז מיר געפעלן און וואָס איך פּראָפּאַגאַנדיר אים איצט דאָ : — ביי די אַלע טעאַט־ראַליזאַציעס האָט ער פאַר דער מאַסע געלאָזט פאַרשוועבן אַ מוסטער־גע־שטאַלט — די וויזיע פון אויבער־קאָמוניסט, פון „איליטשן". און ביידע מעטאָדן צוזאַמען האָבן דורכגעזעצט זיין לענינשע אינטערפּרעטאַציע, וואָס האָט איבערזעצט די לכתחילה שאָקלדיקע באָלשעוויסטישע מינאָריטעט אין אַן אייזנפעסטער מאַיאָריטעט.

(לענין האָט געהאַט זיין פאַרגענגער אין ראַבעספּיערן, וועלכער, ווען ער האָט געוואָלט אָנצינדן די פראַנצויזישע יוגנט מיט התלהבות פאַר מלחמה קעגן דער מאָביליזירטער אייראָפּע, האָט ער פאַר איר געלאָזט אויפשפּילן דעם יום־טוב לכבוד דער געטין פאַרנונפט, מיט אים אַליין, ראָ־בעספּיערן, פאַר אַ כהן גדול. — און צום אומגליק האָט לענין אויך געהאַט

זיינע אימיטאַטאָרס: אין מוסאָליניין און היטלערן. סיי דער פאַשיזם און סיי דער נאַציזם קאָפּירן פון אָקטאָבער סיי די טעאַטראַליזאַציע, סיי די מוסטער־געשטאַלט: דער „דוצע", דער „פירער". און די אימיטאַציע גיט זיי זייער שוואַרצע גבורה — עס איז אין דער טבע פון דער סיטרא אחרא — פון דעם שקר, וואָס פאַרשטעלטט זיך פאַר אמת — צו אימיטירן).

ווען אָקטאָבער האָט זיך איינגעשטעלט און עס איז געקומען צום סאָציאַלן איבערבוי, איז אויף דער טעאַטראַליזאַציע אַרויפגעלייגט געוואָרן נאָך אַ גרעסערע עובדא: דאָס איבערשפּילן די אַלט־אָרדענונג אין נייאָרדענונג, דאָס אַריינשפּילן די געשטאַלט פון אויבער־קאָמוניסט, פון „אילי־טשן", אין מאַסן־מענטש; און אויף דער אָנרעגונג פון אויבן האָט אַן אמתער טעאַטער־מבול זיך פאַנאַנדערגעפלייצט איבער סאָוועטן־לאַנד: דראַמע־קלובן אין יעדן אַרבעטער־קעמערל און „אַגיט־דראַמעס" וואָס פלעגן פאַרפאָרן אויף פּלאַטפאָרמעס אין די פאַבריק־קאָמונעס, שפּעטער צו אין די קאָלכאָזן.

אָבער דאָ, ביי דער סאָציאַל־עקאָנאָמיק, אַנדערש ווי ביי דער פּאָליטיק האָט די טעאַטראַליזאַציע זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ מניעה — פון וואַנען די מניעה?

לעניין און נאָך זיין טויט זיינע נאָכפאָלגער האָבן, דאַכט זיך, געטאָן דאָסזעלביקע וואָס פריער: זיי האָבן טעאַטראַליזירט. איז טאַקע אמת, אַז טעאַטראַליזירטע, געשפּילטע ליטעראַטור ווירקט שטאַרקער ווי געזעץ אָדער פּראָפּאַגאַנדע: געזעץ צווינגט די הענט זאָלן פאָלגן; פּראָפּאַגאַנדע באַרירט אידייאיש דעם שפּיץ מוח. שפּיל דרינגט טיפער אין מוח אַריין, זי שפּילט דעם מוח איבער; און זי גיט די ענדגילטיקע אידייאישע אינטערפּרעטאַציע, פאַרזיגלט זי. און די קאָמוניסטישע אינטערפּרעטאַציע איז געוואָרן אַ טייל פון דער סאָוועטישער סאָציאַל־עקאָנאָמיק, אויף וויפיל זי איז געבונדן צו די מוחות — צו באַגריפן און אידייען. איז דאָ געשען, אַז די מוחות זיינען איבערגעשפּילט געוואָרן, און ביי די מוחות האָט די איבערטייטשונג פון אַלט־אָרדענונג אין ניי־אָרדענונג זיך אָפּגעשטעלט: די הערצער זיינען ניט גענוג איבערגעשפּילט געוואָרן, די מיליאָנען האָבן אויסגעצייכנט געוואוסט, וואָס די רעגירונג הייסט זיי צום גוטן טאָן, אָבער אַ צאָל פון זיי האָבן געפאָלגט מיט אומווילן — והראיה עס איז געווען סאַבאָטאַזש און פוילענצעריי; והראיה נאָך עד־היום זיינען נויטיק דעקרעטן צו לערנען דיסציפּלין, צו צאַמען דעם אומווילן פון ווידערשפּעניקן „אַלט־מענטש" . . .

ווער איז שולדיק? ניט האָבנדיק קיין חשק אַריינצומישן זיך אין סאָ־

וועטישע פּאַרטיי־עניינים, וועל איך זאָגן: קיינער ניט! די פּאָליטיק האָט אירע גרענעצן; זי איז פאַרנומען מיט דער אויסערלעכער לעבנס־אָרדענונג. און די סאָוועטישע פּאָליטיקער זיינען פאַרנומען מיט איינשטעלן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, און הגם פּאָליטיקער־קינסטלער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען ווי צו מאָביליזירן דעם טעאַטער פאַר אַקטיווער מיטהילף, אָבער פּאָרט פּאָליטיקער, און מעשה פּאָליטיקער גלויבן זיי באמונה שלמה, אַז אָרדענונג קומט פריער, און אַז די מענטש־מאַסע וועט זיך אַריינלעבן אין איר, פריער אָדער שפּעטער, גערן צי אומגערן. דאָס איז דער באַנעם פון פּאָליטיקער. אָבער דער אמת איז דאָך, אַז ביידע — מענטש און אָרדענונג — זיינען איינס. די נייע סאָציאַליסטישע אָרדענונג איז ניט קיין דירה, וואו דער מאַסע־מענטש דאַרף זיך אַריינציען, און די אַלטע אייגנטום־אָרדענונג, מיט אירע גלוסטן, מיט איר שנאה און קנאה, איז ניט קיין דרויסן, פון וואַנען דער מאַסע־מענטש דאַרף זיך אַרויסציען. ער איז אין דער אָרדענונג, די אָרדענונג איז אין אים. און דער איבערגאַנג צום סאָציאַליזם האָט געמיינט פאַר אים אַ געוואַלט־ריס אין זיין פּסיכאָלאָגיע. דערפאַר, וואָס עס איז אַזוי לייכט געווען צו פועלן ביי אים אין אָקטאָבער, אין דער פּאָליטיק, וואו עס איז גענוג געווען, ער זאָל זיך אַריינשפּילן אין דער לעבנשער אינטערפּרעטאַציע — מיט זיינע הענט, מיט זיין שפּיץ מוח — דורך אַ צייטווייליקער דרויסנדיקער האַנדלונג — איז ניט אַזוי לייכט צו פועלן ביי אים אין דער נאָך־אָקטאָבערדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בויאונג, וואו עס איז נויטיק ער זאָל זיך אַריינשפּילן אין דער אינטערפּרעטאַציע מיט זיין גאַנצן וועזן — דורך אַן אָנגעשטרענגטער דויערנדיקער אינעווייניקסטער האַנדלונג. — דערפאַר איז דער מאַסע־מענטש צו קורץ געקומען; דערפאַר זיין אומווילן — מיט די אומפאַרמיידלעכע פאַר די פּאָליטיקער, וואָס עוסקן זיך אַרום אים, קאָנזעקווענצן . . .

(ווען איך זאָג „פּאָליטיקער", מיין איך ניט דווקא די פּאָליטיקער, וואָס רעגירן איצט סאָוועט־רוסלאַנד. אויך די פּאָליטיקער וואָס זייער סגולה פאַרן דערפאָלג פון סאָציאַליזם איז דעמאָקראַטיע; און די פּאָליטיקער, וואָס זייער סגולה איז: „פולע פרייהייט" — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פון כל־המינים — אויך זיי זיינען אָרדענונג־בויער אַרום מענטשן אָן מענטשן. און ווען זיי וואָלטן אָנפאַרטרויט געוואָרן מיט סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָלטן זיי ניט אַנדערש געווען. און וואו זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו עקספּערימענטירן, האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי זיינען ניט אַנדערש.)

למען האמת דאַרף מען צוגעבן, אַז די סאָוועטישע פּאָליטיקער האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט דעם אומווילן פון מאַסע־מענטש צו פאַר־

מינערן; זיי האָבן מאָביליזירט ניט נאָר דעם טעאַטער, נאָר די גאַנצע ליי־טעראַטור מאָביליזירט פאַר סאָציאַליסטישער בויאונג. און געגעבן די שריפטשטעלער דעם ערן־טיטל: אינזשינערן פון דער נשמה! — און פּליי־סיק שפּרייטן זיי קולטור. זיי האָבן אָפּגעשאַפט אַנאַלפאַבעטיזם; און עס איז שוין באַלד דאָ אַזויפיל אוניווערזיטעטן, ווי אַמאָל גימנאַזיעס. און זייער הויפּט־אויפמערקזאַמקייט שענקען זיי אָוועק דער סאָציאַליסטישער דערציאונג פון דער יוגנט. זי, וועלכע האָט פון דער אַלטער אָרדענונג ניט געוואוסט, איז פאַר זיי די קינפטיקע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, און זיי לייגן אַלץ מער געוויכט אויף די ניי אויפגעקומענע טוער פון דער יוגנט.

איז דאָס אַלץ זייער גוט, אָבער ניט גענוג. די ליטעראַטור, די קול־טור, די דערציאונג פון דער יוגנט — זיי וועלן ניט איבעריק מאַכן, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדענונג זאָל מוזן אַרויסקריגן די פולע הסכּמה פון די „אַלטע לייט”, וועלכע האָבן פון דער אַלטער אָרדענונג געוואוסט, און וואָס זי זיצט נאָך אין זיי. דערציאונג גרייכט אַפילו ווייטער פון פּראָפּאַגאַנדע, אָבער ביז צו די וואָרצלען, פון וואַנען עס שפּראָצט און וואַקסט און בליט זיך פאַנאַנדער נייע אָרדענונג, גרייכט זי ניט. מיט דער יוגנט, וועלכע קריגט די סאָציאַליסטישע אָרדענונג געשאַנקען און ווערט נאָך דערצו באַ־לוינט מיט פּריווילעגירטע פּאָזיציעס — מיט דער יוגנט איז מען ניט גאַ־ראַנטירט, אַז ווען עס ווערט פאַרלאַנגט פון איר אַ קרבן, זאָל זי ניט אָפּ־ענטפערן מיט אַ פּסיכאָלאָגישער „רעאַקציע”. זי איז ניט „אימוניזירט”. זי האָט זיך ניט דורכגעראַנגלט צו דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג דורך אַן איבערלעבונג, וואָס טרייסלט דורך דאָס גאַנצע וועזן, ברענט איבער יעדן נערוו און קאָכט איבער דאָס בלוט. וואָרים ביז מען איז ניט מסכּים מיטן גאַנצן וועזן און מיט יעדן נערוו, פאָדערט זיך דאָך אַ „צדיק” זיין, אַ „היי־ליקער” זיין, כּדי איינצולעבן זיך אין אַ סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו. דאַרף די עלטער צוזאַמען מיט יוגנט מאַכן דעם איבערגאַנג — די ערשטע פון אַלט־אָרדענונג צו ניי־אָרדענונג, די צווייטע פון געשאַנקענער צו פערזענ־לעך פאַרדינטער אָרדענונג — דורך טבילה אין אייגענעם בלוט.

וואָס־זשע פאָדערט זיך דערצו? — די פּאָליטיקער, וואָס זייער עסק איז „אָרדענונג”, וועלן לאַכן. אָבער שריפטשטעלער, קינסטלער, וואָס זייער עסק איז „נשמה”, טאָרן ניט לאַכן: עס פאָדערט זיך די איבערגע־בורט פון מענטשן, זיין איבערגעשטאַלטונג, לויט אַ מוסטער־געשטאַלט. און ניט מיט יחידים דאַרף עס געשען — יחידים זאָלן זיך איזאָלירן, כּדי צו האָדעווען דעם צדיק אין זיך. יחידים־צדיקים וועלן פאַרלאָרן גיין אין דער מענטשן־מאַסע. אָרדענונג איז געמיינשאַפט. די אָרדענונג זיצט ניט

אין פאַראיינצלטן מענטשן, נאָר אין דער מענטש־שותּפות. און „אין מוקדם ומאוחר" — וואָס דאַרף עס געטייטשט ווערן: נישט פריער און נישט שפּעטער. ניט די אָרדענונג פריער און דערנאָך דער מענטש; און ניט דער מענטש פריער און דערנאָך די אָרדענונג. נאָר גלייכצייטיק דאַרף עס געשען: דער איבערבוי פון דער אָרדענונג מיט דער איבערגעבורט פון דער מענטשן־מאַסע. עס איז איין פּראָצעס פון מענטש־אָרדענונג־פורע־מונג.

בין איך צוגעקומען צו מיין ציל־פּונקט. דאָ רייס איך אויף מיין „דינאַמיט": אַנדערש ווי אין אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע, קאָן אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג־בויאונג ניט אויסגעמיטן ווערן דער האַסטי־קער, מאַסנהאַפּטיקער איבערגעבורט־פּראָצעס, די מענטש־באַשעפערישע עקספּלאָזיע. אָן דער עקספּלאָזיע קאָן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע קיינמאָל זיך ניט פאַרענדיקן. אַמאָליקע צייטן איז עס געווען די רעליגיע, וואָס פלעגט די עקספּלאָזיע צושטעלן — דורך אַ „הייליקער מגפה", אַן אָנגעשטעקטע פון דער משיח־וויזיע. און לאָזט מען רעליגיע, מיט איר משיחן, איבערן סאָוועטישן גרענעץ ניט אַריבער, וועט מען זיך מוזן איינבעטן ביי דער לי־טעראַטור, זי זאָל דעם אומבאַדינגט נויטיקן צוגאָב צו סאָציאַליסטישער בויאונג צושטעלן.

מיט אַ להבדיל אָדער אָן אַ להבדיל — „טרייבט דעם טייוול דורכן פענצטער, וועט ער אַריינשפּרינגען דורכן דיל".

זיינען עס די שריפטשטעלער די יעניקע, וואָס האָבן די שליסל אויפ־צועפענען די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. זאָלן די פּאָליטיקער טאָן וואָס זיי קאָנען אַרום דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. אָבער פון די שריפט־שטעלער פאָדערט זיך, זיי זאָלן האַנדלען לפנים משורת הדין: ניט נאָר איינזשעניערן פון דער נשמה זאָלן זיי זיין, וואָס מייסטערן די נשמה ווי אַ קאַפּיע פון דער אָרדענונג; נאָר איינזשעניערן־כעמיקער, דערפינדער און אַנטדעקער פון נשמה — וואָס באַשאַפנדיק די נשמה, קאָפּירן זיי גלייכצייטיק די אָרדענונג פון איר אַראָפּ.

און די יידישע סאָוועטישע שריפטשטעלער — זיי האָבן מער ווי אַ שליסל; זיי האָבן דעם יידישן מענטש־טיפּ, וואָס קאָן דינען ווי אַ שליסל דעם מענטש־טיפּ, דורך וועלכן עס זעצט זיך דורך דער קאַרדינאַלסטער יידישער איינשטעל: מענטש־באַשאַפונג „בצלם" — מענטש־געשטאַלטער — מענטש־מייסטערס, וואָס וואַרפן פון זיך וויזיע־פורעמס, וואָס שמעלצן

אויס מענטש־געשטאַלט. — זיי זיינען משיחס אייניקלעך, אָדער דעם בעל־שמס אייניקלעך, וואָס נוצן זיך אַליין ווי מאָדעלן פאַר זייערע וויזיעס; אָדער אַפילו שבתי צבים אייניקלעך — טעאַטראַלן, וואָס שפּילן „געשטאַלט" לויט פאַרטיקע מוסטערן.

דאָ וואַרט די יידישע ראָלע אין דעם צוגאַנג צום סאָציאַליזם. דאָ גרייט זיך אַ טריאומף פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. דאָ וועט די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם, מיט דער שפע פון גייסטיקער ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פון דעם אייגנאַרטיקן אופן ווי דער יידישער קיום האָט מקיים געווען דעם מאַרקסיזם — אָנגעהאַנגען אויף אַ גייסטיקן אי־בערבוי, וואָס האָט פילפּאַך איבערגעשטיגן די יידישע עקאָנאָמיק — דאָ וועט די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם אָנגעלפן ווערן מיט סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

„סאָציאַליסטישער אינהאַלט" מיינט ניט, אַז די ליטעראַטור קאָן יוצא זיין מיט סאָציאַליסטישן שטייגער־שטאָף, באַשפּרינקלט מיט פּראָפּאַגאַנדע־שטויב; נאָר עס מיינט אַ סך מער — לאָזן אויפגיין און געדייען צוקונפט־אָרדענונג פון דעם שפּאָגל־ביי זיך שאַפנדיקן צוקונפט־מענטש אַרויס.

קאָנען מיר איצט זיך ווענדן צו דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור: — וואָס האָט זי געטאָן אין דער ריכטונג, און וואָס האָט זי נאָך ניט דער־טאָן?

4. אַ מעגלעכער טריאומף פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור

א

דער סך־הכל פון מיין ביז־אַהעריקער אַרגומענטאַציע קאָן צוגעפירט ווערן צו צוויי אַרגומענטן:

מיין ערשטן אַרגומענט האָב איך אַרויסגעצויגן פון דער יידישער נאַ־ציאָנאַלער פאָרם. נאַציאָנאַלע פאָרם איז ניט דער שניט פון פּנים, נאָר אָן איינשניט אין דער טיף פון גייסט. פאָרם איז פורעם — דער פורעם, אין וועלכן עס האָט זיך אַריינגעשמאָלצן און פון וועלכן עס שמעלצט זיך אַרויס די אָנגעזאַמלטע נאַציאָנאַלע ענערגיע. נאַציאָנאַלע פאָרם איז די אָנזאַמ־לערין און די אויספלייצערין פון ענערגיע. די יידישע נאַציאָנאַלע ענערגיע דערלאַנגט זיך צום עפעקטפולסטן — ערשטנס, ווען דער ייד האַנדלט לויט פאַראויסגעשיקטע וויזיאָנערישע מוסטער־געשטאַלטן. אַזוי איז געווען אין די אַמאָליקע יידישע משיח־באַוועגונגען, און אַזוי איז אויך טיילווייז היינט אין די יידישע סאָציאַלע באַוועגונגען. די יידישע ליטעראַטור שטייט

אויך פאַר אַן עדות אויף אַט־דעם יידישן געשטאַלטונגס־דראַנג — וועל־כער איז דער קאַרדינאַלסטער יידישער פסיכישער איינשטעל.

די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם שליסט אויך איין התלהבות פאַר יושר. יושר גיט דעם יידן זיינע געהויבנסטע אינספּיראַציעס. יושר איז דער קוואַל פון טאַלאַנט ביים יידן און אַמאָל אויך פון געניאַליטעט. און שליסט אויך איין די יידישע תביעה אויף אַ ראָלע, נאָך מער: אויף אַ הויפּט־ראָלע ביים וועלט־איבערשאַף. מיר מוזן די תביעה אָננעמען ניט אויס יידישער גדלות, ניט אויס אתה־בחרתנושאַפט, נאָר אָט־די תביעה איז דעם יידנס זכות־הקיום. נעמט מען ביים יידן אַוועק די ראָלע, וואָס ער האָט זיך צו־געזאָגט, עקט זיך זיין חיות אָפּ, איז אויס מיט דעם יידן. ווייל אויף אָט־דעם צוזאָג האָט ער זיין קיום אָנגעהאַלטן דורך טויזנטער יאָרן אוממעג־לעכקייט פאַר קיום. מען חזרט אַזוי נאָכאַנאַנד: „קיום, קיום, קיום!" אַז דאָס סאַמע וואָרט „קיום" איז אַזש פריקרע געוואָרן מיט זיין לײדיקייט, און עס ווילט זיך אַמאָל אין פּראָטעסט אויסשרייען: מוחל אויף קיום! אַ פאָלק מעג אויפהערן „קיומען", ווען זיין קיום איז ווערטלאָז. און ווירק־לעך, אַ פאָלק וואָלט געמעגט אונטערגיין, ווען עס וואָלט געפונען געוואָרן אַ וועג ווי איבערצוגעבן זיין לעבנס־ענערגיע צו אַן אַנדער פאָלק און זי זאָל זיך איינהאַלטן גאַנץ. אָבער דאָס איז אוממעגלעך. צעברעכט זיך די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם, צערינט זיך איר פסיכישער אינהאַלט; ווערט פאַרשוועַנדט און פאַרשוואונדן אַן אוצר פון ווערטפולער מענטש־ענערגיע צום שאָדן פון דעם יידן, צום שאָדן פון גאַנצן מענטשלעכן מין, וואָס דאָס טאָר ניט דערלאָזן ווערן. דערלאָזט מען עס, איז עס רציחה און שפיכת־דמים!

בסוד נעמען די ראָלע אָן אַפילו די וואָס לייקענען זי מיט זייערע גע־דאַנקען און רייד. אָבער מיט זייערע מעשים זיינען זיי מסכים. אַניט וואָס „קערן זיי וועלטן" — ווייט איבער דער פּראָפּאָרציע, צו וועלכער עס באַ־רעכטיקט אונדז די יידישע שניידער־אינדוסטריע?

אָט־די דריי קאַרדינאַלע פסיכישע איינשטעלן: אויף געשטאַלט, אויף יושר, אויף יידישער ראָלע — געהערן צו דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָרם. פאַראַן נאָך אַ פערטער קאַרדינאַלער איינשטעל, וואָס איך האָב אים בלויז אגב־אורחא דערמאָנט: — דער איינשטעל אויף גלויבן. די גייסטיקע ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט דורך די דורות, האָט זיך דערטראָגן צו אונדז אין דער אָנגעשפּאַנטער פאָרם פון גלויבן. איך מיין דאָ ניט דעם גלויבן, וואָס איז אָנגעהאַנגען אָן אַ זאַך, וואָס איז „תלוי בדבר", דעם מצווה־גלויבן, נאָר דעם גלויבן ווי אַ פסיכישע פונקציע, אָט־די יידישע

גרונטפייאיקייט אָנצונעמען אַ זאַך, וואָס איז נאָך ניטאָ, ווי זי וואָלט שוין געווען, און וואָס האַנדלענדיק לויט אַט־דעם גלויבן, העלפן מיר די זאַך ווערן. גלויבן רעאַליזירט — אין ענינים פון גייסט איז עס אַוודאי אמת. גלויבן, ווייל דער אַנגעשפּאַנטסטער, איז אויך דער שעפערישסטער מאָמענט פון גייסט, גייסט קאָנצענטרירט, גייסט כפל־כפלים.

נאָר ווייל גלויבן איז אַזאַ „פרעמד־וואָרט" אונדז געוואָרן, איז אומזיסט וועגן דעם צו דיסקוטירן. קיין אַבסאָלוטער היזק וועט דערביי ניט זיין, ווייל דער ריינער עצם פון גלויבן איז דאָ אין יעדן מין שעפערישקייט. און גלויבן גייט מיט דעם יידישן הדראַנג צו סאָציאַלן יושר. און גייט אַוודאי מיט מיט דער יידישער תביעה אויף אַ הויפּט־ראָלע. און אַוודאי און אַוודאי מיט דעם יידישן געשטאַלטונגס־דראַנג. וואָרום ווי עס שטייט ערגעץ־וואו ביי מיר געשריבן: „משיח איז די פאַרגעשטאַלטיקטע יידישע גלויבנס־ענערגיע". פעלט נאָר דער הויפּט־סימן פון ריינעם גלויבן, דער „וויטאַמין", וואָס מאַכט די אַלע אַנדערע פסיכישע איינשטעלן אינטענסיוו, כפל־כפלימדיק אַרבעטן, — וועט ער אין צייט במילא צוקומען. האַנדלענדיק לויט די ערשטע דריי איינשטעלן, וועלן מיר אַנציען אין זיך דעם פעלנדיקן ענדגילטיקן סימן פון ריינעם גלויבן. מעגן מיר דערווייל זיך האַלטן מיט אונדזער היינטמאָדישן ליבן חסרון — דעם אָפּיציעלן אומגלויבן. עס וועלן אונדז דערווייל גענוג זיין די ערשטע דריי איינשטעלן. גענוג אפילו דער ערשטער איינשטעל אַליין, — ער נעמט שוין מיט די אַלע אַנדערע, — אַט־דער יידישער גרויס־שטייגערישער האַנדלונגס־מעטאָד לויט וויזיע־געשטאַלטן, וואָס פון פאַרצייטן ביז צו דער געבורט פון חסידיזים פלעגט ער דערלאַנגען פון זיך מענטש־באַשעפערישע עקספּלאָזיעס.

דער אויספיר פון דעם אַלעמען איז: ווילן מיר אַרויסקריגן פון זיך דעם מאַקסימום ענערגיע, מוזן מיר אַנשטעלן אונדזער ציל צו אַ נייער יידישער עפּאָכע־מאַכנדיקער גייסט־עקספּלאָזיע.

דאָס איז מיין ערשטער אַרגומענט, וואָס איך האָב אַרויסגעצויגן פון „נאַציאָנאַלער פאָרם" — וואָס מיט דעם בין איך פאַרנומען געווען אין די ערשטע צוויי אַרטיקלען.

מיין צווייטן אַרגומענט, אויף צו באַגעגענען דעם ערשטן, האָב איך אַרויסגעצויגן פון „סאָציאַליסטישן אינהאַלט". אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן ערשט ניט לאַנג — אין פאַריקן אַרטיקל — קאָן איך אים דאָ איבערגעבן בקיצור: — די סאָציאַליסטישע אָרדענונג קאָן זיך ווי געהעריק ניט איינשטעלן, סיידן עס זאָל פאָרקומען אַ גלייכצייטיקע איבערבאַשאַפונג פון מענטש און אָרדענונג אין אַ האַסטיקן, אין אַלץ ברייטערע קרייזן זיך פאַר־

נאַנדערלויפנדיקן פּראָצעס — זייער ענלעך צו דער מענטש־באַשעפערישער עקספּלאָזיע, צו וועלכער דער יידישער האַנדלונגס־מעטאָד לויט ווי־זיע־געשטאַלטן איז מסוגל צו דערפירן.

דער סאַמע קערן פון דעם אַרגומענט איז, אַז מענטש און אָרדענונג זיינען ניט אויף צוויי סעפּאַראַטע פּלעינען, נאָר ביידע צוזאַמען זיינען איין שטיק פּסיכאָ־עקאָנאָמיק. אויפן סאָציאַלן געביט איז פּונקט אַזוי, ווי אויפן געביט פון פיזישע דערשיינונגען, וואו איין פאָרם פון ענערגיע קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין דער צווייטער, און אַלע צוזאַמען קאָנען זיך פאַרגליווערן אין מאַטעריע, ווי מאַטעריע ווערט פאַרשטאַנען אין דער מאָדערנער פיזיק — און זי, די מאַטעריע, קאָן צוריק זיך „אויסשטראַלן" אין ענערגיע.

אַזוי אויך דאָ. דעם מענטשנס גייסטיקע ענערגיע גייט איבער פון איין פאָרם אין דער צווייטער — פון רעליגיעזער פאָרם, לאָמיר זאָגן, אין קינסטלערישער, פון קינסטלערישער אין סאָציאַלער, און אַלע צוזאַמען, אַרויפלויפנדיק אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, זעצן זיך אָפּ ביז צו דער „מאַטעריעלער ממשות" פון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג. און אין די הייסע געשיכטלעכע מאָמענטן, ווען די אַלטע עקאָנאָמישע אָרדענונג ווערט צעשמאָלצן, איז אומבאַדינגט וויטיק עס זאָל צוקומען דעם מענטשנס נייע אינטערפּרעטאַציע, זיין וויזיע פון דער צוקונפט־אָרדענונג, זיין וויזיע פון צוקונפט־מענטשן, — כדי מיטצומאַכן די מאַטעריאַליזירונג אין עקאָנאָמיק; כדי ביידע — די נייע אָרדענונג און דער נייער מענטש — זאָלן קאָנען זיך אויספורעמען אין איין פּסיכאָ־עקאָנאָמישן פּראָצעס, ווייל ביידע זיינען איינס.

דער הייַנטיקער געשיכטלעכער מאָמענט איז געוויס אַזאַ הייסער; די עקאָנאָמיק פון סאָוועט־רוסלאַנד איז אין אַ צעשמאָלצענעם, זיך פורעמענדיקן צושטאַנד. איז אומבאַדינגט וויטיק, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם, די טרעגערין פון דער אָנגעזאַמלטער גייסטיקער ענערגיע, די טרעגערין פון דער יידישער אינטערפּרעטאַציע, — זאָל אַרייַנגעשפּילט ווערן אין יענעם טייל פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צו יידן — אויף דער טעריטאָריע פון בירָאָ־בידזשאַן. עד כאן מיין צווייטער אַרגומענט.

ב

גוט זיינען ביידע אַרגומענטן דערמיט, וואָס זיי זיינען ניט מיינע, נאָר אַרגומענטן פון דער ווירקלעכקייט. ניט איך אַרגומענטיר אַזוי, נאָר די סאָציאַליסטישע ווירקלעכקייט פון סאָוועט־רוסלאַנד ווערט אַזוי אַרגומענטירן

און צווינגען אויסצופּאָלגן איר אַרגומענטאַציע. אַנדערש וועט זיך ניט אַרויסרופן דער מאַקסימום יידישע ענערגיע, וואָס איז אַזוי נייטיק אויף אויפצובויען פון גרונט אויס אַ סאָציאַליסטישע טעריטאָריע, און יידן וועלן ניט האָבן דערפילט די אויפגאַבע, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן: בייצוטראָגן פון ביראָ־בידזשאַן זייער צושטייער צום סאָציאַליסטישן אויפבוי פון סאָוועטן־לאַנד.

די יידישע נאַציאָנאַלע פאָרם אין איר עקשנות זיך צו פּרעזערווירן, ניט בטל צו ווערן אינאיינעם מיט דער אַנגעזאַמלטער יידישער ענערגיע, צו וועלכער זי דינט פאַר אַן איינפאַס; און די סאָציאַליסטישע בויאונג מיט איר גרונט־נויט אין גלייכצייטיקער מענטש־אַרדענונג־בויאונג, — ביידע וועלן אַזוי לאַנג פּרעסן, ביז די צווי ווירקלעכקייט־אַרגומענטן וועלן סוף־כל־סוף זיך באַגעגענען, — און די יידישע וויזיע־געשטאַלט וועט זיך אַריינפּרעסן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער בויאונג מיט עקספּלאָדירנדיקן עפעקט — מיט גרויסער פּעולה פאַר ביראָ־בידזשאַן און פאַרן גאַנצן לאַנד. און דאָס וועט זיין דער פאַרלאַנגטער סינטעז פון נאַציאָנאַלער פאָרם און סאָציאַליסטישן אינהאַלט אין אַנווענדונג אויף יידן.

און עס לייגט זיך דער חוב אויף דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור די באַגעגעניש אונטערצואיילן — צו נעמען זייען באַציִטנס די זריעה פון יידישער וויזיאָנערישקייט און צו פּלאַנצן די וואָרצלען פון די אַלע אַנדערע יידישע איינשטעלן אין די פּיאָנערן פון ביראָ־בידזשאַן. אָבער ווי אַזוי?

כדי צו מאַכן וואָס שאַרפער דעם ענטפער אויף דער פראַגע: „ווי אַזוי?" — נעם איך אָפּפרעגן מיין אייגענע הנחה. צוגעגעבן אַפילו, אַז ליטעראַטור קאָן יאָ פאַרקינסטלערן רעליגיע און פאַרוועלטלעכן משיחן מיט גאָט אינאיינעם. אָבער פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַ ריין־קינסטלערישע, הויל־וועלטלעכע, פון דער ליטעראַטור געשאַפענע געשטאַלט וועט געבן דעם זעלביקן רעזולטאַט אין האַסטיקער, מאַסנהאַפטיקער מענטש־איבערשאַפונג, ווי די פאַרצייטיקע משיח־וויזיע, וואָס איז געווען אַנגעקלאַמערט אַן גאָט, און איז נאָך דערצו פאַרקערפּערט געווען אין אַ לעבעדיקן משיח־שפּילער? איז דאָס ניט דער פּחד פאַר גאָט, דאָס ציטערניש פאַר זיין נאָענטקייט, וואָס וואַרפט אַריין די גלויביקע אין דער מהומה, פון וועלכער זיי קומען אַרויס אַזוי ווי ניי־געבאָרענע? קאָן אַפילו די בעסטע משיחיסטישע ליטעראַטור זיך פאַרגלייכן מיט דער רעליגיע אין פּרט פון באַלדיקער, אייגנבליקלעכער פּעולה? לאָמיר זאָגן, וועט חבינה פון לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע", ווען דאָס ווערק זאָל אַריינגעלאָזן ווערן אין ביראָ־בידזשאַן, דאָרט אַרויסרופן דאָס זעלביקע יום־טובדיקע איבערקערע־

ביש, ווי ער טוט דאָס אין לייוויקס דראַמע? קאָן דער דראַמאַטורג פאַר־בייטן גאָט? קאָן די געשריבענע צום לייענען ליטעראַטור אַזוי אַקטיוויזירט ווערן, ווי די געגלויבטע רעליגיע, וואָס האָט צו איר דינסט דעם „יראת־שמים", דעם הייליקן פחד און דאָס פרומע ציטערניש?

ענטפער איך אויף מיין אייגענער פראַגע פונקט פאַר פונקט: — עס איז ניט צו לייקענען די היפּנאָטיזירנדיקע ווירקונג פון גאָטס נאָמען אויף די גלויביקע. ווען אַ בלישצנדיק קנעפּל, צוגעשלאָגן צו דער וואַנט, היפּ־נאָטיזירט — בפרט די בליצנדיקע, שרפהנדיקע „שם הויה" אין הימל, וועלכע קאָן אין אַ רגע פאַרברענען די גאַנצע וועלט! אַוודאי האָבן דער פחד און ציטערניש פאַר דער נאָענטקייט פון „פאָטער אין הימל", וואָס יעזוס האָט געפּריידיקט, אים שטאַרק אַרויסגעהאָלפן צו האַלטן זיינע נאָכ־פאָלגער אין אַ פּערמאַנענטן היפּנאָטישן צושטאַנד. דער היפּנאָז פון פחד איז ניט גענוג צו דערקלערן די מיסטעריעזע קראַפט, וואָס האָט געפלאָסן פון אים — אַ קראַפט, וואָס האָט שוועכלינגע אָנגעשטעקט מיט אַזויפיל גבורה, אַז זיי האָבן שפּעטער מיט זייערע העראָאישע טויטן אויפגעוועקט צו אַ ניי־לעבן מיליאָנען אין דער רוימישער אימפּעריע. פחד און ציטער־ניש פאַר גאָט איז דאָ ביי אַלע גאָט־גלויביקע — פונדעסטוועגן פאַרבלייבן זיי זייער גאַנץ לעבן פאַרגליווערט אין זייער אַלט־געשטאַלט.

די מיסטעריע פון יעזוסעס אָנשטעקנדיקער קראַפט איז קיין מיסטעריע ניט. זי האָט זיך גענומען פון זיין איבער־געניאַלן שפּילן די משיח־ראָלע, וואָס דאָס טאָקע האָט אים באַשאַפן. דאָס אַריינלעבן זיך דורך אַריינשפּילן זיך האָט אים גופא געגעבן ניי־געבורט אין אַ ניי־געשטאַלט.

און ווען אַ צווייטער קוקט זיך צו, ווי אַ מענטש ווערט ניי־געבאָרן אין אַ נייער געשטאַלט, ווערט ער אָנגעשטעקט — ווערט ער מיטגעבאָרן און מיטגעשטאַלטיקט — אינערלעך; און ווען דערצו קומט נאָך צו אַ האַנד־לונג, אַ צערעמאָניאַל, אַ שפּיל, וואָס יעדער נייער רעליגיעזער אויסברוך ברענגט מיט זיך, ווערט ער מיט זיין לייב און לעבן אַריינגעצויגן אין דער נייער געשטאַלט, און איז שוין אַליין אַ קוואַל פון אָנשטעקונג, אַ געשטאַלט־געבער פאַר אַ דריטן. און אין רעזולטאַט אַ מאַסן־פאַרכאַפּעניש, אַ „הייליקע מגפה".

פעלט טאַקע דער היינטיקער ליטעראַטור די מעלה פון פּערזענלעכן קאָנטאַקט. די פאַרצייטיקע משיחות איז געווען די קונסט פון מענטש־באַ־שאַפונג און מענטש־געשטאַלטונג, פּראַקטיצירט פון אַ לעבעדיקן מענטשן אויף לעבעדיקע מענטשן. דער ליטעראַטור־שאַפער, פאַרקערט, איז ניט מחויב צו פאַרקערפּערן מיט זיך זיין אידעאַלן העלד. דערפאַר אָבער האָט

די ליטעראַטור געוואָונען אַ מעלה, וואָס די דירעקטע קונסט פון מענטש־באַשאַפונג פון דער רעליגיע האָט עס ניט פאַרמאָגט (איך מיין די רעליגיע, ווען זי איז יונג, ערשט־געבוירן — דעמאָלט איז זי די דירעקטע קונסט פון מענטש־באַשאַפונג; דערנאָך, ווען זי פאַרגליווערט זיך, פאַרקנאַכט זיך, ווערט זי אויס קונסט). — די ליטעראַטור, די קינסטלערישע געשטאַל־טערין, קאָן איבערגעבן די פאַרקערפּערונג פון אירע געשטאַלטן, אָן שום אַנוועג, צום טעאַטער. די קונסט פון געשפּילטער פאַרגעשטאַלטיקונג האָט זיך אויסגעגליכן אין יחוס מיט עכטער, אָריגינעלער שאַפונג. דער אַמאָ־ליקער אָריגינעלער באַשאַפער פון דער משיח־ראָלע האָט דעם אַקטיאָר ניט געהאַט פאַר זיין אָרויסהעלפער. ווען אַ צווייטער, נאָך אים, האָט גע־וואָלט נאָכשפּילן זיין ראָלע, איז ער געווען אַן אימיטאַטאָר, אַ „פאַלשער משיח", אַ שבתי צבי. טעאַטראַליזם איז מער קיין חסרון ניט. די טעאַט־ראַליזירונג קאָן אַמאָל זיין נאָך פּרוכטבאַרער אין אירע רעזולטאַטן, איידער די אָריגינעלע שאַפונג.

נאָך אַ גרעסערן געווינס האָט די ליטעראַטור קעגן דער אַמאָליקער רעליגיעזער קונסט פון מענטש־באַשאַפונג — אַ געווינס, וואָס איז ניט איר אייגענער פאַרדינסט: — ניט דער משיחיזם און ניט דער משיחיסטישער טעאַטראַליזם האָבן קיינמאָל אַזאַ צוגעפּאַסטע סאָציאַלע סביבה ניט געהאַט, וואָס זאָל די ניי־באַשאַפענע מענטש־געשטאַלט אַזוי אויפנעמען; און קיינ־מאָל אַזאַ אויסזיכט ניט געהאַט אויף אַ גרינדלעכער פּערמאַנענטער לייזונג פון מענטש־איבערשאַפונג־פּראָבלעם. ווען די אין יעזוס איבערגעבאָרענע האָבן זיך געבויטיקט אין אַן אָרדענונג, וואָס זאָל שטימען מיט זייער אי־בערגעבאָרן ווזן, האָבן זיי געדאַרפט זיך אָפּזונדערן אין קלויסטער־קבו־צות, וואָס נאָך אַן עקזיסטענץ פון עטלעכע צענדליק יאָר, זיינען זיי אויס־געוואַקסן געוואָרן אין דער אָרומיקער אַלטער אָרדענונג. אָפּגעשטעלט האָט זיך פון דער „נייער אָרדענונג", פון „מלכות השמים", אַ הייליקע־וועטשע־רע־צערעמאָניאַל. פאַר איין שעה זונטיק פאַראַוועט מען אין קירך „מלכות השמים", וואָס דאָס גייט צוזאַמען מיט אומפאַרשעמטער פאַרלייקענונג פון „מלכות השמים" אין דער פּראַקטישער וואָכעדיקער אָרדענונג. — דאָס איז זי די רעליגיע, וועלכע איז „אָפּיום" — דער קירכלעכער במקום פון „מלכות השמים" — די אומוועלטלעכע רעליגיע אין ענגן זין פון וואָרט. — שבתי צביס „אָרדענונג פון פרייד" איז אויסגעלאָפן אין תאווה־טענץ; און דעם בעל־שמס „אָרדענונג פון צדיקים" איז אויסגעלאָפן אין פאַראַוועז צדיקישע טישן און כאַפּן שיריים. — זיינען דאָס אויך אומוועלטישע רע־ליגיעזע אָפּיום־במקומס פאַר דער גערעכטער אָרדענונג. היינט אָבער איז

די וועלט־סיטואַציע אַזאַ, וואָס וועט ניט דערלאָזן קיין שום אומוועלטלעכע אָפּיום־במקומס. די גערעכטע אָרדענונג איז אַ געזעלשאַפטלעכע וועלט־בויט, ניט דעם צדיקס פּריוואַטע אוטאָפּיע, און איר אייגענע נויט אויף לעבן און טויט איז, אַז איר צוקונפט־מענטש זאָל זיך ניט פאַרשפּעטיקן, נאָר גלייכצייטיק מיט איר זאָל ער זיך אויפבויען.

היינט טאָרן גאָר ניט די ניי־געבוירענע זיך אָפּזונדערן אין באַהעלטענישן פון צדיקים; אין דער מאַסע, מיט דער מאַסע, אין דער נייער אָרדענונג, מיט דער נייער אָרדענונג, דאַרף זייער ניי־געבורט געשען. פּינקטלעך, ווי אַ שרייפעלע אין אַ זייגער, דאַרף די ניי־געבורט אַריינטרעפן אין דער נייער אָרדענונג, און טרעפט זי אַריין, בלייבט די אָרדענונג די פאַרקערפּערטע ניי־געבורט פון מענטשן. וואו איז דאָ פּלאַץ פאַרן אָפּיום פון אומוועלטלעכן במקום?

אָבער אַ חוץ די אומוועלטלעכע אָפּיום־במקום־עלעמענטן פון דער קירכלעכער רעליגיע, און אַ חוץ דעם טשוואָק, וואָס די אָרטאָדאָקסיע פון אַלע רעליגיעס קלאַפּט אַריין אין „איין־סוף", מאַכנדיק אַ סוף צום „איין־סוף" — זיינען די אַלע אַנדערע עלעמענטן פון ר ע ל י ג י ע, מיט דעם גלויבן, אַפילו מיט דעם „איין־סוף", אין תוך וועלטלעך, און זיי קאָנען דינען דעם מענטשן צו רפואה, ווען מען גיט עס איבער דעם קינסטלער צו לייטערן זיי פון פּסולת. מיטן מענטש־באַשעפערישן תמצית פון רעליגיע — וואָס דאָס איז דאָך געזעלשאַפטלעך דער עיקר — קאָן די ליטעראַטור זיך אָנלאָדן, ניט ווערנדיק דורך דעם רעליגיע. וועט עס זיין ניט רעליגיעזיטעט, נאָר אין קונסט איבערגעלאָפענע רעליגיעזיטעט. וואָס עס וועט דערביי פאַרלאָרן ווערן אין ברען — ווייל עס וועט ניט זיין דער פּחד פאַר גאָט, דאָס ציטערניש פאַר זיין נאָענטקייט — וועט געוואונען ווערן אין ברייטערן געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם. — דער יידישער משיחיזם און טעאַטראַליזם, וואָסביידע האָבן זיך געווירשנט, האָבן ווי געוואַרט אויף אַזאַ באַשטעלונג. אַ לאַנד, אַ זעקסטל פון דער וועלט, באַשטעלט אַ מאַסן־פּראָדוקציע פון ניי־מענטש און די גאַנצע וועלט קוקט זיך צו, ווי דער עקספּערימענט וועט זיך איינגעבן. זיי האָבן קיינמאָל קיין פאַרווענדונג אויף אַזאַ מאַסשטאַב ניט געהאַט — דער משיחיזם מיט נייעם וועלט־באַשאַף זיך אָנצושפּייזן; דער טעאַטראַליזם אַ וועלט־איבערקערעניש אויפצושפּילן.

און ועל־כולם דער יידישער איבערברוך — דער איבערגאַנג פון דער מנחם־מענדלשער עקאָנאָמיק צו סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס קאָן אַנדערש ניט געשען, ווי נאָר דורך אַ מאָראַלישער דערהויבונג; און די באַלאַגערנדיקע יידישע קאַטאַסטראָפע פון די אַרומיקע לענדער, וואָס קאָן

אַנדערש ניט, ווי בּאַר דריקן אויפן יידישן געמיט. צווישן דערהויבונג און דרוק, האָט די משיחות, וואָס דרימלט אין יידישן געמיט, געדאַרפט זיך אָפּרופן — בּפרט ווען די וועלט אָרדענונג עפנט פאַר איר אַזאַ ברייטע אַרענע. איז דאָס פּונקט צוגעמאָסטן צו אַ משיחיסטישער מאַסן־אַקציע, מיט איר מיסטעריעזער אָנשטעקונג־קראַפט.

און ווען די יידישע רעליגיע וואָלט ניט געווען אַזוי פאַרחלשט, אַזוי אָנמעכטיק, איז איצט פּונקט דער מאָמענט, ווען זי וואָלט געדאַרפט אַרויס־פּלאַצן מיט אַ נייער משיח־מאַניפעסטאַציע, עכטער אָדער טעאַטראַליזיר־טער. אָבער זי איז אָנמעכטיק: דער טעאָלאָגישער געהילץ — די סטאָ־לאַזשן, וואָס האָבן זי צוזאַמענגעהאַלטן, זיינען צוזאַמענגעבּראָכן. זי פאַר־משפּט זיך צום טויט דורך איר אָנמאַכט.

דאַרף די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז די רעליגיע פאַרביטן, עס טאָן. און זי קאָן עס. מען דאַרף מער קיין רעליגיע ניט, די ליטעראַ־טור איז גענוג. די גרויסע מעלה, וואָס פריש־געבאָרענע רעליגיע האָט איבער דער ליטעראַטור און וואָס וועקט אונדזער קנאה — דאָס וואָס זי ווענדט זיך דירעקט צום לעבעדיקן מענטשן און איבט איר באַשעפערישע קונסט אויף אים, בעת די ליטעראַטור אַדרעסירט זיך צו אים דורך דער פּען, איבערן בויגן פּאַפּיר — קאָן די ליטעראַטור דורך די רייכערע מיט־לען, וואָס זי פאַרמאָגט היינט־צו־טאָג, איר חסרון איבערקומען און די מעלה פון רעליגיע זיך איינשאַפן, אַלץ נעענטער צוקומענדיק צום לעבע־דיקן מענטשן. דער הויפּט מיטל, ווי שוין אָנגעוויזן, איז טעאַטראַליזאַציע. די ליטעראַטור וועט דאַרפן ענדערן איר כאַראַקטער — ניט צו בלייבן ליגן אויפן פּאַפּיר; זי וועט דאַרפן געשריבן ווערן אין אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל זיך לאָזן לייכט טעאַטראַליזירן.

האָבן מיר דאָ דעם פולן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איז אויבן געפרעגט געוואָרן: קאָן אַ ריין קינסטלערישע, פון דער ליטעראַטור אין הוילער וועלטלעכקייט געשאַפענע, משיח־געשטאַלט אַזוי אַקטיוויזירט ווערן, ווי די אַמאָליקע אָן גאָט אָנגעקלאָמערטע, אין אַ לעבעדיקן מענטשן פאַר־קערפּערטע? דער ענטפער: יאָ, אויב זי וועט צוגעפּירט ווערן און באַ־העפט ווערן דורך אינטענסיווער טעאַטראַליזאַציע, מיט אַ גיזעלשאַפטלע־כער האַנדלונג, וואָס פאָדערט אַרויס אַ האַסטיקן, מאַסנהאַפטיקן מענטש־ב אַ ש ע פ ע ר י ש ן איבערגעבּורט־פּראָצעס — אַ האַנדלונג, וואו דער ייד נעמט אַ האַנט אין דעם אויפבּוי פון דער צוקונפט־אָרדענונג. דעמאָלט וואָלט די אָנגעזאַמלטע יידישע גלויבנס־ענערגיע זיך אַלץ מער איבערזעצט פון רעליגיעזער פאָרם אין וועלטלעכער, כדי

אויפן שטעל פאַרטאָן צו ווערן אין האַנדלונג, און זי וואָלט געשטיגן צוזאַ־מען מיט דער האַנדלונג. דער עקספּערימענט וואָלט געשעפּט ענערגיע, ווי פון אַ ברונעם, פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָרם און אירע פּסיכישע קוואַלן. און משיח, אַנשטאָט צו גליווערן זיך אין דער טעאָלאָגישער אַב־סטראַקציע פון שר־רעגירער, וואָלט זיך קאָנקרעטיזירט אין לעבעדיקע מענטשן, און אַנדערש ווי פאַרצייטן וואָלטן פישער און בעלי־מלאכות — אין אייגענעם רעכט, ניט אין משיחס זכות — געוואָרן אַפּאָסטאָלן פון אַ נייער מענטש־רעליגיע.

אַלזאָ, אויב פאַרצייטן איז עס געווען די יידישע רעליגיע, וואָס האָט פון צייט־צו־צייט צוגעשטעלט די לייזונג פון פאָלק־וועלטס דרינגענדיקסטן פּראָבלעם, קאָן עס היינט די ליטעראַטור טאָן — זי וועט געבן דעם יידישן שליסל, וואָס זאָל עפענען דעם נייעם וועלט־טאָג.

ג

האָבן מיר שוין גענוג צו פאָרמולירן דעם „ווי אַזוי" — ווי אַזוי זאָל די ליטעראַטור צוטרעטן צו דער פלאַנצונג פון דער יידישער וויזיע־גע־שטאַלט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער בויאונג. — אָנהייבן דאַרף זי פון מאַכן אַן אָפּקלייב פון די „משיחיסטן" אין דער פאָלקס־מאַסע. אויס־זוכן צווישן יידן די יעניקע, וואָס זיינען אין דער בחינה פון אויסלייזער, בשורות־אָנזאָגער און וויזיאָנערן, און אָנווייזן זיי זייער אָרט און פונקציע, שיקן זיי קיין קרים אָדער ביראָ־בידזשאַן. לויט וועלכן סימן וועט זי זיי דערקענען? דאַרף זי אַריינלאָזן פאַר העלדן פאָלקס־מענטשן פון יענעם מין וואָס האָבן אַ לענגערן יידיש־געשיכטלעכן זכרון; וואָס געדענקען וואָס איז געשען מיט יידן לכל הפחות פאַר הונדערט יאָר. און קרים און ביראָ־בידזשאַן וועלן שוין אָפּקלייבן די געשטאַלט־געבער צווישן זיי. און גראָד דאָס האָט סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור ניט געטאָן.

אויסנווייניק טאָר מען אַפילו ניט ריידן. מעגלעך אַ גרינדלעכע אונ־טערזוכונג וועט יאָ אויסגעפינען אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אָנהייבן אין דער ריכטונג פון לאַנג זכרונדיקער פּסיכאָלאָגיע. עס קאָן דאָך אַנדערש ניט זיין: זיי האָבן געמוזט זיך שפּאַרן אין דער ליטעראַטור, ווען עס איז אַזאַ באַדאַרף געווען אין זיי. פון אַט־דעם שטאַנדפּונקט דאַרף די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור רעווידירט ווערן.

אָבער דער איינדרוק איז, אַז די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור קלייבט בכיוון העלדן, וואָס האָבן אַ קורצן זכרון; ווי זיי וואָלטן ערשט

איירנעכטן געבארן געוואָרן. עס שפּירט זיך פּסיכישע דעפּרעסיע אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור; איינגעפּרעסטע פּסיכאָלאָגיע ביי די העלדן; די פּאָזיטיווע טיפּן — די סאָציאַליסטישע בויער — זיינען בדרך־כלל זינגענדיקע ראָבאָטס. און ווען זי דערלאַנגט שוין אַ טיפּ מיט אַ ביסל לעבנגערן זכרון, וואָס געדענקען דאָס יידישע לעבן אונטערן צארישן רעזשים, איז עס מערסטנס אַ רשע, אַן „אַנשעל זאַליאַזניק" (אַ העלד פון פּרץ מאַר־קישעס אַ פּאָעמע). און וואו זיינען די צדיקים די פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט דעם איבערגאַנג פון אַלט־אָרדענונג צו ניי־אָרדענונג, און וואָס זיי האָבן זיך אויך געצויגן אין די קאָלכאָזן?

די יידישע שריפטשטעלער פון „חוץ־לארץ", וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט דער נייער סאָוועטיש־יידישערווירקלעכקייט, האָבן יאָ זיי לייכט אויסגעפונען. איינער פון די ערשטע איז געווען ב. עפּעלבוים, וועל־כער האָט אין אַ ריי נאָוועלן אַרויסגעפירט פאַר העלדן „איבערלויפער" — רבנישע זין, וואָס האָבן זיך געשטעלט בראש פון רעגימענטן אין צייט פון בירגער־קריג. אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבן זיכער זיך געשטעלט בראש פון די קאָלכאָזן. פאַרוואָס זיינען זיי ניט צו געפינען אין דער סאָוועטיש־יידי־שער ליטעראַטור? אין אויסלאַנד מעג מען, און סאָוועטן־לאַנד ניט?

פּרץ הירשביין אין זיינע „רויטע פעלדער" האָט אָנגעציילט אַ האַלבע טוץ פון זיי — יינגערע און עלטערע — אין איין קרימער קאָלכאָז; בלעט־טערן זיך פאַר זיי די פעלדער, ווי די בלעטער פון אַ ספר, און דער פלייס פון זייער אַמאָליקן לערנען זאַפּטיקט־זעטיקט זייערע גערעטענישן. און די חלומות, וואָס זיי האָבן פריער געחלומט אין די הימלען, חלומען זיי איצט אין דער ערד אַריין. ארץ־ישראל שוועבט איבער זייער קרים.

אין ברוך גלאַזמאַנס „לענדער און לעבנס" איז דאָ אַן אַלטיטשקער, וועלכער איז די סאַמע נשמה פון קאָלכאָז — האָט ער זיכער געלערנט עין־יעקב. איז ער מקיים אַלע קאָלכאָזישע מצוות, ווי אַן עין־יעקב־ייד. זיין פרומע התמדה איז איבערגעגאַנגען אין סאָוועטישן פלייס. אַפילו זיין נייער סאָוועטישער לשון שמעקט עין־יעקבדיק.

און נאָר „קאָלכאָזניקעס"? מען געפינט זיי, די יידן מיטן לאַנגן זכרון ביי דער סאַמע רעגירונג. י. אַפּאַטאָשו אין זיינע „שטעט און לענדער" האָט אַ דערציילערישע פאַרצייכענונג וועגן אַ קאָמיסאַר — מיט דער גאַנצער לפנימדיקער שטרענגקייט פון אַ קאָמיסאַר — וואָס אין די נעכט, ווי איי־נער טרינקט בראָנפן, פאַרשיכורט ער זיך מיט אַלטע לשון־קודשדיקע ספרים. — און ה. לייוויק אין אַ ריי לידער, וואָס ער האָט געבראַכט פון זיין רייזע קיין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט באַוויזן צו סאָוועטיזירן אַפילו זיין פרומען

טאטן. זיין טאטע איז שוין לאנג טויט, אבער די כוונה איז קלאר: צו לעגאליזירן דעם יידישן היסטארישן זכרון אין דער אויסגעלייזטער יידי־שער ווירקלעכקייט פון נאך־אקטאבער; צו ווארפן א בריק צווישן זיין טאטנס געהאפטער גאולה על־פי תורה און אגדה און דער פארווירקלעכטער גאולה על־פי מארקסן און לענינען.

און די סאוועטיש־יידישע שריפטשטעלער טוען דעם היפוך דערפון; ווי זיי ווילטן זיך צונויפגערעדט צו פארברענען אלע בריקן; מעטאפאריש גערעדט, „שניידן זיי אראפ די קעפ" פון יענע יידישע טיפן, וואס זיינען גע־שטראפט מיט א לאנגן זכרון. אפילו דער טאלענטפולסטער פון זיי — דוד בערגעלסאן — טוט עס.

אין בירא־בידזשאנער זשורנאל „פארפאסטן" (נומער 6, 1938) האט ער א דערציילונג „צוגאסט" וועגן א בירא־בידזשאנער דעפוטאט, וואס אויפן וועג פון מאסקווער סאוועטן־קאנגרעס צוריק קיין בירא־בידזשאן איז ער פארפארן אין זיין היימישן קאלכאז אין אוקראינע — וואו ער האט זיין משפחה מיטן אלטן טאטן, דעם סטאליער איסר לייב, וואס לעבט שוין אויף רעגירונגס־פענסיע. — דער אלטער דוד בערגעלסאן מיט זיין גאנצער גע־ניטקייט איז דא — ער כאפט דעם נייעם פראקטישן שניט פון סאוועטישן יידן מיט זיין שארף־ניכטערן, פריש־בייטאגיקן טעמפעראמענט. אבער דער אמתער העלד פון דער דערציילונג איז ניט דער דעפוטאט, נאר זיין פלי־מעניקל הילקע, זיין שוועסטערס יינגעלע, וועלכער האדעוועט זיך ביים זיידן. די סאוועטישקייט איז שוין אריינגעקראכן אין זעקס־יעריקן יינגעלע, ווי אין איין 60 יעריקן זיידן. אבער די מלחמה צווישן די דורות פירן זיי: דער זעקס יעריקער סקעפטיקער לאכט פון זיידנס זאבאבאנעס. אבער מיט היל־קען האט אן אומגליק געטראפן: ער האט געזען סטאלינען אין קאלכאז, בפועל ממש געזען, און באריסט זיך נאך דערמיט פאר די שול־קינדער, וועלכע פארקלאגן אים נאטירלעך ביים לערער פאר אזא „ליגן", אבער ווי־פיל דער לערער מאטערט זיך ניט, ער זאל זיך ארויסשלאגן דעם „חלום" פון קאפ, בלייבט הילקע איינגעעקשנט: געזען! — „ער, הילקע, געדענקט אזוי קלאר: מיטן זון־אונטערגאנג איז ער געקומען אין קאלווירט, מיט שמייכלענדיקע קנייטשן ארום די אויגן, פונקט אזא, ווי אויפן גרויסן בילד, וואס אין קאלווירטישן קלוב".

וואס איז מיט הילקען געשען? בערגעלסאן האט „פארגעסן" צו דער־מאנען, אז דער זיידע האט אים דערציילט מעשות וועגן אליהו הנביא. און דער זעקס־יאריקער סקעפטיקער האט ניט אויסגעהאלטן און געגלויבט — נישט מער, וואס ער האט אליהו הנביאן אריבערגעטראגן אויף סטאלינען.

— דער קלוגער בערגעלסאָן איז שוין דאָ צו קלוג געווען — צוליב דער „ליניע" האָט ער דעם אַלטן ייִדן אָפּגעהאַקט אַ שטיק קאָפּ, עס זאָל זיך אים ניט נאָכשלעפּן אַן איבעריק שטיק זכרון.

וואָס פאַר אַן אומגליק וואָלט געווען, ווען אליהו הנביא באַוויזט זיך אויף די פעלדער און ביי די טייכן פון בירא־בידזשאַן? גאָר קיין אומגליק ניט! פאַרקערט... בירא־בידזשאַן האָט זיך גראָד געניייטיקט ניט אַזוי אין די רשעים און זאַליאַזניקעס פון דער אַלטער ייִדישער אָרדענונג, ווי אין אירע אָפּענע און באַהאַלטענע פאָלקס־צדיקים — די אליהו־הנביא־ייִדן, די בשורה־טרעגער, די לאַמעד־וואָוניקעס, די פּאָטענציעלע „משיחיסטן". נאָר ווי עפּעס וואָלט פאַרשטעלט די ראיה דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. זי האָט זיי ניט געזען. און דאַכט זיך, ס'איז די סאָוועטיש־ייִדישע שריפט־שטעלער פאַרגעשריבן געוואָרן פון אויבן, ווי די שריפטשטעלער פון אַלע סאָוועטישע פעלקער: — „זייט די אינזשענערן פון דער נשמה! שטעלט אויף „מאַגניטבויען" אין דער ליטעראַטור!" — און אויף וועמען האָט זיך אַזוי געלוינט אָוועקצולייגן אינזשענערישע מי, ווי אויף די נשמות פון אָט־די ייִדישע לאַמעדוואָוניקעס, מיט זייער שטילער התלהבות פאַר דער ייִדי־שער און וועלט־אויסלייזונג? גראָד מיט זיי וואָלט די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַטור געהאַט די גרויסע געלעגנהייט אויפצושטעלן ביי זיך „מאַגניט־בויען", ווייל זיי, די אליהו־הנביא־ייִדן, די לאַמעדוואָוניקעס זיינען די טרעגער פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פאָרם, פון די קאַרדינאַלע ייִדישע פּסיכישע איינשטעלן, וואָס פלייצן פון זיך ייִדישע ענערגיע — וואָס האָט איר געשטערט?

עס האָט איר געשטערט, וואָס אָט־די לאַמעדוואָוניקעס זיינען צוגלייך אויך די טרעגער פון ייִדישן באַרופבאַוואוסטזיין: — זייער ערשטע און גרונט־איבערצייגונג איז — אַז ייִדן שטייט פאַר אַ הויפּטראָלע אין דעם אויסלייזונגס־ווערק. עס האָט געשטערט די מורא פאַרן ייִדישן שאָוויניזם. עס וואָלט אויסגעקומען אַז די ייִדישע ליטעראַטור שיקט ייִדן קיין בירא־בידזשאַן צו בויען אַ ספּעציעלן ייִדישן סאָציאַליזם — מער וואָלט איר ניט געפעלט...

עס האָט איר אויך געשטערט די איבערפאַרנומענקייט פון די סאָוועטיש־ייִדישע שריפטשטעלער מיט דעם פּראָטעסט קעגן ייִדישיסטישן פאָר־מאַליזם פון די חוץ־לארצדיקע, גאַנץ אָפּט אומפּריינטלעך־געשטימטע קרי־טיקער. יענע, ווייל עס האָט זיי געמאַנגלט אין חוש פאַרן פּסיכישן אונ־טערשטראָם פון ייִדישיזם, האָבן זיי דערפאַר מיט אַלע כוחות זיך געקלאַ־מערט אָן אויסערלעכע סימנים — אָן ווערטערדיקע באַצייכענונגען: „נאַ־ציאָנאַלע ירושה" — „נאַציאָנאַלע טראַדיציע" — ווערטער ליידיקע, וואָס

מיינען גאַרנישט, ביז מען זאָגט ניט בפירוש, וואָס מען מיינט מיט זיי — האָבן די סאָוועטישע שריפטשטעלער אויף צו להכעיס געשטיקט אַפילו די אינערלעכע, פסיכישע יידישע סימנים. האָבן זיי פאַר איינוועגס שוין פאַר־שטיקט די קאַרדינאַלע יידישע פסיכישע איינשטעלן.

אויס שרעק אָדער פּראָטעסט, אָבער די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַ־טור האָט שיער ניט דורכגעלאָזט דעם גליקלעכסטן שאַנס, וואָס האָט זיך איר אַליין אָנגעבאָטן — צו דערפילן אַ דרינגענדיק־נייטיקע, ערשט־גראַ־דיקע פונקציע, ניט נאָר פאַר דעם יידישן אַפּטייל פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג! אָבער עס איז נאָך ניט שפּעט. דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט גע־דאַרפט געלייזט ווערן ביים אָנהייב פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג, איז נאָך עד־היום פולשטענדיק ניט געלייזט. און די פאַרנאַכלעסיקטע געלעגנ־הייט קאָן נאָך צוריקגעכאַפּט ווערן . . .

ד

לאָמיר אָננעמען, אַז די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור האָט תשובה געטאָן און האָט אַריינגעלאָזן אין זיך די פאַרשטויסענע העלדן. לאָמיר צוי־כענען אַן אידעאַלע פּראָיעקציע פון אַ ליטעראַטור, ווי זי קאָן געמאָלט זיין מיט אַזעלכע העלדן — אין דער סביבה און אַטמאָספערע פון יידישער סאָ־ציאַליסטישער בויאונג. — דאָס פּראָבלעם איז, ווי צו מאַכן די העלדן, וואָס טראָגן אין זיך די זריעה פון משיח־וויזיע אַראָפּצוגיין פון בוך־פּאַפּיר און איינצופלאַנצן זיך אין די לעבעדיקע בויער פון סאָציאַליזם. און שנעל דאַרף עס געשען — ניט אחר־המעשה. וואָרים אויך די העלדן פון דער הייננטי־קער בוך־ליטעראַטור שפּאַצירן זיך פּאַוואָליע פון בוך אַרויס אין לעבן אַריין — אַזוי אומגעפער נאָך עטלעכע צענדליק יאָר.

דערמיט וואָלט זיך די הייניטיקע ליטעראַטור פאַרגיטיקט פאַר איר חסרון, איר געבורטס־פעלער — דאָס וואָס איר שאַפער, דער געשטאַלטער, זיצט זיך אין קאַבינעט און קוקט אין די אויגן ניט אַן די לעבעדיקע מענטשן, וואָס דאַרפן טראַגעדיק ווערן מיט זיינע געשטאַלטן. דערמיט וואָלט די הייני־טיקע ליטעראַטור זיך איינגעשאַפט די גרויסע מעלה פון דער רעליגיע, אין איר געבענטשטן געבורטס־פעריאָד, וואָס איר געבערער, דער רעליגיע־גרינדער פלעגט פּראָווען די קונסט פון מענטש־געשטאַלטונג דירעקט אויף די לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט פון אים געשטאַלטיקט ווערן — אָן דער פאַרמיטלערשאַפט פון פען און פּאַפּיר — און ווען ער איז גע־בענטשט געווען מיט גרויס טאַלאַנט, פלעגט ער דערפירן ביז אַ שעפערי־

שער עקספּלאָזיע, וואָס האָט געשטאַלטיקט מענטש און אָרדענונג צוזאַמען.

צו דעם זעלביקן טריאומף־פינאַל דאַרף דערפירט ווערן די ליטע־ראַטור.

עס וועט גאָר ניט זיין אַזוי לייכט אַראָפּצוהויבן די העלדן פון בוך־פּאַפּיר. וואָרים די היינטיקע ליטעראַטור ליידט פון אַן איינגעבאָרענעם חסרון, וואָס פאַרבלייבט געווייגלעך אומבאַמערקט — אַזוי געוואוינט איז מען צו דעם. דאָס איז אַ ירושה פון איר פריצישן פעריאָד, ווען ליטעראַ־טור פלעגט געשריבן ווערן דעם פריץ משמח צו זיין — געשריבן מיט דער בפירושער כוונה צו בלייבן קלעפּן צום פּאַפּיר — מיט דעם געמיינעם הינ־טער־געדאַנק, אַז עס איז דאָך אויף צו פּלייסן, ניט אויף אַן אמת, און טאָר גאָר קיין שום ניצלעכן דינסט אין זינען ניט האָבן — אַניט איז עס קיין קונסט ניט. זי דאַרף נאָר אויסן זיין דעם פריץ צו אַמוזירן. ער, דער פריצישער געניסער, זאָל פאַרזוכן דעם טעם גן־עדן, און קאָסטן זאָל עס אים ניט דער מינדסטער קרבן.

אָט־די געמיינע כוונה דאַרף אויסגעראָטן ווערן פון דער ליטעראַטור, דאָ דאַרף קומען צו דער גרינדלעכסטער רעפאָרם. אַניט וועט מען איר ניט קאָנען אָנטרויען קיין גרעסערע עובדה ווי ביז אַהער. און איר הילף אין בויען דעם סאָציאַליזם וועט זיין פון קנאַפּער באַדייטונג.

אָט־די אַלע צילן, וואָס לויפן זיך צונויף אין איין הויפּט־ציל: די־רעקטע געשטאַלטונג פון מענטש און אָרדענונג דורך דער ליטעראַטור — די אַלע צילן לאָזן זיך דערגרייכן דורך דער טעאַטראַליזירונג פון דער לי־טעראַטור. אָבער אַ ליטעראַטור וועט עס זיין, וואָס איז נאָך ניט געווען, און אַ טעאַטער, וואָס איז נאָך ניט געווען!

אויך דער געוויינלעכער טעאַטער איז אַ דירעקטע ווענדונג צום לע־בעדיקן מענטשן — צום צושויער — וועלכער ווערט אין זיך אַ מיטשפּי־לער; און פאַראַן טעאַטער, וואָס ציט בפועל־ממש דעם עולם צושויער אַריין אין שפּיל, מאַכנדיק אים איבעררופן זיך מיט די אַקטיאָרן, פרעגן און ענטפערן. דער טעאַטער, וואָס פאָרט אריין אויף אַ פּלאַטפאָרמע אין קאָל־כאָז, טוט עס אַוודאי, מאַכנדיק דעם עולם אַפילו מיטהאַנדלען מיט די אַק־טיאָרן. אָט־די טענדענץ זאָל נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן — די פּלאַט־פאָרם־דראַמע, וואָס פאָרט אַריין אין ביראָ־בידזשאַנער קאָלכאָז זאָל מאַכן די אַקטיאָרן מיטהאַנדלען מיטן עולם: די טעאַטראַליזאַציע זאָל מיט־האַלטן מיט דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג; זי זאָל וואָס ענגער צוגעהאַלטן ווערן צום סאָציאַליזירונג־פּראָצעס. די דראַמע האַנדלט אַרום די פאַקטי־שע האַנדלונגען אין קאָלכאָז, אַרום די מענטשן פון קאָלכאָז, אַרום די פּראָב־

לעמען, וואָס קומען אויף ביי דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער אַרבעט, און דאַרף מיטהעלפן אין דער לייזונג פון די פּראָבלעמען. מערערע ראָלן דאַרפן איבערגעלאָזט ווערן פריי, וואו מעגלעך אַפילו די הויפּט־ראָלע, כדי באַזעצט צו ווערן פון די פאַקטישע מיטגלידער פון קאָלכאָז. דער אויפבוי פון קאָלכאָז איז דער סוזשעט פון דער דראַמע. זי הויבט זיך אָן מיט דער גרינדונג, ווערט פאַרגעזעצט מיט דעם ערשטן גערעטעניש. — איר הויך־פּונקט איז, ווען אַ נייער מנהג ווערט אריינגעפירט, וואָס שאַפט אָפּ קנאה־שנאה, ברעכט דורך די אייגנטום־מחיצות. און דער הויפּט־העלד איז די געשטאַלט פון צוקונפט־מענטשן, אין דער לעבעדיקער פאַרקערפּערונג דורך דעם קאָלכאָזניק, וואָס איז די נשמה פון קאָלכאָז — וואָס דאָס וועט זיכער זיין אַ לאַמעדוואָווניק, אַ „משיחיסט".

די דראַמע וועט דאַרפן געשריבן ווערן מיטן צמצום פון אַ קינסטלע־רישן סצענאַריאָ, מיט פרייען פּלאַץ פאַר אימפּראָוויזאַציעס — כדי אַריינ־צולאָזן אין איר יעדן קאָלכאָז, מיט זיינע באַזונדערע מענטשן און פּראָב־לעמען. כדי אַרויסצוקריגן אַזאַ סצענאַריאָ, וועט פריער דאַרפן אַ גאַנצער ראָמאַן געשריבן ווערן, מיט אַ ברייטן און שאַרפן אויג, וואָס זעט אַלץ, זעט אַפילו וואָס דאַרף נאָך צוקומען; און דער ראָמאַניסט וועט דאַרפן האָבן די קאָאָפּעראַציע פון אַ פּאָעט, וואָס זאָל באַגלייטן דעם ראָמאַן מיט אַ בוך לידער — אויפצוזינגען די געהויבענע מאָמענטן פון דער קאָלכאָז־דראַמע — כדי אַריבערצוטראָגן דאָס פאַקטישע וואָכעדיקע לעבן אויף אַ העכערן, יום־טובדיקן פּלעין.

דאָס זעצט שוין במילא פאָראויס אַ שפּאָגל נייעם באַגריף פון ליטע־ראַטור — אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַ קינסטלערישע שותפטע צו אַן אָרדע־נונג, וואָס איז נאָך ניטאָ, וואָס האַלט זיך ערשט אין בויען. און די גוטע פרומע לייט צווישן די קריטיקער וועלן זאָגן, אַז אַזאַ ליטעראַטור קאָן ניט געמאָלט זיין. מחמת, קינסטלערישע שלימות קאָן אַ ליטעראַטור נאָר דער־גרייכן, ווען זי גיט זיך אָפּ מיט שילדערונג פון איינגעשטעלטער לעבנס־אָרדענונג, פון דעם איינגעשטאַנענעם „מיליע". — אין וועלכן ספר פּראָל־ביק איז דאָס געשריבן געוואָרן? — דאָס איז אַ פאָרמאַליסטישער ליגן, וואָס די פרומע לייטישע קריטיקער האָבן אָפּגעשריבן פון די לייטישע לי־טעראַטורן, וואָס זיינען איינגעשטעלט אויף דער אָרדענונג ווי זי איז; און די בעלי־בתים איבער די לייטישע ליטעראַטורן ציטערן, די אָרדענונג, וואָס טוט זיי גוט, זאָל חלילה זיך ניט ענדערן; האָבן זיי איינגערעדט אַ שרעק די שריפטשטעלער, אַז טאָמער שעפּן זיי זייער אינספּיראַציע פון לעבנס־קאָך אַרויס, וועלן זיי אָנווערן זייער קינסטלערישקייט. אויב אַפילו

יאָ און ביז אַהער איז אַזוי געווען — אַז קינסטלערישע אינספּיראַציע האָט דעם שריפטשטעלער געגעבן בלויז די לעבנס־סטאַטיק — קאָן די ליטעראַ־טור גובר זיין אָט־דעם געזעץ פון „געוויינהייט", און אויסאַרבעטן פאַר זיך אַ דינאַמישן קינסטלערישן מעטאָד, וואָס איז ביז אַהער נאָך ניט געווען. דער שריפטשטעלער וועט דאָס פּראָבלעם נאָר דאַרפן אַנטרויען זיין שעפערישן געמיט, וועלכער וועט שוין אַרויסגעבן פון זיך אַ נייע קאָמבינאַציע פון קינסטלערישע מיטלען, אויף אויפצוכאַפּן דאָס וואָס האַלט אין ווערן, דאָס וואָס ראַנגלט זיך נאָך.

עס וועט קומען, עס וועט קומען צו דער פאַרניכטונג פון דער פּריציש־געניסערישער, אויף גאָר נישט צו ענטפערן איינגעשטעלטער, פּאַפּירענער ליטעראַטור. די ליטעראַטור וועט זיך אַראָפּגליטשן פון פּאַפּיר אַראָפּ. אַפילו ווען געדרוקט אויף פּאַפּיר, וועט זי זיך רייסן אין לעבן אַריין. וואָרט וועט זיך רייסן צו טאַט, וואָרט־טאַט וועט עס זיין. געשען וועט עס אין פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָס וועט אַרויספאָדערן די ליטעראַטור פאַר אַ דינאַמישער מיטהעלפערין מיט קינסטלערישן וואָרט־טאַט.

וואָס דאָס איז אויך אין איינקלאַנג מיטן יידישן גרונט־געפיל, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויפן ספר, וואָס האָט געלערנט ווי צו לעבן, און קאָן ניט פאַרליידן אַ ליטעראַטור, וואָס איז אויסגערעכנט צו פאַר־בלייבן אַ פּריצישע צאַצקע אויפן פּאַפּיר. און דערפאַר לאָזט דאָס פאָלק די צאַצקע־אימיטאַציע־ליטעראַטור אומקומען, ניט קויפנדיק אירע ביכער, און זי גייט צו ירידה.

ה

אומקערנדיק זיך צום עצם ענין — עס וועט מקוים ווערן נאָך מער ווי אַ שטאַרקערע ליטעראַטור: —

די ליטעראַטור, דורך איר טעאַטראַליזירונג אויפן קאַלכאָז, וועט זיך דערנעענטערן אין איר פונקציע צו דער רעליגיע פון אירע געבורטס־יאָרן, ווען זי האָט אָפּגעריכט די קונסט פון מענטש־באַשאַפונג אויף לעבעדיקע מענטשן, אַריינשפּילנדיק זיי דורך צערעמאָניאַלע האַנדלונגען אין אַ נייעם געשטאַלט־פורעם. אַזוי וועט אויך דאָ זיין. אין די פייערונגען, ווען דער קאַלכאָז, מיט זיין גאַנצער מיטגלידערשאַפט, וועט אונטער דער רעזשי פון אַנגעפאַרענע טעאַטער־מייסטערס זיך אַליין אויפשפּילן אין אַ ספּעקטאַקל — וועט האַנדלונג ווערן צערעמאָניאַל, אַרבעט וועט ווערן עבודה, די צו־קונפט־אָרדענונג וועט געסדרט ווערן. פון אַזעלכע ספּעקטאַקלען וועט זיך

איינשטעלן דער יום־טוב פון קאָלכאָז. יום־טוב איז דער אויפשפּיל פון געהויבענער ווירקלעכקייט. אָבער אַנדערש ווי אין דער היינטיקער רעליגיע, וואָס איר יום־טוב איז געווענדט צום עבר, צו דער געהויבענער ווירקלעכקייט פון אַמאָל — וועט דער יום־טוב דאָ געווענדט זיין צום עתיד — אַ קינפטיקער ווירקלעכקייט. די טעאַטראַליזירטע ליטעראַטור וועט כסדר צושטעלן פּאַרקינסטלערטן שטאָף אויפצושפּילן אַזעלכע צוקונפט־יום־טובים . . . און נאָך אַמאָל אַנדערש, ווי אין דער היינטיקער רעליגיע — אַנשטאָט אירע פּאַרגליווערטע כלים — די מצוה־האַנדלונגען — וואָס האָבן אפשר גוט געדינט צו קאָנסערווירן די אַלט־אָנגעזאַמלטע ענערגיע, וועט דער טעאַטער פון קאָלכאָז כסדר פורעמען פרייע, באַוועגלעכע, שפּילעוודיקע כלים — האַנדלונגען־צערעמאָניאַלן — פאַר דער פריש־אויפשטייגנדיקער ענערגיע אַריינצולויפן אין זיי. אַ צערעמאָניאַל־טעאַטער וועט עס זיין, וואָס געשטאַלטיקט די צוקונפט־אָרדענונג. און אַפילו אַנדערש ווי עס פלעגט געשען ביי דער געבורט פון דער רעליגיע: די „נייע אָרדענונג" פלעגט אויסריבען פון אונטער דעם יום־טוב, און אָפּשטעלן פלעגט זיך אַ צערעמאָניאַלע דערינערונג, אַ קירכן־צערעמאָניאַל — וועט דאָ די אויפגעיומטובטע קינפטיקע אָרדענונג האָבן אַ טענדענץ איבערצוגיין אין דער ווירקלעכער אָרדענונג פון היינט. — די האַנדלונג, די עבודה, דאָס סדרן, וואָס שפּילן אויף די וויזיע פון צוקונפט־מענטשן, וועלן נעמען אַריינשמעלצן דעם גאַנצן נפש פון די צושויער־מיטשפּילער אין דעם געשטאַלט־פורעם. וואָס טראָגט זיך פאַר זייערע אויגן. די לופט וועט טראַגעדיק ווערן. יעדער איינער וועט שמעקן דעם ריח פון מענטש־באַשאַף, וואָס גייט אָן אין אַנדערן, אייגער דעם אַנדערן אַנשטעקנדיק. — און די לאַמעדוואָווניקעס, די שטילע וויזיאָנערן, און משיחס און בעל־שמס אייניקלעך — די „משיח־איסטן" און די חסידים אין זייערע נייע גלגולים, וועלן זיין די ערשטע אָנגעשטעקט צו ווערן.

און דאָס איז דאָך געווען די שפּירונג פון „נייער מענטש ווערט געבאָרן", וואָס האָט אָפּגעשלאָגן פון זיך רעליגיעזע אַנטציקונג. גלויבן־עקסטאַז. דאָ וועט זיך די שפּירונג געבן, אָן רעליגיע, פון טאָפּלטן געבורט־פּראָצעס — פון צוקונפטס־מענטשנס צוזאַמענגעבאָרן ווערן מיט דער צוקונפטס־אָרדענונג.

אָן ספק וועט אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון בירא־בידזשאַן אויך אַריינשפּילן דער צווייטער קאַרדינאַלער איינשטעל פון דער יידישער פסיכיק: — די פאָלקס־אמונה אין אחרית־הימימדיקן נצחון פון צדק און יושר. די אמונה האָט זיך צוערשט אָפּגערופן אין דער יידישער ליטעראַ־

טור מיט איר באַזונדערער סענסיטיוויטעט צו סאָציאַלן געוויסן, מיט אינ־טימער שייכות ביים ידישן שריפטשטעלער צווישן טאַלאַנט און מאָראַל. דער אַריינשפּיל פון דער אמונה אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון בירא־בידזשאַן וועט זיין נאָך קענטיקער און דירעקטער: אַט זיינען זיי דאָך פּאַרנומען מיט בויען אַן אָרדענונג פון צדק און יושר: דאָס וועט נאָך מער פאַרשטאַרקן די התלהבות פון די בויער, און די אויפפאָדערונג פון די געמיטער, די שרפה פון גייסט, וואָס וועט פאַרכאַפּן בירא־בידזשאַן, וועט נאָך ענלעכער ווערן צו רעליגיע, ניט ווערנדיק קיין רעליגיע — אַן אַ שפּור פון טעאָלאָגיע. און עס לאָזט זיך פאַראויסזען, אַז זי וועט אַפילו אַרויסגעבן פון זיך אַ נייע עשרת הדברות, וואָס איר „אָנכי" — איר ערשטן געבאָט — דעם ערשטן געבאָט פון סאָציאַליסטיש־חברישן צוזאַמענלעבן — קאָן איך דאָ גלייך אָפּשרייבן: גיב, וועט דיר געגעבן ווערן; גיב, אַפילו ווען דיר דוכט זיך, אַז דו פאַרמאָגסט גאָרנישט; פאַרשווענד, וואָס דו האָסט ניט — וועט זיך דיר אומקערן כפל־כפלים.

און אויסזאָגן? עס וועט אומבאַדינגט זיך אָפּרופן דער דריטער, און אפשר איז עס גאָר דער סאַמע־סאַמע ערשטער קאַרדינאַלער ידישער איינ־שטעל, וואָס די „משיחיסטן" און „לאַמעדוואָווניקעס" פון בירא־בידזשאַן וועלן לכתחילה עס זוכן צו באַהאַלטן אָדער פאַרשטעלן, אויס מורא פאַר חברישן טאַדל, אָבער זיי וועלן ניט אויסהאַלטן און סוף־כל־סוף אַרויס־פּלאַצן דערמיט; און מען וועט זיי דאָס דאַרפן דערלויבן, ווייל עס וועט דערפירן זייער התלהבות צו 1000 גראַדיקער טעמפּעראַטור, וואָס דאָס איז זייער נייטיק, כדי אַ ניי־געבאָרענע באַוועגונג זאָל אָנהאַלטן איר שוואונג — עס וועט זיך אָפּרופן די דריי־טויזנט־יעריקע ידישע אמונה, אַז ידן איז באַשערט אַ הויפּט־ראָלע אין אחרית־הימימדיקן וועלט איבערבוי . . . און איצט זיינען זיי זוכה צו זען, ווי זייער אמונה אין ידנס „נצחון", אַן וועל־כער עס איז אָנגעקלאַמערט געווען זייער קיום, ווערט מקוים — זאָל מען זיי ניט פאַרגינען די שמחה? — עס איז ניט קיין שאָוויניזם, ניט קיין אתה־בחרתניזם; ניט קיין פּוסטע גרויסהאַלטעריי און באַרימעריי. אין גייסט מעג מען אָפּהאַלטן אַ נצחון. זיי וועלן ניט זוכן קיינעם צו באַהערשן, נאָר פאַרקערט: צו דינען. ידן וועלן געבן אַ מוסטער פון סאָציאַליסטישן צו־זאַמענלעבן — איז דאָס „נצחון". ידן וועלן וויזן אַ מעטאָד, ווי די וועלט קאָן איבערגיין צו איר נייער טאָג־אָרדענונג. ס'איז דאָך אַ חוב, יעדעס פאָלק זאָל העלפן בויען דעם סאָציאַליזם לויט זיינע פיאיקייטן. און דעם ידנס גרונט־פיאיקייט אין מענטש־אָרדענונג־בויאונג דורך געשטאַלטונג אַנטפּלעקט זיך ערשט צום פולסטן, ווען ער גלויבט, אַז דאָס איז זיין באַ־

שערטער געשיכטלעכער גורל.

און צום גוטן לעצט וועלן זיך מעלדן די יידן פון פערטן מין, וועלכן איך האב בכיוון פארשוויגן, כדי ניט צו דערצארענען — די טרעגער פון פערטן קארדינאלן יידיש־פסיכישן איינשטעל — פון גלויבנס־איינשטעל. דעם ענדגילטיקן קרויןענדיקן מאמענט וועלן די יידן פון גלויביקן מין צו־שטעלן: — זייער אבסאלוטע זיכערקייט, אז עס געשעט — הייגט, באלד — וואס דאס ווירקט ווי צינד־פולווער אויף דינאמיט . . .

און עס וועט קומען צו דער עקספלאזיע פון גייסט, וואס שפרייט זיך ווי פייער און שמעלצט איבער מענטש און ארדענונג צוזאמען. און איין קאלכאז וועט זיך אנשטעקן פון צווייטן מיט אנטציקונג און עקסטאז — ביז גאנץ בירא־בידזשאן וועט פארכאפט ווערן פון דער „הייליקער מגפה". ווי וועט די באוועגונג אנגערופן ווערן? — רעליגיעזע באוועגונג, משי־חיסטישע באוועגונג טאר מען דאך ניט זאגן. אזוי ווי איר ערשטער אויס־ברוך וועט קומען פון דעם אריינגוס — דורך דער טעאטראליזירטער לי־טעראטור — פון קינסטלערישער ענערגיע אין דער סאציאליסטישער בוי־אונג, וועט עס זיין א קינסטלעריש סאציאליסטישע מאניפעסטאציע, וואס וועט טראגן דעם נאמען פון דעם הויפט־קינסטלער און הויפט־העלד פון דער סאציאליסטישער בויאונג פון בירא־בידזשאן — פונקט אזוי ווי די „סטאכאנאווטשינע" איז אנגערופן געווארן אויף דעם נאמען פון איר אי־ניציאטאר סטאכאנאוו. עס וועט גאר ניט דארפן זיין א הויכער פירער, נאך א גאנץ פשוטער מיטגליד פון א קאלכאז. וועלכער איז אבער געוועזן דער ערשטער אויפגעפיבערט צו ווערן, ווייל די משיח־וויזיע, וואס לעבט אין אונטערבאוואוסטזיין פון דער יידישער פאלקס־מאסע, איז אין אים דעם ערשטן קאנקרעטיזירט געווארן.

פון בירא־בידזשאן וועט די יידישע סטאכאנאווטשינע פארפלייצן גאנץ סאוועטן־לאנד; ווייל זי וועט דערפילן א נייטיקע פונקציע — זי וועט געבן די לייזונג פון א פראבלעם, וואס, ווייל ניט געלייזט, מאטערט עס, פארהאלט און פארשווערט די סאציאליסטישע בויאונג — אומעטום, וואו די בויאונג פון דער נייער ארדענונג האט אריבערגעיאגט דעם מענטשן, וואס איז איבער א העלפט געבליבן שטעקן אין דער אלטער ארדענונג; וואס דאס שאפט אומווילן, ווידערשטאנד און סאבאטאזש און צווינגט אין אפענטפער דערויף צו צוואנג־דיסציפלין. דערחמיט וואס בירא־בידזשאן וועט צושטעלן דעם מעטאד, ווי אזוי צו פלאנצן צוקונפט־געשטאלט אין מענטשן, וועט זי געבן דעם שליסל צו דעם צונויפשלוס פון מענטש און ארדענונג; און עס וועט אויפהערן דער אומווילן און ס'וועט פארשפארט

ווערן צוואַנג. און ניט נאָר וועט דערמיט אַ דינסט געטאָן ווערן דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, עס איז ניט בלויז אַ פּראָבלעם פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָר אומעטום, וואו פּרואוון זיינען געמאַכט געוואָרן און וועלן געמאַכט ווערן די נייע סאָציאַלע אָרדענונג צו בויען, האָט מען זיך באַגעגנט און מען וועט זיך באַגעגענען מיט דעם פּראָבלעם פון גלייכצייטיקן בויען מענטש און אָר־דענונג. און מען איז דורכגעפאַלן און מען וועט דורכפאַלן כל־זמן דאָס פּראָבלעם איז ניט געלייזט; איז דאָס אַן אויסרייד פאַרן פאַשיזם אויף דער וועלט — וועלכער איז אפשר דערפאַר אַזוי גרויזאַם ראַסיסטיש־אַנטי־סעמיטיש, ווייל ער פילט, אַז יידן זיינען קאַפּאַבל צוצושטעלן די לייזונג פון פּראָבלעם, וואָס דאָס וועט ברענגען זיין מפּלה.

וועט עס זיין אי יידישער דינסט אי וועלט־דינסט. און דערגרייכט וועט עס ווערן דורך דער „יידיזירונג" פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון ביראָ־בידזשאַן — דורך דער פאַרקינסטלערונג־פאַרסאָציאַליזירונג. מיט דער הילף פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער ירושה, וואָס האָט זיך אָפּגעלייגט אין יידישן געמיט אין איינפאָס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָרם. — און אין פּראָפּאָרציע צו איר גרויסן דינסט וועט די יידישע ליטע־ראַטור זיך אַליין דינען. איר אייגענער אינטערעס פאָדערט, זי זאָל זיך שטעלן צו אָט־דעם דינסט. דאָס איז דער וועג פון איר זעלבסטבאַרייכע־רונג, דער וועג צו איר אויבן־אָן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

(אָט דאָס צונויפפאַלן פון העכסטן אינטערעס פון דער יידישער לי־טעראַטור מיט דעם העכסטן נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן און אַלוועלטלעכן אינטע־רעס האָב איך אַמאָל — אין 1932 אָדער 1933 — אין דער וואָכנשריפט „יידיש" פון דער ניו־יאָרקער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, אָנגערופן „דער באָלשעוויזם פון יידישן וואָרט", וואָס פאַר דעם האָב איך אַריינגע־כאַפּט אַ גוטן חלק פון די קלעגן פון דער קולטור־געזעלשאַפט גופא).

אָט וויפיל רעזולטאַט עס וועט זיך דערלאַנגען פון דעם סינטעז פון נאַציאָנאַלער פאָרם און סאָציאַליסטישן אינהאַלט, ווען אָנגעווענדט אויף דער יידישער ליטעראַטור . . .

ז

לאָזט זיך דאָ מאַכן אַ ריי אויספירן. — דער ערשטער אויספיר: מיר טאָרן ניט יוצא זיין מיט רופן יידן זיך באַזעצן אין ביראָ־בידזשאַן. יידי־שע אויטאָנאָמע טעריטאָריע, יידישע קולטור־אויטאָנאָמיע איז אַוודאי גוט. אָבער דאָס זיינען ערשט די אויסערלעכע באַדינגונגען. וואָס וועלן טויגן

די גליקן פון דער יידישער שפראך־ און קולטור־אויטאָנאָמיע, אַז זייער עיקר־בייטראַג צו סאָציאַליסטישער קולטור וועלן יידן ניט האָבן געגעבן?

עס וועט קיין אמתע יידישע טעריטאָריע און קיין אמתע יידישע קול־טור ניט זיין, ווען עס וועט ניט צוקומען דער יידישער סאָציאַליזם, און נאָך אַמאָל צו אונטערשטרייכן, כדי ניט איבערצושרעקן די איבערגעשראָקענע, — אַ יידישער סאָציאַליזם ניט אין דעם זין, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ ספּע־ציעלער יידישער תוך פון סאָציאַליזם, נאָר יידיש אין דעם צוגאַנג. עס האַנדלט זיך וועגן דעם ספּעציעלן יידישן צוגאַנג צו דער בויאונג פון סאָ־ציאַליזם, — נאָך אַמאָל: דער מעטאָד צו האַנדלען לויט וויזיעס, צו לאָזן אויפגיין אַ דערלייזערישע געשטאַלט, וואו עס פאָדערט זיך אַ געזעלשאַפט־לעכע אָנשטרענגונג אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. דער ספּעציעלער יידישער מעטאָד איז געוואוּנטשן און געהייסן, פּונקט ווי עס איז געוואוּנטשן און גע־הייסן די ספּעציעלע יידישע שפּראַך — ביידע געהערן צו דער יידישער נאַ־ציאָנאַלער פאָרם. מען וואָלט אַפילו געקאָנט אינגאַנצן פאַרבויגן דעם ספּעציעלן יידישן באַרוף אין אויסלייזונגס־ווערק, מיט וועלכן די לאַמעד־וואָווניקעס טראָגן זיך אַרום, אַבי דער ספּעציעלער יידישער מעטאָד זאָל זיין. דער ספּעציעלער מעטאָד וועט שוין געבן יידן ראָלע און באַרוף. אין מעטאָד וועט שוין במילא זיך אַריינשפּריצן דער יידישער היסטאָרישער באַוואוּסטזיין, די יידישע יושר־אמונה, די יידישע גלויבנס־שפּאַנונג און דער יידישער „נצחון". וואָס דאָס איז עס, וואָס יידישט דעם סאָציאַליזם. אַנ־דערש קאָן קיין יידישער סאָציאַליזם ניט זיין — און אין דעם זין איז קיין יידישער סאָציאַליזם נאָך ניט געווען.

ערשט אַט־דער צוגאַנג וועט יקדישן די יידישע קולטור פון בירא־בידזשאַן; און מאַכן בירא־בידזשאַן פאַר דער טעריטאָריע, וואו יידן וועלן קאָנען טאָן גרויסן סאָציאַליסטישן דינסט פאַר זיך, פאַר סאָוועט־רוסלאַנד און פאַר דער וועלט; וואָס דערמיט וועט זי געווינען צוציאונגס־קראַפט פאַר דער יידישער פאָלקס־מאַסע — נאָך איידער זי וועט דערלאַנגען דאָס גרויסע געשעעניש, וואָס דאַרף מאַכן געשיכטע.

ווען די יידישע פאָלקס־מאַסע וועט דערשפּירן, אַז דאָרט אין בירא־בידזשאַן האַנדלט זיך וועגן יידישן גורל, אַז יידן ווערט דאָרט געגעבן אַן אייגענע ראָלע אין סאָציאַליזם — וועט די אָנגעשפּאַנטע יידישע גלויבנס־ענערגיע וואָס וויל זיך פורעמען און האָט ביז אַהער פאַר דעם קיין פּולע געלעגנהייט ניט געהאַט — אונטערזאָגן דער מאַסע חשק און ברען צו לאָזן זיך אַהין — און עס וועט זיך אָנהויבן אַ פאָלקס־באַוועגונג קיין בירא־בידזשאַן — מיט דער ספּעציעלער יידישער כאַראַקטעריסטיק, וואָס אַנט־

פלעקט זיך אַזוי בולט אין ציוניזם — דער פּאַרטרויען אין דעם איבער־וועגנדיקן כוח פון גייסט איבער מאַטעריעלע מניעות — וואָס דאָס מיינט אַ התלהבותדיקע פאָלקס־באַוועגונג אַרום און צו ביראָ־בידזשאַן, וואָס מען מוז מודה זיין ביז אַהער איז עס נאָך ניט געווען.

און איך וועל צוגעבן צוויי אויספירן פאַר אונדז אין אַמעריקע:

ערשטנס, אַזוי ווי וואָס מער קינסטלערישע ענערגיע ס׳וועט אַריינגע־בראַכט ווערן אין סאָציאַליסטישער בויאונג, אַלץ וויניקער ווידערשטאַנד וועט זיין און אַלץ וויניקער צוואַנג־דיסציפּלין וועט זיך פאָדערן צו צאַמען דעם ווידערשטאַנד — מאַקסימום קינסטלערישע ענערגיע, מינימום צוואַנג; און אַזוי ווי די געלונגענע, גוואַלטלאָזע לייזונג פון פּראָבלעם פון סאָציאַ־ליזאַציע אין סאָוועטן־לאַנד פאַרמינערט די סכנה פון פאַשיזם איבער גאַר דער וועלט — באַרעכטיקט עס אַזעלכע, וואָס קווענקלען זיך צוצושטיין צו פּאָליטישע פּאַראַיניקטע פראָנטן, באַרעכטיקט עס זיי צוצושטיין צו אַ פאַראייניקטן קולטור־פראָנט.

צווייטנס, אויף צו להכעיס די יעניקע ביי אונדז, וואָס זייער מאַקסי־מום גלויבן איז אין סחורה און זייער מינימום גלויבן איז אין תורה; פונ־דעסטוועגן דינגען זיי זיך שטענדערס אין דער פרומער שול צוליב באַלע־באַטישן עטיקעט און צוליב דער פּרנסה, וואָס זיי ציען פון זייער „יידיש־קייט״, און זיי, די אומגלויביקע באַלעבאַטים פון די געדונגענע שטענדערס, זיי זיינען עס די ערשטע צו מאַכן דעם גוואַלד: יידישקייט גייט אונטער אין סאָוועטן־רוסלאַנד! — אויף צו להכעיס זיי וועט די ביראָ־בידזשאַנער סאָציאַליזאַציע, מיט דעם גרויסן דינסט, וואָס זי וועט טאָן פאַרן סאָוועטן־לאַנד און פאַר גאָר דער וועלט, אָנציען אַ יידישע טעמפּעראַטור פון 1000 גראַד, וואָס וועט געבן דעם יידן זכות הקיום אויף נאָך 1000 יאָר. אַזוי איז אַלעמאָל געווען: גרויסער דינסט האָט פאַרלענגערט דעם יידישן פאָלק דאָס לעבן. וואָס־זשע קלאָגט איר, יידישקייט־באַקלעגער! נאָר אויף די געדונגענע פרומע שטענדערס פון די אומגלויביקע פעדלערס מיט פרומ־קייט האַלט זיך יידישקייט?

און על־כולם אַן אויספיר פאַר דער יידישער ליטעראַטור:

די שילדערונג פון די יידישע פּערספּעקטיוון אין ביראָ־בידזשאַן, מיט אַ הויפּט־פונקציע פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, מיט אַ טרי־אומף־פינאַל — אַ נייע עפּאָכע־מאַכנדיקע יידישע גייסט־עקספּלאָזיע, וואו דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור שטייט פאָר אַ הויפּט־פאַרדינסט מיט אַ הויפּט־געווינס — די שילדערונג איז טאַקע ניט מער ווי אַן אידעאַלע פּראָיעקציע, אָבער אַ פּראָיעקציע פון מעגלעכקייטן, וואָס וואָרצלען אין

דער רעאלער סיטואציע. אפילו ווען ניט פול דערגרייכט, קאן די פראיעקציע דינען דער סאוועטיש־יידישער ליטעראטור ווי א פאקוס, צו וועלכן זי זאל זיך ציען; ווי א ברענגלאז, פון וועלכן זי זאל זיך צינדן. פאר ליטעראטור איז דאס גענוג. זיך שטרעקנדיק צום טריאומף־פינאל, וואלט זי אפגעהאלטן א ריי טריאומפן. ווארים וואו עס איז דא א פונקציע, איז דא שעפערישקייט; שטייגט פונקציע, שטייגט טאלאנט. די סאוועטישע־יידישע שריפטשטעלער וואלטן געווארן ערשט־קלאסישע מייסטער־שאפער, און די סאוועטיש־יידישע ליטעראטור וואלט לייכט געקאנט איבערנעמען די העגעמאניע איבער דער יידישער ליטעראטור פון גאר דער וועלט.

עס מאכט ניט: וואס וועט צוקומען דער סאוועטישער, וועט צוקומען דער גאנצער יידישער ליטעראטור. וואו עס איז קאמפעטיציע, דארט איז אויך קאאפעראציע. די סאוועטיש־יידישע ליטעראטור איז מזלדיק מיט איר סיטואציע, — זי האט זיך סומך צו זיין אויף א זיך־בויענדיקער נייער ארדענונג, וואס לאדט זי אן מיט גרויס־תכלית. די חוץ־לארצדיקע יידישע ליטעראטור איז געשטערט דערפון, וואס עס פעלט איר אזא סיטואציע. זי מוז נייע ארדענונג פון זיך גופא, אין שעפערישער שפאנונג, ארויסבאקומען. דערפאר אבער איז זי פריי פון אינעווייניקסטע שטערונגען. דער פאקט איז, אז געוויסע טיילן אירע זיינען נעענטער צוגעקומען צום טריאומף־פינאל, ווי די יידישע ליטעראטור פון סאוועטן־לאנד.

זאל זיין גוט־ברודערשאפט, זאל זיין א בונד פון „פרענדלי ענעמיס" צווישן דער סאוועטיש־יידישער און חוץ־לארצדיקער יידישער ליטעראטור; זאלן זיי זיך באטראכטן ווי האלב־ברוגזע שותפים צו איין פארמעגן, — די ג א נ צ ע יידישע ליטעראטור — וואס פון צייט־צו־צייט טוען זיי זיך טובות; איך אנטליי דיר מיין נייע ארדענונג פאר אינספיראציע, און דו אנטליי מיר דיין אינעווייניקסטע פרייהייט. און שלום על ישראל!

האב איך איינגעווארפן מחיצות, האב איך אריבערגעווארפן בריקן, וואס דאס איז מיין ציל געווען.

פערטער טייל

I

די ליטעראַטור האָט פאָראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע

עס האָט זיך באַשטעטיקט: די יידישע ליטעראַטור, פונקט ווי איר פאָראויסגייערין די יידישע רעליגיע, האָט זיך געריכט אויף אָט דער גורלדיקער שעה. מיט די אַלע טענדענצן, וואָס זי האָט אַריינגעזויגן ביי איר געבורט: מענדעלעס גרויס־תכלית, שלום־עליכמס איבערגעשטאַלטונג פון דעם אַלט־יידן אין ניי־יידן, פרצעס ירושה־פאַרוואַנדלונג — מיט דער מוטערטענדענץ פון זיי אַלע: צו דינען, פונקט ווי די רעליגיע, ווי אַ כמו־טעריטאָריע, ווי אַ טעריטאָריע של־מעלה, פאַר דעם פאָלק אָנצוהענגען זיך אויף איר מיט זיין קיום — מיט אַלע אירע אַריינגעבאָרענע גרונט־טענדענצן האָט די ליטעראַטור ווי פאָראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע איבער אַלע קאַטאַסטראָפעס, ווען ס'וועט אויפשטיין אַ וועלט־שונא, וואָס וועט זיך פאַרמעסטן אויפן פאָלק מיט פולשטענדיקער פאַרניכטונג. דאָס זיינען געווען פאָראויסזעערישע טענדענצן, באַוואָרענישן אויף להבא . . .

ווי האָט דאָס אַלץ די יידישע ליטעראַטור פאָראויסגעוואוסט, פאָראויסגעזען און באַוואָרנט? וואָס איז זי, אַ לעבעדיקער ווען? געוואוסט האָט זי עס דורך די שריפטשטעלער, וואָס האָבן זי אויסגעפאָטערט און אויסגעמוטערט. האָבן די פאָטערס פראָסט־פשוט קאָפירט די יידישע רעליגיע? ניין. זיי האָבן עס געוואוסט מיט אַן אומבאַוואוסטזיניקן וויסן, וואָס איז געוואָרן אַלץ באַוואוסטזיניקער — דורך זייער גרונט־וועזן. דאָס האָט גערעדט דורך זיי די 2,000־יאָריקע דערפאַרונג פון אַ פאָלק, וואָס האָט פון זיין טעריטאָריעלאָזער גרונט־סיטואַציע אַרויס אויסגעאַרבעט זיין היסטאָרישן קיום־תנאי: צו דערגאַנצן וואָס עס פעלט אים צו פיזישער טעריטאָריע מיט דער טעריטאָריע של־מעלה, וואָס זיין אמונה האָט אויסגעשפּרייט איבער אים. טעריטאָריעלאָז, אויסגעליפערט צו פערמאַנענטע סכנות, האָט דאָס פאָלק זיך אויסגעשטרעקט מיט אמונה, וואָס כאָטש ניט גענוג פאַר פיזישער באַשיצונג, האָט עס דאָך אָנגעלאָדן מיט כוח און חשק צו לעבן די אַנטרונענע רעשטן; אַנטקעגנווירקנדיק דעם סם־המות פון

פאַרצווייפלונג מיט בטחון אין ענדגילטיקן נצחון.

דאָס איז געווען אַ פאַרפאַנצערונג פון פאָלק צו גייסטיקן ווידער־שטאַנד; אַ צודעק איבערן קאָפּ אַנשטאָט אַן אָנשפּאַר אונטער די פיס.

דערפאַר, ווען אַלץ־ברייטערע קרייזן פון פאָלק האָבן זיך גענומען אויסטאָן פון דער רעליגיעזער פאַרפאַנצערונג און באַקעט און הויל האָבן זיי זיך געלאָזט גיין מיט דעם וועג פון פאַרוועלטלעכונג, האָבן די שפּעטערישע יידישע גייסטער זיך צוגעכאַפּט צו ליטעראַטור, דער וועלטלעכסטער שפּ־עטערישער פאָרם, וואָס די אומות־העולם האָבן אויסגעאַרבעט; צו דעם צו־געגנגלעכסטן פאַר יידן צווייג פון קונסט, וועלכע איז די נעענטסטע דער־נעענטערונג צו רעליגיע; און צוהערנדיק זיך צו דעם קול פון דער גע־ירשנטער פסיכישער דערפאַרונג, האָבן זיי גלייך איינגעשטעלט די ניי־אוי־בערגענומענע שעפערישע פאָרם אויף אויפצודעקן און אָפּצושייערן פון שטויב דעם נשמה־פאַנצער, וואָס די אמונה האָט אויסגעשמידט כדי יידן זאָלן ניט בלייבן שוצלאָז אינמיטן אַ וועלט, וואָס איז באַלאַגערט מיט שנאה: — מענדעלע, מיט דער פירנדיקער משכילישער פראַגע: צו וועלכן תכלית? — איז פון דעם אָרעם־פראָזאאישן „קליין־מענטשעלע" דערגאַנ־גען צום קינסטלעריש־רייכן „שלמה ר' חיימס", וואָס פייערט דעם יידנס יום־טובדיקע עלית־נשמה; שלום־עליכם האָט איבערגעשטאַלטיקט די „קליינע מענטשלעך מיט די קליינע השגות" אין טוביהן, די פאַרקערפּע־רונג פון יידישן גרויס־ביטחון, און די לופט־מענטשעלעך האָט ער איבער־געשטאַלטיקט אין מנחם־מענדלען, וואָס באַלד־באַלד איז ער די פאַרקער־פּערונג פון דער גרויסער התלהבות, מיט וועלכער דער ייד דערהויבט זיך איבער זיין באַדנלאָזער ווירקלעכקייט; און פרץ, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיך אַ נייעם באַשטעלער, דעם האַרעפּאַשניק, וועלכער האָט געמאָנט כוח פאַר זיין קאָמפּסלוסטיקייט, האָט קינסטלעריש גענומען פאַרוואַנדלען — צוערשט מיט זיינע חסידישע מעשיות, דערנאָך דורך זיינע „פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן" — די אמונה־ירושה אין מאָדערנער מאָראַלער ענערגיע פאַרן באַלדיקסטן פאַרברויך: — אָט האָט איר, האַרעפּאַשניקעס, יידישע גבורים אויף נאָכצוטאָן!...

די ליטעראַטור האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַן אויסגעצייכנטער שעפערישער פאָרם, וואָס אי זי קאָמוניקירט מיט דער וועלט, אי זי היט אין די אייגענע נשמה־אוצרות. און ווייל דער איינשטעל פון די דריי קלאַ־סיקער, וועלכע האָבן איינגעשטעלט די יידישע ליטעראַטור, האָט אַזוי גוט געשטימט מיט דעם פסיכישן מוסטער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין זיך, איז

עס געווען צו מזל־ברכה. א שפע פון שעפערישקייט האט זיך ארויסגע־שלאגן. אין פארלויף פון וויניקער ווי צוויי דורות האט די יידישע ליטע־ראטור אנגעיאגט די ליטעראטורן פון ד אומות־העולם. נאך בעסער איז, וואס די יידישע ליטעראטור מיט אירע שפיצן האט שוין באלד אנגערירט די העכסטע דערגרייכונג פון איר פאראויסגייערין, די יידישע רעליגיע — דעם אפדאך איבערן קאפ, וואס די אמונה האט אויפגעהויבן. מענדעלעס „בנימין השלישי", שלום־עליכמס „טביה", „מנחם־מענדל", פרצעס שלמה פון דער „גאלדענער קייט" — זיי רעדן זיך שוין באלד צונויף מיט די גע־שטאלטן פון דער וועלט־ליטעראטור פון דער אויבערשטער יידישער בימה, נאך א ווילע און עס וועט זיך איינשטעלן א גרויס־וועלטישע טעריטאריע של־מעלה, וואס פארבייט ביי יידן טעריטאריע של־מטה. די גרויסע צאל שריפטשטעלער, וואס זיינען אויפגעקומען אין פרצעס סביבה, אדער אונ־טער פרצעס השפעה, האבן בפועל־ממש געפילט פעסטן באדן אונטער די פיס. אזא ברייטע יידישע אוידיענץ! זיי האבן געמיינט, אז יידישע ליטע־ראטור שפראצט, וואקסט, געדייעט און באפרוכפערט זיך אזוי נאטירלעך, ווי ביי אלע לייטישע פעלקער.

אבער די ליטעראטור אין גרויסן גאנצן, מיט דעם באהאלטענעם וויסן, וואס איז איר אונטערגעזאגט געווארן פון דער יידישער רעליגיע, האט בע־סער געוואוסט. די יידישע רעליגיע האט זיך ניט באנוגנט מיט פאסיווער פאר־פאנצערונג. אן אנגעלערנטע פון איר 2,000־יעריקער דערפארונג, האט זי געטראגן אין זיך דעם זיכערן פארגעפיל, אז וואס גרעסער, ברייטער, ארומ־גענומענער די וועלט וועט ווערן, אלץ גרעסער, ברייטער, ארומנעמענדי־קער וועלן ווערן די קאטאסטראפעס, וואס וועלן זיך שטירצן אויף דעם יידנס קאפ — ביז די וועלט וועט ניט אויסהאלטן איר אייגענע רשעות. די רשעות־ארדענונג וועט פלאצן, ארויספלאצנדיק פון זיך א וועלט־קאטאסטראפע, וואס וועט אויסקלייבן דעם יידן פאר איר ערשטן און הויפט־קרבן, אויב דער ייד וועט איר דעם וועג ניט פארלויפן. האט די יידישע רעליגיע, פון פארצייטן אן, גענומען אויסארבעטן דעם טיכטיקסטן, ווירקזאמסטן, אק־טיוווסטן אפוועך־מיטל — די געשטאלט פון געשטאלטגעבער. אלץ וואס דער ייד האט אנגעלעבט דורך זיינע טויזנטער יארן דורך ליידן, אויסדויער, האלדז־ און נשמה־אויסשטרעקונג, האט ער אריינגעטאן אין דעם אויפבוי־פון דער משיח־געשטאלט, וואס, אנגעקניפט אן ה' אחד, האט צוזאמענגע־האלטן די טעריטאריע של־מעלה, אן וועלכער עס איז אנגעקלאמערט גע־ווען דעם יידנס קיום און בטחון אין ענדגילטיקן נצחון. געשטאלטגעבונג,

וואָס פורעמט, באַשאַפט און שאַפט איבער — בצלם אלהים — מענטשן־מאַסן כהרף־עין, איז דער אויסגעפּרובירטער היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישער געזעץ. וויפיל מאָל, ביי יעדער קאַטאַסטראָפאַלער ווענדונג, האָט דאָס געשטאַלט פון געשטאַלטגעבער זיך געוויזן ווי אַ זעאונג, וואָס האָט איבערגעשטאַלטיקט ניט נאָר דאָס פּנים פון די פעלקער, און איבערגעפורעמט זייער געשיכטלעכן גורל. דאָס זיינען אַלץ געווען פראָבן־הכנות צו דער קאַטאַסטראָפע איבער אַלע קאַטאַסטראָפעס, ווען די איבערפורעמונג פון מענטש און אָרדענונג וועט זיך פאָדערן אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער יידישער רעליגיע מיט דעמזעלביקן פאָרגעפיל און זי האָט זיך אויך ניט באַנוגנט מיט פּאַסווער פאַרפאַנצערונג. זי האָט איבערגענומען פון רעליגיע איר פאָר־אויסגעוויסן, אַז אין דער לעצטער גורלדיקער שעה וועט אַבי קיום — אַבי אויסהאַלטן און בלייבן לעבן — ניט גענוג זיין. דער קיום וועט זיך דאַרפן איבערזעצן אין נצחון. וואָרים אָן אַ גייסטיקן נצחון וועט קיין קיום אויך ניט זיין. ווי עס באַשטעטיקט זיך אַזוי מוראַדיק היינט: קיין רעטונג פאַר די יידישע מיליאָנען, ווען מיר וועלן מאָראַליש ניט באַצווינגען די פעלקער. געגוי לויט דער רעליגיעזער נבואה: — אַז ערשט אויסלייזנדיק די וועלט, וועט דאָס פאָלק זיך אויסלייזן . . .

און זי האָט איבערגענומען פון דער רעליגיע דעם צוזאָג־פאַרזאָג, דעם נדר־באַפעל אויסצושמעלצן פון זיך דעם רעטנדיקן אינסטרומענט קעגן דער וועלט־רשעות — די געשטאַלט פון געשטאַלטגעבער. פון איר סאַמע געבורט, איז זי אָן איר וויסן אָנגעצילעוועט געווען צו אַן אויסלייזנדיקער וועלט־ראָלע. און זי איז געוואָרן אַלץ באַוואוסטזיניקער וועגן דעם. שלמה פון דער „גאָלדענער קייט" איז שוין אַן אָנגעצילעוועטער משיח־וואונק. און וואָס ווייטער איז זי געוואָרן אַלץ אָנגעצילעוועטער. משיח־דראַמען האָבן זיך גענומען מערן, אָנזאָגנדיק משיחס־צייטן.

און איצט אין דער לעצטער גורלדיקער שעה — די געשטאַלט פון געשטאַלטגעבער איז בפירוש דאָ; זי האָט זיך אָפּגערופן; זי מיניעט זיך ווי אַ זעאונג. זי איז אַרויס פון איר פאַרגליווערטן סטאַטישן צושטאַנד, זי איז געוואָרן דינאַמיש. זי טראָגט זיך דורך וועלט־חלל, און לויט דעם פעסטגעשטעלטן געזעץ פון דער געשיכטלעכער געשטאַלטס־פּסיכאָלאָגיע האָט זי געדאַרפט נעמען טאָן איר פורעמענדיקע אַרבעט. און זי טוט די אַרבעט — אָבער צו אונדזער גרויסן אומגליק אין רציחהדיקער אָפּאָזיציע צום יידן, ווי אַ פינצטערער שאָטן־אָפּשלאָג, ווי דער שטן־המשחית, דורך היטלערס

טייוולשער אימיטאַציע.

משחיתדיק, נעגאַטיוו, צום יידנס רעה — יאָ; אָבער פּאָזיטיוו, דער־לייזעריש, צום יידנס טובה — ניט?

דאָס מיינט ניט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט געדאַרפט נעמען אויף זיך אַראָפּצוברענגען משיחן. נאָר זי האָט געדאַרפט טאָן פאַר דעם יידישן פאָלק לכל־הפחות אַזויפיל ווי להבדיל אלף הבדלות וואַגנערס אָפּערעס, מיט זייער וואָטאַן־פאַמיליע, האָבן געטאָן פאַר היטלערן: — אים אינספּירירט צו זיין פירער־ראָלע. אָבער דאָס איז געווען ניט בלויז וואַגנער און וואָטאַן, וואָס האָבן געגעבן היטלערן אינספּיראַציע. דער יידישער בייטראָג צו היטלערן איז געווען נאָך מער: די וואָטאַן־געשטאַלט איז הונדערטפאַך פאַרשטאַרקט געוואָרן אין קעגנשפּיל צום יידישן געשטאַלטגעבער — וואָס דאָס האָט געמאַכט זיך בוקן צום פירער די מיליאָנען געפירטע, פאַרזיכערנ־דיק אים מיט זיינע ערשטע טריאומפן.

די קונסט איז באַרופן דערצו. געשטאַלטגעבונג איז אַ געזעלשאַפט־לעכער קונסט־אַקט — אין אָנווענדונג אויף לעבעדיקע מענטשן־מאַסן. מילא, די יידישע רעליגיע אַליין ניט. זי איז נאָך אַלץ פאַרשלאָסן אין איר געטאָ־פרומקייט, און איר פרומער משיח איז נאָך אַלץ געטאָ־געפאַנגען. קאָן ער זיך ניט דערלאַנגען צו דער וועלט. אָבער ליטעראַטור האָט זיך דאָך געמאָלדן ביי יידן פונקט פאַר אָט דעם צוועק — איינצושטעלן קאָמוני־קאַציע מיט דער וועלט, פאַר דירעקטער ווירקונג און באַאיינפלוסונג. דאָס האָט געהערט צום נויטיק־געוואָרענעם פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג, ווען די געטאָ־ווענט זיינען איינגעפאַלן. די רעליגיע, מיט איר פרומען משיח, ניט. אָבער די ליטעראַטור האָט דאָך געקאָנט דינען ווי דער קאַנאַל, דורך וועלכן עס זאָל זיך דורכטראָגן דער שטראָם פון דער רעליגיעז־אָנגעקוואָ־לענער דערלייזערישער עמאָציע, וואָס אין דער איצטיקער גורלדיקער שעה — ניט נאָר פאַר יידן, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט — וואָלט זיך דאָס דער־לאַנגט מיט אַ גראַנדיעזן עפעקט. אַפילו די געשמדטע איקאָנע, די צוגע־נאָגלטע צו די קירכלעכע ווענט, וואָלט זיך גענומען באַוועגן צו יידישער רעטונג.

און ניט בלויז די דערלייזערישע עמאָציע. די גאַנצע רעליגיעזע אָנ־געלאָדנקייט, די אָנגעשפּאַנטע און די אָקומולירטע מאָראַלע ענערגיע פון טויזנטער יאָרן, וואָס האָט געגעבן דעם יידן האַפט און קראַפט און לעבנס־דראַנג, האָט געדאַרפט געבראַכט ווערן אין באַוועגונג אַריינגעפלייצט צו ווערן דורך דעם קאַנאַל פון וועלטלעכער ליטעראַטור אין דער הייניקער

שעה אַריין. זי וואַלט אונדז גריילעך צונויץ געקומען ווי אַן אַפּווער קעגן דער סכנה פון אומקום. צו אַט־דעם ציל איז דאָך די יידישע ליטעראַטור לכתחילה אַנגעשטעלט געווען, דאָס איז דאָך איר גרונט־טענדענץ. די כמו־טעריטאָריע, וואָס זי דאַרף אויפשטעלן איבערן יידנס קאָפּ, איז נאָך אַנגע־לענט אויפן יידנס האַרץ, אַנגעלאָדענעם מיט אמונה.

און דאָס איז דאָך דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט באַשעפטיקט פּרצן: ווי טוט מען אַריין דעם מאָראַלן אינהאַלט פון רעליגיע אין דער וועלטלעכער קונסט־פאָרם? און פאַר זיך האָט ער דאָס פּראָבלעם געלייזט דורך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". ער האָט געשאַפן אַ ספּעציעל־יידישע פאָרם, וואָס פּראָדוצירט גלייכצייטיק אי מאָראַל, אי קונסט — ביידע אין באַהעפ־טונג, אין אַ סינטעז. פּרצעס פּראָבלעם איז דאָס פּראָבלעם פון דער גאַנ־צער יידישער ליטעראַטור. פאַרוואָס אַ פּראָבלעם? אין זייער עצם, אין זייער אָפּשטאַמונג, זיינען רעליגיע און קונסט גאָר ניט אַזוי ווייט איינס פון אַנדערן. אי די רעליגיע, אי די קינסטלערישע שאַפונג קוועלן אַרויס ווי אַ יש מאין — אין אמונה, אין צוטרוי צו רוח־הקודש. ביידע זיינען מענטש־באַשאַפונג, אַנהויבנדיק פון געפילן און שטימונגען און פאַרענדיקנדיק מיט געשטאַלטן. דער חילוק איז נאָר, וואָס רעליגיע שאַפט אין צוטרויליכן אויסשטרעקן זיך צו גאָט, קונסט ווערט באַשאַפן אין קינסטלערס צוטרוי צו זיך אַליין. דאָרט גראַדליניקע געהאָרכזאַמקייט צו גאָט, דירעקטע דער־לאַנגונג פון גאָטס וואָרט — דאָ פרייער שפּיל פון פאַנטאַזיע, פון אייגענעם אימפּעט אַרויס. דאָ הייבט זיך אָן די סתירה, די ראַנגלעריי צווישן גאָט און מענטש. קאָן די סתירה אָפּגעווישט ווערן? קאָן מען די ביידע שאַ־פונגס־פאָרמען פאַרן? פּרץ האָט געגלויבט, אַז דורך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט ער באַוויזן, אַז יאָ. אין אַנדערשקייט פון דער קונסט ביי די אומות־העולם, וואָס פאַרבייט זיי רעליגיע, איז די אידעאַלע יידישע קונסט־פאָרם גלייכווערטיק מיט רעליגיע — אַ קינסטלערישער עקוויוואַלענט צו רעליגיע. ניט במקום־רעליגיע, נאָר כמו־רעליגיע.

צי פּרץ האָט דערגרייכט זיין אידעאַל, לאָזט זיך דיסקוטירן. אָבער אין דער ריכטונג פון אָט דעם ענדציל האָט די יידישע ליטעראַטור זיך באַ־וועגט און זיך געדאַרפט ווייטער באַוועגן — צו קינסטלערישער כמו־רעלי־גיע (וואָס איך רוף כמו־טעריטאָריע, איז אייגנטלעך כמו־רעליגיע). וואָס האָט געשטערט? וואָס האָט די באַוועגונג פאַרהאַלטן? — נאָך דעם ענט־פער טראָגן מיר זיך אַריבער קיין אַמעריקע, וואו אַלע גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך איבערגעחזרט מיט נייע באַשטעטיקונ־

גען, אָבער אויך מיט פרישע וואַריאַציעס.

עס האָט זיך באַשטעטיקט, אַז דער דראַנג צו טעריטאָריאַליזירונג איז די הויפּט־טרייבקראַפט פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דאָ האָט גע־פעלט די כנסת־ישראל, די גייסטיקע געמיינשאַפט פון דער יידישער עדה, וואָס זאָל באַפעלן פון אויבן אַראָפּ דער ליטעראַטור: באַשאַף זיך ווי אַ כמו־טעריטאָריע! וואָס דאָס האָט אין דער אַלטער היים פאַרגיכערט דעם פּראָצעס פון דער פאַרקינסטלערונג פון דער ליטעראַטור; אַז אָנהויבנדיק פון משכילישן תכלית־דינסט, זאָל זי אין פאַרלויף פון אַ דור און אַ האַלב, מיט דער אונטערשטיצונג פון דער ברייטער לייענערשאַפט, וואָס דער גרוי־סער ישוב האָט אויסגעטיילט, אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ נאָרמאַלער טעריטאָריע־ליטעראַטור, ווי ביי די אומות־העולם.

גרויסער יידישער ישוב האָט זיך אויך דאָ געזאַמלט, זייט דער אי־מיגראַציע־שטראָם האָט זיך גענומען טראָגן איבערן אַטלאַנטיק, מיטן אָנ־הייב פון די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אָבער דער צוזאַמענ־שטעל פון דעם ישוב איז געווען גרויער ערב־רב, ניט פאַרגאַנצט און ניט געקרוינט פון אויבן מיט אַ כנסת־ישראל־נשמה. די תכלית־טענדענץ איז געווען די ערשטע צו מעלדן זיך, פונקט ווי אין דער אַלטער היים, אָבער לכתחילה ווי קליין־תכלית: דער ערב־רב איז צוגעפאַלן צום געדרוקטן וואָרט, צו דער צייטונג, כדי אַריינגעפירט צו ווערן אין נייעם לאַנד, כדי איינצוהיימישן זיך אין דער נייער היים. באַלד איז אונטערגעקומען די גע־הויבענע תכלית־אידייע פון קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליזם, וועלכער האָט נאָך שטאַרקער געמאָנט ליטעראַטור פאַר אירע פּראָפּאַגאַנדע־נויטן. אָבער סיי דער ניצלעכקייט־צוועק און סיי דער פּראָפּאַגאַנדע־צוועק זיינען קיין שטער ניט געווען צו דער אַרויסבאַפרייאונג פון ליטעראַטור; עס זאָלן זיך נעמען אַרויספורעמען: דערציילונג, ליד און דראַמע.

די כנסת־ישראל איז נאָך אַלץ ניט געווען בנמצא, אָבער יחידים האָבן זיך שוין באַוויזן, וואָס האָבן איר ירושה געטראָגן אין זיך, און זיי האָבן גענומען אַריינברענגען די יידישנדיקע, כנסת־ישראלדיקע גרויס־תכלית־טענדענץ: אברהם וואַלט־ליעסין מיט דער מאַרטירערשאַפט פון דורות; יהואש מיט זיינע הימנעס צום יידישן העראָאיזם, און נאָך פריער אַ ווילע מאָריס ראָזענפעלד מיט זיין אינטואיטיווער פאָלקסטימלעך־יידישער שטי־מונג. און עס האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז אין אַמעריקע וועט זיין אַנדערש: עס האָבן זיך גענומען צייכענען אייגנאַרטיקע ריין־אַמעריקאַני־שע טענדענצן.

די ערשטע טענדענץ וואָלט איך אָנגערופן די „טענדענץ פון אָנהויב אָן". אין דער אַלטער היים, אונטער דעם וואַרעמען צודעק פון כנסת־ישראל האָט די קינסטלערישע ליטעראַטור געהאַט אַ לייכטע אויסשפּראַצונג. אונטער דער געדיכט־יידישער טראַדיציע איז מענדעלעס גרויס־תכלית לייכט איבערגעגאַנגען אין שלום־עליכמס איבערגעשטאַלטונג, אין פּרצעס ירושה־פאַרוואַנדלונג. עס איז געווען אַן איבערגאַנג פון איין ספר צום צווייטן — פון פרומען צום וועלטלעכן. אַ ספר־פאַרוואַנדלונג. און ספר איז דאָך שוין ליטעראַטור. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלט־היימישער ליטעראַטור, אַז אַפילו אין איר אויפבלי האָט זי זיך ניט געספּרט מיט ספר. אַפילו ווען זי האָט זיך שוין דעראָבערט צו כמו־טעריטאָריע־כמו־רעליגיע — ביי פּרצן — איז עס געבליבן אין ספר. — דאָ אַן ערב־רב, אַן זכות־אבות, אָן ספר־טראַדיציע. האָבן די יחידים־טרעגער פון יידישן גרויס־תכלית, ווען זיי האָבן גענומען אַריינקנעלן די כנסת־ישראל־ירושה אין לייענער־עולם, זיך ניט געקאָנט באַהעלפן מיטן ספר. זיי האָבן געדאַרפט אָנהויבן פון אָנהויב אָן. דאָס איז געווען אַ סך שווערער. אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע מעלה. אויף ליעסינען איז עס צום קענטיקסטן. נאָך אין מינסק האָט ער עס אָנגעהויבן. ער האָט געדאַרפט אַריבערטראָגן די מאַרטירערשאַפט פאַר אמונה אין מאַרטירערשאַפט פאַר סאָציאַליזם — פאַר שניידער, שוסטער, בלעכער, ניט קיין יודעי־ספר — איבערזעצן ר' עקיבאן אין הירש לעקערטן. און עס האָט ניט געטאָרט אין ספר בלייבן, נאָר אין לעבן גיין. האָט ער געדאַרפט נוצן דעם אַלטן אמונה־מעטאָד פון דירעקטער דערלאַנגונג פון אמת, ניט דעם וועלטלעכן קונסט־מעטאָד פון אַרומגיין מיט שפּיל אַרום אמת. איז עס געווען ווי ניי־באַשאַפונג פון אמונה פון סאַמע ערשטן מענטשלעכן קוואַל מיט די מיטלען פון קונסט — ניט מיט דעם מיטל פון „כה אָמר ה'". אין זיין צווייטן פעריאָד האָט ליעסין אַלץ מער זיך דערנענט צו קינסטלערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע, וואָס פּרץ האָט געאַנט, וואָס דערין האָט ער געזוכט די קינפטיקע ספּעציעלע־יידישע קונסט־פאָרם.

די צווייטע אַמעריקאַנישע טענדענץ שטאַמט פון דער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון אַמעריקע — פון דער פּאָזיציע „מעבר לים" קעגן דער אַלטער היים. שילדערונגען פון אַלט־היימישן לעבן, לידער אַדרעסירט צו דער אַלטער היים, האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין דער סאַמער פּריסטער היגער יידישער ליטעראַטור. אָבער איר פולע פּרוכט וועט די מעבר־לים־פּאָזיציע ערשט שפּעטער געבן. דער „מעבר־לים" — איז אַן אַקומולאַטאָר פון שע־

פערישער ענערגיע. דער קוק פונדערוויטנס גיט אַרומנעם, פאַרנעם און פאַרמעסט. די כמו־טעריטאָריעלע אַלוועלטלעכקייט פון דער יידישער לי־טעראַטור שטאַמט פון אַמעריקע. זיי האָבן געהאַט ניט קיין לייכטע אַרבעט, די כנסת־ישראל־פּיאָנערן, צו האַמערן אין האַרטן, פלאַכן בלעך, מיט וועלכן די קליין־תכליתדיקע ניצלעכקייט און די איבערפלעכלעכע קאָסמאָפּאָליטי־שע פּראָפּאַגאַנדע האָבן באַצוואונגען די געמיטער, וואָס זיינען פאַר זיך אַליין געווען האַרט און פלאַך. זיי, די פּיאָנערן, האָבן געדאַרפט דורכברעכן דעם בלעך און דורכהאַקן די געמיטער און פאַרטיפן זיי, און געפינען פאַר דעם לשון, וואָס דער עולם האָט אים ניט געקאָנט נאָכפילן און נאָכזאָגן. האָבן זיי אָנגעהאַקט געגנוג לשון־שפּליטער, אָבער זיי האָבן דורכגעבראָכן. און זיי האָבן עס געמאַכט אַ סך לייכטער פאַר די, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי.

* * *

די צווייטע אימיגראַנטן־כוואַליע פון פאַר 1905 און נאָך 1905 האָט געבראַכט צוטראָגן נאָך אַ גרעסערן עולם, מיט נאָך אַ גרעסערער פּראָפּאָר־ציע יוגנט און אינטעליגענץ, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ טאָפּלטע רעוואָ־לוציע — אי דורך אַקציע, אי דורך דער ליטעראַטור. זיי האָבן מיטגע־בראַכט אַ נייעם הונגער נאָך ליטעראַטור. און צווישן דער יוגנט און דער אינטעליגענץ — שעפערישע יחידים, וואָס האָבן מיטגעבראַכט דעם גאַנצן יונגן אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור, מיט היפשער קענטעניש אין פרעמדע ליטעראַטורן. האָבן זיך געמאָלדן אי נייע באַשטעלער, די פּאָטענ־ציעלע שריפטשטעלער, וואָס זיינען ראוי געווען צו באַפרידיקן די באַשטע־לונג. עס זיינען צייטיק געוואָרן די באַדינגונגען פאַר אַ נייעם אויפשוואונג.

די „יונגע” האָבן פאַרענדיקט די איבערנעמונג פון דער נייער שעפע־רישער פאָרם — פון דער אומות־העולמדיקער קונסט — ניט נאָר פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע, נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער ליטע־ראַטור. אַנדערש פון די שריפטשטעלער פון וואַרשע, ווילנע, קיעוו און אַדעס האָבן זיי ניט באַכגעשריבן און ניט איבערגעשריבן דעם אַלטן יידישן ספר. און אַנדערש פון די פּיאָנערן דאָ האָבן זיי ניט גערעדט צו זייער עולם, אמת פון דער אייגענער טיף, אָבער פון דער בימה אַראָפּ, איבער דעם עולמס קאָפּ. זיי זיינען געשטאַנען צו זייער עולם פּנים־אל־פּנים. נאָך בע־סער: זיי האָבן וועגן זייער עולם זיך גאָר ניט געדאַרפט קימערן. זיי האָבן געשאַפן קונסט פון זיך אַרויס, פון זעלבסטוועגן. וואָס דאָס איז דער עיקר; וואָס דאָס איז קונסט — אַ שעפערישע פאָרם, וואָס גיט אַרויס כפל־כפלים,

וויפיל מען גיט אין איר אריין; אן אינסטרומענט פון זעלבסטבאַרייכערונג — וואָס דאָס איז געווען, וואָס יידן האָבן געדאַרפט איבערנעמען ביי די אומות-העולם; וואָס צוליב איר איז אויפגעקומען די מאָדערנע ליטעראַטור ביי יידן — באַרייכערט צו ווערן מיט אַ נייער שעפערישער פאָרם. אַפילו ווען זיי האָבן איבערגעטריבן אין זייער קונסט-לשם-קונסט-מאַניער, זיינען זיי געווען באַרעכטיקט. ווייל דאָס איז געווען נויטיק: זיי האָבן פאַרענדיקט אַ געוואָגטע יידישע אונטערנעמונג.

און דער עולם, וועגן וועלכן זיי האָבן זיך ניט געקימערט, האָט דווקא זיי אָנגענומען. נאָך אָט דעם געשמאַקן טעם פון פרייער קונסט האָט ער געדאַרשט. עס זיינען צוגעקומען טויזנטער לייענער, עס וועלן צוקומען צענדליקער טויזנטער. אַ וועלט מיט יידן, קיין עין-הרע! עס האָט זיך געלאָזט חלומען וועגן אַ מיליאָן יידישע לייענער. די אילוזיע פון אַ נאָרמאַלער יידישער ליטעראַטור, ווי ביי אַלע לייטישע טעריטאָריע-פעלקער, האָט ווידער אַמאָל אויפגעשפילט, באַווירקט, באַפרוכפּערט און אָנגעצויגן אַ שפע שעפערישקייט . . .

אָבער די יידישע ליטעראַטור, מיט איר פאַראויסזעערישקייט, מיט איר געהיימען וויסן, וואָס זי האָט געירשנט פון דער יידישער רעליגיע, וואָס די צוויי-טויזנט-יעריקע דערפאַרונג האָט זי געלערנט, אַז די טעריטאָריעלאָזע יידישע גרונט-שפּאַנונג און נשמה-אויסשטרעקונג, האָט בעסער געוואוסט. זי האָט ווי פאַראויסגעזען, אַז ווען די האָניק-יאָרן וועלן אַריבער און דער נייער עולם וועט זיך איינבירגערן און פאַרמשפּחהן אין אַמעריקע, וועט די איינבירגערונג לויט דעם היסטאָרישן כלל, וואָס גילט פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע יידישע שפראַכן, זיך אונטער איר אונטערגראָבן. דער דעק, די כלומרשט פיזישע טעריטאָריע, וועט אָוועקפאַלן, אויב זי וועט זיך פריער ניט באַוואָרענען. די לייענערשאַפט וועט אָוועקפאַלן. און זי האָט זיך גענומען באַוואָרענען: אַריינאַרבעטן אין זיך די טענדענצן — איר עקזיסטענץ-געזעצן, מיט דער גרונט-טענדענץ פון כמו-טעריטאָריע: אַריבערצוציען אַ גייסטיקן אָפּדאַך איבער איר לייענער-עדה, כדי זי אָנצוציען און צוהאַלטן. די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט זיך גענומען כמו-טעריטאָריאַליזירן. און זי האָט גערופן צו הילף די צוויי נייע אַמעריקאַנער טענדענצן — פון „מעבר לים" און „פון אַנהויב אָן".

וועלכע פון זיי האָט זיך פריער אָפגערופן? ביידע גלייכצייטיק. דער עלעמענטאַרער „מעבר לים", די פּראָסט-פשוטע אַלט-היים-שילדערונג, אָבזויגנדיק זיך מיט אַלץ-טיפערן זין, האָט זיך גענומען שטרעקן צו וועלט-

אַרומנעמונג, אויסשפּרייטנדיק זיך אין שטח פון רוים און צייט. דעם גע־וואונענעם רעזולטאַט אין וועלט־אַרומנעמונג, אין פאַרסך־הכלען און עפּאָכע, האָט די ליטעראַטור דערנאָך איבערגעטראָגן אויף אַמעריקע. אַפּאַטאָשו איז פון זיינע „פּוילישע וועלדער" איבער צום ראָמאַן וועגן אַ וואַלד־צדיק, וועלכער פאַרמעסט זיך שוין מיט אַ סינטעז פון בעל־שם און אַנקל סעם אויפן נייעם לאַנד, און וואָס זיין זון פּרוּווט זיך דערויף אויף אַ נייעם אופן — מיט רעליגיעזן סאָציאַליזם. ראַבאַי נאָך אַ ווײַלע אַלט־היימישן זיך, און אים צו לענגערע יאָר איגנאַטאָוו גלייך פון אַנהויב, אָן שום צוגרייטונג, האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אַמעריקע. דער ערשטער — אידיליש־נאַטור־ריסטיש, דער צווייטער—אידייאיש־וויזיאָנעריש; און נאָך זיי י. י. שוואַרץ מיט „קענטאָקי" — שבתדיק רעאַליסטיש.

„טעריטאָריאַליזירן" זיך אין אַמעריקע — „איינגעמען דאָס לאַנד" — מיינט ניט סתם שילדערנדיקע אָפּשפּיגלונג פון אַמעריקאַנער סביבה־דיי־רעקטער פאַרמעסט; עס מיינט אויך די פּערפעקטירונג פון אינסטרומענט, מיט וועלכן מען פאַרמעסט זיך. מען קאָן זיך שטעלן דרויסן פון אַמעריקע אומצואַרבעטן די אינסטרומענטן פון פאַרמעסטונג, און מען קאָן זיך אַרונ־טערלאָזן אין דער אייגענער טיף. נאָר באַזונדערס פאָדערט וועלט־אַרומנע־מונג אינסטרומענטירונג. און דער היסטאָריש־אויסגעפּרוּווטער אינסטרו־מענט, וואָס האַלט צוזאַמען די יידישע וועלט־טעריטאָריע אין איין גאַנצקייט, איז די געשטאַלט פון געשטאַלטגעבער. גראַד אין אַמעריקע האָט די יידי־שע ליטעראַטור זיך גענומען משיחיזירן. אויף לייוויקס משיח־דראַמען זעט מען ערשט צו וואָס עס דינט און וואָס עס לאָזט זיך אויפטאָן מיט דער צוויי־טער אַמעריקאַנער טענדענץ פון „פון אַנהויב אָן". אַנדערש פון די אַלט־היימישע דעקאָראַטיווע משיח־דראַמען פון ספר אַרויס, נעמט לייוויק זיין משיח־געשטאַלט פון זיך אַרויס, פון די געבורטס־ווייען פון דער געשטאַלט אין אים, דעם פּאָעט גופא. אַזוי טאַקע איז די געשטאַלט לכתחילה געבאָרן געוואָרן. איז דאָס אָריגינעלע רעליגיעז־קינסטלערישע שאַפונג. כמו־טע־ריטאָריע גייט דאָ איבער אין כמו־רעליגיע, אין קינסטלערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע.

פון אַמעריקע אַרויס האָט די יידישע ליטעראַטור זיך אָנגעשטעקט מיט דעם דראַנג צו אַ וועלט־דראַמע אָדער צו אַ וועלט־ראָמאַן אַרום אַ יידישן וועלט־גבור אָדער וועלט־דערלייזער. — אַז וועלט־אַרומנעמענדיקע, גע־שטאַלטנדיקע אינסטרומענטירונג איז געווען אַ נויטיקער פּראָצעס איז צו זען דערפון, אַז פריער פון אַלץ האָט דער פּראָצעס אַ פּעולה געטאָן מיט דער

ליטעראַטור גופא. זי האָט גענומען קוועלן און געדייען, זיך מערן און פּרוכ־פּערן, און האָט אַפילו לכתחילה ניט באַמערקט, אַז איר אוידיענץ ווערט אַלץ שיטערער, ווערנדיק פאַרשלונגען פון דער אַמעריקאַניזירונג. און נאָך אַ באַווייז, אַז דער פּראָצעס איז געווען אַ נויטיקער, האָבן מיר אין דעם, אַז אַפילו די עסטעטישע פּראַקטיק פון די „יונגע", די „אינדזל"־גרופּע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אויף איבערנעמען די אומות־העולמדיקע קונסט־פאָרם, האָט זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט פון פאַרקינסטלערן געשטאַלט־זעאונג: מאַני לייבס געזאַנגען צום „געהיימען רייטער"; זישאַ לאַנדויס אויפשפּילן די געשטאַלטן פון זיינע אבות — אַפילו מיט דעם גראָטעסק פון אַ ליבע־שפּיל צווישן בעל־שם־טוב און שרה בת טובים. און אַפילו דער אין זיך פאַרטאָגנער יוסף ראָלניק האָט אויך געצאָלט צינדז צום „קעניג אינקאָג־ניטאָ". מיט דער צייט וואָלטןביידע פּראָקציעס זיך צונויפגעשלאָסן אין פּאָעטישער געשטאַלטגעבונג.

וואָס האָט געשטערט? וואָס האָט פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס? און פאַרוואָס האָט די ליטעראַטור אומבאַמערקט גענומען פאַרלירן איר אוי־דיענץ, בעת זי האָט שוין יאָ אָנגענומען דאָס כמו־טעריטאָריע־כמו־רעליגיע באַוואָרעניש די אוידיענץ איינצוהאַלטן? דאָ, פון דער נאָענט, מיט שאַרפע ביישפּילן פאַר די אויגן, לאָזט זיך די פראַגע פאַרענטפערן.

די ליטעראַטור איז געשטערט געוואָרן פון דער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אַרום איר און וועלכע איז געגאַנגען להיפוך צו אירע גרונט־טענדענצן. יאָ, עס איז אומבאַדינגט נויטיק געווען יידן זאָלן איבערנעמען ביי די אומות־העולם די וועלטלעכע שעפערישע פאָרם, אָבער זי האָט געדאַרפט איבערגענומען ווערן מיט אַ גרונט־תנאי: — אַז די לי־טעראַטור ביי יידן וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון רעליגיע און וועט דאַרפן טאָן די אַרבעט פון רעליגיע: אַריבערצוהייבן זיך איבער דער יידישער טעריטאָריעלאָזיקייט מיט כמו־טעאָריע — כמו־רעליגיע, און דערמיט וועט זי זיין אַנדערש ווי די ליטעראַטורן פון די אומות־העולם. ווי־באַלד דער תנאי איז ניט אויסגענומען געוואָרן, איז די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון אי־בערנעמען די גויאישע קונסט געוואָרן אַ גרויסע אימיטאַציע. די ליטעראַ־טור גופא מיט אירע גרונט־טענדענצן האָט געפּאָלגט און אויסגעפּאָלגט דעם גרונט־תנאי. אָבער די אידעאָלאָגיע האָט ניט נאָר איר ניט נאָכ־געפּאָלגט, נאָר איז איר פאַרלאָפן און פאַרשטעלט דעם וועג.

אונדזער ערשטער און גרעסטער קולטור־אידעאָלאָג איז געווען חיים זשיטלאָווסקי. און דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען אַ טעריטאָריאַליסט.

ער האָט גערופן יידן זיך צו טעריטאָריאַליזירן — עקאָנאָמיש, סאָציאַל און נאַציאָנאַל — צו נאָרמאַליזירן זייער אַבנאָרמאַלע גרונט־סיטואַציע. ער האָט אָבער ניט איינגעזען און ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ער הייסט יידן טאָן מאַטעריעל, האָט די יידישע ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען און דורך אַלע צייטן געטאָן ספּיריטועל. זי איז געגאַנגען אויף דר. זשיטלאָווסקיס וועגן — זי האָט דעם יידנס נשמה — אַלץ וואָס דינט צו פאַרמערן און צו באַרייכערן זיין נשמה־פאַרמעגן — טעריטאָריאַליזירט . . .

זיין גרויסע שמחה איז געווען: ענדלעך האָט די יידישע נאַציע זוכה געווען צו פאַרוועלטלעכן זיך ככל הגוים! — אָבער מיט דער כל־הגוים־דיקער וועלטלעכקייט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פעלשונג. די פּראָגרעסיווע וועלטלעכקייט פון כל הגוים, מיט וועלכער ער האָט גערופן יידן זיך צו אידענטיפיצירן, איז געווען אַנטי־קירכלעך און פאַר איינוועגס אויך אַנטי־רעליגיעז. און ער האָט פאַרזען דעם גרויסן חילוק: — אַז די יידישע רעליגיע האָט געדינט דעם וועלטלעכסטן צוועק — דעם יידישן קיום אויף דער וועלט. ער האָט אַרויסגעשיילט דעם קערנדיקן וועלטלעכן עצם פון דער יידישער רעליגיע פון דעם אומוועלטלעכן שאָלעכץ, וואָס האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אַרום קערן. — און איז דען דער עצם פון רעליגיע — דער גאָט־גלויבן אומוועלטלעך? — דר. זשיטלאָווסקי איז גאָר ניט געווען אַזאַ אפיקורס ווי ער האָט געהייסן די יידן זיין. ער האָט גוט געוואוסט, אַז גאָט איז דאָס מענטשלעכסטע, און במילא שוין דאָס וועלטלעכסטע אין מענטשן. פאַר זיך אַליין, פאַר יחידי־סגולה, פאַר פּאָעטן און פילאָזאָפן האָט ער דערלויבט גאָט־גלויבן. ער האָט אַפילו געקאָנט כאַפּן התפעלות פון די גאָלדשטיקער, וואָס פרצעס קינסטלערישע רעליגיעזיטעט האָט אויסגעמינצט, און פון די קינסטלערישע פּערל, וואָס האָבן זיך אויסגעפורעמט אין פּראָצעס פון לייוויקס משיח־געשטאַלטונג. אָבער בנוגע דעם גאָט־גלויבן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע איז ער געווען אַן אַפּיקורס. דעם פאָלקס פרומען צערעמאָניאַל אַרום זיין גאָט־גלויבן האָט זשיטלאָווסקי געמאָלן ווי אַ צרעת, וואָס זויגט דעם פאָלקס לעבנס־קראַפט. און גראָד איז דער גאָט־גלויבן פון יידישן פאָלק געווען זיין שטאַרקער כלי־זין: גאָט זיין שפּייזער מיט כוח; דער קנופּ, וואָס האָט צונויפגעקניפּט זיין עקזיסטענץ אין דער לופטן — על בלימה, זי זאָל ניט פאַנאַנדערפאַלן; דער מאַגנעטישער פּאָל, וואָס האָט מאַגנעטיזירט דעם פאָלקס נשמה און זי אָנגעשפּאַרט מיט אינטענסיווער שעפערישקייט — ביז צו געניאַליטעט. — וועגן דער משיח־געשטאַלט האָט זשיטלאָווסקי איינמאָל זיך אַרויסגעכאַפּט,

אַז זי איז אַ סטראַשידלע, אַ פּאַרזעעניש, אַ מיאוסקייט פאַרן אויג — בעת משיח איז געווען דער פּראָדוקט פון יידישן פאָלקס אייגנאַרטיקסטער געשטאַלט־געבערישער קונסט, וואָס האָט אים געגעבן זיין געשיכטלעכע ראָלע אין דער וועלט מיט דעם צוזאָג פון נאָך אַ גרעסערער וועלט־ראָלע!

גענומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס דר. זשיטלאָווסקי איז געווען צופיל טעאָרעטיקער, אַ צו־אַבסטראַקטער דענקער, אַ פאָרמאַליסט, אַ פּראָגראַמען־מאַכער, אַ סכעמאַטיקער. איינמאָל האָט ער זיך געמאַכט אַ סכעמע, אַ קעסטעלע, איז אַלץ, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט אַריינפּאַקן אין סכעמע־קעסטעלע, דאַרף אַרויסגעוואָרפן ווערן. האָט ער באַשלאָסן, אַז יידן דאַרפן זיך פאַרוועלטלעכן ככל הגוים, און די גויאישע וועלטלעכקייט האָט דאָך מורא פאַר גאָט, טאָר קיין סימן גאָט ניט אַריינגעלאָזן ווערן. אַליין אַ פילאָזאָפיש גלויביקער, מיט טאָלעראַנץ גענוג צו באַווייליקן גאָט־גלויבן דעם און יענעם פּאָעט, אָבער בנוגע דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, ווען נאָר מען פּלעגט פּרואוון אַריינטאָן אין איר די ווערטפולסטע געווינסן פון דער יידישער רעליגיעזער איינשטעלונג, וואָס האָט איינגעשטעלט די גרונט־באַדינגונגען פון יידישן קיום — פּלעגט ער ווערן אַ דערשיטערטער: — ניטע! חלילה! — די סכעמע דאַרף בלייבן לוידיק, כדי צו מאַכן פּלאַץ אין איר פאַר אומגלויביקע, פאַר אַנדערש־גלויביקע יידן, אפילו פאַר יידן־גוים . . .

(אַזוי איז אויך מיט זיין יידישיסטישער סכעמע: איינמאָל איז דערקלערט געוואָרן, אַז יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך, טאָר קיין שום ספּעציעלער אינהאַלט, אַפילו קיין סאָציאַליסטישער אינהאַלט, ניט אַריינגעטראָגן ווערן אין איר. עס דאַרף איבערגעלאָזן ווערן פּלאַץ פאַר דער בורזשואַזיע, וועלכע וועט זיך נאָך אומקערן צו יידיש. די טעאָריע, די יידישיסטישע טעאָריע, וועט די בורזשואַזיע, ווי אויך די יוגנט, וואָס רעדט שוין יידיש, ניט צוריק אַריינזעצן אין דער קעסטעלע־סכעמע. די סכעמע די אַלמעכטיקע!)

מעגלעך, אַז איך בין צו זשיטלאָווסקין אומגערעכט. פאַר 40 יאָר איז ניט לייכט געווען איינצוזען, וואָס מיר זעען עס איין היינט. די ששון־ושמחה מיט ווערן ככל הגוים האָט פאַרבלענדט. האָט געדאַרפט קומען אַ געניאַלער קאָפּ, וואָס זאָל יאָ באַנעמען, וואָס דער מאָמענט פון איבערגאַנג פון פרומקייט צו וועלטלעכקייט האָט פאַרלאַנגט. עס האָט זיך געפאָדערט טעאָרעטיש דורכצוזעצן דעם אַקט פון אַריבערפירן די רעליגיעזע אינספּיראַציעס אין דער וועלטלעכער קונסט־פאָרם — וואָס דאָס האָט די יידי־

שע ליטעראַטור פּראַקטיש און פאַקטיש זיך באַמיט צו טאָן.

עס האָט געדאַרפט אַרויסגעבראַכט ווערן דער חילוק צווישן גויאישן און יידישן גאָט־גלויבן. צווישן אַ גאָט וואָס טוט גאָרנישט און אַ גאָט וואָס גיט אַ פאָלק כוח אויסצולעבן זייגע טויזנטער יאָרן. און דער חילוק צווישן אַבסטראַקטן גאָט, וואָס אַ פילאָזאָפישער שפּיץ־קאָפּ פאַרוואַרפט אים צו די ברעגן פון וועלט־אַל און וואָס זיין גאַנצע עובדא איז צו פאַרשאַפן נחת־רוח דעם דענקער (וואָס דאָס איז אגב אורחא זשיטלאָווסקיס גאָט). און דעם קאָנקרעטן יידישן גאָט, וואָס זיצט אין מענטשנס האַרצן און חזרט אין אים איבער דעם וועלט־באַשאַף און מענטש־באַשאַף. אַפילו דער נאָמען גאָט האָט געקאָנט אויסגעלאָזן ווערן, און אַרויסגעבראַכט האָט געדאַרפט ווערן דער חילוק צווישן אַ ווייכער, שלאַבערדיקער פּסיכאָלאָגיע, וואָס מינטערט זיך מיט זיסע גלויבנס־טראָפּנס, כדי ניט אָוועקצוחלשן, און אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס אַנגעטרונקען מיט גלויבן, פאַרשוואָרן און פאַרנדרט אויף טאָג־טעגלעכע מעשים, שמעלצט זי זיך אַליין איבער אין אַן אינסטרומענט, וואָס צאַפּט לעבנס־קראַפט און שאַפונגס־קראַפט פון אַן אומענדלעכן קוואַל; אַן אינסטרומענט פאַר זעלבסט־מאַגנעטיזירונג און עלעקטריזירונג, וואָס ווירקט דירעקט אויף די געשעענישן, גורל, אויסלייגנדיק זיין געשיכטלעכן וועג איבער אַ טעריטאָריע פון הוילער גייסטיקער ממשות, אַן אַ באָדן אונטער זיך . . .

דעמאָלט, ווען די אייגנאַרטיקייט און איינאייניציקייט פון דער יידישער, אויף אמונה איינגעשטעלטער, פּסיכאָלאָגיע וואָלט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, וואָלט דאָס פאַרוועלטלעכן זיך מיט די גוים ניט געוואָרן אַ ליידיקע ככל הגוימדיקע אימיטאַציע. די יידישע רעליגיעזע שעפערישקייט, וואָס האָט געהאַט פאַר איר אינסטרומענט דעם גאָט־גלויבן, וואָלט באַרייכערט געוואָרן מיט דעם וועלטלעכן קונסט־אינסטרומענט. צוויי שעפערישע אינסטרומענטן וואָלטן זיך פאַרשותפט פאַר אַ טאָפּלטער פּעולה, וואָס צו אַט־דער שותפות האָט די יידישע ליטעראַטור אינטואיטיוו זיך געצויגן.

אַן אידעאָלאָג מיט אַ געבענטשטן קאָפּ וואָלט דאָ נאָך געהאַט געגוג אַרבעט. אמת איז, אַז רעליגיע און קונסט האָבן איין אָפּשטאַמונג. ביידע ציען זייער שעפערישקייט פון איין אורקוואַל — על־פּי רוח־הקודש. ביידע זיינען מענטש־באַשאַפונג און מענטש־געשטאַלטונג. אָבער מיט אַ נפקא־מינה. רעליגיע איבט מענטש־באַשאַפונג בצלם אלהים, דירעקט אומ־מיטלבאַר, פון אינעווייניק אַרויס, ווי איך פאָרמולירט עס: קונסט אויפן לעבעדיקן מענטשן. די „קינסטלערישע" קונסט טוט איר אַרבעט אינדי־

רעקט, דורך אַ פאַרמיטלונג, איבנדיק זיך אויף רויען דרויסנדיקן שטאָף: זי שרייבט, מאָלט, קלעפּט; בויט בנינים, רעגולירט קלאַנגען. ערשט דורך דעם שטאָף־פאַרמיטלער דאַרף די ווירקונג זיך איבערגעבן צום מענטשן. און נאָך אַ גרעסערע נפקא־מינה: רעליגיע איז רעאַל. זי טוט איר אַרבעט אויף אָן אמת. זי איז ריינע אמת־זעאונג און אמת־זאָגונג. זי שאַפט אמת. קונסט טוט איר אַרבעט אויף צו פליִסנס — זי איז שפּיל אָרום אמת.

יאָ. אויך רעליגיע איז שפּיל. יעדע אַנשעפונג פון רוח־הקודש איז שפּיל; אַ וואָגונג אין צוטרויען, אַ ריזיקע, אַ גלויבנס־אַקט, אויפגעשפּיל־טער גלויבן. אָבער ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, אין רעליגיע איז דער אויפ־שפּיל דירייזשירט פון אויבן, אָנגעצילעוועט צו גאָט און פון גאָט אָנגעצי־לעוועט צום מענטשן. בעת אין קונסט איז עס פרייער פאַנטאַזיע־שפּיל. צוטרוי צו גאָט איז פאַרביטן מיט דעם מענטשנס זעלבסטצוטרויען, קאָן מען זאָגן, עס איז נאָך בעסער אַזוי. איז דען אַזאַ מהלך צווישן גאָט און מענטש? אין אַ געוויסן זין איז גאָט דאָך אויך מענטש. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ סינטעז, ווי קאָן גראַדליניקע געהאַרכזאַמקייט זיך סינטעזירן מיט אומדיסציפּלינירטער פאַנטאַזיע־פרייהייט?

עס איז נאָך האַרבער. ווי די קונסט האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי די אומות־העולם, וועלכע האָט געדאַרפט פון אונדז באַכגעטאָן ווערן, איז די ניט־געבונדנקייט פון דער קונסט מיטן אמת, דערהויבן געוואָרן צו איר אויבער־פּרינציפּ: זי טאָר גאָר ניט געבונדן זיין מיטן אמת. זי איז לכתחילה געמיינט ווי אַ שפּיל אויף צופליִסנס. זי איז ניט מחויב און ניט מחייב, זי פאַרפליכטעט ניט. זי איז הפקר. זי איז געוויסנלאָז. און דאָך וויל זי טועם זיין פון געוויסן אויך. זי וויל געוויסנלאָזע מענטשן געבן צו פאַרזוכן פון אָט דער איידעלער הנאה אויך. וואָרים קונסט איז פאַר הנאה וועגן, קונסט איז פאַר גענוס.

דאָס איז די קונסט פון פעלקער, וואָס זיינען באַזאָרגט מיט אַלע וואויל־טיקן, און פריער פון אַלץ מיט דעם וואוילטיק פון אַ טעריטאָריע, וועלכע איז די באַזע פון אַ נאָרמאַלן פאָלקסלעבן, וואָס פּראָדוצירט קונסט ווי אַ ביי־פּראָדוקט; די קונסט פון וואוילטיק־פעלקער, וואָס פאַרמאָגן ספּע־ציעלע וואוילטיק־קלאַסן — קעניגן און פריצים און גבירים אדירים, וועל־כע אין געיעג נאָך מער וואוילטיק האָבן זיי געמאַכט די קונסט פאַר זייער איידעלער משרתטע — פאַר אַ וואוילטיק און גענוס־צושטעלערין. אַ רשע וויל אויך האָבן דעם גענוס פון פילן אַ האַרעלע ווי אַ צדיק. זייער קונסט

איז עבודה־זרה צו אַ קורטיזאַנע, וואָס ווען זי גיט דעם רייצנדיקסטן גענוס, קאָמפּלימענטירט מען זי פאַר אַ געטין. און אַזוי איז זי אַ געציכע. נאָר ווייל די קונסט איז אַזוי שיין, האָט מען ניט געמערקט איר געמיינע כוונה: צו באַפרידיקן פריצישע תאווה. די שיינקייט האָט פאַרגלעט און פאַרפּוצט.

אויך דר. זשיטלאָווסקי האָט ניט באַמערקט. מען דאַרף לייענען איינע פון זיינע בעסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער פּאַטעטישער ווידערגעבורט פון רעליגיע — לייענט מען פון איר אַרויס, אַז הינטער זיין פאַרהערלעכונג פון קונסט און פּאָעזיע איז פאַרשטעקט די דערנידערונג פון רעליגיע. קונסט איז דעגראַדירטע רעליגיע: געטער ווערן געבאָרן, שטאַרבן, פאַרוואַנד־לען זיך אין געצן און טיִיוואָלים, כדי אויפצושטיין תחית־המתים אין קונסט, אַריינגעשטעלט צו ווערן אין מוזייען צו פאַרוואונדערן דעם מענטשנס אויג מיט שיינקייט. קונסט איז די מוזייאישע שיינקייט פון געשטאָרבענע אמתן: קונסט איז די אָפּגעזייעטע שיינקייט פון אמת; די קאָלירטע, פילפאַרבי־קע פלעווקע פון אמת; די איבערלעבונג פון אמת אויפן חשבון פון אמת, וואָס פאַרפליכטעט ניט צו צאָלן דעם נשמה־פּרייז — דעם קרבן — וואָס דער אמת־דינסט פאַרלאַנגט. די פעלשונג פון אמת פאַר דעם גענוס פון פריצים, וואָס זייער איינציקע פונקציע אין לעבן איז גענימן. די עבודה־זרה פון תאווה. און דר. זשיטלאָווסקי האָט נאָך געוואָלט, אַז מיט דער געניסערישער עבודה זרה זאָלן מיר צוריק אויפשטעלן די אַלטע יידישע ימים־טובים, אָט־די העכסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער רעליגיע־זער קונסט־שאַפונג — וואָס האָבן גרויסן לעבנס־אמת צום גרויסן שפּיל געמאַכט, און גרויסער שפּיל צו גרויסן לעבנס־אמת — ספּעקטאַקלען פון דער יידישער עלית־נשמה, וואָס האָבן דורכגעטראָגן דעם יידישן קיום אויף דער טעריטאָריע של־מעלה — וואָס, אויסצוזאָגן אַ סעקרעט, פון זיי האָט די יידישע ליטעראַטור אָפּגעשריבן אירע גרונט־טענדענצן.

און ווען דר. זשיטלאָווסקי איז מיט אָט־דער אידעאָלאָגיע צוגעטראָטן צו דער פאַרוועלטלעכונג לויטן מוסטער פון ככל הגוים, איז עס זעלבסט־פאַרשטענדלעך געוואָרן אַן אימיטאַציע, וואָס לאָזט אויס די גרונט־אַנדערש־קייט פון דער יידישער פּסיכיק, די גרונט־תנאים פון יידנס גייסטיקער שעפערישקייט, וואָס האָבן זיך געריסן צו ווערן די עקזיסטענץ־געזעצן פון דער יידישער ליטעראַטור. און די אימיטאַטאָרשע אידעאָלאָגיע האָט גע־נומען געפאַנגען די יידישע ליטעראַטור, איינענגענדיק זי אין אַ קלעם, וואָס האָט געשטערט און געשעדיקט.

נאָר דר. זשיטלאָווסקין קאָן מען מוחל זיין. נאָך אַלעמען איז ער גע־

ווען אַ סאָציאָלאָג, אַ קולטור־אידעאָלאָג, וואָס זיין הויפּט־אינטערעס איז ניט געווען ליטעראַטור. אָבער ווען דיזעלביקע אידעאָלאָגיע איז ווי עס שטייט און גייט איבערגענומען געוואָרן פון אונדזער יידישער ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט דאָך געדאַרפט זיך אויסצייכענען מיט אַ שאַרפערער ראיה און אַ הערעוודיקערן געהער צום פּולס און די אימפּולסן פון דער יידישער ליטעראַטור — איז די ככל הגוימדיקע אימיטאַציע געוואָרן אַ טאַלאַנט־פּרעסערישע אימיטאַציע, וואָס האָט אָנגעטאָן נאָך ערגערן שאָדן דער ליטעראַטור.

עס איז ניטאָ קיין גרעסערע סתירה, וואָס זאָל אַרבעטן אַזוי להיפּוך די לעבנס־אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי די סתירה צווישן דער ליטעראַטור און דער ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג — דער קריטיק. איך נעם גערן אָן, אַז זי איז אַ קריטיק מיט אַלע מעלות; אַז זי האָט אַלץ געלערנט, וואָס איז געווען צו לערנען פון דער אומות־העולמדיקער ליטעראַטור־קריטיק; אַז אין אירע שטודיר־יאָרן (צווישן 1905 און 1910) האָט זי אויסגעשטודירט אַלע טעאָריעס, וואָס האָבן פאָרטעאָריזירט די שיטות, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געגאָלטן אין די ליטעראַטורן פון די אומות־העולם, און זי האָט שפּעטער עפּעס נאָך צוגעלערנט; זי האָט איינגעחזרט אַלע טערמינען, וואָס באַצייכענען די פאַרשיידענע מינים און גראַדן פון געניוס, וואָס געניסערישע ליטעראַטור פאַרשאַפט אירע שאַפער און געניסער: רעאַליזם, ראָמאַנטיזם, ליריזם, סימבאַליזם, עקספּרעסיאָניזם און אימפּרעסיאָניזם. גוט און פיין. דאָס ווייזט, אַז אונדזער קריטיק איז גרויס־וועלטיש, צו לייטן גליך: אָבער עס איז כולה אימיטאַטאָרישע טערמינאָלאָגיע, וואָס פאַרפעלט דעם עיקר. אונדזער קריטיק האָט קיין טערמין ניט צוגעטראַכט, וואָס זאָל באַצייכענען די גרונט־שיטה, וואָס פרעסט זיך דורך דער יידישער ליטעראַטור, דורך אַלע אירע איבערגענומענע שיטות — אַז זי איז אַ ליטעראַטור פאַר דעם יידישן פאָלק צו לעבן מיט איר; אַז פּונקט ווי רעליגיע שטרענגט זי זיך אָן צו זיין דירעקטע אמת־און מענטש־שאַפונג; אַז איר העכסטע אָנשטרענגונג איז איבערצונעמען די פונקציע פון דער יידישער רעליגיע צו געבן דעם יידישן פאָלק אַ כמו־טעריטאָריע פאַר אַ גייסטיקן אָנהאַלט; צוצוגרייטן פאַרן פאָלק אַ גרויסע געשטאַלטגעבערישע ראָלע פאַר אַ קינפטיקן אויבער־נצחון, וואָס צו אָט דעם ענדציל איז דער יידישער קיום דורך די צייטן געווען אָנגעפּאַקוסט...

און ווען אָט־די גרונט־טענדענץ האָט זיך פאָרט דורכגעשפּאַרט, אַז אפילו בלינדע האָבן זי געקאָנט זען — דורך אַ ריי קינסטלעריש־משיחיס־

טישע ווערק — איז אונדזער קריטיק נאָכאַמאָל געלאָפן קיין בערלין און געבראַכט אַ ווערטעלע — אַ טערמין אַזאַ: מיטאָס — כלומר אַזוי צו זאָגן: שרעקט איך ניט, עס איז די שוין אונדז לאַנג באַקאַנטע מיטאָס־שאַפונג, וואָס דאָס מיינט צו זאָגן: עס איז ניט ערנסט, עס איז אויף צו־פּלייסנס, עס איז אַ שפּיל אַזאַ: אַ שפּיל מיט גאָרנישט אַרום גאָרנישט פאַר אַ שיינקייט־עפעקט — אַבי צו־נישט צו מאַכן דעם היסטאָרישן לעבנס־אמת פון דער יידישער רעליגיעז־קינסטלערישער געשטאַלט־שאַפונג. מי־טאָס איז „לא מעלה ולא מוריד". דיזעלביקע זשיטלאָווסקיאַנישע מוזיי־אישע אויסשטעלונג פון געצן־סטאַטוען פאַר עסטעטיש־געניסערישער עבודה־זרה.

די אימיטאַציע־קריטיק מאַכט אונדזער ליטעראַטור בוצלאָז און צו גאָרניט־טויגנדיק.—אָבער וואָרט אָקאָרשט, שרייבט ניט צו אונדזער קריטיק גאָר קיין לעבנס־באַדייט דער ליטעראַטור, דער קונסט? דאָס קאָן מען ניט זאָגן. זי האָט אויך אָפּגעלערנט די גויאישע פרשה צווישן לעבנס־קונסט און עבודה־זרה: — קונסט, קינסטלערישע ליטעראַטור ווירקן יאָ אויף די צושויער, צוהערער און לייענער: פאַרוואַנדלען זיי, געשטאַלטיקן זיי איבער, אָבער פּאַוואָליע, גראַדנוויז, באַאיינפלוסנדיק זיי שטיל און אומבאַמערקט. אָבער דערווייל, ביז וואָס־ווען, מעגן זיי זיך אָנזינדיקן — געניסן פון שיינקייט אָן שום פאַרפליכטונגען.

אין תוך דערגידעריקט די אימיטאַציע־קריטיק די יידישע ליטעראַ־טור, מיט איר גאַנצער פּרעטענזיע צו באַדינען זי. און זי זעצט אונטער די ראָלע פון שריפטשטעלער. זיין עובדה איז שרייבעריי און נישט מער. „עס איז גענוג פאַר אים צו זיין אַ שרייבער". ער טאָר ניט איבערשטייגן די 100 פּראָצענט שרייבער כאָטש מיט איין פּראָצענט כישוף פון וואָרט, וואָס כישופט איבער וואָרט אין טאָט — וואָס דאָס געהערט אויך צו דער אימיטאַציע, וואָס מאַכט דעם שריפטשטעלער פאַר דעם משרת, וואָס איז מחיה דעם פריץ עבודה־זרהניק מיט ווירקונגס־לאָזער וואָרט־שיינקייט פאַר זיין פאַרוויילונג און צייטפאַרטרייב.

נאָך אַ באַשיידענערע ראָלע שרייבט די קריטיק צו זיך אַליין: דעם קריטיקערס באַרוף איז נישט מער, ווי צו פאַרצייכענען, פאַרשרייבן דאָס וואָס איז דאָ: דאָס איז רעאַליזם און דאָס איז ראָמאַנטיזם; דאָס איז קאַלט, דאָס איז וואַרעם: דאָס איז ליכטיק און דאָס אי פינצטער; דאָס איז קלאָר און דאָס איז טונקל. און צו שאַצן, פּרייזן און שטעלן צייכנס: דאָס איז גוט, דאָס איז שלעכט און דאָס איז אַ האָרעלע בעסער. — אַ נוצ־

לעכע פונקציע, ווען דער קריטיקער דערפילט זיין הויפּט־פונקציע: צו זיין דער מיטשאַפער מיט דער ליטעראַטור און מיט דעם שריפטשטעלער; אַ קריטיק, וואָס פּסקנט קליינע שאלות. אָבער די הויפּט־שאלה: וואָס איז דער אייגנאַרטיקער זין און צוועק פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס מאַכט זי אַנדערש פון אַנדערע ליטעראַטורן, בלייבט פון איר ניט פאַרענטפערט — וואָס אָן דעם קאָן קיין שאַצן און פּרייזן און וועגן און מעסטן פון יעדן שריפטשטעלער באַזונדער ניט זיין, ווייל די אימיטאַציע־קריטיק האָט קיין אייגענע יידישע מאָסן ניט. און זי האָט דערום אויך קיין אייגענעם פעסטן שטאַנדפּונקט ניט. טראָגט איר זעלבסטזיכערקייט פון אַ פּוסק אחרון, וואַקלט זי זיך צווישן פאַרשיידענע איבערגענומענע גויאישע שטאַנדפּונקטן. דאָ רופט זי אויס: אוי, געוואַלד, מיטאָס! און דאָ: ווער דאַרף לעגענדעס? ווער דאַרף שם־המפורש?

מילא, דעם חסרון פון וואַקלדיקייט וואָלט מען נאָך געקאָנט פאַרזען. איר הויפּט־חסרון איז, וואָס זי פאַרזעט איר אייגענעם באַרוף — אַז זי דאַרף אַנדערש זיין פון דער גויאישער קריטיק, ווי אַנדערש עס איז די יידישע ליטעראַטור. טאַקע דערפאַר ווייל די אונטערבאַוואוסטזיניקע גרונטטענדענץ פון דער יידישער ליטעראַטור — צו דינען דעם פאָלק ווי אַ כמו־טעריטאָריע — כמו־רעליגיע — איז נאָך ניט געקומען צו איר פולן באַוואוסטזיין — איז די יידישע קריטיק ספּעציעל באַרופן צו זיין ניט נאָר אַ מיטשאַפערין, נאָר אויך די אידייאישע פירערין פון דער ליטעראַטור, די אָרגאַניזאַטאָרין פון איר באַוואוסטזיין, איר שפּייזערין מיט אידייען, איר כמו־טעריטאָריעלע דינסט וואָלט זיך אויסגעדריקט אין דעם, זי זאָל שאַפן די גייסטיקע אַטמאָספערע פאַר דער ליטעראַטור און אירע שריפטשטעלער צו אָטעמען — ווייל גייסטיקע אַטמאָספערע דאָס איז וואָס פעלט זיי; זי שלאָגט זיך ניט אָפּ פון זיך אַליין פון דער מאַטעריעל־טעריטאָריעלער פאַרגאַנצקייט פון יידישן לעבן. און טוט די קריטיק דאָס ניט, איז ניט נאָר זי גיט גאָרנישט צו, נאָר זי נעמט נאָך אַוועק. מיט איר אימיטאַטאָרישן צוגאַנג מאַכט זי ווערטלאָז די געוואונענע, פון דער ליטעראַטור־געשאַפענע גרויסע לעבנס־ווערטן, אונטערמינעווענדיק זיי מיט איר גויאישקן קוק, אַז זיי זיינען געמיינט ניט פאַרן לעבן, נאָר פאַר דער ליטעראַטור, וועלכע איז אַן אָפּלייגער פון אומברויכבאַרע אמתן, אַ קאַסטן מיט הייליקע שמות, אָדער אַ שופלאָד מיט בלאַנקע צאַצקעס. דערמיט שטעלט זי בדלות די יידישע ליטעראַטור. זי פאַרהאַלט די אינספּיראַציע פון די שעפערישע שריפטשטעלער.

אַ שניידנדיקער ווייטיקדיקער ביישפּיל איז דער פּריצייטיק אומגעקומענער משה לייב — אַ קינסטלערישער געשטאַלטגעבער פון געבורט, וואָס מיט איין שנעל פון זיינע שפּיץ־פינגער פלעגן געשטאַלטן זיך נעמען טראָגן אין דער לופטן, שטייגנדיק אין אַ ספּיראַל צו דער קרוינענדיקער יידישער גרויס־געשטאַלט. זיין גאַנצער גאַנג איז געווען אַן אַלץ פייערלעכע, אימפּעדיקערע פּראָצעסיע צו דער קרוינונג. און אין רעכטן מיטן איז די פּראָצעסיע צעשאָטן געוואָרן. גראָד ער האָט זיך גענויטיקט אין דער אָרגאַניזאַטאָרישער הילף פון דער קריטיק. און גראָד ער איז פון איר צום מערסטן באַשעדיקט געוואָרן. וואָס האָט זי אים געגעבן? גאָרנישט. וואָס האָט זי ביי אים געפונען? צוערשט בונטאַרישקייט, דערנאָך איינגעשטילטקייט, וואָס דאָס איז ביי איר אַ סימן געווען פון זיין „רייף ווערן” — וואָס דאָס מיינט, אַז ער איז שוין ראוי געווען אַלט צו ווערן און צו שטאַרבן, און ער איז געשטאָרבן, פּריצייטיק אומגעקומען, אַ פאַרהונגערטער גייסטיק און מאַטעריעל.

יאָ, אויך מאַטעריעל. די מאַטעריעלע פאַרהונגערונג פון די טאַלענטפולסטע שריפטשטעלער גייט אויך צוזאַמען מיט אימיטאַטאָרישער ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז צוגעטוליעט צו אַן אָרעמער קליין־קרעמערישער קולטור־באַלעבאַטישקייט, וואָס איז צוגעקלעפּט צו אַ קליין־קרעמערישן געשעפט, צו אַ פּרנסה־קראָם, וואָס איז ערב באַנקראָט. און ווייל קליין־קרעמעריש און ערב־באַנקראָט, איז די קראָם נאָך „קאַפּיטאַליסטישער” אין אירע פירונגען ווי גרויס־קאַפּיטאַל, און זי פירט זיך לויט דעם כלל: ווער עס האָט, גיט מען אים נאָך צו; און ווער עס האָט ניט, ווערט דאָס ווייניקע אויך ביי אים צוגענומען.

יאָ, עס איז דאָ אַן אינערלעכע קרובהשאַפט צווישן קליין־קרעמערטום און דער אימיטאַטאָרישער קריטיק: — זי שטעלט זיי צו דעם מאכל נאָך וועלכן זיי גלוסטן — די געשמאַקע שיינקייט־פּלעווקע, וואָס איבערן לעבנס אמת, וואָס דערמיט איז מען שוין יוצא פאַרן לעבנס־אמת אויך. די פּרייצישע קונסט, זי פאַליובעט זיי אויך. זיי ווילן אויך זיך „פאָשמאַקעווען” און ניט מחויב זיין. קליין־קרעמער, ווילן זיי גרויס־קרעמער און גבירים־אדירים זיין. פּראָווינצלער, ווילן זיי גרויס־וועלטיש זיין! און עס אימפּאָנירט זיי גאָר שטאַרק די קריטיק, וואָס שאַצט און פּרייזט. וואָס ווייסן קרעמער וועגן ווערט? קרעמער פאַרשטייען זיך בלויז אויף „סחורה”. און סחורה איז וואָס האָט אַ פּרייז; וואָס איז גרויס אַדווערטייזט; וואָס איז גאַנגבאַר אויפן מאַרק. ס'האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז אַט־דער גאַנצער

קליין־קרעמערישער ליטעראַטור־קולטור־רעזשים, פון דער פּראָווינץ און ניו־יאָרק צוזאַמען, זאָל אַפּשאַצן אַ שריפטשטעלער לויט זיין אמתן שעפע־רישן ווערט — נאָר לויט זיין גאַנגבאַרקייט ווי אַ סחורה, לויט דער גרויס פון זיין אַדווערטייזמענט, לויט זיין מאַרק־פּרייז. אַן אוממאָראַלישער נשמה־לאָזער רעזשים פון פאַרן אונטערגאַנג, וואָס האָט דעם „עני חשוב כמת" געמאַכט פאַר זיין גרויסער מצווה: — פאַרוואָס שטאַרבסטו ניט? — און זיי זיינען גרייט אים מיטצוהעלפן צו שטאַרבן.

אונטער אַזאַ רעזשים, וואָס פאַרהונגערט אי גייסטיק, אי מאַטעריעל, איז נאָך אַ נס, וואָס משה לייב האַלפּערן האָט דערצויגן ביז האַלב־גענייאַ־ליטעט — גענוג אויף אַנצודייטן ביז וואָס פאַר אַ גענייאַלער הויך די יידישע פּאָעזיע וועט זיך אַמאָל דערהויבן. די שפּעטער אַריבערגעקומענע האָבן נאָך ערגער געהאַט, וואָרים די אוידיענץ און די יוגנט האָבן גענומען אָוועק־פאַלן. האָבן זיי אַנגעוואָרן יעדע האָפענונג, יעדע צוקונפט־אילוזיע, וואָס שפּייזט טאַלאַנט. זיינען זיי איינגאַנצן אַרויסגעשטעלט געוואָרן דרויסן — אַן פריינטשאַפט און אַן „פּלעצע". קעגן זיי האָט דער אימיטאַטאַרישער קרעמערישער רעזשים זיך אַרויסגעשטעלט ווי אַן אמתער מלאך המות. אַ סיסטעמאַטישע הריגה איז אַנגעגאַנגען און גייט אָן אויף די צוגעקומענע יונגע טאַלאַנטן . . .

* * *

און פאַרוואָס האָט די אוידיענץ גענומען אָוועקפאַלן? דער ערשטער זעלבסטפאַרשטענדלעכער ענטפער איז: זי איז אָוועקגעשטויסן געוואָרן פון יידיש, פון דער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור, דורך דער געוואַלדי־קער צוציאונגס־קראַפט פון לאַנד, דורך איר פאַרלאַנג צו לעבן און איינצו־לעבן זיך מיט אַמעריקע — דאָס וואָס מען רופט אַסימילאַציע. אָבער עס איז נאָך דאָ אַ צווייטע פראַגע און אויף איר אַ צווייטער ענטפער: פאַר־וואָס האָט די יידישע ליטעראַטור ניט איינגעהאַלטן די לייענערשאַפט, וואָס זי האָט שוין געהאַט? ווייל זי האָט אַנגעוואָרן איר איינהאַלטנדיקע קראַפט. דעם ייד אין אַמעריקע ווילט זיך טאָקע לעבן אַ גוטן טאָג, אָבער טיף אין האַרצן, אין דער קאַרדינאַלער פראַגע — צי זאָל ער אַ ייד בלייבן? — איז ער נאָך אַלץ איינגעשטעלט אויף לעבנס־ערנסט. נישט אויף צופלייסנס־שפּיל — פּונקט ווי דער ייד אין דער אַלטער היים, פּונקט ווי דער ייד אין מענדעלעס צייט, ווען מענדעלע האָט געפירט זיין גרויסע תכלית־פראַגע; פּונקט ווי דער ייד פון אַלע צייטן. והראיה, ערנסטע ווערק, וויסנשאַפט־לעכע ווערק, וואָס גיבן אים צו דענקען, וואָס גיבן אַנלען צו זיין קאָפּ;

ביכער־ספרים, און ליטעראַטור־ווערק, וואָס ריידן צו זיין קיום־אינסטינקט, ציען נאָך אַלץ לייענערשאַפט. והראיה, רעליגיע, טראָץ אַלע אַנטי־רעלי־גיעזע פּראָפּאַגאַנדעס, האַלט צו און געווינט נאָך אַנהענגערשאַפט.

די ליטעראַטור, פּונקט ווי די רעליגיע, האָט עס געקאָנט באַווייזן, און האָט עס באַוויזן. אַזוי גיך ווי זי איז אומזיכער געוואָרן מיט איר אוידיענץ, און נאָך פריער; און שפּעטער, ווען די אומזיכערקייט איז איבערגעגאַנ־גען אין געוויסהייט, אַז די אוידיענץ וועט אַוועקפאַלן — האָט זי זיך גע־נומען מאָביליזירן און באַוואָרענען. כמו־טעריטאָריע האָט אַראָפּגעגידערט אויף אַמעריקע. די ליטעראַטור האָט זיך גענומען איינשטעלן צו דינען ווי אַ כמו־רעליגיע. און דאָס איז געווען אַ ריכטיקער גאַנג. זי האָט צוגע־טראָפן. אַ באַווייז האָבן מיר, אַז די שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך גע־לאָזט גיין מיטן גרויסן טראַקט, מיטן דרך־המלך פון דער יידישער ליטע־ראַטור, האָבן זיך געטאָן די גרעסטע טובה און האָבן געוואונען דעם גרויסן געווינס; זיי זיינען געשטאַרקט געוואָרן אין טאַלאַנט און האָבן געצויגן דעם רעספּעקט פון דער עפנטלעכקייט. די אָבער, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ זייט פון גרויסן טראַקט, קאָנצענטרירנדיק זיך אויף דער פּיאָנערישער קונסט־לשם־קונסט־פונקציע — איינצופירן די וועלטלעכע שעפערישע פאָרם ביי יידן — אויב זיי זיינען ניט געשעדיקט געוואָרן אין טאַלאַנט, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אויף איין אָרט. ווען זיי וואָלטן אַנגעפילט זייער בייע שעפערישע קונסט־פאָרם מיט דעם אַלטן כמו־טעריטאָריע־כמו־רע־ליגיע־תוך, וואָלטן זיי פאַרפילפאַכט געוואָרן אין קינסטלערישקייט. ווייל דאָס וואָלט פאַרפילפאַכט דעם צופלוס פון שעפערישקייט אין זיי. און וואָס עס איז אמת פאַר איינצלנע שריפטשטעלער, איז נאָך אמתער וועגן דער גאַנצער ליטעראַטור: כמו־טעריטאָריע־כמו־רעליגיע איז דער הויפּט־תנאי סיי פאַר אינערלעכן און סיי פאַר אויסערלעכן דערפאָלג — פאַר מזל־ברכה מיט שעפערישקייט און פאַר מזל־ברכה מיט לייענערשאַפט.

ווען דאָס וואָלט געשען — ווען דער יידישער ליטעראַטור, מיט דער אונטערשטיצונג פון גאַנצן יידישן שריפטשטעלערטום, אומגעשטערט פון דער באַגרעניצנדיקער ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג, וואָלט געלונגען זיך צו דעראַרבעטן ביז צום קינסטלערישן עקוויוואַלענט צו רעליגיע — איז ווען אפילו זי זאָל אונטערן דרוק פון אַמעריקאַניזאַציע האָבן אָנגעוואָרן איר גאַנצע לייענער־אוידיענץ, וואָלט זי פון אויבן אַראָפּ אָנגעצויגן בייע אוי־דיענץ, ווייל דאָס שטימט מיט דער יידישער גרונט־סיטואַציע, ווייל עס ענטפערט דער פסיכישער יידישער גרונט־באַדערפעניש.

דאָ האָבן מיר שוין דעם ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער יוגנט. אַ הי־געבאָרענע, אַ דערצויגענע און געהאָדעוועטע אויף אַמעריקע, אויף דורכצולעבן איר גאַנץ לעבן מיט איר, פאַר וועלכער זי איז גרייט איצט דאָס לעבן אָוועקצוגעבן — אויב די טאַטעס זענען ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון, פאַרוואָס זאָל זי, די יוגנט, זיין טריי מיט אַ געטרייהייט, אויף וועל־כער זי האָט קיינמאָל ניט געשוואָרן? אַ ליטעראַטור און קולטור־רעזשים, וואָס איז אַ עלנטע נאָכמאַכונג פון דעם גוי־ליטעראַטור־ און קולטור־רע־זשים, וואָס איז אַן עלנטע נאָכמאַכונג פון דעם גויאישן גרויס־וואַוילטיק־שפּיל, וואָס טרייסלט דעם געוויסן ניט אויף: אַ רעזשים, וואָס שטיקט גרויסן טאַלאַנט און הרגעט יונגן טאַלאַנט; וואָס האָט ניט פּראָדוצירט פון זיך גענוג מאָראַל, אַפילו איין ריכטיקן מעצענאַט אַרויסגעגעבן — ביז היטלער האָט ניט אָנגעוואָרפן אַן אימה — מיט וואָס זאָל דער רעזשים ביי דער יוגנט אויסנעמען?

און אַט זעען מיר דעם רעזולטאַט: — אונטער היטלערס פינצטערן שאָטן, וואָס וואַרפט אַן אימה אויפן גאַנצן פאָלק, זיצן גרופּקעלעך שריפט־שטעלער אַרום טישלעך און מאָלן זיך נאָך־מלחמה־אידיליעס: מען וועט זיך זינגען לידעלעך און שרייבן מעשהלעך, ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווי דער אומקום פון מיליאָנען וואָלט ניט געווען. און די ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג גייט אַן מיט איר שמועס אין נאָכגערעדטן טערמינאָלאָגישן זשאַרגאָן — מיט קלאָפּן האַרטע טערמינאָלאָגישע טשוועקעס אין ווייכער מוח־קאַשע.

אויך דאָס האָט די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַראויסגעז־וואוסט. אויך די קאַטאַסטראָפע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי פאַראויסגעזען. נאָך מיט 25 יאָר צוריק האָט זי דורך לידער און ראָמאַ־נען אָנגעזאָגט, אַז אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלע צייט וועט קומען. און וויפיל זי איז ניט געשטערט געוואָרן דורך דער אימיטאַטאָרישער ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג, האָט זי קלאָר געמאַכט איר כוונה — צוצוגרייטן אַ גרויסע ראָלע פאַר די יידן, פאַר דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע. איר גרונט־טענדענץ אויסצוגלייכן מיט דער רעליגיע איר געשטאַלטגעבערישן ווערט איז היינט נאָך גילטיקער און בולטער ווי אַמאָל. און איצט, גראָד איצט, בפרט איצט־איצט, איז דער שאַנס דאָ די יידישע יוגנט זאָל די צוגעגרייטע ראָלע אויפנעמען. איצט, איצט, ווען זי לייגט דאָס לעבן אויף די שלאַכט־פעלדער, ווערט אַזוי בולט פאַר איר די וועלט־סכנה, אַז יידן זאָלן פאַרניכטעט ווערן — בענקט זי, און שרייט פון דער טיפעניש פון איר געעפנטן האַרצן, נאָך אַ ראָלע, וואָס זאָל אויפהויבן איר ווערט אין אירע

אייגענע אויגן. און ווער קאָן איר אַזאַ ווערטפולע ראָלע געבן? בלויז די יידישע ליטעראַטור, קיין אַנדערע. דאָס איז אַ נייע באַשטעלונג. איז אַ ווענדונג צו דער יוגנט מיט אַן אָנבאָט פון אַ געשטאַלטגעבערישער וועלט־ראָלע פאַר יידן דורך אַמעריקע. וועט די יידישע ליטעראַטור האָבן דער־פילט דעם באַרוף, וואָס זי האָט געירשנט פון דער רעליגיע, און זי וועט געראָטעוועט ווערן פון אונטערגאַנג, און די יידישע יוגנט וועט געראָטעוועט ווערן פון פאַרפאַלן ווערן אין תהום פון תוהו־ובוהו.

וואָס דאַרף זיין איר מעטאָד? אַ דערנעענטערונג צו דעם מעטאָד פון רעליגיע, וועלכע איז קונסט אין דירעקטער אָנווענדונג אויפן לעבעדיקן לעבן. צוויי לענדער גיבן אונדז ביישפילן: סאָוועט־רוסלאַנד און להבדיל אלף הבדלות נאַצי־דייטשלאַנד, וואו ליטעראַטור איז דירעקט אַרויפגעשפילט געוואָרן אויף געזעלשאַפטלעכער בויאונג מיט גרויסן עפעקט. ווען די יידישע ליטעראַטור וועט אַרויפשפילן דערלייזערישע געשטאַלטגעבונג אויף געזעלשאַפטלעכער בויאונג, וועט דער עפעקט זיין נאָך אַ גרעסערער. וואָס פאַר אַ פאָרם דאַרף עס אָננעמען? דאָס וועט זיך אונדז געבן אין רע־זולטאַט פון דער אויספאָרשונג וועגן די גרונט־טענדענצן פון יידישער לי־טעראַטור אין אַמעריקע.

אַ העלפט וועג בין איך שוין אָפגעגאַנגען. איך שרייב ניט קיין גע־שיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. וועל איך ווי אין די פאָריקע צוויי מאָל אויסקלייבן יענע שריפטשטעלער, דורך וועלכע די גרונט־טענדענצן לאָזן זיך צום לייכטסטן אילוסטרירן.

(מיט די שורות ווערט דער אַרטיקל פון דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם ב. ריווקין איבערגעריסן.)

II

דרייסיק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע

.1

די ליטעראַטור האָט געעפנט אַ נייעם קאַנאַל פאַר יידישער שעפערישקייט — אַ שעפערישקייט, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן צו אַ רעליגיעזער אויטאָריטעט, נאָר אויסשליסלעך אָנגעוויזן אויף דעם שאַפערס פרייער איניציאַטיווע. זי האָט דאָך אַ געמיינשאַפטלעכע פונקציע מיט דער רעליגיע — מענטש־שאַפונג. דורך אַריינלעבן זיך אין דעם מענטשן באַלעבט זי אים. עס איז אַ מענטש־בויאונג דורך באַנייען אים פון אינעווייניק, דורך אָפפרישן זיינע געפילן און שטימונגען און דורך געשטאַלטונג. דער צוועק איז געווען אַריינצופירן דעם יידן אין דער וועלט, אויסגלייכן אים מיט די אומות־העולם, וואָס ביי זיי איז ליטעראַטור אַ הויפט־קנין און אַ הויפט־בנין.

דורך דריי פעריאָדן איז די יידישע ליטעראַטור דורכגעגאַנגען: דער ערשטער איז געווען דער פעריאָד פון אַנטדעקן דעם יידן פאַר דער וועלט, דאָס אויפזוכן אין אים דאָס פאַרצייטיקע און דאָס יידישע פון אַלע צייטן. דאָס איז געווען די אַרבעט פון די פיאָנערן־קלאַסיקער. דערנאָך איז געקומען דער פעריאָד פון אַריבערטראָגן דעם יידן פון אַלע צייטן אין היינט אַריין. דער דריטער פעריאָד, וואָס ביי אים האַלטן מיר איצט, טראָגט אַריבער דעם יידן פון היינט אין דער צוקונפט אַריין.

דער ערשטער פעריאָד האָט אין גרויסן גאַנצן זיך פאַרענדיקט צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט, אָבער אין איינצל־פאַלן האָט ער אָנגעהאַלטן אַזש ביז 1914. מענדעלעס קליין מענטשעלע — ער האָט עפעס יאָ אַ נאָמען — פישקע, די בעלי־טאַקסעס, בנימין, מענדעלע אַליין, שלמה ר׳ חיימס — כאָטש זיי האָבן נעמען, אָבער זיינען זיי דער ייד בכלל. איין יידישער טיפ און אַ צווייטער יידישער טיפ. אָט־דאָס האָט זיך אָפגעשטעלט ביים יידן פון זיין לאַנגאָניקער און פון זיין נאָענטער געשיכטע. אַזוי פרייט ער זיך, אַזוי יום־טובט ער, אַזוי חלומט ער און אַזוי טרויערט ער. אַזוי איז ער דערהויבן און אַזוי איז ער נידעריק און אַזוי ווערט ער אויסגעריסן.

שלום־עליכמס מנחם־מענדל און טביה זיינען דער ייד בכלל — אין זיין קאָמישקייט און טראַגישקייט. אַ ווייזן דעם יידן אין מענטשן, און דעם מענטשן אין יידן — וואָס דאָס איז איינס און דאָסזעלבע. אָבער טביהס טעכטער און איידעמס, אַ היפּשע צאָל פון זיינע קליינע מענטשעלעך, די גע־שטאַלטן „פון יאַריד" זיינען שוין אינדיווידואַליזירט און פּאַרהיינטיקט — מיט אייגענע נעמען און פּנימער. פּרץ אין זיינע פּראָווינץ־רייזעס האָט דווקא אָנגעהויבן פון יחידישע געשטאַלטן, מיט אַ שאַרפן אַריינקוקן אין יעדן איינעמס כאַראַקטער. אָבער אין „באַנצע שוויג", אין „שטריימל", און נאָך מער אין זיינע חסידישע מעשיות, אין שלמה פון דער „גאָלדענער קייט", און אַוודאי אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז ער צוריק אַרויף צו דער יידישער כלל־געשטאַלט. אָט־דאָס זיינען דעם יידנס ירושה — אוצרות פאַר דעם היינטיקן יידן צו באַרייכערן זיך מיט זיי.

דער ערשטער אינגאַנצן צו ווענדן זיך מיטן פּנים צום היינט איז גע־ווען דוד פּינסקי — אין זיין פּראָלעטאַרישן פּעריאָד. זיין „אייזיק שעפּטיל" איז אַ יחיד במינו. אברהם רייזען האָט געטאָן ביידע זאַכן מיט אַמאָל: זיי־נע דערציילונגען זיינען דורכלייכטונגען פון דעם יידן בכלל און פון דעם יידן בפרט. כאָטש זיינע יידן שטאַמען פון ליטע, אָבער דער גאַנצער ייד איז אַרויסצוזען. דורך זייער איין לעבנס־רגע זעט זיך זייער גאַנץ לעבן, דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אַזוי אויך די לידער: וואָס ער האָט געזונגען פאַר זיך, האָט ער געקאָנט אָוועקגעבן דעם גאַנצן פאָלק. אָט דאָס איז אַ ליד, רב ייד! זינג עס! וואָס רייזען האָט געטאָן אין זיין יעדן ווערק, האָט שלום אַש געטאָן אין באַזונדערע ווערק. אין „שטעטל" איז דאָס גאַנצע שטעטל מיט יידן זמירותדיק אויפגעזונגען, אָבער „מערי" איז שוין אויס־געזונדערט. אַזאַ מערי וואָלט יעדער אינטעליגענט זיך געוואונטשן. ער וועט זי דערקענען אין גאַס לויט איר צעשויבערטער אַרטיסטישקייט און איר נאָכלויפן. פּונקט אַזוי איז אויך פּרץ הירשביין: אין „תקיעת כף" איז דער יידישער פאָלקס־מענטש מיט זיינע שמעקעדיקע, כאָטש היפּשלעך איינגעשטאַנענע אָבערגלויבנס, פאַרגעשטעלט פאַר די גויים, אָבער דאָס, וואָס האָט פּאַסירט צום העלד פון „נבלה", וועט ניט צו יעדן איינעם פּאַסירן. נאָמבערג איז געווען דער, וועלכער אַן אומקוקן זיך אויף צוריק, האָט זיך אינגאַנצן פאַרהיינטיקט, ספּעציאַליזירנדיק זיך אויף די צעקראָכענע האַלב־אינטעליגענטן, די פליגלמאַנס — מיט אַן אויפפאָדערונג, וואָס שרייט פון יעדער שורה: ענערגיש זאָלט איר זיין! נאָך מער ספּעציאַליזירט איז יונה ראָזענפעלד: זיינע העלדן זיינען אַזעלכע אויסנאַמס־מענטשן, אַז עס

האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען אַבנאָרמאַל. דוד בערגעלסאָן האָט פאַרפּול־קומט די פאַרהיינטיקונג פאַר דער אינטעליגענץ. מיט זיין „אויפן וואָק־זאַל" און „נאָך אַלעמען" האָט ער איר אָנגעטאָן גאָר אַ גרויסן כבוד: ער אַדרעסירט זיך דירעקט צו איר. סיי מיט זיין אופן שרייבן, סיי מיט זיין פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, האָט ער געגעבן צו פילן, אַז די יידישע ליטעראַטור און די יידישע אינטעליגענץ מיט איר געפינען זיך אין סאַמע מיטן אייראָ־פּע. י. י. זינגער האָט שפּעטער צוגעטראָגן מיקראָסקאָפּישן אַנאַליז פון אויסטערלישע מענטשן.

וואָס איז געווען דער זין און דער צוועק פון אָט־דער פאַרהיינטיקונג און פאַראינדיווידואַליזירונג? דער זין און דער צוועק פון גאַנצן ענין לי־טעראַטור: דורך אַריינלעבן דעם לייענער אין לעבן פון די העלדן, דורך מאַכן אים מיטלעבן מיט זיי, דורך געבן אים צו פילן דעם טעם און ריח פון זייערע נשמות, אים, דעם לייענער, צו פורעמען און געשטאַלטן. באַריי־בערט מיט דער דערפאַרונג פון זיין מיט־מענטשן, קאָן דער לייענער אַפילו אים אַריבערשטייגן. ניט מיט אַמאָל טוט זיך עס, נאָר גראַדנוויז פאַסירט עס. די באַאיינפלוסונג פון לייענער־עולם דורך דער ליטעראַטור איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס.

און דאָס, וואָס די ליטעראַטור האָט געטאָן פאַר דער האַלבער און גאַנ־צער אינטעליגענץ ביז 1914, האָט די ליטעראַטור פון די מלחמה און נאָך־מלחמה־יאָרן דורכגעפירט פאַר דער יידישער פאָלקס־מאַסע פון רוסיש־פּוילן. די מלחמה מיט אירע גרוילן, גירושים און הריגות, מיט דער איינ־געקלעמטקייט פון דער יידישער מאַסע צווישן צוויי־דריי רוצחישע אַרמייען, וואָס האָבן געדרוקט די גרענעצן אונטער אירע פיס, אויסליפערנדיק זי צו געפאַנגענשאַפט, אויף פאַרברענט און אויסגעשאָסן צו ווערן. — די מלחמה האָט אַראָפּגעפּרעסט די יידישע ליטעראַטור האַרט צו דער עקספּלאָדירנדי־קער ערד. עס איז געוואָרן אויס מיט די אויסגעפּוצטע פאַרשטעלעניש פון יידן. מיט איטשע מייער ווייסענבערג פאַר אַ וועגווייזער, וואָס פון זיי־נע האַרט ביי די ערדיקע טאַטעס מיט די בנים ווייעט נאָך מיט דער שמע־קעדיקייט פון פעלד און וואַלד, האָבן האָראָנטשיק, וואַרשאַווסקי, קאַגאַנאָוו־סקי זיך אָוועקגעלאָזט אין רויען, האַמעטנעם רעאַליזם. גאָר ניט שעמענ־דיק זיך פאַר די גויים, האָבן זיי אַרויסגעפירט יידן־שמוגלאַרעס, גנבים און ערב־מערדער און די פּלוצלעכע מלחמה־גבירים, וואָס זיינען נתעשר גע־וואָרן פון ניט־כשרע געשעפטן. יידן זיינען געוויזן געוואָרן ווי זיי פירן זיך ביי זיך אין דער היים, אין זייערע שלאָפצימערן און באַהעלטענישן. איז

עס טאָקע אַזוי נויטיק געווען? עס האָט געדינט אַ צוועק צו פּאַרפּעסטיקן ניט שרעקעדיקן זעלבסטבאַוואוסטזיין, צוצוגרייטן כוח צום ווידערשטאַנד.

און די ליטעראַטור האָט זיך אָנגענומען. איז די גאַנצע מי פון די קלאַסיקער און זייערע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דאָס פּאַר־צייטיקע, אַל־צייטיקע און אייביק־יידישע אין יידן גאָר איבעריק געווען? אין רוסיש־פּוילן האָט מען זיך נאָך געקאָנט באַגיין אָן דעם. עס איז נאָך געווען גאַנץ די כנסת־ישראל, מיט עדהס יידן, וואָס האָבן נאָך געהאַלטן ספרים אין זייערע הענט. האָט די יוגנט זיך געוואָרפן צו די ביכער פון ליטעראַטור מיט הערזעלביקער פרומער התמדה ווי די טאַטעס צו די ספרים. האָט די ליטעראַטור זיך אַזוי איינגעטיילט: די פּראָזע האָט איבערגענו־מען די באַזאָרגונג פון דער וואָכעדיקער היינטיקייט, און די פּאָעזיע — אַזוי גיך ווי זי איז געקומען צו זיך נאָך דער מלחמה־מהומה, האָט זי גענומען פאַרפאַרזענלעכן די ספרי־ירושה. אהרן צייטלין טוט עס נאָך עד היום הזה. זיין לעצט ליד אין „צוקונפט" הויבט זיך אָן: „כ'האָב אַ געשטאַלט געזען פון אַ הויכן טליתדיקן ייד, מיט אַ של־ראש, וואָס האָט ווי בראַנד־פייער גע־גליט". — אַזוי אויך ביים אָנפאַנג: מיט דעם של־ראש, וואָס האָט גע־גליט זיין מוח, האָט ער געצויגן נשמה־פּעדים אין פּערזן. דוד איינהאָרן נאָך פריער פון אים. אַפילו זיין בענקשאַפט נאָך ליבע ווייזט די השפעה פון ספר. זיין „יידישע טאָכטער" איז אַ יידישע פּרינצעסין. די שבת מלכה. מנחם באָריישאַ האָט אַפילו צו אַ פּוילישער שיקסל געזונגען אַ „קדושה". — אָבער איך פאַרלויף דעם וועג. דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יענער זייט אָקעאַן קאָן ניט נאָכגעפאָלגט ווערן, ווען מען לאָזט אויס די צוריקווירקונג פון אַמעריקע.

2.

דער ערשטער גרונט־פאַקט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע איז, וואָס דאָ האָט געפעלט די כנסת־ישראל. אַן אָנגעלאָפענער ערב־רב פון יחידים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיטן לעבן. פון תהו־ובהו אַרויס האָט זיך ערשט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ נייער יידישער קיבוץ, וואָס זאָל פאָרשטעלן מיט זיך איין גאַנצקייט — אַ פּראָצעס, וואָס איז נאָך איצט, נאָך איבער 50 יאָר ניט פאַרענדיקט. איז דער ערשטער אימפּולס פון דער ניי־אויפגעקומענער ליטעראַטור געווען צו ווענדן זיך צום פאַראייניצלטן היינטיקן יידן, וואָס פאַר אירע אויגן: ליבין און קאָברין. די ערשטע גרוי־סע אָרגאַניזירנדיקע אידייע איז געווען דער סאָציאַליזם. דאָס לאָזט זיך

אַרויסהערן גאַנץ אָפט פון דער דערציילונג, אָבער הויפּטזעכלעך דורכן ליד — ביי עדעלשטאַט, ריין אַגיטאַטאָריש, ביי באָוושאָווער מיט אַ הערבאַרן פּאַטעטישן שוואונג, ביי דעם טאַלאַנטפולן מאָריס ראָזענפעלדן מיט אַ שטאַרקן יידישן אויבערטאָן.

דער צווייטער גרונט־פאַקט וועגן דער היגער יידישער ליטעראַטור איז, וואָס זי איז געווען אַ ליטעראַטור מעבר־לים. סיי די דערציילער, סיי די פּאָעטן זיינען דאָך אַליין געווען מעבר־לימניקעס. איז גלייך נאָכן היגן יידישן לעבן דאָס אַלט־היימישע לעבן געווען די הויפּט־טעמע — ביי קאָבּרינען מער ווי ביי ליבינען. ביי גאָרינען אינגאַנצן. דאָס מעבר־לימיקע ביי ראָזענפעלדן איז געווען דער גלות־ניגון, אויף וויפיל ער האָט נאָך גע־קלונגען אין פאָלקסטימלעכן אויער. דער שופר האָט אים געבלאָזן דורכן האַרבסטיקן ווינט. אַפילו דער פרילינג ביי אים האָט געטרויערט „דער יידישער מאַי".

דער דריטער גרונט־פאַקט איז, וואָס אַזוי ווי די היגע יידישע ליטע־ראַטור האָט זיך ניט אַדרעסירט צו אַן עדה יידן, וואָס האַלטן אין האַנט אַ ספר, האָבן די געציילטע, וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן זכרון פאַר דאָס אַל־צייטיקע, אייביק־יידישע זיך ניט געקאָנט באַרופן אויפן ספר. האָבן זיי געדאַרפט אָנהויבן פון אָנהויב אָן. אַרויסרופן דאָס אייביק־יידישע פון זיך אַליין — אברהם וואַלט־ליעסין, יהואש — וואָס דאָס איז זיי געפאַלן זייער שווער. זיי האָבן געדאַרפט ריידן צו טויבע אויערן און טויבע מוחות, האַקן אין אַ פאַרהאַרטעוועטן געמיט, אויף אַ לשון, וואָס איז אויסגעליידיקט גע־וואָרן פון אַלע ספר־ווערטער און באַגריפן. מאָריס ראָזענפעלד האָט עס גע־האַט איין זכרון מיטן היגן עולם. זיין קול האָט ניט אַריבערגעשטיגן דעם היגן געהער.

די דריי גרונט־פאַקטן האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט פאַר גרויסע מעלות, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש ניט נאָר אין דער היגער, נאָר אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

די עמיגראַנטישע עליה פון ערב דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 און די נאָך גרעסערע עליה פון נאָך 1905 האָט געבראַכט אַ ייִנגערן עולם, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזויגן מיט פרישע אידייען פון ביכלעך, פון דער לופטן און טיילווייז אויך פון דער ליטעראַטור; אַ היפּשע צאָל פון זיי, וואָס די בייע יידישע ליטעראַטור איז געווען זייער הויפּט־שפּייזערין. פון זיי און פון זייערטוועגן האָט זיך אויסגעטיילט די גרופּע „יונגע", וואָס די לעבן־געבליבענע פון זיי — זאָלן זיי לאַנג לעבן! — זיינען שוין איצט

אויך ביי די זעכציקער. זיי האָבן געהאַט פאַרלויפער — אָנצורופן צוויי: ה. רויזענבלאַט און יואל סלאָנים. דער ערשטער האָט מיטגעבראַכט אין זיך די ווייכע, זינגענדע אוקראַאינישע פאָלקס־לידער; דער צווייטער איז כמעט געבוירן געוואָרן און זיך אויסגעהאָדעוועט אונטער די אייזערנע קראַכן פון כרך ניו־יאָרק. די פיאָנערן האָבן פאַר זיי אָנגעבראַכן געגוג יידישע ווערטער — האָבן זיי מער ניט געדאַרפט ברעכן זייער צונג. זיי האָבן זיך אויך געקאָנט פאַרשפאָרן צו חזרן מיטן לייענער: אָט־דאָס איז אַ ליד, רב ייד! — האָבן זיי אין אַ געלויפיקער שפּראַך, אין אַ טאָנגעבנ־דיקן ריטם געקאָנט פריי אויסזינגען, וואָס איז זיי געלעגן אויפן האַרצן — איינער שפּילעוודיק, דער אַנדערער דונערנדיק.

דער אויפטו פון די „יונגע" איז געווען, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן פון אָנהויב אָן. זיי האָבן פון דאָס ניי באַרעכטיקט אָט־דעם נייעם איינפיר ביי יידן — ליטעראַטור. אויב ליטעראַטור, דאַרף זי פריער פון אַלץ זיין לי־טעראַטור לשמה, איידער זי נעמט אויף זיך אידייאישע אָדער נאַציאָנאַלע עובדהס. עס האָט זיי דערעסן דאָס אַגיטאַטאָרישע, דעקלאַמאַטאָרישע, שווערע משא אַרויפלייגנדיקע, טראַדיציאָנעלע, וואָס פאַרט אויף איינגע־פאַרענע פאַרטיקע ווערטער. זיי האָבן זיך עס געקאָנט פאַרגינען. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט איבערגענומען די מלחמה פאַר נאַציאָנאַל־ראַדיקאַ־ליזם. דער „קיבעצער", דער „קונדס", די הומאָריסטן — י. אַדלער, דער לעבעדיקער, משה נאַדיר — האָבן געשמעטערט דעם איינגעשטאַנענעם שאַבלאָן. — וואָס־זשע האָט געמיינט ביי זיי ליטעראַטור לשמה? אַז לי־טעראַטור, די וואָרט־קונסט, איז אַן אינסטרומענט, וואָס כפלט פילפאַך וואָס מען גיט אין וואָרט אַריין; פאַרגרעסערט די אָנצוהערענישן, וואָס מען טראָגט אין זיך, ביז די פאַרגרעסערונג, איינגעפּאַסט אין וואָרט־געשטעל, ווערט אמתער, רעאַלער, בלייבנדיקער, ווי דאָס אָנצוהערעניש. אויב דער צוועק פון ליטעראַטור איז מענטש־באַשאַפונג דורך אַריינלעבן זיך אין מענטשן, איז דאָס דער ריכטיקסטער איינשטעל. איז עס ווירקלעך געווען אַ ניי־באַרעכטיקונג פון ליטעראַטור ביי יידן — צו פאַרמערן אַלע געווינסן פון ביז אַהער.

אָנהויבנדיק פון די פּאָעטן: מאַני לייב האָט געטראָגן אין זיך אַן אָנ־צוהערעניש אויף אַ מעשה־לעגענדע, מיטגעבראַכט פון זיין ניעזשינער הײם, אָנגעוויייט פון אוקראַאינישן פאָלקס־ליד און פון דער יידישער פאָלקס־מעשה וועגן גנבים און גזלנים און אליהו הנביא, וואָס קומט פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער, וואָס שפּילט אויף אַ פידעלע און זינגט אַ ליד דערביי. און דאָס אָנצוהערעניש האָט ער געשטיקט אין זיך, צווינגענדיק זיך צו שרייבן לי־

דער וועגן אָרעמאַנסקער נויט לויטן שאַבלאָן. איז ער פאַרשטומט געוואָרן. און ער איז דער ערשטער געווען צו עקספּלאָדירן. קומט אים טאַקע די ערשטע עליה. און עקספּלאָדירט האָט ער דווקא מיט דעם שטיל־שטילסטן ליד. דאָס אָרט, וואו ער שטייט, דאַרף פאַרכישופט ווערן און אָנגעלאָפן ווערן מיט געהיימניש, און עס זאָל זיך אַרויסהערן אַ וואונדער־לעגענדע, וואָס באַלד וועט זי געשען. זישאָ לאַנדוי האָט געשטאַמט פון אַ הויז, וואו דאָס הויז־לעבן איז דורכגענומען געווען מיט איידל־אַריסטאָקראַטישער טראַדיציע, אַ ירושה פון זיידישע חסידיש־רבייאישע הויפן. דאָס אָנצוהער־רעניש, וואָס האָט זיך געבעטן פון אים אַרויס, איז געווען, אַז דווקא דאָס וואָכעדיקסטע דאַרף אין ליד אויפגעשפּילט ווערן מיט גראַציע. האָבן די צוויי באַרופן, וואָס מאַני לייב און לאַנדוי האָבן איינגעגעבן דעם ליד, פאַר־ווערט ערנסטן ליטעראַטור־דינסט? מאַני לייב האָט אַפילו משיח־לידער געשריבן, אָבער אַ וואונדער־לעגענדע האָט עס געזאָלט בלייבן: אַ רייטער קומט צו רייטן אין אַ פינצטערער נאַכט נעמט מען אים אויף, אין געהיים באַגלייט מען אים אַוועק. זישאָ לאַנדוי האָט גראַציעז אויסגעהוזקט די פרומ־מע, זיידעשע טראַדיציעס, פאַרפירנדיק אַ שפּילעוודיקע ליבע צווישן בעל־שם און שרה בת־טובים. אָבער געטאָן האָט ער עס מיט אַ פרומער כוונה: איינצושפּילן ביי יידן נייע פּאָעטישע טראַדיציעס אויף צו פאַרבייטן די אַלטע.

יוסף ראָלניק איז געווען דער איינזאַמסטער צווישן זיי אַלע, און אין דער גרעסטער געפאַר פאַרזונקען צו ווערן אין נויט־ליד. האָט ער גענו־מען ביי די „יונגע" די פריווילעגיע אַרויסצורופן דאָס אָנצוהערעניש, וואָס האָט געשלומערט אין אים זינט זיין קינדהייט, און עס האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז אין דער איינזאַמקייט פון זיין טאַטנס מיל פלעגט זיך אים חלומען, אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער קעניג — אַ שלמה המלך, דער מחבר פון קהלת. איז אים געגנוג געווען אַ זאָג מיט אַ ברעט אַרויסצופאָדערן דעם אויבערשטן אויף אַ וויכוח, און גלייך זיך אים אונטערגעבן. דערווייל האָט ער אָנגעשריבן אַ צוויי־דריי פּאָעטישע קהלתן אויף זיין אייגן לעבן און אויף די זאַמדן פון ליטע. י. י. שוואַרץ האָט אין האַרצן געטראָגן דעם שבת־קודש און לשון־קודש, האָט ער אין אַן יידיש, אָנגעזאַפּטיקט מיט דער קלאָ־רער עסענץ פון העברייאיש, געדעקט אַ שבתדיקן טישטוך און געמאַכט קידוש אויף אַ פעלד אונטער זון און ווינט, שפּעטער זיין שבת־זוניק־ווינ־טיקן טישטוך אויסצושפּרייטן אויף אַ ברייטערן שטח פון אַמעריקע. ער האָט אָנגענומען און דורכגעפירט די באַשטעלונג פון דאָרטיקן אַמעריקאַ־ביזירטן יידישן ישוב, און מיט שבתדיקער בנעימותדיקייט האָט ער אונדז

געגעבן די משפחה־געשיכטע און דעם לעבנס־שטייגער פון דריי יידישע דורות. זייערע טרעפן־אַרויף צו פּאַריאַהודיזירונג און פּאַראַמעריקאַניזירונג, און זייערע טרעפּן־אַראָפּ ביז צו אַ בית־עולמדיק שמעקעדיקער חתונה אין געמישטן בלוט. וואו אַ ווינקעלע, אַ שפּיציקייט — פּאַררונדיקט; וואו אַ לײדיקער אָרט — אויסגעפּילט מיט בילד און פאַרב, מיט קלוגשאַפט פון אויג און זעטיקייט פון געפיל. ער האָט זיי מער געגעבן, ווי גענומען ביי זיי, מיט אַ צוגאָב פון אַ צאָל נעגערשע אידיליעס, אין נעגערשע פּאַטריאַרכאַלישקייט, מיט דעם ברען פון לייב, ברען פון תפילות, ברען פון בראַנפן אויסגעמישט אין אַ מין שוואַרצער חסידות. מיט פּערפעקטער פּעלערלאָזיקייט, ווי ביאַליק און טשערניכאָווסקי, בשותפות וואָלטן די אידיליעס צוערשט פאַרפאַסט אין לשון־קודש, און ער, שוואַרץ, געווינלעך זייער אַ געטרייער איבערזעצער, האָט דאָס מאָל אָריגינעל זיי איבערגעדיכטעט אין יידיש.

דאָס בוך „קענטאַקי" האָט דערפרישט, דערמונטערט, דערפרייט. מען האָט זיך דערפילט באַזעסענער און איינגעזעסענער, מער תקיף אין אַמעריקע נאָכן דערשיינען פון בוך. אָבער עס איז צו ווייט אַוועק פון ברייטן יידיש־אַמעריקאַנישן לעבנס־שליאַך, אַז אָט־די נחתדיקע שילדערונג פון פּרעמדלעכן ישוב זאָל געבן דער יידישער ליטעראַטור אַ טעריטאָריע־סטאַטוס אין אַמעריקע. אָבער וועט זי זיך אַמאָל דערדינען צו טעריטאָריע, וועט שוואַרצעס „קענטאַקי" זיכער פאַרנעמען אויף איר אַן אָרט אויבן־אָן.

איז דאָך אָפּגערעדט, אַז י. י. שוואַרץ, סיי מיט זיינע אָריגינעלע שאַפונגען און סיי מיט זיין וואַרפן ברייטע בריקן איבערן תהום צווישן דער יידישער און העברייאישער פּאָעזיע, פאַרדינט באַהאַנדלט צו ווערן אין פאַרבינדונג מיט די פּאָעטן פון די „יונגע". אַלע דריי — שוואַרץ, ראַבאָי, איגנאַטאָוו, און אָפּאַטאָשו, וואָס שוואַרץ אין ליד האָט געטאָן, האָבן זיי אין פּראָזע־פּאַראַגראַף געטאָן. — צום „טעריטאָריאַליזם", צו וועלכן אָפּאַטאָשו האָט געגעבן דעם שטויס מיט זיין איניציאַטיווע די „פּוילישע וועלדער".

אברהם משה דילאָן, דער התלהבותדיקער פּויקער פון די „יונגע", האָט באַוויזן דעם קונץ, מיט 80 ווערטער אָנצושרייבן 80 לידער, וואָס דורך זיי אַלע הערט זיך דער בית־עולם געיאָמער פון זיין ערשטן ליד — מיט דער בהלה פון כלבים, וואָס ווערן געיאָגט פון טייוואָלים.

האָבן זיי געהאַט אַ טעאָריע? כלומרשט יאָ. גערופן האָט מען זיי, ווען בייז — „דעקאַדענטן", און ווען גוטמוטיק — „ראָמאַנטיקער". אָבער זייער גאַנצע טעאָריע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַליין געוואָלט לאָזן הערן, און זיי האָבן געהאַט פאַר אַ צוהערערשאַפט אַ יונגע אוי-

דיענץ, וואָס ווער ווייס ? — אפשר ציילט זי זיך אין די הונדערטער טויזנ־טער. דער איינציקער מיט אַ פעסטער טעאָריע, דער אידעאָלאָג, איז געווען ראובן אייזלאַנד, וועלכער שטאַמט פון דייטש־שפּרעכנדיקן טייל פון גאַלי־ציע, און אין דייטש זיינען דאָ געגוג טעאָריעס אויף אויסוואַל. זיין אייגע־נער בייטראַג איז געווען אַ ליד פון שטיל־לעבן אין מענטשן און זאַכן — געטאָקטע און געצירטע חכמה פאַר געמיט־באַרואיקונג אין ליד־פאָרם. אָבער אַ ליבהאָבער פון טעאָריעס, האָט ער זיך פאַרפירט מיט דער פאַל־שער טעאָריע, אַז וויבאַלד מען ווערט אַ זשורנאַליסט, דאַרף מען ווערן אויס פּאָעט — האָט ער זיך אַליין פאַרטריבן אין אייגענעם גלות.

ערשט איצט, נאָך 20 יאָר שטילשווייגן, האָט ער געפונען דעם אויס־וועג ווי אַזוי זיך אויסצולייזן פון דעם אייגן־געמאַכטן גלות.

דאָס אַלץ איז געשען ערב די מלחמה־יאָרן. וועגן די בעלעטריסטן פון די „יונגע" איז באַקוועמער צו ריידן — נאָכדעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה וועט שוין זיין אויסגעבראָכן.

.3

די ווירקונג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אויף דער ליטעראַטור איז געווען אַנדערש דאָ, ווי דאָרט: דאָרט האָט עס געבראַכט צו דער אַריינ־דרינגונג פון דער בעלעטריסטיק אין דעם היינטיקסטן יידן און האַרט־ביי־דערערדיקן רעאַליזם ; דאָ, צו אַן אַלץ אַ געהויבענערער ייד־וועלט־אַרום־נעמונג. און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט די גרויסע מעלה פון דער פּאָ־זיציע „מעבר־לים". דער קוק פון אַ מהלך, איבערן אָקעאַן, גיט אַ ברייי־טערע פּערספּעקטיווע, און דערצו נאָך בסדר עלעקטריזירט פון אַמעריקעס אונטערנעמערישן שוואונג, אַקומילירט די מעבר־לים פּאָזיציע, די שעפע־רישע ענערגיע פון שריפטשטעלער. פון דאַנען אַהין קוקנדיק האָט דוד פּינסקי אָנגעשריבן זיין גרויס־קאָמעדיע פון אַלטהיימישן לעבן „דער אוצר", און פּרץ הירשביין זיינע פאָלקסטימלעכע דראַמעס : „אין אַ פאַר־וואָרפענעם ווינקל", „דעם שמידס טעכטער", „די פוסטע קרעטשמע" און די סעריע פון אליהו־הנביא־איינאַקטערס. דער נאַטירלעכער אינטערעס פון נאָר־וואָס אַריבערגעקומענעם אימיגראַנט פאַר דעם אָרט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט, שטייגנדיק אַלץ מער אין באַוואוסטזיניקייט, אין צוועקמעסיקייט, האָט באַוועגט דעם פּיאָנער לעאָן קאָברין צו טאָן דאָס פאַר ווייס־רוסלאַנד, וואָס שלום אַש און י. מ. וויסענבערג האָבן געטאָן פאַר פּוילן, און ער האָט אָנגעשריבן זיין „לימוויש שטעטל".

די „מעבר־לים" פּאָזיציע האָט אַוודאי ניט פאַרפעלט צו טאָן אַ פּעולה מיט די „יונגע", און נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זי זיי אָנגעשפּאַנט צו זייער גרעסטער פאַרמעסטונג — אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט מיט יידן. צום קעגנטיקסטן איז יוסף אָפּאַטאָשו. אַרומנעמען די וועלט שליסט, באַטירלעך, אַמעריקע ניט אויס. דאָס לאַנד דאַרף איינגענומען ווערן פאַר די מיליאָנען יידן, וואָס האָבן זיך דאָ געזאַמלט. אַן אמתער קיבוץ גליות. יידיש ווערט דאָ גערעדט אין די גאַסן ניט ערגער ווי אין מלאַווע, זיין גע־בורטשטאָט. אַמעריקע איז באַשערט צו ווערן דאָס אמתע יידיש־לאַנד. דאַרף אַ ליטעראַטור פאַר איר געשאַפן ווערן. איז זיין אויפמערקזאַמקייט גלייכצייטיק און גלייכמעסיק געטיילט געוואָרן צווישן מלאַווע און ניו־יאָרק. און געטאָן האָט ער עס אין געטרייהייט צום ערשטן געבאָט פון די „יונגע", אַז פריער פון אַלץ זאָל מען אַרויסציען די אָנגעהערענישן, וואָס זיינען אין דיר אַליין דאָ, און עס פאַרכפלען מיט דעם פאַרגרעסער־אינסטרומענט, וואָס איר נאָמען איז ליטעראַטור. און דאָס ערשטע אָנצוהערעניש אין אים איז געווען — טאַקע מלאַווע, וועלכע איז אַ גרענעץ־שטאָט, וואו שמוגל איז במילא אַ גאַנגבאַרע סחורה, מיט אַלץ וואָס איז גלאַט, וואָס גייט מיט דעם. דאָס צווייטע אָנצוהערעניש איז געווען די סתירה צווישן צוויי בלוטן — צווישן איידעלערן און גראָבערן בלוט — אַ סתירה, וואָס מען ברענגט מיט פון פוילן, וואו ביים שליסן אָפּט שידוכים מיט אַרויפגעאַרבעטע גבירים, רויע וואַלד־גיבורים. דאָס גראָבערע בלוט זינקט אַראָפּ צום געשלעכט. דאָס איידעלע בלוט וויל לייטערן, סובלימירן דאָס גראָבערע. אָפּאַטאָשו האָט אַ שאַרפן געהער פאַר אָט דעם געראַנגל צווישן די בלוטן. דערויף איז געבויט „דער ראָמאַן פון אַ פערד־גנב". אַ פאַרחלומטע באַלעבאַטישע טאָכטער ווערט פאַרכאַפּט פון שטורעם־ווינט פון געשלעכט, וואָס אַ גנב־שמוגלער ברענגט צו איר פון זיינע ווילדע געיעגן. זי וויל זיין שלעכט בלוט צעשמעלצן אין איידלקייט. האָט אָפּאַטאָשו פאַראויסגעכאַפּט די שמוג־ליאַרעס פון דער נאָך־מלחמה ליטעראַטור אין פוילן. דאָרט, האַמעטנע ביי דער ערד, און דאָ, פאָרט אידעאַליזירטער הערהאָיזם, דער פאַרהער־לעכטער מיידלשער חלום. אין אַ רויערער פאָרם האָט ער עס אויך געפונען אין ניו־יאָרק. דער העראָאיזם איז דאָ די געוואַגטע גאַסן־געשלעגן פון די פילאָזאָפירנדיקע יידישע האַלבע גענגסטערס, וואָס האָבן צו יענער צייט זיך געטוליעט צו צייטונגס־טרעגעריי. און פון דער מיידל איז דאָ אָפּגע־ווישט יעדער יידישער חן. געבליבן איז בלויז איר יידישע פיפיקייט: אַנו, לאָמיר זען, ווער וועט מיך געווינען?

די מלחמה האָט אָפּגעווישט מלאַווע און אַ וויש געטאָן מיט חורבן־

דעם גאַנצן שטח פון פוילן. און אָפּאַטאָשו האָט אָפּגעענטפערט אויפן חורבן
מיט זיין גרעסערער אונטערנעמונג — „אין פוילישע וועלדער" — אויפצו־
שטעלן די חרוב־געוואָרענע יידישע טעריטאָריע פון פוילן דורך דער ליטע־
ראַטור. ווי שטעלט מען אויף אַ טעריטאָריע ניט אין פיזישן זין? דורך
איר געשיכטע. דאָס, וואָס די קלאַסיקער פון מענדעלען אָן האָבן געזוכט
אויפצודעקן אין דעם יידן — דאָס אַל־צייטיקע, אַל־יידישע אין דעם כלל־
יידן, און וואָס די שפּעטערדיקע יידיש־פּוילישע ליטעראַטור האָט פאַר־
וואָרפן, נאָר אַן אָפּהילך דערפון איז געבליבן אין דער פּאָעזיע — האָט
אָפּאַטאָשו פאַנאַנדערגערעדט אין געשיכטלעכע געשעענישן מיט קאָנקרע־
טע יידן. ער גייט צוריק דורך דריי דורות יידן, דורך די סתירהדיקע שי־
דוכים צווישן וואַלד־גיבורים און רביים. די ליבע דאָ, אָט פאַרוואַלדיקט
זי זיך און פאָרט זיך מיט די כוחות פון ווייסל און אָט לייטערט זי זיך
אויס אין אַ חסידישער אהבה, ביז ער קומט צום צענטער פון חסדות, צום
הויף פון מענדל קאָצקער, וועלכער ראַנגלט זיך מיט גאָט און שטויסט זיינע
חסידים אָפּ פון זיך, און וואָס קעגן אים ראַנגלט זיך דער פאָלקס־צדיק ר'
איטשע, וועלכער ציט די חסידים צו צו זיך מיט זיין אמונה אין באַלדיקסטן
מופת. און פון מענדל קאָצקערס הויף ציט אָפּאַטאָשו געשיכטלעכע פעדים
צוריק, דורך זיינע טעכטער און איידעמס, דורך זיינע זין און שניר, וועלכע
מישן דעם רבינס הייליקע ליבע מיט טריפענע ליבעס, צו די נעסטן פון
יידישער אַסימילאַציע אין פּוילישן רעוואָלוציאָנערן משיחיזם. און אָפּאַ־
טאָשוס אָפּשטאַמלינגע פון די וואַלד־גיבורים און רביים גייען מיט, זיינען
עדות, אָבער קלעפּן זיך ניט צו, דאָך אין די פּוילישע אויפשטאַנדן באַטיי־
ליקן זיי זיך—ניט אין קינסטלעך־אויפגעבלאָזענעם ראָמאַנטישן העראָאיזם,
נאָר אין בפועל־ממשדיקן מסירת־נפשדיקן העראָאיזם. 100 יאָר יידישע
געשיכטע אין פוילן איז אויפגעשטעלט; אַ שטיק יידישע טעריטאָריע של־
מעלה איז צוריק איינגענומען דורכן ראָמאַן. און דאָס מיינט שוין איינגע־
נומען אויך די טעריטאָריע פון אַמעריקע פאַר יידן. ווי אַזוי? וואָרים אַ
יידישער קיבוץ, וואָס האַלט זיך אין אָרגאַניזירן, קאָן קיין גאַנצקייט ניט
ווערן, קיין כנסת־ישראל, ביז ער וועט ניט צוגעדעקט ווערן מיט אַ טעריטאָ־
ריע של־מעלה, פון וועלכער ער זויגט זיך אָן מיט יידישן תמצית. אָפּאַטאָשו
האָט ניט גערוט און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ יידישן גיבור, אויף וועמען עס
זאָל זיך לאָזן אָנשפּאַרן דער אַמעריקאַנער חלק אין דער יידישער טעריטאָ־
ריע של־מעלה, מאַכנדיק קווערשניטן דורך אַלערליי יידישע טיפּן — פאַר־
מערס, אַרבעטער, קצבים, שוחטים, סוחרים, סאָציאַליסטן, אינטעליגענטן;
יונגע ווייבלעך און מיידלעך, רבנים און רבנישע זין — ביז ער האָט זיך

אַנגעשטויסן אויף אַ וואַלד־צדיק (אין ראָמאַן „די טענצערין"), וואָס פאַר־אייניקט אין זיך די מידות פון אַנקל סעם און בעל־שם, מיט נאָך אַ גרע־סערן צוזאָג אין זיין זון, דעם סאָציאַליסט, וואָס זיין אינספּיראַטאָרין איז ווי־דער אַמאָל די ליבע — די ליבע פון אַ זינדיקער טענצערין, וועלכע לייַ־טערט זיך פון טומאה צו קדושה. און ער האָט ניט גערוט און זיך אָוועקגע־לאָזט דורכן מיטלאַלטער („אַ טאָג אין רעגענסבורג") און צום פאַרצייטיקן („פונדקא רטיבתא" און „רב עקיבא") און אויסגערייזט לענדער פון סאָ־וועט־רוסלאַנד ביז ארץ־ישראל, צילנדיק צו אַ ראָמאַן, וואָס זאָל אַרומנע־מען די גאַנצע יידישע וועלט־טעריטאָריע, מיט צוריק בליקן אין טויזנטער יאָרן יידישע געשיכטע — וואָס דאָס, פאַרשטייט זיך, איז ניט פאַר איין מענטשן דורכצופירן, נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

4.

די „יונגע" פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט אין מיין איבערבליק פאַר די 30 יאָר, ווייל פון זיי, ווי פון אַ צענטער, לויפן אַרויס די ראַדיוסן צו דעם אַלץ זיך אויסברייטערנדיקן אַרומנעם פון דער יידישער ליטעראַטור ביט בלויז דאָ אין לאַנד, נאָר אין אַלע יידישע לענדער. זיי האָבן זיך באַלד נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט, איינגעטיילט אין צוויי גרופן. מאַני לייב, כמעט דער איינציקער איצט אַקטיווער פון דער ערשטער גרופע, קאָנ־צענטרירט זיך נאָך אַלץ אויף דער אָריגינעלער אַנטדעקונג פון די „יונגע", אַז די וואָרט־קונסט איז אַן אינסטרומענט פון זעלבסט־באַרייכערונג, — אַן אינסטרומענט צו פאַרגרעסערן די אַנצוהערעניש, וואָס מען טראָגט אין זיך. נאָך איצט אַרבעט ער אויף דער פאַרפולקאָמונג פון זיין ליד־אינסטרומענט, צו מאַכן זיין פערז וואָס פולער, לויטערער, „פושקינישער". אַפילו ווען ער כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ מלחמה־ליד, — ווי זישאַ לאַנדוי אין זיין צייט, ווען ער איז דורך ליד געוואָרן אַן ענגלאַנד־פּאַטריאָט, — מיט אַ ייד־ליד און אַרבעט־ליד, אָבער פון דעם פאַרכישופטן גדר פון ליד לשם ליד טאָר ער ניט אַרויס, — פריער פון אַלץ מוז דאָס ליד אָפּגעבן פון זיך מיט שיינקייט, מיט וואונדער־דערוואַרטונג.

יוסף אָפּאַטאָשו, דער רעפּרעזענטאַנט פון דער צווייטער גרופע, איז הויפּטזאַכלעך פאַרנומען מיט אויסברייטערן דעם שטח, דעם אַרומנעם פון דער יידישער ליטעראַטור. זיינע צוויי הויפּט־ווערק זיינען אַנגעשטעלט צו ייד־וועלט אַרומנעם, וואָס דאָס שליסט שוין איין דאָס איינגעמען דאָס לאַנד אַמעריקע פאַר יידן („אין פוילישע וועלדער", „די טענצערין"), דער־

מיט דערפילט ער די פונקציע, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט לכתחילה גענומען אויף זיך, — די פונקציע, וואָס זי האָט איבערגענומען פון דער יידישער רעליגיע, — צו מאָביליזירן דעם יידן פאַר אויסדויער און ווידער־שטאַנד, — דורך דעם נייעם פרייען שעפערישן מיטל, אויסגעצבאַרגט ביי די אומות־העולם. האָט זיך די יידישע ליטעראַטור ווירקלעך אויפגעגעבן אַזאַ ציל? יאָ, ווי זי וואָלט געווען אַ לעבעדיק וועזן, — לעבעדיק דורך דעם באַוואוסטזיין און אונטערבאַוואוסטזיין פון די שריפטשטעלער. דער ציל האָט עס דיקטירט די פיאָנערן־קלאַסיקער אויסצוזוכן אין דעם יידן דאָס אַל־יידישע, אייביק־יידישע. זי, די יידישע ליטעראַטור, מיט דעם זכרון, וואָס האָט זיך איר איבערגעגעבן פון דער יידישער רעליגיע, האָט ווי פאַר־אויסגעזען די קאַטאַסטראָפעס; ווי זי וואָלט פאַראויסגעזען אַפילו אַמעריקע, וואו עס וועט נאָך לאַנג נעמען ביז דער צוזאַמענגעלאָף פון איבער 5 מיליאָן וועט ווערן אַ יידישער קיבוץ, אַ כנסת־ישראל, און זי, די ליטעראַ־טור, וועט דאַרפן שטרעקן דעם יידישן הימל איבער זייערע קעפּ, וואָס אַן דעם צודעק איבער זייערע קעפּ זיינען זיי נאָך גאָר קיין יידן ניט, נאָר רוי־פליש, וואָס אַמעריקע מאַגן דאַרף ערשט איבערקאָכן און פאַרדייען...

צווישן מאַני לייב און יוסף אָפּאַטאָשו זיינען צו זוכן און צו געפינען די אַלע טענדענצן, וואָס באַוועגן נאָך היינט די יידישע ליטעראַטור: פון דעם קוואַל, וואָס די „יונגע" האָבן אויפגעעפנט, קוועלן די טענדענצן ארויס. צווישן זיי ביידן, דער ליד־מייסטער און פראָזע־מייסטער, האָבן פאַרנומען זייער אויבן־אָן צוויי פּאָעטן אין פראָזע — דוד איגנאַטאָוו און א. ראַבאַי.

פאַרמעל האָב איך געקאָנט אָנהויבן די ציילונג פון די בעלעטריסטן פון די „יונגע" ניט מיט אָפּאַטאָשו, נאָר מיט דוד איגנאַטאָוו, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון די „שריפטן", די ערשטע הויפט־סטאַנציע פון די „יונגע". נאָר איך האָב זיך געקוואָפּעט אויף אַן אילוסט־ראַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען אי אַמעריקע, אי די וועלט. און איגנאַטאָוו איז הויפטזאַכלעך פאַרנומען געווען מיט איינבעמען דאָס לאַנד אַמעריקע פאַר יידן. פאַר איגנאַטאָוו האָט מען ניט געדאַרפט אַנטדעקן, אַז ליטעראַ־טור איז אַן אינסטרומענט צו פאַרגרעסערן די אָנצוהערענישן, וואָס מען טראָגט אין זיך. ער אַליין, ווי ער שטייט און גייט, איז דאָס אָפענע אָנצו־הערעניש אויף זיך אַליין, ער אַליין דער פאַרגרעסער־אינסטרומענט. און ער האָט דעם אינסטרומענט גענוצט אויף איינצונעמען דאָס לאַנד. — איינ־נעמען דאָס לאַנד מיינט ניט דווקא דעקן דעם שטח בפועל ממש. אַמאָל איז גענוג אַוועקצושטעלן דעם העלד אויף אַ טורעם־פּאָזיציע, פון וואַנען ער קאָן אַרומנעמען דעם שטח מיט אַ פאַרגרעסערטן בליק. און איגנאַטאָווס העלד־

אַרומנעמער — דער העלד פון „פּיבי", פון „אין קעסל־גרוב", פון „אויף װײַטע װעגן", איז איגנאַטאָװ אַלײן בכבודו־ובעצמו. און ער פאַרמאָגט אַ סטיל, װאָס אַרבעט װי אַ פאַרגרעסער־גלאָז — אַ סטיל, װאָס לױפט איבער אין לױטער זעאונג, זײער גוט צוגעפּאַסט צו דערצײלן מעשיות פאַר גרױסע און קלײנע קינדער, װאָס ער טוט עס גערן. און ער האָט אַ מעשה־אַרטיקע פילאָזאָפיע, אַז די װעלט איז אַ מעשה, װאָס פאַרװירקלעכט זיך; און װען ניט ר' נחמן בראַצלאַװער, װאָלט ער אַלײן אָנגעשריבן דעם בראַצלאַװערס מעשיות. אַזױ אָבער האָט ער זיך געמזוט באַנוגענען מיט איבערשרײַבן זײ („דאָס פאַרבאָרגענע ליכט"). און ער, דער מעשהניק, מיט אויגן, װאָס זעען אַלץ דורך פאַרגרעסערטע זעאונגען, האָט זיך אַרױסגעלאָזן אײַננעמען דאָס לאַנד פאַר ייִדן. אין „פּיבי" — אַ מעשה, װאָס דאַרף געװאױגן װערן מיט גאָלד — געװינט ער אַ האַלב־ייִדישקע, האַלב־אַמעריקאַנערין מיט אַ כּי־שוף־שפּרונג װעגן שלאַנגען. „אין קעסלגרוב" איז די הױפּט־מעשה אַן אַנגעצונדענע זעאונג װעגן ייִדישע סאָציאַליסטישע דערפער, װאָס ער זעט בײַם פלאַקער־פײַער פון אַ זון־אונטערגאַנג אין דער װײַטער װעסט פון אַמעריקע (ס'איז געװען אין דער צײַט, װען די קאָלאָניע „קלאַריאָן" איז געגרינדעט געװאָרן אין יוטאַ). אין דעם דרײַ־בענדיקן „אויף װײַטע װעגן" לאָזט זיך דער העלד בערמאַן־איגנאַטאָװ אַלײן אַװעק אין דער װײַטער װעסט צו געפינען יענע אױסגעחלומטע ייִדישע סאָציאַליסטישע דערפער. און זעאונגען באַגלײטן אים אויפן גאַנצן װעג, װאָס זאָגן אים פאָראױס װאָס שפּעטער װעט זײַן. ער זעט אי גאָט, אי דעם טײַװל. און איגנאַטאָװ שענקט אים 40 יאָר יונגשאַפט — פון „עם־עולם" ביז דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע — און פאַר זײַנע זעאונג־שיכּורע אויגן גײען דורך אין אַ רעאַליסטישער רײ בעלי־חלומות, טוער, מאַכער און פאַררעטער פון דער אַרבעטער־באַװע־גונג. און דאָ איז אין ראָמאַן די טײַערסטע ייִדישע מײדל, — גערטרוד, — װעלכע איז אַזױ טײַער, אַז אָדער ער, אָדער זי, אָדער בײדע צוזאַמען דאַרפן באַצאָלן מיטן לעבן פאַר איר ליבע. און זי איז בערמאַנס אינספּיראַציע. זײַן לעצטע זעאונג פאַרן טויט איז, װי די תּורה באַהעפט זיך מיטן סאָציאַ־ליזם — כּדי צו ראַטעװען די װעלט און אַמעריקע מיט די ייִדן אינאײנעם — אַ התלהבותדיקער רעליגיעזער סאָציאַליזם. איז דאָס אַלץ נויטיק אײַנ־צונעמען די װעלט און אַמעריקע פאַר ייִדן? יאָ, רויער ייִדן־שטאָף, מיט בלינדע אויגן, ייִדישער רוי־פלײש און װילד־פלײש װעט עס ניט באַװײַזן. דאַרף מען זײ אַרײַנגעבן זעאונגען פאַר נשמה־פאַרגרעסערונג.

פּונקט װי דוד איגנאַטאָװ, האָט א. ראַבאַי ע"ה ניט געדאַרפט ציִען פון זיך אַן אָנצוהערעניש אויף זיך אַלײן. ער איז עס טאַקע געװען. ער װאָלט

געווען אַ „יונגער" אַפילו אָן די „יונגע". וואָס זיי האָבן אים געגעבן, איז פריינטשאַפט, וואַרעמקייט, האָרעוואַניע און שעצונג. אָבער אַנדערש פון איגנאַטאָוון האָט ער ניט געדאַרפט קיין זעאונגען צו פאַרגרעסערן זיך די ראיה. אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט, איז שפּירן דעם ריח פון דער בעסאַראַבער ערד, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעשפּראָצט. פונקט ווי אַ פרומער ייד האַלט ביי זיך אַ זעקעלע ארץ־ישראל ערד, פלעגט ער זיך לייגן צוקאָפּנס אַ זעקעלע בעסאַראַבער ערד, און אים פלעגט זיך חלומען אַלץ וואָס ער האָט זיך געוואונטשן. און דאָס האָט ער אויך ניט געדאַרפט. אין די ערשטע יאָרן, ווען פון אים אַליין האָט זיך נאָך געטראָגן דער בעסאַראַבער ריח, פלעגט יעדע פּאַסירונג ביי אים איבערגיין אין אַ חלום־מעשה. איינמאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז אַ גרויסער אַרכיטעקט האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש אין ניו־יאָרק. זינט דעמאָלט האָט ער ליב באַקומען אַמעריקע. און ער האָט ניט געשיקט אַ העלד־פאַרגרעסערונג פון זיך אַליין, נאָר בפועל־ממש אַליין געגאַנגען, און וואו ער האָט זיך באַזעצט — „ביים פאָס ים" אין קאָנעטיקוט, אָדער אין די פּרעיריס („הער גאָלדבאַרג"), ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו דער ערד, דאָרט איז פאַר אים געוואָרן בעסאַראַביע. דורך דעם ריח פון דער ערד, פון פלאַנצן און פון חיות האָט ער שוין דערשמעקט דעם ריח פון איינגעבאָרענעם אַמעריקאַנער. אַזוי האָט ער געיידישט אַמעריקע פאַר יידן און אַמעריקאַניזירט דעם יידן. זיין גרעסטען טריאומף האָט ער אָבער פאָרט געהאַט, ווען ער האָט מיט זיינע „בעסאַראַבער יידן" זיך אומגעקערט אויף דעם באָדן, פון וואַנען ער האָט אַרויסגעשפּראָצט. ערשט שפּעטער נאָך יאָרנלאַנגן זיצן אין פאָריער־שאַפּ און שרייבער־שאַפּ, און דער ערדישער ריח האָט זיך פון אים אויסגעוועפּט, איז אים טרוקן געוואָרן אויפן האַרצן און אונטער דער פּען. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ווען יידן וועלן אַמאָל איינעמען דאָס לאַנד — דאָס מיינט, זיי וועלן דאָ איינגעזעסן ווערן ווי אַ יידישער קיבוץ — וועלן זיי ראַבאָיס ווערק זיך לייגן צוקאָפּנס.

III

דווקא אַמעריקע יידישט די יידישע ליטעראַטור

דער ציל, וואָס האָט פון אָנהויב אָן געלויערט אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון דער יידישער ליטעראַטור — צו דינען דעם פאָלק ווי אַ במקום־רעליגיע — האָט אונטער דעם דרוק פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלץ מער זיך אַרויסגעפּרעסט פון אונטערבאַוואוסטזיין צום באַוואוסטזיין פון די יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע. יאָ, דווקא אין אַמעריקע, מיט איר זיכערער מעבר־לים־פּאָזיציע, האָט די יידישע ליטעראַטור זיך אָפּגערופן מיט מער באַוואוסטזיניקייט, ווי דאָרט, אויף דעם אומגליק, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט צו הונדערטער טויזנטער יידן — דעם טראַגישן פאַרשפּיל צום איצטיקן קאַטאַסטראָפאַלן מיליאָנען־אומגליק. דאָרט, אמת, האָט דער חורבן צוגעדריקט די יידישע ליטעראַטור האַרט צו דער ערד, אָבער איבער דער פאָלקס־מאַסע האָט געהויערט אַ לעבעדיקער כנסת־ישראל־באַוואוסטזיין, וואָס וואָלט ניט דערלאָזט די מאַסע איינגעזונקען צו ווערן אין דער ערד, וואָס דאָס וואָלט שוין במילא פריער אָדער שפּעטער אָפּגעמינטערט די ליטעראַטור פון איר חלשותדיקער געפאַלנקייט. דאָ איז געווען די געפאַר, אַז די יידן־מאַסע וועט אַריינפאַלן אין דעם היבערפלעט פון אַ גלייכגילטיקער, זעלבסטצופרידענער, נשמהלאָזער שארית־הפליטה, אַפילו ווען זי האָט נאָך געהאַט גענוג יידיש האַרץ צו געבן נדבות די פאַראומגליקטע ברידער. איז די יידישע ליטעראַטור דאָ ממש ווי אַ לעבעדיק וועזן געוואָרן ציל־באַוואוסטזיניק — אָנגעצילעוועט צו שפּרייטן טעריטאָריע של־מעלה איבער דער טעריטאָריע של־מטה.

אַט־דער ציל האָט עס דיקטירט ניט נאָר אָפּאַטאָשון, דעם אידייען־אינזשעניר אויסצופּלאַנעווען טעריטאָריע־ווערק, נאָר אַפילו איגנאַטאָוון, דעם וויזיאָנער, צו זיין זעאונגען איבערן קאָנטינענט און איינצופאַסן דאָס נייע היימלאַנד אין זיין טעאָריע, אַז „די וועלט איז אַ מעשה". און אַט־דער ציל האָט דיקטירט ראַבאָיען, צום ווינציקסטן טעאָרעטיקער און אידעאָלאָג, צו יידישן אַמעריקע מיט זיין ארץ־ישראל־בעסאַראַביע, און י. י. שוואַרצן, צו טאָן פאַר „קענטאָקי" דאָס, וואָס אָפּאַטאָשו האָט געטאָן פאַר פוילן,—דורכ־

צולויפן די געשיכטע פון דריי דורות יידן, וואָס אין דריטן דור האָבן זיי שוין פאַרלוירן זייערע פּנימער, און צוצודעקן זייער גרוי לעבן, אינאיינעם שוין מיט דעם ביטער לעבן פון זייערע שכנים די נעגערס, מיט שבת־קודש־לשון־קודשדיקע פּרוכתן. אויך די צווייטע גרויסע עובֿדה זייַנע, — דאָס פאַריידישן די גאָלדענע עפּאָכע פון שפּאַניע, — איז דיקטירט פון זעלביקן ציל: ניט צו לאָזן די יידן פון אַמעריקע מיט נאַקעטע פּנימער און הוילע קעפּ פּנים־אל־פּנים מיט קאַטאַסטראָפעס, וואָס קוקן זיי אין די אויגן אַריין.

אויך די צוויי פּיאָנערן־פּאָעטן, וואָס זייַנען געבליבן ווירקן יאָרן נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, — יהואש און אברהם וואַלט־ליעסין, — זייַנען אינספּירירט געוואָרן פון דעם זעלבן ציל: יהואש האָט אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ דעם באַרג סיני, — די מאָנומענטאַלע ביבל־איבערזעצונג, — און דורכגייענדיק אַזאַ העראָאישע דיסציפּלין, האָט ער זיך אָנגענומען מיט די באַטעמטסטע יידישע ווערטער און ווערטלעך, און דורכטראָגנדיק אַזאַ שווערע מאַסע האָט ער געוואונען אַ לייכטקייט, כדי צו קאָנען נאָכהאַלטן די ייִנגסטע פון די יונגע מיט שפּילעוודיקע לידער, וואָס הערן אַרויס גאָטס סודות פון ליבע, פון גלויבן און פון דער נאַטור, — די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט מיט זיין סאַמע ערשטן ליד „מזמור שיר ליום השבת" — אין דערפילונג פון ערשטן געבאָט פון דער יידישער ליטעראַטור: איבערצוגיסן די עמאַציע פון רעליגיע דורך דעם נייעם, פרייען שעפערישן קאַנאַל. און אברהם ליעסין, ווען אין זיין ערשטן פּע־ריאָד איז געפאַלן אַזוי שווער אויפצוזינגען דאָס אייביק־יידישע פאַר אַן עולם, וואָס האָט קיין ספר ניט אָנגעקוקט, און ער האָט געדאַרפט אָנהויבן פון אָנהויב אָן, האָט אין זיין צווייטן פּעריאָד, אַ דערשיטערטער פון דער קאַטאַסטראָפע, דאָך באַוויזן, מיט אַלע פאַרצייטיקע ספרים אין זיין זכרון, אָבער ניט באַרופנדיק זיך אויף זיי, אַרויסצורופן די אייביק־יידישע גאָט־שאַפונג פון דעם שטאָף, פון וועלכן וועלטלעכע לידער ווערן געמאַכט: ער האָט דעם עבֿר אַריבערגעטראָגן אין עתיד; ישעיהס אחרית־הימים אין נייער וועלט־אָרדענונג, איבערלייענענדיק ר' עקיבאָן אין הירש לעקערטן, דעם קידוש־השם פון די חשמונאים, בר־כוכבא און פון די צדיקים פון בבל און מיטלאַלטער אין דער מאַרטירערשאַפט פון ווילנער, מינסקער און בויס־קער רעוואָלוציאָנערן; אַריינברענגענדיק דעם נשמה־פייער פון בעל־שם און באַרדיטשעווער אין בילדער פון זון־אונטערגאַנג, פון וואַלד, ים, שטו־רעם און נאַכט. ער האָט קבלה אַריינגעהערט אין די רמזים פון דער נאַטור. פּאָעטישע שפּיל האָט ער אויפגעהויבן צו נבֿיאישן חזיון.

חוץ די צוויי פּיאָנערן איז דער לאָגישסטער איבערגאַנג צו צוויי ייִנ־

גערע, וועלכע אַ ווײַלע שפּעטער פון די איניציאַטאָרס זיינען געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון די „יונגע“, ה. לייוויק און משה לייב האַלפּערן. זיי האָבן מיטגעמאַכט מיט זיי די אַנטדעקונג, אַז די וואָרט־קונסט איז אַן אינסטרומענט, וואָס גיט אַרויס אַן אַ שיעור מער וויפיל מען גיט אין איר אַריין. אָבער אַנדערש פון מאַני לייבס „אינדזל“־גרופּע, וואָס האָט זיך פאַראינדזלט אויף אינסטרומענט לשם אינסטרומענט, אויף ליד לשם ליד, איז ביי די צוויי די אינסטרומענטירונג קיין שטער ניט געווען צו נעמען אויף זיך די ערנסטע לעבנס־עובדה אין באַוואוסטזיניקן ייד־דינסט. און פונקט ווי ביי אָפּאַטאָשון די „מעבר־לים“־פּאָזיציע, האָט ביי אָט־די צוויי דער פּיאָנערישער „פון אָנהויב־אָן“ זיך אַרויסגעשטעלט פון אַ געמיינטן חסרון פאַר דער גרעסטער מעלה פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דער חסרון — דאָס וואָס האָט געפעלט די ספר־טראַדיציע און דער עולם דאָ האָט ניט געהאַט דעם כנסת־ישראל צודעק איבערן קאָפּ — דער חסרון האָט אַרויסגעצוואונגען די מעלה: מען זאָל דאָ נעמען אויפשטעלן די אייביקע יידישע ווערטן פון סאַמע בראשית — פון אָנהויב־אָן—פון אייגענעם האַרצן אַרויס.

דער „פון אָנהויב־אָן“ ביי לייוויקן — אָן אַ לאַנגן צעטל פון פּאַרצייטיקע ספרים אין זכרון, האָט ער אויפגעשטעלט דעם אָריגינעלן יידישן פּראָצעס פון גאָט־שאַפונג, נוצנדיק זיין אייגענע געשטאַלט פאַר אַן אינסטרומענט. דאָס איז אויך געווען ביי איגנאַטאָוון און ראַבאָיען: איגנאַטאָוו האָט זיך אַריינגעזעצט זעאונגען אין די אויגן פאַר פאַרגרעסער־גלעזער; ביי ראַבאָיען איז עס געווען דער ארץ־ישראלדיקער ריח פון דער בעסאַראַבער ערד, וואָס איז געבליבן קלעפּן צו זיין לייב און לעבן. לייוויק האָט פון אינעווייניק אַרויסגעצויגן זיין צווייטע געשטאַלט. ער איז אַ צוויי־געשטאַלטיקער, ער איז נאָך אייגער, אַ געהיימער. דאָס איז ביי אים געווען אַ מתנה פון דער קינדהייט, ווייל אַ פאַרבאַהאַלטענער, אין אַ ווינקל פאַרקראָכענער, אַ פאַרשעמטער. אויף דער קאַטאָרגע איז די פאַרבאַהאַלטנקייט, די ווינקלדיקע פאַרקראָכנקייט, די פאַרשעמטקייט, די דערשלאָגנקייט אונטער פיזישע קלעפּ זיך פאַרצענפאַכט און פאַרהונדערטפאַכט. פון אַ שפּאַרונע אין וואַנט פלעגט ער אַרויסציען דעם גן־עדן, מיט זיך דעם פאַרבאַהאַלטענעם אַ באַגליקטן און דערלייזטן. אין די „סיבירער לידער“ פּינקלט אים פון די פּראָסטיקע שנייען אָט־דער וואַרעמער באַגליקנדיקער גן־עדן. ער איז אין גייעג דורך די „טאַיגעס“ נאָך לייוויקן דעם דערלייזטן. דאָס איז געווען די אָנגעשפּריצטע שיינקייט, וואָס האָט זיך געמינעט פון די „סיבירער לידער“ און האָט אַלעמען פאַרכאַפּט און געגעבן אים פּלאַץ צווישן די „יונגע“.

די קאַטאָרגע, אין וועלכער די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אַריינגע־

זעצט די יידישע מאַסע אין מזרח־אייראָפּע, דער ים פון רציחה, וואָס האָט אויסגעפלייצט אויף דער מאַסע — פון לייוויקס יחידישער שפּאַרונע אין וואַנט איז געוואָרן אַ תהום, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט גן־עדן פאַרן גאַנצן פאָלק. וואָס עס איז פריער געווען זיין פריוואַט־אייגנטום האָט ער געמאַכט פאַר דעם יידישן כלל־אייגנטום. „ליכטיקע לאָמפּן" — איינ־איינציקע באַלויכטענע שטוב נאָך אַ הריגה — פון די פאַרשרפעטע שטיינער דערלאַנגען זיך אים די שפורן פון משיחן, וועלכער איז נאָר־וואָס דאָ דורכגעגאַנגען. פון זיך אַליין, דעם צווייגעשטאַלטיקן, פון דעם צווייטן, דעם געהיימען, האָט ער משיחן אַרויסגעצויגן און געצייכנט זיינע טריט דורכן חורבן צו גאולה. אַ גאַנץ לעגיטימער שעפערישער אַקט. אַזוי איז אויך פאַרצייטן געווען. דער עבד ה׳ איז צוערשט דער נביא אַליין און דערנאָך דעם פאָלקס משיח־געשטאַלט. געשטאַלטונג איז אַ שאַפונגס־אַקט, וואָס געהערט גלייכצייטיק צו רעליגיע און צו קונסט. און דאָס געשטאַלט איז געוואָרן לייוויקס רעליגיעז־קינסטלערישער הויפּט־אינסטרומענט. און דערמיט האָט ער נאָך מער ווי באַשטעטיקט די אַנטדעקונג פון די „יונגע", אַז קונסט איז אַן אינסטרומענט, וואָס מאַכט צו וואָר דעם חלום, וואָס מען טראָגט אין זיך וועגן זיך. לייוויק האָט זיין קונסט־אינסטרומענט נאָך פאַרשטאַרקט, צונויפשמעלצנדיק זיין אייגענעם חלום־געשטאַלט מיט דעם פאָלקס צוויי־טויזנט־יעריקער מוסטער־געשטאַלט, און מיט אַ גרויסער פעולה, אַנדערש ווי די אַלט־היימישע משיח־דראַמען מיט זייערע פון ספרים אַרויסגעלייענטע, פסוקים נאָכזאָגנדיקע, אויסערלעך דעקאָראַטיווע משיחים, איז אין „גולם" און אין דער „גאולה־קאָמעדיע" משיח „פון אָנהויב־אָן" — פון אים אַליין אויסגעטראָגן, געבוירן, אויסגעהאָדעוועט, צום פולן וואוקס געבראַכט און אויף דער אַרענע אַרויסגעלאָזט — צו געבן אַ האַרציק־אינטימען, דורכגעליטענעם אָפּענטפער אויף דעם פאָלקס ווײ־געשריי, צו לייטערן דעם פאָלקס פינצטערן היינט אין העלן מאָרגן־שיין.

און לייוויק טרעט דערביי ניט אָפּ פון דער שבועה, מיט וועלכער מאַני לייב האָט פאַרשוואָרן די פּאָעטן: אויף דעם אָרט, וואו דער פּאָעט שטייט, דאַרף שיינקייט געשאַפן ווערן, פון זיין ליד דאַרף אָפּשלאָגן מיט וואונדער־דערוואַרטונג. די שיינקייט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ איז ניט פון דעם אָרט, נאָר פון דער שאַפונג, אַפילו ביי מאַני לייבן, און אַוודאי ביי לייוויקן אַזוי. בפרט פון מענטש־באַשאַפונג — בצלם אלהים. דעמאָלט איז עס מעשה בראַשיתדיקע שיינקייט. די שיינקייט איז דאָ דער פאָרגעפיל פון מענטשנס קינפטיקער האַרמאָנישער פאַרגענצונג. דאָס איז זי די וואונדער־דערוואַרטונג, די אַלע לידער פון דער סעריע „בריוו צו אַ פריינט", וואָלטן

געקאַנט באַטיטלט ווערן מיטן טיטל פון דעם מאַלער־ליד „כי־טוב" — גאָטס מאַלעריש־אַרטיסטישן אויסרוף: ווי שיין איז מיין ווערק! דאָס געשטאַלט פון „פריינט" איז דער פאַרמענטשלעכסטער צלם אלהים — לייוויקס שאַפונגס־געצייג.

און ביז צום היינטיקן טאָג קומט שיינקייט צו לייוויקס ליד פון גאָט־אויסשפּירונג דורך מענטש־געשטאַלטונג. ווי אין זיין ליד „אָפענע הימלען": — „אָפענע הימלען, וואַכיקע וועלדער. דער שליאַך גייט פאַרביי און פאַרדרייט זיך — און ס'ווילט זיך ס'זאָל קומען אַ מענטש אַנטקעגן". ווער? ווער? אַז דו זאָלסט קומען — דו, דו, — דער „דו־דו" צעוואַקסט זיך אין דעם דערוואַרטן, געגאַרטן גאָט־מענטש געשטאַלט. יענער קרייצוועג אין פעלד איז געבליבן איינגעהילט אין בראשיתדיקער שיינקייט. די פּאָעמע „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" — דער פּאָעט שטרעקט זיך מיטן הארצן צום זון־פאַרגאַנג. איז עס גאָט־אַנטפּלעקונג אין פראַכט. די אַנטציקונג פון גאָט־זעאונג. וואָס פון איר באַרוישנדיקן טעם האָבן פאַרזוכט אדם הראשון, משה רבנו, די נביאים, דער בעל־שם און די אַלע ריזיקאַנטן אויף מענטש־דערלייזונג.

און איצט זוכט לייוויק אַרויסצוציען פאַר אונדז דערלייזערישע שיינקייט פון גאָט־אַנטפּלעקונג, וואָס איז אויפגעגאַנגען איבער די הערצאָישע טויטן פון די געטאָ־גבורים. אומזיסט מאַני לייבס עקשנות. די סתירה צווישן ליד צוליב שיינקייט און ליד צוליב דינסט איז גאָר קיין סתירה ניט. די עקשנות איז צום שאָדן. דער שטאַרקסטער איינגעבוירענער טאַלאַנט בויטיקט זיך אין פליגלען, אום צו קענען זיך טראָגן אויף שטורעם־ווינטן צו זיין פולן פאַרנעם. מען דאַרף האָבן צוטרוי צו דער שעפערישער קונסט. שעפערישקייט וועט זיך שוין אַן עצה געבן. זי וועט שאַפן דעם סינטעז צווישן דער „צוועקלאָזער" שיינקייט און דינסט־באַצוועקטקייט. אַ ראיה — לייוויק.

IV

די צוויי בריקן, וואָס די יידישע ליטעראַטור וואַרפט איצט צו דער יידישער רעליגיע

געבלעטערט פאַריקן מאָנטיק, אויגוסט 31טן, צום צענטן יאָרצייט פון משה לייב האַלפּערן, זיינע לעצטע צוויי בענד, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן צוויי יאָר נאָך זיין טויט. איז עס געווען אַ קדיש־זאָגן, ער זאָל זיך באַמיען פאַר אונדז אויף יענער וועלט? ניין! נאָך משה לייבן דאַרף מען קיין יענע־וועלטיקן קדיש ניט זאָגן. איך האָב שוין לאַנג דעם געפיל, וואָס איז איצט, ביים נאָכאַמאָל איבערלייענען, נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן, אַז משה לייב האָט נאָך אַ סך אויפצוטאָן פאַר אונדז אויף דער וועלט; אַז זיין צייט קומט ערשט — און איצט איז זי געקומען.

אין משה לייבן איז דאָ עפּעס גורלדיקס — אין אים איז פאַרקערפּערט דער גורל פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און אפשר פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. ער מיט זיין עליה און פריצייטיקער ירידה אין קבר אַריין — איז אַ סימבאָל. אָבער אין אים איז אויך פאַרזייט די האָפענונג אויף אַ נייער עליה. און אָפּפרישנדיק משה לייבן און זיין ווערק, פרישן מיר אָפּ די האָפענונג פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. גראָד איצט איז עס אַזוי נויטיק, ווען דער געמיט פון די שריפטשטעלער איז אַ געפאַלענער, זיי האַלטן זיך פאַר פאַרמשפּטע, און צוזאַמען מיט זיך — פאַרמשפּטן זיי שוין זייער ווערק אויך. „מיר שליסן אָפּ אַן עפּאָכע, אַזוי ווי עס איז איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ גאָלדענע עפּאָכע פון שפּאַניע" — הער איך פון זיי רייד.

נאָך ערגער איז מיט דעם גאַנצן דור, וואָס איז אויפגעקומען מיט דער עליה פון דער יידישער ליטעראַטור — אָט־די „וועלטלעכע", וואָס די יידישע ליטעראַטור איז פיר צענדליק יאָר געווען זייער „במקום־רעליגיע". זיי האַלטן זיך איצט אינגאַנצן פאַר איבעריקע, פאַר אומזיסטיקע. זיי פילן זיך ווי אָפּגענאַרט פון אויבן ביז אַראָפּ. און ווער פון די קרייזן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געפילט קיין טעם אין דער יידישער ליטעראַטור, באַפאַלט זיי נישט? און די באַפאַלענע זיינען אין דער שטיל מסכים. באַלד וועט מען

זיי אינגאַנצן אויסשליסן פון יידישן פאָלק. אָבער ניין! די איבעריקע וועלן ווערן די נויטיקסטע, און די פאַרמשפּטע וועלן ווערן די אויסגעלייזטע. זיי — די ערשטע. די אויסגעלייזטע און די אויסלייזער. און משה לייב האַל־פּערן באַנייט און שטאַרקט אין מיר די זיכערקייט אַזוינס צו דערקלערן, פון אים איז קלאָר אַרויסצוזען, אַז די יידישע ליטעראַטור איז געווען ניט נאָר „במקום־רעליגיע”, נאָר בפירוש רעליגיע, בפירוש אַ פאַרזעצונג פון דער יידישער רעליגיע. דער קינסטלערישער אַקט בכלל איז אַ רעליגיעזער אַקט. ביידע נעמען זיך אַרויס פון איין קוואַל, ביידע שאַפן דעם מענטשן, שאַפן די וועלט פון אינעווייניק אַרויס. ביידע טוען דאָס דעם באַשעפערס אַרבעט — מעשה בראשית—על פי רוח הקודש, וואָס איז אין יעדן מענטשן איינגעבוירן. וואָס מענטש־שעפעריש, וועלט־שעפעריש — איז רעליגיע. די יידישע ליטעראַטור האָט געעפנט אַ קאַנאַל פאַר אַ נייער רעליגיעזער יידישער שעפערישקייט. איז עס געווען אַ מתנה אַ ברכה צו מאַכן אויף איר — ניט אין אָפּגעצאַמטקייט פון דער וועלט, אין וועלכער מען איז גרייט געווען אָפּצוליגן אין וויטיקן נאָך אַ טויזנט יאָר, נאָר אַ שעפערישקייט אַרומצונעמען און איינצונעמען די וועלט. זי האָט אונדז באַוואָפנט מיט דער היינטיקער וועלטס ווירקזאַמסטן גייסטיקן מיטל, כדי מיר זאָלן זיך קאָנען מיט איר פאַרמעסטן. אַ שעפערישקייט ניט אין געבונדנקייט, נאָר אין פריי־קייט, וואָס שטרעקט דעם מענטשן אין דער הויך. איז עס געווען אַזאַ באַ־פרייענדיקער אויפטו, פאַר וועלכן מיר האָבן ניט גענוג געדאַנקט און דאַרפן עד־היום דאַנקען.

און די יידישע ליטעראַטור האָט געקאָנט נאָך מער דערנענטערט ווערן צו דער יידישער רעליגיע — ניט אין געבונדנקייט, נאָר אין פרייקייט. פון משה לייב האַלפּערן נעם איך עס אַרויס. פאַראַן ביי אים צוויי טענדענצן, וואָס וואַרפן בריקן צו אַט־דער ניט־געבונדענער, פרייער ייד־מענטש־רע־ליגיע. די צוויי טענדענצן האָבן זיך געצייטיקט אין אים נאָך אין זיין יוגנט־פּעריאָד — סיי ווען ער האָט אינאיינעם מיט די „יונגע” געהאַלטן, אַז אַ ליד איז אַ סאַזשעלקע פון לירישן טרויער אַרומגעצאַמט מיט פאַרביקע שטאַכעטן — „די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג” — און סיי ווען אין אָפּטריניקייט פון די „יונגע” פלעגט ער אַוועקשטעלן אַ פּלאַטפאָרמע אינמיטן מאַרק און אַליין זיך אַוועקשטעלן אויף דער פּלאַטפאָרמע — מעשה קונצנמאַכער — „דער גאַסנפּויקער” — צו חוזקן און צו וואַרפן שפּיציקע שטיינדלעך אין עולם, וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן זיך צו אַמוזירן. אין די לעצטע צוויי בענד, דווקא דערפאַר אפשר, וואָס ער האָט ניט באַוויזן זיי צו

אָרגאַניזירן, טרעטן די צוויי טענדענצן צום בולטסטן אַרויס — פריי, אָן אַרומצאַמענדיקע שטאַכעטן און דרויסנדיקע פלאַטפאָרמעס.

די ערשטע טענדענץ וואָלט איך אָנגערופן „די טענדענץ פון פאַפיר אַראָפ". לידער דאַרפן ניט געשריבן ווערן צו בלייבן אויפן פאַפיר — פאַרפומירט פאַפיר פאַר פיינשמעקער. נאָר לידער דאַרפן גערעדט ווערן, ווי מען רעדט צו אַ מענטשן, פנים־אל־פנים. ווי מען גיט שוואַרצברויט אַ הונגעריקן צום עסן, און ער איז זיך מחיה. פראָסטע רייד, וואָכעדיקע רייד זיינען ניט פיל ווערט, ווען זיי זיינען טויזנט מאָל גערעדטע, געהערטע, איבערגעקייטע רייד, וואָס ברענגען קיין נייע איבערלעבונג ניט מיט זיך. ליד ערשט ווערן זיי, ווען זיי טראָגן מיט זיך קאָנצענטרירטן עסענץ פון פרישער איבערלעבונג די נשמה צו זעטיקן. איך וועל אָן ציטאַטן זיך ניט באַגיין. אין ליד „סאַלוט", צוקוקנדיק זיך אין דער פאַנטאַזיע צו דער לינטשינג פון אַ יונגן נעגערל, ווענדט ער זיך צו זיך אַליין, הלמאַי ער שטייט און קוקט און שרייט ניט אויף:

„און איך זאָג דיר — ס'איז ניט דער קרעכץ פון צווייג,
ניט דער שטריק, מיטן גאַנצן קלאַפערנעצייג,
ניט דאָס פערדל אין ווינטנעטרייב,
וואָס האָט פאַרזאַמט זיך צוקלעפן צום לייב,
נאָר דו — דאָס טרויער־געשטאַנק פון דער וועלט,
וואָס האָט זיך פון ווייטן אַנידערגעשטעלט,
מיט די הענט, דורך די קעשענעס, ביים דיך,
פאַרטראַכטן אַ ליד פאַר דער וועלט און פאַר זיך".

ער איז ניט ווייניקער לינטשער ווי דער המון. אין פראָסטע, וואָכעדיקע רייד איז עס פאַרדאַמונג פון דער פאַפירענער קונסט, וואָס מאָלט סאַזשעלקעס פון טרויער, כדי ערגעץ־וואו אַ פריץ — אַ לינטשער — זאָל קאָנען מיטטרויערן, אָן שום האַרץ־קרענקונג און ניט איינשמירנדיק די הענט אין סמאָלע דעם קרבן צו פאַרברענען. דאָס איז פריצישע קונסט. דער רוסישער פריץ, אַליין אַ פאַרגוואַלטיקער, האָט מיט הנאה געלייענט טאָלסטאָיס „וואָסקרעסעניע", כדי צו פאַרזוכן דעם טעם פון געוויסן, אָן שום שאָדן פאַר זיך. ער וועט זיך ווייטער טאָן זיינס. די קונסט האָט געדאַרפט צוגעבן עולם־הבא צום פריצס עולם־הזה. די קונסט־טעאָריע האָט די פריצישקייט פאַראיידלט. די קונסט דאַרף זיך אָפגעבן מיט דעם „אייביק מענטשלעכן", וואָס איז דאָ אַפילו אין פריץ. און מיר, וואָס זיינען גאָר קיין

פריצים ניט, האָבן אויס דרך־ארץ פאַר די אומות־העולם, די טעאָריע אי־בערגענומען — אין פולער סתירה צו דער גרונט־טענדענץ פון דער אידי־שער ליטעראַטור, וועלכע האָט פון אָנהויב אָן זיך געריסן פון פאַפיר אַראָפּ צו דירעקטן מענטשן־דינסט — אַ ירושה פון דער יידישער רעליגיעזער קונסט. וואָרים קונסט איז אַלץ, וואָס טוט מענטש־באַשאַפונג, צי זי טוט עס פון אינעווייניק — דורך ליד, דורך אַ קאַפּיטל תהילים, אָדער דורך פאָרשפּילן זעאונג פאַר די אויגן. די יידישע ליטעראַטור איז דערצו גע־גאַנגען. נאָר די טעאָריע האָט פאַרשטעלט און געשטערט.

און גוט האָבן געטאָן די „יונגע", וועלכע האָבן אַראָפּגעהויבן די יידי־שע פּאָעזיע פון אירע געבאָרגטע שטאָלצן, און האָבן גענומען ריידן פּראָסטע, וואָכעדיקע רייד. אָבער ביז צום „פּאַפּיר אַראָפּ" זיינען זיי ניט דערגאַנגען.

משה לייב איז דערגאַנגען. איך זאָג ניט — ער אַליין. נאָר ביי אים דערלאַנגט עס זיך אויבנאויף. וואָס ער האָט געשריבן, וואָלט ער געקאָנט ריידן צו מענטשן אין גאַס, אָן פּאַפּירענע מחיצות. אָט רעדט ער צו זיי וועגן „פּרויען":

„זיי מעגן טיף־געבויגענע אויף א בית־עולם שטיין,
צי ערגעץ אין א דארף, פון הינטער א היי־וואגן — לאנגזאם גיין,
צי וואשן טעלער ערגעץ אין א רעסטאראן אין סיך,
צי איבער העמדער אלטע ביים פאריכטן בויגן זיך —
פאראנען ווארעמקייט אין זייער יעדן ריר:
אפילו פאר דעם נאר, ביים שליסל־לאך פון טיר".

איך ווייס ניט, צי אַ פּאַרצייטיקער נביא וואָלט היינט אַזוי גערעדט וועגן פרויען — און אפשר יאָ; אָבער וועגן אחרית־הימים וואָלט ער זיכער אַזוי גערעדט. אין ליד „די פייערמענטשעלעך":

„. . . ווען דער בעטלער אין בלוטיקן קלייד
האט אנגעקלאפט מיט דער שקלאפן־קייט,
וואס ער האט געשלעפט אויף אלע פיר —
האט זיך אויפגעעפנט די טיר.

אבער נישט מ'האט געזען א געחלומט ליכט,
ווי מען זעט אין שלאף אמאל אומגעריכט,
נאר פון בעטלערס טארבע ארויס — זיין ברויט
האט געלויכטן, אזוי ווי א מארגנזון רויט.

און הינטער אים — אַ זויג־קינד, פּאַראויס
איז געגאַנגען די ליבע, ליכטיק און גרויס . . . "

משה לייבס צווייטע טענדענץ, וואָס וואַרפט נאָך אַ שטאַרקערע בריק צו דער יידישער רעליגיעזער קונסט, איז די שפע פון זיך פּרוכפּערנדיקער געשטאַלטיקייט. מיט אַ פּראָסטן ברויט אין האַנט, וואָס ער טראָגט צו זיין הויז־געזינט, טרעטנדיק אין שניי, אין זאַמד, טרעט ער אין פאַנטאַזיע. פון זיינע שפּיץ־פינגער שנעלן זיך בילדער אַוועק. ווי אַ פילם־שטראָם. ער הויבט די אויגן אויף, און זעאונגען שפּרינגען אים אַנטקעגן. ווי ביי אַ אינדישן מאַגיקער אויף אַן אומגעזעענעם שטריק נעמען קלעטערן גע־שטאַלט אויף געשטאַלט. ער קען גאָר אַנדערש ניט, ווי ריידן אין בילדער, זעאונגען און געשטאַלטן — אונטער צוואַנג. דאָס איז מער ווי טאַלאַנט. אונטער גינסטיקע באַדינגונגען איז עס אַ פאַרבאַדינג צו געניאַליטעט. און געשטאַלטונג — דאָס איז דאָך דער גרונט־געזעץ פון מענטש־באַשאַף. ווי אין פּסוק שטייט. די גאַנצע נפקא מינה צווישן רעליגיעזער קונסט און פאַ־פּירענער קונסט איז אין דעם, וואָס די רעליגיעזע קונסט — ניט נאָר, וואָס זי איז דירעקט געווענדט צום לעבעדיקן מענטשן, נאָר זי ווערט אויך פּראַק־טיצירט אויף לעבעדיקע מענטשן. דער נביא האָט געוואָרפן זיינע זעאונ־גען אין די פּנימער פון זיינע צוהערער. ביי משה לייבן האָט די נפקה מינה זיך אָפּגעווישט. ער פּראַקטיצירט זיין געשטאַלטונגס־קונסט פריער פון אַלץ אויף זיינע נאָענטסטע — אויף זיין בן־יחיד אייזיק און פרוי רייזל. אגב, אין אַט־דער סעריע לידער צו זיין זון און פרוי זעט מען ערשט וויפיל מילדקייט און גוטסקייט דער בייזער משה לייב האָט פאַרמאָגט. אין זיינע שווערע יוגנט־יאָרן, ווען זיין האַרץ האָט קיין אויסוועג ניט געהאַט, האָט זיין שעמעוודיקייט, ווי עס פּאַסירט געוויינלעך, זיך מאַסקירט אין חוצפה, זיין רחמנות — אין אכזריות.

ער קען ריידן געשטאַלט־שפּראַך צו אַ 5־יעריקן יינגעלע:

„צו די רויטע יידעלעך, יינגעלע, רייט מען
אויף דעם פערדל דאַ, וואָס איך האָב געבראַכט.
מ'קאָן אויך רייטן אהין ביינאַכט.
נאָר ביינאַכט זיינען דאָרטן די טויערן פאַרמאַכט.
איז בעסער מ'רייט אין מאָרגנשיין,
ווען מען וויל צו זיי אין לאַנד אריין".

ווען אַ שלעכט יינגעלע — שמייסט מען אים אָפּ און מען פּאַטשט אים אויס, און מען טרייבט אים מיט אַ בעזים אַרויס.

ב. ריווקין

„ווען אבער א יינגעלע, א גוטער,
קומט צו זיי אין לאנד אריין אז,
שפאנט מען איין א רויטן האן
אין א קאלאש מיט א גאלדענעם טראן,
און מען פירט אים אזוי אין מארגנשיין
גלייך צו דער סעודה אין פאלאץ אריין".

אין מויל פון זיין פרוי לייגט ער אריין דאס ליד „איר מאן דער קאפעל־מאסטער מאכט פראבע פאר זיך אליין". א שוישפיל, וואו ער כאראקטע־ריזירט זיך אלס „בעל־פרנסה" — א גראטעסק, געפעפערט מיט ביטערן ערנסט. „ברויט און שוישפיל" — שוישפיל פארוואנדלט דאס שטיקל ברויט אין א יום־טובדיקער סעודה; דאס קליינע חדרל — אין א פאלאץ. דער אמאליקער „קונצנמאכער" האט זיך באפרייט פון אלע קונצן. ער איז גע־ווארן א שוישפילער, א געשטאלט־שפילער. ער דארף מער קיין פלאטפאר־מעס ניט. ער קאן דערלאנגען פון זיך געשטאלט נאך געשטאלט.

וואוהין האט געצילט זיין געשטאלט־שפיל? ווען מען לייענט זיך אריין אין זיינע לאנגע, ניט־ארגאניזירטע, ניט־פארענדיקטע פאעמעס: „דאס האב איך גערעדט צו מיין איינציקן זון און מער צו קיינעם ניט", „אויפן וואקזאל ביים שערער", „לאס־אנדזשעלעס", „א מעשה", „די באנקעט־רע־דע" — איז עס תוהו־ובוהו פאר נייעם וועלט־באשאף, דער פראצעס פון מענטש־שאפונג און גאט־אנטפלעקונג, ווי אין פסוק שטייט: פון מענטש־באשאף קומט מען צום באשעפער. גאט־זוכעניש אין סתירות און אויף־צו־להכעיס זיך אליין. דער עיקר — דער געיעג נאך דער גרויסער געשטאלט, וואס זאל אונדז אריבערהויבן איבערן תהום. די לופט פון אחרית־הימים איז שוין דא. גוטסקייט און מילדקייט אן א ברעג. עס איז א גרויסער רחמנות אויפן מענטשן.

יא, עס איז ניט ארגאניזירט. ניט זיין שולד. עס האט געפעלט דער ארגאניזירנדיקער כוח, וואס זאל שאפן די אטמאספערע פאר אזא משה לייבן צו אטעמען, וואס זאל אים געבן די גייסטיקע טעריטאריע, אויף וועלכער זיך צו האלטן. ניט נאר משה לייבן, נאר אט־דער ארגאניזירטער כוח האט געפעלט דער גאנצער יידישער ליטעראטור, וועלכע האט זיך דווקא געריסן — פון מענדעלען אן — דורך שלום־עליכמען, פרצן, ביז צו אונדזערע „יונגע" און יינגערע — מנחמן, משה נאדירן, גראסן — צו דערפילן די קונסט־ראלע, וואס די יידישע רעליגיע האט איר אויפגעגעבן: ארויסצו־ברענגען קינסטלעריש די געשטאלט פון א גרויסן געשטאלט־געבער, אן

וועלכן די וועלט וועט זיך ניט באַגיין אין איר בראָך. איז וואָס טוט מען ? וואָס די ליטעראַטור האָט נישט געטאָן, זאָל דערטאָן דער טעאַטער.

מיר האָבן אַן אָנוויז דערויף ביי משה לייבן. זיין יעדע פּאָעמע איז דאָך אַן אינסצענירונג און וואָלט זיך געלאָזט לייכט אינסצענירן אויף דער בינע. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אין דער „נאַכט" אינסצע־נירט דאָס „מענטשעלע" — אַ קאַרליקל־דערלייזער — צו טרייבן טראַגישע ליצנות איבערן יידן. אונטער דעם איצטיקן מוראדיקן מלחמה־דרוק וואָלט ער אפשר אינסצענירט אַ פולע דערלייזערישע ייד־געשטאַלט. וואָס איז געבליבן ביי אים ניט אָרגאַניזירט, וואָלט פון זיך אַליין אָרגאַניזירט גע־וואָרן. דאַרפן אַלע יידישע שריפטשטעלער צוזאַמען, אונטער דעם גזר־דין, אונטער דעם טויט־אורטייל, ניט פאַרלאָזנדיק זיך אויף די טעאַטער־אונ־טערנעמער אָדער די „געזעלשאַפטלעכע כוחות", נעמען אויף זיך אַוועקצו־שטעלן אַן אינסצענירונג טעאַטער, וואָס זאָל אָנגעצילעוועט זיין צו גרויסע באַציאָנאַלע און סאָציאַלע דערלייזערישע אַקציעס.

V

„אינזיכיסטן"

„ביז גרייכן וועט די לעצטע האנט, די קאלטע,
קאן יידיש אויפרייסן דעם אוניווערס".

(א. גלאנץ-לעיעלעס)

אַט-דער גלויבן אין נס האָט ניט נאָר געפירט מיט דער פען פון די „יונגע", ווען זיי האָבן זיך גענומען עלטערן, נאָר אויך מיט דער פען פון די וועלכע וואָלטן אַליין געוועזן צווישן די איניציאַטאָרס, ווען זיי קומען ניט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, און די פּיאָנערן-ראָלע איז ביי זיי אויסגעכאַפּט געוואָרן! נפתלי גראָס, וועלכער האָט זיין אייגנס דעם פאַרמעגן פון די יונגע, מיט אַן אייגענעם צוגאָב — אַ געלאַסענעם מאָלערישן פּערז. אָנגעהויבן האָט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן („פּסאַלמען"), בעת זיין טאַלאַנט איז אין דער מאָלערישער קראַפט פון זיינע אויגן. דערגרייכט האָט ער דורך פּאָרטרעטן-מאָלעריי דורך די געשטאַלטן פון זיינע שטעטלשע יידן — צוריק אויפצושטעלן פאַר זיך די אמונה פון די אָבות.

ברוך גלאַזמאַן, וואָס ווען ניט דער פּאָעטישער ווינט, וואָס פייפט פון אונטער זיין פען, וואָלט מען אים געקאָנט באַשולדיקן, אַז זיין גרעסטע הנאה איז צו זיין דער באַשולדיקער פון זיינע העלדן. ער גראָבט זיך אַזוי לאַנג אין זיי, ביז ער געפינט אויס זייער שולדיקייט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע צו „דעקן" דעם מיטל-מערב און דעם דרום פון די שטאַטן, און גאָר דער ערשטער צו אַנטדעקן, אַז יידיש וואָרצלט זיך דאָ אויס פון די מיילער, וואָס דאָס האָט אים געטריבן צו ווערן אַ וועלט-רייזנדער, אַ וועלט-אַדרעס נעמער, כדי אויסצוזוכן יידישערע לענדער, האָט ער זיך איינגעהיימישט אין פּאַריז, און אין פּוילן און סאָוועט-רוסלאַנד און זיי געגעבן אין נאָוועלן און ראָמאַנען — זיין צוויי-בענדיקער ראָמאַן „לענדער און לעבנס" איז אַמעריקאַניש-סאָוועטיש. אַנטקעגן דעם צעוועמטן אַמעריקאַנער דעלעגאַט שטייען אויפגעהייבענע די געזונטע צדיקים פון אַ ווייס-רוסישן קאָלכאָז, די פאַרלויפער פון די פּאַרטיזאַנען נאָך דער היטלער-אינוואַזיע. אַפילו אַ צדיק פון „עין-יעקב" — אַן אָנזאָג, אַז גאָט וועט זיך באַווייזן אַפילו אין סאָוועט-רוסלאַנד.

אַ בולטער באַווייז, אַז די ליטעראַטור דאָ האָט זיך באַוועגט דורך דעם שעפערישן דראַנג פון די שריפטשטעלער, דורך זייער פאַרגעפיל פון די קומענדיקע גרויזאַמע געשעענישן, און די דירעקטע שטויסן פון לייענער־עולם, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערוויטערט פון דער ליטעראַטור — זיינען די „אינזיכיסטן", וועלכע זיינען אויפגעקומען ווי די קעמפערישע אָפּאָזיציע, וואָס ברעכט די טראַדיציע. זיי האָבן די אַנטדעקונג פון די „יונגע", אַז דער שריפטשטעלער, בפרט דער פּאָעט, דאַרף שעפּן פון דער אייגענער אונטערבאַוואוסטזיניקער טיף די חלומות און אַנצוהערענישן, וואָס דרעמלען דאָרט, און מיט דעם אינסטרומענט פון וואָרט אַרויסברענגען זיי אויף דער ליכטיקער שיין, פאַרגרעסערט און איינגעפּאַסטע אין שיינקייט־געשטעלן אויף דעם הויער — האָבן די „אינזיכיסטן" אָט־די אַנטדעקונג אויסגעברייטערט, איינצושליסן ניט בלויז די ביינאַכטיקע אונטערבאַוואוסטזיניקע דרעמלענישן, נאָר אויך דעם גאַנצן קאַליידאָסקאָפּ פון שכלדיקע אידייען און אינטערעסן, וואָס לויפט דורך דעם שריפטשטעלערס בייטאָגיקן באַוואוסטזיין. דאָס אַלץ איז מותר פאַר דער פּאָעזיע. זיי זיינען לכתחילה געווען זשורנאַליסטן, פּובליציסטן, א. גלאַנץ־לעיעלעס, דער ערשטער איניציאַטאָר, יעקב גלאַטשטיין, דער צווייטער איניציאַטאָר, און ב. מינקאָוו, דער דריטער איניציאַטאָר — פּאַקטיש, קינפטיקע זשורנאַליסטן, פּובליציסטן און קריטיקער — אין אַפּלייקענונג פון ראובן אייזלאַנדס טעאָריע, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרמשפּט, אַז וויבאַלד מען ווערט אַ זשורנאַליסט, דאַרף מען אויפהערן צו זיין אַ פּאָעט . . .

אַז וואַכע באַוואוסטזיניקייט, שכלדיקייט, אינטעלעקטואַליזם, וואָס מען רופט, זאָל קאָנען זיין אַ קוואַל און אַ מאַטעריאַל פון און פאַר פּאָעזיע — דאָס איז געווען אַ חידוש, וואָס האָט געבראָכן יעדע טראַדיציע, ספּעציעל אַ חידוש פאַר די קריטיקער, די געשוואָרענע אַפּהיטער פון טראַדיציע, און עס וואָלט געבליבן אַ חידוש עד־היום, ווען זיי זאָלן ניט באַשטעטיקן ניט פּאַקטיש, אַז דער קוואַל און דער מאַטעריאַל דערלאַנגען פּאָעזיע. און ווען איך באַפריי זיך פון מיין קריטיקערס פּאַראורטייל, מוז איך צוגעבן, אַז דאָס איז געווען אַן אויפטו — סיי פון שטאַנדפּונקט פון לייענער און סיי פון שטאַנדפּונקט פון ליטעראַטור. פאַרן לייענער דאַרף עס זיין, גוט צו וויסן, אַז אַן אַנצוהערעניש אויף רוח־הקודש איז דאָ אין יעדן פון אונדז, ביי וועמען מער און ביי וועמען ווייניקער, און אַז דורך מי און פלייס און דיסציפּלין, און גרייטקייט צו קרבן־ברענגונג, קאָן דאָס אַנצוהערעניש פאַרמערט ווערן ביז פּאָעטישן רוח־הקודש:

„און איז דעם רויש פון דעם רויש,

און איבער אים,
האב איך געהערט דאס ווארט.
און דאס, וואס האט גלוסטיק געוואכט טיף אין מיינע בלוטן,
און דאס, וואס האט דורות־לאנג געשמאכט און געמאנט,
איז פריידיק אנטקעגנגעשפרונגען דעם ווארט,
און אויפגעגאנגען איז הארץ מיט לויטער ליכט.
און פאר מיינע אויגן האט זיך צעשפרייט
א ברייטער וועג,
און איך בין אויף אים געשטאנען נישט א טאג, נאר טעג,
און איך האב נישט געזען קיין סקווער,
און מיין געהער האט נישט פארנומען מער קיין רויש,
דאס אויפגעגאנגענע ליכט איז מיר האט בלויז געבליצט,
און געשפריצט פונקען העלקייט
אויף דעם וועג פון לויטער גאלד".

א. גלאנץ־לעיעלעס „גאולה", ז. 90.

שטיין אויף א רוישיקן סקווער פון דער רוישיקער מעטראפאליע, און דערזען א געטויטן ייִדן. דאס איז פאעטישע זעאונג. ניט נאר געזען מיטן אויג, דערשפירט מיט די חושים. דאס איז קאנקרעטער לעבנס־דינסט. האט ער ניט פארפעלט צו מאכן זיין בייטראג צו דער יידישער פאעזיע אין אמעריקע.

ווי אזוי־זשע האבן זיי שכלדיקייט אריבערגעפירט אין פאעזיע? זיי האבן געניצט אימאזשן — ווארט־בילדער, וואס קאמבינירן שכלדיקע באַגריפן. ביי א. גלאנץ־לעיעלעס: — „גרויסער שלאנגקאפ פון מיין לאנגוויל, לאמיר זיך איינבייסן אין דיר, לאמיר אריינלאזן מיינע ציין אין דער ווייכקייט פון דיין האלדז". ביי יעקב גלאטשטיין: — „שטעלט זיך א דיקער זייל שטאק־פינצטערניש פאר מיינע אויגן. נעם איך מיין לאנגן מעסער און שנייד די פינצטערניש אויף שטיקער". דערפאר האבן די „אינזיכיסטן" זיך אויך גערופן „אימאזשיניסטן". דערנאך האבן זייערע מעטאדן זיך צעשיידט: לעיעלעס האט דעם לייזן אימפעט פון זיין געדאנקענשטראם אונטערגעווארפן דער דיסציפלין פון די עלטסטע שטרענגסטע לידפארמען — פון ראנדאס, טריאלעטן, טערצינען, ווילאנעלן — כדי ארויסצופרעסן דעם ריח און טעם פון געפילס־זאפט, וואס שפייזט פון געהיימען אונטערגרונט דעם אפענעם געדאנקען־לויף. אזא געצאמטקייט פון צימצום גיט אפ מיט קילקייט פאר דעם אומגעניטן לייענער, וועלכער קומט ניט

אַנטקעגן דעם פּאָעט מיט וואַרעמען צוטרויען אָבער עס איז געווען צו מער־קן, אַז וואו דעם פּאָעט פלעגט ווי טאָן פלעגן זיך אַרויסגעבן גאַנצע טראַפּנס פון דעם הייסן געהיימעניש אין אים: — „כ׳וואָלט באַדאַרפט אַ שפּרוך, אַ בישט געבעטעניש, אָן שום ענלעכקייט צו רייד גערעדט, אָן אַ קלאַנג, אַז אויך דו זאָלסט דערפילן ס׳גאַנצע רעטעניש פון מיין לעבן״ — אַמאָליקע צייטן פלעגט אים צום שטאַרקסטן ווי טאָן דער גערשנגל מיט דער ניט־אָנערקענונג פון די פאַרחידשוטע קריטיקער: — „די קעלט פון שפּאָט קען ציבדן הייסטן פלאַם״. — אַזוי אַז איך האָב אין דער שטיל עס באַטראַכט פאַר אַ מצוה אים ווי צו טאָן, עס ווערט גוט טאָן זיין ליד. אָבער גלאַנץ־לעיעלעס איז ניט דער מענטש פערזענלעכער פאַראיבל זאָל ביי אים אַרי־בערוועגן דעם כלל־ווי. האָט ער דאָך אָנגעהייבן מיט אַ „מעשה פון הונ־דערט״ — אָן איכה־וויזיע אויף די הונדערטער פּראָסקוראָוווס, וואו גאָט אַליין שטעלט זיך צום משפּט און פאַלט כורעים פאַר דעם הונדערט איבער־געבליבענע יידן. איצט דיסציפּלינירט זיך לעיעלעס פאַר אָן איכה־וויזיע, מיט אַ טויזנט־פאַכער קללה, וואָס זאָל אָנקומען אויף היטלערן . . .

יעקב גלאַטשטיין האָט געהאַט אַ לייכטערן וועג. זיין שכלדיקייט, אַ לייכטע־פאַנטאַזירנדיקע, האָט געשפּונען פעדים און געוועבט געוועבן פון די הויכן פון ווערטער. און די ווערטער געשפּליטערט אין אותיות און זיי קאָמבינירט אין נייע „יידיש־טייטשן״, און פון שפּליטערונג אַרויסבאַ־קומען פונקען, פון וועלכע אויפצושטעלן גראָטעסקע פּאַלאַצן, וואָס גלאַט־שטיין האָט פאַר אַ צייט־פאַרטרייב אָפט גענוצט צו פאַרמאַסקירן די אומ־אַנשטענדיקסטע זאַכן אין מעשהלעך, וואָס מען קאָן דערציילן קינדער. דורך אָט־דער יאָרנלאַנגער איבונג אויף וואָרט־דערפינדערישקייט האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט די פאָלגנדיקסטע יידישע שפּראַך. אַז ער וויל, לייגט זי זיך ביי אים אויס אָט אין פעליעטאָן און אָט אין אַ דערציילונג. און אָט וויקלט זי זיך מעשה־קנויטל אַרום אַ פאַרשוין און ציט איינס צווי פון אים אַרויס אי כאַראַקטער, אי לעבנס־געשיכטע. „ווען יאַש איז געפאָרן״ און „ווען יאַש איז געקומען״ — קיין לובלין.

איצט, אין טרויער אויף דעם אומגליק, וואָס איז באַפאַלן זיין געבורטס־שטאָט לובלין, האָט ער פון זיין יידיש אויסגעשמידט דעם גראָטעסק: — „ס׳פרעסט מיך אויף אַ פאַרדראָס, ווייל כ׳האָב געגלויבט אין שטומען אות. כ׳האָב מצרף געווען וואָרט מיט קלאַנג, און געמיינט, ס׳איז געזאַנג״ — און ער נוצט די סאַטירע אויף דעם אויבערשטנס סדר־העולם, וואָס האָט באַ־פעלן אַז אַזוינס זאָל טרעפן צו זיין לובלין, דערציילנדיק אַ פאַרפייניקטן

לובלינער ייִנגעלע אַ מעשה, אַז —

„די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן".

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן פון אַ קורצן איבערבליק, וועל איך שוין מוזן אויסלאָזן נ. ב. מינקאָוו און אַלקוויטן, און די שפּעטער צוגעשטאַנענע, די פאַרשטאָרבענע ראובן לודוויגן און בערנאַרד לואיסן, און זיי צו לענגערע יאָר, יעקב סטאָדאָלסקין און אפּראַנאַלן. איך האָב שוין סיי־ווי איבערגעכאַפּט די מאָס, ווייל אויסן בין איך דאָ בלויז צו געבן די טענדענצן, זייענען צוויי גענוג. דערפאַר וועל איך צו די צוויי צוגעבן אַ דריטן „קונסט־געניאַסע", וועלכער וועט זיין פאַר זיי אומגעריכט:—משה נאַדירן. וואָס די ערב־קאַטאַסטראָפע יאָרן האָבן געטאָן צו די „אינזיכיסטן", האָבן זיי געטאָן אויך צו אים.

געשטאַמט האָט ער פון זעלביקן מקום, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי־פיל שוישפּילער און שוישפּילער־פּאָעטן, דעם שטאַרקסטן פון זיי משה לייבן. משה נאַדיר איז געווען זיין גלייכן. אַ שוישפּילער פון זיין אייגענער ראָלע איז ער געווען, וואָס ער האָט זי געשפּילט לויט פאַרשיידענע זיך־ענדערנדיקע טעקסטן, אָבער אַלץ משה נאַדירן. און ווער קאָן לייקענען, אַז ער איז געווען אַן „אימאַזשעניסט" — אַ מכשף אויף בילדלעכע וואָרט־קאָמבינאַציעס. ער איז עס געווען נאָך פאַר די „אינזיכיסטן". און אַ בעל־שכל, אַן אינטעלעקטואַל איז ער אַוודאי געווען — זיין הויפּט־געווער, זיין סאַטירע־פּאַמפּלעט, האָט ער דאָך געצילט אין אידייען־קעגנער. און אַ גע־באָרענער פּאָעט איז ער געווען. דאָס איז געווען צו דערקענען, ווען נאָר ער פלעגט זיך צורירן צו זיין געבורטסשטאָט נאַראַיעוו — יעמאָלט פלעגט ער אויפגעצייטערט ווערן מיט דעם אויפריכטיקסטן לירישן טרויער. און אַלע זיינע פרייליכקייטן פלעגן אָפּשלאָגן אין אים מיט טרויער.

נאָר עס האָט פּאַסירט: — אין זיינע פורעמדיקע יוגנט־יאָרן, האָט ער זיך געהאַט ספּעציאַליזירט אויף קונסט־שטיפעריי, און שפּעטער, צוליב זיינע נאָכאַנאַנדיקע איבונגען אויף זיך־בייטנדיקע שפּיל־טעקסטן, האָט די וואָרט־כלי זיך אַרויסגעשיילט פון איר אינהאַלט און איז געוואָרן זעלבסט־שטענדיקע שאַפונג, און ווען עס פלעגט קומען צום ליד, פלעגט די געניאַלע וואָרט־שעפערישקייט אויסכאַפּן זיין פּאָעטישע שעפערישקייט. וואָס דאָס פלעגט מאַנכסמאָל געבן דעם איינדרוק, אַז דער איך־אינהאַלט שאָקלט זיך לייז אַרום אין דער כלי, סיידן זייער טרויער איז געווען שטאַרקער פון דער כלי. די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט צעשמעטערט פּוילן, גאַליציע, מיט

זיין נאַראַיעוו אינאייבעם, האָט צעבראָכן זיין לעצטן שפּיל־טעקסט. האָט ער אין פּראָזע נאָך געשפּילט אויף די שירײַם פֿון זיין צעבראָכענער כלי, אָבער דורכן ליד האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט זיין גאַנצער לעבנס־טרויער. זיין ליד איז געווען אַ געזעגענונג מיטן לעבן. כל־זמן יידיש וועט לעבן, וועט זי זיך באַרייכערן פֿון משה באַדירס שפּראַך־שאַף, פאַר איינוועגנס שוין אַריינגע־מענדיק אין זיך די פּאָעטישע גאָלדשטיקער, וואָס וועלן אויסהאַלטן די צייט־פּראָבע.

VI

ז. ווײנפּער אין דער יידישער פּאָעזיע)

איך האָב זיך שוין לאַנג צוגעזאָגט אָנצושרייבן וועגן ז. ווײנפּערן אַ מער אויספירלעכן אַרטיקל. עס איז אָפּגערעדט, אַז ער איז אַ פּאָעט.

צוגעטראָגן האָט ז. ווײנפּער צו דער פּאָעזיע זיין לייכטן גראַם און זינ־געוודיקן ריטם, וואָס האָט געהאָלפן באַוועגן דאָס לירישע ליד דאָ אין אַמע־ריקע. פאַרוואָס האָט זיך אים אַזוי לייכט איינגעגעבן דער גראַם און דער ריטם? דאָס איז, ווייל ער קען זיך אָנשפּייזן מיט וועלכן עס איז הויך פאַר ריטם, און דאָס איז די ראַם פאַר פאָרם. אָבער די ראַם איז ביי אים פול מיט רעאַליסטישן שטאָף:

„געקומען איז דער בארוועסער פון טיפער שווארצער נאכט,
און כאטש א בארוועסער, האט ער דאך מיטגעבראכט
א שווער געפעק אויף זיך און אין דער האנט א פאן, —
העי, בארוועסער, — האב איך געפרעגט, — וואס זאגסטו אן?
א שרפה פאר דער וועלט, צי ליכט אויף טאג?
העי, בארוועסער ברודער מיינער, זאג מיר, זאג!"

(„געקליבענע לידער", ז. 5)

אָט האָט איר כישוף פון וואָרט, וואָס כישופט־איבער וואָרט אין טאַט, און דאָס וואָרט וועקט אויף דעם פּאָעטס געוויסן.

ז. ווײנפּער פרעגט זיין באָרוועסן ברודער נאָכאַמאָל:

„איז אויף דיין שווערן וועג דיר דאס געפעק צו שווער?
נעם פאק עם אוים, צעטייל אויף פעקלעד צוויי,
און ביידע וועלן מיר אויף אלע וועגן אונטער זיי
צעשפּאנען זיך מיט אט דער רויטער פאן פאראוים, —
עס בענקט נאך ליכטיקייט דאך יעדן מענטשנס הויז!"

און וואָס זאָגט דער באָרוועסער אָן? ביידע זאַכן, אי די גרויסע שרפה, אי דאָס פייער, וואָס וועט דורכברענען און דורכלויכטן די פינצטערע נאַכט, מיט פאַרניכטנדיקן צאָרן אויסברענען דעם צער און צאָרן פון דער וועלט. און דער אָנקום פון גרויסן טאָג וועט קומען נאָך דער לאַנגער שוואַרצער נאַכט.

און דער דיכטער דערפילט זיך שולדיק פאַר דעם באָרוועסן ברודער

זיינעם. ער פאַרטרויט זיך פאַר דעם באָרוועסן ברודער, אַז ער טראָגט כישוף־פעדים אין זיך, און —

„דער באָרוועסער האָט חוזקדיק געלאַכט —
אַ יידישער פּאָעט, וואָס וויגט מיט חלום איין די נאַכט!"

עס איז קלאָר, אַז ז. ווייַנפּער פירט אַ קאַמף מיט זיך און ער קויפט אויס זיין שולד:

„אַזוי האָב איך צום באָרוועסן גערעדט, גערעדט,
דערציילט אים, אַז איך בין אַ יידישער פּאָעט,
וואָס כישופט פעדים גילדענע אַרויס פון גרויע יאָר,
ווייל חלום מוז דאָך האָבן אונדזער וויסטע וואָר".

ז. ווייַנפּער, דער פּאָעט, ווערט אַ מיטבאַטייליקטער אין זיין ברודערס פייער־רויטן וועג:

„אַזוי האָב איך גערעדט, און ער האָט אַלץ פון מיר געלאַכט,
און לאַכנדיק געזאָגט צו מיר: דו ביסט די וויסטע נאַכט".

ז. ווייַנפּער דערפילט זיך שולדיק קעגן זיין וואָרט. און ער זאָגט:

„אַפּיום איז מיין וואָרט, בלויז אַפּיום און ניט מער".

ער פרעגט: „וואָס מער קאָן איך טאָן?" און באַלד דערשרעקט ער זיך פאַרן געדאַנק און ער שרייט אויס:

„אָ, גורל מיינער! ווי קאָן איך נעמען אַזאַ שווערן יאָך אויף זיך!"

און ער פרעגט זיך אַליין:

„וואָלט איך, דער פּאָעט, געקאָנט פאַרגיסן בלוט?
אַ מענטשלעך לייב איז הייליק".

אָבער עס לאָזט דעם פּאָעט דאָך ניט רוען. ער הערט און הערט דעם באָרוועסן דורך די טעג און די נעכט. זיין קול עסט זיך איין אין דעם דיכ־טערס לייב, ווי אַ רוט.

אָט דאָס הייסט מקיים געווען די מצווה פון אייגענעם געמיט אַרויסצו־באַשאַפן דעם מענטשן! דער דיכטער האָט זיך ניט באַדאַרפט עגבערן אין קאָפּ, אום אַרויסצורופן דעם טרעגער פון ליכט. ער האָט אים געהאַט אין זיך, און ער האָט זיך אַליין אויפסנייַ באַשאַפן. ער גיט זיין באָרוועסן חבר אָפּ זיין געצעלט, זיין ביסן ברויט, זיין מלבוש און זיינע שיך.

און נאָך מער, ער זאָגט צום באָרוועסן: „נעם אויך מיך".

דער גלויבן, אַז עס וועט קומען דער טאָג פון ליכט, גיט ז. ווייַנפּערן

קראַפט און האַפט, ווייל ער זינגט ניט צוליב אויסזינגען אַ לידל. אָפּגעזונ־גען און אָפּגעקומען אַ חוב: הערט, יידן, איך קען זינגען לידער! ביין. ז. וויינפער מיט זיין ליד זאָגט אָן דעם טרעגער פון ליכט. און וואָס זאָגט דער טרעגער אָן?ביידע זאַכן, אי די גרויסע שרפה און אי דאָס פייער, וואָס וועט דורכברענען און דורכלויכטן די פינצטערניש פון דער נאַכט.

איך האַלט, אַז דאָס ליד, וואָס איז גוט פאַר מיר, איז אויך גוט פאַר אַנדערע, און דאָס, וואָס איז מיר נויטיק, איז בכלל נויטיק; און איך שפּרינג דערפון גלייך אַריבער צו אַן אַלגעמיינעם כלל: — דאָס נויטיקסטע ליד היינט־צו־טאָג איז ד אָ ס ליד, וואָס איז זיך אַליין מקיים אין דעם לייע־נער — אין דער רגע בעת ער לייענט עס, און דאָס מקוים־געוואָרענע ליד אין אים בלייבט שוין זיין פּערמאַנענטער געווינס...

דאָס יידישע ליד טאָר ניט זיין סתם ליטעראַטור. עס דאַרף טאָן דינסט. פונקט ווי רעליגיע, שטרענגט זיך עס אָן מיט דער הילף פון קונסט צו זיין אַ דירעקטער אמת־זאָגער און מענטש־באַשאַפער. זיין העכסטע אָנשטרענ־גונג איז איבערצונעמען די פונקציע פון דער יידישער רעליגיע — צוצו־גרייטן דעם יידן צו אַ גרויסער געשטאַלטגעבערישער ראָלע פאַר אַ קינפ־טיקן נצחון! צו אָט דעם ענדציל איז דער יידישער קיום דורך צייטן אָנגע־שטעלט געוואָרן.

עס זיינען אָבער דאָ פיל אַנדערע טערמינען צו באַצייכענען די פאַר־שיידענע מינים פון פּאָעזיע. פאַראַן אויך לידער פאַר געניסער פון שיי־נער ליטעראַטור, וועלכע זיינען ניט אָנגעשטעלט אויף לעבנס־דינסט.

אָט האָט איר אַ סטראָפע פון אַ צווייטן ליד, וואָס איך רוף עס אָן „וואָס איז גוט פאַר מיר, איז אויך גוט פאַר אַנדערע":

„אין שטוב — די פנימער אין לויטערקייט פון שכינה, —
די מאַמע לייענט פרום פאַר זיך די תחינה.
און פּלוצלונג הויבן קלויסטער־גלעקער אַז זיך וויגן —
די קלאַנגען ברייט צעגאַסענע און אַפּטמאָל דינע
צעמישן זיך מיט מאַמעס וויינענדיקן ניגון".

(„דער מאַמעס ניגון", ז. 50)

אַזוי איידל, אַזוי אייגנאַרטיק איבערגעגעבן אַ שטימונג און דעם צוועק פון ליד. און גאָר אַנדערש איז דאָס פון דעם פריערדיק־ציטירטן ליד. אָט דאָס ליד דאַרף ניט קיין דערקלערונג. עס דערקלערט זיך אַליין. פון דער מאַמעס ניגון וויינט אַרויס דער שרעק פון דעם קלויסטער מיט די גלאָקן.

אַזוינע לידער געפינען מיר ביי ז. וויינפּערן אַ סך.

און דער לייענער קומט אַרויס פון לייענען ז. ווײַנפּערס ליד אַ ניי־באַ־שאַפענער. אַלע אַנדערע מינים לידער, וואָס דערפירן ניט צו אָט דעם שע־פערישן רעזולטאַט, זיינען ליטעראַטור, ליטעראַרישע ליטעראַטור.

ביי ז. ווײַנפּערן זיינען אויך דאָ לידער ניט נאָר צוליבן תוך אַליין, נאָר אויך צוליב דער שיינקייט פון בילדער־מאָלעריי:

„פיר אויסגעווייסטע ווענט און אַלץ איז דא צוזאַמען:
דער טיש, דאָס בעט און די קיך, און אין געפאַרבטע ראַמען
פון הייליקע די בילדער זיינען אויף די ווענט צעהאַנגען, —
אַמאָל, אַמאָל איז אויף אַ פעלד אַ הייליקער געגאַנגען,
האָט אים אינמיטן פעלד אַ ווילדער לעמפערט אָנגעטראָפן,
איז דער לעמפערט פאַר זיין הייליקייט איז וואַלד אַנטלאָפן".
(„הייליקע בילדער", ז. 62)

איז וואָס לאָזט אונדז דער דיכטער הערן? ער לאָזט אונדז צו הערן, אַז „יעזוס קוקט אויף אים מיט זיינע טונקעלע און שטילע אויגן".

אַ דאַנק אים! אַ שיין אָפגעמאָלן בילד דורך אַ שטריך מיט אַ פּינזל.

איז דאָס גאָר אַן אַנדער מין פאַרמעסט. כאָטש דאָס איז ליד צוליב ליד, האָט עס אָבער שוואונג און קוראַזש. אָנשטאָט צו וואַרפן דאָס בילד גלייך מיטן פנים אַרויף, ווערט עס סוגעסטירט דורך זייטיקע בליקן און איינבליקן אַזוי, אַז כאָטש דאָס איז זייטיק און אינדירעקט, גיט דאָס בילד דעם געהעריקן עפעקט. פאַר דעם האָט זיך געפאָדערט וויזיע, וואָס דאַרף צוגעטראָגן ווערן צום צוקוקער — פאַרשטאַרקן דעם עפעקט דורך אַ פאַר־גרעסערונגס־גלאָז.

און כדי צו כאַראַקטעריזירן ז. ווײַנפּערס גאַנג אין דער יידישער פּאָע־זיע, גיב איך דאָ אַ ליד, וואָס וועט פעסטשטעלן זיין גאַנג פון אָנהויב אָן:

„אויף וועגן פון נעכטן צעטראַטן
באַשערט איז מיר איצטער צו טרעטן,
און טייג, פון הענט שוין געקנאַטן,
באַשערט איז מיר איצטער צו קנעטן.

איז וואָס־זשע? איך בענטש אין מיין הארצן
די לאַנג שוין פאַרגאַנגענע דורות:
אויף נאַכטיקן וועג, אויף דעם שוואַרצן —
באַנילטע, צעשיינטע מנורות!

אין לויטערן שיין פונעם אַלטן
דערזע איך דאָס נייקייט פאַרבאָרגן, —
איך קלייב אויף בלויז דאָס, וואָס באַהאַלטן
האָט נעכטיקער טאָג פאַר מאָרגן".

(„דורות", ז. 85)

אַט האָט זיך דער דיכטער געגעבן אַן אויפגאַבע, גיין און קנעטן און איבערקנעטן דאָס טייג פון די דורות פּאָעטן. איז גוט וואָס ער האָט זיך די אויפגאַבע געגעבן און ניט אַנגעוואָרן דערביי זיין יוגנטלעכע פרישקייט:

„אויף וועגן פון דורות צעטראָטן
באַשערט איז מיר איצטער צו טרעטן,
ביז איך דאָ נישט מער ווי אַ שאָטן
פון נעכטיקע ברידער פּאָעטן.

האָט נעכטיקער ברודער געלאָזן
אַז אמת נאָך נישט קיין אַנטפּלעקטן,
פּרואוו איך מיט די ליפּן צעבלאָזן
דעם שטויב איבער אים, דעם פאַרדעקטן.

צעקנאָטענעם טייג פון די דורות
צעקנעט און פאַרקנעט איך דאָ איבער,
אין שיין פון באַגילטע מנורות
צעשיינט זיך מיין שיין דאָ בציבור".

(„דורות", ז. 85)

ז. וויינפּער האָט זיך געאיבט אויפן ליד: ער האָט אַנגעהאָרעוועט וואָרט־קלאַנג־טעכניק. ניט גלאַט זיך געאיבט. ער האָט זיך ניט איינגע־שלעפּערט, ניט פאַרשלאָפן זיינע איבערלעבונגען, „וואָס קוים וואָס זי טוט זיך אַ ריר" — ער האָט זיך געהאַלטן וואַך, ער האָט זיך פאַרשאַרפט; עס האָט זיך פאַרשטאַרקט: מיטן מינדסטן ריר, רודערט זיך ביי אים, כוואַליעט זיך ביי אים גראַם, ריטם, פאַרגרעסערנדיק די איבערלעבונג . . .

און זאָגט ניט, אַז אַ פּאָעט איז ניט באַשאַנקען מיט באַזונדערע חושים, — מיט אויג און אויער איז ז. וויינפּער קאַפּאַבל אויסצושפּירן יעדן סוד, אונטערצוהערן זיך צו אַ רגע, וואָס נאָר אַ פּאָעט קען עס:

„דאָס קליין, ווייס יידיש ציגעלע
אונטער דעם קינדס וויגעלע,

ב. ריווקין

וואס האט געהאנדלט
און געוואנדלט
מיט מישעביירעכס, איילמאלעס,
מיט ווינט פאר די פאלעס,
וועט מער נישט האנדלען
אפילו מיט קיין ראזשינקעס און מאנדלען.

נאר זיין וועט דאס א ציג צווישן ציגן,
און די קינדער אין די וויגן
וועט מען נישט פארוויגן
מיט קיין ליגן".

(„בירעבידזשאן", ז. 20)

און אָט האָט איר נאָך צוויי שורות פון ז. ווײַנפּערס אַן אַנדער ליד:

„מיינע טריט האבן נאך נישט געטראטן
נישט אינעם ליכט און נישט אינעם שאטן".

(דארט, ז. 46)

די אויפגאַבע, וואָס ז. ווײַנפּער האָט זיך געגעבן, העלפט אים טראָגן מיט גראַציעזער לײַכטקייט די לאַסט פון אחריותדיקער דיכטונג.

געבענטשט זאָל זײַן דאָס ליד!

זאָל געבענטשט זײַן אַפילו דאָס ליד, וואָס איז קיין אַנדער זאַך ניט אויסן, ווי נאָר צו דעמאָנסטרירן די קינסטלערישע וואָרט־קלאַנג־טעכניק!

1

נויטיק: קאָאָפּעראַציע צווישן דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און דער סאָוועטישער

אַפּילו איצט, ווען אַ האַלבער מיליאָן סאָוועטישע יידן אויף די פראָנטן — אויף דער יבשה און די ימים און אין דער לופטן: רויטע־אַרמייער, אָפּיצערן, גענעראַלן און פּאַרטיזאַנען — לייגן דאָס לעבן פאַר אונדז און ראַטעווען די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק; לייזן אויס מיט זייער קרבן־בלוט דאָס פאַרגאָסענע אין שאַנד יידיש בלוט — ווי וואָלט אונדז געווען, ווען מיר האָבן זיי ניט פאַר אויסלייזער! דער טויט־פלאַטער נאָך דער מיליאָנענהריגה וואָלט זיך געלייגט אויף דער יידישער נשמה און זי אויסגעגעסן —

אַפּילו איצט, ווען די סאָוועטישע יידישע שריפטשטעלער זיינען צווישן די ערשטע אויף אַלע פראָנטן און אין די פּאַרטיזאַנישע לויער־פּלעצער; און די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור גייט מיט זיי; רופן צו אחדות מיט די יידן פון אַלע לענדער און רופן אויך ארץ־ישראל אַריין; און רופן צו הילף די גאַנצע יידישע געשיכטע; פירן בר־כוכבאָן אַריין צווישן די יידישע פראָנט־ און וואַלד־גבורים, און באַלד וועט אַפּילו דער בעל־העזה איציק פעפער אַריינפירן אליהו הנביאן אין דער וואַרשעווער געטאָ —

אַפּילו איצט, פאַרגינען זיך יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע צו פירן זיי אַלע מלחמה קעגן די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער; קאָנקורירן מיט זיי ניט פאַרגינעריש, ווי דורך די אַלע 27 יאָר, פאַר ה ע ג ע ־ מ אָ נ י ע: צו וועמען געהערט דער אויבן־אָן, אונדז צי זיי? — מען איז בודק: מיינען זיי עס אויף אַן אמת — מיט זייער רוף צו אַל־יידישער אחדות? אפשר איז דאָס גאָר ביי זיי אַ צייטווייליקע פאַריידישונג אין אימיטאַציע צו דער נייער סאָוועטישער מאָדע פון דער פאָטערלענדישער מלחמה? יאָ, זיי כאַפּן סימנים, אַז די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער האָבן זיך ניט געביטן, פרץ מאַרקיש און איציק פעפער פאָלגן נאָך אויס די פּאַרטיי־ליניע. זיי זיינען די זעלביקע באָלשעוויקעס ווי געווען. קאָנען זיי שוין פאָראויסזאָגן, אַז באַלד נאָך דער מלחמה וועלן זיי ווידער ניט וועלן

הערן און וויסן וועגן יידישן פאָלק, און זיי וועלן באַנייען זייער מלחמה קעגן דער גאַנצער „אומפּאַרטייאישער אלזייטיקער" יידישער וועלט־ליטעראַטור.

יענע דאָרט, הייסט עס, האָבן געפירט מלחמה, און זיי דאָ האָבן מלחמה ניט געפירט — ניט געקניפּן, ניט געביסן און ניט געריסן. אָ, די דאָ האָבן זיכער זיך ניט געביטן. זיי האַלטן נאָך אָן די קאָנקורענץ פאַר דער כהונה גדולה. און יענע דאָרט — צוליב מאָדע האָבן מ. כאַשטשעוואַצקע און דער ייִנגסטער ה. שוועדיק אויסגעשטעלט זייערע ברוסטן קעגן די נאַצישע קוילן און זיינען געפאַלן? עס איז פּונקט אַזוי אמת, ווי צוליב מאָדע זיינען די צוויי ווילנער, חיים גראַדע דער מוסרניק געוואָרן אַ באָלשעוויק און דער עסטעט אברהם סוצקעווער געוואָרן אַ העלדישער פּאַרטיזאַן. עס איז פּונקט אַזוי אמת, ווי צוליב מאָדע גיט דאָס סאָוועטישע יידנטום אַרויס ערן־העלדן דריי־פיר מאָל איבער דער יידישער פּראָפּאָרציע, און זיידעס און אייניקלעך גייען צוזאַמען אונטערן ביקס. און אויספאָלגנדיק בלינד די פּאַרטיי־ליניע, האָט דער נסתר אין זיינע פיר קריגס־דערציילונגען אַזוי זיך אַריינגעלעבט אין די לעצטע לעבנס־רגעס פון די פאַרפּייניקטע יידן אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן, אַז ער ציילט זיי מיט דעם טיק־טאַק פון זיין האַרצן. נו, זאָל מען דאָ אין „אומפּאַרטייאישער אלזייטיקייט" אַזוי העלזעריש נאָכפאָלגן די אי־בערלעבונגען פון מאיר לאַנדשאַפטס און זיין טעכטערל וואַנדע, ווען ער שטעלט זיך מיט מסירת־נפשדיקער העזה קעגן נאַצי־אָפיציר, וואָס האָט גע־וואָרפן אויף איר געלוסטיקע אויגעלעך, און זי, זשאַלעוועדיק דעם פאָטער, זאָגט זיך אָפּ מיט אים זיך צו באַגעגענען.

שטעלט זיך אַרויס, אַז די „בלינדע" פּאַרטייאישקייט מאַכט ניט בלינד, נאָר אַלזעוודיק. זי האָט זיך באַרעכטיקט, ווען עס איז געקומען צו דער גרויסער פּראָבע, האָט זי זיך אַרויסגעשטעלט פּייאיק אַרומצונעמען מיט איר בליק די גאַנצע יידישע מסירת־נפש מיט אַלע אירע קנייטשן און בויגן. וועט מען זאָגן, אַז דער נסתר איז ניט געווען קיין פּאַרטיימאַן? אָבער די גרע־נעצן, וואָס די פּאַרטיי־ליניע האָט געשטעלט, האָט ער דאָך אויך געמוזט אָפּהיטן. ער האָט ניט געטאָרט לויבן דעם בורזשוי און צוטיילן אים אַ גלייכן חלק אינטערעס מיט דעם האַרעפּאַשניק. פונדעסטוועגן האָט די דיסציפּלין אים ניט געשאַדט, נאָר עס איז אים צוגעקומען אַ שטיק קינסט־לעריש געזונט. והא־ראיה, „די משפחה מאַשבער". עס וועט זיין ניט אַזוי לייכט צו געפינען נאָך אַזאַ קינסטלעריש ווערק.

ניט אַנדערש, אין אונדזער גרויסהאַלטעריי מיט אונדזער אומפּאַרטיי־אישער אַלזייטיקייט, וואָס טיילט צו יעדן קלאַס יידן זייער פולע רעכט, האָבן

מיר וואָס פאַרזען אין דער „ענג־פּאַרטייאישער" סאָוועטיש־יידישער ליטע־ראַטור. יאָ, זי האָט זיך פאַרענגט, זי האָט זיך באַשרענקט, קאָנצענטרירנ־דיק זיך אויף דעם איבערבוי פון סאָוועטישן יידן, געשפּילט ברוגז מיט די טאַטעס און געגרויסט די יוגנט, אָבער אין דער פאַרענגונג און באַשרענקונג איז געווען אַן אויסברייטערונג און אַ פאַרגרעסערונג. זי האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט אַ נייער פונקציע. דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור איז געווען: פון דער יידישער אַל־צייטיקייט, פון דער איי־ביק־יידישקייט, וואָס שטאַמט פון עבר, ירושה און טראַדיציע צו היינטי־קייט; און פון היינטיקייט האָט זי געמאַכט דעם איבערגאַנג צו צוקונפטי־קייט, צו אחרית־הימים — ביי י. ל. פּרצן, ביי אברהם וואלט־ליעסין; ביי משה לייבן, איגנאַטאָוון, און גאָר אַ סך ביי לייוויקן. די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, צוזאַמען מיט דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט גע־טאָן נאָך מער. זי האָט דעם אחרית־הימים פאַרהיינטיקט; זי איז פאַרנו־מען געווען מיט אַריינבויען דעם צוקונפט־מענטשן אין דער צוקונפט־אָר־דענונג. לכתחילה האָט זי זיך באַשרענקט אויף אָט־דער ריזיקער אויפגאַ־בע, וואָס פאַר אירע אויגן, פאַרקוקנדיק דעם יידן פון אַלע צייטן און פון אַלע יידישע לענדער. איצט ציט זי אַריין דעם גאַנצן יידישן עבר אין דער בויט־פּראַקטיק פון היינטיקן טאָג. און ציט אויך אַריין אין דעם קרייז פון איר אינטערעס ייד־וועלט־אַרומנעמונג, כדי אַזוי אַרום די גאַנצע אָנגעזאַמל־טע יידישע מאָראַל־ענערגיע פון דורות, צעשפּרייט ווי זי איז איבער דער גאַנצער יידישער צעשפּרייטקייט, אַריינצוטאָן אין פּראָצעס פון אויגנבליק־לעכער פאַרוואַנדלונג פון סאָוועטישע יידן, ער זאָל זיין נשמה קאָנען אָפּגעבן אין האַלדז־אויסשטרעקנדיקער מסירת־נפש.

יידישע פאַרוואַנדלונג — דאָס איז פון אָנהייב אָן געווען דער עיקר־ציל פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. און ווען מיר דאָ וואָלטן ניט געווען פאַרבלענדט פון קאָנקורענץ, וואָלטן מיר נאָך מיט יאָרן צוריק גע־קאָנט כאַפּן אָט־דעם יידישן גאַנג זייערן. און בעת מיר דאָ, געגאַלטע בערד וואָס מיר זיינען, וואָס מיר שרייבן אום שבת וועגן אָפּהיטן שבת, האָבן גע־קלאָגט אויף דעם אונטערגאַנג פון דער פרומער יידישקייט אין סאָוועט־רוס־לאַנד, האָבן זיי דאָרט טראָפּן נאָך טראָפּן געצאַפּט יידישע מסירת־נפש פאַר דער יידישער פאַרוואַנדלונג, כדי אַריינצוציען דעם יידן אין דער ניי־אָרדע־נונג, אין קאָלעקטיוויזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע. אָנהייבנדיק פון די פּיאָנערן — אשר שוואַרצמאַן און ביינוש שטיינמאַן, דורך דוד האָפשטיין און ש. האַלקין, און ביי דוד בערגעלסאָנען אַוודאי — ביי זיי אַלעמען קאָן מען געפינען טראַדיציאָנעלע יידישע זעאונגען פאַרוואַנדלטע, סאָוועטיסטיש

און אפילו סטאַליניסטיש פאַרקליידטע. (ביים קלוגן בערגעלסאָנען איז נאָך מיט יאָרן צודיק געווען אַ דערציילונג, ווי אַ יידיש יינגעלע, וואָס קעמפט ווי אַ גאַנצער באָלשעוויק קעגן זיידנס פרומע מעשיות, דערזעט אליהו הנביאן אַריבערשפּרייזנדיק דעם טייך צום שטעטל אין דער סטאַלין־גע־שטאַלט!) — פון דער פרומער יידישקייט אין די אַלטע פאָרמען פון קידוש־השם האָבן זיי ווירקלעך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ געברויך פון איר צו מאַכן. אָבער האָט דען יידישקייט אין באַשטימטע פאָרם? נשמה־ענער־גיע פאַרוואַנדלט זיך. די פאַרוואַנדלונג איז דער הויפּט־באַרוף פון דער ליטעראַטור. און עס וואָלט ניט געווען קיין גרויס גליק פאַר דער יידישער פרומקייט, ווען זי בלייבט אָן פאַרוועגדונג אין דער גרויסער אָנשטרענגונג פון איבערבויען פון גרונט אויס דאָס גאַנצע יידישע לעבן. איז געקומען די מלחמה מיט דער קאַטאַסטראָפע פאַר די יידישע מיליאָנען, רבנים, כלי־קודש האָבן אָנגעטאָן כלי־זין און זיינען צוגעשטאַנען צו די פאַרטיזאַנען. און זקנים אין זייערע טלית־זעק האָבן געטראָגן צו זיי גראַנאַטן. די פאַרוואַנד־לונג פון פרום־יידישן אין סאָוועטישן קידוש־השם איז געוואָרן אַ גרויסער פאַקט. האָט די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור, דערפילנדיק איר באַרוף, זיך געעפנט און אַריינגעלאָזן אין זיך די פרומע ירושה פון דורות אין אַלע אירע געשטאַלטן. זי האָט געפונען אָן איינפאַס פאַר דעם גאַנצן געשיכט־לעכן יידישן העראָאיזם. און דערמיט האָט זי זיך באַרעכטיקט. דאָס האָט זי פון אָנהייב אָן געזוכט — יידישן העראָאיזם. די רבנים, די פרומע זיי־דעס און טאַטעס וועלן שוין בלייבן אין דער ליטעראַטור. דער גאַנצער סאָוועטישער רעזשים האָט זיך געעפנט פאַר דער רעליגיע. אין דער טבילה פון פייער האָט זי באַוויזן איר געטריישאַפט. האָט דאָך דער רעזשים ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר רעליגיע.

און מיר דאָ, צוליב געמאַכטן רעליגיעזן ברוגז, און נאָך מער צוליב פּאָליטישן ברוגז, פאַרפּוצט מיט ליטעראַרישן ברוגז, האָבן דערווייל איבער־געריסן דעם קאָנטאַקט מיט דעם סאָוועטישן יידנטום, זיך פאַרקריגנדיק מיט די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער, וואָס נאָך אַלעמען זיינען זיי דאָך גע־ווען די איינציקע באַריידעוודיקע יידיש־סאָוועטישע אינטעליגענץ.

און גראַד איז ליטעראַטור געווען די עפענונג, וואָס דער שטרענגער רעזשים האָט איבערגעלאָזט אויף צו באַווירקן זיך אַליין — אָפּצואַשוואַכן די אייגענע שטרענגקייט. זאָל די ליטעראַטור קינסטלעריש פאַרוואַנדלען דעם סאָוועטישן מענטשן, כדי אַזוי אַרום אַלץ מער צו פאַרשפאָרן דעם רע־זשים אָנצוואָוועגדן צוואַנג־דיסציפּלין. און מיר דאָ, אַנשטאָט אויסצונוצן די עפענונג אין אַ פריינטלעכער קאָאָפּעראַציע מיט דער סאָוועטיש־יידישער

ליטעראַטור, האַלטן נאָך אָן דעם ברוגז און די קאָנקורענץ — עד־היום, בעת עס איז שוין קלאָר, אַז וועגן דעם עיקר — וועגן דער עקזיסטענץ פון רעזשים — זיינען אַלע סאָוועטישע פעלקער פאַראייניקט אין זעלבסט־אויפ־אָפּפערונג מיט מיליאָנען לעבנס, וואָס דאָס זאָגט צו אַ ברייטערע סאָוועטי־שע דעמאָקראַטיע נאָך דער מלחמה.

וואָס איז דער ליטעראַרישער תירוץ פאַר דעם אָנהאַלטנדיקן ברגוז? דער פּראָטעסט קעגן זייער „ענגער פּאַרטייאישקייט" אין נאָמען פון אונד־זער „אומפּאַרטייאישער אַלזייטיקייט". אָבער זייער „ענגע פּאַרטייאישקייט" האָט דאָך געהאַט איינגעשלאָסן אין זיך אַ גרויסע מעלה, וואָס האָט אָפּגע־ענטפערט דער אַלץ זיך אויסברייטנדיקער פונקציע פון דער יידישער לי־טעראַטור: די „פּאַרצוקונפטיקונג" פון דער הייַנטיקייט; דאָס מקיים זיין דעם אחרית־הימים היינט־צו־טאָג — פאַר דעם צוועק פון פאַרוואַנדלונג, כדי אַריינצובויען דעם סאָוועטישן יידן אין סאָוועטישן איבערבוי.

גראָד קעגן אָט־דער מעלה פּראָטעסטירן זיי, אונדזערע דאָ. זיי שטעלן אַרויס צוויי טענות: ערשטנס, זאָגן זיי, טאָר מען עס ניט טאָן. מען טאָר ניט אויפכאַפּן מיט ליטעראַטור די הייסע געשעענישן פון טאָג. זי וועט זיך אָפּבריען. זי וועט איבערגיין אין פּראָפּאַגאַנדע. זי וועט אָפּשלאָגן מיט טענדענץ. זיי האָבן זיך אַ כלל, אַז געשעענישן, וואָס זיינען ערשט געשען, דאַרף מען לאָזן אָפּשטיין און זיך איינשטילן און זיך אָפּקילן און זיך פאַר־גליווערן לכל־הפחות אַ יאָר צענדליק, ביז זיי קריסטאַליזירן זיך אין זכרון און פרעסן אַרויס זייער זין — דעמאָלט ערשט מעגן קומען די קינסטלער און אין געלאַסענעם געמיט אָנמעסטן אַ קינסטלערישן לבוש אויף דעם אַרויסגעפרעסטן, אויסגעשיילטן זין פון די געשעענישן.

אָבער אויף וועלכן באַרג סיני זיינען דער „מען טאָר ניט" און דער „מען מוז" געגעבן געוואָרן? אין וועלכן ספר פראַלניק שטייט עס גע־שריבן? און אַפילו ווען עס איז יאָ ערגעץ וואו געשריבן, טאָר מען עס ניט איבערשרייבן? האַלטן נאָכאַנאַנד קונסט, קונסט אין די מיילער און האָבן קיין ברעקל צוטרוי ניט צו דער קונסט. ווייל קונסט איז דאָך שעפעריש, וועט זי זיך שוין אַן עצה געבן. זי קאָן אַפילו קאָמבינירן אין אַ סינטעז קעגנזאַצן. פונקט ווי די נאַטור, וועלכע קאָמבינירט און סינטעטיזירט אין קינד די קעגנזעצטע כאַראַקטער־שטריכן פון פאָטער און מוטער. יאָ, עס איז שווער, די ביז־אַהעריקע ליטעראַטור איז ניט געוואוינט געווען צו אַזאַ אימפּעטיקן געלאַף נאָך די געשעענישן פון טאָג. נאָך וויניקער איז זי גע־וואוינט געווען צו האַסטיקער מענטש־פאַרוואַנדלונג. און די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער האָבן זיך געקליגט און געזוכט תרופות.

דערמאָנט זיך וויפיל פון דאַנען מען האָט געפּייניקט דוד בערגעלסאָ־נען פאַר זיין פּענעק און פאַר זיין בעל־עגלה. דער 10־יעריקער פּענעק און דער פּראָסטער בעל־עגלה רײדן דאָך ווי גאַנצע באָלשעוויקעס! . . . אָבער מען מעג עס פּאַרט טאָן. אַזוי פּאַסירט אויך אין לעבן. ווען איינער אין זיינע עלטערע יאָרן נעמט רעווידירן די געשעענישן פון זיין קינדהייט, קריגן זיי גאָר אַן אַנדער באַטייט. די איגנעווייניקסטע שטעלונג פון שריפט־שטעלער טייטשט איבער דעם כאַראַקטער פון זעלביקן העלד, ווי ער האָט אים אַמאָל געזען און ווי ער זעט אים איצט. שלום־עליכמס מאָטע פּייסי דעם חזנס איז אַ גאַנץ קלוגער ייִד, כמעט אַזוי ווי שלום־עליכם אַליין. דוד בערגעלסאָן אין זיינע שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט זיך באָלשעוויזירט, האָט געקאָנט אין דער העזה פון יינגל־צינגל־כוואַט פּענעק, וועלכער פאַר־טראַגט ניט די אָנגעצויגנקייט פון זיין הויז־געזינט און חברט זיך מיט עמכאָניקעס, און אין די פּראָסטע שטאַרקע רייד פון בעל־עגלה — האָט ער געקאָנט אַריינזען און אַרויסהערן שאַרפע סאָציאַלע קריטיק. אַ גאַנץ לע־גיטימער מיטל. און ווען דוד בערגעלסאָן וואָלט איצט גענומען איבער־שרייבן זיין „נאָך אַלעמען״, וואָלט די מעלאַנכאָלישע מירעלע האַראַוויץ אַרויסגעקומען אַן אומזיסטע פּרעסערין, וואָס צו איר זאַטן ביסן וויל זי נאָך אַ צובייס פון ליבע. און ווען שלום אַש וואָלט איצט גענומען איבערשרייבן זיין „שלמה נגיד״, דעם פּאַרהערלעכטן פּאַטריאַרך באַלעבאָס פון זיינע יוגנט־יאָרן, וואָלט ער אויך געמעגט אים רעווידירן — ווייזן, ווי י. ל. פּרץ און אברהם רייזען האָבן עס געוויזן, וואָס פאַר אַ פּנים ער מאַכט, ווען אַ יורד קומט צו אים נאָך אַ גמילת־חסד. אָדער דערציילן, ווי שלום־עליכם און יעקב גאָרדין האָבן עס דערציילט, ווי שלמה נגידס אַ זינדל באַנעמט זיך צו אַ דינסט אַ יתומה. אָדער אויפדעקן, ווי דוד פּינסקי האָט עס אויפ־געדעקט אין זיינע פּראָלעטאַרישע יאָרן, ווי שלמה נגיד באַהאַנדלט זיינע משרתים, ווען שלום אַש פאַרקוקט זיך . . .

אַ חוץ איבעראויסטייטשונג האָבן די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטע־לער געזוכט און געפונען נאָך אַנדערע תרופות. זיי האָבן גאָר אַ סך זיך אַרויסגעהאָלפן מיט טעאַטער, אינסצענירנדיק דעם שטאָף פון זייערע דער־ציילונגען. זיי האָבן צוגעפּירט די ליטעראַטור וואָס נעענטער, ניט צום אַבסטראַקטן לעזער, נאָר צום לעבעדיקן מענטשן — וואָס דאָס איז אַ דער־נעענטערונג צו דער פּאַרצייטיקער קונסט פון יידישן נביא — די קונסט אויפן לעבעדיקן מענטשן. דער נסתר אין זיין „משפחה מאַשבער״ האַלט זיך כסדר עצות מיטן לעזער, ווי אַזוי ער זאָל בויען זיין ראָמאַן. ער פאַר־ענטפערט זיך פאַר אים, פאַרוואָס ער פירט אַריין דעם העלד און יענעם

העלד, און פּאַרוואָס אַ געשעעניש דערציילט זיך פריער, בעת עס האָט אייגנטלעך געקאָנט דערציילט ווערן אַ סך שפּעטער — אַזוי אַרום מאַכנדיק דעם לעזער אַ שותף צום ראָמאַן — אַן אַנוויז אויף אַ צייט, ווען ראָמאַנען וועלן גערעדט ווערן צום עולם אויף אויסנווייניק, אַזוי ווי אין טעאַטער.

אַ צווייטע טענה, וואָס אונדזער „אומפּאַרטייאישע אַלזייטיקייט" שטעלט אַרויס קעגן דער „ענגער פּאַרטייאישקייט" פון די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער, איז, אַז דאָס וואָס זיי נעמען זיך אונטער — אַריינצו־בויען דעם סאָוועטישן יידן אין דער נייער סאָציאַלער אָרדענונג — איז ניט קיין אַרבעט פאַר דער ליטעראַטור. דאָס איז אַ סאָציאַל־פּראָבלעם, ניט קיין ליטעראַטור־פּראָבלעם. איה"ש, אין אַ יאָר 25 אַרום, ווען די אַריינבויאונג וועט זיין אַ געשעענער פאַקט, אַן איינגעשטעלטער לעבנס־שטייגער — דע־מאָלט וועט די ליטעראַטור עס מעגן אויפנעמען און שילדערן. דאָ גיבן אונדזערע בעלי־טובות זיך אַרויס מיט די ביינער. כאָטש זיי האַלטן אין איין ריידן וועגן דעם, אַז ליטעראַטור איז אַן אָפּשפּיגלונג, אַ נאָכשפּיגלונג, אַ פאָראויסשפּיגלונג פון לעבן — אין דער אמתן צעגייען זיך ביי זיי ליטע־ראַטור און לעבן אַזוי ווייט, אַז זיי קאָנען זיך גאָר קיינמאָל ניט צונויפקומען.

עס איז אַ שטילער, ניט אַרויסגערעדטער ביי זיי כלל, אַז ליטעראַטור איז אויף צו פליייסנס, ניט אויף אַן אמתן — אין אימיטאַציע צו דער ליטע־ראַטור־טעאָריע פון פריץ־באַלעבאָס, וועלכער איז פאַראינטערעסירט די לי־טעראַטור צו „אַנטשעדיקן", זי זאָל חלילה ניט אַנרירן זיין געמיינעם אינ־טערעס. דאָס איז די עבודה־זרהדיקע צוועקלאָזיקייט פון „ריינעם קונסט־גענוס", און כאָטש די בעלי־טובות אַמפּערן זיך אַמאָל מיט די אַנהענגער פון קונסט־לשם־קונסט, און גיבן זיך אַ זאָג אָפּ די פּראָזע, אַז לעבנס־דינסט איז ניט קיין שטער צו קינסטלערישקייט, אָבער אין תוך בלייבט ביי זיי אויך „ליטעראַטור לשמה". שרייבן איז הונדערט פּראָצענט שרייבן, און טאָר זיך ניט אַריבערכאַפּן אַפילו ניט מיט איין פּראָצענט אין לעבנס־שאַ־פונג. אָט־דער באַהאַנדלטער „ליטעראַטור־לשמה"־כלל טוט דווקא שאַדן די בעסערע און ערנסטערע שריפטשטעלער, וועלכע פאַרמעסטן זיך יאָ אויף לעבנס־דינסט. אָט ווי איצט, ווען זיי פּרואוון זיך אָננעמען מיט דער יידי־שער טראַגעדיע און האָבן אַפילו אַ וויכוח מיט גאָט וועגן דעם — קומט אונטער בגנבה די „ליטעראַטור לשמה" און מאַכט זייער טראַגעדיע פאַר אַ קאָקעטישער שפּילעריי און זייער גאָט־זוכעניש פאַר אַ סידור־ווערטעריי — און זייער אינספּיראַציע ווערט אונטערגעשניטן, אויסגעשעפּט און אויסגע־טריקנט.

אַ, זי איז גאָר ניט אַזוי אומשולדיק אומפּאַרטייאיש, די „אומפּאַרטייאי־

שע אַלזייטיקייט" — זי איז בלויז אַן אנדער נאָמען פאַר דער איינגעגעסע־נער און איינגעפרעסענער קליינבירגערלעכער גלייכגילטיקייט, וועלכע וויל פאַרזוכן אומפאַרטייאיש דעם טעם פון יעדן אמת אַביסעלע אַ שמאַצקע טאָן און אַוועקוואַרפן. אונטער אונדזערע אומשטענדן טראָגט זי קינס צייכנדל אויף איר שטערן. דאָס איז דער קולטור־ און ליטעראַטור־רעזשים, וואָס דיסקרימינירט, עקספּלואַטירט, באַיקאָטירט און מאַנאָפּאָליזירט.

די גדולה פון דער „אומפאַרטייאישער אַלזייטיקייט"! אַ סך האָט זי פאַר אונדז דאָ אויפגעטאָן! זי האָט דאָס פאַרטריבן די יידישע ליטעראַטור אין דעם קלעם, פון וועלכן עס איז קיין אויסוועג ניטאָ. זי האָט דאָס יידיש־לאַנד רעדוצירט צו אַ קולטור־געטאָ, וואָס די יוגנט איז גערעכט, וואָס זי אַנטלויפט פון איר, כדי גייסטיק ניט געניזוקט צו ווערן. אַ קולטור־ און ליטעראַטור־באַלעבאַטישקייט, וואָס איז ניט קאַפּאַבל אויפצונעמען קיין איין שעפערישע אידייע, כל־זמן זי באַצאָלט זיך ניט און גיט קיין פרנסה ניט, און אירע טרעגער האָבן ניט קיין בורזשואזע עלנבויגנס אויף צו שטופּן זיך און קיין כאַפּעריש־פּאַרכאַפּערישע ידים — מעגן זיי פאַרהונגערן ביז די גרויע האָר. און פאַר די יינגערע טאַלאַנטן, וואָס קומען צו — מכות זיי! די קולטור־ און ליטעראַטור־באַלעבאַטישקייט, מיט איר באַגלייטערין די קריטיק, וואָס איז ניט קיין שעפערישע שותפטע, נאָר אַ בוכהאַלטערישע שאַצערין פון דער ליטעראַטור. גרויסער טאַלאַנט מעג אומקומען פאַר אי־רע אויגן, וועט זי קיין פינגער ניט אויסשטרעקן אים אַרויסצוהעלפן — זי איז גאָר אומפּייאיק דערצו. און גרויסע טאַלאַנטן, וואָס ווערן שוין יאָ אויפ־גענומען, ווייל זיי זיינען געוואָרן אַ סחורה מיט אַ הויכן מאַרק־פּרייז, ווערן באַשעדיקט — צוליב זייער שטילער הסכמה מיטן רעזשים.

אַנטקעגן אונדזער היגער „אומפאַרטייאישער אַלזייטיקייט" איז די סאָ־וועטישע „ענגע פאַרטייאישקייט" דאָך אַ גן־עדן! ווייל זי איז אַנגעשטעלט געוואָרן צו אַ גרויסן ציל — צו מענטש־פאַרוואַנדלונג — זעט וויפיל גוטס זי האָט געטאָן טאַקע דעם זעלביקן נסתרן. אַ סימבאָליסט, אַ רייטער אויף שאָטנס אין די וואָלקנס, האָט זי אים אַראָפּגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט, פון וואַנען זיינע סימבאָלן און שאָטנס שטאַמען, און עס האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז זיין קינדהייט און יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין דער צונויפ־געפרעסטער אַטמאָספערע צווישן דער גביריש־רביאישער חסידות און דער האָרעפּאַשנער בראַצלאַווער חסידות. אָט־די ווירקלעכקייט, וואָס איז ביי אים געווען אונטערדריקט, אָטעמט זיך איצט פריי פון אים אַרויס — אין אַ נייער באַלייכטונג און אויסטייטשונג, וואָס אַן דעם וואָלט ער נאָך אַלץ זיך

געשטיקט מיט איר. — ענגע קאָאָפּעראַציע מיט דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור וואָלט אויך אונדזערע וואָלקן־רייטער גוט געטאָן: זיי וואָלטן אַראָפּגעניידערט פון אַבסטראַקט צום פּאַקט מיט אַ גרויסער פּעולה — זיי וואָלטן אויפגעדעקט דיווירקלעכקייט, פון וואַנען זיי שטאַמען. זייער ווירקלעכקייט וואָלט אויפגעגאַנגען אין לויכטנדיקע סימבאָלן.

ניט קאָנקורירן, נאָר קאָאָפּערירן! אויב מיר זיינען אויפריכטיק אין אונדזער וואונטש, אַז דאָס סאָוועטישע יידנטום זאָל נאַציאָנאַל אויפלעבן, דאַרפן מיר וואָס פרעטענדירן צו זיין די גענייטערע ליטעראַטור־קענער, פון דאַנען זען מיטהעלפן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור אין אירע באַמי־אונגען דעם אויספלייץ פון דער יידישער נשמה־ענערגיע, וואָס די מלחמה האָט ארויסגעפּרעסט, צו פּאַרטאָן אין יידישן אויפבוי — אין קאָלכאָזן, אינ־דוסטריאַליזאַציע און בירא־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע. די מלחמה און די קאַטאַסטראָפע פרעסן צו אַל־יידישע אחדות, צו אַ יידישן וועלט־סינטעז.

2

קאַפּעראַציע מיט סאָוועטישע שרייבער — די דערלייזונג פון היגער יידישער ליטעראַטור

איך אַדרעסיר זיך צו די, וואָס האָבן איין צייט קאָאָפּערירט מיט דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, ווי דורכן „איקוף" צום ביישפּיל, און אַרויסגעפאַלן פון קאָאָפּעראַציע. איך אַדרעסיר מיך צו זיך אַליין, וואָס איך, כאָטש איך האָב קאָאָפּערירט, אָבער קענענדיק מיין טעמפּעראַמענט, בין קיינמאָל ניט געווען אינעווייניק, אָרגאַניזאַציאָנעל, אין דער קאָאָפּעראַציע (אויסער אין „איקאָר"), כדי צו פאַרשפּאָרן אַרויסצופאַלן . . .

אַרויסגעפאַלן, לאָמיר זאָגן, צוליב ערנסטע געזעלשאַפטלעכע פּאַר־איבלס, וואָס האָבן נאַטירלעך געבראַכט מיט זיך פּערזענלעכע פאַראיבלס, צוליב די „קלעפּ", וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט איינגעלייזט פאַרן אַרויספאַל. זאָג איך צו זיך און זאָג צו זיי: עס איז צייט צו רעווידירן די אַנטי־קאָאָפּעראַציע שטעלונג, אויף וועלכער מיר האָבן זיך פאַרגליווערט. וואָרים די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, וואָס האָבן אונדז „פאַרפאַר־איבלט", האָבן ראַדיקאַל זיך אַליין רעווידירט.

וואָס דאַרף מען זוכן ווייט? דער לעצטער גרויסער קלאַפּ, וואָס האָט אונדז אַ שטויס געטאָן אויף צוריק, איז געווען דער מאָסקווע־בערלין פּאַקט. איצט אָבער זעען מיר: ווער גאַראַנטירט, אַז עס וועט קיין פּריצייטיקער שלום מיט בערלין ניט זיין? מאָסקווע! אַז די טאָריס אין ענגלאַנד און די ירושה פון די איזאָלאַציאָניסטן דאָ וועלן ניט אַרויפצווינגען אַ „שלום דורך פאַרהאַנדלונגען" — ווער גאַראַנטירט? מאָסקווע! דאָס האָט די רויטע אַרמיי געשוואָרן, אַז זי וועט זיך ניט אָפּשטעלן, ביז דער נאַציזם וועט ניט אויסגעראָט ווערן מיטן וואָרצל. דאָס אַלץ איז איינגעשלאָסן געווען אין פּאַקט. ניט געקוקט אויף אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע אָנשטעלן. איז ווי קאָן מען ניט מוחל זיין אויף אַ קלאַפּ, וואָס שטעלט זיך אַרויס איז גאָר קיין קלאַפּ ניט געווען, נאָר אַ מאָביליזאַציע מאַנעוורע פאַר מלחמה מיטן נאַציזם אויף

טויט און אויף לעבן? ווי קאָן מען כאָועען און האַלובען דעם פּאַרדראָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין די הערצער? פאַלט דאָך אַוועק דער אָפּי־ציעלער אויסרייד פאַר דעם אָנהאַלטנדיקן ברוגז, פאַר דעם פאַרשטייפן זיך אויף אַנטי־קאָאָפּעראַציע מיט די סאָוועטיש־יידישע שריפטשטעלער, ווען זיי זיינען אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אָנבאָט פון שותפות?

בלייבן די פּערזענלעכע פאַרדראָסן. עס ווילט זיך ניט גלויבן, אַז מענטשן פון דער פען זיינען אַזוי האָנאָראָווע, אַז מוחל זייענדיק אויפן גרויסן „קלאַפּ", זאָלן זיי ניט קאָנען מוחל זיין אויף די קליינע קלעפּעלעך, וואָס זיי האָבן פּערזענלעך געכאַפּט. עס איז דאָך ניט שפּילכעלע אויף קידער־ווי־דער! מיליאָנען יידישע לעבנס זיינען אין קאָן. דער קיום פון איבער אַ העלפט פון יידישן פאָלק איז ניט געזיכערט ביז דער באַשאַפער פון נאַציזם וועט ניט פאַרטיליקט ווערן. איבער אַ מיליאָן יונגע יידישע לעבנס שטייען גרייט טאָג און נאַכט זיך מקריב צו זיין אויפן מזרח־פראָנט, אויפן מערב־פראָנט — און שריפטשטעלער קאָנען דעם קרבן ניט ברענגען אויסצומעקן פון זייער זכרון די פּערזענלעכע פאַראיבלס, וואָס זיי טוליען צו זייער ברוסט: ס'טייטש און געוואַלד־געשריען! די היגע דאָ האָבן אויף זיי אַזוינס און אַזעלכס געזאָגט! — נו איז דאָ אַן עצה דערויף: אָפּמאַכן ניט צו ריידן מיט די היגע דאָ פאַר אַ יאָר צייט וועגן אינטימע פּערזענלעכע ענינים. דאַרף עס דאָך קיין שטער ניט זיין אָנצונעמען די האַנט, וואָס איז זיי אויסגע־שטרעקט געוואָרן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פון מאָסקווע.

זיינען אָבער פאַראַן נאָך מניעות דערביי. פאַר די פאָר יאָר ברוגז האָבן די שריפטשטעלער באַוויזן, גערן צי אומגערן, זיך אָנצושטעקן מיט דעם איסט־סיידער שטאַנדפּונקט, וואָס פאַרווערט יעדע צוזאַמענרעדונג מיט מאָסקווע. און כאָטש עס איז קיין סוד ניט, אַז ווען דער איסט־סיידער שטאַנדפּונקט זאָגט „מאָסקווע", מיינט עס אַזוי ניט מאָסקווע, ווי די היגע יוניאָן־פירערשאַפט־פּאָזיציעס, איבער וועלכע מלחמות זיינען געפירט גע־וואָרן. קאָן אָבער דער איסט־סיידער שטאַנדפּונקט זיך סומך זיין אויף די פּאַרטיי־טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן זיך פאַרקריגט מיט סאָוועט־רוסלאַנד זייט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — זיי האָבן בעסער געוואוסט ווי נ י ט צו מאַכן סאָציאַלע רעוואָלוציע! — און פאַר דער צייט האָבן זיי באַוויזן אַזוי צו פאַרפּלאָנטערן זייערע באַציאונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד, אַז ווי נאָר זיי רירן זיך צו פּראַקטיש מיט די הענט, צו זייערע טעאָרעטישע פּלאָנטערס, פאַרבלוטיקן זיי זיך. זיינען זיי טאַקע פאַרביטערט, און זיך סומך זייענדיק אויף די אויטאָריטעטן, די „בונד"־פירער, דרשנט דער איסט־סיידער שטאַנד־

פוקנט, אַז די דערפאַרונג האָט געלערנט, אַז מאָסקווע טאָר מען ניט געטרויען. מאָסקווע וועט אָפּנאַרן. אַזוי גיך ווי די מלחמה וועט מיט מזל זיך האָבן געענדיקט, וועט זיין געבוג איין פּיפּס פון אויבן, און עס וועט זיין אויס מיט דער אָנגעבאָטענער שותפות און אויס מיט דער דערלויבעניש אויף יידישקייט.

אָט פון דאַנען הויב איך אָן מיין אַרגומענטאַציע. די טעאָריעס און פּלאָנטערס פון די פאַרביטערטע טעאָרעטיקער זיינען ניט חל אויף די שריפטשטעלער. לאַ־די וואָס זיי, די טעאָרעטיקער, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר שלעכטע טרעפער — זיי האָבן ניט געטראָפן דעם וויטערן גאַנג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — לויט זיי האָט זי קיין יאָר זיך ניט געדאַרפט האַלטן! — און עס איז דאַרום ניט צו דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן בעסער טרעפן איר וויטערן גאַנג אויף דער פיל ברייטערער אַרענע פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — אַ חוץ אָט־דער סאָציאַל־פּאָליטישער קורצזיכטיקייט זייערער, וואָס דאָס איז די ערשטע סיבה, וואָס איז גורם זייערע שווערע פּלאָנטערס — פאַרזעען זיי אַן עיקר, וואָס איז די שריפטשטעלער זייער נוגע — זיי אונטערשעצן די ראָלע פון גייסטיקע פאַקטאָרן בכלל, און פון דער ליטעראַטור בפרט, אין סאָציאַלע פּראָצעסן. זיי ווייסן ניט, וואָס מאָסקווע ווייס עס יאָ, און שעצט עס זייער, אַז די ליטעראַטור איז ספּעציעל באַרופן אויפצולייזן פון אינעווייניק פּלאָנטערס — זי ברעכט ביי דער מאַסע די פסיכישע פוילקייט, וואָס גיט ווידערשטאַנד צו סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרמעסטן און פאַרשפּאַרט ווערט אַלץ מער מעכאַנישער דרוק — וואָס אָט־די צייטווייליקע אינערלעכע קעגנערשאַפט גיט דאָך דעם אויסערייד דער אויסערלעכער קעגנערשאַפט צו פאַרפּלאָנטערן זיך ביז פאַרבלוטיקונג. אַזוי אַרום העלפט די ליטעראַטור אָפּשאַפן די צווייטע סיבה, וואָס איז גורם די שווערע פּלאָנטערס.

דערפאַר האָט מאָסקווע אויפגעגעבן אַזאַ געהויבענע פונקציע דער ליטעראַטור ביי זיך אין לאַנד, און ווען די מלחמה קעגן פאַשיזם האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף לענדער, מיט דער טענדענץ אויסצושפּרייטן זיך אויף דער גאַנצער וועלט־אַרענע, אַ פּראָצעס פון איבערגאַנג פון אַלט־אָרדענונג צו ניי־אָרדענונג, וואָס וועט געדויערן יאָרן, איז מאָסקווע אַרויסגעקומען מיט אַן אָנבאָט פון גייסטיקער שותפות צו דער שעפערישער אינטעליגענץ פון אַלע פעלקער, די יידישע אינטעליגענץ איינגעשלאָסן: העלפט אין דער מלחמה קעגן פאַשיזם, דורך וועלכן די אָוועקגייענדיקע וועלט־אָרדענונג פאַרטיידיקט זיך קעגן דער קומענדיקער. ס'איז דאַרום פאַלש די פאָראויס־

זאָגונג פון די פּאַרטייליט, אַז מאָסקווע וועט באַלד צוריקציען איר אָנבאָט פון שותפות. אַפילו ווען מען וויל מאָסקווע אויפן וואָרט ניט געטרויען, איז עס אַ מלחמה און אַ שותפות אויף יאָרן! און די פאַרשריפּטן און די פאַר־באָטן פון די פּאַרטיי־טעאָרעטיקער זיינען דאַרום ניט גילטיק און ניט בינדנ־דיק פאַר אונדזערע שריפטשטעלער. און אַוודאי דאַרפן זיי זיך ניט לאָזן פאַרצאַמען דעם וועג דורך דעם איסט־סיידער שטאַנדפּונקט, וואָס זיין הויפּט־אינטערעס איז דאָך אין די ענגע איסט־סיידישע פירערשאַפט־אינטע־רעסן.

אָפּגעראַמט פון וועג די פּאַרטיי־פּלאַנטערס — שריפטשטעלער זיינען דערהויבן איבער זיי, די ליטעראַטור עסט די פּלאַנטערס פון אינעווייניק אויס — אַרגומענטיר איך ווייטער, אַדרעסירנדיק זיך צו די שריפטשטעלער, וואָס זיינען געווען אין דער קאָאָפּעראַציע און זיינען אַרויסגעפאַלן פון איר: אין אייערע שריפטשטעלערישע אינטערעסן, אין די אינטערעסן פון דער ליטעראַטור, זי זאָל קאָנען דערפילן איר באַרוף צו דינען דעם פאָלק ווי אַ רעטונגס־געצייג אין צייט פון אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע: — באַפרייט זיך אַרויס פון איסט־סיידער שטאַנדפּונקט, וואָס פאַרשמעלערט אייער האָריזאָנט און שפּאַרט אַריין די היגע יידישע ליטעראַטור אין אַ טעמפּן געטאָ־גלות־ווינקל, אין אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט, וואָס דאָס מאַכט זי מאַכטלאָז און ווירקונגסלאָז — באַנייט אייער קאָאָפּעראַציע מיט דער סאָוועטיש־יידי־שער ליטעראַטור און איר וועט צוריקגעווינען אייער ברייטן פרייען וועלט־אויסבליק!

און דאָס איז מיין הויפּט־אַרגומענט: ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, די יידישע ליטעראַטור זאָל זיך אָננעמען מיט אַ וועלט־אַדרעס, כדי צו קאָנען נעמען ווירקן מיט פולער קראַפט צו דינען דעם פאָלק ווי אַ הויפּט־וואָפן. אַפילו אין די „גוטע צייטן״, אָן אַריבערהעגנגענדיקע קאַטאַסטראָפעס, איינ־געשלאָסן אין די אייגענע יידישע גרענעצן, נעמט זי דאַרן און קווארן. ווייל דער ייד איז בטבע אַריינגעשטעלט צווישן די גרענעצן פון פעלקער און לענדער, אין די שפּאַלטן צווישן קלאַסן און ראַסן, אויסגעזעצט צו לעבנס־געפאַרן, צו פערמאַנענטער סכנות־נפשות, וואָס דאָס האָט קאַטאַסטראָפאַליש בולט זיך אַרויסגעשטעלט איצט. און ווייל די יידישע ווירקלעכקייט איז אַזאַליידנספולע, אַ סכנותדיקע, פאַרמאָגט זי געניאַלע פּאַטענצן — זיינען אין איר פאַרזייט זאָמען, פון וועלכע עס קאָן אַרויסשפּראָצן געניאַלע שעפעריש־קייט. ווייל די שעפערישקייט פון אַ פאָלק ענטפערט אָפּ דעם קיום־נויט, באַוואָרנט און ראַטעוועט.

עס קאָן אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס כלל, אַז יידישע שעפערישקייט ציט זיך אָן ביז זיי זייערע ווערק צום סאָוועטישן יידנטום, וואָס איז אַריינגעשטעלט אין אַ קאָנקרעטער וועלט־סיטואַציע, אַקטיוו באַטייליקט אין געראַנגל צווישן די וועלט־אָרדענונגען, פאַר איינוועגס שוין אויסמאָנענדיק נקמה־גערעכטיקייט פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די יידישע מיליאָנען, וואָס דאָס האָט אָנגעצויגן אין סאָוועטישן יידן און סאָוועטיש־יידישן שריפטשטעלער די פיל טויזנט־יעריקע יידישע נשמה־שפּאַנונג. די היגע ווערק, געווינענדיק אַ דירעקטן יידישן וועלט־אַדרעס, וואָלטן דורכגעמאַכט אַ פאַרוואַנדלונג: — זיי וואָלטן אַרויסגעקראָכן פון פאַרזונקען זיין אין פּאַסיוון איינזיכיזם; זיי וואָלטן אַראָפּגעקלעטערט פון דער ליידיקער הויך פון סימבאָלישע אַבסטראַקציעס. זייערע געשטאַלטן וואָלטן זיך אויסגעטאָן פון זייער ספּעציפישן געטאָ־לבוש, וואָס מאַכט זיי פאַר פרעמדלינגען, אומאייבערזעצבאַרע אין וועלט־ליטעראַטור, און זיי וואָלטן אַרויסגעשפּאַצירט אויף דער וועלט־אַרענע. זייערע פּראָבלעמען, די פראַגן וואָס זיי שטעלן, די ענטפערס וואָס זיי גיבן — וואָלטן איבערגעגאַנגען אין וועלט־פּראָבלעמען. אָנשטאָט דער פאַרצווייפלטער האָפענונג, וואָס דערהאַלט די נשמה ביי אונדזערע היגע שריפטשטעלער: גאָט זאָל געבן, עס זאָל זיך אָפּשטעלן כאָטש אַ הייפעלע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידן פאַר אַ המשך פון יידישן קיום — וואָלט דער משיחיזם, מיט וועלכן זיי קוויקן זיך פאַר אַן אָפּפרישונג פון פאַרצווייפלונג, אויסגעלאָפן אין אַ גראַנדיעזער וועלט־מאַניפעסטאַציע. המשך אין דער היינטיקער קאַטאַסטראָפאַלער צייט איז נים גענוג. אָן אַ גרויסן גייסטיקן יידישן נצחון וועט קיין קיום אויך נים זיין.